STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03493

MASOES FLIGLMAN

M. Granitstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה גראַניטשטיין.

מסעות פריגרמאן

ראָמאַן

אין צוויי טיילן

בועָנאָס איירעס

1943

ביכער פון משה גראַניטשטיין.

פּאָעזיע.

שטאַפּלען, לידער און געזאַנגען.

פּובליציסטיק.

פון תהום צו תחום, זכרונות און באַטראַכטונגען איבערן שטעטל.

דערציילונגען און נאָוועלן.

וואָס האָט געוואָלט פּרוי גאַסטער?

פון ביידע זייטן בריק.

די אַוואַנטורעס פון חבר האַמערל.

באַם וואָגזאַל.

באַשעלע. (אַ קינדער נאָוועלע.)

צוריק צום געטאָ. (אַ פייער־פּראָבע.)

מענטשן פון באַגינען.

דער סאָלטערא. (אַ זאַמלונג.)

דער בעטלער, דער ליץ, דער סאָציאַלער מענטש. (אַ קלינישע גע־שיכטע)

די גאַנגרענע. (אַ געשיכטע פון ליבע און האַס.)

נאַרא. (אַ געשיכטע פון ציניזם און גלויבן.)

באַלוואַנעווקע. (ראָמאַן, אין צוויי טיילן.)

בילדער פון אָפּגייענדן שטעטל.

ערשטער באַנד. — דאָס שטעטל רעדט.

סאָציאָלאָגיע.

די מאַסע און אירע דערלייזער. (ווערטן־איבערשאַצונג.)

קורצע וועלט־געשיכטע פון אידישן פאָלק.

בוענאס־איירעס

1938 — 1920

דאָס בוך איז געשריבן מיטן ציל צו העלפן ליקווידירן די ווייסטע פליגלמאַנ־שטשינע אין אונזער לעבן.

דער מחבר.

פּראָלאָג

דאָס שטעטל זינגט

עס הויבט זיך אָן, מיט אסאך יאָרן צוריק, אינעם אַלטן וואָלינער שטעטל מילאָשצי. השייכות לפוילן. היינט — שוין גרויסע מענטשן, דאַן — גאָר קינ־דער געוועזן, — געדענקען זיי זייער קלאָר, וויאַזוי מע האָט אין שטעטל גע־בויעט די נייע געמויערטע שיל. עס איז אַלעמאָל אונטערגעקומען עפּעס אַ אַנדער איבערשלאָג. עטלעכע יאָר אַזוי, זענען אָפּגעשטאַנען די פיר גע־מויערטע ווענט, ווי אַ ליידיקער שאָלאַש, אַ פוסטער לאַמטערן, געשראָקן דורכגייער, אין די נעכט... אינגלעך, וואָס'לע חברה, נישט געוואָלט גיין אין חדר, — פלעגן זיי, דאָרטן אינעווייניק, צווישן די פיר ווענט, איבערזיין דעם טאָג... ביסלעכווייז, און שכנות פון אַרום האָבן גענומען וואַרפן אַהין דאָס מיסט — עס האָט קיינעם נישט אָנגעריירט; געלאָזן עס גיין, ווי עס גייט...

ביז עס האָט פּאַסירט; און ר' אָשר זשעליאַזניק, אַן אַלטער בייזער איד, אַ מרה־שחורהניק, האָט זיך געפעלט פון שטוב, ער איז פאַרפאַלן גע־וואָרן... אַפן אַנדערן טאָג, האָט מען אים געפונען אויפגעהאָנגען צווישן די פיר ווענט פון דער פוסטקע...

עס איז געוואָרן אַ רעש. דאָס האָט אַלעמען אונטערגעהויבן, אַרויס־געבראַכט פון דער נאַכליהע. צום יאָר שוין, איז געווען די שיל פאַרטיק.

זי האָט פאַרשיינט דאָס שטעטל מיט איר פּראַכט, מיט איר גלאַנץ. מיט איר, הויבט זיך אָן, ווי אַ ניי לעבן אין שטעטל. מילאָשצי וואַכט אויף, ווי פון אַ טיפן שלאָף; וואַכט אויף, מיט פרייד, מיט געזאַנג.

עס איז, צום חנוכת־הבית, אַראָפּגעבראַכט געוואָרן, אַזש פון באַרדי־טשעוו אַליין, אַהרעלע חזן, מיט זיין קאַפּעלע משוררים, אַלע — יונגע שיינע יאַטן, פריילעכע, שיינענדיקע. אילע, פון קליין ביז גרויס, האָבן זיך צו זיי געטוליעט, מיט שטראַליקער פרייד, מיט אָפענער ליבע; געהאַט אַ חלק אין זייער קומען; זיי געפילט, אַזויווי אייגענע ברידער; ווי דאָס איי־גענע קינד, וואָס מע טראָגט אַף די הענט, און עס איז ליב אַזוי, עס איז רעכט, אַזש מע שפּירט נישט די לאַסט...

און עס איז געווען, אַז אַהרעלע חזן און זיינע משוררים האָבן ד אָ ס

באגעגנט, האָבן ד א ם דערזען, וויאזוי א גאנץ שטעטל שטרעקט זיי דאָס אָפענע האַרץ אנטקעגן, עס וויל זיי פאַרנעמען, דאָס מתיקות פון זייער געזאַנג, —

נו, האָבן זיי מער נישט באדאַרפט. און שוין צום ערשטן טאָג, צום חנוכת־הבית, האָבן זיי דערלאַנגט, מיט דער פולער האַנט. באַלד באַוויזן, אַף וואָס זיי זענען קאַפּאַבל.

צום ערשטן מאָל, אין דער געשיכטע פונעם שטעטל... און עס האָט אָפּגעהילכט אינעם הויכן חלל פון דער אויסגעפּוצטער שיל דער „שישו ושמחו בשמחת תורה"; אהרעלע — דער כאַר, מיט אַלע זיינע אַלטן, סאָ־פּראַנער, טענאָרן, בעסער און באַריטאָנען, מיט אַלע זייערע פעלן, איבער־גוסן — דערלאַנגען, כוואַליען, נידערן און שטייגן ביז אַרויף העט, צו די געמאָלענע צימבלען און פידלען אַף די ווענט, אַף דער סטעליע... יענע אַלע כלי־זמרה האָבן, ווי דורך א כישוף, אויפגעלעבט, זיך־צעטרילערט, צעשאָטן, צעקלונגען, צעכוואַליעט מיט אַלע זיבן טענער, געגאָסן אַף די קעפּ פון דער עדה אידן אין שיל, געפּלייצט אין דער לענג און אין דער ברייט, נישט געקאָנט מער איינהאַלטן די נגינה און די זמרה אין דרוי־נען, אזוי ווי ענג זענען געוואָרן פאַראַמאָל די אייגענע פיר ווענט פאַרן מעכטיקן פלוצימדיקן אויסברוך פון פרייד און געזאַנג. עס דאַרף די ווענט צעשפּאַרן, אונטערפלייצן דער זינגענדיקער עדה אידן, צוזאַמען אַרויס־שטראָמען, ווי פון דער ענגער ברוסט אָפּער, אַף דער פריי, זיך צעגיין אין אַלע פיר זייטן, צו אילע גאַסן און געסלעך אין שטעטל, אָנשלאָגן אָן טיר און פענצטער פון היים און הויז, רופן, מיט גדולה און מיט לוסט, אז — מילאָשצי האָט צו א ניי לעבן דערוואַכט!

היינט — שוין גרויסע מענטשן, און א וודאי צעוואָרפן איבער אַלע עקן וועלט, אָבער דאַן — נאָך קינדער געוועזן אינדערהיים, — אָ, זיי, גע־דענקען געווים יענע פרייד אינעם שטעטל, וויאזוי דאָס נייע לעבן האָט דערוואַכט. אומעטום, אין אַלע חסידישע שטיבלעך איז אָנגעקומען יענץ געזאַנג פון דער גרויסער שיל, געטריפן אין דער תפילה־בציבור און אפילו ביחידות, אינעם לערנען פאַר זיך א בלאַט גמרא, און אינעם סתם־נאָכ־טראַכטן וועגן עפּעס, באַם פאַרגעסן זיך — איז פּלוצים אָפּערגעקומען, ווי פון א טיפער אינערלעכער באַהעלטעניש אַרויס, דער געצויגענער ניגון: ווי אָן אייגענער, אַלציינס, א האַרציקער, אַן אמאָל־פאַרלאָרנגעגאַנגענער און א אומגעריכט־אָפּגעזוכטער, — האָט ער געקוויקט, געגלעט, קלאָר־געמאַכט, דערפרייט.

אזוי, האָבן קינדער אין די חדרים, באַם לערנען, אַריינגעפּלאָכטן גאַנ־צע שטיקער פון יענעם געזאַנג; איז זיי געוואָרן ליכטיק אין מוח און אין האַרץ; האָבן זיי געלערנט, מיט א אַנדער ברען, מיט געשמאַק. און די רבי'ס

האָבן נישט געשטערט; אַליין זיך פאַרטראַכט, פאַרגאַנגען אין עפּעס, צו־געבאָמקעט...

און דינסטמיידלעך באַ דער אַרבעט, באַם קאָכן און וואַשן; און כּל־ערליי בעל־מלאָכות, באַם וואַרשטאַט, און גלאַט אַזוי באַם טאָן: דער סטאָלאַר, ווי דער שוסטער, דער מאָלער און דער בויער פון אַ הויז, — זיי האָבן געהאַמערט און געזעגט, געקלאַפּט און געקלעבט; און... אונטער די הענט באַ זיי האָט זיך געשפּריי'ט יענץ געזאַנג, צוגעזאַגט, געקוואָלן, געגלייבט, אין איטלעך לשון געטרייסט, און פרייד פאַרשפּראָכן...

אַזוי, האָבן וואַוילע אינגלעך, וואָס האָבן געשפּילט פידל, און אַף אַנדערע כּלים, — צובאַקומען נייע דריידלעך, וואָלעכלעך און שטיקלעך, און אַף די אַלערליי אינסטרומענטן באַוויזן כּל־המיני קונצשטיק פאַר זייערע מיידלעך, אין די היימישע שטיבער, וואוהין זיי פלעגן אַריינקומען און זיך רימען, געוואָלט אויסנעמען מיט זייערע גרייפעכע טאַלאַנטן...

און ערשט, די קלעזמאָרים אַף די חתונות — יענע האָבן גאָר אויפגעלעבט. זיי האָבן צוגעשניטן די נייע צעצויגענע שיל־ליטורגיע אַף דעם ברייט־היימישן שטייגער; אַריינגעפּאַסט זי אין די טרויעריקע באַזעצעכצן און באַדעקענישן, וואו גאַטספאַרכטיקע פרומע ווייבער שנייצן די נעז און פאַרגייען זיך, איינענעם מיט דער כּלהניו־קרוין, אין געוויין... אָבער גלייך ווידער, האָבן זיי, די קלעזמערוקעס — אין דער מינדסטער געוויסנפּיין — גענומען אַט די זעלבע נייע נגינה און זי אַריינגעוואָרפן אין פייער־שפּיענדן גאַלאָפּ פון האָפּקעדיקן טאַנצונשפּרינג — אַזש אַלע אידענעס האָבן זיך צעגלאַנצט מיט די שפּיץ נעז, אויפגעשיינט, גרייט אַ לאָז־טאָן־זיך אויסטאַנצן דעם גאַנצן האָפּטשיקטשאַק, מיט אַלע פּיטשעוועס...

*

מיטן גאַנג פון די טעג, איז די ליבע צו אַהרעלע חזן מיט זיינע משוררים געשטיגן, געוואָרן נאָכמער אויסגעברייטערט, פאַרטיפט, איינגעבאַקן אין האַרצן. אויסצודריקן זי, די ליבע, איז נישט תמיד אָנגעקומען גרינג; ניט אַלעמאָל געוועט די מיטלען צו דער האַנט... עס איז געגוג, אַז זיין נאָמען, אַהרעלעס, איז באַ אַלעמען געקרוינט. זיין נגינה קוועלט באַ איטלעכן אין געמיט. מער קיין גרעסערן נחת דאַרף קיין מענטש נישט...

צווישן אַלע משוררים, האָט זיך אָנגעזען איינער, אַ הויכער טונקעלער בחור, אַ באַריטאָן. אָנגעזען האָט ער זיך טאַקע מיט זיין זינגען.

...פּלוצים, ווען דער גאַנצער כאָר, מיט אַלע זיינע טענאָרן, בעסער, אַלטן און סאָפּראַנער, האָט זיך צעשאַלט, צעטרומייטערט אַף אַלע אָקטאַוועס, ווי געלאָזט זיך אין געיעג, ווי אַרויסגעריסן זיך פאַריינמאַל, פון טונקלעניש און פרעס — אַף דער פרייער פרוידיקער שיין, אויסגעפּראַלט

אין לופט, צעגאַלאָפּירט זיך — ווער ווײסט, ווער ווײסט עס וועט איבעריאָגן, ווער ווי י ט ע ר עס וועט וואָגן אַוועקטרייבן אין פּאָרויס, טיפער אַלץ אין דער אָפענער צעבראַטשטעטער ברוסט פון גאָטס שיינער וועלט, — דאַן פלעגט וועגן פּאַסירן, אַז, גאַנץ־אומגעריכט, זאָל זיך אַלץ גאָר נעמען פאַרהאַלטן, שטעלן דיבאָם, ווי פאַר אַן אָפענעם אָפּגרונט, זאָל זיך אַלץ נעמען פאַר־פּלאָנטערן, איינס אינעם אַנדערן איינפּלאָנטערן... פאַרשפּאַרט איז די פרייד, דער אימפּעט, דאָס געזאַנג — וואָס וועט עס זיין?!. פאַרצווייפלונג, שרעק, גליווער. קיין אויסוועג איז נישטאָ...

...און דאָ פּאַראַמאָל, אַז קיינער האָט זיך שוין נישט געריכט דאָ־רויף... אַזוי נעמט אויפקומען פון דער טיף, פון גאָר דער טיף, אַזאַ מעכ־טיקער ברומען. אַזאַ גוטער הארציק־טיפער אָטעם... ער שפּרייט זיך, אַזאַ געדיכטער זאַפט, ווי פּאַטעקע, אַזויווי סמאָלע, צו אַלעמענס טרעט. ער רייצט די נאָז־פליגל, מאַכט פיבערנד־אומרואיק — נישט איינצושטיין מער אויף אַן אָרט. ער רייצט דעם גומען, זאַפט אָן מיט פרייד, מיט קראַפט, טינקט איין אין זאַפט... ער גלעט שוין איטלעכן אַזוי איידל־צאַרט, ווי סאַמעט. און ער שפּרייט זיך שוין ווידער אין דער לענג, אין דער ברייט — אַ בריק אַ געפלאַסטערטע, איבער אַן אָפענעם אָפּגרונט... אַז אַלץ זאָל זיך שוין אָפּרייסן אַמאָל פון זיין גליווער־פּאַראַליטש, אַ ריס־טאָן זיך אין פאָרויס... טראָט, טראָט, טראָט, מאַרשירן אין געזאַנג, איבער אייזן־פעסטער בריק, טיפער נאָך אין האַרץ פון דער וועלט...

דער באַריטאָן פלעגט אַלעמען מאַכן אויפציטערן מיט זיין זינגען. ער איז געווען, ווי געזאָגט, אַ טונקעלער יונגלינג. אַן איידל־טרויעריק פּנים. זיינע בליקן האָבן גערעדט וועגן שווערע ליידן. אַ שווייגנדיקער, צוריקגע־האַלטן און באַ דער זייט, — פלעגט ער אומגיין, מיט קליינע טראָט, גע־בויגן, אַזויווי אונטער אַ שווערער משא, וועלכע ער מוז אָפּגעבן, צעטיילן צווישן ליבע לייט, אום ע ר א ל יי ן זאָל נישט ווערן צו דער ערד צוגעדריקט, ווי אַ שווער־באַלאָדענער בוים מיט פרוכט; ער זאָל נישט צו־זאַמענברעכן... אַליין פאַרמאָגט אַזויפיל גוטס, פאַר אַ וועלט איינצוטיילן, אַנזעטיקן, אַנקווענן, — האָט ער געשפּירט, מיטן גאַנצן בלוט און פיבער און צאַפּל, אַז — דאָס איז גאָרנישט ז יי נ ס אינגאַנצן. האָט ער געפילט דעם הונגער אַרום, אָ, דעם הונגער פון אַ עלנטער וועלט, וועלכער ער דאַרף זעטיקן, ער קען. אַז דאָס איז זיין הייליקער חוב... ער האָט געזען אומעטום און שטענדיק אַרום זיך הונגער־בליקן לעכצן; און ער האָט געשפּירט אין זיך, וויאַזוי גאָט האָט אים געבענטשט מיט אַזויפיל גענאָד, אַזש ער טרינקט זיך אינעם אייגענעם זאַפט; נאָר ער וויל נישט פאַרגיין...

זיין דבקות און מתיקות האָבן אידן דערפילט ערשט אין די ימים־נוראים, אין דער רעכטער מ י ט פון דער תפילה... אַז... ער איז פּלוצים

געבליבן, אזוי אליין, אין א פינצטערן וואלד, און ער האָט געטאָן א געשריי אוים, מיט א פירכטערלעך קול:

„ובכן ולך תעלה קדושה,
כי אתה אלוהינו ה מ ל ך . . .
ונתנה תוקף קדושת־היום,
כי הוא נורא ואיום...״ —,

איז דער עדה אידן אין שיל א מאוימדיקער פחד באפאלן.

...עס האָט זיך אָנגעהויבן די הייליקע עבודה. דער באריטאָן האָט גענומען זינגען, און ער האָט זיך צעברענט. זיינע בליקן האָבן זיך צעצונדן, געוואָרן אזוי גרוים און שטרענג, הייליק־דראָענד, אָבער צוגלייך, — אָ, זע דעם וואונדער! — אזוי מילד־גוט, טייער־זים, איידל... פונקט ווי א שמייכלענד קינד ווערט געפירט צו דער עקדה, און ער אליין ווייסט נישט זיין גורל ביז צום סוף...

...צו זיינע בליקן, דעם מנגנס, און צו זיין קול האָבן שוין גענומען צושלאָגן, שטארקער אלץ, העפטיקער, אוים אלע זיינע טיפענישן — די קוואלן פון זיין גוטס. האָט עס אים אויסגעגלייכט דאָן, דעם יונגן זינגער, אין זיין גאנצער הויך. העכער אלץ און העכער. האָט עס אים אונטערגעהויבן, געטראָגן אים, ווי אין דער לופטן, אלץ ארויפצו; געצויגן אים, ווי פונויבן אפער, אלץ העכער ארויפצו. זיינע מעכטיקע שטראָמען געזאנג, וועלכע האָבן געשלאָגן פון אים ביז ארויף, ביז צום גלעזערנעם טורעמל מיטן הימל־דאך אריבער, — זיי האָבן זיך אָנגעשלאָגן דאָרט, זיך־איבערגעמישט, איבערגעוועבט; און דאָן שוין, און אזוי אונטער עמיצנס א שרעקלעכן באפעל, — האָבן זיי, די געזאנגען, ווי א שטריק א דיקער אָן איבערגעפלאָכטענער, אראָפגענידערט, זיך־פארוואָרפן ארום זיין האלז, אים ערשט אציגנד רעכט אונטערגעהויבן, אים געבאָמבלט אין דער לופטן; און א מוים־בלייכן, פונקט ווי אָן אָפּגעבלוטן קרבן, אים ערשט ארונטערגעלאָזן... אז ער זאָל זיך שפרייטן צו אלעמענס טראָט. אז פון זיינע טריפנדע וואונדן זאָל שוין אויסהויבן זיין לעצט ביסל זים געזאנג, זיין גוטס צו דער וועלט. אז ער זאָל, ענדלעך, דערשפירן די דערלייזנדע פרייד — ווי ער ווערט גענאָגט, אויסגעזויגן, דערלייכטערט ביז צו לעצט... און איבער אים, און פריש באלאָדן מיט פרייד און מוט — טראָט, טראָט מארשירן, מיט באנייט געזאנג, טיפער אלץ אין הארץ פון דער וועלט...

אלע האָבן געזען, און מע האָט אפילו קיין סוד נישט געמאכט דאָריבער, אז... דער באריטאָן גייט אוים. א ליאָדע טאָג.

אזוי איז ער טאַקע אוועקגעקומען, ווי אַ קינד. איינגעשלאָפן שטיל. מע האָט געזען, ווי ער איז דערלייזט געוואָרן.

קיינער האָט זיך קיינמאָל נישט דערוואוסט, וואו אהרעלע חזן האָט אים געהאַט אָפּגעזוכט; פונוואַנען ער האָט אים געבראַכט, און ווילאַנג זיי זענען שוין געווען צוזאַמען. איינס האָט מען אַלעמאָל געזען: וויאַזוי ער האָט אים ליב־געהאַט — דאָס לעבן.

איצט, האָט ער זיך גאָרנישט געוואָלט באַרואיקן; ער, וועלכער האָט דאָך אַזוי גוט געוואוסט די גריים פון דער שרעקלעכער אבדה. ער האָט זיך דערפילט ערשט עלנט אין דער גאַנצער וועלט. ער האָט געלאָזן פריי דעם קוואַל פון זיינע טרערן. געוויינט, אַזויווי אַ קליין קינד, גאָר אָן אָפּהאַלט.

וואָס האָט שטעטל געקאָנט טאָן דערצו?

שאָען לאַנגע איז מען אַרום אים אין שיל געשטאַנען. און ער, דער עלנטער חזן, איז געזעסן פאַר זיין שטענדער, דאָס פּנים באַהאַלטן אין די הענט, און געזיפצט. דער עולם האָט מיטגעזיפצט; מיט געקלעמטע הערצער, מיטן אַנגסט אין די בליקן, געוואַרט, אַז אהרעלע זאָל אויפדעקן די צורה. זעען ווי ער איז נישט אַליין...

אַ פּנים, אַז ווייטער אַזוי ציען איז אים געוואָרן אוממעגלעך. ער האָט שוין נישט געקאָנט אַריינקומען מער אין דער שיל, וואו עס האָט אויפגעדרוישט פאַר אים גלייך דאָס געשפּענסט־געזאַנג פון זיין ליבן אינגל...

אין איינעם אַ טאָג, איז אהרעלע חזן אַוועק בשתיקה פון שטעטל. קיינער האָט אפילו רעכט נישט געוואוסט — וואוהין.

אַז דער ערשטער טומל איז געווען פאַריבער, מע האָט געפּרואווט קומען צו זיך, אַ טראַכט־טאָן, וויאַזוי וועט זיין, — האָבן אַלע איינגעזען פּאַראַמאַל, אַז — וואָס עס איז געווען, איז נישטאָ מער. אַ חלום איז פאַרבייגעפלויגן מילאָשצי, אַ בליאַסק־געטאָן פאַר דער זון, אַ בלענד פאַר יעדנס געמיט און אוועק. איצט, זאָל מען ראַטעווען, וויאַזוי עס לאָזט זיך.

פון דעם כאָר משוררים איז איינער געוואָרן אויסגעטיילט — ער זאָל אָנפירן ווייטער, זאָל האַלטן צוזאַמענגעקלעבט די איבעריקע...

עס האָט זיך אָבער נישט געקלעבט מער. אַלץ האָט געהאַלטן שוין באַם צעפאַלן ווערן.

איטלעכער פון די משוררים האָט גענומען זוכן אַ אויסגאַנג פאַר זיך... קאָנטשאַפּט איז פאַראַן לרוב. מע איז געווען אַריינגייער אין די באַלעבאַטישע שטיבער, וואו מילאַשצער שיינע טעכטער האָבן געצאַפּלט פאַר די וואוילע יאַטן, די זינגער. אידישע מאַמעס האָבן אינדערשטיל געקניפּט די באַקן, פאַר אויסקוקעניש, און באַצייטנס זיך־באַלעקט, פאַר נחת. טאַטעס פון קינדער האָבן מאַכטייסעדיק צוגעבאַמקעט און געזוכט באַוואָרענישן פאַר דער תכליתדיקער זייט פון דעם ענין...

און אזוי איז דאָס געוואָרן א ו י ס פון אַ גרויסער זאַך.

עס זענען טעג פאַרגאַנגען. אַנדערע זענען אָנגעקומען אַף זייער אָרט. טעג אַנדערע. זאַכן נייע. זאָרג און לאַסט. דאָס אַלטע ווערט פאַרגעסן. געמט זיך אויסדראַכטן, אַז עס איז געענדיקט מיט דעם. אַז — אויסגע־טרוקנט געבליבן זענען די קוואַלן פון דער מילאַשצער נגינה.

אויסגעטרוקנט?...

אין אַ מילאַשצער באַלעבאַטישער שטוב, באַ אַ פּוטער־קירזשנער איז געוואַקסן אַ אינגל — אַנדערש ווי אַנדערע. פליגלמאַן איז אומגעגאַן תּמיד פאַרטראַכט, כמעט נישט דערקאַנט קיין מענטשן פאַר די אויגן. ער האָט זיך שווער געחברט מיט קינדער פון זיינס גלייכן. ער האָט אָבער גוט גע־לערנט אין חדר, מיט גרויס התמדה, תנ״ך, אַ בלאַט גמרא און אפילו לשון־קודש אביסל, אַף וויפל באַ דעם האַלב־וועלטלעכן מלמד האָט געסטייעט קענטעניש דאַרויף.

די עפּאָכע פון מילאַשצער חזנות האָט דעם אינגל פליגלמאַן צע־וועקט, כמעט ווי דערשיטערט. ער איז מיטגעריסן געוואָרן, ווי אַלע, מיטן שטראָם פון נגינה, וואָס האָט געפּלייצט, אַזוי בשפע, אומעטום. ער האָט גענומען אומגיין, דער יאַט, איבער די גאַסן און געסלעך פונעם שטעטל, אויסזינגען אַליין די אַלע גוואַלדאָוונע דריידלעך און חריפותן פון אַהרעלע חזן און זיין כאָר. דערביי, האָט ער, ברייט און פריי, זשעסטיקולירט מיט די הענט; זיך דערזען פּלוצים אינעם געשטאַלט פון אַ חזן, ווי ער דירי־זשירט דאָס מיט זיינע משוררים; און, צו דער זעלבער צייט — זיך געזען אין די פילע געשטאַלטן פון די משוררים גופא, ווי זיי זינגען זיך אויף צו־זאַמען, מיט לוסט, מיט פרייד... דאָס אַלץ האָט פליגלמאַנען דעם קינד אַריינגעבראַכט אין מערקווירדיקער התפעלות פון זיך און פון זיין אייג־פאַל אביסל! ער האָט זיך צעפלאַמט, אין זיין געזאַנג. עס איז שוין געווען אייגנס, נישט פרעמדס, נישט נאָכגעמאַכטס... ער האָט שאַרפער גענומען דיריזשירן־זשעסטיקולירן, געוואָרפן מיטן קאָפּ אין אַלע זייטן, צום טאַקט פון ז יי ן און ז יי ע ר נגינה; ביז... מענטשן פלעגן אים אָנגיין אַנט־קעגן, און ער האָט פאַרהאַקט פּלוצים, געבליבן שטיל. פאַר מענטשן האָט ער זיך געשעמט, אַזוי ווי מורא־געהאַט, אָפּהענטיק געבליבן, נישט געוואוסט — פאַרוואָס.

מער ווי אַלע קינדער אינעם שטעטל, און שיר נישט ווי אַ גרויסער אַפילו, נישט לויט זיינע יאָרן, צען געציילטע איינגאַנצן, — האָט ער באַלד געלייגט אַכט אַף יענעם באַריטאָן און אַף זיין גרויסער עבודה באַ „ונתנה תוקף.״ אַליין, אַ וואָוילקענענדיקער, אַ מתמיד בטבע, — האָט ער, דאָס

קינד, גלייך צום ערשטן מאָל, באַם דערהערן יענץ געזאַנג, — גענומען דעם טאַטנס מחזור פון די ימים־נוראים און געגוי דורכגעחזרט אַף עברי־טייטש, אין רש״י־כתב די גאַנצע

„מעשה מר׳ אמנון זצ״ל, בעל ונתנה תוקף.

„מעשה. עס איז געשען אַ מעשה מיט אַ גרויסן צדיק, רבי אמנון זצ״ל, וואָס ער איז געווען גרויס אין תורה און חכמה. אויך איז ער געווען אַן עושר און אַ מיוחס. און איז געווען אַ גרויסער נכבד באַ דעם פירשט פון מאַינץ און באַ אַלע שרים. זיי האָבן אים אַלע זייער ליב געהאַט און פלעגן אים טאָן גרויס כבוד. ויהי היום, ר׳ אמנון איז געווען אין פירשט־הויף. האָבן די שרים צו אים געזאָגט: אונזער גנעדיקער פירשט וויל דיך מאַכן פאַר אַ מיניסטער, דען ער האָט דיך זייער ליב, און ער ערט דיך זייער, און וויל דיר זייער גרויס מאַכן, אָבער בתנאַי, דו זאָלסט זיין גלזיבן אָננעמען. ר׳ אמנון האָט זיי אָבער גאָר־נישט געוואָלט ענטפערן דאַרויף. נאָכהער, האָט אים דער פירשט אַליין אויך געבעטן, אייניגע מאָל, די זעלבע. ר׳ אמנון האָט אָבער עס גאָרניט געוואָלט הערן. איינמאָל, האָט אים דער פירשט אַזוי שטאַרק געבעטן, און ער איז אים זייער שטאַרק אָנגעשטאַנען, דאָס ר׳ אמנון האָט פון אים ניט געקענט לויז ווערן, האָט ער אים געענטפערט: איך וויל מיך דאַרויף בעזינען. און וועל, אין דריי טעג, אייערע פירשטלעכע גענאַדע זאָגן אַ תשובה. ווי ר׳ אמנון איז אָבער אַרויסגעגאַנגען פון פירשט, האָט ער באַלד זייער שטאַרק חרטה געהאַט אַף זיין ענטפער, וואָס עס ווייזט אויס דערפון, אַז ער האָט אַ ספק אין זיין אמונה, חס־ושלום. און עס האָט אים די זאַכע זייער געקרענקט. און איז געוואָרן זייער טרויעריק. און האָט שטאַרק געוויינט אַף דעם עוון, וואָס ער האָט אַזויווי מטיל ספק געווען אין זיין הייליקער אמונה. ווי עס איז געקומען דער דריטער טאָג, האָט דער פירשט געשיקט נאָך אים דריי מאָל נאָכאַנאַנדער. איז ער דאָך ניט געגאַנגען. האָט אים דער פירשט געלאָזט ברענגען צו זיך מיט געוואַלד. און ער האָט אים געפרעגט: וואָרום ביזטו ניט געקומען, אַז איך האָב דריי מאָל נאָך דיר געשיקט; און וואו איז דיין תשובה, וואָס דו האָסט מיר פאַרשפּראָכן צו ענטפערן, אין דריי טעג, אַף די זאַך, וואָס איך האָב פון דיר באַגערט. האָט ר׳ אמנון אים געענט־פערט: איך וועל אייך קיין אַנטוואָרט געבן אַף די זאַך, וואָס איר האָט פון מיר באַגערט. און ווייל איך האָב גערעדט אומבעזינגט און האָב געזאָגט, אַז איך וועל מיך דריי טעג בעזינען, וואָס דאָס

איז גלייך, אזוי־ווי איך וואָלט אין מיין גלויבן געלייקנט, דרום וויל איך מיין פסק אַף זיך אליין אַרויסגעבן. דאָס מיין צונג, וואָס האָט גערעדט די זינדיקע ווערטער, זאָל מען אים באַלד אָפּ־שניידן. דען ר׳ אמנון האָט געוואָלט דערמיט תשובה־טאָן און מקדש־השם זיין. האָט דער פירשט געענטפערט: דאָס איז צו ווייניג. דען די פיס, וואָס זענען צו מיר ניט געקומען, מוזן אויך אָפּגעהאַקט ווערן. און דיינע איבעריקע גלידער מוזן אויך גע־פייניקט ווערן. און ער לאָזט אים אָפּשניידן זיינע הענט און פיס. דאָ זאָגט ר׳ אמנון: פייניקט מיך בעסער, דען איך האָב עס אַלעס פאַרדינט מיט מיינע ווערטער, וואָס איך האָב גערעדט. דער פירשט האָט געהייסן, מע זאָל אים אין אַ בעט לייגן, און זיינע גלידער לעבן אים, און מע זאָל אים אין זיין הויז שיקן. איז גלייך געשען. און ווי זיין ווייב און קינדער האָבן אים דער־זען, האָבן זיי געקלאָגט מיט אַ גרויס יאָמער, ווי מען קען זיך וואויל דענקען. דאָ זאָגט רבי אמנון: ליבעס ווייב, איך האָב זעלבסט פאַרדינט, ווי עס איז מיר דערגאַנגען. דען איך האָב, חס־ושלום, מיין אמונה געוואָלט פאַרלייקענען. אָבער, איך האָף צו השם יתברך, דאָס איך וועל מיינע זינד אַף דיזער וועלט ליידן, און האָבן חלק לעולם הבא. נון, עס איז געקומען, קורץ דערנאָך, ראש־השנה. דאָ בעט רבי אמנון, מע זאָל אים, מיט דעם בעט, אין דער הייליקער שיל טראָגן, און מע זאָל אים שטע־לן לעבן דעם חזן. אזוי וואַר ער אין דער שיל געטראָגן, און וואַר געשטעלט לעבן דעם חזן. און ווי דער חזן איז געקומען צו קדושה פון מוסף, דאָ שפּראָך דער צדיק צום חזן: האַלט שטיל. איך וויל מקדש־השם זיין, איידער איך וועל שטאַרבן. און הויבט אָן צו זאָגן: „ובכן ולך תעלה קדושה, כי אתה אלוהינו המ ל ך. ונתנה תוקף קדושת היום, כי הוא נורא ואיום וכ״ו. און ווי ער האָט אַלס אויסגעזאָגט, דאָ האָט אים הקב״ה אוועקגענומען צו אַנדערע צדיקים אין גן־עדן. און נאָך דעם דריטן טאָג, קומט ער באַנאַכט צו חלום צו זיינעם רבי, ר׳ קלונימוס בן רבינו משולם, און בעט אים, ער זאָל דעם ונתנה־תוקף אין אַלע ערטער אוועק־שיקן, וואו בני־ישראל זיצן, זיי זאָלן עס זאָגן אין ראש־השנה און יום־כיפור. הקב״ה זאָל אונז דעם זכות פון דעם פרומען צדיק לאָזן געניסן.״

די מעשה גופא האָט געלאָזן אינעם קינד אַ טיפן שפור. ער, אַ לי־רישער פון דער נאַטור, זייער אַ הארציקער, — האָט ביטער געוויינט, באַם לייענען וועגן די גרויסע יסורים פונעם הייליקן ר׳ אמנון, וואָס ער האָט

נעבעך געהאט אויסצושטיין פארדערפאר, ווייל ער האט, חלילה, איין רגע, מטיל ספק געווען אין זיין אמונה אין השי"ת. דערפאר האט ר' אמנון אליין אף זיך מצדיק געווען את הדין, גענומען פאר ליב די יסורים, אן אפקומעניש פאר די שווערע זינד...

ערשט, נאכן באקאנען זיך מיט ר' אמנונס געשיכטע, — האט דאס קינד פליגלמאן באנייס זיך גענומען איינהערן אין יענעם באריטאנס גע־זאנג; זיך צוקוקן צום זינגער גופא, בעת ער בלייבט שטיין, אזוי ווי איי־נער אליין, און ער נעמט פראוון די עבודה... וואס האט ער דערזען?

...דאס קינד האט געקוקט, מיט שטוינען און שרעק, וויאזוי... פאר אים גייט אויף דאס געשטאלט פון יענעם אלטן צדיק, דעם גרייזגרויען מאן, ר' אמנון... ער שוועבט דאס איצט אפן בעלעמער, איינער אליין, צווישן א עדה איבערגעשראקענע אידן, ער וויינט אפן קול, ער איז דאס אזוי מקדש שם שמים ברבים...

יענע וויזיע האט אנגעהאלטן א ר ג ע און פארשוואונדן. נאר די ר ג ע ג ו פ א איז שוין מער ניט פארשוואונדן פון פליגלמאן דעם־קינדס געמיט. דארט שוין פארבליבן. אים נאכגעגאן, דעם יאט, אוואו ער האט זיך געטאן קערן און ווענדן. ער האט געטראגן דעם סוד אין זיך, אים נישט געהאט וועמען צו פארטרויען; און טאקע דאס נישט געוואלט אויך, מחמת עפעס; ווי געשראקן זיך, אז מיטן אויסגעבן דעם סוד בלויז, וועט ער נישט ווערן... אבער, וואס אנבאלאנגט אים אליין, איז געווען געגנוג, אז ער זאל אנשטעלן דעם דמיון אהין, צו יענעם בעלעמער פון דער גרויסער שיל, און מכוון זיין דעם רעיון צו דער שעה פון מוסף, אום ראש־השנה, צי יום־כיפור, — אזוי זאל גלייך אויפראשן פאר זיין צעפלאמט קינדערש געמיט דאס גרויסע צעפייניקטע געשטאלט פון דעם הייליקן צדיק. וואס נעמט זינגען־אויסוויינען, מיט זיין זיסער שטים, זיין ווידוי פאר דעם בורא־עולם... דאס קינד פליגלמאן פלעגט נעמען אליין דאן פלייצן מיט טייכן טרערן. אזוי ווי א גרויס פייער האט אים ארומגעכאפט און געברענט אים, געברענט, נאר — אים נישט פארברענט... עס האט אים צעשמאלצן בלויז, דעם קינד, ביז צו דער טיף. און איבער דעם צע־שמאלצענעם בראנד פון זיין אומשולדיק־קינדערישן באגינען האט זיך אראפגעלאזט, אזוי ווי א שטאמפ, דאס פירכטערלעכע געשטאלט פון דעם גרויסן גרייזגרויען ר' אמנון און אים פארחתמהט... דערנאך, האט גענ־דערט איבער זיין פארחלשט געמיט, דעם קינדס, דער זיסער גוטער שמייכל פונעם אלטן און, אזוי ווי פרישער שפרערן־טוי, אים דערקוויקט...

*

שפעטער, מיט דער צייט, אז עס האט מילאשצי דאס גרויסע בראך גע־טראפן, עס איז אוועקגעקומען יענער זיסער באריטאן; דערנאך גלייך, האט

אַהרעלע חזן, אַ דערשלאָגענער צום טויט, פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל; און עס האָט זיך גענומען צעפֿאַלן אַלץ מיט אַנאַנדער, — האָט עס איינמאָל אַזוי־ווי אויפֿגעמויכט אַ געדאַנק אין פֿליגלמאַן דעם קינד, אים אַזאַ שטויס־געטאָן פֿאָרויס, אַז — ער זאָל זיך אָנגעמען מיט מוט, גיין עפּעס טאָן...

בשתיקה פֿון זיין היים, אין אַ מיטנוואָכעדיקן טאָג, איז ער אַוועק אַליין אין דער גרויסער שיל, וואו מע האָט דאָן געהאַלטן אין ראַטעווען די יתר־הפּליטה, נאָך דעם חזנס אָפּפֿאָר, — און ער האָט געבעטן, מע זאָל אים צונעמען פֿאַר אַ משורר...

ער איז נישט געווען דאָרט דער איינציקער, אין שיל. נאָך אינגלעך, אָרעמע קינדער, אפֿשר — יתומים, זענען געקומען בעטן, מע זאָל זיי פֿאַרהערן. דער עלצטער משורר האָט אַלעמען אַרויפֿגעבעטן צו זיך אויפֿן בעלעמער. אַלעמאָל צוגערופֿן אַ אַנדער קינד צום שלחן, אַ קלאַפּ־געטאָן מיטן קאַמערטאָן, באַפֿוילן יענעם זינגען, הויך, צי נידעריק — לויט דער שטימע נאָך... מאַנכע האָט ער פֿאַרבראַקירט, דער עלצטער משורר. אַנדערע האָט ער צוגענומען, פֿאַרשריבן, געהייסן קומען, אין עטלעכע טעג אַרום, און אונטערדעם, האָט ער אָנגעזאָגט, זאָלן זיי רעכט אַריינקייען פּוטער אַסאַך מיט קעז און זיפּן געגעמאָגלם און מילך זשליאָקען, אַף צו מאַכן ווייכער און פּולער די שקאַצעוואַטיש־קווייטשעדיקע אינגלשע שטים...

ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג, דער פֿאַרהערער, געשפּאַסט מיט די קינדער, זיי געגלעט איבער די באַקן און אַהיימגעשיקט.

אַז עס איז געקומען די ריי אַף פֿליגלמאַנען, — האָט דאָס קינד דערשפּירט אַ געפֿערלעכן האַרצקלאַפּ, אַזש די שיין פֿאַר די אויגן האָט אים פֿאַרשלאָגן. ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ גרויסן כּוח און איז צוגעגאַנגען צום שלחן. דער פֿאַרהערער האָט געגעבן דעם באַפֿעל. דאָס קינד האָט געדאַרפֿט נעמען אַ טאָן...

...ער, פֿליגלמאַן, איז ערשט געשטאַנען אויפֿן זעלבן אָרט, וואו אַמאָל — יענער האַרציקער באַריטאָן, צי גאָר אַהרעלע דער חזן... אין זיינע אויערן האָבן אויפֿגערוישט מויזנטער טענער און קלאַנגען, צוזאַמען מיט זייערע ווידערקולות, וואָס האָבן זיך געוויקלט און געפֿאַלדעוועט, געשטויסן זיך אין אַלע שיל־געוועלבן, אין דער הויך און אין דער נידער, צוגעטראָגן־אָפּגעטראָגן פֿאַריינס... דער גאַנצער וויזיע־געוויטער פֿון ימים־נוראים מיט אַנאַנדער האָט מיטאַמאָל זיך אַ לאָז־געטאָן אויפֿן אָרעמען אינגל און אים שיר נישט פֿון די פֿיס געוואָרפֿן. אין זיין האַרץ האָבן זיך געשלאָגן שטאָלץ מיט שרעק פֿאַר דעם, וואָס ער גייט דאָ טאָן; וועמעס פּלאַץ ער גרייט זיך עס דאָ צו פֿאַרנעמען... ער האָט שיר נישט אויסגעבראָכן אין אַ גרויס געוויין און זיך קוים איינגעהאַלטן...

דערנאָך, ווען אַלץ איז שוין געווען באַ אים פֿאַרביי; דער גאַנצער עקסטאַז — אַזוי־ווי איבערגעלעבט, כּמעט פֿאַרגאַנגען; אַליין, אַז אויסגע־

קילטער אינגאַנצן, — האָט ער געעפנט דאָס מויל, דער יאָט, און אַרויס־געלאָזט אַזאַ געוויינלעכן קאָלירלאָזן טאָן, — אַז עס האָט דעם עלצטן משורר — ער האָט גאָרנישט הושד געווען פון דעם, וואָס עס האָט זיך אָקאָרשט אָפּגעטאָן באַם יונגן קינד אין געמיט — אונטערגעטראָגן און אים גלייך ארויסגעשלאָגן פון זיין גוטן הומאָר. ער האָט דאַרומער זיך גאָרנישט געהאַיעט און גלייך דאָס פרעמדע קינד משלח געווען...

נאָר פּליגלמאַן אַליין איז אָפּער פון דעם נסיון — אַ געשטאַרקטער. שפּעטער, ווען ער איז געבליבן מיט זיך, — האָט ער אַלעס איבערגעלייגט אין זכרון, וויאַזוי און וואָס האָט פּאַסירט, און ער איז פאַרבליבן שטיל־צעפרידן. ער איז געווען אינגלש־גליקלעך (הגם ער האָט זיך אָפן אָרט גלייך פאַרשעמט און אַליין פּאָרגעוואָרפן זיין גליק) פון דעם, וואָס מ'ע האָט אים געלאָזט באַטרעטן יענץ אָרט, אַף דער בימה, אַוואו ע ר אַליין איז געשטאַנען... דער באַריטאָן אין הייליקן געשטאַלט... און געזונגען... איצט — האָט ער געקלערט פאַר זיך, דאָס אינגל, מיט פורכט — אַז ווי־באַלד ד אָ ס האָט געקאָנט מיט אים איין מאָל געמאָלט זיין, — פאַר־וואָס־זשע זיך נישט ריכטן דאַרויף, אַז מיט דער צייט — ווען ער זאָל נאָר ווערן, זיך־פּירנעמען, לערנען אַסאַך און זינגען — זאָל ע ר ט אַ ק ע נ י ש ט ו ו ע ר ן , מ י ט אַ ן אַ מ ת , ד ע ר , וואָס וועט באַ־נייס לאָזן הערן, פון יענער בימה, דאָס גרויסע געזאַנג? אַז מילאָשצי זאָל ווידער אויפגעריכט ווערן, ווי געווען? אַז אומעטום, אין אַלע גאַסן און געסלעך, זאָל קינד און קייט שאַלן אין פרייד, ווי אַמאָל?!.

* * *

מיטן לויף פון יאָרן, זענען געפאַלן געשעעניש אָפן שטעטל. ערגעץ אין דער גרויסער וועלט האָבן זיך מעשים פאַרלאָפן, און אַהער האָט דער־לאַנגט דאָס ווידערקול.

פּליגלמאַן איז אונטערגעוואַקסן. ער איז אַריבערגעוואַקסן דעם חדר. ווייטער, וואָס צו טאָן מער אינעם אָרעמען שטעטל איז נישט געווען. ער האָט גענומען אַרבעטן צוביסלעך באַם טאַטן אין דער פוטער־קירזשנעריי; אָבער ער האָט זיך נישט איבערגעאַרבעט. מ'ע האָט נישט געריסן דעם פּו־מער פון אונטער די הענט. צייט איז געווען לרוב. אין אידישע שטיבער, באַ חברים, האָבן זיך באַוויזן ביכלעך, די אַמאָליקע לשון־קודש־ספרימלעך, און היינטיקע, ווי מ'ע האָט זיי גערופן — די העברעאישע, און אויך רו־סישע אַלערליי. עס איז אויפגעקומען אַ ביבליאָטעק אינעם שטעטל. פּליגל־מאַן האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אַף די ביכער; זיך אַזוי־וי אויסגעטאָן פון דער גאַנצער וועלט, זיך פאַרגראָבן אין לייענען. ער האָט אָפטמאָל אַליין נישט געוואוסט, וואָס ער לייענט, אויפגעמישט באַזונדערע זאַכן, גע־

פּרואווט פאַרן ענינים, וועלכע האָבן זיך גאָרנישט אָנגעהערט. פאַר זיין דמיון איז געשטאַנען אַ נעפּל, איין שטיק פּלאָנטער... נאָר עס האָט נישט אויסגעמאַכט. עס האָט אים אַלצמער געצויגן, אַריינגעצויגן; ממש, אים געצוואונגען צו לייענען, באַטאָג, באַנאַכט.

ער איז געווען אַ שיינער בחור, פליגלמאַן, אַ שוואַרצחנעוודיקער טונ־קעלער יאַט. אַף אים האָבן זיך שוין מיידלעך גענומען פאַרקוקן, שעלמיש צו אים געשמייכלט. חברים האָבן גענומען אַריינרעדן אין אים, דערציילן סודות, אים גערופן גיין שפּאַצירן הינטערן שטעטל...

אָבער ער, פליגלמאַן אַליין, האָט גאָרנישט געהערט, גאָרנישט געזען. ער איז געווען פאַרטאָן אינעם לייענען, געשוועבט אין אַנדערע וועלטן, העכערע, פאַנטאַסטישע און אומרעאַלע... מיט דער צייט, איז אים געלונגען, מיטן כוח פון זיין גרויסער התמדה, דורכצובויערן דעם נעפּל פון די ערשטע לייען־טעג. פאַר זיין אויפגעראַשט געמיט האָבן זיך גענומען באַווייזן שטיקער לעבן, לאָז זיין — אויסגעדראַכטע... מיט זיי האָט ער זיך באַהעפט בלב־ונפש. זיך געפריידט מיט זייער פרייד, געליטן זייער פּיין, געקעמפט זייער קאַמף און געפייערט זייער נצחון... אַמאָל, אַז צו אים איז דערגאַנגען אַ שטימע פונעם לעבן גופא, און ער האָט זי אויפגענומען, — האָט ער זי גלייך אַריינגעפּאַסט אינעם רומל פון זיין פאַנטאַזיע־געוויטער, וואו זי, די שטימע, האָט גלייך באַקומען אַ אַנדער זין, אַ העכערן; זי האָט שוין גאָר עפּעס אַנדערש געפאָדערט — אַזוינס, וואָס איז געווען אין הסכם מיט זיין געמיט...

אַזוי איז פליגלמאַן דער יונג געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט. אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט אין דער וועלט דערנאָך, מלחמות, איבערקערענישן, האָט יאָ דערלאַנגט צו אים, איז יאָ צו אים אָנגעקומען; נאָר עס איז, אַף זיין אייגענעם שטייגער, פון אים געוואָרן אויפגענומען און באַאַרבעט; און מיטן לעבן גופא, אַלס אַזעלכן, האָט עס זיך גאָרנישט אָנגעהערט...

*

ערשט, איז שוין פליגלמאַן געווען אינגאַנצן אַ אויפגעקלערטער, אַ געבילדעטער יונגערמאַן, אַ אינטעליגענט. אַזוי האָט ער זיך באַצויגן, אַליין מיט חשיבות צו זיך, און געמאָנט, מיט זיין האַלטונג, דעם זעלבן אָפּשיי באַ יענעם.

איצט, אַז ער האָט זיך געפּרואווט אומקוקן אַף צוריק, אַפן אָפּלויף פון זיינע קינדער־יאָרן, מיט יענע פּרימיטיווע וויזיעס פון געזאַנג און חזנות, — האָט ער אַליין געשמייכלט אַף זיין דאַמאָלסטיקער נאַיוויטעט דעריבער... ער, האָט גאָר קיין שטימע נישט געהאַט צום זינגען! מאָדנע, ווי האָט ער זיך דאָס געקאָנט גאָר איינרעדן?!

ער האָט איצט אַ נעם־געטאָן אַ טאָן; אַף צופּלייסן, געפּרוּאווט אַ זינג־טאָן אַפּן קול. לײדער, איז גאָרנישט אַרויסגעקומען; און ער האָט זיך אַזש אַליין צעלאַכט, פון פּאַרדרוס.

...וואָס־זשע האָט עם געשטעקט אין אים אַזעלכס, אין יענע גליקלעכע יאָרן, ווען ער האָט זיך עם פּירגענומען צו ווערן דער באַנייער פון מילאָש־צער נגינה און ווידער אַרויפברענגען צו דער ליכטיקער שיין די אַנטרונענע קוואַלן פון געזאַנג?... הײנט, פאַרשטײט זיך, האָט שוין גאָר נישט געקאָנט זיין קיין רייד דערפון. — ער, פּליגלמאַן דער אויפגעקלערטער, דער אינ־טעליגענט — אַ חזן גאָר?! נישטאָ, בנאמנות, ווער עס זאָל לאַכן!

אָבער, וואָס־זשע פּאָרט איז געווען מיט אים דאַן, אין יענע יאָרן? וואו האָט געשטעקט דער זין?

ביז ער האָט זיך געגעבן רעכענונג, דער נאָבעלער פּליגלמאַן, אַז אין דער גאַנצער זאַך איז מסתּמא געווען שולדיק יענע האַרציקע מעשה מיט ר׳ אמנון, דער בעל ונתנה־תּוקף... יענע געשיכטע האָט אים געלאָזן דאַן אינגאַנצן צעטרייסלט. געמאַכט אים וויינען שאָען לאַנגע, פאַר פּיין... נאָך איצט אפילו, ווען ער נעמט זיך פאַרשטעלן, וויאַזוי מע האָט פון דעם פאַרצייטישן איד געריסן לעבעדיקע שטיקער, פאַר זיין אמונה, — צאַפּלט אין אים אויף, אין פּליגלמאַנען דעם הײנטוועלטיקן שוין, דעם אויפגע־קלערטן — דאָס האַרץ, פאַר שרעק!... און וואָס איז דען באַשטאַנען זיין אמונה, ר׳ אמנונס, זיין גאַנץ געבעט צום הימל, אַז — נישט אין דעם שלטון צדק ויושר, אין דעם מלכות־שדי אַף ד ע ר וועלט?...

— גערעכטיקייט!... אָט וואָס ער האָט באַגערט, יענער גרויסער איד, און פאַר דעם זיין לעבן אַוועקגעגעבן.

פּליגלמאַן האָט זיך באַנײַעם פאַרקלערט דעריבער.

...גערעכטיקייט — הערשט צווישן מענטש אַזאַ?... יענער, דער צדיק ר׳ אמנון, האָט אין לעבן זי נישט געטראָפן, און ער איז אַוועק אין הימל זוכן שוץ פאַר זיין אמונה... נו, און אין הײַנטיקע צייטן איז אַנדערש? איז בעסער געוואָרן דאָס לעבן בא מענטשן?

וואָלט ער געגאַן אַף דער ערד, פּליגלמאַן, געהערט און געזען דאָס. וואָס אַלע אַרום, — וואָלט ער מסתּמא געווען געקאָנט געפינען, מיט דער־צייט, וועלכע־עס־איז תּשובה אַף זיינע מאַרטערנישן, און אפשר אויך אַ וועג, אַ ווייטערדיקן גאַנג פאַר זיין לעבן.

אַזוי אָבער, האָט ער אומגעלעטעט און געבלאָנזשעט. נישט געזען זיין וועלט פאַר די אויגן... איבערקערענישן, רעוואָלוציעס... נישט מיט אים האָט זיך דאָס אַלץ אָנגעהערט. נישט ער האָט געוואוסט פון עפּעס. ער האָט געזוכט די גערעכטיקייט אין זיינע אייגענע דמיונות, אין זיינע לאַנג־לאַנגע איינזאַמע שפּאַצירן הינטערן שטעטל; מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ, אויסגעשטעלט צו די ווינטן פונעם פרייען פעלד, אַליין צווישן הימל

און ערד... ער האָט געוואָלט זי ד ע ר ה ע ר ן אין דעם אייגענעם האַרץ...

...גערעכטיקייט, אַ, מיין האַרציקע, וואו ביזטו?...

אַזוי האָט ער גערופן, אין זיין עלנט, פליגלמאַן, געשטרעקט זיינע הענט צו די האָריזאָנטן, צו די הויכן, אַ תשובה געמאָנט צו זיין האַרץ.

נאָר דאָס ווידערקול האָט אים אָפּגעבראַכט צוריק זיין רוף, אַ משונה־דיקן, אַ פאַרענדערטן און אַ נישט־פאַרענטפערטן — פון אַלע האָריזאָנטן אַרום, צוריק פון אַלע הויכן. ערשט, איז אים פאַרגעקומען, פליגלמאַנען, אין זיין ביטערקייט, וויאַזוי די זעלבע הימלען אַליין שפּאָטן פון אים, קרי־מען איבער זיין רוף און לאַכן אויס זיין קאָפּ, ווי איינער־רעדט:

...פליגלמאַן נאַר! טרעף, אדרבה, אַליין — וואו שטייט זי איין, די גערעכטיקייט?! האַ־האַ־האַ...

און אַ פאַרטריבענער, האָט ער צוריקגעקערט צום שטעטל.

נישט געוועזן בײַ וועמען צו פרעגן מער. בײַ מענטשן, חברים? זיי האָבן אים גאַרנישט פאַרשטאַנען, וואָס ער וויל, דער צעדרייטער! וואָס אַזעלכס ער האָט זיך פאַרגעגנומען?!

זיין שטאַנד אין מילאָשצי איז געוואָרן ערגער, פון טאָג צו טאָג. נישט ער האָט געאַרבעט. נישט ער האָט געלעבט. טאַטע־מאַמע האָבן נישט געזען פאַר אים קיין תכלית, געזיפצט אין דער שטיל... ער אַליין, פליגלמאַן, האָט זיי נישט פאַרשטאַנען. נישט געוואוסט רעכט, וואָס מע וויל פון אים?!

ביז עס זענען אונטערגעקומען גוטע פריינט, זיך אַריינגעלייגט אין דער גאַנצער זאַך.

...— אַזוי און אַזוי... אַ וועלט פאָרט קיין אַמעריקע. מע ווערט לייט... אפשר... וואָס וועט ער דאָ אויסזיצן?!

די מאַמע האָט געוויינט אָפּן בן־יחידס קאָפּ, ווי נאָך אַ טויטן. דער טאַטע האָט געקרעמפּעוועט דאָס האַרץ, געהייסן זיין שטיל... מע האָט אים אויסגעריכט, פליגלמאַנען, אין וועג אַריין. אים געהאַלזט און געקושט. אים אָנגעזאָגט באַשוואוירן, אַז — אַ מענטש זאָל ער ווערן, אַ איד זאָל ער בלייבן!...

ער, פליגלמאַן אַליין, האָט זיך נישט געשטעלט קעגן. געלאָזן טאָן מיט זיך אַלץ. געוואוסט האָט ער, אַז ער פאָרט אין דער גרויסער ווייטער וועלט אַריין, וואו ער וועט זיך באַגעגענען, מסתמא, מיט מענטשן אַלערליי, מיט וועלט־קעפּ, קלוגע לייט... וועט ער אַ זוך־טאָן בײַ זיי, ער וועט פרעגן — טאָמער ווייסן זיי פאָרט?!

און אַזוי איז געקומען דער לעצטער טאָג. פליגלמאַן פאָרט.

עס האָט דער גורל געוואָלט, אַז פליגלמאַן זאָל פאָרן קיין ארגענטינע. עס האָבן לאַנדסלייט געשריבן פון דאָרט אהיים גוטע גרוסן... אין ב. איי־רעס — האָבן זיי מיטגעטיילט — גייט זייער גוט אָן דאָס פאַך פון פו־טער־קירזשנעריי; בא וואָס מע מאַכט שטיקער גאָלד... איינער אַ לאַנדס־מאַן, אַ ליט־אַביסל — וואָס האָט נאָך געדענקט, אַ וודאי, יענע צייט, ווען פליגלמאַן האָט זיך אומגעטראָגן מיט דער מאַניקאָמיע, (און זי נישט גע־קענט אויסבאַהאַלטן פאַר לייטן) צו ווערן דער חזן פון מילאָשצי, — ער האָט, איצט אין אַ בריוו, פאַרוואָרפן אַ וואָרט וועגן דעם, אַז... ערשט דאָ, אין ב. איירעס, קאָן מען מאַכן אַ לעבן פון חזנות... עס קומען זינגער פון דער וועלט...

טאַטע־מאַמע פליגלמאַנס האָבן געקייעט די גרוסן פון אַלע זייטן. גע־פּרואווט רעדן מיט זייער קינד. אים געלערנט, ער זאָל זען טאָן אַזוי און אַזוי... ביזקל וואַנעט די באַן האָט אים צוגענומען פון זייערע אויגן...

*

הינטערוועגנס, הויבט זיך אָן פאַר פליגלמאַן דעם עמיגראַנט די סדרה שווערע נסיונות.

ער האָט געהאַט די ערשטע סטאַנציע אין ווארשע, וואו ער האָט גע־דאַרפט פאַרבלייבן אַ טאָג. פון דער היים האָט מען אים מיטגעגיבן אַ אָנווייז צו אַ לייטישער אכסניא, ערגעץ אַף די נאַלעווקעס. אַהין איז ער פאַרפאָרן אינדערפרי, גלייך פון דער באַן מיט זיינע פעקלעך, און עס האָבן איב אויפגענומען דאָרט בתשואת־חן אַ עלטערע אידענע און אַ יונגע בלאָנ־דע פרוי. נאָך עטלעכע שעה, איז ער געווען פיין אויסגערוט, און עס האָט אים אַ צי־געטאָן דאָס הארץ צום דרויסן; פאַרוואָלט זען אַביסל די גרויסע וועלט. כדי ער זאָל גיט פאַרבלאָנזשען, — האָט ער זיך געמאַכט זיינע אייגענע סימנים־מובהקים, וואָס האָבן בא אים אין די אויגן געהאַט מער האַפט פון דער גאַנצער גאַסן־נומעראַציע. אגב, האָט ער זיך געהיט נישט צו פאַרקריכן צו־ווייט...

שפּעטער, אַפן אָוונט, האָט ער צוריקגעקערט, אַ גאַנצער און אַ גליק־לעכער, און געטראָפן די טיר פון דער אכסניא צוגעשלאָסן. ער האָט אָנ־געקלאַפּט.

אַז די טיר האָט זיך געעפנט, איז ער געבליבן, אַ פאַרצאַפּלטער... לעבן דער שוועל, אין דער טונקל פון אַ קיך, וואו עס האָט געקאַפּטיעט אַ נאַפט־לעמפל, איז געשטאַנען די יונגע פרוי פון באַטאָג, אָ, אינגאַנצן אַ אַנטבלויזטע, נאָר אין אַ לאַנגער ווייסער נאַכט־העמד, מיט אַ צעקעמטן קאָפּ האָר, און זי האָט צו אים געשמייכלט... אין זיין שרעקלעכער פאַר־לעגנהייט, האָט ער זיך נישט דערוועגט מאַכן איין שפּאַן ווייטער, אויפ־הויבן די בליקן, אַ קוק־טאָן אַף דעם אכזריותדיקן נסיון...

עס האָט אַ צי געטאָן אױף דער אָפֿענער טיר אַ קיל סוף־אָלולדיק װינטל, סעפּטעמבער־מאָנאַט. יענע, די האַלב־נאַקעטע אישה, האָט זיך נישט געקאָנט דערװאַרטן, אַ פּנים, און, אַ באַלײדיקטע אין איר ראַסן־שטאָלץ, האָט זי אַ פֿאַרשקע געטאָן מיט די ליפּן און פֿאַרשװאונדן...

ערשט דאַן האָט זיך פֿליגלמאַן אָנגענומען מיט מוט, אַרײַן אױף די שפּיץ פֿינגער אינעװײניק, פֿאַרמאַכט די טיר און אַריבער צו זיך אין צי־מער, װאו ער האָט גלײך איבערגעדרײט דעם שליסל פֿון אַ בלאַט־שלאָס און אַזױ, אַ נישט־אױסגעטװענער, אין דער פּינצטער, האָט ער זיך צוגע־שפּאַרט אױף אַ צעראַטענער קאַנאַפּע, דאָרט איז ער איבערגעזעסן די נאַכט...

ער האָט זיך געשפּירט זײער שלעכט. פֿון ערגעץ אַ צװײט צימער — דאָרט, װאו די נשים, אַ װדאי, האָבן זיך אױפֿגעהאַלטן, — האָט געגרײכט אַלע־מאָל צו זײַן אױער און עס האָט אים געמאַכט אױפֿציטערן אַ פֿרעכער לאַ־כן און אַ קװיטשען, װאָס האָט גאָרנישט געװאָלט אױפֿהערן...

ער האָט קוים דערלעבט דעם טאָג; אַז ער זאָל שױן מאָגן זאָגן, מיט זיכערקײט, דאָס ער איז ניצל געװאָרן.

פֿאַרנאַכט, אום ערב ראש־השנה איז דאָס געפֿאַלן, האָט מען גענומען די באַן און געפֿאָרן װײַטער.

*

ערשט, האָבן זיך גענומען טױשן פֿאַר פֿליגלמאַנס פֿאַרגאַפֿט אױג — גרעניצן און לענדער. ער, דער גרױסער געבילדעטער אינעם שטעטל, האָט אַפֿילו רעכט נישט געװאוסט צומאָל, אַװאו ער געפֿינט זיך; װאָס פֿאַר אַ לאַנד ער פֿאָרט פֿאַרבײַ... װאָס גײט עס אים אָן? מע פֿירט אים, און ער גײט נאָך.

אָבער אױף זײַן אײגענעם שטײגער, אַבסטראַקט און אױסער צײַט און שטח, האָט ער זיך דװקא צוגעקוקט צו אַלץ, געלאָזן אָנזאַפּן זײַן אױג און זײַן אױפֿגעשטורעמט נײַגעריק געמיט מיט נײַע קאָלירן און פֿאַרבן אַלער־לײ, אַזױ פֿון מענטשן און פֿון לאַנדשאַפֿטן, אַלץ נישט מיד געװאָרן, גע־װאָלט זען און באַגעגענען נאָך. צו זײַן אומגעװײנלעכער פֿרײד האָט גאָר־נישט גענומען קײן סוף. ער האָט אָפֿט געלאַכט און זיך געקװיקט, װי אַ קינד, פֿריש און געזונט. אים האָט זיך אױסגעדוכט, אַז זײַן גליקלעכע רײזע װעט שױן גאָר קײנמאָל נישט אױפֿהערן. אַלנפֿאַלס, האָט ער עס אַזױ באַגערט. װאוהין ער פֿאָרט, דער ענד־ציל? — דערפֿון האָט ער גאָר־נישט געװאָלט טראַכטן. ער פֿאָרט דאָך אין דער ברײטער פֿרײער װעלט אַרײַן, ער באַװעגט זיך, און דאָס איז דער עיקר.

איצט, אַז ער האָט אַ טראַכט־געגעבן אױף צוריק, אײן װײַלע, צו דער הײם, מילאָשצי, צום קלײנעם װאָלינער שטעטל, אַװאו ער האָט אָפּגעפֿינצ־

טערט דריטהאַלבן צענדליק יאָר פון זיין לעבן, — האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ גרויל פאַרדערפּאַר. ווי האָט עס גאָר געקאָנט מיט אים געמאָלט זיין?! מיט אים, פליגלמאַן דעם וועלט־מענטש, וועלכער איילט אַצינד, מיט עקספּרעס־צוגן, מיט שנעל־באַנען, באַטאָג און באַנאַכט, דורך גרעניצן און דורך לענדער, טיפער אַלץ אין הארץ פון דער וועלט?! אַ גרויס גליק האָט אים געטראָפן, וואָס עס איז אונטערגעקומען גראַדע דער צופאַל, (וו ע ל־כ ע ר ? — דאָס האָט ער אַליין רעכט נישט געוואוסט...) אים אָנגענומען פאַר זיין קאַרק, אַרויסגעריסן פון דעם היים, אַריינגעשליידערט אין סאַמע האַרץ פון וועלט־געוויטער. אַנישט — טאָ ווער ווייסט, וואָס פון אים וואָלט דאָרטן געוואָרן און פון זיין לעבן — אין יענעם חושכדיקן שטעטל פון דער היים...

אַזוי האָט ער געפּיבערט־געצאַפּלט, פליגלמאַן דער וויזיאָנער, דורך די טעג און דורך די נעכט; דער אַרויסגעריסענער פאַריינמאָל פון היים־און־לאַנד און איצט — דער באָדנלאָזער בוים, פליגלמאַן דער איד, וואָס ווערט געשליידערט־ געטראָגן פון לאַנד צו לאַנד, אין געריוש, אין געוויטער, אין געקלימפּער־בראַזג פון צוגן, פון רעדער־מוזיק, וואָס שלאָגט אויס צום טאַקט... דו פאָרסט, פליגלמאַן, פאָר געזונט... דו פאָרסט, דו פאָרסט, דו פאָרסט... לך־לך, לך־לך... מארצך וממולדתך... ואעשה אותך לגוי גדול... וואָס אַרט דיר, פליגלמאַן־קרוין, נישט געזאָרגט... וועסט נאָך זיין גרויס אַמאָל... אָט וועסטו זעען!...

אים אַנטשלעפּט־פאַרוויגט אין אַ זיסן דרעמל, געמאַכט אים שמייכלען גליקלעך פון שלאָף.

...נאָר איבער זיין פלאַטער־קאָפּ, פליגלמאַנס, ווי אין נעפּל אַלציינס, האָט אויפגעטויכט אַ פאַרווײנט געשטאַלט אַצינד... שלאָף, מיין קינד... עס איז געווען די מאַמע פליגלמאַנס, וועלכע האָט אים נישט פאַרלאָזט, די גאַנצע צייט. עס איז געווען דאָס שטעטל, די היים...

אין איינעם אַ פאַרנעפּלטן רעגנדיקן האַרבסט־פאַרנאַכט, האָט מען געבראַכט פליגלמאַנען, מיט נאָך אַסאַך עמיגראַנטן, מענער, פרויען און קינדער, צו ערגעץ אַ ברעג פון אַ גרויסן טייך, צי גאָר אַ ים, וואו אַלע זענען איינגעשטיגן אַף אַן אָקרענט, וואָס האָט שוין געוואַרט אַף זיי און ער איז טאַקע גלייך אָפּגעפאָרן.

עס איז געווען אַ געוויינלעכע ענגלישע פּאַסאַזשיר־שיף פון מיטעלער גרויס, מיט דריי קלאַסן. פליגלמאַנען און די איבעריקע עמיגראַנטן האָט מען אַריינגעפּאַקט אין דער דריטער קלאַס. דאָס רוב פון זיי האָט מען איינגעאָרדנט אין אַ אַלגעמיינער גרויסער פּאַלאַטע, אין צוויי טיילן, וואו די

מאַנסבילן האָבן זיך געדאַרפט אויפהאַלטן און שלאָפן באַזונדער, און די ווייבער — באַזונדער. אייניקע, מער מזלדיקע, אַזוי — מענער, ווי פרויען, האָבן געהאַט דאָס גליק נושא־חן צו זיין באַם אַלטן אידישן דאַלמעטשער יוכף, אַ דיקלעך אידל, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ פאַרשניצטער בייכי־קער ציגאַר, אָדער גאָר, ווי אַ שטייענדיק צעפּעלינדל, און ער האָט זיי באַזאָרגט מיט קאַיוטעס, צו צוויי אירע אין אַזעלכער.

די ערשטע נאַכט איז אַריבער אין אומרו, און טומל. דער אָקעאַנט האָט זיך געוויגט און געקרעכצט. עס האָט קיינס נישט געקאָנט צוטאָן קיין אויג. ביז מע האָט דערלעבט קוים דעם טאָג.

אפן פרימאָרגן, האָט שוין די שיף געשניטן אין אָפענעם ים, צווישן ליטערן בלאָען הימל און צעשטורעמטע גרעניצלאָזע וואַסערן. גלייך נאָכן געשמאַקן פרישטיק אינעם לאַנגן און שמאָלן עס־סאַלאָן, — האָט עולם־עמיגראַנטן, אָנגעזעטיקט און האָפערדיק, זיך אַרויסגעשאָטן אף דער מיטלסטער דעק, אַ קוק צו טאָן אף גאָטס שיינער רחבותדיקער וועלט...

דאָ זענען געווען אַלטמאָדישע אידן און אידענעס פון פוילן, אונגאַרן, רומעניע און גאַליציע, וועלכע זענען, אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, געווען געצוואונגען אַוועק פון זייערע דור־דורותדיקע היימען, וואו עס האָט זיך צעבושעוועט דער מהירישער אידן־האַס, און זיך לאָזן, מיט די אָקעאַנטן, איבער אַלע זיבן ימים, אין די עק־וועלטישע אַמעריקאַ־נער מדינות — זוכן אַ נייע היים פאַר זיך מיט די קינדער. אין זייער פאַר־צייטישן הולך, האָבן זיי, צוזאַמען מיט זייערע קינדער, אייגלעך און מייד־לעך, אויסגעזען אַזוי פאַרצוויטעט און פאַרעלטערט, גלייך ווי מע וואָלט זיי אָקאָרשט אַרויסגעריסן, מיט געוואַלד, אויס פאַרצייטישע מוזעומס און זיי אַראָפּגעבראַכט אַהערצו, אף דעם צעווינטיקטן מקום, אַז זיי זאָלן זיך דאָ רעכט איבערלופטערן... זיי האָבן זיך געהאַלטן דאָ אַלע צוזאַמען, ענג־איינגעקרעמפּעוועט, ווי איין שטיק שטאַמיקער צענהרגטער דעמב־טייל, אַוואו עס טריפט נאָך בלוט פון אַלע אָפענע וואונדן... כאָטש, צו־ריקגערעדט, האָבן זיי אַליין נאָך אפילו נישט געבענקט רעכט צו זייערע פאַרלאָזענע היימען, ווייל — זיי זענען נאָך, אייגנטלעך, פון דאָרט נישט געהאַט גאָר אוועק איינגאַנצן. ס׳, זיי האָבן נאָך דאָרט געשטעקט מיט זייער לייב און לעבן, און אפילו נישט אָנגעהויבן צו באַנעמען גאָר, מיטן קאָפּ, אָט דעם שווידערהאַפטן אומגליק, וואָס האָט זיי געטראָפן, אַז — זיי האָבן פאַרלאָרן זייער היים אף אייביק... בלויז דאָס האַרץ זייערס האָט שוין געוואוסט פונעם בראָך און געגאַנט־געקלאָגט אין דער שטיל. אָבער קיינס פון זיי האָט זיך צו דעם נישט צוגעהערט. מע איז געווען גוט אויפגעלייגט, וואָס מע איז פטור געוואָרן פון המן דעם צורר, און מע האָט שוין געמאַכט

אין דמיון כלערליי קאָמבינאַציעס וועגן תכלית־ענינים — דאָרט, וואוהין מע פאָרט...

דאָ, אַף דער דעק, צווישן די עמיגראַנטן, זענען אויך געווען היינט־וועלטישע, האַלבע און גאַנצע, פאַמיליעס אַלערליי. עס זענען געפאָרן יונ־געלייט פאַרשיידענע, פאַרהייראַטע און בחורים, אַזוינע ווי פליגלמאַן, אַ שטייגער — צו זוכן ערשט אַ תכלית. יונגע ווייבלעך און מיטלאָריקע פרויען מיט קינדער זענען געפאָרן צו די מענער זייערע קיין אַמעריקע, וועלכע האָבן זיך שוין דאָרט יאָקאָש געהאַט צוגעשלאָגן צו אַ ציל, און זיי איצט געטרעבעוועט צו זיך. עס זענען אויך געווען דאָ עלנטע כלה־מיידלעך, יונגע און עלטערע, וועלכע זענען געפאָרן, אַפן רוף פון זייערע באַשערטע. די יונגע מיידלעך האָבן געשיינט און געפּיעשטשעט זיך, פון גליק, געשמייכלט אין אַלע זייטן, געזוכט צו געפעלן ווערן די יונגעלייט די פאַסאַזשירן, און אַפילו די שלאַנקע בלאָנדע ענגלישע מאַטראָסן־יונגען, וועלכע זענען דאָ, אַלע ווײַלע, פאַרבייגעלאָפן, אין זייער באַשעפטיקונג אַף דער דעק. די מיידלעך, דאָס רוב — פון קליינע אָפּגעלעגענע שטעט־לעך, ערגעץ אין דער פאַרוואָרפענער היים, — האָבן זיך דאָרט אַ וודאי געהאַט אָנגעהערט און אָנגעלייענט שוידערלעכע געשיכטן וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אַלץ נישט אָפּ אַף די שיפן, בעת מע פאָרט קיין אַמעריקע; און זיי האָבן געחלשט־געלעכצט נאָך דעם, עס איז זיי אויסגעגאַן דאָס חיות נאָך אַ פלירט. און זיי האָבן נאָר מורא־געהאַט, אַז די צייט, חלילה, זאָל נישט אַוועק אומזיסט... און כאָטש זיי זענען געווען, אין זייער תמי־מות, כשרע ערלעכע טעכטער, און אַזעלכע געהאַט צוגעשוואוירן צו פאַר־בלייבן — אַמאָל, אין שטעטל, אונטער דער הייליקער שיין פון דער לבנה — א יי ב י ק , ביז צו די טרייע אָרעמס פונעם באַשערטן, — דאָך האָבן זיי איצט נישט געקענט גובר־זיין דעם שרעקלעכן יצר־הרע, וועלכער האָט זיי אונטערגעטראָגן דעם התר גלייך אין הארצן אריין, זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זייער מוראָדיקע שבועה, דאָרט, ערגעץ אַף דער יבשה — געהער זיך גאָרנישט אָן אַהערצו, אינמיטן ים. עפּעס גאָר אין אַ אַנדער וועלט, צווישן הימל און וואַסערן, וואו מענטשן לעבן א ו י ף , אפשר —דאָס איינציקע מאָל, דאָס ערשטע און דאָס לעצטע, אין זייער לעבן, עד, וואו מע פאַרגעסט אַלץ, וואָס געווען, וואָס וועט זיין, מע לעבט און מע חלומט אין גליק, מע פאַנטאַזירט, מע ווערט פאַרשיכורט פון פרייד, אַזוי לאַנג, ווי די גליקלעכע פאָר וואָכן האַלטן אָן, טאָ — וואו איז דאָ פאַראַנען די זינד?!

די עלטערע כלה־מוידן האָבן געקוקט נישט־פאַרגינעריש־פרום און קרום אַף די חנדלעך פון די יונגע און זיי געוואָרנט מיט די וצדקתך־בליקן, אַז — עס קאָן זיך נאָך פאַרענדיקן פאַטאַל, — און דאַן — וואָס?!. טיף באַ זיך אין הארצן, אַזוי ווי דער גאַנצער ווייבערשער נאַראָד, האָבן זיי אַליין

באגערט, געהלשט נאָכן זעלבן, און באַקלאָגט די אומגליקלעכע פוסטע יאָרן, וואָס זענען אוועק באַ זיי מיטן ווינט, זיי אַליין געלאָזן אויסגעברענט און וויסט... נאָר דווקא, דערפאַר, האָבן זיי ערשט שטאַלץ פאַריסן די קעפּ, שטייף פאַרשנורעוועט די ליפּן און, מיט יעדער ענערגישער באַוועגונג זייערער, געגעבן שאַרף אָנצוהערן יעטוועדן עווענטועלן חוצפּהניק און אויסוואורף, אַז זיי זענען — אומצוטריטלעך...

זיי, די עלטערע, האָבן אָנגעיאָגט אַ קעלט־אַ אומהיימלעכקייט, מיט זייערע בייזע בליקן, אויף די יונגע צאַרטע און שוואַכע כלה־מיידלעך. נאָר זיי, די יונגע, צו־הילף זענען דאָ געקומען די יונגיטשקע ווייבלעך, וועלכע האָבן שוין אויסגעזען עטוואָס־ניכטער, אָבער דאָך — באַטעמט און לעבנס־זאַפטיק; ווי זייער בליק וואָלט געוואָרנט־געעצהט... צו נעמען אַלץ מיט אַ מאָס — איז קיינמאָל נישט שרעקלעך...

דאָ, באַלד אויף דער דעק, אויף דער שיין פון דער זון, זענען קאָנטשאַפטן געשלאָסן געוואָרן; און נישט אַזוי — דורך ווערטער, ווי מיט די בליקן, דורך אַ האַלב־שעמעוודיקן און דאָך דרייסטן איבערקוקן זיך, וועלכעס האָט צוגעזאָגט, געגעבן האָפענונג...

באַ דער זייט, לעבן אַ מאַסטבוים, איז געשטאַנען אָפּגעטיילט אַ גרופּע אידישע יונגעלייט און לעבהאַפט געשמועסט, אַרויסגעלאַכט אַלעמאָל אויפן קול. זיי האָבן געוואָרפן גאַנץ־דרייסטע עקשנותדיקע בליקן צו די יונגע עלנטע מיידלעך און אַפילו צו די יונגיטשקע ווייבלעך, געשמייכלט צו זיי פיל־באַדייטנדיק, זאָגאַר חוצפּהדיק, זיי אונטערגעהעצט, זיי אַרויסגערופן...

פון די ערשטע רייד זייערע צווישן זיך איז גלייך געוואָרן קלאָר, אַז דאָס פאָרן זיי פון ראַטנרוסלאַנד. אָבער, ווער זענען זיי? פּאַרטיי־לייט? וויכטיקע דעלעגאַטן אין ערגעץ?

אָ, ניין. זייער גאַנצער האַלטן זיך, זייער וואוילויונגערישער וויצלען זיך מיט אַנאַנדער האָט דאָס באַלד אָפּגעלייקנט. באַם צוהערן זיך צום אינהאַלט פון זייער געשפּרעך, איז שוין גאָר קיין ספק נישט געבליבן, אַז דאָס זענען זיי אַ באַנדע אויסוואורפן, דער אָפּפאַל פונעם געזונטן סאָוועטישן אָרגאַניזם, וועלכער האָט געמוזט אויסגעטיילט ווערן — פונקט ווי די צואה, אויס איטלעכן געזונטן און קרעפטיקן קערפּער, אויב ער וויל נאָר נישט בלייבן פאַרגיפטעט...

דאָס האָבן זיי איצט אַזוי אַריינגעקוואַלן צווישן זיך, בעת זיי האָבן מעלה־גרה געווען, שוין צום ווייפלטן מאָל, די גריילעכע פּאַסירונג פון נעכטן באַטאָג, וואָס האָט פאַרלאָפן מיט זיי דאָרט, אינעם פּאָרט־הייזל, וואו זיי האָבן דאָס אָפּגעטאָן שלא־כדרכה... זיי האָבן זיך אַזש באַסלונעט, פון גרויס תענוג, מיטן געזשערעטן עיפּוש באַ זיי אין די חזירשע מאָרדעס און, אַלעמאָל אָפּדאָסניי, אויס דער קעל עס אָפּערגעבראַכט אויף פונפאָרנט...

צווישן דער גרופּע האָט זיך אויסגעטיילט איינער, העכער מיט אַ קאָפּ פון אַלע, „אַ טונקעלער קראַסאַוויעץ", וועלכער איז געווען בײַ זיי, קענטיק, דער ראש־המדברים. ער האָט דערלאַנגט תורה, געטיילט מיט דער ברייטער האַנט פאַר יעדן, אַליין זיך פאַרבלינעט אויש, פון גדולה... ער האָט נישט אויפגעהערט צו פאַרזיכערן, אַז — בלויז היינטערוועגנס, אַף באַנען, אַף שיפן. פּאַקט מען דאָס אמתע אַוואַנטורעלע... אָט, וועט איר זען...

און ער האָט זיך גענומען פאַר זיי דערציילן, וויאַזוי...

— ...אַמאָל, אין אַ רוסישער שטאָט האָט געלעבט אַ פּאָרל. ביידע — יונג, שיין, קלוג און רייך. איינס האָט זיי געפעלט, צו זיין גליקלעך אינגאַנצן — אַ קינד. און די יאָרן זענען געגאַנגען. וואָס טוט מען?... זיי ביידע האָבן געוואוסט, אַז די מניעה איז נישט אין איר, נאָר פון זיין זייט. אָבער זי האָט אים דאָך ליב־געהאַט, נישט געקאָנט אים פאַרלאָזן... ער, דער מאַן, האָט דאָס זייער אין איר געשעצט. אַ פריייער מענטש איז ער געווען, נישט קיין שוטה. איינמאָל, מאַכט ער צו איר: — „ווייסט — וואָס? איך האָב אַ פּלאַן..." זיי וועלן נעמען די באַן און זיך לאָזן פאָרן אין ערגעץ, אין טיף־רוסלאַנד. ווייט־ווייט הינטערוועגנס, וועט ער שוין זען איר צושאַרן וועמענען, אַ יונגנמאַן... אַ אַוואַנטורעלע... זיי לאָזן ביידן אַליין אין קופּע... וועמען אַרט עס?... נישט מע וועט וויסן אַמאָל, וואו יענעמס געווען איז אוועק... דערנאָך, וועלן זיי ביידע, מאַן און ווייב, צוריקקערן אַהיים, גליקלעך־צעפרידענע... צום יאָר, וועט זיין דאָס קינד... „אונזער ביידנס קינד... נישט אמת, טייערע?..."

— ...וואָס אַרט אייך? מע נעמט די באַן, מע פאָרט... טיף־ערגעץ אין וועג, אינמיטן נאַכט... פאַרלאָזט דער מאַן די קופּע. ער שפּאַצירט זיך דורך אין דער לענג פונעם וואַגאָן־קאָרעדאָר. דערזעט ער אַ יונגן קרעפּטיקן סטודענט, אין אַ קאַקאַרדע, ווי ער שטייט און רויכערט. דער מאַן באַקומט אַרויס אַ ציגאַר, גייט אונטער צו יענעם, בעט פייער. אינדעם, פאַרקוקט ער דעם פרעמדן אין די בליקן, פאַרשמורעט גנבהש אַן אויג, דערלאַנגט אַ סקאָסנע וואונק אַף דער טיר פון יענער קופּע... „איר ווייסט — שעפּטשעט ער געהיימנישפול צו יענעם — דאָרט איניעווייניק זיצט אַ דאַמעלע... מאַיאַ פּאָטשטעניע..." אַליין גייט ער אָפּ, בלייבט אַן אַ זייט, וואַרט... זעט ער, ווי דער פרעמדער ווערט גלייך אומרואיק, נערוועז. ער רייבט אַ האַנט אָן אַ האַנט... ביז, ער פאַרשאַרט וואָוילעריש אַף אַ זייט דעם הוט, דערלאַנגט אַ שפּאַן צו יענער טיר, קלאַפּט אָן און פאַרשווינדט הינטער איר... אין אַ ווײַלע אַרום, דערשיינט ער ווידער, יענער סוביעקט. ער קומט גלייך צו צום מאַן, ער דאַנקט אים האַרציק... „אַ וואויל דאַמעלע... שוין לאַנג אַזוי נישט הנאה געהאַט, ווי איצט..." דעם ניכטערן מאַן ליגט זיינס אינזינען. ער קוקט פאַראַכטלעך אַפּן פרעמדן. ער איז אומרואיק. ווער ווייסט, צי זי וועט פאַרשוואַנגערן גלייך... אַזוי שטייען זיי ביידע און שוויי־

גן לאנג. מיטאמאל, מאכט דער מאן צו יענעם: — „פארוואס, יונגערמאן, נישט פרובירן א צווייט מאל?...” „...אוממעגלעך, הער — האט זיך אפגערופן יענער — בא מיר זענען אויסגעגאן די באווארענישן....”

דא, אף דער זעלבער ברייטער דעק, האט זיך געהאלטן באזונדער א גרויסע גרופע אוקריינער, יונגע פלאקס־האָרענע כאכאלן און כאכאלקעס, וועלכע האבן זיך כסדר געשטורכעט איינס דאס אנדערע אין די זייטן, געשטשירעט די ציינער און געהירזשעט הויך אפן קול.

און גאנץ באזונדער פון אלעמען, אף דער אייגענער דעק, האט זיך געהאלטן א פאמיליע דייטשע לאנד־ארבעטער פון טשעכאסלאוואקיע, אן אלטער אויסגעהארעוועטער מאן, א גרייז־גרויע קרעכצלעכע זקנה און א זון, א קרעפטיקער מוסקולהאפטער הויכער בלאנדער יונג. דאס איז מען געפארן צו קינדער, איינגעארדנטע קאלאניסטן אין ארגענטינע. טאטע־מאמע — אף דער עלטער. דער יונגער ברודער — אף א תכלית. זיי דא זענען געזעסן שטיל. ביידע מאנסבילן — בא די זייטן פון דער אלטיטשקער, וועלכע האט זיך דערפילט שלעכט באלד, ווי נאר מע איז באשטיגן די שיף.. זיי האבן איר געהאלטן פאר די הענט, איר געגלעט, איר איינגעשטילט, און אליין געקוקט, מיט צער, אין אלע זייטן, מיט מורא אין זייערע בליקן... ווער ווייסט?!

מיטאמאל, האט זיך די שיף א שארפן קאטשע־געטאן אין ביידע זייטן. די זון איז געבליבן אזוווי פארצויגן מיט א דינעם נעפל. און מעכטיקע גיגאנטישע כוואליעס פון אלע משונהדיקע פארומס האבן, מיט ווילדן אומגעהויערן אימפעט, ווייסן שוים און וואוט, גענומען שפרינגען אף ארויפצו, אף אהין און צוריק, געפאטשט אן די ווענט פון דער שיף, זי געשטורעמט, געטריבן און געשליידערט, זי א וודאי פארשלינגען געוואלט, מיט אלץ, וואס זי פירט מיט; מיטאמאל, זי אפגעלאזן, א ווײלע, צוריקגעטראטן, אליין אוועקגעטראגן, מיט האלזונגאקנברעכנדיקער שנעלקייט, העט אהין ווייט, ביז צו די פארטונקלטע האריזאנטן אזש, זיך־אנגענומען מיט נאכמער אימפעט, וואוט און צארן, ווי פריער און, מיט דער גאנצער געצייושעטער פוריע אף איינדרויסן, א שפאר געטאן אף צוריק, א טרייב געטאן פון אלע זייטן ריזיקע מאוימדיקע וואוט־צעשוימטע וואסער־בערג אף דער שיף, זי אונטערגעכאפט, ווי א שפענדל, זי א שליידער געטאן אין דער לופטן און גלייך ארונטערגעלאזט, מיט דער גאנצער שווער־משא אירער, אין א אפגרונט אריין, אז זי זאל שוין דא איינגעזונקען ווערן, צעשאטן ווערן אף פיץ־פיצלעך, נישט בלייבן, און אן עק!... נאר צוקוקנדיק, וויאזוי זי, דער אקרענט, קומט אלץ אפער גאנץ פון זייערע הענט, — האבן זיי זיך פלוצים אליין צערוועט און צעכריפעט. די צעשפילטע עלעמענטן, אין שוידערהאפטן וואנזין, אין גרוילהאפטער יללה, זיך גענומען שליידערן, איינבייסן, איינקלאמערן זיך איינס אין דאס אנדערע, אויסראטן

זיך אליין, צעפיצלען, צעשטיקלען, פארלענדן, איבערדרייען די זיילן פון דער וועלט, דעם ים — ארויף, דער הימל — אראפ, פלוכן, קרעכצן און בלייבן ליגן, צו ענד, אליין אויסגעמאטערט ביז לעצט, אויסגעצערט, גענצלעך דערשעפט...

בא די פאסאזשירן פון דער מיטלסטער דעק האט דער שרעקלעכער ים־שטורעם גלייך ארויסגערופן א מוראדיק מייקענען. איטלעכער האט געשפירט, אז עס דרייען זיך אים איבער די געהירן אין קאפ, עס שלאגט צו א שווערע נישטגוטקייט, א שארפער איבל, און מע האט גענומען אפגעבן אלץ אף צוריק, צוזאמען מיט דער גרינער גאל ארויס...

דא גלייך האט זיך אנגעהויבן די רעטונגס־ארבעט. די יונגע געשיקטע מאטראסן זענען אומעטום אויסגעוואקסן אונטער דער האנט, געהאלפן די עמיגראנטן ארונטערגיין פון דער דעק — אין דער אונטערשטער פאלאטע, וואו מע האט יעדן געלייגט אפן בעטל, לויז געמאכט די קליידער, געמאכט באקוועמער צום אפרוען זיך.

דער צופאסונגס־פראצעס און די אקלימאטיזאציע צום ים האט אנגעהאלטן אזוי דריי טעג נאכאנאנד, ביז עס האט זיך איינגאנצן איבערגענומען דאס איבלען בא אלעמען. אבער, שוין אפן אנדערן טאג, האבן זיך געפונען אסאך, באזונדערס — די יונגע מאנסבילן, וועלכע האבן מער נישט געליטן דערפון. זיי האבן גלייך גענומען ארויסהעלפן די מאטראסן אין דער רעטונג. מיט באזונדערן פליים און איבערגעטריבענער איידלקייט, האבן זיי זיך געדרייט ארום די שלאבעריקגעווארענע יונגע שיינע ווייבלעך און עלנטע מיידלעך; זיי ארונטערגעפירט פון דער מיטעלער דעק און פון אלע טרעפ, גלייך אין זייער ווייבערשער פאלאטע אריין און אפילו אין זייערע קאיוטן, וואו מע האט זיי אריינגעלייגט אין די בעטלעך; מיט ציטערדיקע פינגער, זיי געהאלפן לויז־מאכן די איינגעשטייפטע געהיימע טיילן קערפער, אומגעפלאטערט מיט די הענט איבער זיי, די אומבאהאלפענע צעשראקענע פרויען, זיך געבויגן איבער זיי מיט די אייגענע צעהיצטע צורות און צעפלאמטן אטעם; אליין, אויסער זיך פון עקסטאז, זיי געהאלזט און געקושט, מיט זיי א ליבע־בונד געשלאסן... און זיי, די קראנקע האלב־פארחלשטע ווייבער, האבן געצאפלט אונטער זייערע הענט, אין איבל און אין געפייניקט גליק... ביז זיי האבן דערשפירט א לייטזעליקע דערלייכטערונג זיך אויסגיסן איבער זייער גאנץ לייב. האבן זיי די אויגנלעדלעך צוגעשלאסן, אליין, ווי שטילע קינדער, זיך אפגעגיבן דער פארגעסנהייט...

אין געציילטע טעג ארום זענען אלע אף דער שיף געווען געזונט און גליקלעך. מיטן מייקענען, האט איטלעכער אזוי־ווי אפגעגיבן פון זיך דאס אלטע און דאס פריערדיקע. וואס מע איז אלץ געווען אליין א מ א ל, דארטן ערגעץ, אין דער היים... דא האט מען איצט דערוואכט צו א ניי

לעבן, אזויווי ערשט־געבוירן, און מ׳ע האָט געפּיבערט אין גליק. מע האָט זיך ארומגעזוכט און מע האָט זיך געליבט אומגעשטערט פאַרן פרעמדן אויג, און ווען מע איז שוין געוואָרן גאַר־אייפערזיק און ציטערדיק אפן איי־גענעם גליק און מע האָט זיך געזוכט מיט דעם אויסצובאהאַלטן, — האָבן קיין געהיימע ווינקעלעך אף דער ברייטער שיף זיכער נישט אויסגעפעלט.
עס האָבן זיך געליבט יונגע אידישע ווייבלעך — וואָס זענען געפאָרן צו זייערע מענער, ווידער פאַרלייגן א היים אין א נייע אומבאַקאַנט לאַנד, — מיט מיטליאָריקע פאַרהייראטע מאַנספּאַרשוינען, וועלכע האָבן געלאָזן זייערע פרויען און קינדער אינדערהיים און געפאָרן אין דער וועלט אריין, ערגעץ אָנהויבן פונדאסניי.ביידע האָבן נישט געוואוסט אף זיכער, וואָס זיי קאָן דערוואַרטן וואו, אינעם נייעם לאַנד... און זיי האָבן זיך געטרייסט איינס אין דאָס אנדערע, געגאַרט אין דער גליענדער לאַסקע צו דערשטיקן מורא און זאָרג... און די אידישע עלנטע מיידלעך האָבן זיך געליבט אין די שלאַנקע ענגלישע מאַטראָסן־יונגען, און באזונדערס — אין די געציילטע א י ד י ש ע יונגען צווישן זיי, צו וועמען עס האָבן געהאַט פארבלאָנזשעט פון ערגעץ א פּאָר אידישע ווערטער, וואָס האָבן באַקומען אין זייערע שטייפע פיסקעס אלע חנ׳ען, און פאַרן בלויזן ארויסרעדן זיי — אונזער מאַמע־לשון, אין פיין — האָבן די אידישע מיידלעך זיי געקושט און געביסן, פאַר פרייד...
אפן אָוונט, גלייך נאָכן אָפּעסן, האָבן די יונגע פריילעכע מאַטראָסן — זיך־אָפּאַרעט פונעם טאָג ארבעט — זיך אויסגעזעצט אף דער מיטלסטער דעק און גענומען אויסשפּילן אף האַרמאָניקעס פארשיידענע שימים און פּאַקסטראָטס; דערביי, אליין צוגעסוויסטשעט און צוגעקלאַפּט צום טאַקט. דאָן האָבן זיך אָנגעהויבן, אין דער האַלב־טונקלעניש, די טענץ, וועלכע האָבן זיך פארצויגן ביז שפּעט, גאָרנישט געטראַכט ווען אויפצוהערן. דאָ האָבן געטאַנצט אלע, אפילו די יעניקע, וואָס האָבן, קיינמאָל אין זייער לעבן, נישט געפּרואווט דערלערנען, וויאזוי צו שטעלן א פוס. מע האָט זיך ארומגענומען און באַוועגט אין דער פינצטער, זיך־געטוליעט, מאַן און פרוי, אין אייגאנדער, זיך־געהאַלזט און געקושט און אָן־ווערטער זיך־אָפּגעגעבן דער ליבע, וואָס האָט איבער אלעמען געהערשט... דאָ, אין דעם ליבע־פלאַטער, האָבן זיך אויך געדרייט די אוקריינישע כאַכאָלן און כאַכאָלקעס, וועלכע פלעגן, צום־אָנהויב, זוכן זיך־צו־האַלטן צוזאַמען; נאָר דער אַלגעמיינער פייער־שטראָם האָט זיי אָפּגעטיילט פונאַנאַנדער, און זיי גלייך ארייננגעצויגן מיטגעריסן מיטן פלאַמיקן בראַנד פון אלע...
דאָ אינדערמיט, האָט זיך ארומגעדרייט דער „טונקעלער קראַסאַוויעץ״ דער וויצלער, אזוי ווי איינער, וואָס זוכט צו כאַפּן פיש אין מוטנע וואַסערן... ער האָט געדאַרפט אינזינען האָבן זיך אויסצוהיטן פאַרן אייפערדיקן אויג פונעם אַלטן יוסף דעם דאַלמעטשער, וועלכער איז גלייך גע־

ווארן אף אים א מבין א ריכטיקער און דערקאַנט, לויט יענעמס שטיקלעך, אַז ער גייט עפּעס נישט גלייך, ווי יעדער איינער; נאָר אַז דאָס שניידט ער זיך גאָר אינדערפינצטער, מיט באַזונדערע געגנלעך. וואָס מאַכן חושד־זיין אין אים שמוציקע זאַכענעס... און דער אַלטער, וועלכער האָט געדינט אַף דער שיף נישט נאָר אַלס דאַלמעטשער, נאָר אויך אַלס מאַראַל־היטער, — האָט שוין יענעמס „קראַסאַוויעץ" נישט אָפּגעלאָזט. צוערשט, האָט ער אים אויפגערופן, ער זאָל אים אויסזאָגן אָפן זיין באַשעפטיקונג, דאָס פאַך. אַז יענער האָט זיך אַנגעגעבן, אַלס שערער, — האָט יוסף גלייך געוואָלט זיך איבערצייגן, אויב עס איז ריכטיק, און אים געהייסן עס פּרובירן מיט איי־ניקע עמיגראַנטן. דער וואוילער יונג האָט זיך געמאַכט קוראַזש. מע האָט דאַביוועט פון ערגעץ א שערל מיט א ברייטווע, און ער האָט זיך גענומען פאַר דער אַרבעט. זעענדיק, וויאַזוי דער אַלטער גיט אַף אים גוט אַכטונג, — האָט ער אים געוואָלט איינגעמען מיט גוטן, צעשטרייען זיין בייזקייט, פאַרעדן די ציין מיט א מעשה א שפּאַס — ווי ער איז שוין געווען גע־וואוינט, א פּנים. דערצו; געזען, אַז עס גילט אומעטום; מסתמא, וועט דאָ אייך נישט אַנדערש זיין... ער האָט געזוכט אין נערדאַנק דעם געהעריקן וויץ. וועלכער זאָל זיך פּאַסן אַהערצו; און, בשעת מעשה, געקוקט אָפן דיקלעכן אַלטן מיטן שפּיציקן פּליכעוואַטע קאָפּ און מיט די קיילעכדיקע פּיסלעך, וועלכע זענען זיך צונויפגעגאַנגען בא די עקן, אים ניבנדיק דעם אויסזעען — אָט, פון א בייכיקן פאַרשניצטן ציגאַר; אָט, פון א נעטן צע־פּעלינדל... אָט דאָס איז עס. ער האָט אים געפּאַקט, דעם וויץ...

— ...דערציילט מען... — האָט ער אָנגעהויבן, אַזוי ווי נישט אים מיינט מען, און דערביי געריסן שטיקער מיטן שערל פון איינעם אַן עמי־גראַנטס קאָלטאַנעוואַטער טשופּרינע — עס איז געווען גלייך, ווי דער צע־פּעלין האָט זיך באַוויזן אין דער לופטן. איז אין הימל געוואָרן א רעש, א טומל... „ווער ווייסט, וואָס נאָך די משוגענע מענטשן האָבן דאָרט אויס־געקלערט אונטן, אַף דער זינדיקער ערד!" — האָבן געשריגן די הייליקע מלאָכים, און געלאָפן פרעגן בא גאָט אליין, דעם אַלטן טאַטן, וואָס דאָס איז. נאָר דער פאָטער האָט זיך גענומען בייזערן און שרייען, אַז, זינט דעם מבול אָן, בימי נוח, איז ער שוין מער אַף דער וועלט נישט געווען, און ער וויל גאָרנישט וויסן, וואָס דאָרטן טוט זיך. פון זיינעטוועגן, זאָל זיך די וועלט איבערקערן!... זענען די הייליקע מלאָכים אַוועק פרעגן באַם זון, דעם נוצרי... אָבער אויך ער האָט נישט געוואָלט הערן דערפון... וואָס גייען אים אָן די מענטשן?! זיי האָבן אים געפּייניקט און געקרייציקט... „— זאָ־לן זיי גיין צום טייוול!..." זעען די מלאָכים — עס איז שלעכט. זענען זיי אוועק צו דער הייליקער גוטער מאַמען, דער יונגפרוי, טאָמער וועט זי זיי זאָגן, וואָס דאָס איז... און עס איז געווען, אַז מרים האָט א קוק־געטאָן, דורך א פענצטערל פון הימל, אָפן צעפּעלין, וואָס איז געפלויגן אין דער לופטן,

— האָט זי פאַרבראָכן אירע הענט און אויסגערופן: — „אוי וויי, טאַטע זיסער! ווי דער הייליקער גייסט איז דאָס אויסגעוואָקסן!...”

דער קראַסאַוויעץ האָט איצט געקוקט אַפן אַלטן, און דערוואַרט אַן אויסברוך פון געלעכטער. נאָר דער דאַלמעטשער האָט אַפילו קיין שמייכל נישט געטאָן אַף דעם גראָבן באַנאַלן וויץ. ער האָט אויסגעקוקט איצט נאָך שטרענגער ווי פריער, און עס איז געווען פאַרוואָס. די צערעמאָניע מיטן שערן און ראַזירן האָט שוין געהאַלטן צו ענדע. אויסגעקליבן פאַרן עקספערימענט האָט דער וואַוילער יונג אַן אוקריינישן שייגעץ, ווייל — ווי אַ זאַך מאַכט זיך... איצט, איז יענער כאַקאַל געזעסן, אַן אַרומגעגריזשעטער־אָפּגעסטריזשעטער אַפן קאָפּ, און אַ צעקיילטער אַפן פּנים, אַףביידע באַקן, וואו פון אַ סאַך שניטן האָט געיושעט דאָס בלוט... דער שווינדל איז געווען אויבנויף... איצט, האָט אים דער אַלטער יוסף געוואָרנט, דעם זשוליק — ער זאָל זיך היטן די ביינער; ווייל באַם ערשטן בעסטן פּאַרט קאָן ער אים אַרונטערזעצן פון דער שיף; צוריקשיקן אַהין, פונוואַנען ער קומט... און דער „קראַסאַוויעץ” איז געבליבן איינגעזונקען...

אַזוי אָבער, האָט די פרייד געברענט אַף דער שיף, באַטאָג און באַנאַכט. עלף אַזייגער אַפן אָוונט, האָט דער אַלטער מאָראַל־היטער דערלאַנגט אַ פייף, און די טענץ האָבן גלייך אויפגעהערט; עס האָט געמוזט איינגערעטן די נאַכט און דער שלאָף. מע האָט אים נישט ווידער־געשפּעניקט קיינס, דעם אַלטן, און מע איז זיך צעגאַנגען, איטלעכער — ווייט פונעם אויג... אַהין, אין דער פינצטערניש, איז דער אַלטער נישט נאָכגעקראָכן. ער האָט זיך געהאַט זיינס אינזינען. ווי נאָר עס איז געוואָרן שטיל אַרומנאַרום, — האָט ער זיך געלאָזן אַרונטערגיין די טרעפּ; זיך גענומען שאַרן, אין דער לענג פונעם שמאָלן קאָרעדאָר, צווישן די קאַיוטן; אָנגעקלאַפּט אַן דער טיר פון איינער, און מע האָט אים גלייך געעפנט. דאָרט האָט געוואוינט אַ מיטליאָריקע פרוי מיט אַ טאָכטער. נאָר דער אַלטער יוסף האָט געוואוסט, אַז ער וועט איצט, ווי תמיד אין דער צייט, טרעפן דער מוטער אַליין וואַרטן אַף אים...

באַזונדערס האָט זיך די פרייד צעברענט אין עטלעכע טעג אַרום, ווען עס איז מיטאַמאָל געוואָרן וואַרעמער, און די שיף האָט, איינמאָל, אין אַ פאַרנאַכט, אָנגעשפּאַרט באַ די ברעגן פון שפּאַניען, וואו זי האָט זיך פאַרהאַלטן, אַף אַ מעסלעם צייט, און עס זענען איינגעשטיגן אין דער אונטערשטער קלאַס הונדערטער שפּאַנישע אַרבעטער, מענער און פרויען. זיי זענען געפאָרן קיין בראַזיליען און אַרגענטינע אַף סעזאָן־אַרבעט, די שניטצייט פון באַנאַנעס און קאַווע, צוקער־ראָר און מאַיס. ווי גענייטע ים־פאָרער, האָבן זיי נישט געוואוסט פון קיין איבלען, פון ים־קראַנקייט. כאָטש קיינס האָט זיי נישט פאַרשטאַנען, איז מען זיי גלייך געוואָרן גערן, צוליב זייער פרייילעכקייט און באַרעדעוודיקייט, וואָס האָט געשפּאַרט פון זיי,

ווי פון אַ קוואַל, נישט איינצוהאַלטן אים אַף אַ רגע. זיי האָבן מיטגע־בראַכט מיט זיך און מכבד געווען איטלעכן מיט האַלץ־וויין; אַף האַלבן שטום־לשון, באַלד געשלאָסן פריינטשאַפט מיט יעדן און גערופן טאַנצן זייערע נאַציאָנאַלע קאַסטאַנעטן־טענץ. וואו זיי האָבן אַליין צוגעקנאַקט מיט די פינגער צום טאַקט, בעת די מאַנדאָלינע־שפּילער האָבן טרוויריק אויסגעצויגן דאָס געדרייטע געשלענגלטע געזאַנג, וועלכעס האָט זיך אַזוווי געקייקלט צווישן בערג, אַמאָל — העכער, אַמאָל — נידעריקער, אָבער שטענדיק — וואַרעם און מילד־גלעטנד, ווי אַ גוטע טרייסט אין אַ פּיין, אַזוווי אַ געליבטערס אַ לאַסקע, וואָס באַרואיקט און שטילט איין דעם ווי...

אַזוי — אַ גאַנצן פאַרנאַכט. אָבער דאָס איז געווען גאָרנישט, אין פאַרגלייך מיטן אָוונט, אַז עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אַלגעמיינע טענץ. די יונגע שפּאַנישע אַרבעטער־מיידלעך האָבן זיך אויסגעשטעלט באַ די זייטן אַרום, און זיך נישט געלאָזן אָנרעדן פונעם יצר־הרע, וועלכער האָט זיי געצויגן — אַריין אין דער מיט, גיין טאַנצן גלייך מיט אַלע. וויפל די איי־דישע יונגעלייט האָבן זיך נישט געדרייט אַרום זיי, זיי געלאַשטשעט מיטן בליק און געבעטן, אַף שטום־לשון, צו גיין מיט זיי טאַנצן אינעם אַלגעמיי־נעם קאַראַהאָד, — האָבן די שפּאַנישע טעכטער זיי אָפּגעטריבן פון זיך. אַליין נישטוויסנדיק דערפון, — האָט זיי, אַ פּנים, נישט געווייצט דער קרובישער אידישער אויסזעען און, ווי פלאַם־פייערדיקע קאַטאַליקן, האָבן זיי געדראָעט די שוואַרץ־האָריקע אידישע יונגעלייט מיטן פייער פונעם „אינפיערנאָ", פונעם גהנום, הייסט־עס, וואָס וועט קומען פון אונטן, פון דער טיף. (אַזוי האָבן זיי געניי אָנגעוויזן מיט דער האַנט.) און זיי פאַר־צערן, די זינדיקע, אַף אַש...

דערפאַר, האָט מען געקאָנט זען, ווי עס איז זיי אויסגעגאַן דאָס האַרץ, די פרימיטיווע מוידן, אַף די בלאָנד־האָריקע שלאַנקע ענגלישע מאַ־טראָסן־יונגען קוקנדיק. און ווען יענע זענען צוגעקומען, זיי גענומען פאַר די הענט צום טאַנץ, — האָבן זיי נישט געהאַט קיין כוח מער זיך צו שטעלן אַנטקעגן; האָבן זיי זיך גלייך אונטערגעגיבן דעם אומווידערשטייליכן רייץ און תענוג און, מיט אַ שווערן זיפץ, און מיט פאַרפרעסטע אויגן, זיך גע־לאָזן פון די יונגען פירן, אַ, גלייך אין שוואַרץ־פייערדיקן גהנום אַריין...

איצט האָט די פרייד געבערעגט מיט העלישן פלאַקער.

זי איז נישט געשטערט געוואָרן, אפילו דערפון, וואָס ערשט איז גראָד אויסגעפאַלן יום־כפור אַפן אָוונט; און פרומע אידן און אידענעס פון פּוי־לן, רומעניע, אונגאַרן און גאַליציע האָבן זיך געהאַט אויפגעקליבן אין איין סאַלאָן און גענומען אָפּריכטן די תפילות, כדת וכדין. דער אַלטער יוםֹ, וועלכער האָט אַף אַלץ געהאַט אַן אויג, האָט געבראַכט פון ערגעץ אַ ספר־תורה און זי אַוועקגעלייגט אַף אַ טיש, אינמיטן סאַלאָן... אידן האָבן זיך

פלוצטהאלבן דערמאנט אן דעם גירוש־שפאניע בימי טורקוועמאדו הרשע ימח שמו; זיך אליין געגומען צוגלייכן צו זייערע פארצייטישע ברידער, די גרושים, וואס האבן זיך אויך אזוי נעבעך אומגעבלאנקעט אף אלע שבעה ימים; אף דער עלטער, געזוכט א היים... און עס איז זיי מיטאמאל, די אידן דא, באפאלן אזא ביטער רחמנות אף זיך אליין מיטן עלנטן בני־בית זייערן, — אז זיי האבן זיך צעכליפעט, ווי די קליינע קינדער; און די ווייבער, אף זיי קוקנדיק, האבן גאר גענומען קלאגן אפן קול... אבער דאס האט נישט געשטערט זייערע מיידלעך, די דערוואקסענע טעכטער, דא דאנעבן, אף דער מיטלסטער דעק, צו טאנצן, אזוויווי אלע אוונט, אין דער צייט; זיך פארגיין אין פרייד... צוליב דער שכנות, האבן זיך געמישט, סיי אף דער דעק און דא אינעם געבעט־סאלאן — געוויין צו מוזיק און פארקערט; אבער עס האט גארנישט אויסגעמאכט, ווייל איטלעכער איז געווען פארטאן אין זיינס: דא, אין דער פיין; דארט, אין דער ווילדער שיכורער פרייד...

עס האט זי אויך נישט געשטערט, יענע פרייד — דאס גרויסע אומגליק, וואס האט געטראפן דער דייטשער פאמיליע פון טשעכיען. די אלטע מוטער האט נישט געקאנט פארטראגן די גראבע עסנס פון דער דריטער קלאס; און קיין אנדערע האט מען איר נישט געגעבן; איז זי איינגעגאנגען, פון טאג צו טאג, געווארן איינגעשרומפענער־איינגעדארטער; זי האט געטאנעט אפן אויג. דער אלטער דייטש און דער זון האבן זיך געקלאגט פארן דאקטער און געבעטן, מע זאל איר אריינגעמען אינעם שיפס־שפיטאל. נאר דער קאלטער ענגלישער מעדיקער, א שטרענגער אנהענגער פונעם רעגלאמענט, — האט אפילו נישט באוויליקט גיין באטראכטן דער קראנקער, ווייל נישט דער שפיטאל און נישט די פריוואטע אונטערזוכן האבן זיך אנגעהערט מיט דער דריטער קלאס. דארט האט געגאלטן דער אלגעמיינער רעזשים אף־בלינד פאר אלע חולאים: היינט — ביטער־זאלץ, מארגן — ווין, וחוזר חלילה... די אלטע דייטשקע איז געווארן דאר און קליין, ווי א קינד. זי איז אויסגעגאן פון הונגער. דאס איז געפאלן אין א פרימארגן. מע האט איר ארפגעלאזט, אף עטלעכע שעה, אין אזא מין פריר־קאסטן, וואס מע האט אנגערופן — טויטן־צימער. דארט, איר געלאזן אליין. ערגעץ, זענען אנגעגאנגען די פארמאליטעטן. דער אלטער דייטש האט זיך געזוכט דערשלאגן צום קאפיטאן. ער האט פארזיכערט, אז זיינע קינדער אין ארגענטינע זענען רייך, און זיי וועלן באלוינען פאר אלץ, אויב מע וועט זיי נאר ברענגען דער מאמעס טויטן גוף... אף אלע טענות, איז געקומען דער איינער קאלט־ענגלישער ענטפער: — רעגלאמענט פארן דריטן קלאס... ביז, די פארמאליטעטן זענען געווארן פארטיק. מע האט דעם גוף פון דער אלטער אריינגעלייגט אין א ברעזענטענעם זאק און אים צוגעבונדן מיט שטריק צו א ברעט. דאן האט זיך אנגעהויבן די לוויה. מאטראסן האבן גע־

טראָגן די ברעט מיט דער טויטער, געשפּאַנט לאַנגזאַם צו דער נאָז פון שיף, וואו מע האָט איר געדאַרפט אַרונטערלאָזן אין ים... הינטן זענען נאָכגעגאַן דער אַלטער און דער זון, געקוקט אויף דער פרוי און מוטער און געחזרט טויט־ערנסט, דראָענד:

— פּאַולינאַ, זיי נישט ברוגז... מוטער, זיי נישט ברוגז...

אַזוי — אַסאַך מאָל... הינטער זיי זענען נאָכגעגאַן געציילטע עמיגראַנ־טן, און זיי האָבן אויסגעזען גערירט.

נאָר אַז עס איז געקומען דער אָוונט, — האָט זיך די העלע פרייד צע־פלאַקערט מיט אַזאַ פּאַליש, ווי קיינמאָל. דער טאַנץ אויף דער מיטלסטער דעק האָט געברענט און אַריינגעצויגן אַלעמען פאַרלעך אין דער מיט. אײ־נעם פלאַטער פון באַהעפטן לייב האָט מען געזוכט צו דערוואַרגן דאָס באַ־טאַגיקע געשפּענסט פון טויט, זיך אַוועקדרייען דערפון, זיך אַליין פאַר־דרייען אין אַ קאַראַהאָד־אַ געווימל, אָן אַ אָנהויב־אַ סוף, זיך פאַרשיכורן, פאַרגעסן, אָ... ווייל דערשפּירט האָט עפּעס איטלעכער מיטאַמאָל, היינט באַטאָג, מיט אַזאַ שרעקלעכער באַשיינפּערלעכקייט, ווי — צו אַלץ קומט אַ סוף... מע לויפט אין דער וועלט אַריין, מע פּאַדעט, מע פּליט, מע מיינט — עס האָט נישט קיין ענדע. און פּלוצים, בלייבט מען אויפגעטרייסלט שטיין און קוקן, וויאַזוי... אָן דאָרט פון נעפּל נעמט זיך שוין אויסשיילן דער ברעג...

און עס איז געווען, אַז פּליגלמאַן דער מילאָשצער האָט דערזען, באַלד צום אָנהויב, וואוהין ער איז דאָ אַריינגעפאַלן און וואָס פאַר אַ שרעקלעכע נסיונות עס שטייען אים פאָר, — האָט ער דערשפּירט, ווי עס האָט אים אַרומגענומען אַ שווינדער.

ער איז געווען דער איינציקער פון די עמיגראַנטן, וואָס האָט נישט גע־מייקנט, און ער האָט, דערפאַר, באַלד פונעם ערשטן טאָג, גענומען אַרויס־העלפן די מאַטראָסן, אין זייער רעטונגס־אַרבעט אַרום די פאַרשלאָפטע. ער האָט דאָס געטאָן מיט פלייס און פרייד, וואָס ער קאָן ברענגען דער־לייכטערונג די אומבאַהאָלפענע. אין זיין אַרבעט, איז ער געווען פול אַר־מעטום; אַנגעשפּאַרט אין אַלע פּאַלאַטן און קאַיוטן, וואו נאָר ער איז נוי־טיק געווען; און דאָ האָט ער גענומען צוזען זאַכן, וואָס האָבן אים גע־מאַכט אויפציטערן פון גרויל...

צומיינסטן, האָט ער זיך עפּעס געפּלאָנטערט צווישן די פיס דעם „טונ־קעלן קראַסאַוויעץ" מיט זיין חברותא; כסדר אָנגעקומען דאָרט, וואו מע דאַרף נישט; זיי איבערגעשלאָגן אינדערמיט, אַזש יענע, די באַנדע, פלעגט אויפשוימען, פאַר רציחה. זיי האָבן אים געפּרואווט אַריינציען אין זייער־כנופיא, מיט גוטן, מיט בייזן — עס איז נישט געגאַנגען.

— ...איר זענט דאָך עפּעס גאָר, ווי יענע הייליקע אַלציינס, כאַ־כאַ־כאַ... — האָט דער „קראַסאַוויצע געחוזקט אוים זיין קאָפּ, געלאַכט הויך אַפן קול.

און ער האָט גענומען דערציילן די באַקאַנטע לעגענדע מיט דער הייליקער און דער זינדערין... ביידע, נאָכן טויט, קומען צו די טויערן פון הימל. די הייליקע שטייט גדולדיק אין דער זייט, וואַרט — יענע זאָל אַוועק. נאָר די זינדערין, וואָס האָט זי אָנצואַווערן? זי קלאַפּט אָן... עפנט זיך אַ טירל, און אַ קאָפּ פון אַ מלאך באַווייזט זיך. „זאָג, האָסט אַסאַך שלעכטס געטאָן אויף דער זינדיקער ערד?" „אָט אַזוי, ווי באַ מענטשן..." — ענטפערט די מויד פאַרשעמט. און זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. נאָר פון הייליקן מלאכס בליק גייט גאָרנישט פאַרלוירן. ער כאַפּט זיך גלייך... אַ פאַרבלאָנזשעט אומגליקלעך שעפעלע... און זיין האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט רחמנות צו דער עלנטער. ער פרעגט איר מילד... „און מיט דער טראַכט, וואָס גאָט האָט דיר געבענטשט, האָסטו אַסאַך קינדער־גליק געבראַכט, טאַכטערשע?" די מויד שיינט אויף, אַ גליקלעך־אומשולדיקע. זי ענטפערט, אומגעטראַכט: „אַסאַך גליק, הייליקער מלאך, האָב איך די מענטשן־קינדער געבראַכט..." „אַזוי? ביזטו דאָך אַ צדיקת, מיין קינד... און זיך נעבעך אַזויפיל אָנגעליטן אויף דער רישעותדיקער ערד!... גיי אין גן־עדן גלייך — אין היכל פון די הייליקע אימהות..." באַלד דערנאָך קומט אונטער די הייליקע, אַ ברוגזע, אַ שטרענגע, אַ זויערע. זי קלאַפּט אָן. עס עפנט זיך דאָס זעלבע טירל, און דער קאָפּ פון מלאך שטעקט אַרויס. „זאָג, וואָס האָסטו געטאָן אויף דער נידעריקער וועלט — אַ וודאי, אַסאַך גוטס?" „איך האָב געדאַוונט, טאָג און נאַכט, הייליקער מלאך, און געלערנט אַנדערע צו פּירכטן פאַר גאָט..." — ענטפערט די אַלטע צדיקת, וואַרפט אַ הונגעריקן בליק אַפן שיינעם מלאכס קאָפּ, כאַפּט באַלד אַוועק די אויגן, אין דער פרום... פון איר תאווהדיקן בליק, מע זעט, ווערט דעם הייליקן מלאך נישט גוט אַפן האַרצן. ער כאַפּט זיך גלייך, מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן, און ער דערלאַנגט איר אַ פרעג... „און די ברכה, וואָס דער אַלמעכטיקער האָט דיר געשאָנקען, אויף וואָס האָסטו פאַרוואָנדן?" די הייליקע צינדט זיך אונטער — ווי וואָגט ער?! — נאָר פאַרפאַלן, אַז מע איז באַ זיי אין די הענט... און זי ענטפערט שטרענג: „— קטנים!" „— אויב אַזוי, הייליקע — רופט אוים דער מלאך מיט אַפּלאָם, און ער פאַרהאַקט איר דאָס טירל הינטער דער נאָז — קאָנסט צו שוין גיין גדולים אויך!"

צי פּליגלמאַן האָט זיך נישט אָנגעשטויסן, אָדער ער האָט זיך געמאַכט אַזוי, — איינס, אַ פּנים. האָט ער גלייך באַגריפן, אַז אים שטייט דאָ פאַר אַ גרויסע געפאַר, דאָ, איבעראַל; און ער מוז זיך אָפּטראָגן באַצייטנס, היטן די ביינער.

ער האָט זיך גענומען האַלטן אָן אַ זייט פון אַלץ און פון אַלעמען, און

עס האָט אים נישט געדאַרפֿט שווער אָנקומען. די שיף איז געווען גרויס, און מע האָט געקאָנט אומגיין איבער איר פֿריי. איטלעכער איז געווען פֿאַר־טאָן אין זיינס, און מע האָט אים נישט אינזינען געהאַט.

דאָס ערשטע מאָל באַדערנאַכט, גלייך נאָך די טענץ, האָט ער זיך אָפּ־געקליבן און אַרויף אַף דער מיטלסטער דעק, צו זיין אַליין דאָרט און, אויס דעם אייזערנעם פּאָרענטש, קוקן אַפֿן נאַכטישן ים.

ער האָט דאָרט צוגעבראַכט, די גאַנצע נאַכט. מיט דעם אַנטבלויזטן קאָפּ, מיט דער צעכראַסטעטער ברוסט — אָפּגעגעבן צום ווינט... פּלוצים; ער האָט אַליין נישט געוואוסט — פֿונוואַנען, — האָבן זיך אַנטפּלעקט אין אים פֿריש־צאַפּלדיקע קוואַלן געזאַנג, יונגע און לויטערע אַזוינע, ווי ער האָט עס גאָר קיינמאָל נישט געפֿילט אין זיך — אַפֿילו נישט אַמאָל, אין די קינדער־יאָרן, אין דער היים... און ער האָט זיי גלייך געלאָזן אויסשטראָ־מען פֿון זיך, די קוואַלן, טאַקע דאָ, אין דעם צעשפּילטן שטורעם פֿון דער נאַטור... ער האָט מעכטיק געזונגען, ב י ז ב אַ ג י נ ע ן אַ ז ו י , פֿאַר די צעבושעוועטע עלעמענטן, פֿאַרן ים אין אומרו; און ער האָט אָנגע־קוואָלן, אַ באַנומענער פֿון גליק, און ער האָט זיך צעוויינט מיט שטילע מילדע טרערן, ווייל אים איז פֿאָרגעקומען, אַז ע ר זינגט, און זיי, די ריזיקע באַרג־כוואַליעס, טאַנצן דאָס צום טאַקט פֿון זיין געזאַנג... און פֿון צווישן זיי, די וואַסער־פּלאַכטן, נעמען זיך דערהויבן מסוכן־גרויסע ים־פֿיש, וועלכע שפּרינגען אין דער לופֿטן, פֿאַר באַגייסטערונג, גלאַנצן מיט זייער פֿלוס־פֿעדערן־גאָלד אינעם טייערן באַגין, און זיי שלאָגן זיך אָן איינע אָן די אַנדערע, אַזוי־ווי זיי וואָלטן צוגעפּעטשלט־צוגעקלאַפּט — אַלץ צום רומל פֿונעם הערלעכן טאַנץ...

דעם גאַנצן טאָג דערנאָך; און אַזוי — אַלע אַנדערע טעג — האָט פֿליגלמאַן צוגעבראַכט אַלץ באַם זעלבן פּאָרענטש, אַף דער מיטלסטער דעק. ער האָט געפּאָרשט דעם שטילן, אָדער ברוגזן ים, געזוכט באַ אים עפּעס צו דערגיין, און ער איז אַליין געווען אומרואיק... ביז עס איז געקומען דער אָפּדערנאַכט,און ער איז געבליבן אַליין מיטן ים; און ער האָט זיך באַניים צונויפֿגעגאָסן מיט אים אין געזאַנג...

איינמאָל פֿאַרנאַכט, האָבן הימל און ים זיך אָנגעצונדן אין פֿלאַמען. די שיף איז געשוואָמען צווישן פֿייערן, זיך געגליטשט שטיל, אָבער גיך, ווי זי וואָלט געאיילט אָנקומען אין ערגעץ אין צייט... דאָרט, אַפֿן האָרי־זאָנט, האָבן זיך גענומען אויסשיילן פֿאַנטאַסטישע קאָנטורן פֿון אַ פֿאַר־כישופֿט לאַנד, וואָס האָט זיך געשמאָלצן איצט אין גאָלד און אין בראַנד, אונטער די גלוטנדע שטראַלן פֿון שטאַרבנדער זון... די שיף איז געקומען נעענטער אַלץ צו יענעם גאָלדענעם צויבער־לאַנד. זי איז געבליבן שטיין באַ די ברעגן פֿון שפּאַניען...

*

דעם גאנצן פארנאכט, האט זיך פליגלמאן נישט געקאנט געפינען קיין ארט אין ערגעץ, ווייל עס האט געזשומעט אומעטום, אין איטלעכס ווינקעלע, מיט די ארויסגעקומענע שפאנישע ארבעטער־לייט. ער, פליגלמאן, האט עפעס געוואוסט פון שפאניען, פון דער תקופת־הזהב, דער גאלדענער עפאכע פאר אידן אין יענעם לאנד, ביז צום גירוש; און ער האט דאס אלץ געוואלט אדורכטראכטן איצט, אין דער שטיל, ארויסרופן ווידער אין דמיון זיינע אמאליקע קינדער־אילוזיעס דערפון, בשעת ער האט עס געהאלטן אין לערנען...

ער האט אויך געוואוסט, פליגלמאן, אז ערשט איז יום־כפור בא אידן. און כאטש ער אליין איז שוין לאנג געווען א אויפגעקלערטער, נישט געהאלטן מער פון רעליגיע, — דאך פלעגט ער זיך תמיד, אין אזעלכע טעג, דארט אינעם קליינעם שטעטל, עפעס דערפילן נישט גאנץ מיט זיך, מיט זיין יא־גלויבן, אדער נישט־גלויבן... אזוי־ווי געשטיקט זיך, פאר ענגשאפט... איצט, אזוי ווייט פון דער היים; אליין, צווישן הימל און ים — איז אלץ געווען דאס אייגענע. ער האט זיך דערשפירט איבערגעלאדן מיט טויזנט רעיונות־דמיונות, וואס האט אים צוגעשפארט מיט א פלאטער געוויטער צום קאפ און צום הארצן; א, ער האט געמוזט בלייבן מיט זיך אליין, א ווײלע, אף צו מסדר זיין דאס אלץ מיט א טאלק, זיך אליין איבערלייגן, וואו ער האלט אין דער וועלט... אבער ער האט נישט געקאנט אויסזוכן, באין אופן, קיין רואיק מקום פאר זיך און פאר זיין התבודדות.

באלד באדערנאכט, נאך די טענץ, האט ער זיך געפרואווט ווידער ארויפקלויבן, ווי ער איז שוין געווען געוואוינט, אף דער מיטלסטער דעק. האט ער אבער נישט געוואוסט, אז די דעק דינט איצט, אלס שלאף־פאלאטע פאר די שפאניער. און עס איז געווען, אז ער איז, יענץ מאל, ארויפגעקומען אהינצו און דאס דערזען, — איז אים געווארן פינצטער פאר די אויגן... איבער דער גאנצער דעק זענען זיי געווען צעלייגט, די מענער, די פרויען און די קינדער, און צוגלייך, ווי אין איין קנויל איינגעפלאנטערט. זיי האבן געזויפט זייער האלצוויין, געלאכט און געזונגען, זיך געוואליעט איינס אף דאס אנדערע, זיך געקנופן, געשטורכעט, אויסגעקוויטשעט אלע מאל היימ־היסטעריש געבערום אין דער צערודערטער נאכט אריין...

פליגלמאנען האט אזש א חלשות באשלאגן, און ער איז קוים אנטלאפן פון דארט מיטן לעבן...

געוואלד, וואו טוט מען זיך אהין?!

דעם אנדערן טאג, איז אים געקומען אפן רעיון: אפשר, אף דער גאר אויבערשטער דעק?

אט דאס איז געווען א איינפאל. ערשט דארט האט ער געטראפן, מיט אן אמת, פריש, ווינטיק און פריי. אהין וועט קיינער נישט קומען אים שטערן.

ער איז דאָרט שוין פאַרבליבן, דעם גאַנצן באַטאָג און דעם פאַרנאַכט,
ביז די שיף האָט גענומען אָפּגיין פון די ברעגן פון שפּאַניען אין אָפענעם
ים אַריין... ווידער האָבן הימל און תהום זיך גענומען צעצינדן צעפלאַקערן
אין קאָכיקן גלוט, פון איין עק האָריזאָנט ביז צום צווייטן, און איינהילן
פאַרשלייערן די שפּאַנישע ערד אין אַזאַ לעגענדאַרישן צויבער־שפּיל פון
בלוט און בראַנד... אַקוראַט, ווי מאָרוימדיקע שייטערהויפנס, אינקוויזיציע־
טייפלשע פייערן האָבן זיך פאַרלייגט צו אויפפרעסן־פאַרלענדן די זייַלן
פון דער וועלט, און מיט זייערע פרעכע שפּאָט־פלאַמיקע צינגער אויפגרי־
זשען די צעגליטע־צעזאָדענע הימל־געוועבן, אַז צעקראַכטע אַף אַש־פאַר־
קוילטע, זאָלן זיי איינברעכן פאַראַמאָל, איינגוואַלגערן און אין בלוטיקן
גהנום־תהום בלייבן איינגעזונקען...

...פלוצים, האָט פאַר פליגלמאַנס צעפּייניקטער זעל אויפגעראַשט, אי־
נעם ים־און־הימל־בראַנד, דאָס שטעטעלע מילאָשצי, מיט די איינגעהווי־
קערטע געסלעך, מיט דעם היימישן הימל, די באַגינענס, די אָוונטן, מיט
די הינטערשטעטלשע וועגן, די סעדער, די לאָנקעס, אָ, מיט דעם גאַנצן
אינהאַרצנאיינגעבאַקענעם טומל־זשום, העט, פון די ווייטע קינדער־יאָרן
אָן, ביז אַצינד... דאָס שטעטעלע, אַזויווי אַ קינדער־שפּילעכל, אַ קאַרטינ־
קעלע אַ קליינס, נאָר אַ בילד־שיינס, נעמט זיך דערנענטערן אַהערצו, אַליין
שלאָגט עס זיך דורך אַ וועג צווישן פייער און בראַנד, גרעסער ווערט עס,
קלאָרער, בולטער און שאַרפער... אָ, עס זינגט דאָס שטעטל, ווי אַמאָל. אַלע
זינגען, גרויס און קליין... פון דאָרט, פון דער נייער שיל פלייצן די מעב־
טיקע און, צוגלייך, די האַרציקע קוואַלן געזאַנג... זיי שפּאַרן אָן אומעטום,
אין דער הויך און אין דער נידער, מיט זייער פרייד, מיט זייער גליק, אָ,
מיט זייער שווערער שווידערהאַפטער פּיין... אַזש זיי צעשפּאַרן, זיי רייסן
א ו י ף פאַראַמאָל פליגלמאַנס צעבלוטיקט האַרץ, זיין גאַנצן געבראַנד־
מאַרקטן, אָ, געלייטזעליקטן גוף... און אַז זיי שלאָגן אַרויס אַף דער פריי,
רופן אויס, מיט אַ פּירכטערלעך געשריי...

„ובכן ולך תעלה קדושה,
כי אתה אלוהינו ה מ ל ך !
ונתנה תוקף קדושת היום,
כי הוא נורא ואיום...״ —,

...אַזוי בלייבן פלוצים שדישע פלאַמען געפּלעפט־אויסגערונען. שפּאַ־
טישע פייער־צינגער — אָפּגעדאַרט־פאַרטרוקנט. בלוטיקע תהומען — פאַר־
שוואונדן־איינגעזונקען...

...און אַ קול, ווי אַ טויב, וואָרקעט אין דער שטיל, און עס וויינט...
...אמנון, מיין קינד... ווי איז צום פאָטער און ווינד...

...גאַטס טריט שוועבן אַפן ים... די לויטערע קוואַלן טרערן פון זיינע גוטע פּאַטערלעכע אויגן גיסן זיך אויף מיט די כוואַליעס... בלייבן די לעצטע צוגעשטילט, פאַר פורכט און פאַר גליק...

.. איצט נעמט פליסן טייער בלאַ ליכט פון די שטילע הויכן, אויס די דרעמלענדע טיפן... ווי שפּעדיקער באַלזאַם. דאַס גרויסע גענאַד, וואָס מאַכט פאַרהיילן די בלוטנדע וואונד. וואָס פאַרוויגט אין זיסן טרוים. וואָס טרייסט. וואָס זאָגט צו...

*

פון דעם מאָל אָן, האָט פליגלמאַן צוגעבראַכט דאָרט, אַף דער אויבערשטער דעק, אַלע אַנדערע נעכט פון דער רייזע, און אויך יעדע פרייע מינוט פון זיינע טעג. ער האָט זיך אַזוי־ווי אַרויסגעצויגן פון דער וועלט, און אַריבער אין אַ נייער רייצנדער פאַנטאַסטישער וועלט פון גליק און פיין... ער איז געבליבן לחלוטין זאַרגלאָז לגבי די ערדישע צילן פון זיין רייזע, ווייל ער האָט לגמרי פאַרגעסן, וואוהין ער פאָרט, פונוואַנען, צוליב וואָס פאַר אַ צוועק; און אַפילו, ווער ער אַליין איז... אין זיין אייגענער אויסגעטרוימטער וועלט, ווי מיר האָבן כסדר געזען, האָט ער זיך געהאַט זיינע אַנדערע זאָרגן און פריידן, צילן און דערגרייכונגען. ער איז געבליבן, קאָ מע זאָגן, מיט אַלע זיינע חושים, אַפן צו נאַטור און וועלט. און ער האָט געלאָזן אָנזאַפּן זיין אויפגערעשט געמיט מיט אַלע וואונדער, וואָס ער האָט אָנבאַגעגנט אַפן וועג פון זיין לאַנגער אויסטערלישער רייזע, וואו ער האָט געהאַלטן אין איין פאָרן; אָבער, נישט געקוקט אַף דעם אַלעמען, דאָך געשטאַנען אַף איין אָרט...

ערשטע טייל

היים און וועלט

1

אין איינעם אַ הייסן פרימאָרגן, איז די שיף, מיט וועלכער פליגלמאַן איז געפאָרן קיין אַרגענטינע, — אָנגעקומען אין פּאָרט פון ב. איירעס.

אונזער וועלט־פּאַסאַזשיר האָבן אָפּגעוואַרט אַסאַך לאַנדסלייט, יונגע און מיטליאָריקע, אויס מילאָשצי והסביבה. עס האָבן זיך שוין געפונען חברה אינדערהיים, וועלכע האָבן באַצייטנס צואווייסן געטאָן, אַז „דער משוגענער חזן" פליגלמאַן פאָרט, — און מע איז אים אַרויס אַנטקעגן מקבל־פּנים זיין, פון דער שיף אַרונטערנעמען... אָ, מע האָט נאָך גוט געדענקט זיין געזאַנג־מאַניע פון דער היים, און מע האָט געהאָפּט אַצינד זיך צו קאָנען אונטערהאַלטן אַביסל מיט אים.

פליגלמאַן אַליין, איז געווען אויסער זיך, פאַר איבערראַשונג, וואָס מע געדענקט אָן אים; זיין נאָמען גרייכט פיל ווייטער פונעם אייגענעם שטעטעלע. עס קלינגט שוין מיט אים אַזש די וועלט. דאָס האָט געמאַכט אָנפילן זיין האַרץ מיט אַזויפיל גליק און ליבע צו אַלע אַרום, — אַז ער האָט זיך שיר נישט צעוויינט. ער האָט זיך געוואָרפן האַלזן און קושן מיט זיינע אַלט־נייע פריינט, און גאָרנישט געזען די וועלט פאַר די אויגן.

עס האָט זיך געשטעלט אַ סמאַליענדיקער טאָג, אָקטאָברע מאָנאַט. דאָס יאָר, אַ פּנים, האָט זיך דער זומער שטאַרק געפעדערט; והשמש יצאה מנרתיקה, און די זון איז אַפּער פון איר פוטערפעסל, געלאָזן פילן, וואָס זי קאָן, באַזונדערס — אונזער פרישן גאַסט, פליגלמאַנען. נאָר, ער איז געבליבן איינגאַנצן פאַרטאָן אין זיינע עולמות, אַזוי ווי פריער.

חברים־לאַנדסלייט האָבן אויסגעשריבן זיינע זאַכן, מע האָט אַלץ אויפגעלאָדן אַף אַ געדונגענעם אויטאָ, וואוהין אייניקע פון זיי זענען איינגעשטיגן, צוזאַמען מיט אים, און די איבעריקע זענען נאָכגעקומען מיט אַ טראַמווײ.

איבערן וועג פאָרנדיק, דורך די שיינע גאַסן פון צענטער, — האָט פליגלמאַן יאָ־און־נישט געזען די הויכע געבייען און די אַלערליי דענקוויר־

דיקייטן פון דער יונגער קאָסמאָפּאָליטישער הויפּטשטאָט. אים איז עפּעס פּאָרגעקומען, אַז ער זעט דאָס האַלץ אין אַזאַ מין לייטזעליקן האַלב־דרעמל, וואו אַלץ טווישט זיך אַזוי שנעל פאַר זיין צעחושטן בליק, דערלאַנגט אַ גלעט איבער דער צורה, ווייעט אַן אַף אים אַ הויך און פאַרשווינדט... ער איז בטבע געווען, ווי מיר קענען אים שוין, פליגלמאַנען — אַ לאַנגזאַמער גייער, וואָס האָט שווער תופס־געווען אַ זאַך; דערפאַר אָבער, דערנאָך — זיך לאַנג דערמיט אַרומגעטראָגן. דאַקעגן, איצט, האָט ער, מחמת די צו־פיל בוימער, אויפגעהערט זעען דעם וואַלד. ער האָט אַפילו די בוימער אַליין רעכט נישט דערזען; זיי האָבן קוים אַ בלענד־געטאָן פאַרן אויג און אַוועק; אים אַליין נאָר געלאָזן מיד און אויפגערעגט.

מע איז פאַרפאָרן צו איינעם אַ לאַנדסמאַן, וואו מע האָט געגרייט פאַר דער גאַנצער כאַליאַסטרע אַ מיטאָג.

פליגלמאַנען האָט מען אָנגעוויזן דעם באָד־צימער, וואו מע האָט גע־מאַכט פאַר זיינעטוועגן אַ וואַרעמע וואַנע, אַז ער זאָל אַרונטערנעמען פון זיך דעם שטויב פונעם וועג...

מערקווירדיק, ווי ער אַליין, דער גאַסט, האָט נישט געקענט קיינעם פון די אַלע לייט, וועלכע זענען אים היינט אַרום באַגעגענען; נישט ער האָט געדענקט זייערע פאַמיליעס פון דער היים. ער איז בכלל געווען אַ שוואַכער קענער פון די מענטשן אין שטעטל, באַזונדערס — פון די איינ־וואוינער אין ניי־מילאָשצי; און די אַלע לאַנדסלייט, אַ פּנים, האָבן גע־מוזט שטאַמען פונדאָרטן. נאָר, איינס מיטן אַנדערן קער זיך נישט אָן. פּאָרט — אייגענע. און דאָס האַרץ האָט גענאָגט, צו זיי געצויגן, אין זיי זיך געוואַרעמט.

מע איז געזעסן באַם שפּעדיקן מיטאָג, מיט פלייש אַסאַך, גרינוואַרג, וויין און פרוכטן עקזאָטישע אַלערליי, מאַראַנצן, באַנאַנעס א. א. וואָס פליגלמאַן האָט נאָך אַזויפיל, אין זיין לעבן, באַ אַ טיש אין ערגעץ נישט געזען; מע האָט אַליין רעכט אַריינגעקייעט, און אים, דעם גאַסט, אויך נישט געלאָזן בלייבן קיין „שלימזאַלניק, וויבאַלד ער האָט שוין יאָ שכל־געהאַט און אַראָפּגעקומען קיין אַמעריטשקע, וואו מע האָט ליב דעם נאַש, דעם פּרעס, לעבן ברייט, לעבן שיין... דאָ איז דיר נישט מילאָשצי, ברוך־דערקע, מיט דער דאַרעניש, מיט דער קוואַרעניש — פאַרגעס, מענטש! יענץ איז געשטאָרבן, נישטאָ מער... דאָ, אַז — ווען מען גאָט העלפט, — איז — חי־געלעבט! נישטקשה, עס סטייעט אַף אַלץ! נאָר — זיך נישט גראָשעדיק געמאַכט, אי באָסטאַ!”

דאָס זענען געווען אידן־קוועטעניקעס (אַרגענטינער הויזירער), וועל־כע זענען שוין געוואוינט געווען דערצו, אַז דער קיילעכדיקער לייכטער טאָלער זאָל זיך דרייען, מיינס־דיינס — נישט וויכטיק...

און פונדעסטוועגן, כאָטש מע האָט אָקאָרשט אָפּגעלאַכט פון דעם

אָרעמען קליינעם שטעטל, — דאָך, אַז מע האָט געשטילט דעם אַפּעטיט, זיך דערפילט צעוואַרעמט אויפגעלייגט, — האָט עפּעס גענומען ציען אונ־טערן לעפעלע בא יעדערן. חברה לאַנדסלייט האָבן זיך צעגאַרטלט, מע האָט אויפגעלעבט אין צורה, זיך צערויטלט צעשמייכלט, אָנגעהויבן לאַכן גליק־לעך יונג און... אויסדערציילן פּאַראַמאָל טויזנט־און־איין־מעשה פון דעם אַלץ, וואָס... געווען און געווען און נישטאָ מער... וואָס האָט אַלץ פּאַסירט, עך, דאָרטן, אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, אין יענעם ווענדל, אין יענעם גאַסל, אַף יענער לאָנקע, אין דער היים... אַוואו איך און זי זענען מיר געזעסן אַליין, נאָך ביידע — קינדער געווען, זיך געהאַלטן פאַר די הענט, געקוקט אין די אויגן און געשמייכלט... און איבער אונזער קאָפּ האָט די זון געשיינט, און פייגעלעך האָבן געצוויטשערט אוים דער פאַרבאַהעלטעניש אין גראָז... אָ, גליק, וואו ביזטו היינט? זאָג, וואוהין האָסטו זיך אַפּגעטאָן?!

אַזוי איז דאָ געזעסן די מענגע אידן, נאָך יונגע מענטשן כמעט, אָבער אַלע — דיקע אַזעלכע, אָנגעפרעסענע, איבערגעזעטיקטע, מעלה־גרהדיקע, אַזש דעם גומען דעם צוגעטעמפּטן האָט שוין גאָרנישט גענומען, נישט גע־קאָנט צערייצן מער — און נישט מיד געוואָרן, און געהאַלטן אין איין אַפּפרישן אין דמיון, אָ, יענע גליקלעכע יאָרן פון אַמאָל, ווען מע איז נאָך קינדער געווען אינעם קליינעם אָרעמען שטעטל, אָרעמע קינדער אין אָרע־מע שטיבלעך, בא אָרעמע טאַטע־מאַמע; קיינמאָל דאָס שטיקל ברויט נישט געהאַט צו דער זעט; דאָס פּיצל פליישׂ און אַ לעק ווייַן אָנגעקוקט נאָר פון שבת צו שבת; און אַ מאַראַנץ, אַ פּעניצל קאַווע — אָ, דאַרויף האָט מען געמוזט וואַרטן פון יאָר צו יאָר, אַלע ראש־השנה, ווען מע האָט געמאַכט איבער דעם אַ שהחינו... צי גאָר, חלילה, נישט דאָ געדאַכט, בא אַ שלאַפּ־קייט, אָדער אפשר, ווען די מאַמע האָט זיך גענדאַרפט אויפהויבן פון אַ קימ־פּעט, גענדאַרפט און נישט געהאַט קיין כוח דערצו באין־אופן... דאַן פלעג דער טאַטע אַליין אַוועקגיין צו „מאַני פונעם קעלער", אַנטקעגן דעם סאָ־באָר, אויסגעקליבן דאָרט אַ פייגעם מאַראַנץ — אַזש פון יעווּפּאַטאָריע, ווי מאַני אַליין האָט פאַרזיכערט, און אַ זיסע פלאַש ווייַן, געבראַכט אַהיים צוטראָגן, פאַר דער מאַמען אַף פּילנאַשץ, אַז עס זאָל איר קרעפטיקן דאָס האַרץ, צוריק אַף די פיס שטעלן... און לעבן דער גוטער טייערער מאַמען האָבן קינדער נאַשערס אויך געכאַפּט אַ לעק־אַ זופּ, אַף דער שפּיץ צונג נישט מער... און דאָך, וואו זענט איר, אָ, וואו זענט איר, יענע גליקלעכע רייכע טעג און יאָרן, ווען אַלץ האָט עפּעס פאַרמאָגט אין זיך כל המיני טעמים, אַלע בשמים־ריחות פון גן־עדן; די אייגענע לופט האָט געשמעקט מיט ווייַן; און, אַליין הונגעריקע, — איז מען עפּעס תמיד באַרייט געווען לויפן, שפּרינגען, טאַנצן גיין... היינט, וואָס איז פון אונז געוואָרן, וואָס?!

אַזוי זענען אידן געזעסן און גערעדט פאַראַמאָל, זיך אַריינגעפאַלן און איבערגעשלאָגן איינער דעם אַנדערן אין די רייד; דערשפּירט, אַזוווי עפּעס

קוואַלן אַזעלכע יונגע און מעכטיקע, קוואַלן פון אַזויפיל געפיל און רייד, קומען אויף אין זיי, אויס אַלע טיפענישן, שלאָגן־צו שטאַרק, שלאָגן־צו קרעפטיק צום אייגענעם האַרץ, צום מאַרך און צום האַלז און צו די אויגן, אַזש עס גלוסט זיך לאַכן, אַזש עס גלוסט זיך וויינען פאַראַמאָל; אַזויפיל אַנקוועלן מיט קינדיש־זאַפטיק געלעכטער, און, צו גלייכער צייט, טייכן טרערן פאַרגיסן, וויינען אַזוי גוט, אַזוי פונעם פולן האַרצן, מיט דער גאַנצער ברוסט, וויינען אַזוי זיס, אַזוי וואַרעם, גאָרנישט מיד ווערן, גאָרנישט אָפּשטיין, אָ, גאָרנישט אויפהערן, ניין, ווייל ווי איז צו אונז, ווייל מיר האָבן אונזער לעבן פאַרשפּילט...

אויסגעוויינט־געכליפּעט זיך ווי געהעריק; האָט מען זיך ערשט רעכט אַ נעם געטאָן צום גאַסט — דעם איינציקן גורם פון אָט דעם פּלעצלעכן פרייד־און־פּיין־אויסברוך; מיט באַנייטן ברען און לוסט, אַלע — אָנגעשטעלט אַף אים, מיט אָנגעהייצטע צורות... אָ, דערציייל, ברודערקע, וואָסזשע מאַכט ד ע ר , און וואָס מאַכט י ע נ ע ר ? אָ, צי לעבט נאָך פּאַניע דאָ־פּיעקאַ, כאַסיע פונעם הקדש, שימקע מיטן קרומען קעפּל, שלומה קאַסקעלע, פּאָמפּע די שמשטע, וואַליאַשקע די־באַניע, ראַבעשאַפּקע דער נאַדזיראַטעל, מאַנוועלע דער משוגענער, לאַפּקע דער פּאָזשאַרניק און יאָסי הגלח?! — אַלץ פּערסאָנאַזשן אַזעלכע, וואָס האָבן אָנגעפּילט, אַמאָל, איינעם שטעטל, די קינדערשע מוחות מיט פאַנטאַסטישע אומגלויבלעכקייטן. און כאָטש אַלע דאָ האָבן איצט געוואוסט אַף זיכער, אַז קיינס פון יענע לצים איז שוין לאַנג אַף דער וועלט נישטאָ, — דאָך וואָלט עס איצט קיינער פון זיי נישט צוגעגעבן, ווען מען זאָגט עס אים... פאַר זיי, די מיטיינמאָלצעבענקטע־צעיאָנטעוועטע אידן דאָ, אינמיטן אַ וואָכעדיקן טאָג, — פאַר זייער אויפגעראָשטן דמיון האָט פּלוצים אויפגעלעבט דאָס גאַנצע שטעטל, די היים־וויזיע פון איין עק ביז צום צווייטן, אַזוי אין שטח, ווי אין צייט; אַזוי ווי אַ וואונדער, אַראָפּגעפאַלן פונעם הימל... אַלץ איז זיי געווען טייער און ליב און איינגעבאַקן אין האַרצן. אַלץ האָט געשיינט, געיובלט און געשריגן: — איך לעב! — און זיי, אַף דעם קוקנדיק, האָבן אָנגעקוואָלן און געגלויבט...

געענדיקט מיט אָט דעם פאַר־אַלעם־ערשטן וויזיע־אויסברוך, — האָט מען גענומען באַוואַרפן דעם גאַסט מיט פראַגן מער ניכטערע און רעאַלע וועגן פאַמיליעס אַלערליי, וועלכע ער איז מחויב געווען צו קענען, ווייל יענע האָבן דאָך אייביק געוואוינט אין די זעלביקע געסלעך, וואָס ער, אין אַלט־מילאָשצי.

אָבער, אפילו אַף די לעצטע פראַגן האָט זיך פליגלמאַן נישט געדאַרפט גיבן די מי צו ענטפערן; ווייל נאָך איידער ער האָט דאָס מויל געעפנט צו רעדן אַ וואָרט, — האָט מען אַליין אויסגעפּראַלט פאַר אים די נייס, אים באַוויזן, אַז מע ווייסט דאָס דאָ בעסער פון אים, גענויער און

קאָנקרעטער. מע ווייסט דאָס אַלץ גרונטאָוונע פאַרדערפאַר, ווייל מע אינ־טערעסירט זיך אימער מיט דער היים, מע שרייבט תמיד בריוו, און מע דערהאַלט כסדר ענטפער...

איצט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון באַרעדערייען, פון פּראָסט־פּשו־טער רכילות. די פּיסקעס האָבן געטראַסקעט, ווי אַף שרויפן, אַזויווי שטיי־נער געמאָלן און געפּריסנעט יענעם שטיין־זאַמד און פאָרעך אין די אויגן...

„...— דעם סטאָלאַר יאַנקויץ געדענקט ער, פּליגלמאַן? דער, בא ווע־מען דאָס ווייב האָט תמיד געקרענקט... איז ער געהאַט אַנטלאָפן קיין אָר־גענטינע. דאָ, האָט ער זיך אַרומגעדרייט, אַ צייט, יאָ־געאַרבעט, נישט־גע־אַרבעט. דער עיקרשט, ער האָט זיך גענומען אָפּגעבן מיט אַזוינע זאַכן, וואָס אַמאָל, אינעם קליינעם שטעטל, ווען דאָס האָט פּאַסירט, — פּלעגן ש ט אַ ר ב ן קליינע קינדער; און היינטיקע צייטן, ווערן גאָר ג ע ־ ב ו י ר ן דערפון קליינע קינדער... בקיצור, אַז ער האָט גענומען גיין אין שידוכים, — דאָ, האָבן מיר, אייגענע לאַנדסלייט, אויפגעהויבן אַ רעש...

„אַלץ יאָ, ברודערקע. נאָר, אַזוי ווייט קריך נישט. מירן נישט דערלאָזן!...”

ער, יאַנקויץ, האָט איינגעזען — דאָס שטיקל אַרבעט וועט נישט גיין. עס האָט אויפגעזאָדן אין אים די רציחה. שטיל, אָן אַ זיי־געזונט, איז ער פּלוצטהאַלבן נעלם געוואָרן. איז ער אָפּגעפאָרן צוריק אַהיים... געקומען קיין מילאָשצי; עס איז אויסגעפאַלן גראָד אום ווינטער, סאַמע געדיכטע שנייען און סמאַליעדיקע פרעסט... קיינער אין דער היים ווייסט נישט פון זיין פאָרן. דאָס קראַנקע ווייב, אַזויווי תמיד, ליגט צו־בעט. עס איז געווען אָפּן אָוונט. האָט ער דאַביוועט אין ערגעץ, פאַר געלט געקראָגן אַ לאָם און אַ שווערע שאַרפע האַק. ער האָט אויסגעוואַרט ביז שפּעט אַף דער נאַכט; און דאַן האָט ער זיך צוגעשטעלט אַהיים, דער רוצח. ער איז נישט אַריין אינעווייניק, אין שטוב, אָפּגעבן אַ גוטן־אָוונט; פרעגן, וואָס דאָס ווייב, די קינדער מאַכן. אָ, ניין. וויבאַלד אַזוי, קאָנט איר אים נישט. ער איז גלייך אַרויף אַפן דאַך; מיט דעם לאָם און מיט דער האַק, גענומען ברעכן און קלאַפּן, וואו ער האָט נאָר געטראָפן... „— ער זאָל די שטוב צעשמעטערן אַף שטיקלעך. ער זאָל די חורבה איינוואַלגערן־צעשטערן, מיט דעם ווייב דער ארורה צוזאַמען — אַזויווי זי, די ניכפּה, האָט זיין אייגן לעבן צע־שטערט!...”

„...גו, און וואָס איז געוואָרן מיט יאָשעניו זשערטווע (קרבן) — ווייסט ער, פּליגלמאַן?... ער, יאָשעניו, איז געווען י ע נ ע ר תוך, אַלע יאָרן. געוואוינט אַליין אַף דער גאָרקע, הינטער מילאָשצי, זיך אָפּגעגעבן תמיד מיט היילן חברה־יאַטן פון אַלע מיאוסע קרענק־שוואַרציאָרן... איצט, קומט ער אַליין, דער תכשיט. וויפל מיידלעך אין שטעטל האָט ער נישט אומגליקלעך געמאַכט... ער פלעגט זיך נאָך באַרימען דערמיט, דער זשו־ליק; תמיד געהאַט זיינע מעשות צו דערציילן, און אַלע — אין איין טאָן,

אז... „תחילת, האָט זי נישט געוואָלט. זיך אָפּגעוואָרפֿן דערפֿון מיט הענט און מיט פֿיס... נאָר צולעצט — איז זי געפֿאַלן אַ זשערטווע...” אָט דעם קלישע האָט ער באַנוצט פֿאַר אַלע בבא־מעשׂות־בלאָפֿערייען... און דערווייל, איז ער אַליין עלטער געוואָרן, און אַזוי שוין פֿאַרבליבן אַ זעלקי־בחור מיט די מעשׂות, וועלכער גייט אום און דרייט יענעם אַ קאָפּ מיט נישט־געשטוי־גן־נישט־געפֿלויגן, וואָס האָט אַלץ פֿאַרלאָפֿן מיט אים אַמאָל, אין דער יוגנט... וואָס געווען, איז געווען, און נישטאָ מער... אַ נס, וואָס עס זענען אָנגעקומען די באַלשעוויקעס אין שטעטל און זיך אָף אים דערבאַרעמט, דעם אויסוואָרף... אָ, באַ זיי איז ער אַליין שוין געפֿאַלן די זשערטווע...”

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט די פּליאָטקעס פֿון דער אַלטער היים, — האָ־בן חברה־קוענטעניקעס זיך אַ נעם־געטאָן „באַאַרבעטן” די לאַנדסלייט פֿון דאָ־הי...

„...איר קוקט אָן דעם־און־דעם, יאָקל בן פֿלעקל — אָ, אַ גרויסע־פֿראַנץ געווען אין דער היים, האַ?... — און דאָ, איז מען אַזוי שנעל געקו־מען צו אַ פֿאַרמעגן, מיט אַ פּיאַנע אין שטוב, מע שפּילט און מע טאַנצט, מע טראָגט געלט אין די בענק, און עס סטייעט נאָך אָף צו פֿאָרן, יעדן זו־מער, אין די בערג, העי?... מיינט איר, אַז דאָס קומט פֿון תּפֿילין שרייבן? אויב אַזוי, סעניאָר מיאָ, זענט איר, במחילה, אַ קיילעכדיקער יאָלד. דאָ, אין אַמעריטשקע, דאַרף מען נאָר קיין שלימעזאַלניק נישט זיין... זי, די פּלוניתטע, האָט זיך געסניוכעט מיטן אַלטן אייגנטימער פֿונעם דעפּאַרטמאַ־מענט־הויז, אַן אַלמן, וועלכער ליידט אָף אַ ראַק; און — עס גייט אַ גאַנג — וואָס אַרט אייך? מע מעלקט אים, אָף וואָס די וועלט שטייט... צי, ווי אין פּסוק שטייט — הזן ומפֿרנס... זי איז אים מזנה, און ער איז איר מפֿרנס... איי, דער אייגענער מאַן, וועט איר פֿרעגן? אָ, יאָלדן וואָס איר זענט... דאָ, אין אַמעריטשקע, אַז מע וויל פּאַקן געלט, — דאַרף מען הערן, זעען און שווייגן... מר. פֿליגלמאַן!...” — האָט זיך פּלוצים דער דערציילער, וועלכער איז געזעסן רעכטס פֿון דעם גאַסט, אויסגעקערט צו אים מיט דער פֿרעגער צורה און, גאָר אָן שום מערבֿות, אים דערלאַנגט אַ כמאַליע איבער דער קני.

פֿליגלמאַן האָט אויפֿגעדראַזשעט. ער האָט, די גאַנצע צייט, נישט גע־קאָנט פֿאַרטראָגן דעם נבֿול־פּה, די העסלעכע שמוציקע פּלוידערייען, און זיך געפֿילט דערנידעריקט, באַ זיך געפֿאַלן... אָ, וואוהין איז ער דאָ אַריינ־געקראָכן?!. אַלס גאַסט, האָט ער פֿאַרשטאַנען, איז ער איצט געבונדן; ער טאָר נישט אַרויסגעבן, וואָס ער קלערט. ער, מוז ליידן און ביישטיין דעם פֿרישן נסיון... ווי דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז — צו זיינע נסיונות וועט שוין נישט נעמען קיין סוף, און אַז זיי הויבן זיך ערשט אָן שיטן אָף זיין קאָפּ פֿון אַלע זייטן... „איך האָב מורא, פֿליגלמאַן — האָט ער אַליין געערעדט צו זיך — אַז דו וועסט זיך מוזן אונטערגאַרטלען, ווייל... דאָ איז דיר נישט מילאָשצי, ברודער...”

ער האָט שווער אָפּגעזיפצט. צום ערשטן מאָל, פאַר זיין לאַנגער גליק־לעבער און מיט אבענטייער־פולער רייזע, האָט ער זיך דערשפירט פלוצים עלנט, אומגליקלעך און... אזוי מוראַדיק ווייט פון דער היים, וואו ער איז תמיד געווען פריי, צו קיינעם נישט געבונדן. אזוי איז ער אומגעגאַנגען אליין אומעטום, וואו ער האָט געוואָלט, געזונגען און געטראַכט זיינע טראַכטעניש... און דאָ — וואָס?!

ער האָט זיך ארומגעקוקט אף זיינע לאַנדסלייט לעבן אים... אָט די זעלבע מענטשן, וועלכע האָבן זיך אָקאָרשט געהאַט צעוואָרעמט און אויפּגעלעבט, גאָר אינגער ווי שענער געוואָרן, באַם דערמאָנען די היים; פונקט ווי מע וואָלט זיי מיט מעכטיקע פליגל באַשאָנקען, און אָט נעמען זיי, טוען אַ צעשפּרייט די אָרעמס, דערלאַנגען אַ פּאַטש און פליען אוועק, — זיי זענען איצט געוואָרן אזוי אָפּגעלעבט־מיאוס פּאַראַמאָל, איינגעדאַרט־פאַרעלטערט, צעקניייטשט און אויסגעלאָשן...

זיי האָבן זיך ערשט פּלוצלינג דערמאָנט אלע אָן זייער גאַסטס „טאַלאַנט צום זינגען...” און, מיט שווער־אויסבאַהאַלטענעם חוזק, זיך אַ נעמגעטאָן צו אים, אז ער זאָל באַווייזן, וואָס ער קאָן... אגב, שאַדט טאַקע אויך נישט — אז מע איז שוין יאָ אַלע צוזאַמען — אַ רעד טאָן וועגן זיין תכלית... הגם, צוריק דאָס אייגענע — ברענט נישט, חלילה, דאָ דער דאַך איבערן קאָפּ באַ קיינעם... נאָר, ווייבאַלד עס איז געקומען צו רייד — מאָג עס פליגלמאַן ווייסן. אז... דאָ, מיט זיין טאַלאַנט, וועט ער נישט פאַרפאַלן ווערן... איין קלייניקייט, חזנות... אָר־וואָ, עס גייט דאָ מיט גאָלד צוגלייך!

ענדלעך, האָט פליגלמאַן זיך דערשלאָגן צום וואָרט. ער האָט זיך שטאַרק געשעמט, צום אָנהויב; ווי עס איז זיין טבע געווען, זינט תמיד, פאַר מענטשן. נאָר, ער האָט זיך צערעדט שיין און צעוואָרעמט. דער עולם אַרום איז געבליבן ערנסט, אָנגעריירט. עס איז געוואָרן שטיל. פליגלמאַן האָט גערעדט און דערציילט, אַ באַגייסטערטער, אַ געפייניקטער, פון זיינע שטענדיקע ליידן, זינט ער איז צו זיין שכל געקומען, פון די קינדערשע צייטן אָן; וואָס ער האָט געזוכט. אַלע יאָרן; צו וואָס ער האָט געבענקט, עס האָט אים זיין האַרץ געצויגן, זיין זעל, אָ, זיין גאַנץ געמיט...

ווי אַ באַנומענער, האָט ער איצט נישט באַגריפן מער, וואו ער איז אין דער וועלט. האָט ער געזען בלויז זיינע ווייזיעס פלאַטערן פאַרן דמיון, און זיך אַליין — אין זיי אינדערמיט... וויאַזוי ער גייט הינטערן שטעטל און ער זינגט, און ער רופט אף אַ קול: „...אָ, גערעכטיקייט פונעם לעבן, פון דער וועלט, זאָג — וואו ביזטו דאָך?!.” וויאַזוי ער שטייט אָפן בעלעמער, אין דער גרויסער שיל... וויאַזוי ער שטייט אף דער אויבערשטער דעק פון דער שיף, און ער זינגט, און ער וויינט... און אלע, דאָס גאַנצע שטעטל, אָ, די גאַנצע וועלט אַרום, הימל און ים, פאַרנעמען דאָס געזאַנג און זינגען מיט, און זינגען אויס דעם רוף צו אַ לעבן אַ נייעס, אַ

שיינס און א יונגס... אָ, א לעבן פון גליק און פון פרייד פאַר אַלע מענטשן גלייך, אַף גאָטס געבענטשטער ערד, אונטער גאָטס שיינענדער זון...

איצט, אז פליגלמאַן האָט געדאַרפט נעמען זינגען, — האָט מען גע־בראָכט צו האָבן אויערן מיט א האַרץ, אַף צו דער־הערן זיין געזאַנג... אַנישט, איז דאָס געווען א לעסטערונג, נישט מער...

דער עולם אַרום — פשוטע אידן, אַלע — האָבן געהויבן מיט די אַקס־לען; זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות, נישט אויסצופּלאַצן מיט א ווילד ספּאַזמאַטיש לאַכן, זיך געשטורכעט איינס דאָס אַנדערע, זיך־איבערגע־וואונקען. נאָך א רגע, און עס ברעכט דאָ אוים א העצע.

עס האָבן אַלע צוגעזען עפּעס, געאַנט, אָבער דאָך נישט פאַרשטאַנען, וואָס איז מיט אים דער מער... מע האָט געזען, עס שטייט דאָ א מענטש פאַר זייערע אויגן און ליידט. ער ווערגט זיך, ער צאַפּלט, וויל עפּעס אַרויס־ברענגען, נאָר ער קען נישט... נו, אם־כן, וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט א שיינער שטימע צום זינגען?!

פאָרט, וועט דאָך עס קיינער נישט גיין פירברענגען חלילה פאַר די ליפּן, וואָס ער קלערט; מצער זיין א אייגענעם מענטשן אומזיסט־אומ־נישט... אז ער האָט געענדיקט, פליגלמאַן, דאָס זינגען, — האָבן אַלע אים היים אַפּלאָדירט; ספּאָנטאַן זיך אויפגעהויבן פון די ערטער, ווי פּלוצים פון א שווערער תפיסה געוואָרן באַפרייט; אים אַרומגערינגלט און וואַרעם אין פּלייצע געפּאַטשט; אים א גלענצנדע צוקונפט פאָרויסגעזאָגט.

און ער, פליגלמאַן, ווי איטלעכער שוואַכער מענטש, אין זיין לאַגע, — האָט געגלויבט און איז, א ווײַלע, געווען גליקלעך. ער האָט שעמעוודיק געשמייכלט, און ער איז שוין באַלד גרייט געווען זיי מוחל זיין די גראָבע רייד פון פריער...

„...נאָך אַלעמען — האָט ער געקלערט — זענען זיי, די לאַנדסלייט, פאָרט וואוילע מענטשן..."

איצט, איז דער טומל געוואָרן א אַלגעמיינער. אַלע אַנוועזנדע האָבן געזונגען פּאַראַמאַל; איטלעכער האָט געוואָלט ווייזן, וואָס ער קאָן, גענומען הויכע און נידעריקע טענער, זיך געגאַרגלט און געגראַגערט, אָנגעהויבן א לידל און עס באַלד אוועקגעוואָרפן, זיך־גענומען פאַר א צווייטס...

אָט די גרילצעריי און דער קאַצנייאָמער האָט אָנגעהאַלטן ביז פאַר־נאַכט. חברה לאַנדסלייט האָבן זיך גענומען צעפאָרן, איטלעכער — צו זיך אהיים, צוגעזאָגט — מאָרגן־איבערמאָרגן — צו פאַרפאָרן ווידער, זען, וואָס דער גאַסט מאַכט...

פליגלמאַן איז געבליבן אַליין. דער באַלעבאָס פון הויז איז אַריינגע־קומען פון אַרויסבאַגלייטן די פריינט, אים איינגעלאַדן צו באַטראַכטן דאָס ענגע מאָדערנע דעפּאַרטאַמענטל, וואָס מע באַוואוינט, און אים אָנגעוויזן

אף אן אויבערשט צימערל, וואָס מע האָט, אונטערדעסן, פאַר אים צוגע־גרייט, וואו ער וועט זיך קענען אָפּרוען אַ ווײַלע, ביז צו וועטשערע; ווײַל ער מוז דאָך אַ ודאי זיין זייער מיד פונעם וועג...

דאָרט, אינעם צימערל, אַף געדרייטע טרעפּלעך איבער אַ קיכל, איז געשטאַנען גרייט אַ בעטל, אַ שאַפּקע און אַנדערע זאַכן, וועדליק ווי פאַר איין מענטשן אין אַ שטוב. דער באַלעבאָס האָט געבעטן „אום פערצייונג", ווײַל ער מוז אַוועק צו די געשעפטן, און ער האָט דעם גאַסט איבערגעלאָזן.

נאָר פליגלמאַן האָט נישט געהאַלטן בײַ שלאָפן איצט. ער איז גאָר־נישט געווען מיד. ווידער איז אים געוואָרן שווער אַפן האַרצן. עס האָט געדריקט דער עלנט, נישט אויסצוהאַלטן... אונטן אין שטוב האָט עמיצער אָנגעשטעלט אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט, און אַ מאַן מיט אַ פרוי האָבן גענומען זינ־גען אַ צעצויגן מעלאַנכאָליש ליד. כאָטש ער האָט קוים דערהערט די ווער־טער פון דעם לאַנד־לשון און זיי גאָרנישט באַנומען, — האָט אָבער דער טרויעריקער מאָטיוו פונעם געזאַנג גופא יאָוונגע גערעדט וועלן עלנט, וועגן בענקשאַפט און פון נישט־דערגרייכטע וואונטשן... געענדיקט ד אָ ס ליד, און באַלד האָט מען גענומען זינגען אַ צווייטס, וואָס האָט אַלץ גענאָגט בײַם האַרצן, געמאָנט בײַ וועמען אַ פּשר פאַר נישט־פאַרדינטע ליידן און פּיין...

פליגלמאַן האָט מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן אין זיין ענג צימערל, וואו ער האָט מיטיינמאָל דערשפּירט די גאַנצע דושנעקייט פונעם הייסן פאַרנאַכט, און ער איז שטיל אַראָפּ, מיט די טרעפּלעך, אין הויפל אַריין. דאָרט האָט ער דערזען דער באַלעבאָסטע פון שטוב, אַ הויכע טונקעלע פרוי, אין די מיטעלע יאָרן; און זי האָט אים אײַנגעלאַדן, מיט אַ פרייַנטלעכן שמייכל, אין אַ פיין־פאַרפוצט צימער, פונוואַנען עס זענען געקומען די קלאַנגען פון דעם ראַדיאָ.

אינעם צימער האָט ער געטראָפן צוויי פרויען מיט אַ קינד. איינע, אַ שלאַנקע טונקל־פלאַטערנדע שיינהייט, נאָך גאָר־אַ יונגע און אַ שטשופּלע, אין אַ ווייס־געפּאַסטן כאַלאַט. די אַנדערע, עלטער און פולער פון דער ער־שטער, אַ מיטלוויקסיקע בלאָנדשיינע פרוי, אין די צוואַנציקער, מיט אַזאַ ליכטנדן שמייכל, וואָס גיט איר צו אַ באַזונדערן רייץ, וואָס ציט צו און מאַכט איר ליב און אַזויווי נאָענט צו יעדן, ווער עס פאַרבייט מיט איר אַ וואָרט... זי איז געווען זייער שיין אָנגעטאָן, לויט פליגלמאַנס באַגריף, און אַפן רעכטן אָרעם האָט זי געהאַלטן אַ ברוינעם פוקס מיט זילבער־שפּרענק־לען איבערן רוקן. לעבן איר האָט זיך געהאַלטן דאָס שיינע בלאָנדע קינד פון אַ יאָר צוויי, אין אַ ראָזעווע קליידעלע. דאָס ליאַלקע־מיידעלע איז גע־ווען אינגאַנצן געראָטן אין דער בלאָנדער פרוי, און עס האָט אַ וודאי גע־מוזט זיין איר קינד.

גלייך בײַ דעם ערשטן בליק, איז עס פליגלמאַנען פאָרגעקומען מאָדנע. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די צוויי פרויען, וואָס פאַר אים, זענען אים

עפּעס קענטלעך, אַזוי ווי ער וואָלט זיי געזען אין ערגעץ, מעגלעך — אין־דערהיים... הגם — ערשט, דאָ, זעען זיי ביידע אויס אַסאַך שענער און רייצנדער... אָבער, צו דער זעלבער צייט, האָט ער געוואוסט אַף זיכער, ער האָט געמאָגט שווערן, אַז — ער זעט זיי ערשט ביידן פאַר זיינע אויגן — צום ערשטן מאָל, אין זיין לעבן... וואָס זאָל עס זיין?!

די ווירטן פון הויז האָט זיי פאַרגעשטעלט... דאָס טונקעלע מיידל איז איר טאָכטער, זאָל געזונט זיין, נאָך אַ שילערן. זי איז אַ היזיקע, אַ שוין־דאַ־געבוירענע. די פרוי מיטן קינד איז געקומען אָפּנעמען אַ גרוס פון אי־רער אַ חברטע פונדערהיים, וועלכע האָט חתונה־געהאַט קיין מילאַשצי. אפשר האָט ער געהערט פון די ליפּשיצעס? זיי זענען תבואה־הענדלער... זי אַליין, חוה עטינגער, איז אַ פּוילישע, פון אַ שטעטל לעבן וואַרשע. זי איז שוין, דאָ אין לאַנד, דאָס פינפטע יאָר. זי איז אריבערגעקומען צו אַ חבר־טאָרן און גאָר אינגיכן חתונה־געהאַט פאַר אַ ליטוויש אינגל, אַ פוטער־קירזשנער, וועלכער ארבעט סטאַלע באַ יענעם אין אַ געשעפט. עס לעבט זיך זיי נישט שלעכט...

...— נאָר, איר ווייסט נישט? מע בענקט אַהיים... — האָט צוגעגיבן די בלאָנדע פרוי און אַ קוק געטאָן אַף פליגלמאַנען אַזוי איינפאַך צוגע־לאָזן, אַז ער האָט דערשפירט פלוצים, ווי דאָס האַרץ האָט זיך באַ אים צעקלאַפּט.

מע האָט געמאַכט שטילער דעם ראַדיאָ. מע האָט זיך צערעדט. פליגל־מאַן אַליין האָט נאָך קיינמאָל נישט געשמועסט מיט קיין פרויען אַזויפיל ווי ערשט, אין די געציילטע פאָר מינוט. ער האָט זיך פלוצים געכאַפּט אַף אַ זאַך, וואָס ער האָט זיך קיינמאָל, ביז איצט, דאַרויף נישט אָפּגעשטעלט; עס איז אים אפילו אַפן רעיון נישט געקומען: דאָס איז געווען — זיין שרעקלעך־אָפּגעלאָזענער הולך, די אָרעמע און פון וועג צעקנייטשטע הלבשה, אין וועלכער ער שטייט איצט פאַר די צוויי פאַרפוצטע פרויען, וואָס מוזן אַ ודאי קלערן דערפון און לאַכן פון אים...

ער האָט זיך שרעקלעך פאַרשעמט, אויפגעפלאַמט אין צורה און עס איז אים געוואָרן אַזוי היים, נישט איבערצוטראָגן. ער אַליין, פליגלמאַן, אין זיין גרויסער תמימות, האָט אַ ודאי נישט געוואוסט דערפון, אַז ער איז אַ שיינער שלאַנקער טונקעלער יונג, אַף וועמען פרויען פאַרקוקן זיך אין געהיים, מיט פאַרגעניגן און אומרו...

די בלאָנדע פרוי האָט געקוקט צו אים אָפן און פריי; מיט אַ זאַנפטער שטימע, צו אים גערעדט, געפּרואווט דערגיין עפּעס פון איר חברטעס פאַ־מיליע. ער האָט זיך געפּלאָנטערט, נישט געדענקט גאָרנישט, ער האָט זיי נישט געקאָנט קיינס... נאָר דער פרוי, קענטיק, אַצינד, איז שוין נישט אָנ־געגאַן אינגאַנצן מער ד ע ר ג ר ו ס פ ו ן ד ע ר ה י י ם ... זי האָט זיך געשפּילט ערשט מיט פליגלמאַנס פאַרלעגנהייט און צעמישונג;

עס האָט איר גענומען אַלצמער ווייַלן; עס האָט איר אַזוויי אַריינגעצויגן די שפּיל, אַזש זי האָט אַליין שיר נישט פאַרגעסן, צוליב וואָס זי איז דאָ גאָר אַהערגעקומען... זי האָט אָנגעהאַלטן דעם שמועס נאָר לפנים, און פון אים נישט אָפּגעטאָן קיין אויג. מיטאמאָל, האָט זי גענומען צו זיך דער טונקעלער שילערן פון שטוב, איר אָנגעהויבן צערטלען און גלעטן, האַלזן און קושן, אַזוויי איר פאַרכישופט מיט דער לאַסקע, עפּעס געוועקט אין איר, גערעגט און געצונדן. דאָס שוואַרצהנעוודיקע מיידל האָט זיך געטוליעט אין איר, איר צוריקגעהאַלזט; דערבײַ, געוואָרפן בגנבה פאַרשעמטע, אָבער טיף־צעגליטע בליקן אַף פליגלמאַנען. און פאַראַמאָל האָבן ביידע פרויען זיך אומגעקערט צום קינד, גענומען אויסלאָדן אַף דעם די גאַנצע מוטערשע און מיידלשע לאַסקע פאַריינס, געצאַפּלט אַרום דעם און געוואָרקעט מיט אַזאַ זיסן טויבן־פּלאַטער, וואָס האָט, אָן־לשון, גערעדט פון אַזאַ טיפער אומויסגאַנגלעכער בענקשאַפט נאָך ליבע און גליק...

די ווירטן פון שטוב איז געווען אַרויסגעגאַנגען. איצט האָט זי צוריקגעקערט און פאַרגעביטן, מע זאָל אַרויפגיין אַף דער טעראַסע, אַפן דאַך, צו כאַפּן פרישע לופט, ווייל — צום אָוונט־ברויט איז נאָך דאָ צייט.

באַם אויפהויבן זיך פון בענקל, איז באַ דער בלאָנדער פרוי אַראָפּגעפאַלן דער פוקס פון איר אָרעם, און פליגלמאַן האָט געאײַלט צו אירע טריט, אויפגעהויבן דעם פוטער, אים איר צוריק דערלאַנגט. אַ רגע, זענען זיי געשטאַנען נאָענט צואַנאַנדער. זי האָט געקוקט צו אים טיף־ערנסט, אָן איר שמייכל. אים געפּאַרשט מיט אירע ברוינע מאַנדל־בליקן. אים גערופן נאָך זיך...

זיי זענען ביידע אַרויף אײנינעם אַפן דאַך. נאָך זיי איז געגאַנגען די שילערן מיטן קינד.

דאָ איז געווען לופטיק און פריש. פליגלמאַן האָט דערפילט, ווי אַ ווינטל קילט אים די צעפלאַמטע צורה, באַוועגט די צעשויבערטע האָר אַף זיין קאָפּ. דער טונקל־בלאָער הימל, אָן שטערן, האָט זיך נאָך גערויטלט, ערגעץ אין די האָריזאָנטן, מיט די לעצטע רעשטן פונעם זונפאַרגאַנג. און ראַש־קאָלירטע רעקלאַמע־ליכטער, פון דער נאָענט און פון דער ווייט, אַף וויפל דאָס אויג האָט געגרייכט, — האָבן געשפּאַרט אַף אַרויפצו, צו דער הויך, צו פאַרקאָנקורירן, אַ ודאי, מיט דער זון און מיט אירע פלאַמען, איצט, אַז די נאַכט האַלט באַ צופאַלן...

פון אַלערלײַ הייזער אַרום האָבן זיך געטראָגן פאַרשיידענע סענטימענטאַלע ראַדיאָ־געזאַנגען און אָנגעוווייעט אַן אומעט אַפן געמיט...

— ...זאָגט, הער פליגלמאַן — האָט גערעדט אין דער טונקל דאָס קול פון דער פרוי, אַ געענדערטס פלוצים, אַ טרויעריקס, לעבן אים, באַ דער זייט; נאָר אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס פאַרנעמט ער, צוגלייך, די אייגענע שטים פונעם האַרץ — נאָכוואָס זענט איר געקומען אַהער, אין דעם

שרעקלעכן לאַנד? אַ, וואָס האָט איר דאָ צו טאָן?... זאָגט — וואָס האָט אייך, דעם גליקלעכן פּרינץ דעם פֿאַנטאַזיאָר, דען געפֿעלט אין דער היים? דאָרט, אין דעם שטעטל, זענט איר געווען רייך. אַלץ, וואָס אייער אויג האָט געזען, איז געווען אייערס; האָט צו אייך געהערט און צו אייער גע־נוס. האָט צו אייך גערעדט און אייך געבענטשט. דער הימל, מיט דער זון, מיט דער נאַכט, מיט די שטערן, די הינטערשטעטלשע וועגן, די גרינע לאַנ־קעס און די סעדער אום זומער, אַ, די זונפֿאַרגענג און די באַגינענס, די גאָלדענע האַרבסטן און די ווינטערס... מאַמע מיינע געטרייע, זיסע היים טייערע, פֿאַרוואָס האָב איך דיך פֿאַרלאָזן? וואָס האָט עס מיך דער אומ־גליק אָנגעטראָגן צו לויפֿן אין דער וועלט אַריין, צו וואָס?! וואָס האָט מיר דען אין דער היים געפֿעלט? איך האָב דאָרט געהאַט די גאַנצע וועלט, דאָס גליק און די פֿרייד...

— ...דאָ, וואָס האָב איך? עס איז מיר ענג מיין לעבן, מיין וועלט. דו —קאָן י אַ דאָס לאַנד, קאָן עס נ י ש ט . . . בלייבסטו עלנט און פֿרעמד, ווי געווען... גאָרנישט רעדט צו מיין האַרץ אַצינד... עס צעפֿלאַ־קערט־צעברענט זיך אין דעם מיין שווידערלעכע בענקשאַפֿט אַהיים. איך זינג און וויין אויס דאָס בענקען מיינס אין מיין געזאַנג. איך בין געוואָרן הוילע בענקשאַפֿט אַליין. צו אַלץ, וואָס איך זע, ציט מיך מיין האַרץ; ווייל איך פֿאַרמאָג גאָרנישט מער... אַ, איך בין אָרעם, ווי די נאַכט...

די פֿרוי איז געבליבן שטיל פֿאַראַמאָל. פֿליגלמאַן איז געשטאַנען לעבן איר, אַליין מורא־געהאַט אַ ריר־טאָן מיט אַן אבר, פֿאַר ערפֿוכט, פֿאַר שרעק...

— ...איר ווייסט, הער פֿליגלמאַן, וואָס איך קלער? — האָט ער פֿלו־צים דערהערט ווידער איר לויטערע זאַנפֿטע שטימע פֿון פֿריער, וואָס האָט דערקוויקט דאָס האַרץ; און ער האָט זיך דערוועגט, צו איר אומגעקערט מיטן פּנים. זי האָט איצט באַניים געלויכטן מיט איר גוטן שמייכל... — פֿאַרוואָס האָב איך אייך נישט באַגעגנט פֿריער ערגעץ, בא אונז אין דער היים?...

זי האָט נישט געקאָנט דערוואַרטן קיין ענטפֿער אויף איר אויסטערלי־שער פֿראַגע. דאָך איז זי געבליבן שטיין, ווי אויסגעקוקט אויף עפּעס...

— ...איר וועט אַמאָל אַראָפּקומען צו אונז, פֿליגלמאַן... אמת?... — האָט זי גערעדט אין דער שטיל. איר קול האָט געצאַנקט, ווי פֿאַרשולדיקט.

אין טונקעלן הימל האָט אָנגעשפּראָצט אַ נייגעריקע לבנה. זי האָט צוגעקוקט; געבליבן פֿאַרקלערט, אַ ווײַלע; און פּונקט אַזוי שטיל פֿאַר־גאַנגען...

*

אביסל שפּעטער, איז אַנגעלאָפן מיט אַ שטורעם דער פּאַטער פון דער פאַמיליע. ער האָט געהייסן דערלאַנגען שנעל די וועטשערע, ווייל מ'דאַרף היינט פרי גיין שלאָפן, כדי מאָרגן זיך צו פעדערן, אוועק מיט פליגלמאַנען צו עמיצן פון די חזנים...

— ...וואָס אַרט אייך? עס וועט שוין זיין רעכט!

אָבער פליגלמאַנען אַליין איז איצט מיטאַמאָל נישט ניחא געוואָרן די זאַך אינגאַנצן. ער איז געווען אומרואיק, די גאַנצע צייט, נאָכן געשפּרעך מיט דער בלאָנדער פרוי. עפּעס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז עס ציט אים צו איר געפערלעך, אַזש ער האָט זיך שיר אַליין נישט צעשמייכלט, פאַר גליק... נאָר פּלוצים, איז ער געבליבן, אַ פאַרצאַפּלטער, שטיין אינדערמיט... וואָס טוט זיך עס דאָ מיט אים?!

ער איז שלעכט געשלאָפן די נאַכט. זיך געדרייט אַפן געלעגער, געברענט... אין זיין פלאַטערן, איז אים כסדר פאַרגעקומען, ווי די שוואַרצ־חנעוודיקע טאָכטער פון הויז שעפּטשעט צו אים... „דו, שלעכטער אינגל דו...” און זי קושט אים אין די ליפּן, זי בייסט זיך אין זיי איין שטאַרק... נאָר פּלוצים, שוועבט אויף די בלאָנדע פרוי אין שמייכל... און יענע, די טונקעלע, פאַרשווינדט... ז י קומט צו נאָענט, גלעט אים איבערן קאָפּ מיט איר וואַרעמער זיסער האַנט, זי שטילט איין, און זי וועקט אים מיט איר פאַרבענקטער טרויעריקער שטים... „אַ, פליגלמאַן טייערער, מיין פריינט, קום צו זיך פון דיינע אילוזיעס... דו, קוק זיך אַרום. וואָס ביזטו — אַ חזן באַ אידן? אַ שנאָרער?! וואָס האָסטו זיך דאָ אוועקגעזעצט באַ אַ פרעמדן טיש אַף בעטל־ברויט?... אַ, פליגלמאַן טייערער, דערוואַך...”

ער איז אויפגעקומען פון צערודערטן דרעמל, און שוין מער נישט געקאָנט איינשלאָפן. ער איז איצט געווען ניכטער און וואַך. זיך־דערפילט פּלוצים, ווי ער וואָלט אַראָפּגעפאַלן פון הימל אַף דער ערד, געכאַפּט אַ מוראַדיקן זעץ אין קאָפּ אַריין און... ווי זיך אויפגעכאַפּט פון אַ לעטאַרגיע, די אויגן געעפנט...

ער האָט אינדערפרי גלייך דערקלערט דעם באַלעבאָס פון שטוב, זיין לאַנדסמאַן, אַז ער האָט נישט בדיעה זיך אָפּצוגעבן דאָ אין לאַנד מיט חזנות. ער איז נישט קיין חזן. ער איז דאָס קיינמאָל נישט געווען. דאָס האָט ער תמיד געזונגען פאַר זיך, נישט מער... ער רעכנט אַרויסגיין זוכן אַרבעט באַ זיין פאַך פונדערהיים, דעם טאַטנס, באַ פוטער־קירזשנערייַ... וואָס זאָגט ער דערצו, דער לאַנדסמאַן?...

יענער, דאָס דערהערנדיק, האָט זיך שטאַרק דערפרייט. ער האָט דערלאַנגט פליגלמאַנען אַ כמאַליע איבערן פּלייצע...

— אַ, איר זענט דאָך עפּעס גאָרנישט קיין יאָלד — האָט ער אין אים אַריינגעקוואָלן — דעם אמת געזעדט..., האָב איך עס אייך אַליין געוואָלט זאָגן, נעכטן, באַלד אַף דער הייסער מינוט. נאָר כ'האָב מיך אָפּגעהאַלטן;

באקלערט, עס פאסט נישט... טאמער, זענט איר פון די כלי־קודש — איך ווייס? — א אינטעליגענט... איצט זע איך, אז דו ביזט א מאלאדיעץ, ברודער! א־א־א, פון אונזערע מענטשעלעך... ווערסט זען — סט׳דא נישט פארפאלן ווערן!...

*

דעם זעלבן באטאג — עס איז געווען אין א פרייטיק — האט יענער לאנדסמאן צונויפגעפירט פליגלמאנען מיט איינעם א פוטער־קירזשנער, א יונגערמאן אין די דרייסיקער, אן עמיגראנט פון דער ליטע, וועמעס גאנצע פאמיליע מדור־דורות האט זיך, דארט אין דער היים, אפגעגעבן מיט דער פראפעסיע. ער אליין איז אריבערגעקומען אהער, ערשט נישט לאנג, געלאזן אין זיין שטאט א פרוי מיט א קינד. ער זוכט זיך דא איינצוארדנען, וועט ער זיי גלייך אראפברענגען.

פליגלמאן אליין איז אים געפעלן. ער זאגט עס אפן אין די אויגן. ער זוכט דא א קאלעגע פון פאך. ארבעטער קריגט מען, באסורע (מיסט) אסאך. ער וויל געפינען א ערלעכן מאן, אלס חבר, עס זאל זיין זיך אף וועמען צו פארלאזן, מע זאל צו אים קאנען האבן צוטרוי. און פרנסה וועט נישט פעלן. דאס איז שוין פון די קלייניקייטן... ער אליין (אט דער ליטווישער מייסטער) האט זיך דא געשטעלט אין פארבינדונג מיט א גרויסן גביר א מיזשאנאריא (מיליאנער.) יענער האט געשעפטן פון דער וועלט. נאר ער איז געוואוינט אנצוטאפן גראב. מיט קיין קלייניקייטן גיט ער זיך נישט אפ. הונדערט טויזנט טאלער — א יאר, צוויי הונדערט טויזנט, — ער דאסט זיך אריין אין דעם. דאס איז בא אים קיין געלט נישט. ער מוז אריינפאקן א מאטניא, עס זאל זיין בא וואס אנצונעמען — פאניאל? (פארשטאנען?)

דער ליטוועק, א מיטלוויקסיקער, א דאדער; אליין, א העלער אפן אויסזען, שוין א היפשלעך־פליכעוואטער, מיט קאלירלאזע בליקן און א ארויסשטארצנד גאלדן מויל ציין, — ער האט ערשט גענומען אריינגיין אין דער יוכע, באם פירברענגען פאר פליגלמאנען און זיין לאנדסמאן את רב עשרו ואת פרשת גדולתו פון יענעם גביר אדיר — פונקט ווי עס וואלט זיך געהאנדלט אין זיין אייגנס, אדער עס וואלט דא געגאנגען, לכל הדיעות, אין א מענטשן, וועמען ער, דער ליטוועק, האט שוין בא זיך אין קעשענע... מע איז איצט געזעסן, אלע דריי, פאר א טישל, אין א יאפאניש קאפעהויז אין דער אנסע־געגנט, און געזופט שווארצע זודיקע קאווע פון קליינע ווייסע טעפעלעך פון פארצעליי. א חוץ דעם, איז לעבן ליטוועק געשטאנען א פלאש ראם מיט א גלאז, און וועלכער ער האט אלעמאל אנגעגאסן צו ביסלעך. ער האט כסדר געטרונקען „לחיים” צו זיינע טיש־באגלייטער און

זיי איינגעלאַדן מיטצוטרינקען. דערביי, האָט ער געשמשירעט מיט דער גאַנצער גאָלדענער מאָרדע, א פיר־געמאָן מיט דער פרייער האַנט איבערן פּליך, זיך צעביכיקעט אויסן גאָרגל אפּער און, שוין א היבש־ביסל־אויפגע־רוימטער פונעם יי״ש, — צוגעוואָרפן זיינע קאָלעגן אינעם שמועס:

— ...איר הערט? דאָ, אין אַמעריטשקע־גנב, דאַרף מען נאָר קיין שוואַנץ נישט זיין, כע־ע־ע... עליי א מוהל...

און ער האָט א בראָק געטאָן אַ מעשה וועגן דעם, וויאַזוי, נאָך אין דער היים, האָט ער זיך אַמאָל געפּלאָנטערט מיט א ווייבל. שפּעטער, איז א קינד געקומען אויף דער וועלט, א אינגל. ער אַליין, איז אפן ברית נישט געווען. אויף צומאָרגנס, איז ער געקומען געוואָרע ווערן צום קינד. אין דעם, איז אָנגעגאַן דער מוהל; א ודאי, צוליבן זעלבן... נאָר אין עטלעכע טעג אַרום, איז דער מוהל ווידער געווען און אים דאָרט דערזען. מאַכט ער צו אים: „— זאָגט מיר, יונגערמאַן, ווער איר זענט, וואָס מע טרעפט אייך דאָ כסדר?!” נאָר ער, דער ליטוועק, האָט אים צוריקגעענטפערט, מיט א שמייכל: „— איר זענט שוין לאַנג א מוהל בא אידן? א ודאי, א יאָר פופצן? נו, איז נאָך נישט צייט, פרעג איך אייך, נאָך אזויפיל יאָר שווענצל־לעך־שניידן, אַליין מער קיין שוואַנץ נישט זיין?!.”

איצט, האָט דער ליטוועק געענדערט דעם טאָן און אריבער צו דער ווייטערדיקער שילדערונג.

— ...איר זאָגט — יענער גביר. איין קלייניקייט! סעניאָר פראַנץ אַליין האָט עס מיר דערציילט — ווי איר זעט מיך, א לעבעדיקן... א חוץ זיין ריזיק דריי־שטאָקיק געשעפט, אין דער זעלבער אַנסע־געגנט, די צענ־טראַלע, מיט אַלע אירע סעקציעס פון מאַנופאַקטור, זיידנס, שניידעריי און אַלע אַנדערע, — פאַרמאָגט ער נאָך זיבן סוקורסאַלן (אָפּטיילונגען) אין די גרעסטע שטעט פון לאַנד, וואו ס׳ם אַרבעטן אויף אים מענטשן, זיינע נאַמנס; מע לעבט, מע ווערט אַליין רייך, אייגענע הייזער אויסגעבויעט, קינדער פאַר לייטן געמאַכט. איצט, גייען זיינע אַגענטורן אין דער וועלט. זיצט זיך א פאַרשטייער אין פּאַריז, צי אין בעלגיע, טאַפּט אָן ערגעץ אויף דער בירזשע, וויאַזוי עס האַלט מיט עפּעס אַן אַרטיקל, וואָס גייט דאָ בא אונז טייער ווערן — און ער האָט שוין טעלעגראַפירט א ה ע ר צ ו , וואו קיינער ריכט זיך גאָרנישט, אַרום איז שאַ־שטיל. נאָר איין סעניאָר פראַנץ שלאָפט נישט. געכאַפּט און וואָס־מערער איינגעהאַנדלט, בהצי־חינם, פאַר א שיבוש, אַלץ אין די קעלערן אַראָפּגעטראָגן, און מע וואַרט. איידער וואָס ווען — און מע שאַרט אָן פעסער גאָלד. אפן מאַרק איז א בהלה, א טומל. מע גייט אום אָן א קאָפּ: — אַן אויסכאַפּעניש, וואו איז די סחורה אהינגעקומען?! נאָר איין סעניאָר פראַנץ שטייט און לאַכט... ער רייבט זיך א האַנט אָן א האַנט... דאָ איז אַמעריטשקע, ברודער; א לאַנד, וואו מע טאָר קיין שוואַנץ נישט זיין...

באַם ליטוועק האָבן זיך געפּלעמלט די אויגן, פון באַגייסטערונג.

— ...און איין פאַרשטייערל זיצט זיך אין לאָנדאָן און שמעקט אָן, וואו מע דאַרף... אַנומלטן ערשט איז דאָס געווען. דאָ, באַ אונז, איז שטיל, ווי אין רייוועץ. אָבער ד אָ ר ט ן — האָט מען שוין געוואוסט, אַז מע נעמט אַ קאָנצעסיע, מע גייט בויען אַ אונטערבאַן אין ב. איירעס. און אַק־ציעס הויבן אָן אומפליען אויף דער בירזשע. דערווייליע — ווערטלאָז, ווי באָרשט... סעניאָר פראַנץ שיקט קיין לאָנדאָן קאַפּיטאַלן, אוצרות גאַנצע. ער טעלעגראַפירט דאָס איינע וואָרט בלויז: — קויף! — יענער הערט, נעמט ער דאָס געלט און ער פאָלגט... וואָס איז געוואָרן דער סוף, ווילט איר וויסן? — דעם טאָג, וואָס די סובטע, (אונטערערדישע באַן) דאָ, אין ב. איירעס, איז געעפנט געוואָרן, — איז סעניאָר פראַנץ אומגעלאָפן, אַזוי־ווי אַ טיגער אַ צערייצטער, איבער זיין ריזיק געשעפט, אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די מענטשן, קיינעם צו זיך נישט צוגעלאָזט, און ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט שענקען דעם פראַמאַך, הלמאי ער האָט אַזוי וויניק אַקציעס איינגעהאַנדלט און געבליבן בלויז באַ אַ נאַריש מיליאָנדל רוח!...

— . . . נ י ש ט מ ע ר , כע־ע־ע... — האָט דער ליטוועק איצט צוגעגיבן זיין אייגענעם פּירוש צו דער גאַנצער זאַך און זיך אַזש באַלעקט, פאַר התפעלות.

ער האָט אַ זופּ געטאָן זיין ראָם, זיך אָפּגעקרעקט און אָנגעהויבן ווייטער.

— ...נו, און וויאַזוי ער האָט זיך דערשלאָגן צו די ערשטע פּאָר מאָ־לער, ווייסט איר כאָטש? — אָט, וועט איר הערן... דער טאַטע זיינער איז געווען, אַלע יאָרן, אַן אָרעמער איד אַ מלמד, אָדער, ווי איר האָט געזאָגט — אַ שוואַנץ־מלמד... אָבער ער, דער זון, סעניאָר פראַנץ, האָט נישט געהאַלטן דערפון. זיך גענומען צו מסחר. עס איז אַוועק. ער האָט געעפנט אַ גע־שעפט, אָנגעהויבן צו שטייגן. עס איז נישט געווען חלילה מסוכן. עס איז געגאַן מיט אַ דרך. ער האָט אַרויסגעגעבן סחורה אויף טערמין צו אַמבולאַנ־טן און קוענטעניקעס. (ספּעציפישע אַרגענטינער הויזירער) זיך געשטעלט, נאַטירלעך, אַ שיינעם פּראָצענט...

פליגלמאַנס לאַנדסמאַן, דער קוענטעניק, וועלכער איז געזעסן, די גאַנ־צע צייט, און רואיק אויסגעהערט, — איז אים דאָ פּלוצים אריינגעפאַלן אין די רייד.

— אַ ש יי נ ע ם פּ ר אָ צ ע נ ט — זאָגט איר? אויב אַזוי, זייט מוחל, האָט איר אַ טעות. ער האָט באַרויבט אונזערס אַ ברודער און אים געבויגן ביז צו דער ערד. ער האָט אָפּגעלאָזן איטלעכן — נאַקעט צו דער העמד, אָט אַ דער מערדער, דער אַכזר... איר מיינט — מע ווייסט נישט, מע האָט פאַרגעסן? — דאָס קאָנט איר א י ם אָנדרייען אַ קאָפּ — האָט ער אָנגעווייזן אויף פליגלמאַנען — נישט מיר... פאַר פינף סענט, איז

בא אים רעכט געווען יענעם אין תפיסה פארשפארן, לאזן דארטן פאר־פוילט ווערן... נאָש־בראַט טראָגט אַף אים אַ האַס ביז היינט צו טאָג... מע האָט אַזוי לאַנג געליטן, ביז מע האָט זיך באַרעכנט, אַז מע מוז פון אים פּטור־ווערן. מע האָט זיך אויפגעקליבן, אַלע אייניינעם... נישטקשה; הראַ־מאַדע — וועליקי טשעלאַוויק... מע האָט אַ יי ג ע נ ע גרויסע קאָלעק־טיווע געשעפטן פאַרלייגט. היינט, פייפט מען אַף זיין קאָפּ...

נאָר דער ליטוועק האָט זיך נישט געלאָזן. ער איז פון די רעוועלאַ־ציעס ווינציק וואָס נתפּעל געוואָרן... ווען מע כאַפּט עס נישט אַרויס פון זיין מויל, — וואָלט ער עס אַליין געוועזט דערציילן...

— ...מאַלע־וואָס בא מסחר פאַסירט! דאַרויף, איז עס דאָך געשעפט... דער עיקר, מיין פריינט, ברויך מען דאָ קיין שוואַנץ נישט זיין, כע־ע־ע... וואָס־זשע — איר אַליין, אַף זיין אָרט, וואָלט געווען בעסער — וואָס איר בעבעט? צי איך? אָדער, איר אפשר, פליגלמאַן?... לאָזט־זשע געמאָך, איך בעט אייך, מיט אַכזריות־שמאַריעס... זיך־צופעליק דערמאָנט... בא אונז דערציילט מען... אַמאָל, אין אַלטן רוסלאַנד, פון יענער זייט תחום־המושב. ראש־השנה, אין אַ שיל, פאַר די תקיעות. גייט אַרויף אַפן באַלעמער אַן אַלטער מאַן און ווענדעט זיך צום עולם בזו הלשון: „— גאַספּאַדאַ! עברות שבין אָדם למקום — עטאָ שוטקי. שבין אָדם לחברו — טאָזשע דודקי... (און צום בעל־תוקע:) — אַ טיעפּער — טרובי!...‟ — אָ, ער איז שוין ווייט קיין שוואַנץ נישט געווען, יענץ אידל, וואָס האָט געהייסן פייפן אַף אַלץ...

— ...יאָ, אַנטקעגן וואָס־זשע איז דאָס צורייד־געקומען?... שלאָגט־זשע מיר נישט איבער, זייט מוחל... אַנטקעגן די ערשטע הונדערט טויזנט, באַם סעניאָר פראַנץ. ווייטער, ווי איר ווייסט, גייט דאָך שוין אַליין... איז, זיינע פאַרשטייער טאַקע איבער דער גאַנצער וועלט, זיי האָבן דאָס אים צו־וויסן־געטאָן באַצייטנס, אַנגעשמעקט דאָרט, וואו מע דאַרף — אַז... עס גייט, עס קומט, עס גרייט זיך אַ זיס מלחמהלה אַף דער ערד... און סעניאָר פראַנץ האָט צוגעהערט, און שוין געוואוסט, וואָס ער האָט צו טאָן... ער האָט אָפּ־געשטעלט כמעט אינגאַנצן דאָס פאַרקויפן, און גענומען קויפן, איינהאַלטן וואָס מער סחורה אַפן לאַגער... דעם טאָג, ווען די מלחמה האָט אויסגע־בראָכן, — האָט זיך פאַר אים אַ לעבן אָנגעהויבן, אַ גדולה, אַ פרייד... איר פאַרשטייט? — דאָרטן, גיסט זיך בלוט — ימים גאַנצע! נאָר דאָ זשויבט מען, קיין עין־הרע, כע־ע־ע... גאַנצע פיר יאָרעלעך — אַזוי... ביז צום טאָג פון דער סירענע, (פייפל) וואָס האָט געבלאָזן אַף שלום... עך, ווען נישט יענע טייפלשע סירענע! ווען דאָס מלחמהלע פאַרציט זיך כאָטש אַף נאָך אַ פּאָר יאָרעלעך — אַזוי... איר שטעלט זיך עס פאָר, מיינע ליבע לייט, ווי ווייט מ י ר וואָלטן דערגאַנגען?... ד ע ם ט אָ ג,

האָט סעניאָר פראַנץ מיליאָנען פאַרלאָרן. עס איז סחורה גלייך געפאַלן... אָבער דאָך, איז מען בא עפּעס געבליבן...

— ...דערנאָך; מע איז דאָך אידן אַף דער וועלט — אידישע מענטשן... שבת, איז שבת. דאָס געשעפט איז געשלאָסן... מע האַלט אוים אַן אייגענע שיל. מע שטיצט אָן איידעלן אידן. מע היט אָפּ צו שיקן כשר־כשר פאַר אידישע וואַנדערער אַף די שיפן, און אפילו דאָ, בא אונז, אין עמיגראַנטן־האָטעל... איינס מיטן אַנדערן קער זיך נישט אָן...

דער ליטוועק האָט ווידער א זופּ געטאָן זיין ראָם און פאָרגעזעצט.

— ...איז, מיט אים, הייסט עס, מיטן סעניאָר פראַנץ, האַלט איך איצט אין איינקנעלן דאָס נייע געשעפט, וואָס איך שלאָג אים פאָר, ער זאָל זיך א נעם טאָן צו פוטער... וואָס אַרט אייך? עס גייט א וועג... עס וועט זיין א געשעפט, וואָס וועט דאַרפן נעמען וואַקסן אָן א אָפּהאַלט, אָן אָפּשטעל, כסדר אַרויף־באַרג... איר, סעניאָר פליגלמאַן, פאָלגט מיך — וועט אַלץ גיין גוט. איך קאַוויר אייך, אַז איר וועט אים געפעלן ווערן, דעם סעניאָר פראַנץ... זיי האָבן ליב אָן איידעלן מענטש, אַזא, ווי איר זענט. און ס'אַנדערע, וואָס בין א י ך עפּעס, א שטומער? איך קאָן אויך פאַרוואָרפן דאָס ריכטיקע וואָרט, ווען מע דאַרף... אַצינד, לאָמיר הערן, וו אָ ס ז אָ ג ט א י ר? —

האָט דער ליטוועק פאַרענדיקט, געפּרוּאווט פאַרלייגן ביידע הענט פאַר זיך אַפן טישל און נאָכמער אויסגעסטאַרטשעט די געמבע אין פאַרויס. נאָר באַלד האָט ער גענומען מיט א פינגער צייכענען אַף דער פאַרנעצטער צעראַטע פונעם טישל זיין אונטערשריפט. ער האָט דאָס געמאַכט מיט אַלערליי דריידלעך און קונציק־פּעסטע ענד־ליניעס, כדי צו זען, קענטיק, אויב זי קומט אָפּער בא אים, די חתימה, סוחריש־פיין, ווי עס געהערט צו זיין... זעט איר: דאָס, וואָס מע איז געווען אינדערהיים א פעלצן־נייער, א שטשאָבע־אַרבעטער, א שנאָרער, — דאָס גייט קיינעם נישט אָן. אַהער איז ער נעקומען — אויספּרובירן זיין מזל פונדאָסניי... מ'וועט זען...

די גאַנצע צייט, וואָס ער, דער ליטוועק, האָט פאַרלייגט זיינע רייד, — איז פליגלמאַן געזעסן — נישט טויט נישט לעבעדיק; געשפּירט, ווי עס פאַלן פון אים שטיקער, פאַר האַדאַסט, פון יענעמס ווערטער; וויאַזוי ער צאַפּט אים זיין בלוט; ער ברעכט אים איבער, פּשוט, די הענט מיט די פיס... גאָט, גאָט — האָט ער גערופן, אין זיין פאַרצווייפלונג — וואו איז ער דאָ אַריינגעפאַלן? וואָס וועט עס זיין פון אים?... אָבער, זיין פּנים איז געבליבן שטום, אָן אויסדרוק. ער, פליגלמאַן, דער תמיד־ווילנלאָזער לגבי דעם רעאַלן לעבן, — האָט אויך דאָ רעזיגנירט. ער האָט בלויז שטיל געזיפצט אין זיך, אַראָפּגעשלונגען די ביטערע פיין, זיך געשעמט מיט איר פאַרן דרויסן...

עס איז געבליבן אָפּגערעדט, אַז דער ליטוועק, סעניאָר פּיזשאַק, זאָל זיך טרעפֿן, מאָנטיק גאָר־פֿאַרפֿרי, דאָ נישט־ווייט ערגעץ, מיט פֿליגלמאַנען; וועט ער אים גלייך אַוועקפֿירן אַהין אין געשעפֿט אַריין, צום סעניאָר פּראַנץ, אים פֿאָרשטעלן, און טאַקע שוין אַ רעד־געבן ערנסטער פֿון דער גאַנצער זאַך; ווייל — צייט שטייט נישט, ברודערקע. צייט אין אַמעריטשקע איז — געלט!

*

עס איז שוין געווען פֿאַרנאַכט, ווען פֿליגלמאַן איז אַוועק פֿונעם ליטוועק, מיט אַ געפֿיל פֿון נישטגוטקייט ביז איבל, און זיך געלאָזן גיין מיט זיין באַגלייטער, דעם לאַנדסמאַן, צוריק צו יענעם אַהיים.

מע איז געגאַנגען און געשוויגן. יענער, דער לאַנדסמאַן, האָט צוגעזען, וויאַזוי דער גאַסט זיינער איז עפּעס נישט מיט אַלעמען, און, כאָטש אַליין אַ באַרעדעוודיקער, — האָט ער זיך איצט נישט דערוועגט אים צו שטערן... „נאָך אַלעמען — האָט ער געקלערט פֿאַר זיך — זענען מיר דאָך ווילד־פֿרעמדע מענטשן צואַנאַנדער. וואָס קערן מיר זיך אָן?... נישט מער, אַן אייגענער, פֿון איין שטאָט. דו מוזט אים טאָן די טובֿה. אָלאַ, ער איז דיר נישט דאַנקבאַר? — דאַרף מען נישט!”

אַז מע וויל זאָגן, — האָט שוין אים, דעם לאַנדסמאַן, גענומען פֿאַרדריסן אַף דער גאַנצער זאַך... וואָס האָט מען אים דאָ צוגעוואָרפֿן אַ גרינע חיה אַף זיין קאָפּ, ער זאָל זיך פֿאַרדרייען מיט יענעם, גאַנצע טעג? וואָס איז ער אַליין — אַ ליידיקגייער? איין לאַנדסמאַן — אין ב. איירעם? זיי אַלע, די נעכטיקע טומלער, האָבן זיך גוט אָנגעזשערעט בא אים, ווי די חזירים, צוגעזאָגט היינט צו פֿאַרפֿאָרן — ווער האָט זיי געזען? אים צוגעוואָרפֿן דעם פּגר, און מע לאַכט אויס זיין קאָפּ... — אַ מפּלה אַף זיי אַלע, וויבאַלד אַזוי!

ער האָט זיך געטרייסט מיטדערמיט, וואָס עס דאַרף, היינט־מאָרגן, נעמען אַ ענדע. און ווייטער, וועט ער שוין פֿאַרזאָגן אַ צענטן — זיין אַ בעל־טובֿהניק בא אידן!... דערווייל אָבער, מוז מען מאַכן אַ פֿריילעכע מינע, אַז — מע האָט דעם גאַסט גערן...

פֿליגלמאַן ווידער, גייענדיק, האָט געקוקט טרויעריק אַף די וואָכעדיק'ע גאַסן פֿון שטאָט, איצט, אינעם פֿרייטיק־פֿאַרנאַכט בא אידן... נ י ש ט — וואָס ער איז געוואָרן פֿרום ראַפּטעם. אָ, ווייט נישט דאָס... נאָר, עס האָט נישט פֿאַרטראָגן קיין הפֿקרות... „דאָרט, אינעם שטעטל — האָט ער געטראַכט — זענען מענטשן פֿינצטער; עס קאָן זייער גריילעך זיין. אָבער, דאָס גאַנצע שטעטל, אַלס אַזעלכס, גענומען ווי די היים, איז אַזויווי איין גענייניקטער געבוי, מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ, מיט ווענט. עס איז דאָ וואָ־

רעמקייט אין דער היים. עס צוקן נישט דאָרט קיין הפקר־ווינטן... מילא, ער אַליין, פליגלמאַן, נאָך אַזוינע ווי ער, יונגע חברה, אמת־זוכער, — זענען דאָרט אין שטעטל געוואָרן פריי. מע האָט געוואָלט דערגרינטעווען צו אַ טאָלק. דערגיין, וואו די גערעכטיקייט שטייט איין, דער יושר פון דער וועלט. אָבער, מע איז, חלילה, קיינס פון זיי קיין הפקר־יונג נישט געוואָרן. אַלע האָבן זיך געהאַלטן באַם כּלל: „אדמיבני בני, אל תסתור"; צעשטער נישט, ברודער, איידער דו זעסט איין, וואָס מע קען דאָ גיין בויען..." — דער גאַנצער רומל פונעם שטעטל, אָט וואָס! — האָט פליגלמאַן ערשט געפילט, ווי עס פעלט אים זיין דערשלאָגן געמיט... דאָ, וואָס זעט ער צו איבעראַל — אמת־זוכער, אפשר? די אויפגעקלערטע פרייע קעמפער פאַר גערעכטיקייט?... געוויס, זענען זיי ערגעץ פאַראַן, יענ'ע גרויסע קעמפער. זיי לעבן אומעטום, דאָרט וואו מענטשן לעבן און לײַדן; און אין אַזאַ גרויסער שטאָט זענען זיי זיכער פאַראַן... נאָר, דאָ איצט, וואו ער גייט, אַן עלנטער, אין דער גראָער וואָכעדיקייט פון אַ פרייטיק־פאַרנאַכט, — זעט ער עפּעס גאָרנישט פאַר די אויגן. אים קומט דאָס פאָר, אַלעס אַרום, ווי הפקרות, ווי צעלאָזנקייט — נישט מער... ער ווייסט, און ער זעט דאָך געניי, אַז — דאָס זענען אידישע קרעמער, וואָס האַלטן אָפן די געשעפטן, אפילו נישט — כּדי מחלל־שבת צו זיין — אָ, ווי אַמאָל אינעם שטעטל. ווען מע האָט פּורץ־גדר געווען בפרהסיא, פאַרויכערט דעם ציגאַר אום שבת, און דערמיט וועלטן איינגעבראָכן! — אָ, ניין; דאָ טוט מען עס — צוליב די פאָר־גראָשן, נישט מער. ווייל מע איז אַליין געוואָרן כּולו־גאָרנישט...

ער האָט זיך געפילט אַליין, ווי אַ הפקר־געוואָרענער, וואָס איטלעכער האָט מיט אים צו־טאָן; מע דרייט אים אַ מוח, און מע פירט אים אַהין און אַהער; אָ, מע לאָזט אים גאָרנישט אָפּדעכן, אַ רגע, פאַרבלײַבן מיט זיך, אַז ער זאָל כאָטש קאָנען איינזעען, וואו ער איז דאָ אַריינגעפאַלן...

מיט אַ צונויפגעקלעמט האַרץ, איז ער געקומען צוגיין אַהיים, און גלייך אַרויף צו זיך, אין אויבערשטן צימערל. ער האָט נישט אַרויסגעדרייט דאָס עלעקטרישע ליכט; געבליבן אַזוי אין דער פינצטער זיצן אָפן בעטל, געגלאָצט מיט די אויגן; נישט געוואוסט, וואו ער איז אין דער וועלט. באַלד, האָבן זיך צו אים גענומען דערטראָגן קלאַנגען אַלערליי פון ראַדיאָ, פון ד ע ר שטוב, און אויך פון אַרומיקע אָפענע דעפּאַרטאַמענטלעך. דאָס זענען געווען די טרויעריקע פאַרבענקטע לידער פון דעם לאַנד. זיי האָבן זיך אויפגעמישט אַלע אין איין האַרצרייסנדן צאַפּל, אָ, זיי האָבן אים לאַנג אַרומגעזוכט, פליגלמאַנען, ביז זיי האָבן אים אויסגעשנאַפּט, דעם עלנטן אומגליקלעכן, דאָרט, אין דער פינצטער, זיך־געשטעלט איבער זיין קאָפּ. שוין נישט אָפּגעטראָטן פון אים מער און, ווי

געטרייע קלאָגערס, געוויינט אױף זײַן בראָך, אױף דעם גרויסן חורבן, וואָס ער האָט אַליין געבראַכט אױף זײַן לעבן... ער האָט באַהאַלטן זײַן פּנים אין די הענט און זיך אָפּגעגעבן דעם געוויין, וואָס ער האָט שוין מער נישט גע־קאָנט איינהאַלטן אין זיך, ווײַל עס האָט געשלאָגן פֿון אים אױס יעדן אבר, אים געבויגן צו דער ערד, אים פֿאַרפּלייצט אינגאַנצן; ביזלוואַנגען ער איז געבליבן אַזוי זיצן — איין פֿאַרשטאַרטע שטיק פּיין.

*

נאָר עס איז אים נישט באַשערט געווען, פֿליגלמאַנען, בלײַבן, כאָטש די איינע נאַכט, אַליין מיט זיך.

אינגיכן, האָט מען אָנגעקלאַפּט אָן דער טיר. דאָס האָט אים גערופֿן דער לאַנדסמאַן, ער זאָל אַראָפּקומען שנעלער כאַפּן אַ קיי, ווײַל — ער ווײַל מיט אים צופֿאָרן אין דער אָפּערע, וואו מע ווײַזט „אאידא" — אַ זעלטענע געלעגנהייט!

אָ, דער דאָזיקער לאַנדסמאַן, זעט אויס, האָט בײַ זיך געפּועלט צו פֿאַרבלײַבן אַ דזשענטלמען מיטן גאַסט — ביז לעצט!

אַ וועסטרעוואָזשעטער פֿלוצים. פּונקט ווי מע וואָלט אים כאַפּן בײַ דער האַנט, — איז פֿליגלמאַן אויפֿגעשפּרונגען פֿון בעטל און גלײַך אַרויס־געדרייט דאָס ליכט. ער האָט צורעכט געמאַכט, פֿאַרן שמאָלן שאַפֿקע־שפּיגל, זײַן צעשויבערטקייט, ווידער געמאַכט פּינצטער און גענומען אַרונטערגיין.

דער טיש איז געווען פֿאַרגרייט, ווי באַטאָג, אינעם עס־צימער, וואו־הין מע האָט אים אַצינד פֿאַרבעטן. די טונקעלע סימפּאַטישע פֿרוי, די באַלעבאָסטע, האָט געקוקט צו אים אַזוי פֿרײַנטלעך, ווי תּמיד. זי האָט דערלאַנגט ברויט מיט פּוטער, אַ טעלערל סמעטענע מיט קעז און צולעצט, אַ גלאָז טיי — ספּעציעל פֿאַרן גאַסט. זי אַליין מיטן מאַן האָבן צווישן זיך געטרונקען אַ מאַטע, (ספּעציפֿיש־אַרגענטינער עסענץ־געטראַנק, וואָס ווערט געזופּט, דורך אַ רערל, אױס איינער און דער זעלבער כּלי, אָפֿט מאָל, פֿון דער גאַנצער משפּחה, און אַפֿילו פֿון אַנוועזנדע געסט;) וועלכע איז געגאַנגען בײַ זיי פֿון האַנט צו האַנט. זי, די ווירטן, האָט זיך, באַלד פֿון אָנהויב, אַנטשולדיקט פֿאַר פֿליגלמאַנען, הלמאַי זי האָט אים אויך נישט אײַנגעלאַדן מיטצוטרינקען: ווײַל זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז, אַלס פֿרישן מענטש, וועט דאָס אים נישט אײַנגיין... פֿליגלמאַן האָט איר גע־געבן רעכט.

דער לאַנדסמאַן האָט גוטברודעריש צוגעאײַלט דעם גאַסט, ווײַל עס האָט גענומען ווערן שפּעט.

מע איז אַרויס אין דרויסן, געכאַפּט אַ טראַמוויי און געפֿאָרן. אין אַ

ווײַלע שפּעטער, איז דער קאָטש געגאַנגען איבער די ברייטע אַווענידעס (בולוואַרן) פון פּאַלערמאָ, פאַרביי די פּרעכטיקע פּאַלייען, מאָנומענטן און פּאַרקן, איצט, אין פרילינג — געגצלעך אין גרינס איינגעטונקענע... עס איז נאָר אַ שאָד — האָט דער לאַנדסמאַן באַדויערט — וואָס, ערשט באַ־דערנאַכט, קאָן מען די שיינקייט נישט אָנזען... און ער האָט פאַרשפּראָכן פליגלמאַנען, באַ אַ צווייטער געלעגנהייט, אים אַרויסנעמען אַהער, ספּע־ציעל אין אַ באַטאָג.

דאָס האָט ער אים געפירט אַצינד, דעם גאַסט, צו דער פאָלקס־אָפּע־רע פון „רוראַל", אָפּן שוים פון דער נאַטור...

מע איז שוין אָנגעקומען אַביסל שפּעטלעך. די אָפּערע איז געווען אָנגעהויבן. דער ריזיקער סטאַדיום — געפּאַקט קאָפּ אָף קאָפּ. נישט גע־בליבן פריי קיין איין באַקוועם פּלאַץ, פונוואַנען מע זאָל קענען עפּעס זען; רעכט; הגם די מעכטיקע הויכרעדער האָבן איבערגעגעבן אין איטלעכס ווינקעלע דאָס געזאַנג און די מוזיק פון דער טיף־אָפּגעלעגענער בינע.

פליגלמאַן איז מיטיינמאָל געוואָרן אומרואיק. ער האָט זיך אַזויווי אָטשוכעט פון זיין נישט־לאַנגסטיקער פיין. די מוזיק און דאָס געזאַנג האָבן אים גערייצט און געצויגן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. דערזען לעבן זיך אַ הויכן צעוואָקסענעם בוים און, נישט געקלערט איבעריקס, איז ער אים פלינק באַשטיגן ביז צו דער צווייגן־קרוין. ער האָט געווענדעט זיין בליק צו דער בינע און, ער איז געבליבן איין שטיק עקסטאַז... נישט ער האָט געוואוסט עפּעס; פאַרשטאַנען פון דעם, וואָס ער האָט געזען־גע־הערט. נישט ער האָט געוואוסט מער, וואו ער איז אין דער וועלט, אַז ער הענגט צווישן הימל און ערד, זיין לעבן איז אין געפאַר... פאַר דעם האָט זיך שוין געמוזט דאַמאָלס זאָרגן זיין גוטער מזל און אים באַשירמען פון שלעכטס... ער אַליין, פליגלמאַן, דער אויסגעלעכצטער און צעפּייניקטער, ווי אַ מדבר דורשטיקער — נאָך וואַסער, — האָט, מיט אַלע אויפגעצאַפּל־טע חושים זיינע, געגומען זויגן אין זיך יענע וואונדער, די אַנטפּלעקטע כישוף־וויזיע, די צויבער־לעגענדע פאַרן אויג און פאַר זיין גאַנצן אויפ־געראַשטן געמיט, איינגעזאַפּט אין זיך אומדערזעטלעך יענעם לעבנס־זאַפט, געשפּירט — ער ווערט נאָכמער דורשטיקער פון פריער... ער, ווי ער איז געווען געוואוינט, פון תמיד אָן — (אָ, נאָך פון יענע אַלטע גוטע צייטן פון אַמאָל, פונעם שטעטל און פונעם ים, וואו ער איז געווען מיט זיך אַליין) — אויפצונעמען אַלץ, וואָס זיין אויג און געמיט האָבן באַגערט פונעם אַרום — אָף זיין אייגענעם שטייגער, און אַליין עס צו זיך דער־הויבן, אין זיין באַזונדערער וועלט פון ליכט און שיינקייט, — ער האָט זיך, ערשט דאָ, אָף דעם אויסטערלישן מקום, דערפילט פלוצים אַזוי פריי, ווי געווען... ער האָט דערזען אַ קאַמף פאַר די אויגן, און פאַרנומען דאָס קריגס־שאַלן, דעם רוף צו מאָרד און אויסראָטונג... נאָר, איבער דער פאַר־

לענדונג, דעם מענטשנס אונטערגאנג, שווימט אויף, ווי א נס, אומגעריכט. די גרויסע הייליקע ליבע „אאידא...” און זי זינגט אויס די בשורה פון לייטזעליקייט און גענאד פאר אלע מענטשן־קינדער אף דער ערד. די טיפע אייביקע בענקשאפט נאך גליק... דער רוף צו פארברידערונג און גערעכטיקייט... א, קיינער קאן יענע ערלעכע מענטשלעכע שטים נישט דערשטיקן, נישט אומברענגען... דו, פארשפאר זי, די ליבע, אינעם חושך פון אונטערערדישע קעלערן; דו, רייס ארונטער דעם קאפ פון איר גוף... נאר זי, א פארבלוטיקטע און צום־טויט־געפייניקטע, — וועט ווידער אויפ־טויכן, מיט טויזנט אייביקע לעבנס פאראמאל, און באניים לאזן אויסרופן איר בשורה און איר גלויבן — אין דעם הארץ פונעם מענטש... וואס דארף פארלענדן דאס שלעכטס. וואס פארהיילן וועט די בלוטנדע הייליקע וואונד. און אויפריכטן, פאר אלע פיינען, א לעבן א נייס פון פרייד, א, פון ליבע און פון גליק...

2

סעניאָר רובען פראַנץ, דער אייגנטימער פון דעם ריזיקן האַנדלס־הויז
אינעם סאַמע גערדיכטן צענטר פון דער אַנסע־געגנט — אַליין, אַ מאַן אין
די פערציקער, איבער מיטלען וואוקס, אָן איין האָר אפן קאָפּ, כמעט אָן־
ברעמען, מיט קליין־גרינגע אויגן אין דעם פנים־פאַרזעעניש, אַ געפּאַקטער,
נאָר אָן אומרואיקער, — ער איז, פאַר די לעצטע יאָרן, געוואָרן אַלצמער
אומצופרידענער סיי מיט זיך אַליין, ווי מיט אַלץ, וואָס האָט אים אַרומ־
גערינגלט; און נישט אָן אַ פאַרוואָס.

די געשעפטן זענען געגאַנגען שלעכט; וואָס אַ יאָר — ערגער. פּראָסט־
פּשוט, אין דעקאַדענץ. עס האָט זיך אָנגעהויבן גלייך נאָך דער מלחמה...
גוט איז געווען, ווען דאָס פייער אין אייראָפּע האָט געברענט. אַלע וועגן
זענען געווען פאַרשפּאַרט. קיין סחורה צו אַרגענטינע האָט מען נישט גע־
קאָנט צופירן באין־אופן. יעדעס אַרטיקל איז געווען מיט בריליאַנטן צו־
גלייך, עס איז פאַבלהאַפט געשטיגן, פון שעה צו שעה. אָ, יעמאָלט האָט
מען ווייט נישט באַדאַרפט זיין קיין חכם, אַף אָנצושאַרן מיליאָנען. עס
איז געפלאָסן דאָס גאָלד, אַזוי ווי אַ טייך, פון זיך אַליין... ער, רובען
פראַנץ, האָט געהאַט אָנגעזאַמלט גאַנצע לאַגערן סחורות אַלערליי, נאָך
פון פאַר דער מלחמה אָן; און איצט האָט ער געשניטן דעם פּאַסעק, וויפל
ער האָט נאָר געוואָלט אַליין. און ווען אין די קעלערן האָט גענומען טאָגן,
— האָט ער זיך אויך אָן עצה געגעבן... דאָרט, וואו מע דאַרף, און פאַר
וויפל מע דאַרף... וואָס אַרט אייך? פאַר וועמען־וועמען — נאָר פאַר אים,
דעם סעניאָר רובען פראַנץ, האָבן זיך ימישע וועגן
געעפנט, און מע האָט געפירט פאַר אים און אים געבראַכט דאָס, וואָס ער
האָט געברויכט אמנויטיקסטן... אָבער, נישט נאָר דאָס אַליין, דער האַנדל־
וואַנדל, איז געווען דאָס גליק פון יענער מלחמה־צייט. מע האָט געמאַכט
קאַפּיטאַלן באַ אַקציעס געפאַלענע אַלערליי, ווערט־פּאַפּירן פון אַלע מיני
אינטערנאַציאָנאַלע אונטערנעמונגען, וואָס זענען געהאַנגען אַף דער וואָג־

שאַל, יעדן טאָג, יעדע שעה, ווייל מע האָט קיינמאָל, ביז דער לעצטער מינוט, נישט געקאָנט וויסן אַף זיכער, ווער פון די יעניקע, וואָס שטייען אין קריג, וועט אַפּערקומען דער זיגער, הויבן אַליין די אייגענע אַקציעס ביז צום הימל, דערשלאָגן דעם שונאס ווערט־דעוויזן ביז צום תהום... ער, רובען פראַנץ, האָט געשפּילט אַף די פאַרבינדעטע, באַ קיינעם נישט געפרעגט, אַזוי האָט אים אונטערגעזאָגט זיין חוש, ער האָט ריזיקירט, ער האָט געשטעלט אַ קאָרט — נישט קיין גרויסע, אמת, אָבער דאָך... קאַמף איז ריזיקע, ברודער... און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט קיין טעות נישט געמאַכט. עך, אַ צייטעלע!... דעם טאָג פון יענער שלום־סירענע, האָט ער געכאַפּט דעם גרויסן קראַך, אָבער — מיט חסד. סחורה איז געפאַלן, מיט דער בלאָטע גלייך. באַלד איז דאָס לאַנד פאַרפּלייצט געוואָרן, אוים אַלע עקן וועלט. אָנבאָטן, אַף די בעסטע קאָנדיציעס. מע שלאָגט זיך פאַר אַ קונה. סוחרים אַנדערע, פון זיין בראַנזשע, זענען מיטיינמאָל אַראָפּ. געבליבן שטיין דאָס ראַד, אי באַסטאַ! — נאָר איין רובען פראַנץ האָט זיך באַוויזן אויפצוהאַלטן, ווייט נישט געבראָכן געוואָרן. אָ, ניין! — וויאַזוי?! — האָבן אַנדערע — נעכטן, שיר נישט אַזוינע מעכטיקע, ווי ער — געהויבן מיט די אַקסלען, געשטוינט. נאָר ער איינער, רובען פראַנץ, האָט געוואוסט דעם סוד, וויאַזוי זיינע אַקציעס האָבן אים אָפּגעהאַלטן, אים דערהאַלטן אַף די פיס, אַז ער זאָל נישט אומפאַלן, קענען איבערטראָגן די שלעכטע צייט... ערשט, האָט ער גענומען ריכטיק אויסנוצן יענע לאַגע, ווי עס געהער צו זיין. סוחרים זיינס גלייכן, דערשטיקטע פאַר אַ סענט, — האָבן געזוכט פּטור צו ווערן פון זייערע סחורה־לאַגערן, אום יעדן פּרייז — באַהערשטע פון אַ פּאַנישער שרעק, אַז מאָרגן זאָל די געפאַלענע סחורה גאָרנישט די ווערט האָבן. און אַפילו ווען יאָ — כוז מען דאָך האָבן כּוח איבערצוטראָגן ביז דאַן, ווען אַלץ אַמאָל וועט זיך ווידער נעמען סטאַביליזירן. דערווייל, לעבן דאַרף מען, עקזיסטירן. און דאָ ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג... נאָר, ער, רובען פראַנץ, האָט געוואוסט עפּעס אַנדערש. פון זיינע פאָרשטייער אין אַלע וועלט־צענטערן איז ער דערגאַנגען, אַז די סחורה־פאַרפּלייצונג באַ אונז אין לאַנד איז אַזאַ מין שפּיל פון די וועלט־העכט, וואָס וואַרפן באַ אונז דעם מאַרק, קויפן אַלץ אָפּ פאַר אַ שיבוש. און פונקט אַזוי־ווי איצט איז אַ פאַרפּלייצונג, — וועט, אין איין שיינעם טאָג, אַט וועט איר זען, אַלץ פאַרשווינדן, אויסטריקענען פון אונטער די הענט, און סחורה וועט ווידער ווערן מיט גאָלד צוגלייך. לכן, דאַרף מען זיך גרייטן צו יענעם טאָג, און ביז דאַן — איבערהאַלטן, ברודער! — ער, רובען פראַנץ, האָט לאַ־די זיין אייגענע סחורה נישט פאַרקויפט; נאָר, פאַרן מזומן פון די געשטיגענע אַקציעס, נאָך געזען אויפקויפן וואָס מער געפאַלענע סחורה פון אַרום. אַזוי, האָט ער זיך פּאָזשיוועט פון יענעמס אומגליק. און דער טאָג פון אַלעמענס בראָך האָט

אים אַליין געבראַכט דאָס גרייל͏עכע גליק. אַזוי איז עס, ברודער, אין דער גרויסער וועלט, וואו מע שלאָגט זיך, און דער שוואַכער פאַלט, גייט אַראָפּ...

...אָ, דאָן האָט מען ווייט קיין חכם נישט געדאַרפט זיין. עס איז גע־פלאָסן דאָס גליק, ווי פון זיך אַליין. דו, שטרעק אויס דיין האַנט, נעם אָן פולע עמערס... דאַמאָלס, אין יענע יאָרן, איז זיך דאָס געשעפט ריזיק פונאַנדערגעוואַקסן. מע האָט געמוזט האָבן הענט פון דער וועלט, מענטשן אַזויפיל, מע זאָל קאָנען אַלעס דאָסטאַרטשען, באַאַרבעטן אַלץ, דערלאַנ־גען יעדן, וואָס מע בעט... נו, ווי גייט מען און מע טרויעט אָן אַזאַ ריזיק גיטס, אַזויפיל צעשפּרייטע אוצרות אין פרעמדע הענט אַריין? מע וועט אים דאָך די ביינער צעטראָגן?... דאַרויף איז געווען איין עצה: אָנשטעלן פון דער אייגענער משפּחה, וויפל עס לאָזט זיך... ווען אפילו זיי אַליין וועלן שלעפּן, און מיטן פּאַרטיקן התר בא דער זייט, אַז עס איז דאָך א יי ג נ ס . . . , — נו, וועלן זיי, לכל־הפּחות, אכטונג־געבן אויף דאָס רעשט אָנגעשטעלטע פון דער פרעמד, זיי קוקן איבער די הענט, כדי אַז... פאַר זיי אַליין, פאַר די אייגענע, זאָל מערער אָנקומען... אָ, געוואוסט האָט ער, רובען פראַנץ, פון אַלע זיינע יאָרן אומגיין מיט מענטשן, אַז — וואָס עס איז אומפאַרמיידלעך, איז — ניקס צו מאַכן. אַז מענטשן זענען איבעראַל און אונטער אַלע אומשטענדן — מ ע נ ט ש ן , און מע מוז אַראָפּבויגן דעם קאָפּ און שווייגן. דער עיקר, זעט איז, אַז — דאָס געשעפט זאָל גיין, — וועט עס טראָגן אויף אַלץ; און עס וועט נאָך מסתמא עפּעס איבערבלייבן פאַר אים אַליין, רובען פראַנץ, אויכעט. ווייל, נאָך אַלעמען, איז ער דאָך אַליין אויך נישט מער, ווי א מענטש; און אַז גאָט האָט שוין יאָ צוגע־שיקט דער משפּחה אַזאַ עושר, ווי ער איז, — איז עס מסתמא נישט פאַר אומזיסט; און ער וועט עס שוין בא זיי מיט קיין שה״י־פה״י נישט אָפּפּטרן; נישט בא זיי, און א וודאי נישט — בא גאָט...

...נאָך פונעם פאָטער זיינעם, עליו־השלום — געווען א איד א בן־תורה, א מלמד, אַלע יאָרן, — האָט ער באַקומען דעם שטרענגן פאַרזאָג — צו גיין אין די וועגן פון אידישקייט; וועט אים השי״ת דערפאַר העלפן מיט הצלחה, וואוהין ער וועט זיך נאָר טאָן קערן און ווענדן... ער, רובען פראַנץ, האָט דעם פאָטער זיין פאַרשפּרעכן געגעבן, און ער האַלט אויס זיין וואָרט, ביז היינט צו טאָג... די געשעפטן זיינע, אַזוי אין שטאָט, ווי אין דער פּראָווינץ, בלייבן שבת געשלאָסן... אמת, עס איז אים א שאָד דער לייי־דיקער טאָג, וואָס גייט לאיבוד. ער, דער אייביק־אומרואיקער שטורמי־שער געשעפטסמאַן, וואָס איז געוואוינט, אויף דער מינוט, טויזנט פּלענער אויפצושטעלן; וואָס קען נישט איינרוען, א רגע, עס טרייבט אים אום, עס שפּאַרט פון אים אַרויס, און ער מוז זיך כסדר אַרויסזאָגן פאַר זיינע יועצים און נאמנים אַלערליי (ווי מירן עס ווייטער אַליין זעען באריכות,

ד. מ.), — ער האט זיך נישט, וואו אהינצוטאן אליין, דעם גאנץ־קיי־לעבדיקן שבת־טאג; ער מיינט — ער ווערט צעזעצט, פאר נודנאטע... א חוץ דעם, האלט ער אוים אן איינן שילכל „שערי ישראל", אפן נאמען פור־נעם פאטער, ע"ה, וואו מע טרעפט א מנין אידן, עשרה בטלנים, צו יעדער שעה אין טאג, זיצן און מעיין־זיין אין א ספר. נו, דארויף גיט שוין אב־טונג זאלצמאן זיין אייגענער, דער כערענטע (פארוואלטער) פון אלע זיינע עסקים; אליין, א גוואלדאוונע למדן און א ירא־שמים, וועלכער האט מער אינזינען די בטלנים, ווי די געשעפטן... א, ער זוכט דיר שוין אוים פון אונטער דר'ערד וואו עפעס א שוחט, א מוהל, צי סתם אן איידעלן שוואנץ־מלמד, א געמאלענעם באק מיט באָרד־און־פיאות, — אזוי ברענגט ער אים גלייך צופירן אין שילכל אריין, וואו ער נעמט אים באזארגן מיט אלץ... געענדיקט מיט דעם, — איז ער נאך ווייט נישט פארטיק. ער מוז דיר צו־שטעלן א כשרע קיך פאר די אידישע וואנדערער אף די ימים, און אפילו פאר די אורחים, וואס האלטן זיך אויף אין עמיגראנטן־הויז. נו, אצינד גייט, לויט דער ריי — רבנים, חזנים, דיינים, שמשים, — אט דאס גאנצע געזונדל כלי־קודש, וואס ער, רובען פראנץ, דער ניכטערער פראקטישער געשעפטסמאן, קאן דאס גארנישט פארטראגן; עס עקלט אים פון דער גאנצער כנופיא ליידיקגייער־האלעדראנצעס, וואס, א חוץ אנלייגעריי, וויי־סן זיי גארנישט אף דער וועלט און ווילן נישט וויסן... אז עס קומט אף דער נאכט, ווען דאס געשעפט אין צענטר ווערט געשלאסן, און מע מוז נאך פארבלייבן אמאל די פאר שעה, בא פארמאכטע טירן, ביז וואנען די ווער־טער הויבן אן ארויסגיין היטן די געגנט, — אזוי נעמט ער דיר צונויף, אט דער שיינער כערענטע זיינער, אט די אלע שווארץ־באבערדלטע קראען — טפו, ווי ער קאן זיי נישט איבערטראגן! — גלייך אהער אין קראם אריין. ער אליין, דער כערענטע, טוט אן א יארמלקע מיט דער שליאפע, בינדט איבער דאס אויבערשטע קורצע רעקל מיט א גארטל בא די לענדן און ער ווערט זייער שליח־ציבור, פון דער כאליאסטרע, מע נעמט עס אזוי דאווענען מעריב... דערנאך, צעלייגן זיך אלע ברייט, ווי באם טאטן אין וויינגארטן, מיט די אפענע גמרות אף די שטויסן מאנופאקטור און קאסטנס סחורה איבעראל און, אין א ווילע ארום, צעטראגט זיך איבער דער גאנ־צער קראם א געזאנג מיט א געוואלד — אזש עס דערלאנגט צו אים ארויף, אין דער פריוואטער וואוינונג, אפן דריטן גארן, עס טראגט אים אונטער פונעם בענקל, ער וועט פון שטוב אוועק — וואס איז דארט בא אים פון אונטן געווארן — א ישיבה, צו אלדע גוטע יאר?!

...ער וועט דאך גישט אויסרעדן קיין ווארט כדי ניט צו פארשוועכן דעם אנדענק פונעם פאטער, ע"ה; און ער האלט זיך אליין איין, מיט אלע כוחות, נישט ארפצוגיין אצינד אונטן, אין קראם אריין, זיי צעטרייבן

אַלע פון דאָרט. די לײדאַקעס; און אים אַלײן, דעם טײַערן בערענטשע זײַ־נעם, דערלאַנגען, וואָס באַ אים אַפן האַרצן טוט זיך...

...נײַן, עס גײט נישט באַ אים אין געשעפט מער. ווי עס דאַרף צו זײַן. מילאַ, אַמאָל, פריער, צײַט פון מלחמה, איז עס אַנדערש געווען. עס האָט געקאָכט. געראָדערט... אפילו נאָך דער מלחמה — אַ צײַט, ווען גרויסע עסקים מיט דער וועלט זענען אויסגעראָנגען, דער היגער מאַרק האָט זיך אײַנגעסטאַליעוועט, און מע האָט געמוזט נעמען איבערבויען די געשעפטן צוריק ווי פאַר דער מלחמה, אַף באָרג. — נו, האָט ער געלאָזן אײַנשפּאַנען דערין אַלע אָנגעשטעלטע אָן אויסנאַם, אָ, נישט געשאָנעוועט קײנעם... „איר ווילט עסן, קינדערלעך, די פּוטשעראַ (אַרגענטינער פלײש־געקעכץ מיט גרינוואַרג) צו דער זעט? — אַרבעט דערלאַנגט!"... אפילו אים, דעם גע־ראַטענעם בערענטשע זײַנעם, האָט ער געגעבן זײַן גאָב. ער האָט נישט גע־קאָנט פאַרטראָגן, באַין אופן, זײַן אומלויפן איבער דער קראָם, ווי אַ פאַר־סמטע מויז, זײַן חברן זיך מיט נידעריקערס פון זיך.. ער האָט אים דער־מאָנט כסדר, מיטן האַרבן וואָרט, ווער ער איז... „ביזט אַ בערענטשע, האָסט דיר דײַן אָרט. ווי אַ חיה רעה הינטער קראַטעס, זײַ דאָרט און אַרבעט. דײַן און מײַן ווערדע האַלט אויף!..." אַ חוץ דעם, האָט ער סתם געהאַט אַ פּאַסקודנע טבע, זאַלצמאַן זײַן בערענטשע, אַ נערוועזער, צעטראָגענער און אָפּגעלאָזענע ברואה, צו אומגײן און קראַצן זיך אומעטום צווישן מענטשן, פּונקט ווי אין אַ בית־מדרש אונטערן אויוון אַקוראַט; און דאָס האָט אים. רובען פראַנץ, שרעקלעך געקרענקט, ווײַל עס האָט געהײסן, אַז מע נעמט אים מיטן גאַנצן געשעפט און מע שטעלט עס אַרויס אַף חוזק...

...ער אַלײן, רובען פראַנץ, נאָך דער גוואַלדיקער ראָד, וואָס ער האָט געדרײט, בשעת דער מלחמה און אײַן צײַט דערנאָך, — איז שוין געווען אָפּגעוואוינט פון די קלײנע מיזעראַבלע סענטן — ווי ער האָט אָנגערופן אַצינד זײַנע, אָביעקטיוו־גענומען, גאַנץ־נישטקשהדיקע פאַרדינסטן, פון יענעם סטאַביליזאַציע־פּעריאָד־אָן — און ער איז געוואָרן נערוועזער, מיט יעדן טאָג; זיך קײן אָרט נישט געקאָנט געפינען, פאַר האַדאַסט, און, ווי אים איז עס פאָרגעקומען — פון לײדיק־אומגײן, גאָרנישט־טאָן. ער איז אומגעלאָפן איבער דער ריזיקער דרײַ־שטאָקיקער קראָם, מיט אַלע אירע סעקציעס פאַר מאַנופאַקטור, זײַדנס, גאַלאַנטעריי, טוכערײַ, שנײַדער־קאָנ־פעקציע און אַנדערע; אַלײן, ווי אַ צערײַצטע געפאַנגענע טהיר, איבער אַ פּיל־גאָרנדיקער גיגאַנטישער שטײג, מיט אָפּטײלונגען אַזױפיל. וועלכע איז אָבער פּעסט פאַרשלאָסן באַ די ווענט אַף אַלע זיבן ריגלען, און עס איז נישט מעגלעך פון איר אַרויסצובאַקומען זיך אַף דער פרײַ — באַין אופן...

ער האָט דאַן גענומען אָניאָגן אַ שרעק, אַ מרה־שחורה, מיט זײַן ברומערײַ, אַף אַלע אָנגעשטעלטע, אײַגענע און פרעמדע באַגלײַך; געמאַכט פאַלן באַ זײ די זאַכן פון דער האַנט; נישט געלאָזט פאַרענדיקן קײנעם דאָס, וואָס

עמיצער האָט געהאַלטן אינמיטן טאָן; אַליין געטעמפּעוועט באַ איטלעכן, אָ, ער האָט עס גוט צוגעזען, דעם גייסט עפּעס פּירצונעמען, פּאַרטראַכטן און וועלן עס אַדורכפירן...

...נאָך שטרענגער איז ער געוואָרן, פון יענצמאָלט אָן, צו זיינע קליענטן אַלערליי, וואָס האָבן זיך געשטעלט אַפּדינגען באַ אים אַ פּאָר מיזעראַבעלע סענטן באַ די אַזוי־אויך־געגנוג־נישטיקע מקח־וממכר־עסקים. אָ, צו זיי איז ער געוואָרן אומבויגזאַם און האַרב, ווי דאָס געזעץ אַליין. ער האָט נישט געשאָנקען קיין סענט, באין־אופן, און געפאָדערט די גרעסטע פּינקטלעכקייט פון סכום און צייט. איינמאָל זיך פּאַרפּליכטעט, געלייגט די חתימה, — האַלט וואָרט, חברה־מאַן. קיין איינזעען, קיין באַדויערן. אין טורמע גיי, אַז דו צאָלסט נישט. נאָר איך פון מיין וואָרט טרעט נישט אָפּ!...

...עלטערע אָנגעשטעלטע, פון דער משפּחה, אַ חוץ דעם כערענטע אַליין — סאַמע אייגענע, געאַרבעט, אַלע יאָרן, פּאַר אים געטריי און, אין דער זעלבער צייט, אים אויך באַגנבעט געטריי, — זיי האָבן געפּרואווט אַצינד איינשטעלן דאָס אייגענע לעבן, צוקומען צו אים, אַרויס מיט אַ שטאַמלעריי אַ צעשראָקענער, אַז... זאָל ער זיך באַדענקען, כל זמן עס נעמט נישט ווערן שפּעט, ער האָט נאָך נישט פּאַרטריבן דעם לעצטן קליענט פון קראָם, נאָך נישט אַלץ רואינירט!... ע ר , האָט אַלעמען אוועקגעטריבן פון זיך, אָפּגעיאָגט מיט ביידע הענט, גאָרנישט צוגעלאָזן, גאָרנישט געוואָלט אויסהערן... „כאַ־כאַ־כאַ... — האָט ער זיך צעלאַכט פּלוצים טרוקן — וואָסזשע? זיך שוין דערשראָקן פאַרן אייגענעם פעלעכל? מורא, דעם דזשאַב נישט פּאַרלירן, האַ?... ער, איז מוחל איטלעכן די געטריישאַפט. מוחל טובות! — טאָן, איטלעכער, וואָס מע הייסט!...

...עס איז געקומען דאָס, אַף וואָס מע האָט זיך געקאָנט ריכטן... „דער משוגענער פּראַנץ — האָט מען געשריגן אין שטאָט; אַזוי האָט מען צו אים דערטראָגן — וועט קיין וועלט מיט מענטשן נישט אומברענגען. נישטאָ דיר יענע מלחמה־יאָרן מער!...”

...ער האָט טרוקן געלאַכט, געשפּאָט פון דער שטאָט, פון דער גאַנצער וועלט... „וואָס קאָנען זיי אים טאָן?... מירן צוזען דאָס גרייטע!...”

...און ער האָט זיך דערוואָרט. עס זענען אויפגעקומען די ריזיקע קאָאָפּעראַטיווע קראָמען אין שטאָט, וואו עס זענען געווען גרופּירט הונדערטער און הונדערטער הויזירער — אַלץ, זיינע געוועזענע קליענטן, וועלכע האָבן זיך צעבונטעוועט קעגן אים, פּאַרפירט מיט אים אַ מלחמה!

...נו, איז וואָס? וועמען אַרט עס? די וועלט איז קליין?! זאָל אַלעמען וואויל באַקומען, און אים, רובען פּראַנץ, אויך! „— געשעפט, איז געשעפט, כאַ־כאַ־כאַ... — האָט ער ערשט ווידער טרוקן געלאַכט, נישט צוגעלאָזט צו זיך קיין פרישע מרה־שחורה... ער, פון זיינע גרויסע געשעפטן, זינט

תמיד; מיט אנדערע ווערטער: אויס ד ע ר הויך, אַף וועלכער זיינע געוואַלדיקע קאַפּיטאַלן האָבן אים אַוועקגעשטעלט, — האָט ער זיך אויסגעלערנט צו קוקן אַף מענטשן, אַ ז ו י ו ו י פון דער הויך — אַף דער נידער; און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, ווי אַ ז ו י — זעט ער קלאָרער און ניכטערער אַלץ... זעט ער, ווי פון קליין ווערט גרויס; פון נידעריקער — העכער. אַמאָל — איינער אַזוי; אַמאָל — אַסאַך. עס איז דער דרך פון דער וועלט אַזאַ, ניקס צו מאַכן. אָבער, אַלעס ציט זיך אַרויף, צום שפּיץ, צום געלט, אוי, צום קליין ביסעלע קלינגערס... ווי לאַנג ערשט דאָ אין דעם, אַז ער אַליין, דער מעכטיקער רובען פראַנץ, איז געווען קליין און נידעריק, אַ מלמדס אַ זונדל?! וואָס־זשע, איר וועט עס מיר דערקלערן אפשר מיטן שכל?.., ניין. עס גייט דאָס לעבן אַזוי. אַלעס אַף אַרויף. עס שפּאַרט דיך, עס שטופּט דיך אַף אַרויפצו; און דו, לעקיש־נאַר, מוזט גיין. אדרבה, זיי אַ קלוגער, גיי נישט?!. עס איז מזל, עס איז שלימזל, ווייסט עס דער גוטער יאָר. אַנישט, פרעגט מען באַ דיר עמיצער... און ווען דו ביזט שוין טאַקע גוט פונויבן, — דאַן ערשט, הויבט זיך אָן די פראַגע: צי איז באמת ד אָ ר ט פאַראַן פּלאַץ פאַר איטלעכן? אפשר — אָפּגעדינט דיין צייט, — גיי דיר אַהין ווידער, פונוואַנען דו ביזט געקומען?.. איי, עכ ווילט זיך עפּעס נישט? איז, ווידער די אייגענע מעשה: — מע פרעגט דען באַ דיר עמיצער?!. אַזוי הייסט די שפּיל!... אַז מע וויל גאָר זאָגן, האָט זיך איטלעכער זיין הויך, זיין העכסטן שפּיץ. אַהין איז ער דערפאָרן, מער גייט עס נישט, כאַטש קריך פון דער הויט. ווייטער, פירט דער וועג נאָר אַף צוריק — אי באַסטאַ!

...ער, רובען פראַנץ, האָט זיך רואיק צוגעקוקט צו דעם, וואָס עס טוט זיך אָפּ פאַר זיינע אויגן אין שטאָט, און ער האָט נישט מורא־געהאַט פאַר גאָרנישט. ער איז געווען רואיק דערפאַר, ווייל ער האָט איינגעזען, אַז ער איז רואיק, און ער האָט זיך איינפאַרשטאַנען מיט זיך אַליין, אַז מסתמא דאַרף ער זיך נישט באַאומרואיקן, ווייל — אָדער עס איז נישטאָ פאַרוואָס, אָדער עס וועט נישט העלפן...

...איצט, ווען די מענגעס קליענטן זענען אַוועק, זיין ריזיקע קראָם איז געוואָרן כמעט ווי אָפּגעליידיקט, — איז ער ערשט געבליבן שטיין פּנים־צו־פּנים פאַר זיין גאַנצן שטאַב מיט מענטשן... ער האָט געקוקט אַף זיי, געשטוינט, און געלאַכט, און ווידעראַמאָל געשטוינט... זיי, האָבן געפיבערט אַלע, געאַרבעט, געטאָן. קיינס פון זיי האָט נישט אויפגעהויבן קיין בליק פון דער טואונג. איטלעכער אַף זיין אָרט האָט געצאַפּלט פון פלייס, צי פון שרעק, זיך נישט אָפּגעקערט אָן אַ זייט, נישט אויסגערעדט קיין וואָרט, איבערגעלייגט די סחורה פון אָרט צו אָרט, געלופטערט, געשטויבט, געזשומעט, געטומלט, פרעג — וואָס? ווען?!

...אין פאַרלויף פון אַלע יאָרן אַרבעטן צוזאַמען, אייגענע מענטשן און

פרעמדע, דאָ אין קראָם, וואו די שפע איז געפּלאָטן אזוי מזלדיק, — האָט זיך איינגעשטעלט אזא היימישקייט צווישן אַלע, ווי בא איין משפּחה א גרויסער, איטלעכער איז צום אָרט צוגעוואָקסן, מיינס, דיינס, און עסק דאָרט, אבי געאַרבעט, ברודער!...

...איצט, וועט אים, רובען פראַנץ, אויסקומען דער דאָזיקער איינגע־לעבטער משפּחה, וואָס ער אַליין האָט געשאַפן, — נעמען בידים, מיט די אייגענע הענט, איר גיין צעשטערן. סיבות פאר דאַרויף זענען פאראן אַסאך. זיי, די גרויסע צאָל מענטשן, די אַזויפיל־איבעריק־געוואָרענע הענט, זענען נישט נויטיק מער דעם געשעפט; זיי פּלאָנטערן זיך בלויז צווישן די פיס, טוען אַליין גאָרנישט, שטערן א צווייטן עפּעס צו־טאָן... און ס'אַנדערע, זענען דאָ אַ ל ע איבעריק געוואָרן פאראמאָל. אָ, ער קאָן, ער ווייסט די וועלט. עס איז שוין דער דרך־הטבע אזוי. ווען מענטשן ווערן צוגעוואָקסן צו אן אָרט, — ווערן זיי איינגעדרעמלט, פארשלאָפן; עס הויבט זיך נישט בא קיינעם א האנט עפּעס צו טאָן... זיי, זיינע מענטשן — אַלע, אָן אויס־נאָם, אפילו מיטן לייטישן כערענטע זיינעם אין סך־הכול, — זיי וועלן שוין גאָרנישט אויפטאָן מער בא אים אין קראָם: דו, האלט זיי אונטער טעראָר פון ליקווידאציע; אין שרעק צו ווערן ארויסגעשטעלט אף דער גאַס; דו, פארשפּרעך זיי, פארקערט, גאָלדענע בערג, גליקן ביז צום הימל, — אַלץ איין שווארציאַר! דו, פון אָרט מער רירסטו זיי נישט; ווייל, זיי טוינן נישט מער צום טאָן; ווייל, זיי קענען נישט, און זיי ווילן נישט אויך — זיי זענען פויל! — אָט די משפּחה מוז אומגעבראכט ווערן — אפילו לאָז זיין — פאר איר אייגענער טובה וועגן, פאר איר וואוילזיין, פאר איר צוקונפט. דו זעסט די אייגענע אָפּגעלאָזענע מענטשן דאָ, די אָנגעשראָקענע און אַפּאטישע? דו, רייס זיי אויף פונעם דרעמל; וואַרף זיי ארויס אין גאַס אריין, צום קאַמף — און אַ ניי לעבן וועט זיך אויפ־הויבן אין זיי. נישט־האָבנדיק קיין ברירה, און אף וועמען צו פארלאָזן זיך מער, אויסער אף זיך אַליין, — וועלן זיי באַניים ווערן יונג און ענער־גיש; צוריק באַקומען דעם גלויבן אין זיך; זיך נעמען צו אַן ארבעט און זעען פועלן בא זיך — נישט דורכצופאַלן אומבאַדינגט.

...אָ, זיי מוזן אוועק פון דאַנען אַלע, און דער עיקרשט, ווייל אזוי פאָדערט דאָס געשעפט. עס מוז ווערן וואָס שנעלער איינגעשרומפּן און באַנייט. ער מוז אָפּציען דערפון גרויסע קאפּיטאַלן, כדי מע זאָל יאַוונע נעמען ארויסזען, וואָס עס טוט זיך דערין. עס באַניים אריינגעמען אין די הענט אריין פעסט, אז מע זאָל עס קאָנען, פון אצינד און ווייטער, לאָזן אין גאַנג און זיין זיכער. אז עס ארבעט; אז עס טראָגט אף עפּעס... אָט די גרויסע משפּחה־כאַליאַסטרע פון אַלע יאָרן, מיינס־דיינס, גענומען־גע־געבן — מוז אויפהערן פאראמאָל. נישטאָ דיר יענע צייטן מער. געשעפט, איז ג ע ש ע פ ט. און דאָ, איז אַ ק ר אָ ם , ברודערקע, נישט

קיין ש י ל . ער, רובען פראַנץ, וועט עס אים זאָגן, דעם אײדעלן כע־
רענטע זיינעם, נאָך ד י טעג. זאָל ער אויפהערן מדקדק זיין דאַרויף, צו
די משפּחה גייט י אָ שבת אין שיל אַריין דאַווענען, צי נ י ש ט —
און מער אינזינען האָבן דאָס געשעפט. באַ אים אַליין, רובען פראַנץ, רופט
עס אַרויס בלויז געלעכטער, די לעצטע צייט, ווען ער קוקט זיך צו, וויאַזוי
זיי אַלע, די מענטשן, זענען עס מיטיינמאָל אַזוי פלייסיק־פרום געוואָרן;
און מע לויפט עס אין שילכל אַריין, אַלע שבת, זיך שאָקלען, אַראָפּברענ־
גען משיחן... ניין, פרומע לייט. מיך מיט אַזוינע מאַנציעס נעמט מען
נישט מער. קינדערלעך מיינע, איר וועט זיך מוזן רירן פון דאַנען!...

סעניאָר רובען פראַנץ האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז אַמאָל איז פון
רעדן ביז טאָן נאָר אַ ווייטער מהלך. וואָס מער ער האָט געקוקט אַף זיינע
מענטשן און געטראַכט דערפון, — אַלץ קלאָרער איז פאַר אים געוואָרן,
אַז — אַלעמען אַרויספּטרן פאַראַמאָל וועט ער נישט קענען. פּראָסט־פּשוט,
זיי וועלן זיך נישט לאָזן, דער עיקרשט — די אייגענע אמתע משפּחה. אָ,
מיט זיי וועט מען מוזן גיין איידל; נאָך צוטראָגן די גרויסע אפּותיקו באַ־
לוינונג — נאָך אַזויפיל יאָרן טריי אינם דינען, אַליין געשטאַנען באַם
צאַפּן, אים געהאָלפן רייך ווערן... דער אַלטער ספּיוואַק, פון זיינע מחות־
נים; דער כערענטע זאַלצמאַן, און די איבעריקע...

ספּיוואַק — עס איז געווען קלאָר פאַר יעדן — האָט שוין נישט גע־
טויגט צום געשעפט מער. אַ מיטלוויקסיקער עלטערער איד אין די זעכצי־
קער, אַ מענטש־אַ נאמן פון אַלטן שניט, אַ גרייזגרויער אַציגד ווי אַ טויב
און אַ קליין ביסעלע אַ שטאַמלער, — ער האָט קיינמאָל, דאָרט אין קראָם,
נישט געהאַט קיין באַשטימטע טואונג. אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, ווען ער
איז געווען אינגער און באַוועגלעכער, — האָט ער זיך געמישט אין פאַר־
שיידענע סעקציעס, געזוכט צו אַכטונג־געבן דאַרויף, אַז מע זאָל נישט צע־
טראָגן דעם באַלעבאָס די ביינער. היינט, ווען ער איז אַלט און מיד און
פילט שוין, אַז — עס איז נעענטער, ווי ווייטער, — דאַנקט ער גאָט, אַז
מע טשעפּעט א י ם נישט, און ער מישט זיך נישט אין ערגעץ. אָבער,
זיין איינציקע טואונג איז געבליבן, וואָס ער דרייט זיך כסדר, ווי אַ שאָטן,
אַרום סעניאָר רובען פראַנץ, שלינגט איטלעכס וואָרט פון יענעמס מויל;
הערט אויס אַלע באַלעבאַטישע פּלענער, וואָס קומען אויף און פאַרגייען
באַ סעניאָר פראַנץ אין קאָפּ, אין די צענדליקער, איבערן טאָג; וואַרט
אויף, מיט גרויס געדולד, אַף דעם באַלעבאָס אַ פּויזע; און דאַן צעפירט
ער, דער אַלטער ספּיוואַק, מיט די הענט, שטעלט אָן נאַיוו זיין מאַנגאָלישע
האַלבדרעמלנדע צורה און רופט אויס פאַרשלאָפן: — וואָס־דען? וואָ־
דען?!.

סעניאָר פראַנץ דולדעט דעם אַלטן לעבן זיך, אויסדריקלעך דערפאַר,
ער אַליין זאָל האָבן, ווען מען צו דולן אַ קאָפּ; ווייל, ער וועט זיך דאָך נישט

גיין אוועקשטעלן רעדן צו די ווענט. און רעדן מוז ער, ווייל עס שפּאַרט פֿון אים; הגם — ער זעט גוט צו, אַז דער אַלטער ספּיוואַק, נישט ער ווייסט, וואָס ער רעדט, נישט ער הערט אים אויס רעכט אַפּילו... ער זאָל שוין זיין עובר־בטל אַפֿן גאַנצן קאָפּ... און דאָך, האָט ער זיך זיינס איינ־זינגען... אַנומלטן, ווער ער, רובען פּראַנץ, האָט פֿאַר אים פֿירגעבראַכט, דאָס ערשטע מאָל, אַז... מע וועט מוזן אַ טראַכט־טאָן פֿון נעמען אַרײַ־בערציען זיך אין אַ קלענערן ענגן לאָקאַל, און די ריזיקע קראָם פֿאַרדינגען צו אַ פֿרעמדער פֿירמע... „האַ, וואָס זאָגט איר, סעניאָר ספּיוואַק?...", — האָט מען געמאָגט זען, וויאַזוי דער אַלטער איז געבליבן שטיין דער־שראָקן, מיט די צעפּירטע הענט אינדערברייט, ווי אַ געליימטער, און נישט געקאָנט אַרויסברענגען פֿון זיין מויל דעם — וואָס דען־וואָ־דען — באַין אופֿן... דערנאָך, אַז ער איז געקומען אַביסל צו זיך, פֿון זיין חידוש, — האָט ער — גאָרנישט, ווי זיין שטייגער איז געווען, זינט תמיד, — באַ־קומען פֿלוצים לשון און גענומען פֿאַרלייגן אַ שפּאָגל־נייע טענה:

„...ניין, סעניאָר פּראַנץ! מע טוט נישט אַזוי באַ סוחרים!... גיין איבערגעבן בידים אין פֿרעמדע הענט אַריין אַ אייגן הויז, וואו מע האָט, אַלע יאָרן, געהאָרעוועט און אויסגעוואַקסן, קיין עין־הרע, צו אַ פֿאַרמעגן זיך דערשלאָגן!... און אַ חוץ דעם — וואָס וועט איר טאָן מיטן נאָמען?! פֿון אַלע טירן, שוי־פֿענצטער און ווענט קוקט אַראָפּ דער נאָמען — „רו־בען פּראַנץ"! מענטשן אַרבעטן אָפּ אַ לעבן לאַנג דאַרויף, אַז זייער נאָמען זאָל איינגעקריצט בלייבן אין זכרון. וועט איר גיין זיין קליגער פֿון דער גאַנצער וועלט, אַליין לאָזן אייער נאָמען אויסקראַצן? וואו האָט איר דאָס געזען? וואו האָט מען דאָס געהערט?!"

דעם אַלטן ספּיוואַק זענען געקומען טרערן אין די אויגן. ער האָט איצט אויסגעזען קינדעריש־צערייצט און זיך שיר נישט צעוויינט, קוים איינגעהאַלטן... די גאַנצע צייט פֿון זיינע רייד, האָט ער, רובען פּראַנץ, געקוקט אַף אים, מיט שטוינען. געפּרוּווט אַ לאַך טאָן, און אָפּגעהאַקט. דאָס ערשטע מאָל, אין זיין לעבן, אַז ער זעט צו אַזעלכס. ער איז געבליבן גערירט פֿון אַלטנס געטריישאַפֿט און ערלעכקייט.

„— ...הייסט עס, סעניאָר ספּיוואַק, אַז איך טו נישט גלייך, לויט אייער מיינונג? האַ, וואָס זאָגט איר?..." — האָט ער, רובען פּראַנץ, אַזוי־ווי אַ פֿאַרשולדיקטער, געפּרוּווט איבערפֿרעגן דערנאָך, אַז עס האָט אויס־געזען, ווי יענער האָט זיך עטוואָס באַרואיקט.

„— וואָס־דען? וואָ־דען?... — האָט דער אַלטער שוין ווידער אָפּ־געענטפֿערט אַף זיין שטייגער ווי תמיד, און זיינע הענט צעפּירט אין דער גאַנצער ברייט. נאָר איצט, האָט מען נישט געקאָנט ווייסן אַף ריכטיק דעם מער דערפֿון, דאָס הייסט, צי ער איז יאָ־מסכים, אָדער נישט...

אַ פֿאַרשטומטער מיטאָמאָל, אַ איינגעשרומפּענער, — איז ער אָפּ־

געגאַנגען, דער אַלטער. צוריק אַף זיין אָרט אין קראָם, וואו ער איז גע־
ווען געוואוינט זיך־אויפצוהאַלטן תמיד, מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער טוט
עפּעס. און סעניאָר פראַנץ, וואָס האָט אים נאָכגעקוקט, מיט סימפּאַטיע
אינעם בליק, — האָט, אין דער זעלבער צייט, דערהערט, מיט שטוינען,
וויאַזוי זיין אייגענער מוח, וועלכער האָט שוין געהאַט אַנומלטן פּעסט באַ־
שטימט דעם סכום פאַרן אַלטן, אַלס באַלוינונג, — נעמט איצט, ווי פון
זיך אַליין, אויסקלאַפּן אַ סומע, אויב נישט פינף־זעקס מאָל גרעסער פון
פריער...

פונעם אַלטן ספּיוואַק, איז סעניאָר פראַנץ אריבער מיטן בליק צו די
איבעריקע אייגענע, פון דער משפּחה, און פאַרבליבן לענגער שטיין און
קוקן, וויאַזוי זיין כערענטע, דער פיינער תוך — דאָרט, אינעם עק קראָם
— האָט איצט פאַרפירט כלומרשט אַזאַ מין געשלעג אין גוטן מוט מיטן
גראָבן פליכעוואַטן צושניידער גרינבלאַט... ביידע — נאָך יונגע לייט, אין
די דרייסיקער, — האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן, עס האָט געקאָנט הייסן אַזוי
— גוטברודעריש. סעניאָר זאַלצמאַן, אַ נידעריק דאַר שוואַרץ אידל, מיט
אַ קורץ־אַרומגעשוירן בערדל, אַ זשוואַוועער אַזאַ, ווי אַ האָזל, — ער האָט
געקלעקט באַם הויכן צעוואָקסענעם צושניידער, אַזויווי דריי מאָל גאַרנישט.
מיט איין פינגער, אַז יענער וויל, — אַזוי ציט ער אים אויס און צעפּלעטשט
אים. נאָר, דער צושניידער האָט אַזוי נישט געטאָן. מסתמא, געהאַט זיינע
אויסרעכענונגען דאַרויף. נאָך אַ לאַנגן אָנשטעל — עס זאָל כאַפּן דעם אָנ־
בליק, אַז ער ראַנגלט זיך, — האָט ער זיך תמיד געלאָזט לייגן פונעם כע־
רענטע, וועלכער פלעגט צולעצט באַקומען די אַפּלויזן פון דער גאַנצער
קראָם, און זיי טאַקע גאַנץ פיין צוגענומען...

איצט, איז סעניאָר פראַנץ געשטאַנען און צוגעקוקט, מיט אַ גלעכ־
טער, ווי אַלע, נאָר אין האַרצן — מיט אַ ביטערן פאַרדרוס, — וויאַזוי
זיין כערענטע איז זיך מבזה, פאַר אַלעמען אין די אויגן... און ער האָט נאָך
פעסטער געפּאַסט זיין באַשלוס, אַז — ער מוז פון אים פּטור־ווערן וואָס־
גיכער, אויב ער, פראַנץ, דענקט נאָך, מיט אַן אמת, אויפצוריכטן דאָס גע־
שעפט... „...אָבער — האָט ער אָפּגעזיפצט פאַר זיך — אויך אים וועט
מען מיט קיין ביליקע פאָר סענט נישט אָפּקומען..”

ערשט, אַז סעניאָר פראַנץ האָט געשטעלט אָפן די פראַגע: מי ומי
ההולכים? ווער פון זיי וועט גיין פונדאַנען — דער ערשטער?, — איז
שוין גאָר קיין ספק באַ אים נישט געבליבן מער, אַז — ער וועט זיך מוזן
נעמען, קודם כל, צו די פרעמדע אין דעם גרויסן געזונדל... אָבער, ווי אַזוי?
...גאַנץ איינפאַך. ער וועט אָניאָגן אַף זיי אַזאַ שרעק, — אַז זיי וועלן
מוזן אַליין אַנטלויפן; און ער וועט זיי נישט דאַרפן באַצאָלן קיין באַלוי־
נונג אויכעט. גענוג אָנגערויבט באַ אים, אַלע יאָרן, באַגנבעט, באַגזלט; אַ,
ער האָט זיי גענוג באַלוינט. נאָך מיט אַ שמיץ אריבער. איצט, וועט ער

זיין פטרן אלעמען, מיט אַ שיבוש, און — גיי פונדאַנען, פאַרך איינער, און טענה־נישט. וואָס — ד ו ביזט נאָך גערעכט?!. עס וועט זיין ווי צו דעם, וואָס וועט זיך דערוועגן שטעלן אַנטקעגן. ער וועט שאַפן פאַר יענעם אַזאַ לופט, ווי פאַר אַ פיש — אַף דער יבשה. יענער, וועט, פּראָסט־פשוט, דערשטיקט ווערן!...

און סעניאָר פראַנץ האָט באַשלאָסן — נישט אָפּצולייגן די זאַך מער אין דער ווייטער באַנק אַריין. ער וועט גלייך צוטרעטן צום עסק. שוין, די מינוט.

אַ בייזער, אַ צערייצטער, — האָט ער ערשט גענומען אומגיין איבער זיין ריזיקער קראָם און, מיט זיין צאַרניקן שטעכיקן בליק, אַריינקוקן איט־לעכן אין די אויגן אַריין.

ווידער האָט ער זיך פאַרהאַלטן פאַרן גראָבן צעוואַקסענעם צושניי־דער פון מענער־קאָנפעקציאָן, סעניאָר גרינבלאַט, וועלכער האָט אָקאָרשט געהאַט פאַרענדיקט דאָס גרויסע געשלעג מיט זיין כערענטע; און ער שטייט שוין ווידער גאַטספּאַרכטיק־פרום באַ דער אַרבעט, אַ, ער איז אינ־גאַנצן פאַרטאָן אינעם שניידן...

סעניאָר פראַנץ האָט געקוקט אַף אים, געשאָקלט מיטן קאָפּ און גע־שפּירט באַ זיך, ווי זיין כעס אַף יענעם האַלט אין איין שטייגן... „נעבעך, אַ לעמעלע, גאָט די נשמה שולדיק. זע נאָר, ווי דאָס שטייט און אַרבעט, פונקט ווי עס קאָן קיין צוויי נישט ציילן...”

...געוואוסט האָט ער, רובען פראַנץ, פון אַלץ; וויאַזוי דער אַ גרינ־בלאַט דער טיראַן איז זיך נוקם אין די נייטאָרנס, וועלכע נעמען אַרויס אַרבעט אַף צו־הויז. ער לאָזט זיי דעם קאָפּ נישט אויפהויבן; ער טרייבט פון זיי די נשמה אַרויס — ווער בעט אים זיין אַזויפיל געטריי? — ער באָדט זיך אין זייער בלוט; און, אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק, וואַרפט ער זיי דעם גט פאַר די פיס; ער טרייבט זיי דורך, און נעמט צו אַנדערע, אינגערע און שענערע, אַף זייער אָרט... וואָס איז דאָ באַ אים — אַ טויש־קראָם פאַר שיינהייטן?! פאַרגעווים, לייַדט דאָס געשעפט דערפון... ד אָ ס, און נאָך אַנדערע זאַכן אַסאַך... וו אָ ס פ ר י ע ר מע וועט אים גיבן דעם וועג, דעם געטרייען צושניידער זיינעם, — אַלץ גלייכער...

פון אים, איז סעניאָר פראַנץ אַריבער אין דער זייד־סעקציע און גע־וואָרפן אַ שפּאַטישן בליק אַפן יונגן שיינעם שעף, סעניאָר קאַבלענץ, אַ טונקעלער שלאַנקער יאַט, וועלכער איז איצט רואיק און זיכער געשטאַנען פאַר זיין אַרבעטס־טיש און געטאָן עפּעס. ער האָט זיך פאַרהאַלטן מיט גרוים ווערדע צו זיך; ווי עס וואָלט אים גאַנץ־ענגאַל געוועזן — ווער עס שטייט דאָ פאַר אים און — צי עס שטייט דאָ בכלל עמיצער...

...— שוין אַ היזיקער טשוואָק... — האָט איצט אַ ברען־געטאָן דעם סעניאָר פראַנץ יענעמס שאָקירנדע האַלטונג לגבי אים, דעם פּרינציפּאַל...

— זע נאַר, ווען ער האָט דאָ אָנפּאַרטרויעט אייגע פון זיינע בעסטע סעק־ציעס! גענומען אַ גאַסן־יונג, אַן אַזאָרטניק, אַ פערדל־פאַרשפּילער און אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, אַז —ע ר זאָל אים גיין און צעטראָגן דעם קאָפּ פון די פּלייצעס! און ער איז נאָך גדולדיק באַ זיך, האַ?! —

האָט סעניאָר פראַנץ אויסגעשפּיגן אַף טרוקן, מיט האַסט, און גענו־מען אַראָפּגיין פון דאָרט. דורך די ברייטע שטיינערנע טרעפּ, צוריק אין דער אונטערשטער טייל פון געשעפט, וואו עס האָט זיך געפונען, אייגנט־לעך, די קראָם פון דירעקטן קויף און פאַרקויף. יענע טייל האָט זיך גע־צויגן פאַר דער גאַנצער לענג און ברייט פונעם הויז, און דאָרט האָט מען געקאָנט אומשפּאַנען פריי אין אַלע זייטן, אַזוי ווי סעניאָר פראַנץ האָט עס ליב געהאַט; נישט ווערן געשטערט פון קיינעם, טראַכטן אַליין, באַקלערן און איבערלייגן ווידער פונדאַסניי... וויאַזוי צו געפינען דעם גלייכסטן וועג — פאַריינמאָל פּטור צו ווערן פון זיינע אָנלייגער...

נאָר אַראָפּגייענדיק פונונטן, — האָט אים אַ זעץ־געטאָן אַ בייסיקער שטויב גלייך אין דער נאָז אַריין, אים פאַרקראָכן אין גאָרגל, אין די אויגן, פאַרשטעלט די שיין פאַרן בליק... „...דאָס האָט ער זיך עס איצט אַזוי צעפּלייסט, בודניק דער משרת זיינער. עס האָט אים אָנגעכאַפּט דער חשק פּלוצטהאַלבן — פונקט, ווי זיי אַלע דאָ, די לעצטע צייט — עס האָט אים צוגעשלאָגן די ריינקייט צום קאָפּ! שטייט ער און דרייט זיך, און ער קערט נאָר דאָרט, וואו עס איז ענג; אַוואו ער, רובען פראַנץ, שטעלט אַ טראָט. וויל עס, דאַדורך, אויסנעמען מיט זיין גע־טריישאַפט... (— און סעניאָר פראַנץ האָט צוגעגעבן, מיט הארץ, פאַר זיך —) פאַרגעס, זונעלע. מיך נעמט מען נישט מער מיט אַזוינע שמאָנ־צעס. וועסט דאַרפן גיין, יונגערמאַן, באַגלייך מיט אַלע...״

דער משרת בודניק, אַ מאַן אין די פערציקער, אַ מיטלוויקסיקער, מיט אַן אָפּגעברענטער צורה, ווער ווייסט פונוואַנען — פון הונגער, צי גאָר פון שיכרות. — ער איז אומגעגאַן תמיד אין אַ גראָען כאַלאַט, אַן אָפּגע־לאָזענער, אַ פאַרביטערטער; געטענהט, אַז עס סטייעט אים נישט אַפן לעבן; זיך־געוואָרפן מיט דער אַרבעט; גערעדט מער, וויפל ער האָט גע־טאָן; געוואוסט, אַז קיינער הערט זיך צו זיינע רייד סיי־ווי נישט צו, מע נעמט אים גאָרנישט אין אַכט; פּראָסט־פּשוט, מע זעט אים נישט אַפילו. האָט דאָס אַלץ אים געקרענקט געפערלעך און, אַף זיין שטייגער, האָט ער איטלעכן געגעבן צו פילן, אַז ער עקזיסטירט... מיטן בעזים אין האַנט, האָט ער זיך תמיד געדרייט דווקא אין דער ענגשאַפט, אויפגעהויבן אַ פּאַ־רעך, און זיין בייזער פאַרגעניגן איז געווען — מאַכן יענעם צום ניסן. דרייענדיק זיך אומעטום אינדערמיט, — פלעגט ער אויפכאַפּן ברעקלעך, וואָס פאַלן אומבאַמערקט און אַזוי בשפע פון נגידס טיש. פלעגט ער אויסהערן מעשות אַלערליי, אָפּטראָגן פּאָטשטן און צעלייגן אַלץ אַף טע־

לערלעך... ווי דער עבד לפני המלך, וואָס גייט גלייך, אומגעפרעגט, — האָט ער, דער אָרעמער בודניק, געפלעגט אָנשפּאָרן דאָרט, וואו אַ צוויי־טער האָט זיך גאָרנישט דערוועגט, און אַוואו ער האָט אויסגעשנאַפּט, וואָס מע דאַרף און וואָס מע דאַרף נישט — אפּולע פריער פון אַ אַנדערן...

פון אַסאַך יאָרן אַרבעטן דאָ, איז ער געוואָרן אַזוי אַפּאַטיש און פּרע־טענציעז, ווי אַלע איבעריקע, און געווען באַ זיך זיכער, באַגלייך מיט יעדן, אַז פון זיין שווערער האָרעוואַניע איז עס סעניאָר פּראַנץ אַזוי הויך אַרויף... לכן, האָט ער זיך גענומען דאָס רעכט צו טאָן, וואָס ער וויל, כאָדם העושה בתוך שלו, ווי באַ זיך אינדערהיים אַלציינס; און צעלאָכעסן מע זאָל אים אָפּטאָן, — דאָס האָט ער, בודניק, פיינט געהאַט; און ער האָט זיך נישט געשראָקן דאָ פאַר קיינעם, אַפילו נישט פאַרן סעניאָר רובען פּראַנץ אַליין!... אַנומלטן ערשט איז דאָס געווען. זעט ער, בודניק־נישט־קיין־נאַר, באַלד פון אינדערפרי אָן, וויאַזוי סעניאָר פּראַנץ איז אַריינגע־קומען אין געשעפט אַריין — מ י ט א ז א נ אָ ז . דער גאַנצער טראַנץ ליגט אים צעגאָסן אַפן צורה — נ ו , ל י ג ט א י ם ! מסתמא, געהאַט אַ שלעכטע נאַכט — ווער ער אַרט עס?... און ער באַשליסט, בוד־ניק, זיך נישט מאַכן וויסנדיק, טאָן זיין אַרבעט... „נאָך גבירישע צרות פעלט אים אַפן קאָפּ! ער האָט זיך זיינע אייגענע...” נאָר, מיטאַמאָל זעט ער צו אַזאַ מין שפּיל. סעניאָר פּראַנץ ברענגט פון ווינקל אַפער דעם הויכן טאָפּעלן לייטער, צעעפנט און שטעלט אים אַנידער אינמיטן דער קראָם, אונטער די לאָמפּן גלייך, באַשטייגט אים און, אַליין מיט אַ שמאַטע אין האַנט, נעמט ער אָראָפּשאַרן פון אַבאַזשור גאַנצע פלאַכטעס פאָרעך גלייך צו אַלעמען אַף די קעפּ אַרויף פונגטן, וואָס האָבן זיך אויפגעקליבן אַרום דעם לייטער, כלומרשט אים צוהאַלטן, נאָר אין דער אמתן — צוזעען, ווי זייער באַלעבאָס וואָרפט זיך... איז צווישן אַלע, אויך ער, בודניק־משרת־נישט־מער, געבליבן שטיין, מיט פאַרלייגטע הענט, צוגענומען מיט אַ שמייכל דעם באַלעבאָס מתנה, דעם פאָרעך אַף זיין קאָפּ, אַליין נישט קיין ריר געטאָן מיט קיין פינגער...

— ווען ער פוילט!...

פאַרוואָס מע דולדעט אים, בודניקן דעם משרת, — ווייסט נישט קיי־נער; און סעניאָר רובען פּראַנץ אַליין — אויך נישט. ער, וועלכער גרייט צו — ווי מיר האָבן כסדר געזען — יענע גראַנדיעזע פּלענער פון אַנט־זאָגן אַלעמען און אָנהויבן אַליץ פונדאָסנייץ. — ער גיט זיך, אַ פּנים, אַליין נישט קיין רעכענונג, דער נאַר, פון אַט דער איינפאַכער זאַך, נעמלעך: אַז אַזוי גוט, ווי זיי אַלע זענען באַ אים אין די הענט, — פּונקט אַזוי, אויב נישט מער נאָך, איז ער געוואָרן צו זיי געבונדן; איז ער געבליבן צו זיי צוגעפּענטעט־נישט צום אָפּרייסן. דורך די אַלע יאָרן פון אַרבעטן, קריגן זיך און איבערבעטן צוזאַמען — אַז זיי פעלן אים שוין אויס. מיט זייער

האוועניש און געפילדער, מיט זייערע נעז און מיט זייערע צורות, מיט זייער קלאָגן זיך און מיט זייער הכנעה, מיט זייער טרייהייט און מיט זייער צעטראָגן אים די ביינער, מיט זייער רכילות, די מעשות און פּאַטשטן, וואָס זיי טראָגן אום וועגן אים און איינס פון דאָס אנדערע; אז זיי פעלן אים שוין אויס מיט דעם אַלעמען, פונקט ווי די לופט צו זיין אָטעם, אז ער זאָל קענען לעבן, אומגיין און זיך־באַוועגן; אז ער און זיי זענען גע־בליבן צוזאַמענגעוואַקסן, עפּעס ווי אַזאַ מין מיתה־משונהדיקער איינס, א וועזן אַזאַ, מיט אָן שיר קעפּ, הענט און פיס, וואָס קאַפּאַשאַיען אַלע צו־זאַמען, הודזשען און ליאַרמען; אָט ציען זיי, דאַכט־זיך, אַף באַזונדער, אין אַלע זייטן, אָט שפּאַרן זיי שוין ווידער צום צענטער, צום מיטל־פונקט, צום אייגענעם הארץ, וואו זיי טרעפן זיך באַניים א ו י ף צוזאַמען. ניקס צו מאכן, ברודער. אַזוי איז דאָס. דו פּרוואו זיי פון אים אוועקנע־מען אַף איין רגע, — און ער אַליין בלייבט נישט, ער ברעכט גלייך איין.

אָבער דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן אויבן געבראַכט, — איז נאָך פאַר סע־ניאָר רובען פראַנץ אַליין געבליבן א טיפער סוד. ער האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן, אז ער לעבט איינגאַנצן אין זיי, פונקט ווי זיי — אין אים; און, אַליין א האָפערדיקער, — האָט ער געגלעט ווייטער אין געדאַנק און נישט אויפגעהערט צו צערטלען זיין אויסגעכאַוועטן טרוים פון באַפרייען זיך און באַנייען...

אַזוי האָט ער צוגעבראַכט א טאָג א גאַנצן — נישט דעם ערשטן שוין; — אין זיינע טראַכטענישן מכוח די ווייטערדיקע פּלענער.

עס איז שוין געווען פאַרנאַכטלעך און האַלב־טונקל, ווען ער איז — פון דער מענערישער טייל משפּחה, אריבער צו דער ווייבערשער.

ער האָט זיך געלאָזן גיין צו דער בוכהאַלטעריע־אָפּטיילונג, וועלכע איז געליגן, אָן ארומגעצוימטע מיט האַלבע ווענטלעך, אין ווייטסטן עק פון דער קראָם... דאָרט האָט געאַרבעט, זינט אַלע יאָרן, די האַלב־פאַר־עלטערטע סעניאָריטאַ סאָפיאַ, די בוכהאַלטאָרן. זי איז, מיט דער צייט, געוואָרן קורצזיכטיק, פון אָנשטרענגען די ראיה אַזויפיל באַם שרייבן, און... ער ווייסט אַליין נישט, רובען פראַנץ; נאָר — אין די ברילן, וואָס זי האָט געמוזט אָנטאָן, קומט זי אים תמיד פאָר, עפּעס אַזויווי א גרויסע שפּין, וועלכע ליגט אין א עק, (דאָ, אין דער בוכהאַלטעריע־אָפּטיילונג.) און מיט איר פּאַוטינע, וואָס זי הערט נישט אויף צו וועבן, ארום (די חשבונות, די ציפערן), — שפּאַרט זי אָן אין אַלע ווינקעלעך, ציט זי אַלץ אין אירע לאַפּקעס אריין...

באַ דעם געדאַנק, צעלאַכט זיך סעניאָר פראַנץ אַליין, ווי עס קומט גאָר צו אים אַזאַ טשעקאַווע זאַך צו טראַכטן, און ער וויל עס אָפּיאָגן פון זיך. ער נעמט קלערן פון איר געטרייקייט; ווי זי דערמאָנט אָפּט יענע אַלטע גוטע צייטן פון דער מלחמה, ווען געלט איז געפלאָסן פון זיך אַליין...

און זי קלאָגט זיך: „...אָ, ווען יענע געדויערט נאָך איין שטיקל צייט, אַזוי וואָלט דאָך דאָס פאַרמעגן אַ ודאי פאַרטאָפּלט געוואָרן...״

„...איר — קלערט איצט סעניאָר פראַנץ — וועט מען עפּעס מוזן צו־וואַרפן, אַ נדן, זי זאָל קאָנען קומען צו אַ ציל... וואָס וועט זי זיצן דאָ בײַ אים, פאַרצוויטעט ווערן?...״

אַז ער דערנעענטערט זיך אַהין, צו יענעם ווינקל, — באַווייזט ער נאָך צו באַמערקן, וויאַזוי דער געהילף־בוכהאַלטער, אַ פּיל־איינגערער פון איר, אַ לעבעדיקער ספּריטנער יאַט, וואָס איז געזעסן מיט איר, אַ שטול־לעבן־אַ שטול, פאַר אַ ברייטן טיש מיט פּאַפּירן, — האָט אַוועקגעכאַפּט די האַנט פון איר שויס, און ביידע, פאַרשעמטע, האָבן פאַרגראָבן די קעפּ אין דער אַרבעט...

סעניאָר פראַנץ גייט נישט ווייטער. ער מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ פאַרקלערטן, וואָס האָט גאָרנישט געזען. דאָס גייט ער זיך אַזוי אַרום אי־בער דער קראָם, די הענט פאַרלייגט אויף אַהינטער, און טראַכט זיך זיינע זאַכן. געקומען ביז צום עק — איצט פאַרקירעוועט ער, נעמט גיין אויף צוריק, ביז צו דער טיר, וואו עס האַלט זיך אויף די קאַסירשע, סעניאָ־ריטאַ ראָזאַ, אַ שלאַנקע, אַ רויטהאָריקע פלאַטערנדע שיינהייט, אין די צוואָנציקער... זי מאַכט אים קלאַפּן דאָס האַרץ, דעם סעניאָר פראַנץ, יעדעס מאָל, ווען ער דערנעענטערט זיך אַהינצו, פאַרבייט מיט איר אַ וואָרט...

...אָ, ער פירט עס דורך ממזריש־קלוג; קוקט אויף איר כלומרשט פאַ־טערלעך און שמייכלט... נאָר זי, די ניכפּה זאָל איר נעמען, איז אויך נישט פון די נאַראָנים. זי מאַכט זיך דאַרט פון אים אַ צימעס... זי האַלט זיך שטאָלץ און רואיק, ווי איינע, וואָס ווייסט אַליין איר ווערט, באַדאַרף נישט, מע זאָל עס איר ערשט קומען זאָגן... זי קוקט צוריק אויף אים קאַלט און פאַרביסן מיט אירע גרינע בליקן, וואָס נעמען אים דורך, מאַכן אויפ־ציטערן זיין האַרץ מיט שוידער און באַגער... ניין. זי לאָזט אים צו זיך נישט צו, דעם גאַנץ־גרויסן סעניאָר רובען פראַנץ. זי טרייבט אים פון זיך, ווי אַ אינגעלע, ווי אַ שנעקל. דערלויבט אים נישט די מינדסטע פאַ־מיליערקייט, קיין שפּאַס. ער זאָל זיך נישט דערוועגן — ער הערט? — וואָרנט זי אים מיט איר שפּיזיקן בליק. און ער, דער סעניאָר, קאָן טאָן, וואָס ער וויל. איר אָפּזאָגן אַפילו. נאָר מער דערפון קאָן ער נישט...

און סעניאָר רובען פראַנץ פאַרבייסט די ליפּן און טרעט אָפּ פון איר, אַן איינגעקאָרטשעטער, פאַר ביטערניש און אַנגסט.

וואָס איז איר כוח, פון דעם אָרעמען מיידל?...

אין קראָם זעט מען צו, ווי עפּעס גייט פאָר צווישן ביידן; שוין אַ לאַנגע צייט אַזוי. ווי זי, דאָס מיידל, באַהאַנדלט דעם באַלעבאָס, אַזוי־ווי פון אויבן אַראָפּ; און ער, דער פאַריסענער בעל־גאוהניק, וואָס קוקט קיינ־

מאָל נישט גלייך צו קיין מענטשן, וואָס רעדט צו קיינעם קיין גוט וואָרט נישט אַרויס, — ער צאַפּלט פאַר איר, און זי וואָרפט זיך... וואָס־זשע שטעקט דערין?...

...געוואוסט האָט ער איינער אַליין, רובען פּראַנץ, וויאַזוי ער איז מיאוס אַריינגעפאַלן אין די הענט צו אָט דער רויטער מויד, און זי האַלט אים געפאַנגען, זי רייצט און העצט אים, זי לאָזט אים נישט אָפּ מער... באַלד אַריבער אַ יאָר אין דעם. די סעניאָרא, זיין פרוי, מיט די קינדער זענען געוועזן אָפּגעפאָרן אַף דאַטשע אין די קאָרדאָבער בערג, אַוועק אַף אַ גאַנצן זומער. ער איינער דרייט זיך אַרום אַליין איבער דער גאַנצער שטוב. איינמאָל אינאָוונט, פאַרן שליסן דאָס געשעפט, איז ער פּלוצים געבליבן שטיין פאַר דער רויטער, איר לאַנג באַטראַכט. זי האָט, אַ כמו־פאַרשעמטע, נאָר אַ צעפרידענע, קענטיק, אַראָפּגעלאָזן די אויגן און ווי אויסגעקוקט אַף עפּעס. דאָס האָט אים דערמונטערט. ער האָט גלייך איינגעזען, מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן. ער האָט זיך נישט טועה־געווען. אַ קלוגע מויד, וואָס פאַרשטייט אַ געשעפט. בעסער מיט אַ קלוגן צו פאַרלירן... ער האָט דאָך באַשלאָסן, פונעם אָנהויב, צו גיין לאַנגזאַם, זיין פאָרזיכטיק. ער האָט איר איינגעלאַדן אַף אינדערפרי אַרויפקומען צו אים אין שטוב נאָך די שליסל פון קראָם... אָפּן פרימאָרגן גלייך, האָט זי געקלונגען פאַר זיין טיר אַפּולע פריער, ווי ער האָט זיך געקאָנט ריכטן... דאָס איז אים באַלד נישט געפעלן; און בפרט דערנאָך, אַז ער האָט נישט אָנגעטראָפן פון איר זייט קיין שום ווידערשטאַנד... האָט ער זיך געפּרואווט באַהערשן און איינעמען. נאָר, ער איז שוין מער נישט געווען קיין האַר איבער זיך... זי האָט אים געצויגן און פאַרשיכורט. אַזוי, דעם גאַנצן זומער. עס איז געווען מאָדנע, וואָס זי האָט קיינמאָל באַ אים גאָרנישט געבעטן; פאַר זיך אַליין גאָרנישט פאַרלאַנגט. זי האָט פאַרטראָגן זיין לאַסקע צו איר און געשוויגן. דאָס האָט איר געמאַכט אין זיינע אויגן וואונדערבאַר־סימפּאַטיש; ער איז געווען גערירט פון איר גוטסקייט צו אים, פון איר איידעלער באַנעמונג; און ער האָט פאַרטאָפּלט זיינע צערטלעכקייטן פאַר איר...

...אַזוי לאַנג, ביז ער האָט איר געשיקט איינמאָל אין אַ באַנק איינמאָנען אַ טשעק אַף אַ היבשער סומע. זי איז מער נישט צוריקגעקומען. באַלד באַם אָנהויב, איז ער געוואָרן אויפגערייצט, ווי אַ טיגער. אָט, לאָזט ער איר גלייך אַרעסטירן, אין טורמע פאַרשפּאַרן, אָט אָ דער אָ... געוואוסט האָט ער, אַז מע מוז דאָס טאָן שנעל, אַף דער הייסער מינוט. איידער דאָס געלט דאַרט באַ איר פאַמיליע די שלעפּערס וועט בלייבן אויסגערונען.. נאָר די האַנט באַ אים האָט זיך נישט געהויבן עפּעס פּירצונעמען. ער איז געווען דערשלאָגן צום טויט... „דו, גוטע טייערע ראָסיטאַ, זאָלסט גיין און אַזוינס אָפּטאָן?!.״ פאַר זיין דמיון און פאַרן געמיט זיינעם זענען כסדר אויפגעקומען יענע זיסע מינוטן, מיט איר צוזאַמען, אַליין... ווי ער האָט

איר געהאַלטן אין זיינע אָרעמס, איר געדריקט צו זיין האַרץ, איר גע־האַלזט און געקושט... עפּעס אַ נײַ לעבן דאָן, האָט ער דערשפּירט, האָט זי, דער קליינער רויטער טייוול, דערוועקט אין אים, געמאַכט אים זיך פילן אַזוי יונג קרעפטיק און גליקלעך... אַצינד, זאָל שוין דאָס האָבן אַלץ אַוועק־געקומען פון אים אויף אייביק?!.

...ער האָט נישט געטראַכט מער, און געלאָזן איר שיקן רופן, זי זאָל צוריקקערן צו דער אַרבעט. אַלץ איז פאַרגעסן... קיינער האָט נישט גע־וואוסט פון גאָרנישט...

...נאָר, זי האָט צוריקגעקערט — נישט די זעלבע, וואָס פריער. אָפּ־געפאַלן פון צורה, אמת; נאָר, אַ איינגעשלאָסענע אין זיך, אַן אומצו־טריטלעכע, אַ פאַרביסענע, ווי אַ שלאַנג... ערשט, האָט ער פּלוצים איינ־געזען, וויאַזוי זי האָט געשפּילט מיט אים, די גאַנצע צייט, גלייך פון דער ערשטער מינוט אָן. זי איז אַ פאַלשע און אַ שלעכטע... דאָס האָט אים גישט אויסגעמאַכט. גראָדע פאַרקערט. ווייבאַלד אַזוי, — איז דאָך דאָס — געשעפט. נו, האָט ער אפשר שלעכט געצאָלט?... די צרה איז אָבער, וואָס ער זעט איין, אַז אַצינד פאַרמעסט זי זיך אויף גאָר גרויס. האָט, אַ פּנים, געפועלט בא זיך רייך צו ווערן מיטאַמאָל. אַנדערש, וועט זי נישט איינ־גיין... און דאָס לאָזט אים שוין לחלוטין צעמישט. ער ווייסט נישט, ווי ווייטער... פונקט, ווי די קליינע וואָלט בא אים זיין ווילן אַוועקגענומען... דעם גאַנצן טאָג, האָט ער, רובען פראַנץ, געהאַט אַלץ פאַרן אויג אַזוי קלאָר און שאַרף; געוואוסט, וואוהין ער גייט, וואָס ער ווינטשט, וואָס ער קלויבט זיך דאָ צו טאָן מיט זיינע מענטשן, מיט דער קראָם, מיט אַלדינג... נאָר, אָט איז ער צוגעקומען אַהער, צו דער טיר פון זיין ריזיק געשעפט, וואו די שטאָלצע רויטע קאַסירשע שטייט, אַ איינגעשלאָסענע אין זיך, און באַמערקט אים אפילו נישט..., — און ער דערפילט פּלוצים אַ חלשות אונ־טערן האַרצן. ער זעט מער גאָרנישט. ער ווייסט נישט, וואו ער האַלט, וואָס ער טוט, וואָס ער וויל און וואוהין ער גייט... דאַכט זיך, ער קריכט אין אַ פינצטערער גרוב, און עס פעלט אים אויס מוט די אויגן צו עפענען, זיך אַרומקוקן... ער זעט, ווי אין אַ נעפּל אַלציינס...

לעבן אים וואַקסט אויס פּלוצים דער אַלטער גוטער ספּיוואַק, זיין טרייער פריינט פון תמיד... און, אַ פאַרצווייפלטער, כאַפּט ער זיך אָן אָן אים...

— ...הייסט איר דאָס טאָקע נישט טאָן, סעניאָר ספּיוואַק? כ׳מיין, די ליקווידאַציע, וואָס איך רעכן... איר האַלט, עס איז נישט גלייך?... האַ, וואָס זאָגט איר?...

דער אַלטער צעפירט זיינע הענט אין דער גאַנצער ברייט און רופט אויס פאַטעטיש, ווי אַ תּפילה אַלציינס:

— וואָס־דען? וואָ־דען?!.

3

דעם טאָג, ווען דער ליטוועק פּיזשאַק איז אַריינגעפאַלן אין קראָם אַריין און, גאָר אָן שום צערעמאָניעס, גענומען פאָרלייגן פאַרן סעניאָר פראַנץ זיינע פּלענער וועגן מאַכן געשעפט באַ פוטערוואַרג, — האָט ער גאָר אַליין נישט געוואוסט, וויאַזוי ער האָט גראָד אַצינד אַריינגעטראָפן אין ריכטיקן פּינטל אַריין. אים, אייגנטלעך, האָבן דערוואַרט אַלע, האַר און שקלאַף. סעניאָר רובען פראַנץ איז, אמת, באַ דער לעצטער מינוט, תמיד געבליבן שטיין, געצעגערט, אומדעצידירט, מוטלאָז, זיך נישט דערוועגט צו מאַכן נאָך איין שפּאַן — ביזן סוף. אָבער... ער אַליין האָט נישט געקאָנט קאַווירן, אַז עס וועט לאַנג באַ אים אַזוי אָנהאַלטן. ווייל, ער וועט דאָך נישט לאָזן גיין אַלץ צום גרונט. פריער, צי שפּעטער — אַ סוף וועט עס מוזן נעמען. און אַז דאָס מיינט ל י ק ו ו י ד אַ צ י ע , — איז דאָך קלאָר, ווי דער טאָג. ווייל, ווי דען אַנדערש?...

...ווידער, אויב נישט, — עס הייסט, לאָמיר זאָגן, אַז דאָס געשעפט זאָל יאָ גיין ווייטער, — טאָ, מוז זיין אַ וואָגיקע סיבה דערפאַר, כ'מיין —אַ ר יי ן ־ ג ע ש ע פ ט ל ע כ ע , וועלכע זאָל בכוח־זיין אַריבערציען אַלע אַנדערע זאַכן אַף איר צד... נו, וואָס, אַ שטייגער, קאָן דאָס זיין?!

מיטן ליטוועקס אַריינקום, האָט אויפגעשלאָגן עפּעס נייס. ער האָט געבראַכט אַ אָנהאַלט, פאַר וואָס זיך אָנצוכאַפּן, אַרום וועלכן זיך צו קענען נעמען וויקלען, פּלאָנטערן, און פּרואוון דערפון עפּעס אַרויסציען... „מירן זעען. אָן ענין איז עס. נישט אינגאַנצן אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט... הא, וואָס זאָגט איר, סעניאָר ספּיוואַק?...״

דער אַלטער נאַמן, וועלכער האָט, גלייך באַם ליטוועקס אַריינקום, דערשמעקט עפּעס און אויפגעשפּיצט, מעשה פּאָטשטאָווע פערד, אַלע דרעמלענדע חושים זיינע, זיך באַלד גענומען דרייען, ווי אַ שאָטן, אַרום דעם

האַר, — ער האָט איצט, באַ יענעמס פראַגע, געווענדעט צו אים דירעקט — אַ זאַך, וואָס האָט שוין לאַנג נישט פּאַסירט, — אויפגעלויכטן פון גליק. ער האָט צעפירט זיינע הענט אין דעם ברייטסטן זשעסט, וואָס ער האָט נאָר געקענט, און ער האָט אַרויסגעוויינט, פאַר אנטציקונג, דעם שענצטן —וואָס־דען? וואָ־דען?... — אין זיין לעבן.

— נו, מירן זען... — האָט סעניאָר פראַנץ, ווי זיין שטייגער איז געווען, נאָך נישט נאָכגעגיבן אינגאַנצן, געענטפערט פאַרטראַכט, געקוקט אָן אַ זייט, געצעגערט — קומט אַריין נאָכאַמאָל, קומט אַריין אָפּטער... נו, אַ גוטן...

און ער האָט זיך אַוועקגעקערט פונעם ליטוועק, אים שוין נישט גע־זען מער, צי ער איז נאָך געבליבן שטיין, אָדער אַרויס... אַליין, האָט ער גענומען אַצינד אומשפּאַנען איבער דער ריזיקער קראָם, די הענט פאַר־לייגט אַף אַהינטער, און אַזוי האָט עס אים געטראָגן אַהין און צוריק, אַהין און צוריק, פאַרביי זיינע מענטשן, וועלכע זענען איצט געווען אויס־געשטעלט, איטלעכער אַף זיין פּאָסטן, ווי אַ פאַרגליווערטע שטיק געהאָרכ־זאַמקייט, נאָר, צו גלייכער צייט, פיבערהאַפט און מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, געפּאָרשט יעדע תנועה פון זייער פּרינציפּאַלס אַזוי־גוט־אויסגעשטודירטער צורה, זינט יאָרן... אָ, איצט האָבן זיי באַמערקט אין איר עפּעס נייס... ווי זי לעבט אויף, זי ראַנגלט זיך מיט איר אייגענער פאַרגליווערטקייט, אָ, זי נעמט קומען אין קאָליר...

און אין קראָם, אין אָט דער ריזיקער פאַרפינצטערטער געביידע, זינט די לעצטע יאָרן אַזוי — האָט פאַריינמאָל אויפגעשיינט די זון, אויפגעלויכ־טן מיט איר גאַנצן גלאַנץ און פראַכט. אַזוי האָבן זיך צעשטראַלט פּלוצים די צורות באַ איטלעכן מיט פרייד און האָפענונג. עפּעס אַזוי ווי אַ פרישער קוואַל האָט אַריינגעשלאָגן אין זייער פאַרחלשט געמיט און עס אויפגע־ריסן צום לעבן און צום גליק...

עס האָט דער ערשטער אָפּן באַלעבאָס ענדערונג זיך געקליבן רעאַ־גירן דער משרת בודניק־דער־לעצטער, וועלכער איז אָבער געווען פאַרעכנט באַ אַלעמען דאָ אין קראָם פאַרן ערשטן בעסטן כיראָמאַנטיקער. וואָס אָנ־באַלאַנגט זייער האָרס צורה... ער האָט איצט, פאַר פּלוצים־צוגעשלאָגענער געטריישאַפט צום האַרצן, אַ כאַפּ־געטאָן דעם בעזים, מיט אַזאַ ברען, דאָס מע האָט געקאָנט פאַרויסזען, אַז ער קלויבט זיך איינהילן די גאַנצע גע־ביידע אין רויך און וואָלקנס, אַזוי — פאַר דער גאַנצער צייט — אויב מע האַלט אים נישט צו באַ דער האַנט... נו, האָט מען אים טאַקע צוגעהאַלטן און נישט דערלאָזט דערצו, באַין־אופן. אַ אַנדערש מאָל. נישט איצט... און ער, אַ צעפרידענער, אַ גליקלעכער, ווי אַלע, האָט אַ מאַך גע־טאָן מיט דער האַנט, האָט רעזיגנירט... וואָס אַרט אים? זאָל זיינס אי־בערגיין...

אַלע אַרום, אין קראָם, האָבן ערשט ברייט געשמייכלט, און באַלד ספּאָזמאַטיש געלאַכט. הויך אַפן קול, אַליין רעכט נישט געוואוסט — פונוואָס... עס האָט געשפּאַרט די פרייד פון יעדן, ווי אַ געוועזן־פאַרשטאָפּטער אַ פּלוצים־אויפגעריסענער קוואַל. עס האָט זיך פאַרגלוסט נעמען שפּרינגען, ווי ציגן, שטיפן, אַרומלויפן, עפּעס אַזויווי פלעצלעך־באַפרייט־געוואָרענע קינדער —אויס אַ תפיסה אפער... עס האָט באַלד געגיבן דעם טאָן דערצו דער כערענטע אַליין, זאַלצמאַנדל ממזר, אָ, דאָס כיטרע פוקסל, וואָס שמעקט דיר גלייך אָן, ווי איין און ווי אויס, פונוואַנעז דאָס געבראָטנס שפּאַרט... ער האָט אַרונטערגעוואָרפן פון זיך דאָס רעקל, מעשה־שקאָץ די אַרבל פון העמד פאַרקאַשערט און, אָן אַ פאַרוואָס־פאַרוועז, גענומען רייצן דעם אָקס, דעם גראָבן צושניידער גרינבלאַט, אַף אָן אָפּגעשלעג, פּראָסט־פּשוט, צו אַ קאַמף אַף טויט און לעבן... אָ, שוין לאַנג, אַז די קראָם האָט אַזעלכס נישט צוגעקוקט. עס האָבן זיך אַלע אויסגעשטעלט אַרום די צוויי שלעגערס און זיי געהעצט מיט אַ געפייפעריי, אַ געטופּעריי, און אַלעמאָל אַפּלאָדירט דעם, וואָס איז אַרויסגעקומען פונויבן...

און איבער דעם אַלעמען, האָט אומגעשפּאַנט, אַזויווי אומגעשוועבט דער סעניאָר רובען פראַנץ אַליין — די סיבה פון דעם פּלעצלעכן פרייד־אויסברוך — אַ צעקאָכטער, אָן אויפגערודערטער. ער האָט מוראָדיק געקעמפּט מיט זיך, געפּרואווט זיך אויפהעצן צום צאָרן — פאַר דער מיטיימאָל־אויסגעבראָכענער הפקרות, דאָ אַצינד פאַר זיינע אויגן, אָפּגעלאָזן אַלע לייצעס, אַלע צוימען. נאָר, ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט העלפן מער. דאָס לעבן, די אַלע מענטשן אַרום, אַלץ איז געווען שטאַרקער פון אים. זיך אַזוי לאַנג מיט אים געראַנגלט, ביז עס האָט אים ביינעקומען, אים אַוועקגעלייגט, אַליין זיך אַרויפגעוואָרפן אַף אים, מיט דער גאַנצער דורשטיקער קראַפט, אים גענומען אויסזויגן־פאַרצערן... און ער אַליין האָט געשפּירט, ווי... עס ווערט אים גרינגער דערפון אין האַרצן, אין איטלעכם אבר...

— ...האַ, וואָס זאָגט איר, סעניאָר ספּיוואַק — גלייכער אַזוי, וואָס?!.

— האָט ער זיך געבעטן, צום לעצטן מאָל, באַם אַלטן, ווי באַ אַ פריינט, ער זאָל אים ראַטעווען אויס די הענט פון זיינע פייניקער, כל־זמן עס ווערט נישט צו־שפּעט...

— ...וואָס־דען? וואָ־דען?!. — האָט דער אַלטער צעפירט מיט די הענט, זיך צעשמייכלט מיטן גאַנצן פּנים, אַ גליקלעכער, ווי אַ קינד, אַזוי געבליבן שטיין...

און ער האָט שוין איינגעזען, סעניאָר רובען פראַנץ, אַז קיין וועג אַף צוריק איז נישטאָ מער. אַז אַלע האָבן אים פאַרלאָזן. אַז ער מוז זיך אונמערגעבן דערוויי...

שפאַנענדיק אַזוי, איז ער ווידער אַרויסגעקומען צו דער טיר, וואו די סעניאָרימאַ ראָזאַ איז געשטאַנען באַ דער קאַסע. ער האָט איצט אויפגעכאַפּט איר בליק — אָ, צום ערשטן מאָל, זינט אַ לאַנגער צייט — און זי האָט אים נישט אַוועקגענומען. זי האָט געקוקט צו אים אַזוי ליכטיק, אויפגעהייטערט, צוגעלאָזן, און אין אירע האַלב־צעעפנטע ליפּן האָט זיך געטוליעט אַזאַ גוטער קלוגער שמייכל, וואָס האָט, ווי מיט אַ פינגער, גערופן אין ערגעץ, אָ, וואָס האָט ווידער צוגעזאָגט...

„...טייערע, האַרציקע מיינע... — האָט זיין האַרץ פּלוצים אויפגעצאַפּלט, פאַר פרייד און פאַר פּיין — וואָס דו ווייסט נאָר ווען אַליין... אָ, גאָרנישט וועט מיר זיין צו־טייער פאַר דיר, אַבי מיט דיר צוזאַמען... באַנייַם מיט דיר...”

*

דער ליטוועק פּיזשאַק, וועלכער איז דאָ, נעבן דער טיר, געשטאַנען, די גאַנצע צייט, און צוגעקוקט פונדערווייטנס, וואָס דאָרט, אין יענעם עק קראָם, טוט זיך, — האָט גאָר אַריינגעקוואָלן, פאַר אַנטציקונג.

— כאַ! — האָט ער אַליין געלאַכט צו זיך, אַרויסגעשטשירעט זיין גאָלדן מויל ציין, געריבן אַ האַנט אָן אַ האַנט, פאַר נחת — דאָ איז דאָך עפּעס גאָר אַ לעבן...

עס איז אים געפעלן געוואָרן אָט דער גאַנצער טאַראַראַם, דאָס צוזאַמענלעבן פון אַלע, די מונטערקייט און די פרייד, און טאַקע די גרויסע ריזיקע קראָם אָן־און־פאַר־זיך, וואו מענטשן קומט אויס צו אַרבעטן, צו לעבן, צו פאַרדינען... ער האָט זיך שוין אויסגעמאָלט אין זיין פאַנטאַזיע, ווי ער וועט עס דאָ נעמען דרייען די לירע, קלוג און געשיקט, אַ ז ו י, אַז אויך ער זאָל וויסן פון אַ לעבן, זיך קאָנען צו עפּעס דערשלאָגן... „אָבער — האָט ער באַלד צוגעגיבן אין געדאַנק — מע מוז דאָ זיין גאַנץ אָפּגעהיט מיטן וואָרט, מיט יעדער תנועה... איין שלעכטער שפּאַס, — און די גליטשסט זיך גלייך אויס, דו ביזט אַ באַגראָבענער, אָ, עס איז שוין נאָך דיר...”

מיט זיין שמעקער, האָט ער גלייך אָנגעשנאַפּט, אַז דאָ, באַ די גבירים־אדירים, דאַרף מען קענען צו עפּעס אָנקומען; נאָר... פּאַוואָליע, געלאַסן, באַלד פונעם אָנהויב — זיי זאָלן זיך נישט אָנשטויסן; נישט אַריינפאַלן באַ זיי, חלילה, אין דעם מינדסטן חשד... מע מוז זיי אויך קענענלערנען; וויסן, וואָס דאָס זענען פאַר אַ מענטשן; וועמען האָבן זיי ליב, און וואָס, אַ שטייגער, זיי קאָנען נישט פאַרטראָגן... אָ, ער וועט דאָס אַלעס פּרוּוון דערגיין געניי; און מיט דער צייט — ווער ווייסט?...

ער האָט דאַן גענומען פירן זיין בליק איבער די כלערליי מענטשן

אַרום, אַהין און צוריק, גענישטערט, געפּאָרשט. צום מיינסטן פון זיי אַלע איז אים טאַקע פּאָרט געפעלן דער גראָבער צושניידער, וועלכער איז אָקאָרשט אַפּער, אַ צעקיילטער, פון אונטער דעם קליינעם דאַרן אידעלעס הענט. און צום האַרצן איז ער אים געווען, דער גראָבער, מחמת זיין רויטער נאָז... געוויס אַ טרינקער. נו, וויבאַלד אַזוי, — וועט שוין זיין רעכט...

אין אַ טאָג־צוויי אַרום, זענען שוין געזעסןביידע אין ערגעץ אַ שענק, פּיין אַריינגעליאַפּעט, פאַריינטשאַפּט געשלאָסן. באַלד, באַם דריטן גלעזל, איז דער גראָבער צושניידער אַרויס מיט לשון. ער האָט פאַר אים אויסדערציילט, פאַרן ליטוועק, וואָס פאַר אַ מיני מענטשן דאָס זענען, דער סעניאָר רובען פּראַנץ, זיין בערענטע זאַלצמאַן, זיין מחותן דער אַלטער ספּיוואַק און די איבעריקע. פאַריינוועגס, האָט ער אים אויך איבערגעגיבן, אין זיין פּלוידעריי, וועגן די פרעמדע אָנגעשטעלטע פון דער קראָם, וואָס פאַר אַ רכילות עס גייט דאָ אַרום וועגן יעדן איינעם פון זיי... פאַרענדיקט דערמיט, האָט מען באַניים אָנגעפולט די גלעזער לעבן זיך אַפּן טיש, זיי גלייך אָנגעשטויסן און אויסגעליידיקט, זיך־אָפּגעקרעקט, אויסגעווישט די פאַרסאַרפּעטע ליפּן און דערקוויקט דאָס האַרץ מיט אַ פעפערל. איצט, האָט דער גראָבער גרינבלאַט גענומען אַרויסלייגן פאַרן ליטוועק יענע גאַנצע פּאַ־פּלאָנטערטע לאַגע, אין און אַרום דער קראָם, און אין וואָס פאַר אַ צייט ער, דער ליטוועק, איז עם געראַדע אונטערגעקומען מיט זיין פּאָרשלאַג, וואָס דאַרף העלפן ראַטעווען אַלעמען... הקיצור, אַלץ האָט ער פאַר אים אַרויסגעבראַכט און געבליבן שטיל.

דער ליטוועק פּיזשאַק האָט, די גאַנצע צייט, נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. ער איז כלומרשט געווען פאַרטאָן אין צייכענען אַפּן טישל פאַר זיך מיט אַ פינגער זיין אונטערשריפט. דערביי, האָט ער פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אָן אַ זייט, פאַרזשמורעט איין אויג און זי באַטראַכט, די חתימה, מעשה מבין. נאָר, אין דער אמתן, האָט ער געשלונגען יענעמס רייד, ווי אַ מדבר־דורשטיקער — אַ טרונק... ער איז דערגאַנגען אַלץ, וואָס ער האָט באַדאַרפט צו וויסן, און אין זיין קאָפּ האָט זיך גענומען רודערן — וואָס ער האָט איצינד צו טאָן... ווי האָט ער פריער אַליין געזאָגט? — איין שלעכטער שפּאָן, חלילה, — און אַלץ קאָן גיין פאַרלאָרן... צו דעם, האָט ער איצט צוגעגיבן, אַז — דער עיקר איז דער ערשטער אַריינפאָר. מע מוז אָנקומען מיטן רעכטן פוס גלייך, — דאַן וועט שוין אַלץ אַוועקגיין מזלדיק. נאָר, וויאַזוי מאַכט מען דעם ערשטן טראָט?...

ער האָט איבערגעקליבן אין געדאַנק אַלע זיינע באַקאַנטע פּוטער־קירזשנער אַרבעטער, חברים נאָך פונדערהיים, און שוין־דאָ־הי־קענענגעלערנטע... דעם אמת געזאָגט, איז קיין איינער פון זיי קיין רעכטער נישט געווען. פּראָסט פּשוט, נישטאָ מיט וועמען צום טיש צו גיין, יענעם פּרע

זענטירן, ארויסשטעלן פאר מענטשן... דאָס, זעט איר, האָט ער זיך גלייך געכאַפּט, ער, פּיזשאַק דער ליטוועק, אַז — פאַר זיי, פאַר ד י אידן, די גבירים, טאָר מען קיין אָרגאַניזירטן ארבעטער אַפילו פאַר די אויגן נישט באַווייזן. זיי מוזן ציטערן דערפאַר — אימת מות. זיי וועלן יענעם, גאַנץ איינפאַך, אַף דער שוועל נישט אַרויפלאָזן. אים, דעם ליטוועק, גלייך דורכ־טרייבן, מיט יענעם צוזאַמען... אָבער, עס האָט גאָר נישט געדאַרפט קומען דערצו. ער אַליין, פּיזשאַק, האָט עס פיינט־געהאַט די אַלע פאַריינען מיט די אָרגאַניזאַציעס — תכלית־שנאה. אַזוי, אינדערהיים נאָך; און בפרט דאָ, אין אַמעריטשקע, כע־ע, וואוהין ער איז אַראָפּגעקומען זיך־דערשלאָגן צו אַ צעל — וואָס? וועט ער גיין, אַף דער עלטער, זיך מאַכן שוואַנצעוואַ־טע? וואָס איז ער — אַ יאָלד אַ ליידיקגייער?!. ער איז נאָך אַפילו רעכט יענע שוועל נישט אריבערגעטראָטן, פונעם היזיקן פאַריין; און ער וועט עס נישט טאָן ווייטער אויך — ו ע ן ע ר פ ו י ל ט ! — דער גאַנ־צער פאַריין...

...נישט אין דעם גייט עס. ער האָט דאָ געגנוג באַקאַנטע און לאַנדס־לייט, ווילדע ברואים אַלע, יונגען און מוידן, וואָס ווייסן נישט פון זייער געזונט, פרעג זיי בחירום — ו אָ ס פאַריין, ו ע ן פאַריין. מע וועט זיי הייסן ארבעטן, — וועלן זיי גיין אין שפּאַן. און אַז עס וועט אויספעלן אַלץ, — קאָן מען אַ זוך־טאָן, ערגעץ אין הכנסת־אורחים, אין עמיגראַנטן־האָטעל, וואו מע קריגט דאָס מיסט לרוב... מיט אַזעלכע וועט עס גיין, די ארבעט, ווי אַ מזמור. זיי וועלן פאָלגן; נישט קריכן אים אין צורה; טאָן, וואָס מע הייסט זיי — פשוטע ארבעט, פאַר וועלכער עס צאָלט זיך שפּאָט־ביליק. איבער זיי אַלע, די פעלצן־נייער און שטשאָבע־ארבעטער, וועט ער זיך אַרויסזעצן, ווי דער שעף, דער מייסטער, דער צושניידער. זיי אַלע — פּינונטן, ער — פונויבן. אַזוי וועט ער דינען פאַר די באַלעבאַטים; אַזוי וועט ער זיין באַ זיי אין די אויגן... וואָרום, ער אַליין, דער גאַנצער ליט־וועק פּיזשאַק, קלויבט זיך דאָ נישט צו ווערן ער־שט אַ קינסטלער — אַף דער עלטער. דאָ, אין אַמעריקע, ווער ברויך עס גאָר אינגאַנצן צו האָבן? וואָס איז ער — אַ קונצנמאַכער־אַ יאָלד?!. דאָ — שווינדל, ברודער, — וועסטו מאַכן אַ לעבן. אַז דו קאָנסט דאָס נישט, — וועסטו ליגן אין דר'ערד... זיין סיסטעם ארבעט איז — פאַרשטשאָבעט, פאַרגלעט, — אַבי פאַרשפאַרן דעם קליענט דעם פּיסק, די פאָר טאָלער באַקומען — אַראָפּ פון מאַרק... אַזוי נעמט ער זיך פיר צו ארבעטן, פּיזשאַק. אַזוי וועט ער וועלן, אַז קיינס פון זיינע מענטשן זאָל אים קיין דיעה דאַרויף נישט זאָגן — טו, ווי מע הייסט!... אַ, ער וועט קיינעם דאָ נישט לאָזן דעם קאָפּ אויפהויבן, פּרואוון וואַקסן, זיך־אַרויסזעצן מיט פעיקייטן. ער וועט יענעם גלייך דער־דריקן צום טויט! ווייי וועט עס זיין צו ווערמען פון זיי, וואָס וועט זיך אַריינגנעמען אין קאָפּ אַריין צו גיין קעגן אים. ער וועט יענעם גלייך אַדורכ־

טרייבן. אָן רחמנות, באַלד פאַרניכטן. אָ, דאָ וועט עס צוגיין באַ אים גרוי־זאַם... ביזטו נישט מיט מיר, ברודערקע, — טאָ — היידאַ פונדאַנען, גע־גאַנגען!...

...נישט אין מורא גייט דאָ. ער, פּיזשאַק דער ליטוועק, וואָלט באַ־דאַרפט האָבן צו זיך נאָך איינעם, אַזאַ מין געטרייען חבר אַ יאַלד, וואָס זאָל נישט טראַכטן פון אַרויסרוקן זיך, אָסור; נאָר, צו גלייכער צייט, זאָל יענער זיין אַ איידעלער אַזאַ, אַ וואוילקענענדיקער, וואָס זאָל נושא־חן זיין באַ זיי אין די אויגן, באַ די חסידישע כניאַקעס־באַלעבאַטים... עס זאָל זיין, מיט ווער\u05bfמען אַ וואָרט אויסצורעדן; יענע, די איידעלע ליידאַקעס, די פּיסקעס פאַרשטאָפּן... אָ, ווען ער פּאַקט עס עפּעס אַזעלכן!...

זיין ערשטע באַגעגעניש מיט פליגלמאַנען האָט פּיזשאַקן דעם ליטוועק ממש די אויגן געעפנט. ער האָט גאָר אין אים אַריינגעקוואָלן. פון זיין לאַנדסמאַן, פליגלמאַנס, האָט ער זיך נאָך אַפריער דערוואוסט עפּעס בנוגע דעם סוביעקט, און ער האָט גלייך באַגערט אים צו זען. ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט אים, — האָט אים באַלד געפאַלן יענעמס אויסזען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט האָבן אין אים אַ געטרייען חבר־אַ יאַלד, אַ לעקעשעוואַטן לעמעך, וואָס וועט נישט וויסן, ווי איין און ווי אויס; וועט נישט קריכן דאַרט, וואו מע דאַרף נישט; וועט נישט שטופּן זיין נאָז אומעטום; וועט זיך נישט מישן אין ערגעץ — אומגעבעטן. ער וועט איינ־זינען האָבן זיין אַרבעט, און שוין. און ווען מע וועט דאַרפן, און וואו — עס געווענדט זיך אין דער געלעגנהייט, — וועט ער אים שוין זען אַ צי־טאָן פאַר דער צונג, ער זאָל אַריינוואַרפן פאַר די באַלעבאַטים דאָס ריכטיקע וואָרט, כדי צו באַשיינען דעם גאַנצן טאַזשער... (וואַרשטאַט.) וואָס אַרט אייך? איר מאָגט אייך פאַרלאָזן...

*

אין יענעם מאַנטיק אינדערפרי, האָט זיך פליגלמאַן געטראָפן מיטן ליטוועק פּיזשאַק דאָרט, וואו עס איז געווען אָפּגערעדט. און מע איז גלייך אוועק צום סעניאָר רובען פראַנץ אין קראָם אַריין, וואו דער ליטוועק האָט אים געזאָלט פאַרשטעלן, אַלס די צווייטע האַנט באַ דער אַרבעט.

סעניאָר פראַנץ האָט זיי אויפגענומען, ווי זיי שטייגער איז געווען מיט מענטשן — באַ דער טיר. באַלד זענען צוגעקומען אהין דער אַלטער ספּיוואַק מיטן מידן מאַנגאַלישן פּנים און דער כערענטע זאַלצמאַן. אַלע איבעריקע פון קראָם זענען געבליבן געשפּאַנט אַף זייערע ערטער, אָנגע־שטעלט די בליקן אַהער.

מען קאָן נישט זאָגן, אַז פליגלמאַנס אויסזען איז געווען אַ צוציענ־דער. אין זיין צעריסענעם אָנצוג, מיט פרענזעלעך באַ די אַרבל, מיט עפּעס

א געלער לעדערנער היטל אפן קאפ, — האט ער גיכער געהאט דעם אנ־בליק פון א צעדרייטן, וואס האט פארבלאנזשעט אהער נאך א נדבה...

סעניאר פראנץ האט געקוקט אף אים, מיט שטוינען... ער האט שוין געזען, אין זיין לעבן, גרינע. נאר — אזעלכן!... באלד האט ער א קוק געטאן, מיט פאריבל, אפן ליטוועק; און, מיט געהויבענע אקסל, די הענט אין די הויזנקעשענעס, — גענומען אומגיין, מיט זיין בייזן בליק: פונעם מחותן ספיוואק — צום כערענטע זאלצמאן, און אף צוריקצואוועגס; ווי איינער רעדט: — וועמען האט איר מיר דא געבראכט?!. דערביי, האט ער אנגעבלאזן זיין פנים, אויפגעהויבן די נאז, געגיבן דערמיט שארף אנצוהערן, ווי — עס איז אים שוין דערווידער די גאנצע זאך...

די לאגע איז מיטיינמאל געווארן געפערלעך און דראענד. אט, נאך א רגע, און אלעם רייסט אויף.

דער ליטוועק איז געשטאנען, א פארלוירענער. געפרואווט א שמייכל טאן. עס איז ניטט געגאנגען... מיטאמאל, האט עס אויפגעבליצט אין זיין געדאנק. ער האט א צי־געטאן פליגלמאנען פון הינטן פארן רעקל, צו אים עפעס א שעפטשע געטאן...

פליגלמאן, וואס האט רעכט נישט באנומען, וואס דא טוט זיך, — האט געפאלגט. ער האט זיך אומגעקערט צום סעניאר רובען פראנץ און בא אים א פרעג געטאן:

— מר מדבר עברית?

דאס האט געווירקט, אקוראט ווי א כישוף־שפרוך. דער סעניאר פראנץ — א גאנץ־קנאפער העברעער, — איז מיטיינמאל געבליבן געזעצט, גענומען פינטלען מיט די אויגן, פונקט ווי ער וואלט זיך געקליבן ארא־טרייבן פון דארט א זלידנע פליג; און ער איז אזוי אפגעגאנגען אין הינ־טערגרונט... דערפאר איז גלייך אפערגעקומען פונפארנט דער כערענטע זאלצמאן דער תלמודיסט. ער האט אפגעגעבן שלום פליגלמאנען, פונקט ווי ער וואלט אים איצט דערזען.

— כן, מר... אנוכי מדבר... חפצתי לומר... אנחנו כולנו... כן... — האט ער געדריקט די האנט פליגלמאנען, געקוואלן פוקסיש מיטן פולן מויל, געדרייט דעם קאפ אין אלע זייטן, א צעפרידענער דערפון, וויאזוי ער האט געראטעוועט די לאגע...

איצט, אז ער, דער למדן זאלצמאן, האט ארויסגעוויזן אזויפיל קענ־טעניש פאראמאל, — האט ער זיך שוין געמאגט פארגינען אפצורעכן, א ווילע, פון דער אקארשטיקער גרויסער אנשטרענגונג, וועלכע האט אים געווארפן אין קאלירן, אזש א שוויים אף דער צורה בא אים ארויסגעשלא־גן... איז ער, מיט אזא וואוילערישן פרייען זשעסט אריבער צו מאמע־לשון; זיך פלוצים פעסט אנגעקראצט בא ביידע קני; באלד זיך ארייננגע־לאזט מיט פליגלמאנען — אן דארט, בא דער טיר שטייענדיק — אין א

טיפער חקירה וועגן גאָט, מענטש און וועלט. ער האָט איצט געפּרואווט אפּערבערענגען אַלץ, וואָס ער קאָן, כדי צו באַווייזן די היינטוועלטיקע, די אפּיקורסים, אַז — זיי ווייסן נאָך גאָרנישט, דאָס הייסט, אַז זיי זענען צו גאָרנישט געשט דערגאַנגען... פּאַרקערט. ע ר האָרט גראָדע אויס, מיט גרויס געדולד און מיט טאָלעראַנץ, זייערע אַלע טענות, וואָס זיי פאַר־לייגן קעגן דער אמונה... עס הייסט, אַז זיי קומען צום שלום, אַז די בעלי־אמונה, חס־ושלום, ווייסן גאָרנישט... נו, אם־כן, וואָלט עס דאָך באַדאַרפט הייסן, אַז זיי, די אויפגעקלערטע, זענען דאָס יאָ דערגאַנגען צו עפּעס...
— במה דברים אמורים. ווען־זשע איז דאָס געדעדט געוואָרן, — און דער כערענטע זאַלצמאַן האָט זיך פּלוצים אָנגענומען באַם שפּיץ אָפּגעגריזשעטן בערדל, און אַליין זיך־צעשאָקלט, ווי אַ בעל־דרשן — ווען עס וואָלט אַזוי געווען... אָבער, וויבאַלד אַז זיי אַליין, די היינטוועלטיקע, טענהן, אַז זיי ווייסן אויך גאָרנישט, — און מיר זעען דאָך עס איין אַליין: טאָמער זאָגט איין פּילאָסאָף אַזוי — קומט באַלד אַ צווייטער און זאָגט פּונקט קאַפּויער, — טאַ, וואָס־זשע איז די בהלה אַף אייך, וואָלט איך וועלן וויסן? וואָס לויפט איר, און וואָס צעשטערט איר? איז דען נישט שענער און מענטשלעכער די אַלטע וועלט, וואו איטלעכער האָט זיך געהאַלטן באַם גלויבן; און נישט — הפקר־פּעטרעשקע, הו־הא, איש את רעהו חיים בלעו — האָב איך נישט רעכט? — טפו זאָלט איר ווערן! — האָט ער איצט פאַרענדיקט גוטמוטיק, דער כערענטע זאַלצמאַן, אַ פּאַטש־געטאָן פּליגלמאַנען איבער דער פּלייצע, מעשה גוטער־ברודער, אַ סימן — ער געפעלט אים.

איצט, איז געקומען פּליגלמאַנס רייע צו רעדן... פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט געהאַט אַסאַך אויסצוזעצן קעגן די פאַרלייגטע טענות פון זיין אָפּאָנענט. אָבער, ניין. נישט אין דעם איז אים געגאַנגען ערשט. ער איז געווען אָנגענעם איבעררראַשט פון דער עצם באַגעגעניש. דערפון, וואָס ער האָט, דאָ אין לאַנד, אָנגעטראָפן אַזאַ איידעלן אידן, וועלכער רעדט דאָך, אין תוך גענומען, דאָס אייגענע, וואָס ער אַליין, פּליגלמאַן. מע זעט, אַז ער, דער סעניאָר, ליידט אויך די זעלבע יסורים, מחמת ער קאָן נישט צו־קוקן די אַלגעמיינע צעלאָזנקייט, די הפקרות, דעם ווילדן יאַריד... און דאָס דערוועקט באַ אים אין הארצן, באַ פּליגלמאַנען, אַ נאָענטקייט צו אים, צום איידעלן סעניאָר, ווי אַ סימפּאַטיע בכלל צו די באַלעבאַטים פונעם גע־שעפט, וועלכע ווייסן נאָך פון אַ שבת־אַ יאָנטעוו, ווי באַ אונז אינדער־היים. אָ, וועלכע לאָזן זיך נאָך נישט איינשלינגען אינגאַנצן פון דער וואָ־כעדיקער גאָס...

ער האָט דאָס אַלעס אַרויסגעבראַכט פּליגלמאַן, קלאָר און שאַרף. ער האָט זיך צעוואַרעמט אין צורה, אינעם בליק. זיין קול איז געוואָרן העכער און פעסטער. עס האָט אָפּגעקלונגען איבער דער גאַנצער קראָם, אין די ווייטסטע ווינקעלעך, וואו מענטשן־אָנגעשטעלטע — צוממיינסטן, היזיקע

יונגען און מוידן — האָבן זיך דערוועגט אפּערגיין פון זייערע פּלעצער, צוקומען עטוואָס נאָענטער, צוקוקן אָט דאָס אויסטערלישע בילד, ווי — אײנער, עפּעס אַ מאָדנער מענטש, שטייט און רעדט אומפּאַרשטענדלעכע, נאָר דאָך — אַזוינע וואַרעמע רייד, וואָס גייען גלייך אין האַרץ אַריין... וויאַזוי ער זשעסטיקולירט מיט די הענט, ער באַהערשט אַלעמען, און... ער ברענגט פאַר זיי דאָס גליק...

די גאַנצע צייט, וואָס די דאָזיקע סצענע האָט געדויערט, — איז דער ליטוועק פּיזשאַק געשטאַנען אינדערמיט און געשיינט, ווי אַ טריומפאַטאָר; עפּעס ווי אײנער אַ מכשף, וואָס האָט באַוויזן, מיט איין זשעסט, איינצו־ברעכן בערג און עפענען אַ וועג צו דער פרייהייט...

אַז פליגלמאַן האָט געענדיקט, איז דער געשפּרעך געוואָרן אַ אַלגע־מיינער. מע האָט געשפּאַסט און זיך דורכגעוויצלט צווישנאַנאַנדער. איין סעניאָר פראַנץ האָט נאָך געפּרואווט עפּעס אויסזעצן, אין דער שטיל... קעגן דעם נייעם כניאָק, וואָס עס האָט אָנגעטראָגן אַצינד צו אים אין גע־שעפט אַריין... און ער האָט אָפּגעזיפּצט... „אָ, ער, רובען פראַנץ, וועט זיך שוין, אַ פּנים, פון זיי, די כניאָקעס, קיינמאָל נישט אַרויסדרייען... און דער איצטיקער, דער נייער, זע, איז עפּעס גאָר אַ מיתה־משונהדיק באַשעפע־ניש: נישט קיין מוהל, אָדער חזן, נאָר אַ כניאָק־און־אַרבעטער!... זאָגט: וואו וואַקסט עס אַזעלכס?!.״

ער האָט געקוקט ברוגז אַצינד אויף זיין כערענטע זאַלצמאַן... „דעם ליידיקגייער... אים פּשוט נישט פאַרגונען, הלמאַי דער קאָפּ דאַרט אים נישט פאַר גאָרנישט, נאָר גאָט שיקט אים צו אַלעמאָל אַ אַנדער בטלן צום גרייטן!...״ ווי אײנער, וואָס טרינקט זיך, — האָט סעניאָר פראַנץ, נאָך צום לעצטן מאָל, געוועגדעט זיין פאַרצווייפלטן בליק צום אַלטן מחותן נאָך הילף:

— ...איז, וואָס־זשע זאָגט איר טאַקע פאָרט, סעניאָר ספּיוואַק... איז דאָס אַ רעכטע זאַך, האַ?...

— ...וואָס־דען? וואָ־דען?!. — האָט דער אַלטער אָפּגעענטפערט אויף שנעל, אַ ברוגזער, געקוקט אויף אים שיר נישט בייז, צעפירט מיט די הענט...

און סעניאָר פראַנץ האָט שוין איינגעזען, אַז — זיין גורל איז פאַר־חתמעט.

4

אין געציילטע טעג ארום, אין א פרימאָרגן, זענען דער ליטוועק פּי־זשאַק און פליגלמאַן געקומען מאַכן א פּראָבע; באַווייזן, וואָס זיי קאָנען.

זיי האָבן אָנגעהויבן די אַרבעט אין א ענגן קעלער, וואָס איז געווען פאַרוואָרפן מיט פעלן אַלערליי. געבראַכט די מכשירים האָט דער ליטוועק, וואָס האָט געבאָרגט אין ערגעץ א מאַשין און עטלעכע ברעטער. זיי האָבן געאַרבעט, פאַר דער שיין פון א עלעקטרישן לאָמפּ, עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד, גאַנץ־פּלייסיק, געשניטן, גענייט און געטשוועקלט, באַוויזן אסאַך אויפצוטאָן.

דער ליטוועק אפילו, תחילת, דער גאַנצער צעלייגער האָט זיך גע־צייגט צו זיין נערוועז, און דאָס מעסער אין זיין האַנט האָט געציטערט. נאָר דער אַלטער ספּיוואַק, וועלכער איז, אַלע ווײַלע, אַרונטערגעקומען אין קעלער זען, וואָס עס הערט זיך, — האָט אים איינגענומען מיט גוטע רייד, באַרואיקט און דערקלערט, אַז דאָ איז זיך נישט פאַראַן, פאַרוואָס צו שרעקן... אַרבעטער — נישט פון נעכטן, דאַכט־זיך, האַ?... און בנוגע אינטע־רעס — איז, פון ד ע ם צד, דעם באַלעבאַטישן, פאַראַן א ז ו י פ י ל, אויב נישט מער נאָך, ווי מצד די אָנביטערס...

ערשט איצט איז די אַרבעט אוועק אף א לאַד. אַז די היפּשע עטלעכע שעה זענען געווען אריבער; און דער כערנטע זאַלצמאַן איז אַראָפּגעקומען זען דעם ערשטן סך־הכל, — האָט מען דערקאָנט גלייך אף דער נאָז בא אים, ווי ער איז צופרידן... ער האָט זיך פעסט אָנגעקראַצט אין פאַרשיי־דענע טיילן קערפּער און... געבליבן פאַרקלערט. „ער האָט גענומען רעכע־נען... דער חשבון איז דאָ געווען באַלד אויבנויף. פריער, אַז מע האָט גע־דאַרפט באַזאָרגן א קליענט מיט א פוטער־חפץ, — האָט מען עס געמוזט גיין קויפן בא דעם, ווער עס האַנדלט דערמיט, און יענער, גיי־ווייס, האָט דיר אָפּגעשניטן דערביי א האַלבע פאַלע. איצט, שטעלט זיך אַרויס, אַז עס קאָסט א גאָרנישט מיט א נישט. פאַר א שיבוש, קריגסטו דאָס — דעם תהום!...״

און דער מוח באַם בערענטע האָט געאַרבעט ווייטער, זיך־צעפּלאָ־קערט פון זיך אַליין... „פּוטערוואַרג, כּידוע, איז אַ בלינדע זאַך. דער קליענט ווייסט דאָרט פון זיין חיות — וו אַ ס מע גיט אים... באַ אים איז רעכט: אַבי עס גלאַנצט, — איז עס מיט גאָלד צוגלייך... און וואָס האָט די ווערט ד אַ ס — אַז דער קליענט קומט צו אונז און קריגט אַלץ, וואָס ער וויל? — נ י ש ט , ער זאָל דאַרפן אומגיין און צונויפנעמען: דאָס — דאָ, און דאָס — דאָרט?... אַזוי, אַז עס לוינט, פון אַלע זייטן..."

דער פּלאַן אָבער איז געגאַן נאָך ווייטער... „אויב די צייט וועט ווייזן, אַז דאָס איז אַן עסק, — דאַן מאָג מען פאַרשטיין, אַז סעניאָר רובען פראַנץ מוז נישט גיין איינקויפן קיין פעלן פון דער זיבעטער, דער אַכטער האַנט — אַזוי ווי אַנדערע טוען דאָס. אַז ער קאָן זיך נאָך פאַרגינען צו קריגן וואָס מע דאַרף, פ ו ן ד ע ר ע ר ש ט ע ר ה אַ נ ט ; און אין גרויסע לאַגערן אַפילו. אַז מע זאָל קענען פאַרקאָנקורירן די שטאָט, און אפשר אויך טאַקע — דאָס גאַנצע לאַנד!..." — האַ, וואָס זאָגט איר, סעניאָר ספּיוואַק?... —

האָט דער בערענטע, דאָס מאָל, אין קעלער, זיך־דערלויבט, מעשה־באַלעבאָס, אָננעמען יענעמס טאָן, בעת ער האָט זיך געווענדעט צום אַלטן, וואָס איז דאָ געשטאַנען דאַנעבן.

— וואָס־דען? וואַ־דען?... האָט דער אַלטער אָפּגעענטפערט מעבאָ־ניש, פאַר יוצא־זוועגן; און אויך נישט צעפּירט מיט די הענט — אַ זשעסט, וועלכן ער האָט ביז איצט איינגעהיט אויסשליסלעך נאָר פאַרן סעניאָר־פראַנץ אַליין...

הקיצור, די פּראָבע איז געווען אויסגעהאַלטן — אַלע הונדערט פּראָ־צענט.

מיטיק־צייט, איז די אַרבעט געוואָרן איבערגעריסן אַף אַ שעה־צוויי. דערנאָך, איז זי געוואָרן באַנייט ביז פאַרנאַכט.

באַטאָג, איז קיינער מער אין קעלער נישט אַראָפּגעקומען שטערן. קיין געאייל קיין איבעריקער איז אויך נישט געווען. אַז זיי זענען געבליבן אַליין, — האָט דער ליטוועק פּאַמעלעך גענומען איינקנעלן מיט פליגלמאַנען די גאַנצע זאַך; אים געפּרואווט געבן צו פאַרשטיין, וואו מע געפינט זיך דאָ אין דער וועלט; מיט איין וואָרט, די גאַנצע לאַגע אַרום־און־אַרום... ער האָט גערעדט צו אים. פאַרזיכטיק און איידל; גענומען אין באַטראַכט, מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן... „מיט אַ יאָלד־אַ כּניאָק, פון זייערע מענטשע־לעך... אַ אינטעליגענטל אַפילו; נאָר — אַלץ פון דער זעלבער בנופיא, כּלי־קודש — טפו, ווי ער, אַן אַרבעטער, קאָן איר, אָט דער גאַנצער כּאַליערע, נישט אָנקוקן..." יאָ, האָט ער אים גענומען אויפקלערן, וואָס דאָ איז; מיט דער אָפּזיכט, אַגב, צו דערגיין באַ אים אַ מיינונג, אַן ערלעכע, אַן אויפ־ריכטיקע, אָן שום פּניות, וועגן דער גאַנצער זאַך...

פליגלמאַן האָט אויסגעהערט אַלץ, אָבער נישט פאַרשטאַנען רעכט, וואָס מע וויל פון אים. עס איז אים נישט אָנגעגאַנגען, פּראָסט־פּשוט, דאָס אַלץ, וואָס מע האָט אים דערציילט. ער האָט נישט באַנומען, צוליב וואָס ער דאַרף דאָס וויסן. געקומען אהער איז מען אַרבעטן. אַרבעט, ווי עס זעט אויס, וועט דאָ נישט פעלן. טאָ, וואָס דאַרף מען מער?

נאָר פונדעסטוועגן; אַז יענער האָט געענדיקט און געוואַרט, ער זאָל זיך אָנרופן, — האָט פליגלמאַן געקלערט, אַ ווײַלע, און אַ זאָג־געטאָן, כּלאחר־יד, אַז... דאָ, איז פּונקט, ווי אין סדום אַלציינס — ווען איין צדיק האָט נאָך געקאָנט ראַטעווען די שטאָט פון אונטערגאַנג... אפשר וועט דער פוטערוואַרג־סעקציע באַשערט זיין דאָס אויפצוטאָן...

דער ליטוועק פּיזשאַק האָט אַ גאָלדענעם שמייכל געטאָן און זיך אַליין דערלאַנגט אַ פּאַטש איבערן שטערן, פאַר התפּעלות... אָט דאָס איז עס, דאָס וואָרט דאָס ריכטיקע, אַף וואָס ער האָט אויסגעקוקט. ער גייט עס גלייך אָפּטראָגן צום תלמודיסט דעם כּערענטע זאַלצמאַן דאָרטן, ער זאָל זיך נישט איינרעדן, אַז נאָר בּאַ אים אַליין שטייט איין די גאַנצע תּורה, און בּאַ אונזערס אַ מענטש אַן אַרבעטער איז נישטאָ, וואָס צו פאַרקויפן. גאָט, זעט!

און ער האָט זיך געלאָזן אַרויפגיין אין קראָם אַריין, מרעיש עולמות זיין...

פליגלמאַנס וואָרט האָט געהאַט גרויס בייפאַל, דאָרט אויבן, אין קראָם. מע האָט עס איטלעכער געקייעט, דערפילט אין דעם כּמה טעמים, און עס אויך אונטערגעטראָגן צום פּרינציפּאַל אַליין, ער זאָל דערפון פאַרזוכן...

סעניאָר פראַנץ איז איצט געווען אין אַ גוטער שטימונג — מכּמה טעמים: אי מחמת די גרוסן, וואָס ער האָט שוין געהאַט אָפּגענומען פון דער גערעטענער פּראָבע מיט דעם פוטערוואַרג, דאָרט אונטן, אין קעלער; אי, מסתּמא, מחמת עפּעס אַ אינטימערער סיבּה, וואָס וועלט נישט געגעבן צו דערציילן, נאָר דערפאַר — מאָג מען זיך שוין קאָנען אָנשטויסן אַליין; אי סתּם־צוליב־דעם, ווייל אַזוי איז שוין געווען זיין טבע, דעם גבירס, אַז — נאָך עטלעכע טעג פון בייזקייט און מרה־שחורה, — פלעגט אים פּלוצים באַפאַלן עפּעס אַזאַ מין נישט־געשטויגענע־נישט־געפלויגענע פרייד, און אַ אומבאַהערשלעכער ווילן, צו נעמען אָפּלאַכן און חוזק־מאַכן, אין גוטן מוט, פון זיך און פון דער גאַנצער וועלט...

איז אַף היינט פּונקט געהאַט אויסגעפאַלן יענער טאָג. ער האָט זיך באַלעקט אַזש מיט פליגלמאַנס וואָרט, אַריינגעקוואָלן אין דעם און, אַף אים קוקנדיק, האָבן אַלע אַרום מיטגעקוואָלן. דער כּערענטע האָט זיך געקראַצט הינטערן רעקל און געהאַט אַ פּול מויל געלעכטער. און דער אַלטער מחותּן ספּיוואַק האָט דין געשמייכלט אַף זיין פאַרשלאָפן מאָנגאָליש פּנים,

אַרויסגעוואָרפן די הענט איןביידע זייטן און אַזוי־ותרנותדיק אויסגע־צויגן:

— וואָס־דען? וואָ־דען?... מע זעט גלייך איין, אַ איידל קינד...

— פּס... איין קליינעקייט! — האָט דער ליטוועק, זיך־דאָ־דרייענדיק־אינדערמיט, צוגעגיבן — אַ יונגערמאַן־אַ סוד! —

עס איז שוין געווען פאַרנאַכט. די קראָם האָט זיך געהאַלטן אין שליסן; דער עולם אָנגעשטעלטע — באַם פונאַנדערגיין. געבליבן באַ דער טיר שטיין זענען דער פּרינציפּאַל, דער כערענטע, דער מחותן און דער ליטוועק. פון שפּאַס, איז מען ערשט אַריבער צו ערנסט.

איצט איז דער ליטוועק אַרויס מיט לשון, גענומען טענהן, אַז... ער מוז עס וויסן קלאָרע דבורים, וואו ער האַלט אין דער וועלט. ער איז נישט קיין אינגעלע. געלאָזן אַ פאַמיליע אינדערהיים, אַ פרוי מיט אַ קינד. ער — דאָ, דרייט זיך אום, אַליין. זיי — דאָרט. אַ חוץ דעם, וואָס עס קאָסט אין צווייען. עס איז נישט קיין תכלית פאַר אים... אַז ער וועט וויסן — ער האָט יאָקי זאַטשעפּע, — וועט ער נישט פאַרזאַמען, זיי אַראָפּברענגען. זאָל מען אים וויראַזשנע זאָגן!

מע האָט אים געלאָזן רעדן. אויסגעהערט פיין. איצט איז געקומען די ריי אַפן צווייטן צד. גערעדט האָט דער פּרינציפּאַל אַליין. אַלע האָבן זיך איינגעהערט...

דער פּלאַן האָט געדאַרפט הייסן אַזוי... און זאָל עס סעניאָר פּיזשאָט אויכעט וויסן אַצינד, ווי אַן אייגענער מענטש... דווקא ערשט, אין די הייסע מאָנאַטן, ווען קיינער וויל פון קיין פוטערוואַרג נישט וויסן, מע וויל עס גאָר אין האַנט אַריין נישט נעמען, — וועט ער, רובען פראַניץ, זיך שטעלן אויסאַרבעטן פוטער — אַפן פולן דאַמף. וועט מען דאָך אַ ודאי, לאַכן אין שטאָט פון אים. מע וועט זאָגן: — רובען פראַנץ דער משוגענער, ווי תמיד! — טאָ, זאָל מען! ער ענטפערט נישט. ער וועט זיך טאָן זיינס, אויכעט אַזויווי תמיד; אָנבאַרייטן, פאַר שפּאָט־ביליק, ווען דער פּרייז אַף סחורה איז געפאַלן, און די אַרבעט איצט האָט אינגאַנצן קיין ווערט נישט, מע קריגט זי שיר נישט פאַר אומזיסט. וו אָ ס ? ער האָט קיין געלט נישט אַריינצולייגן? עס פעלט אים צו אַף דעם טאָג חיונה?!. יאָ, וועט ער אַלץ האַלטן אין איין אָנבאַרייטן, בערג גאַנצע פאַרגרייטן, פון אַלע מינים, ער וועט ניט זשאַלעווען — ביז ער וועט זיך שטעלן צום טאָג פון סעזאָן... דאַן וועלן מיר זען: ווער — וועמען! ער, מיט זיינע פּרייזן, וועט זיי אַלעמען פון מאַרק פאַרטרייבן! —

עס איז געבליבן — אַף נאָך אייניקע טעג, אַרבעטן אין קעלער, ביז עס וועט אָפּגעליידיקט ווערן דער האַלבער אויבערשטער גאָרן, און מע וועט אים קאָנען איינאָרדנען, באַזאָרגן מיט אַלעם נויטיקן און איבערגעבן דעם טאַזשער... (וואַרשטאַט.)

בנוגע ווידער די אַרבעטער, וועך זיי זענען און פּונוואַנען, — דאָ, זעט איר, פאַרלאָזט מען זיך אינגאַנצן אַפן סעניאָר פּיזשאַק אַליין. ער, רובען פּראַנץ, וועט זיך נישט גיין איינוואַזיען דאָרט מיט נאָכפרעגן — וועך זיי זענען. מע ווייסט — וו ע ר אַ ר ב ע ט ע ר ז ע נ ע ן ! . . . דער עיקר, מע זאָל נישט דאַרפן האָבן צוטאָן מיט קיין סינדיקאַט. מיר דאַרפן עס פיינט. — ער הערט? —

— אַזוי וועט עס זיין!

און אַזוי איז עס געבליבן.

*

נאָך אין יענעם אָוונט, האָט זיך פליגלמאַן אַריבערגעצויגן אין אַ אויבערשט צימערל, וואָס זיין גוטער לאַנדסמאַן האָט אָפּגעזוכט פאַר אים אין אַ שטילן דעפּאַרטאַמענט, באַ אַן עלטער פּאָרפאָלק — נישט ווייט פון דער אַרבעט. פליגלמאַן האָט, מיט טרערן אין די אויגן, גענדאַנקט די גוטע מענטשן פאַר דער גאַסט־פריינטשאַפט, וואָס זיי האָבן צו אים אַרויסגע־וויזן, אין די געציילטע פאַר טעג, און פאַר די אַלע גרויסע טובות, וואָס זיי האָבן אין אים געטאָן. ער האָט זיי צוגעזאָגט צו באַזוכן, ווען ער וועט אַביסל האָבן געקומען צו זיך, זיך־אויסרוען ווי געהעריק. ווען ער האָט זיך געזעגנט מיט דעם טונקעלן שיינעם מיידל פון שטוב און איר געגיבן די האַנט, — האָט ער פּלוצים אויפגעפלאַמט אין פנים; און די ווערטער זענען געקומען אַליין פון זיין מויל... ער האָט באַ איר געבעטן, אויב עס קומט איר נישט פאַר שווער, און זי קאָן אים טאָן די גרויסע געפעליקייט... ווען זי וועט זעען איר חברטע... יענער בלאָנדער פרוי, וואָס איז דאָ גע־ווען מיטן קינד... שיקט ער איר איבער אַ האַרציקן גרוס...

דאָס מיידל האָט אים צוגעזאָגט, מיט אַ שמייכל, איבערצוגעבן זיין גרוס גאָר אינגיכן... און ער האָט איר שטאַרק גענדאַנקט דערפאַר. דאַן האָט פליגלמאַן זיך באַניים געזעגנט מיט אַלע פאַראַמאָל און ער איז אַוועק.

געקומען איז ער צו זיך אין צימער; וואו ער האָט אפילו נישט רעכט פונאַנדערגענומען זיינע פּעקלעך, וואָס זענען נאָך געבליבן אַזוי — פון דער שיף אָן. אַף דעם שמאָלן בעטל, וואָס ער האָט דאָרט באַ זיך געטראָפן, — האָט ער אַף שנעל אימפּראָוויזירט כמו־אַ געלעגער, זיך־אַריינגעוואָרפן אין דעם, מיט דעם איינעם מיד־צערייצטן באַגער — איינצושלאָפן... ער האָט געשפּירט, איינדרעמלענדיק, אַז — ער גייט אַוועק פון זיך. ער דער־קענט זיך נישט מער. ער איז נישט מער — ער. זאָל זיין, לפּחות, דער־ווייל; נאָר, אַזוי איז עס. עפּעס האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים. זיין קראַפט. זיין ווילן. עס האָט אויפגעהערט באַ אים זיין לעבן פון פריער. אַ נייס, אַ פרעמדס קומט איבער אים און באַגוועלטיקט אים. ער, ווערט זיך נישט.

מסתמא, איז ער שוואַך. דאָס נייע לעבן איז שטאַרקער פון אים, און עס איז אים דערווייל גובר. לכן, גיט ער זיך אונטער. ער זינקט אין שלאָף. ער פאַרגעסט זיך...

*

נאָר, גאַנץ אַנדערש איז עס צוגעגאַנגען, יענעם אַפּדערנאַכט, אין דער וואוינונג באַם ליטוועק פּיזשאַק.

ער האָט זיך אויפגעהאַלטן באַ זיינער אַ לאַנדסמאַנקע, די סעניאָראַ סאָניאַ, וועלכע האָט געהאַט אַ פּענסיאָן פאַר אידישע גאַסן־מיידלעך און סתם־בלאַטע האַלב־וויטישע יונגעלייט — אין רעכטן מיטן צענטער פון דער אַנסע־געגנט. ער, פּיזשאַק, האָט איר נאָך געקאָנט פונדערהיים, וואו זי, שיינדעלע די רביצן, איז, אַלע יאָרן, געווען אַ מומע פון הייזלעך. דאָ, אַריבערקומענדיק, מיט אַ צייט צוריק, קיין אַרגענטינע, — האָט זי זיך גענומען אויפפירן לייטיש. זי האָט געהאַט אַ חתן, אַ רייכער פרויען־הענדלער, וועלכער האָט געחלשט נאָך איר, כסדר איר געוואָלט אַריינציען אין זיינע געשעפטן, אַפּשרייבן אַלץ אָף איר נאָמען, אַבי זי זאָל אים באַגליקן מיט איר האַנט. נאָר זי, אַ הויכע דיקע אידענע, באַם אָנהויב פון די פערציקער, נאָך מיט היבשע שפּורן פון אַ געוועזענער שיינהייט־אַ ברונעטן, — האָט כסדר אָפּגעזויגן; ווייל זי האָט געבענקט צו רו — נאָך אַזאַ שטורמיש לעבן, וואָס זי האָט געהאַט דורכגעמאַכט; און זי האָט באַגערט, מע זאָל איר נישט טשעפּען... אַ ודאי, האָט זי געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַ שיינע פּאָר טאָלער, נאָך פון יענע אַלטע גוטע צייטן, און זי האָט שוין, אייגנטלעך, נישט געדאַרפט טאָן אַ האַנט אין קאַלט וואַסער. נאָר, מע קאָן דאָך נישט נעמען לעבן פון גרייטן. און ווידער, האָט איר געצויגן אַלץ צו די אידיקע. דערומער, האָט זי פאַרלייגט, לפנים, דעם פּענסיאָן, וואו עס איז געווען דער מקום־מקלט פאַר יענע לייט, מע האָט זיך געטראָפן אַ מענטש מיט אַ מענטשן, אויסגערעדט אַ וואָרט, אָפּגעפרישט אין זכרון מעשות פון אַמאָל, ווען מע איז נאָך אַליין יונג געווען, געברענט אַ וועלט... פונעם רעדן, האָט זיך צעוואַרעמט דאָס האַרץ באַ דער סעניאָראַ סאָניאַ; סענטימענטאַל איז זי געווען גענוג, סיי־ווי־סיי. האָט מען אָפּגענומען די וויקטראָליע פון אַ ווינקל און צוגעטראָטן אָנשטעלן דיסקעס פון אידישע ניגונים...

...אַ בריוועלע דער מאַמען.
מע זאָל שוין זיין צוזאַמען.
טריי־ריי־ריי...
טי־ראַ־רי־ראַ־ריי...

און אנדערע לידער אלערליי. דערביי, האט די סעניארא סאניא גע־נומען שנייצן די נאז און וויינען, ווי א ביבער. זיך אנגעבליפעט געגוג, — האט זי געשפירט, ווי עס ווערט איר גרינגער אף דער נשמה. דאן האט מען אפגעשטעלט די מוזיק; און א דינסט, אן עלטערע פרוי, האט גענומען גרייטן צום טיש, אינעם סאלאן. מע האט דערלאנגט טיי מיט צובייסעכץ, און איינגעמאכטס אסאך. געטרונקען צוזאמען, באניים גערעדט... אז דער חתן איז געווען צו גאסט, — האט זי אויך געשטעלט אפן טיש א קעסטל גראבע ציגארן, אזוינע, ווי ער האט ליב געהאט... ערשט, באם רויכערן, האט דער חתן, א ברייטגעזעצטער מיטלוויקסיקער מאן אין די פופציקער, מיט א שפאר ביסל גאלדענע סיגנעטן אףביידע הענט, — זיך רעכט גע־נומען צעווארעמען, ארויסגעלאזן קנוילן רויך פון דער נאז און פונעם מויל פאראמאל, און אנגעהויבן רעדן דערפון, וואס עס האט אים תמיד געפרעסט אונטערן הארצן... פאלאסיאסעס גזרה. דער פארבאט אף פרויען־האנדל... דאס האט אים אונטערגעצונדן... „ווי הייסט, מע גייט און מע פארווערט אידן צו לעבן אף דער וועלט? וואו זענען מיר — אין סדום?!. נאר, נישט־קשה. מיר האבן א גרויסן גאט אין הימל. דאס אידישע פאלק וועט ער נישט אומברענגען, דער צורר. דאס אידישע פאלק וועט אים איבערלעבן, דעם היצל. דאס אידישע פאלק לעבט אייביק, און עס האט שוין איבערגעקור־מען גרעסערע המנס, ווי ער..."

די סעניארא סאניא נעמט איין איר חתן, מיט גוטע רייד; ער זאל זיך נישט גריזשען אומזיסט, פראסט־פשוט, ווייל עס לוינט נישט. זאל ער צוקוקן אדרבה אליין און זאגן, צי א ז ו י , מ י ט ד י א ל ע פ א ר ב א ט ן , לעבט מען דען נישט, חלילה?... „אז וויבאלד די „קנעפ־לעך" זענען בא אונז אין דער יד, און דער וויטישער שטייט תמיד אף דער טיר, ער חלשט.... — טא, האב עס אין דר'ערד, מרדכעלע־קרוין, און יאדע זיך נישט..."

און זי האט פלוצים יונג פארהויבן דאס נעזל, די סעניארא סאניא; א פינטל געטאן מיט אן אויג, דערלאנגט א טרייסל מיטן קאפ אין ביידע זייטן, כדי צו צעטרייבן די מרה־שחורה פון ארום; און זי האט לוסטיק אויפגעזונגען..

...איי, איי, מיידעלע...
צי אראפ דאס קליידעלע...

אף איר קוקנדיק, האבן זיך באם חתן צעצונדן די אפלען, דאס גאנצע פנים. ער האט אנגעקוואלן און איר היים געפאטשט בראווא, איר ארויס־געגרופן אף בים... נאר, זי איז געבליבן זיצן, א פארוויטלטע, א מידע, און אפגעזיפצט... עך, אלט איז נישט יונג... זי האט זיך פלוצים פארשעמט און געוואלט פארלאזן ס'צימער...

פון דער אומבאַקוועמער לאַגע פלעגט איר כמעט־תמיד אַרויסנעמען איר אינגל ליאָווקע. אַז ער איז אַנגעגאַנגען, — האָט זי אויפגעלויכטן, פון מוטערלעך גליק, און גלייך אַפן אָרט, פאַרגעסן אַן אַלץ אין דער וועלט...

ליאָווקע, אַ שלאַנקער שוואַרץ־חנעוודיקער יאַט פון אַ יאָר זיבעצן־אַכ־צן, איז געווען „איר איינציקע טרייסט אינעם לעבן", און דער ליבלינג פונעם גאַנצן פּענסיאָן. די גאַסן־מיידלעך האָבן געהאַט פאַר אים דעם טויט, אַזוי שיין און צוציענד איז ער געווען באַ זיי אין די אויגן. איטלעכע האָט אים געדרייצט און, דורך אַלע מיני שמד־שטיק, געפּרוּווט אים פאַרפירן צו זיך. זיי האָבן אים באַטראַכט, ווי אַ זייעריקן, און נישט אַן אַ פאַרוואָס... געוואוסט האָט מען — און מע האָט געשעפּטשעט דערפון אין דער שטיל, זיך געהיטן, ס'זאָל נישט גרייכן צו סעניאָרא סאָניאַס אויער — אַז ליאָוו־קע איז נישט איר קינד!... ער איז געבוירן געוואָרן ערגעץ אין אַ הייזל, פון אַ עלנטער מויד אַ צווייג, אין דער היים נאָך. דאָרט האָט ער זיך אָפּגעַ־וואַלגערט יאָרן, געווען דער וויכאַוואַניעץ באַ די מיידלעך, נאָר קיינער האָט זיך רעכט אַף אים נישט אַרומגעקוקט. ביז וואַנען די סעניאָרא סאָ־ניאַ איז אונטערגעקומען איינמאָל און האָט אים צוגענומען צו זיך... פון דעמאָלט אָן, גייט ער אָן, אַלס איר זון. אָבער, עס איז נישט אמת. ער איז נישט אירער בלויז. ער איז אַלעמענס. ער שטאַמט פונעם הייזל, און ער געהער צו יעדן... אַזוי האָבן איינגעטענהט די מיידלעך אין דער שטיל, צווישן זיך, און אים גערופן, איטלעכע — נאָך זיך... נאָר. ער, ליאָווקע, האָט זיך נישט געלאָזן פאַרנאַרן פון דעם „נידעריקן מין סחורה". ער האָט זיך געהאַלטן אַרטיק שטרענג און פונדערוויטנס פון זיי; ווי עס פּאַסט פאַר איינעם, אַן ערנסטן יונג, וועלכער גרייט זיך שוין, מאָרגן, אַ ליאַדע טאָג, אַליין נעמען די לייצעס אין די הענט אַריין... די סעניאָרא סאָניאַ האָט זיך געשפּיגלט אין איר זון. זי פלעגט אים צורעדן, ער זאָל זיך נעמען לערנען עפּעס אַ פאַך, אַ פּראָפעסיע, און מיטן געלט, וואָס זי האָט, — וועט ער שפּעטער קענען שטעלן אַ געשעפט, ווי באַ לייטן, חתונה־האָבן, זיין מיט מענטשן גלייך... זי האָט אָבער צוגעזען, מיט ווייטיק אין האַר־צן, ווי... דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פונעם ביימעלע... ער, ליאָווקע, האָט גאָרנישט געוואָלט הערן דערפון. אים האָט געצויגן צו דאָס זייניקע. ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון דער אַלטער, וואָס זוכט פאַר אים תכליתים מיט אַרבעטן. ער האָט נישט געהאַלטן פונדעם. אָ, ווייל — ער האָט שוין! גאַנץ־גוט געוואוסט, וויאַזוי מע קאָן לעבן שיין, און נישט־אָנהויבן צו אַרבעטן אפילו... פאַר וועמען האַלט זי אים, די מאַמע זיינע, פאַר אַ ווי־טישן?! — וואַרט! זאָל ער נאָר אויסוואַקסן אַביסל, נאָך אַ פּאָר יאָר, —... און ער האָט גרויסע האָפענונגען, אַז... „מיר וועלן נאָך האָבן צו־ריק בונעזאַירעס אין די הענט. אַקוראַט ווי אין די אַמאָליקע גוטע צייטן איז געווען..." אים האָט גיכער געצויגן צו זיין פעטער, ווי מע האָט אים

גערופן, דער מאַמעס חתן; און יענער האָט אים מקרב־געווען, געקנופּט אין בעקל, אַ, נאָך דערוואַרט פון אים צו זעען גרויסע זאַכן... און דער פאַל, וואָס האָט בקרוב פּאַסירט, האָט עס באַשטעטיקט. דאָ, בא דער זייט, בא אַ שכנה, אַ יונג ווייבל, איז איינגעפאַלן דער מאַן, אַ פוטער־קירזשנער, פון ז יי ע ר קרענק, וואָס דאָס פאַך גיט אַרויס — פון דער סוכאָטע. דאָס ווייב האָט אים אַרויסגעיאָגט, אַ קראַנקן, פון שטוב. אַ פּנים, קיין גוט לעבן בא זיי סיי־ווי נישט געווען. און ער איז איינגיכן געגאַן פון דער וועלט. געבליבן איז דאָס ווייבל, מיט אַ מיידעלע פון אַ יאָר צען. כל־זמן עס איז נאָך עפּעס געווען אין שטוב, האָט מען געגעסן פונעם גרייטן. ווען דאָס געלט איז אויסגעגאַנגען, — האָט זיך נאָך דאָס ווייבל אַרומגעדרייט, אַ טאָג, צי צוויי; ביז וואַנען זי האָט נישט אויסגעהאַלטן; לעבן מוז מען. זי איז אַוועק אין גאַס... געבליבן איז דאָס מיידעלע, אַ גאַנצן טאָג, איבערן הויף, אין שטוב, אַליין. אַהיימקומען פלעגט זי, די מאַמע, ערשט שפּעט באַנאַכט, אַמאָל — דאָס אויך נישט. דאָס קינד האָט זיך גענומען אומ־וואַלגערן, אַרומקריכן אומעטום. ביז וואַנען ליאָוועקע האָט זיך אַף דעם דערבאַרעמט. ער האָט זיך גענומען צום קינד... אַז די מוטער פון דעם מיידעלע האָט זיך דערוואוסט, — האָט זי אָפּגעלייגט אַלץ אָן אַ זייט, געקומען צולויפן, מיט אַ פּאַליש, גלייך צו דער סעניאָרא סאָניאַ אין שטוב אַריין... „— וואו איז ליאָוועקע? זי וועט אים די אויגן פון קאָפּ אויסרייסן!. זי וועט אין פּאָליציי גיין, גלייך צום קאָמיסאַר. אַזוי טוט מען אַ קינד?! מילא, זי, די מאַמע, — וואָס זי איז, איז זי... אָבער איר קינדס חרפּה וועט זי נישט פאַרשווייגן. וואו איז ליאָוועקע — זאָל מען איר זאָגן...״ ליאָוועקע איז נישט געווען. ער איז אויסגערונען. די סעניאָרא סאָניאַ האָט איר געלאָזן זיך אויסשרייען גוט, דער פאַרביטערטער מאַמען, איר נישט געשטערט. דערנאָך ערשט, אַז יענע איז געבליבן זיצן, אַ מידע, אַ דער־שעפּטע, — האָט זי זיך גענומען צו איר... „זאָל זי איר זאָגן, אַדרבה — וואָס וועט אַרויסקומען פון איר געשריי? וואָס וועט עס העלפן? אַז ווי־באַלד צוריקכאַפּן קען מען נישט... און פאַרשעמען איר אייגענע טאָכטער פאַר לייטן, דאָס רעכנט זיך נישט? וואָס־זשע, זי מיינט, אַז דעם קינד קומט צו געזונט דערפון?... זאָל זי גוט באַקלערן, דער נאַר, וועט זי אויפ־הערן צו וואָיעווען...״ זי האָט איר אַריינגעשפּאַרט אין דער האַנט אַריין די פּאָר הונדערט טאָלער שטומעניש־געלט און איר אַרויסגעפירט צו דער טיר; געבעטן נאָך אַמאָל אַריינקומען — אַז זי וועט זיך האָבן באַרואיקט פונעם צער, — וועט מען רעדן פון געשעפט... וואָס־זשע — פאַר איר איז דען אַ תכלית, פאַר דער אומגליקלעכער אַלמנה, דער פוטער־קירזשנערכע, זיך אומ־צוּוואַלגערן אין די גאַסן, ווי אַ מיידעלע, זוכן פּרנסה?!.

אַזוי האָט מען, קוים מיט צרות, דאָס עסק פאַריבן. דער פעטער האָט פון ליאָוועקעס אויפטו גאָר אָנגעקוואָלן, אים באַגריסט און אים פאָרויסגע־

זאָגט אַ גרויסע צוקונפט. ליאָווקע האָט אויסגעהערט די שבחים אויף זיין חשבון, מיט אַזאַ מינע, ווי איינער, וואָס האָט געהאַט אויסצושטיין אַ שווערן עקזאַמען און אים דאָך איבערגעקומען... זינט דאַן, האָט ער זיך גענומען פאַרהאַלטן מיט מער ווערדע נאָך צו זיך, ווי פריער. אַלע שבת אינדערפרי, איז ער אַוועק דאַווענען אין שילעכל צום רעבעלע פון דעם אַנסע־געגנט — דעם זעלבן, וואָס מע פלעגט אים רופן צו זיי אין הויז, פון צייט צו צייט, אויף אַ חתונה, אַמאָל — אַ תנאים... דאָרט, אין יענער שיל, האָט מען שוין ליאָווקען געקענט און געאַכפּערט, פאַר זיינע פיינע און אַפּטע נתיגות דעם רבין. דערפאַר, האָט אים דער שמש, ווען ער, ליאָווקע, איז אַריינגעקומען, — גלייך צוגעפירט צו „אַ שטאָט" אין מזרח און אַמן שטענדער דאָרט אַנידערגעלייגט פאַר אים אַ גרויסן סידור. ליאָווקע פלעגט, ערנסט און רואיק, דעם סידור עפענען, און טאָן דאָס, וואָס אַלע מתפּללים: ער האָט זיך אומגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט און זיך גענומען שאָקלען... דערנאָך, האָט מען אים אויפגערופן צו דער תורה; און ער, באַם מנדר זיין, האָט נישט געקאַרגט; האָט געגעבן מיט דער ברייטער האַנט...

אָט אין יענעם מקום־קדוש, דעם פּענסיאָן, האָט זיך אויפגעהאַלטן פּיזשאַקל דער ליטוועק. גלייך, ווי ער איז געקומען קיין אַרגענטינע, — האָט ער איר אָפּגעזוכט, דער סעניאָראַ סאָניאַ, און זיך באַ איר באַזעצט — אויף אַלעם גרייטן. שפּעטער, אַז עס זענען אונטערגעקומען נאָך לאַנדסלייט־פּוטערקירזשנער, זיינע גוטע באַקאַנטע פונדערהיים, — האָט ער זיי אַריינגענומען אַהינצו, און מע האָט זיך גוט אויפגעהאַלטן צוזאַמען.

איצט אַפן אָוונט, ווען פּיזשאַק האָט אַהיימגעבראַכט די גוטע בשורה, — האָט מען זי געדאַרפט באַנעצן, ווי עס געהער צו זיין. קיין שטומפּיקע אויף דער כוסה זענען זיי קיינס נישט געווען; נישט ער, פּיזשאַק אַליין; און אַ ודאי נישט — דער חבר זיינער, דער לאַנדסמאַן אָסלע, אַ נידעריקער געפּאַקטער יונגערמאַן פון קרוב צו די דרייסיק, מיט אַן אָפּגעברענטער ווילד־צעבושעוועטער צורה, ווי באַ איינעם, וואָס איז קיינמאָל נישט ניכטער... מע האָט געדעקט טישלעך אינעם עס־סאַלאָן; איינגעלאַדן די מיידלעך, וואָס זענען געווען, דעם אָוונט, אינדערהיים. מע האָט גענומען דערלאַנגען כיבוד, לעקעך און בראָנפן אַסאַך, קופּעלס ביר, געמאַרינירטע הערינג מיט פּעפּערלעך, דין־אָנגעשניטענעם וואַרשעווער וואורשט און סתם־פּאַסטראָמעם אַלערליי שאַרף־בייסנדיקע, וואָס זאָלן ציפּן פעסט פאַרן האַרצן. מען האָט פאַרזוכט צו ביסעלעך, זיך־אָפּגעקרעקט, אָפּגעווישט די ליפּן, פאַרביסן מיט דעם, וואָס איז געקומען צו דער האַנט, און ווידער זיך גענומען צו דער כוסה.

באַלד איז דער עולם געוואָרן אויפגעהייטערט, צעכראַסטעט, צעפלאַמט. די מאַנסבילן האָבן געוואָלט נעמען באַגיין מיאוסע שטיק, דאָ

באַלד אויפן אָרט, פאַר אַלעמען אין די אויגן. נאָר די מיידלעך האָבן זיך נישט געלאָזן, געצוואונגען די קאַוואַלירן צו זיין אַרטיק און לייטיש... „שפּעטער — אַלץ, וואָס דו ווילסט, חזיר איינער — ווייסט דאָך. נאָר איצט, צווישן מענטשן — זיי אַ מענטש...״ דאָס האָט, אַ וודאי, די איידעלע קאַוואַלירן ווינציק געשמעקט. נאָר, קיין ברירה נישט געווען; און מע האָט זיך געמוזט נעמען באַנייס צו דער כוסה. איצט איז געקומען אַ צומי־שעכץ — הייסע טיי, מיט אַלקאָהאָל. דער געוועט איז געגאַנגען, ווער־פריער עס וועט ווערן שיכור... לאַנג איז אָנגעגאַן דער געראַנגל בײַ די געריוויכערטע חברה־לייט, און עס האָט קיינס פון זיי נישט געוואָרפן פון די פּיס פולשטענדיק.

פון צופיל היץ אין קאָפּ, האָט דער ליטוועק פּיזשאַק זיך פּלוצים גענומען רימען מיטדערמיט, וואָס ער האָט שוין דאָ באַוויזן אויפצוטאָן, אין ב. איירעס — פאַר דער קורצער צייט, זינט ער איז דאָ אהער אָנגעקומען... מע האָט אָפּגעפרישט די אַלטע קבצנסקע צייטן פון אַמאָל, פון דער היים, וויאַזוי מע פלעגט דאָרט אַרבעטן פאַר די גבירים „אויף טעחמין״. ווער האָט זיך גאָר גערעכנט מיט דער צייט? ווער האָט געוואוסט פון קוקן אויפן זייגער? מע האָט געאַרבעט, פון אינדערפרי אָן — אַזוי, אַ גאַנצער טאָג אַוועק. געקומען אויף דער נאַכט, — פלעגן די באַלעבאַטים קאָנען אַריינטרייבן ביז דריי דעם זייגער. געקומען דער דאָנערשטיק, שפּעט אויפן אָוונט. פלעגן זיי שוין איינזינגען־האָבן, די באַלעבאַטים, אַריינגעבראַכט און געשטעלט בראָנפן מיט קיכלעך. מע האָט געטרונקען „לחיים״; צוגעוואונטשן אַ גליקלעך יאָר מיט פּרנסה. דערנאָך ערשט, האָט מען זיך געזעצט אַרבעטן, מיט ברען, מיט חשק, ביזן גרויען טאָג אַריין... עך, צייטן אַמאָל געווען שקלאַפּישע... געקומען דער טאָג, אַז דער באַלעבאָס איז אַרויסגעפאָרן אויפן יאַריד קיין ניזשני־נאָווגאָראָד. האָט מען אים אויסגעריכט אין וועג אַריין מיט אַלץ, וואָס ער האָט געדאַרפט. און ער האָט אַראָפּגענומען די האַנט פונעם האַרצן, געלאָזט פילן זיין ברייטע זעל, און מיטגענומען אַלע זיינע פּועלים. זיי זאָלן אים באַגלייטן, מיט דער באַן, אויף אַ גאַנצן פאַלסטאַנעק דעם וועג. דאַרויף האָט ער איינגעצאָלט, פון זיין קעשענע, פאַר יעדן איינעם — צו זיבן גראָשן דעם בילעט. איבערן וועג, די פּאָר מינוט, וואָס מע איז געפאָרן, — האָט ער, דער גוטער באַלעבאָס, ווידער געטיילט פאַר אַלעמען, יונג און אַלט באַגלייך, בראָנפן מיט צובייסעכץ... ביז די באַן איז אָנגעקומען. מע האָט זיך צעזעגנט, באַנייס אים צוגעוואונטשן געזונט מיט אַ גוטן שליטוועגס; אַליין איז מען אָפּגעשטיגן און אַוועק צוריק אַהיים — צופוס... אַזוי איז עס געגאַנגען, אַ לעבן לאַנג, יאָר־איין, יאָר־אויס... „דאָ, זעט איר, בײַ אונז אין געשעפט, — האָט זיך דער ליטוועק פּיזשאַק ווייטער געריימט — וועט אַלעם צוגיין מיט אַ טאָלק. געאַרבעט מיט אַ זייגער, אויף דער באַשטימטער צייט; גע־

קראָגן גוט באַצאָלט... מירן זעען, אַז די אַרבעטער באַ אונז זאָל גאָרנישט פעלן; זיי זאָלן קאָנען אַרבעטן מיט חשק, געטריי..."

אַט דער טאָן, וואָס דער ליטוועק פּיזשאַק האָט אָנגענומען — צו רעדן פון אויבן אַראָפּ, — האָט שטאַרק געקרענקט דעם חבר זיינעם אָסלע, אַ פּראָסטער חי־זקים, וואָס האָט געהאַלטן, אַז — דאָס, וואָס מע איז, — איז מען... אַזוי ווי עס איז נישט געווען זיין טבע צו דריקן אין זיך, — האָט ער עס אים גלייך אַרויסגעזאָגט אָפן אין צורה אַריין. פּיזשאַקן האָט דאָס אונטערגעצונדן:

— וואָס? דו גלייכסט זיך צו מיר — פּיאַניצע איינער?! ווער ביזט ד ו פונדערהיים — און ווער בין א י ך ?

נאָר דער שוואַרצער אָסלע האָט זיך קנאַפּ־וואָס איבערגעשראָקן; זיך אויפגעשטעלט און אַ קוק געטאָן צו זיין קעגנער, מיט האַס און שפּאָט אין־נעם בליק, אין זיין גאַנצער אָפּגעברענטער צורה...

— זע נאָר, ווער עס פּוצט זיך דאָ אין די הויכע פּעדערן. עס פּעכלט זיך אין אַריסטאָקראַטיע!... אַ געלעכטער, נישט מער, אַ העצע... ער מיינט — מע קען אים נישט פונדערהיים, ווער ער איז... וואָס זאָגסטו נישט דערצו, סעניאָראַ סאָניאַ, האַ?...

און ער האָט זיך באַניים אומגעקערט צום קעגנער. מיטיינמאָל, פאַרשווינדט אויס זיין צורה דאָס געלעכטער. די אויגן ווערן באַ אים פאַרלאָפן מיט בלוט. ער דערלאַנגט אַ קנאַק מיט אַ האַלב־פולן קופל ביר איבערן טיש און צעזעצט אים אַף שטיקלעך. און אין דעם פּלוצימדיקן אויסברוך פון שטילקייט, — האָט ער אים גענומען צוציילן די ווערטער:

— וויבאַלד עס געפעלט דיר נישט, ברודער, אַריסטאָקראַט מיינער, — טאָ, טראָג זיך אָפּ פונדאַנען. פאַרנעם זיך. ווער האָט געשיקט נאָך דיר? ווער דאַרף דיך נישט, מיט דיין גאַנצער אַרבעט, אַף כּפּרות? וואָס — ב. איירעס איז פאַרשפּאַרט?! — הייד־אַ פונדאַנען, געגאַנגען! —

מיט אַזאַ גאַב, האָט אָסלע דער שוואַרצער מיטיינמאָל אונטערגעהאַקט די פליגל באַ פּיזשאַקל דעם צעלייגער. אַ בלייכער, אַ ציטערנדיקער פאַר הראַביע, — האָט ער זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און זיך אָנגעשטויסן בלויז אַף פרעמדע פיינטלעכע צורות. אַלע האָבן געהאַלטן מיטן שוואַרצן, ווייל ער האָט נישט געקאָרטשעט פון זיך קיין אינדעק; געהאַלטן זיך א יי נ ס מיט אַלע; אַזוי, נאָך אינדערהיים, אַזוי — דאָ... דעם אמת גערעדט, האָט אים שוין באַנג־געטאָן, פּיזשאַקן, הלמאַי ער נעמט אים נאָר אינגאַנצן אַריין צו דער אַרבעט, אָסלע דעם שוואַרצן. ער וועט אים נאָך אָנטאָן צרות דאָרטן; ווער ווייסט... נאָר, מע קען נישט כאַפּן אַף צוריק, ווייל — ער האַלט אים דאָך פעסט אין דער האַנט — ער, די אַלע איבעריקע; מע ווייסט, וואו ער גייט, וואו ער שטייט... זיי אַלע קאָנען אים נאָך פאַרשיטן צום טויט; און ער מוז זיך אונטערגעבן...

— ...דאָ, אַז דו ווילסט זיך חברן, ברודער, קומען, פאַרברענגען, — טאָ, זײַ אַ מענטש, באַגלײַך מיט אַלע אַנדערע; דו, בלאָז זיך גאָר נישט...

— האָט אָסלע ווייטער גערעדט אַביסל שטילער; און מע האָט שוין גע־קאָנט זעען, ווי דער כעס גייט פון אים אַוועק.

די געפּאַר פון אַ געשלעג, וואָס האָט אָקאָרשט דאָ געהאָנגען צווישן ביידן, — איז געווען פאַריבער. מע האָט זיך גענומען אַריינלייגן, עולם ווייבער, אינעם שלום. געזעגן, ביידע זאָלן אויסטרינקען צוזאַמען, באַניים ווערן גוט.

איצט איז שוין אָסלע דער שוואַרצער געווען פונויבן, און פּיזשאַק האָט זיך גענומען נאָכשלעפּן. מע האָט אַרויפגעבראַכט די אייגענע ווייבער אַפן טיש, גענומען דערציילן מעשות פון דער היים... אָסלע און פּיזשאַק זענען זיך אַריינגעפאַלן אין די רייד. איטלעכער איז פאַרלאָפן דעם אַנדערן דעם וועג, זיך־צעגאָסן און צוגעטראָטן אויסרימען די מעלות פון זיין אייגן ווייב... דאָ, אינעם היזיקן לאַנד, גייט עס נאָך צו אַזוי צירלעך־מאַנירלעך. חתן־כלה שטייען אָפּ יאָרנלאַנג באַם טויער, ווייל אים לאָזט מען גאָר אַף דער שוועל פון שטוב נישט אַרויף. זי קושט די בלומען, וואָס ער ברענגט, און זי שעמט זיך אים קוקן גלייך אין די אויגן אַריין... עך, דאָרט אינדערהיים... האָט מען זיך אויסגעוואַלגערט מיט דער אייגענער כלה אַף אַלע פעלדער הינטער דער שטאָט, אַזש מע איז קראַנק געוואָרן... אָט דאָס איז אַ לעבן געווען!...

פונדערפון, איז מען אַריבער צו אַלגעמיינע באַשפּרעכונגען וועגן פרויען אין דער היים, אין איראָפּע, און וועגן דאָ, אין דעם היזיקן לאַנד. ביידע, סיי פּיזשאַק און אָסלע, האָבן טיף געזיפצט און באַדויערט יענע אַלטע גוטע צייטן אינדערהיים, באַזונדערס — באַלד נאָך דער מלחמה, ווען די מיזעריע איז געווען גרויס, און פאַר אַ שטיקל פוטער, ווען דו ווילסט, — האָסטו געקאָנט אַריינבאַקומען אין דיינע לאַפּעס די שענסטע טאָכטער פון שטאָט... דאָ, אַ כאַליערע אַף זיי, גייט זיי צו גוט, די היזיקע ווייבער. אַז פון קיין מלחמה האָט עס נישט געוואוסט, פון קיין מיזעריע — האָצקעט עס און שפּרינגט דיר אין די אויגן אַריין! און קיין געזונט דערפון צום פאַך, קיין פריש בלוט קומט נישט צו...

אַזוי האָבן ביידע שיכורים פאַרענדיקט פּאַטעטיש און זיך אַרומגע־קוקט, מיט פאַראַכטונג, אַף די אָפּגעבליאַקעוועטע מיידלעך לעבן זיי. דאָס האָט גענצלעך צעשטערט די שמחה. ווייטער האָט זיך מער גאָרנישט גע־קלעפּט. מע האָט זיך אויפגעהויבן פון די ערטער, אַלע פאַראַמאָל, זיך אַרומגעדרייט; נישט געוואוסט, פאַר האָדאָסט, וואָס מיט זיך צו טאָן...

עס איז שוין געווען שפּעט באַדערנאַכט, אַז די צוויי גוט־געוואָרענע חברים, פּיזשאַקן און אָסלען, איז פּלוצים איינגעפאַלן — אַראָפּפאָרן צו־זאַמען צום פּאָרט. דאָרט פאַרענדיקן די הוליאַנקע... געזאָגט און געטאָן.

אין אַ האַלבער שעה אַרום, זענען זיי געזעסן ביידע בײַ אַ טישל אין אַ ריזיקן נאַכט־קאַבאַרעט און, מיט פאַרנעפּלטע בליקן, פון שיכּרות און אויסערזיכקייט, פאַרנומען דעם גאַנצן אויסגעשפּאַנטן ווירוואַר פון אַרום, וואו צענדליקער פּרויען און מענער, יונגע און אַלטע, האָבן געטאַנצט אין אַלערליי פּאָזעס און זיך געליבט, אונטער די אויפהעצנדע קלאַנגען פון אַ אַלצפאַרטויבנדער מוזיק... לעבן אונזערע לייט, בײַם טישל, האָבן זיך צוגעזעצט צוויי מיידלעך, וועלכע האָבן זיך געהנדלט צו די קאַוואַלירן; געמאַנט אויפמערקזאַמקייט, באַשטעלט פאַר זיי געטראַנקען און געבעטן זיי באַצאָלן...

מיטאַמאָל, האָבן ביידע אונטערגעטרונקענע לייט דערקאָנט אַ פאַרבייגייענדער פרוי.. דאָס איז דאָך זייער לאַנדסמאַנס ווייבל, וואָס דער מאַן איר'ער, דער פוטערקירזשנער, איז געהאַט פאַרשלאָפט געוואָרן אַף דער סוכּאָטע, און זי האָט אים אַרויסגעטריבן, אַ קראַנקן, פון שטוב; איז ער געגאַן פון דער וועלט, דער אומגליקלעכער, און זי איז אַוועק אין גאָס אַריין... די גאַנצע געשיכטע האָבן זיי געוואוסט פון לאַנג, פון דער סעניאָרא סאָניאַס מויל, און בײַ איר אין שטוב טאַקע האָבן זיי דאָס ווייבל נישט איינמאָל געזען אַריינקומען... און דאָך, בײַ דער איצטיקער באַגעגעניש, עפּעס אַזויווי אויג־אַף־אויג, — האָט דאָס זיי דערלאַנגט, ווי מיט אַ דריטשאַק איבערן קאָפּ... עס איז זיי באַפאַלן פּלוצים אַ ווילדע שרעק, אַ פּאַניק... „ווער ווייסט?... איך בין דאָ. זי איז דאָרטן, אַליין, אינדערהיים... עס משאַטען וועלף אומעטום אַפן אָרעמאַנס שטיקל פרוי — זיין אויסגעקעמפטע שטיק גן־עדן, וואָס עס איז אים אָנגעקומען אַזוי שווער אַרויסצוררייסן פאַר זיך אויס די הינטישע לאַפּעס פונעם לעבן... מע דאַרף, אפשר, גאָר כאַפּן און אַריבערברענגען דער פרוי אהער... — אַזוי האָט יעדער פון זיי געקלערט פאַר זיך, אין צער... — זי האָט, אמת, בײַם געזעגענען זיך, מיר צוגעשוואוירן טרייהייט... נאָר, גיי ווייס, הינטער די אויגן... זעסט דאָך!...”

זיי האָבן צוגערופן יענץ ווייבל, איר געבעטן זיצן; נישט אויסגעזאָגט, ווער זיי זענען; און איר אַרויסגענומען בשותפות, ביז טאָג.

נאָר איטלעכער פון זיי — ווען דער צווייטער איז געווען מיט איר. — האָט געהאַט דאָס געפיל, וויאַזוי — יענער שלאָפט מיט ז ײ ן ווייב, און ער פּייניקט איר...

5

אין איינעם אַ טאָג, נאָוויעמבער־מאָנאַט, האָט פּיזשאַק דער ליטוועק געעפנט דעם פוטער־טאַזשער אינעם אָפּגערייניקטן אויבערשטן גאָרן פון סעניאָר פּראַנצס געשעפט. ביסלעכווייז, האָט דער טאַזשער זיך גענומען אָנפילן מיט מאַשינען צום נייען; מיט טישן און לאַנגע טאָוולען אויף קאָזלעם — צום שניידן און טשוועקלען; סתם מיט רויע מאַטעריאַלן אַלערליי צום אויסאַרבעטן; און מיט מענטשן אין גראָע כאַלאַטן צו דער אַרבעט. עס האָבן זיך דאָ געפונען, אַ חוץ פּיזשאַקן אַליין, דעם שעף, דעם קאַפּאַטאַז, וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן אויסשליסלעך מיט שניידן, — אויך פּליגלמאַן, וואָס האָט געגוצט צו אַלץ, אי צום טיש, אי צו דער מאַשין. דערנאָך איז געקומען אַסלע דער שוואַרצער, וועלכער האָט גענאָלטן, אַלס האַלבער צושניידער באַם טיש. דאָס זענען געווען די דריי הויפּט־אַרבעטער, פון פאַך, אויף וועמען עס האָט זיך געדאַרפט אָנשפּאַרן דער גאַנצער טאַזשער. זיי האָט מען פאַרזיכערט אַ גוטן חודש־געהאַלט, אַ חוץ אַ ספּעציעלן הויכן פּרייז פאַר איבערשאָען, אין דער צייט פון סעזאָן, און אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר אַרבעט, פון צען שעה אין טאָג, כדי צו דעקן די געקומענע אַרבעט דעם באַלעבאָס פאַר די שבתים און יאָנטויווים, ווען דאָס געשעפט איז געווען געשלאָסן.

נאָך זיי זענען געגאַנגען די שאַר־ירקות, דאָס דרויב, אָדער — דאָס מיסט, ווי פּיזשאַק דער קאַפּאַטאַז האָט עס אָנגערופן אַלע איבעריקע אַרבעטער פונעם טאָג, אָן קיינער פאַרפליכטיקונג צו זיי; וואָס, אַז מע האָט געמוזט, האָט מען זיי געהאַלטן; און דעם טאָג, וואָס מע האָט נישט געדאַרפט, — זיי גלייך אָפּגעשטעלט, צי גאָר אינגאַנצן משלח געווען... דאָס זענען געווען אַלטע אידן, יונגעלייט און מיידלעך אַלערליי, האַלב גרינע, האַלב ווילדע, וואָס ער האָט אויסגעזוכט פון אונטער דער ערד, וואו דאָס אַלץ האָט זיך אַרומגעוואַלגערט, אין ענגשאַפט און אין נויט, געבראַכט זיי אַהער צופירן, גלייך אין טאַזשער אַריין, צוגעוויזן עפּעס, אַפן שפּיץ מע־

כער מער נישט, געהייסן זיך נעמען גלייך צו דער ארבעט, טאָן געטריי, מיט חשק; און ווען געלט דאַרף מען נישט זאָרגן, ווייל — סעניאָר רובען פּראַנץ האָט געגעבן, און ער וועט נישט קאַרגן, אַבי זיינע מענטשן זאָלן צופרידן זיין... „אָט, וועט איר זען, ער וועט נאָך אונז אַלעמען רייך מאַכן, אָנשטאָפּן מיט גאָלד. אַזוי איז זיין וואונטש. און אַז ער וויל, קען ער..."

די אָרעמע מיידלעך פלעגט פּיזשאַק צוזאָגן, אין נאָמען פון באַלע־באָס, אַז ער זוכט פאַר זיי אַרום לייטישע חתנים, ווייל ער וויל זיי אויס־געבן אַלע, און מיט אַ פיינעם נדן; ער זאָרגט פאַר זיי, ווי אַ פאָטער — פאַר זיינע קינדער; און אַז ער גיט אַ פאַרשפּרעכן, האָט ער אים ליב צו האַלטן...

— ...לכן, קינדערלעך, אַרבעט, און אַלעס וועט גוט זיין...

אַזוי האָט ער אָנגעטריבן, פּיזשאַק, אַ פולן טאָזשער מיט מענטשן און געלאָזן די אַרבעט אין גאַנג. דער ריזיקער גאָרן איז געטיילט געוואָרן אין צווייען. פונפאַרנט, ביז צו דער ווינדע און די ברייטע שטיינערנע טרעפּ, (וואָס האָבן געקרייצט, ווערטיקאַל — די ערשטע, און קוועד — די צוויי־טע, די גאַנצע געביידע, אָנהויבנדיק פון קעלער, ביז צום דאַך, —) זענען געזעסן די מענטשן באַ דער אַרבעט. אין דער צווייטער טייל, וואָס האָט, אַגב, אַריינגעקוקט, מיט אַ בלינד פענצטער, אין סעניאָר פּראַנצעס פּריוואַ־טער וואוינונג גלייך, — דאָרט האָט מען אָפּגעלייגט, פון איין זייט, די בערג רויע סחורה, וואָס מע דאַרף ערשט נעמען אין דער אַרבעט; און אין דער אַנדערער זייט איז שוין געליגט געוואָרן די צוגעצייטלטע אויסגעאַר־בעטע סחורה, וועלכע מע האָט דערנאָך געדאַרפט איבערגעבן אין קראָם, ביי צום איינצל, ווי צום הורט־פאַרקויף, נאָר דער עיקר — כדי זי צו פונאַנדערשיקן איבער די סוקורסאַלן, וואָס סעניאָר פּראַנץ האָ ט צע־וואָרפן איבערן גאַנצן לאַנד... ביז וואָס ווען, — און דערווייל פלעגט נאָך אַריבער אַ האַלב יאָר צום סעזאָן, ווען מע נעמט כאַפּן דאָס פוטערוואַרג פון אונטער די הענט, — האָט אויך די גרייטע סחורה גערוט אין איר שאַרף־איינגעזאַפּטאַלינירט ווינקל, קעגן מילבן, אין דער צווייטער העלפט פון טאָזשער, געליגן אָפּן, פראַנק און פריי, פאַר יעדן איינעם אָפּן אויג; געוואַקסן דער באַרג עשירות, דער הויפן פוטער — פון טאָג צו טאָג; גע־רייצט איטלעכן, ווער עס האָט עס געזען; געמאַניעט, די פרויען באַזונ־דער, די מענער באַזונדער; די ערשטע — עס צו נעמען אַף דער האַנט, אַ גלעט טאָן, אָנמעסטן אַף זיך, אַזוי — זיך אַליין באַטראַכטן אין די לאַנגע שפּיגלען, וואָס באַ די ווענט, און שוין עס נישט וועלן אַוועקלייגן מער... און די לעצטע, די מענער — זאָלן גלאַט מאַכן דעם חשבון דאָ אַפּן אָרט... וויפל, אַ שטייגער, מע וואָלט געקאָנט אָפּנעמען פאַר אָט דעם בער־געלע, וואָס מע כאַפּט אַרום מיטן אויג. ווען עס גערעט, אָט אַזוי, אומבאַ־

מערקט פאַר יעדן, עס אַרויסבאַקומען פון דאַנען אַף אינדרויסן אַרויס... וו אַ ס — עס פעלט אים צו, דעם נגיד, אפשר, צו זיין עשירות?!.

נאָר פּיזשאַק דעם קאַפּאַטאַס בליק איז געהאַנגען איבער איטלעכנס געדאַנק און נישט געלאָזן... „— אַרבעט, קינדערלעך... — האָט זיך אויסגעדוכט, ווי זיין אויג האָט געוואָרנט — דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס אייך איז דערלויבט, און זינדיקט נישט...״ און דאָס, וואָס זיין בליק האָט אפשר נישט דערזאָגט, — האָט ער אַליין אַרויסגעבראַכט מיטן מויל, אַז... „מע מאָג דאַנקבאַר זיין — היינט צו טאָג, ווען מע פאַלט אַפּן פּנים, פאַר אַ שעה אַרבעט — דעם סעניאָר רובען פראַנץ, וואָס טראַכט פאַר אונז, באַטאָג און באַנאַכט, וואָס דערשלאָפּט נישט נעכט צוליב אונז, אַבי אַלעמען דאַסטאַרטשען, וואָס עס פעלט; און מע מאָג אים בענטשן דערפאַר...״

נאָר פונדעסטוועגן, האָט שוין דער קאַפּאַטאַז פּיזשאַק דאָס נישט געקאָנט אַרויסשלאָגן פונעם געדאַנק בא קיינעם, ס׳הייסט, אָט די פאַרבאָרגענע, טיף־איינגעקאָרעניעטע אילוזיע פון פלוצים־באַגליקט ווערן, באַקומען אַ טאַראַבאַך גלייך איבערן קאָפּ מיט אַ זעקעלע גאָלד פונעם הימל וכדומה אָרעמאַנסקע פאַנטאַזיעס, וואָס נערן דעם גייסט אומעטום, אונטער אַלע אומשטענדן; און בפרט דאָ איצט, ווען דאָס עשרות ליגט דיר אויבנויף פאַר אַלעמען, נ אָ ר מיט דער האַנט צו דערלאַנגען... און בפרט, אַז ווען מע קוקט זיך צו, זעט מען, וויאַזוי פּיזשאַק אַליין, דער גאַנצער צדיק אין פעלץ, טוט נישט אָפּ פון יענעם ווינקל קיין אויג...

*

אַז עס איז געקומען באַלד, אינדערפרי, און בודניק דער משרת האָט געעפנט די קראָם, — אַזוי האָט „די גאַנצע באַנדע שנאָרערס״ — ווי מע האָט זיי אַ נאָמען געגעבן אונטן אין געשעפט — וואָס האָבן שוין געוואַרט לאַנג אינדרויסן, — זיך גענומען שפּאַרן, דורך דער פּאַראַדנער טיר, אַף אינעווייניק, פאַרביי דעם פּרינציפּאַל, דעם בערענטע, דעם אַלטן מחותן, פאַרביי די אַלע איבעריקע היזיקע אָנגעשטעלטע, פיין־צוגעגלעטע יונגען און מוידן, וועלכע האָבן נישט געקאָנט באַהאַלטן זייער שפּאָטישן שמייכל, צוקוקנדיק, ווי אָט די גרינע ווילדע באָפּטע לויפט איינער פאַרן אַנדערן צו די טרעפּ, צו דער ווינדע, און גאַנאַטשעט און גראַגערט דערביי הויך אַפּן קול, אַז עס קערט די גאַל...

סעניאָר רובען פראַנץ איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געהאַט אַ גוט וואָרט פאַר זיי, די... „ווילדע ברואים, וואָס ווייסן נישט פון קיין שום אָרגאַניזאַציע, סינדיקאַטן, מאַקאַנעס... וואָס דאַנקען גאָט, אַ ודאי, אַז מע לאָזט זיי אַרבעטן...״ ער האָט זיך אויך אָנגעשטויסן, סעניאָר פראַנץ, פון זייערע חלומות. אָ, ער האָט גוט געקאָנט אָרעמע לייט און

געוואוסט, אַז איטלעכער פון זיי טרוימט פון רייך־ווערן... און ער האָט געלאַכט פון דעם... „וואָס אַרט עס אים? זאָלן זיי חלומען געשמאַק, ווען זיי דערווייל אַרבעטן נאָך געשמאַקער..."

ער האָט דערפאַר, אויף זייער פאַרשעמטן „גוט־מאָרגן", געענטפערט, מיט חשק און גוטן הומאָר: „— בוען דיא, סעניאָרעס, בוען דיא!..." צו־געזען, ווי זיי, די אויסטערלישע אַרבעטער, האָבן גלייך אַ כאַפּ־געטאָן זיינע מסתמא־פאַר־זיי־אומפאַרשטענדלעכע־ווערטער, נאָר נישט געוואוסט, קענטיק, וואָס מיט זיי צו טאָן... און דאָס האָט אים נאָכמער געווייזט... ער האָט אַזש געפונען פאַר נויטיק צו פאַרהאַלטן, אַ רגע, דעם קאַפּאַטאַז פּיזשאַק, וועלכער פלעגט תמיד גיין פון הינטן, — און אים מכבד זיין מיט אַ קאָמפּלימענט, פאַר זיין גוטער אָריענטאַציע...

דעם ליטוועק האָט מען נישט געדאַרפט לייגן קיין פינגער אין מויל אַריין. ער האָט זיך גלייך געכאַפּט, וואָס מע מיינט, און דערלאַנגט אַ גאָלדענעם שמייכל. פון אויבן, אויסן טאַזשער, האָט מיטאַמאָל דער־גרייכט צו דער קראָם דאָס גראַגערן פון די מאָטאָר־מאַשינען — אַ סימן, אַז די אַרבעטער דאָרט האָבן זיך שוין גענומען פאַרן טאָן... אָט דער מאַ־שינען־רויש האָט, וואָס אַ טאָג, אַלצמער גענומען געפעלן ווערן דעם מע־ניאָר פּראַניץ. עס האָט אים ווי געשטאַרקט, דערמוטיקט און געמאַכט גלויבן אין דעם, וואָס ער טוט... אום שבת און זונטיק־באַטאָג, ווען אַלץ איז גע־ווען געשלאָסן, — האָט אים שוין יענער רויש אויסגעפעלט, און די שטילקייט פון אַרום איז אים גאָרנישט ניחא געווען, זיך געלייגט שווער אויפן האַרצן... איצט, ווען דער מאָטאָרן־גערודער איז געוואַקסן, — האָט ער פּלוצים אַ קוק־געטאָן אויפן ליטוועק אָן־לשון... און יענער האָט זיך גלייך אָפּגעטראָגן אַרויפצו...

געקומען אויבן, אין טאַזשער, — האָט פּיזשאַק דער קאַפּאַטאַז זיך מיטאיינמאָל באַרואיקט... דאָ איז ער באַלעבאָס. ער ווייסט, וואָס ער האָט צו טאָן... ער האָט גענומען גיין מיטן בליק פון איינעם צום אַנדערן פון די אַרבעטער, וויאַזוי איטלעכער איז געזעסן אויף זיין אָרט און זיך געעסקט מיטן פוטער. ער האָט געמאָסטן און געוואויגן יעדן איינעם אויפן בעזימען, וויפל יענער וועגט... ער, פּיזשאַק, איז נישט געבליבן אומצופרידן מיט זיין צוקלויב... „אַלעם גייט אין שפּאַן, ווי געפידלט. נישט מע הערט, נישט מע זעט. מע זיצט און מע טוט. שפּעטער, אַז דער סעזאָן וועט זיך נעמען אָנרוקן; זיי, די באַלעבאַטים, וועלן אויפהערן לייגן די ציין אויפן גרייטן, דערפילן דעם טעם פונעם ערשטן מזומענעם טאָלער..., — וועט ער, פּי־זשאַק, אָנהויבן אַריינברענגען אַנדערע אַרבעטער. אפשר, ליאָוועקן... זאָל ער נישט מיינען, אָפּלע דער ממזר, אַז ער איז דאָ דער איינציקער, וואָס איז אַ מבין אויף אים, פּיזשאַקן, היט אים זיינע טריט... פּאַרפּאַלן; מע וועט מוזן אַרבעטן צוזאַמען... פאַר פּליגלמאַנען איז נישטאָ, וואָס צו זאָרגן. ער קוקט

נישט ווייטער פון זיין נאָז, דער יאָלד... ער האָט דען עפּעס אמביציעס?... מילא, האַלט מען דאָרט פון אים אין קראָם, אונטן, די כניאָקעס. מע צעצ־קעט זיך מיט זיינס אַ וואָרט... טאָ, זאָלן זיי. וואָס קאָן עס אים אָנגיין?... ער, פּיזשאַק, וועט זיך גיין זיין גליַיכן וועג. נ אַ ר — נישט אויפגעבן די חברותא מיטן גראָבן פּיאַניצע גרינבלאַט, דעם צושניידער פון דער סעק־ציע מענער־קאָנפעקציאָן. אים אָבער־און־ווידעראַמאָל ארויסנעמען, יעדן צווייטן אַף דער נאַכט, צו אַ כוסה, באַ אים פּאָרשן דערגרינטעוועז, וואָס דאָ גייט פאָר אין געשעפט... אַז פון אומעטום שלעפּט מען, פון אַלע סעקציעס, — דאָס איז מער פאַר אים קיין סוד נישט, פאַר פּיזשאַקן. אַלע יאָרן אַזוי, זינט די קראָם שטייט. וואָס־זשע, מען וועט זיין יאָלדן? שטיין באַ אַזעלכע אוצרות און נישט אָנרירן?! און בפרט נאָך, ווען מע שמועסט, אַז אַלעם הענגט אַף אַ האָר באַ דעם משוגענעם קאַפּריזנע גביר, וואָס ווייסט אַליין נישט רעכט, וואָס ער וויל; וואָס קאָן מאָרגן זאָגן גריילעך דאָס פאַרקערטע פון היינט; טאָ — גיי־זשע, שטעל אוים אַף זיין וואָרט!... פון זיינע געשפּרעכן מיטן פּיאַניצע גרינבלאַט, האָט ער, פּיזשאַק, זיך שוין אָנגעשטויסן דאָרויף, ווי מע האַלט מיט די צדיקים, די פרומע אידן אַף דער וועלט... אַז באַ סעניאָר פראַנץ אַליין מיט דער קאַסירשע גייט עפּעס פאָר, זינט לאַנג... און אַפילו דער גאַנצער וצדקתך דער כערענטע דער למדן פלאָנטערט זיך אויכעט אַרום אין די זאַכן, אין דער שטיל... קיינס איז נישט ריין, ברודער... אַלעם ציט צום ווייבערשן ווי־הייסט־מען־עס אַ נאַש־טאָן... טאָ, וואָס־זשע איז מיט אייך דער מער, גוטע אידן מיי־נע?... שלאָף־זשע נישט, פּיזשאַק, כל זמן עס ווערט נישט שפּעט; עס זאָל דיר, דערנאָכדעם, גערענק, נישט דאַרפן באַנג־טאָן... וואָס איז דען באַ אים, באַם סעניאָר פראַנץ, דער פּוטער־טאַזשער איגאַנצן? — אַ נייע טאָכטער, אַף וועלכער דער צעדרייטער גביר האָט געוואָרפן אַן אויג... עס קאָן באַ אים אָנהאַלטן פון אסתר־תענית ביז פּורים... טאָ, באַ וואָס וועסט ד ו דערנאָך בליַיבן?..."

אין טאַזשער האָט זיך צעברענט די אַרבעט. די מאַשינען האָבן זיך צעגראַגערט, ווי אין אַ געוועט, ווער וועמען עס וועט אַריבעריאָגן. די צינ־גער באַ די אַרבעטער האָבן זיך אויפגעבונדן. מע האָט זיך גענומען אי־בערוואַרפן מיט רייד פון אָרט צו אָרט; געפּרואווט איבערשרייען דעם רויש פון די מאַשינען; גענומען זינגען אָפּשניצלעך פון נגונים און לידער אַלערליי, פון צור־ישראל ביז צו דער אָפּערע פון „אאידאַ", און מאַרש־מאַרש אַף צוריקצוואָוועגס... אַזוי ווי די געזאַנגען האָבן אויסגעבראָכן פּאַראַ־מאָל, אַזוי פלעגן זיי פּלוצעמהאַלבן אָפּשטאַרבן, און דאָס גאַנצע אַרבעטער־פאָלק האָט זיך אַ נעם־געטאָן מיט חשק צו גראָבע רייד. דאָ האָט מען ווינציק־וואָס געלייגט אַכט איינס אַף דאָס אַנדערע; גאָרנישט גענומען אין באַטראַכט, וואָס פרויען זענען דאָ דערביי. גראָדע פאַרקערט. איטלע־

כער האָט געשאַרפט זיין טאַלאַנט, כדי נושא־חן זיין אין די ווייבער־שע אויגן; געגלויבט, אַז דערמיט קויפט מען זיך איין בא זיי, די נשים, ווער ווייסט, אין וואָס פאַר אַ יחוס... די אַרבעטער פון יענעם שניט, אַף וועלכע אונזער ספור־המעשה פאַרופט זיך, זענען אויך געווען אויסטער־לישע מאַדימס צו חקירהן וועגן אַלץ אין דער וועלט. אַלץ האָבן זיי גע־וואוסט. אַלץ האָבן זיי געקאָנט. וועגן יעדער זאַך פונעם לעבן האָבן זיי דיר געהאַט אַן אָפּגעטאָקטע מיינונג, פאַר וועלכער זיי זענען געשטאַנען שטאָל און אייזן. און צו איטלעכער מכה האָבן זיי דיר געהאַט צוגעגרייט די בעסטע רפואה — איינס אין דער וועלט. כאָטש, מענטשן אָפּשטאַמיקע אויס פאַרשיידענע עקן פון אייראָפּע: פ ו ן ליטע, ביז צו אוקריינע, ביז גאַליציע, אונגאַרן און רומעניע; פ ו ן האַלב־פּרומאַקעס, ביז אינ־גאַנצן אַף־הפקר־צעלאָזענע; און איטלעכער, מיט זיין פאַרוואָרצלט לשון, תנועות און העוויות, וואָס נישט אויסצוברענען עס מיט פלאַמען, — זע־נען זיי דאָך אַלע דאָ, מערקווירדיק גאָר איינגיכן, געוואָרן אויפגעגאָסן ווי איינס, איין משפחה מיט איין לעבן, מענער און פרויען באַגלייך; ווי פון איין קאַליר — אין פאַרשיידענע שאַטירונגען; ווי מיט איין שמייכל, אין כלערליי וויבראַציעס; ווי מיט איין געדאַנק, אַפילו ווען מע קריגט זיך און מע גיט זיך אין טאַטן אריין; און דאָס שוין זיכער: — אַלע, מיט איין שטרעבונג, אַ, מיט איין גריילעכן ספּאַזמאַטישן באַגער — עפּעס אַזוי וואַונדערלעך, אַף אַ פלאַי־פלאַי־מדיקן אופן, מיטיינמאָל נתעשר ווערן... אָפּגעאַרבעט געציילטע טעג אין טאַזשער, — האָבן שוין אַלע אַרבעטער געוואוסט, אַז סעניאָר פראַנצס געשעפטן גייען באַרג אַראָפּ. אַז נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג — וועט ער זיין מיטן קאָפּ אין דער אדמה... נו, האָט מען זיך עס אַביסל אָנגעלאָכט פון דעם שלימזלדיקן פראַנץ, וואָס גאָט האָט אים געגעבן עשירות, און ער ווייסט נישט, וויאַזוי צו זיין דער היטער פון דעם...

— ...יעדער איינער פון די אַרבעטער וואָלט עס דאָך בעסער גע־מאַכט — אַזוי ווי איר זעט מיך, אַ לעבעדיקן... זאָל ער נאָר באַווילִיקן, דער סעניאָר פראַנץ, און מיר אויסציילן די ערשטע הונדערט טויזנט. ו ו אָ ס — עס פעלט אים אויס, חלילה?...

— און איך וואָלט גענומען פופציק...

— זעט איר; איך, חברים, וואָלט מיך באַנוגנט מיט צוואָנציק...

— פע, וואָס לאָזט איר אונטער? עס שטינקט דאָך, אידן, אַ געפּעפער־לעכע געסרובע...

— און איך וואָלט מיך אַן עצה געגעבן מיט צען... — צעכיכיקעט זיך פלוצים דער הויכער דאַרער שימקע, אַ פעלצן־שטשאָבער, אַ ווילד־צעשויבערטער יונגערמאַן — ערגעץ פון אויסטרייסעניש, פון אַ וואַלד, צי פון אַ דאָרף אין גאַליציע — מיט אַ קאַלטענעוואַטע ציגן־בערדל, מיט

אָפּגעשפּאַרטע אויערן. עס צעציגדט זיך בא אים די געדונצלטע צורה; עס צעפּלעמלען זיך ביטערע זיינע גרינגע בליקן; און ער הויבט אויף ביידע הענט, ער צעשטעלט די פינגער און נעמט דרייען מיט זיי, אַקוראַט ווי ער וואָלט זיך קלויבן צום צײַלן...

און אַפילו דער צעדרייטער העצקע דער שנאָרער, אַן עלנטער אויס־געדינטער פּוטער־קירזשנער, מיט אַ געשוואָלן בלאָ־אַדערדיק פּנים, וועל־כער האָט, ביז נישט לאַנג צוריק, אונטערגעבעטלט צוביסלעך אין די גאַסן; ער, וואָס רעדט נישט, געווײַנלעך, אַרויס קיין וואָרט, אויס מורא פאַר די ווייסע חברהניקעס אין טאַזשער, מע זאָל אים דעם קאָפּ נישט אַראָפּ־דרייען; ער, העצקע דער דערשלאָגענער, וועלכער דאַנקט גאָט, אַז מע טשעפּעט אים נישט, — אַפילו ער קאָן איצט נישט אויסהאַלטן דעם שווערן נסיון, ווען ער הערט איבערצײַלן אַזויפיל געלט; און ער נעמט אַוועק דעם קאָפּ פונעם טאָן, קערט אים אויס, אַ ווײַלע, צו די איבעריקע אין טאַזשער, קוקט אידיאָטיש אויף אַלעמען, בעת עס נעמט א ו י ס א י ם שפּאַרן אַ טרוקן דריבנינקע געלעכטערל. נאָר, גלײַך דערשרעקט ער זיך פאַר עפּעס, און טויט־ערנסט קערט ער ש ו י ן אום דעם קאָפּ צוריק צום טאָן...

די אַלגעמיינע טראַסקערײַ פונעם געשפּרעך האָט דערווײַל נישט אויפ־געהערט. מע האַלט דערבײַ, ווי מע טיילט זיך מיט סעניאָר פראַנצס עשי־רות — איטלעכן כאָטש צו צען טויזנט...

— נו, און ער, דער דבר־אחר, וועט דען געבן? — נעמט פּלוצים איי־נער אַ נײַעם טאָן אין דעם גאַנצן ויכוח.

— ווען ער פּגרט!

— ווען ער קרענקט!

— ווען עס פאַלן פון אים שטיקער!

— און ווען ער פ ו י ל ט ט ט ט ט ! — פאַרענדיקן אַזוי אַלע אי־ניינעם, און לאָזן אַרויס דעם דעך.

אָט די לעבהאַפטע חקירות, דאַרף מען פאַרשטיין, האָבן לחלוטין נישט געשטערט דעם גאַנג פון דער אַרבעט אין טאַזשער. פאַרקערט, קנאַקנ־דיק מיט די צינגער, האָט זיך גאָר געאַרבעט געשמאַקער. עס איז געקומען דאָס טאָן, ווי אַ מזמור.

דערנאָך, זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן באַלעבאָס — און מע האָט זיך אַ נעם געטאָן, מיט באַנייטער לוסט און ברען, יאָדען די ביינער איינס דאָס אַנדערע; זיך אויפפרעסן, ווי די חיות, לעבעדיקערהייט, צוזאַמען מיטן בלוט און מיטן מיסט. דאָ איז מען גלײַך געוואָרן אַכזריותדיק צו אַנאַנ־דער, ווי די וועלף; אַרײַנגעקראָכן צו איטלעכן אונטער דער איבערבעט גלײַך, אַפּערגעצויגן יענעמען, אַ נאַקעטן, אויף אינדרויסן אַרויס...

דער שוואַרצער אָסלע האָט אַזוי לאַנג געפּאַרשט, ביז וואַנען ער האָט אויסגעפונען, אַז העצקעס אידענע איז קראַנק. נו, האָט מען שוין מער

נישט געדאַרפט. אַפּלע האָט אים נישט געלאָזן לעבן, אַ גאַנץ־קיילעכדיקן טאָג. כסדר אים געהעצט קעגן דעם ווייב. געטענהט, אַז ער קאָן נאָך אויס־כאַפּן אַ יונג מיידל, וויסן פון אַ לעבן... און פּיזשאַק דער קאַפּאַטאַז האָט אַפּלען אונטערגעהאַלטן.

דאָ פּלעגן זיך אָנהויבן סצענעס. די ערשטע צייט אַפּילו, פּלעגט זיך העצקע נישט צוהערן. געווען אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט... אַ פּוטער־קירזשנער פון דער אַלטער וועלט, אַ דולער דערצו, אַ נאַיווער ווי אַ קליין קינד, — ה אָ ט ער זיך פאַרטאָן אין דער זאַך, — האָט מען געזען, ווי עס קומט אים צו אַ שטיק געזונט. ער לעבט אויף. ער נעמט אַפּילו באַ־קומען חשיבות צו זיך... פון קיין געלט האָט ער נישט געוואוסט. פריער, איידער ער איז אָנגעקומען אהער אַרבעטן, ווי געזאָגט — האָט מען צו־געבעמלט אין גאַס. די אייגענע אידענע פּלעגט אָפּשלאָגן די טירן פון הכנסת־אורחים, פון דער חברה־קדישא און פון אַנדערע צדקה־חברות, באַ־טאָג און באַנאַכט. דאָס מיידל, די איינציקע טאָכטער, האָט ערגעץ גע־אַרבעט באַ אַ גייטאָרן, פאַר אַ טאָלער־צוויי דעם טאָג, און אויסגעקוקט אַף אַ חתן... אַזוי האָט מען געלעבט... אַפּילו איצט, אַז ער האָט שוין דאָ געאַרבעט, אין טאַזשער, אַ שטיקל צייט, — האָט ער גענומען אַזויפיל, וויפל מע האָט אים געגעבן; נישט עס האָט געקלעקט אַף צום עסן; אַ ודאי נישט, אַף דער הלבשה. זיין הולך איז געווען אַ שרעקלעכער, אַ שלאָגנדרי־שער. זיין אויסזעען, ווי פון אַ אָרעמאַן, אינאָוונט, אַז ער פלעגט אהיימגיין פון טאַזשער, — אַזוי האָט ער זיך פאַרהאַלטן אין ערגעץ אַ גאַס, גע־בליבן שטיין, אויסגעשטרעקט די האַנט צו די פאַרבייגייער נאָך אַ נדבה...

פונדעסטוועגן, אַז עס איז אַריבער אַ וואָך־צוויי, — האָט ער זיך אַליין גענומען אָפּגעוואוינען דערפון. זיין חשיבות צו זיך האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. ער, וועלכער האָט שוין, זינט יאָרן, נישט געהאַט גענומען קיין מעסער, ציקיין נאָדל אין דער האַנט אריין, — האָט אָנגעהויבן אַזוי־ווי קומען צו זיך, אויפוואַכן פון אַ הינער־פּלעט, זיך אַריינפּאַסן אַלצמער אין דער אַרבעט. אַפּילו פּיזשאַק דער ליטוועק האָט איינגעזען, אַז מע מוז אים עפּעס דערלייגן צום טאָג־לוין, אַ י ם — גיכער ווי אַ אַנדערן, ווייל קיין געפאַר, זעט איר, פון זיין זייט קאָן דאָך דאָ זיכער נישט קומען... נו, איז העצקע געוואָרן נאָך פּאָוואָזשנער באַ זיך, אָבער רואיקער. עס האָבן גע־נומען אָפּערקומען באַ אים זיינע מידות פון די יונגע יאָרן, ווען ער איז געווען אַ מענטש־אַן אַרבעטער, באַגלייך מיט אַנדערע. ער האָט פיינט גע־האַט, אַז מע זאָל אים קומען דאָקוטשען מיט פראַגן, וויאַזוי אַ שטיקל אַרבעט וועט אויסזעען צולעצט. ער פלעגט דאַן אָוועקטרייבן פון זיך, זיך אַפּילו רעכט נישט אומגעקוקט און געענטפערט, מיט אַ האַלב מויל:

„— אינמיטן טאָן — וויסט מען גאָרנישט, גאָרנישט, גאָרנישט...”

ע ר ש ט — אין יאָרן אַרום, — האָט ער פּלוצים גענומען צוריקקערן צום

אמאָליקן טאָן... באַזונדערס, האָט עס אָנגעהויבן פּאַרקומען מיט אים — נאָך יענעם אויסטערלישן פאַל, ווען אַ שׂרה אַ דאַמע האָט באַשטעלט אונטן, אין געשעפט, באַם סעניאָר רובען פּראַנץ, אַ טייערן פוטערן מאַנטל. געאַרבעט דערביי האָבן די בעסטע קענערס פון טאַזשער, פּיזשאַק, פליגלמאַן, אָסלע, און באַם אונטערנייעכץ — העצקע, וועלכער איז, אין דער יונגט, געווען אַ גאַנצער מאַכער באַ דאַמען־מאַנטלען. געקומען צום מעסטן; מע האָט געדאַרפט צופּאָרן צו דער שׂרה אַהיים, — האָט מען אָנפאַרטרויעט דעם טשין העצקען. אַז מע האָט עס אים געזאָגט, — האָט ער, פאַר גרויס התפּעלות, ווי זיין שטייגער איז געווען — אַראָפּגעלאָזט די אונטערשטע ליפּ, אויסגעסלאָפּעט די פאַרלאָפּענע אויגן, געבליבן שטיין, ווי אַ באַמאַכטער. מע האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז מע טאָר אים אַזוי, אין זיין הולך, נישט לאָזן פאָרן צו דער שׂרה, ווייל — מע קאָן אים נאָך דורכטרייבן. נו, האָט מען אים אַריינגעפירט גלייך צום גראָבן צושניידער גרינבלאַט אין דער סעקציע פון מענער־קאָנפעקציאָן, און יענער האָט שוין אויפגעסטריגעוועט פאַר זיינעטוועגן, איינס און צוויי, עפּעס אַזאַ מין אָנצוג, אין וועלכן העצקע האָט באַקומען פּלוצים דעם אויסזעען פון אַ רעקרוט. אַט דעם אָנצוג האָט מען אים מיטגעגיבן צו זיך אַהיים, ער זאָל זיך איבערטאָן, און פון דאָרט וועט מען אים קומען נעמען, מיט אַן אויטאָ, צו יענער שׂרה, וועלכע וואוינט זייער וויט...

יענעם באַטאָג. איז העצקע געקומען אַהיים, אָנגעבלאָזן, ווי אַ אינדיק. עס איז אים גאָרנישט אָנגעשטאַנען אויסרעדן צום ווייב אַ וואָרט, אַ קוק טאָן אפילו אין איר זייט. געלאָסן און מיט גרויס ווערדע, האָט ער זיך איבערגעטאָן אין די נייע בגדים; אָוועקגעשליידערט, מיט פאַראַכטונג, אָן אַ זייט די שמאַטעס, געהייסן דעם ווייב זיי צונעמען פונעם אויג. אַליין, איז ער געבליבן שטיין — אַ ברוגזער, אַ שטייפער. מיט דער אונטערשטער ליפּ — אַראָפּגעהאָנגען, מיט די אַרויסגעסלאָפּעטע פאַרלאָפּענע אויגן, שטיין און וואַרטן... דאָס ווייב איז אומגעגאַן איבערן צימער אַף די שפּיץ פינגער; מיט דער נשמה אין די זשמעניעס; נישט געקאָנט באַנעמען, וואָס עס גייט דאָ פאָר... ביז עס איז אָנגעלאָפן דער אויטאָ, און מע האָט אים אָוועקגעפירט...

איז די פרוי געבליבן שטיין אַפן טראָטואַר, פאַר דער שטוב; דאָס פּנים — הוילע חידוש; מיט דער דלאָניע, ווי אַ דעכל, איבער די אויגן, נאָכגעקוקט, ווי דער קאָטש מיט איר מאַן דערווייטערן זיך... און זי האָט געקלערט: „...דערלעבט צייטן אין אַמעריקע... העצקע מיין מאַן פאָרט אין קאַרעטן...”

געקומען צוריק פון יענער שׂרה איז העצקע — אַן אומגעביטענער, אַ געקרעפּטיקטער, אַ שטאָלצער. דעם נייעם אָנצוג פון זיין פּלייצע האָט מען שוין נישט אַרונטערגענומען. איז ער געוואָרן נאָך וואַזשנער באַ דער

אַרבעט; רואיקער אַסאַך; געוואוסט, וואָס ער טוט. בקיצור, ער האָט אָנ־געהויבן ווערן אַ מענטש...

נאָר אָסלע דער שוואַרצער האָט נישט דערלאָזן. ווי נאָר עס האָט זיך געשטעלט דער טאָג — אַזוי האָט ער זיך גלייך פאַרנומען אַף זיין לעבן, אים דערגאַנגען די יאָרן... אַז ער האָט שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן מער, העצקע, — פלעגט ער זיך אומקערן צו יענעם מיט דער פאַרלאָפע־נער צורה און, אויסער זיך פאַר שווערער פיין, גענומען פאַרלייגן פאַר אים זיין גרויס געדעכטע טענה:

— זאָג מיר נאָר, יונגאַטש איינער — ווער בין א י ך ? און ווער ביזט ד ו ? ! — דערביי, זיך געדרוקעט אין האַרץ אַריין — איך בין, קיין עין־הרע, אַ איד, מיט אַ סעניאָרא, מיט אַ סעניאָריטאַ... און דו ווער ביזט? — אַ פאַרשיוועך באַטיאַק, מיט די שיקסעם פון לאַוואַזשע־גאַס, טפו, טפו, טפו!...

דער גאַנצער טאַזשער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט און אים כלומרשט אָפּגעגעבן רעכט. אָבער אָסלע איז נישט נתפּעל געוואָרן; ווייטער גע־פירט די העצע; און אין דעם האָבן אים אונטערגעהאָלפן אַלע: די מענער — הויך אַפן קול, מיטן לאַכן און חוזק אומגעשטערט; און די פרויען האָבן געכיכיקעט אינדערשטיל, אָבער — אויך נישט אָפּגעשטאַנען... אָ, די צייט האָט זיך געטאָן אירס און אויפגעגאָסן די גאַנצע משפּחה אין איינס. הפקר־יונגען, פּרומאַקעס און פרויען, ווער — אָפן און פריי, ווער — צבועקיש־פאַרשטעלט, און ווער — פאַרשעמט און באַליידיקט, ווי די פרויען, אַ שטייגער, — זענען אָבער אַלע, איינס נאָך איינס, ביסלעכווייז, ווער — מערער, ווער — ווייניקער, — געוואָרן אויפגעשמאָלצן און אויפ־געלייזט אין יענער אָנגעהעצטער און צערייצטער אַטמאָספער, וואו אָרע־מע אויסגעהונגערטע מענטשן־קינדער, מענער און פרויען, האָבן געבענקט נאָך ליבע און גליק; און דער נבול־פּה איז געווען בלויז דער נידעריקער זיבולא־בתרייתאָדיקער אויסברוך פון אַלעמענס איידלסטן פּאָעטישן שטרע־בן צו דערהויבונג...

...יאָ, איז דאָס גייעג קעגן העצקען געוואָרן אַ אַלגעמיינס, באַטש דער אָנפירער דערפון איז אַלץ נאָך פאַרבליבן דער שוואַרצער משומד דער אָסלע... אַ פּנים, אַף זיין עצה, האָט פּיזשאַק ממזר גענומען און אוועקגע־זעצט באַ דער אַרבעט, לעבן העצקען, אַלס זיינע אַן אַרויסהעלפערקע, עפּעס איינער אַ אונגאַרישער מויד, אַ גראָבע בלומע, וועלכע האָט געהאַט אַן אויסזעען פון אַ שור־הבר אַף צוויי פיס... זי אַליין איז געווען נישט לאַנג אין לאַנד; אָבער, שוין גענוג צייט, אַף צו כאַפּן דעם שניט, וויאַזוי מע קוקט דאָ אַף דעם ווייבערישן פאָלק. זי האָט דאַרומער גלייך איינגעזען, אַז זי, מיט איר מעכטיקער אָסאָבע אין אַלע הינזיכטן, — טאָר זיך דאָ נישט לאָזן פאַרשאַכערן. אַף איר קאָן זיך פאַרקוקן אַ פאַבריקאַנטל מיט אַ צען טויזנט

פּעזעס און איינגעמען פאַר איר די מיתה־משונה... אָ, זי מוז נאָך זיין אַמאָל רייך און פירן אַ וועלט... אַ חוץ דעם, איז זי גלאַט נישט אַבי ווער.... מע מאָג וויסן, אַז זי אַרבעט באַ סעניאָר רובען פראַנץ, וואָס, אַז עס וועט קומען צו עפּעס, — וועט ער איר נישט לאָזן פאַלן; מסתמא, אונטער־טראָגן דעם שיינעם נדן — אַזוי־ווי עס האָט פאַרשפּראָכן נישט־איינמאָל פּיזשאַק דער קאַפּאַטאַז...

...ווי קומט זי גאָר, בכלל, אַהער, צו דער אַרבעט אין טאַזשער?

... זעט איר — דאָס איז גאָר אַ באַזונדערע געשיכטע... געקומען פון איר שטעטל אין אונגאַרן, — האָט זי זיך אויפגעהאַלטן אין עמיגראַנ־טן־האָטעל; נישט געהאַט, וואוהין צו גיין... דאָרט האָט זאַלצמאַן, אונזער אַלטער באַקאַנטער כּערענטע, באַזאָרגט כּסדר, ווי זיין שטייגער איז גע־ווען, בשר־כּשר פאַר די אידישע וואַנדערער... און ער האָט זיך צערעדט, איינמאָל, מיט דער עלנטער מויד; איר פונאַנדערגעפרעגט, פונוואַנעט און וואָס. זי האָט פאַר אים אַנטפּלעקט איר ביטער האַרץ; און ער האָט איר איינגענומען מיט גוטע רייד, איר געגלעט איבערן קאָפּ; איר צוגעזאָגט אַנצושטעלן ערגעץ פאַר אַ דינסט; און טאַקע, אין אַ פּאָר טעג אַרום, איז ער איר געקומען נעמען אין הויז גלייך צום סעניאָר רובען פראַנץ...

...פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען אַ פּראָבע בלויז. מע האָט איר געשטעלט אין קיך, געהייסן צוגרייטן די פיש. די סעניאָראַ אַליין, אַ פּרוי־אַ דימענט, האָט איר געהאָלפן... אָבער זי אַליין באַ זיך איז געווען אױ־בערגעשראָקן. וואו זי האָט זיך אַרומגעקוקט, געלאָזט פאַלן איר בליק, — האָט זי נאָך אַזוינס אין איר לעבן נישט געזען — אַ פּאַליי, נישט אַנ־דערש... און עס האָט באַ איר גענומען פאַלן אַלץ פון די הענט... שפּעטער, ווען מע האָט דערלאַנגט די פיש צום טיש, און סעניאָר פראַנץ האָט זיי פאַרזוכט, — האָט ער פאַרדרייט מיט דער נאָז און זיי גלייך געהייסן אַוועקנעמען... אַז מע האָט די פיש צוריקגעבראַכט אין קיך — א י ר ע פ י ש , — האָט זי זיך צעוויינט, ווי אַ קליין קינד. נאָר דאָ איז ווידער אונטערגעקומען דער סעניאָר זאַלצמאַן און איר באַניים איינגענומען... זיי זענען געווען אַליין דאָן אין דער גרויסער קאַכליאָווער קיך... און ער, דער סעניאָר, האָט איר געגלעט איבער די באַקן, פאַר דער גאַמבע, געשמייכלט צו איר אַזוי גוט, און איר צוגעזאָגט אַרבעט... און טאַקע. אין אַ טאָג־צוויי אַרום, האָט ער איר אַריינגעגיבן אין טאַזשער, וואו זי געפינט זיך, די גאַנצע צייט. עס איז אַזוי פריילעך דאָ. מע פאַרבערענגט. און זי פאַרדינט אויף צום לעבן...

ווען מע האָט צוגעזעצט דער גראַבער בלומען צום אַלטן העצקען באַ דער אַרבעט, — איז עס איר גראָדע געפעלן געוואָרן. ער, העצקע, האָט גע־מוזט רעדן צו איר; איר אָנווייזן, וויאַזוי און וואָס... זי האָט גענומען צוזען, וויאַזוי... ער ווערט אומרואיק, דער מרוק, יעדעס מאָל, אַז ער

דארף אויסרעדן צו איר א וואָרט... און דאָס האָט איר געוויילט אומגע־הויער. זי פלעגט אויפהירזשען, פאר פרייד, און גלייך א קוק געטאָן אַפן אַלטן אזוי פאַרשייט, — אז ווען ער קאָן, העצקע, וואָלט ער איינגעזוי־קען געוואָרן, דאָ אַפן אָרט, פאר שרעק... ערשט איצט, האָבן אַלע אַרום, וואָס האָבן געלויערט אַף ד ע ר מינוט, — גענומען זיך אַריינמישן אינדערמיט; אים אַרויסשטעלן אַף חוזק; פּראָסט־פּשוט, זיך געבאָדן אי־נעם אַלטנס בלוט...

...אין געציילטע טעג אַרום, האָט אָסלע־כלב געבראַכט די בשורה, אַז.. העצקע נעבטיקט נישט מער אינדערהיים. אַז ער האָט יאָוונע געמאָלדן דעם ווייב, אַז — ער וועט זיך מיט איר צעגיין. אַז עס איז דאָ אַ מאַדאַם, אַן אַלמנה מיט אַ שטרענג פּנים, וואָס האָט געלט, און זי וויל אים...

נו, מער האָט דער טאַזשער נישט באַדאַרפט. אַזוויפיל בלוט־צאַפּלדי־קע נייס פאַריינמאָל. מע האָט זיך אַרויפגעוואָרפן דאַרויף, אַזוויווי אַ טשאַטע הונגעריקע הינט אַף אַ הויפן מאַרך־ביינער; געגריזשעט און געמעלה־גרהט ביז איבל און נישט־גוטקייט ווערן; און דעם אַלטן אומגליק־לעכן העצקען, מיט דער פּלוצים־איבערגעשראָקענער, אַף דער עלטער, צע־רייצטער יוגנט, — אַפּערגעלאָזן פון די נעגל אַזוי, — אַזש קוים ער האָט געזשיפּעט...

זיך־אָפּגעפּערטיקט מיט העצקען, ווי עס באַדאַרף צו זיין; — און, אַפן וואונק פונעם קאַפּאַטאַז פּיזשאַק — האָט דער גאַנצער טאַזשער, מיט אָסלען נאַ־שפּיץ, זיך ערשט אַ נעם געטאָן צו פּרויקע־די־אָפּיצירסטעהיטל, אַ רומעניש יונגערמאַן, אַליין אַ היטל־קירזשנער פון דער היים, וועלכער האָט אָנגענעבן אין נדן, גלייך באַם אָנקומען אַהער אַרבעטן, אַז — ער איז נישט אַבי־ווער, איינער פון גאַס. אַז ער איז אַן אַרבעטער אַליין פונ־דערהיים; און אַז, פון קינדוויי־זאָן, האָט ער געטאָן באַ אָפּיצירסקע היטלען...

...נו, האָט ער מער נישט באַדאַרפט. ער איז, גלייך פונעם אָנהויב, נישט געפעלן געוואָרן דעם קאַפּאַטאַז פּיזשאַק; דער עיקרשט, צוליב זיין האָפּערדיקייט. עפּעס איז ער אים פאַרגעקומען צו־פריילעך, צו־לוסטיק און פרעך מיט זיין פאַרשייט הירזשענדיק געלעכטערל, וואָס האָט אַלעמאָל אויסגעקנאַקט און געלעכערט דעם קאַפּאַטאַז דעם מוח... ער איז גאָרנישט געווען פאַרצווייפלט, דער גרינער רומענישער צעלייגער, אָסור — ניין... אָ, אים שרעקט מען נישט איבער מיט קיין אַרבעט — האָט ער זיך גע־רימט און אַריינגעקוואָלן אין זיך אַליין — היטלען, איז ה י ט ל ע ן . אַ פעקל, איז אַ פ ע ק ל . און — פוטער, איז פ ו ט ע ר ! — האָט ער אויסגעשאָסן זיין געלעכטערל און געקוקט אַף אַלעמען, ווי אַ זיגער... אָ ניין. פּיזשאַקן הויבט ער נישט אָן צו געפעלן; און וואָס אַ טאָג, אַלץ ווינציקער... מע וועט אים מוזן אויסרויכערן פון דאַנעט — וואָס פריערט,

נאָך איידער ער באַווייזט אָנצוואווארעמען דאָס זיץ־פלייש אונטער זיך; עס זאָל נישט פאַרקומען דערנאָך צו־שפּעט. מע זעט גלייך, אז דער שוווי־צער איז געקומען אהער זיך ארויפארבעטן. ער האָט חשק צו וואַקסן; און ער קאָן נאָך קאַליע־מאַכן אַנדערע... לכן, מוז מען אים גלייך אָפּפּאַטשן די פליגל; שוין, באַלד אַפן אָרט...

און אזוי האָט ער געטאָן, פּיזשאַק דער ליטוועק. ער האָט אים גע־זעצט באַ מיידלשער נייערין, און מע האָט געקראָגן דערפאַר אזא גע־צאָלטס, אזש ס׳האָט נישט געסטאַיעט אַפן טאָג חיונה... גלייך אַף דער אַנדערער וואָך, האָט יענער פאַרלאַנגט העכערע ארבעט. נאָר פּיזשאַק האָט געשפּילט דעם טויבן אויער. ביז, יענער האָט גענומען ווערן צודרינג־לעכער, אויפגעקאָכטער. ער האָט מיטיינמאָל פאַרלאָרן דאָס געלעכטערל; פון זיין צורה האָט אָפּגערונען די פרייד; און אהינצו האָט גענומען צו־שלאָגן דאָס גאַנצע בלוט. מע האָט געזען, ווי ער קעמפט מיט זיך; ער האַלט זיך איין, מיט אַלע כוחות, נישט אויסצופּלאַצן... נאָר, אין אַ וואָך אַרום, האָט ער נישט אויסגעהאַלטן. ער איז באַניים צוגעשטאַנען צו פּיזשאַקן, געפאָדערט בעסערע ארבעט... ער איז אַ טאַטע פון צוויי קינ־דער — האָט ער געטענהט — ער האָט נישט אַף צו לעבן... נאָר פּיזשאַק האָט געשוויגן און געקוקט אַף אים פאַרביסן... ווי איינער רעדט: „...דאָ, האָסטו נישט געטראָפן דאָס אָרט, ברודער. אָט דאָס איז דיין ארבעט, און דערוואַרט נישט מער. אַלאָ, ווידער, עס לוינט דיר נישט? איז אויך די אייגענע מעשה... האַלט דיך דאָ קיינער נישט צו...״ און אָפּלע דער שוואַר־צער, אויס זיין טישל, האָט צוגעזשומזשעט גלאַט אין דער וועלט אריין: „...היטלען, איז ה י ט ל ע ן . . . אַ פּעקל, איז אַ פּ ע ק ל . . . ״ און געמיינט האָט עס אָפן: „— ווער דאַרף דיך דאָ? גיי, פונוואַנען עס האָט דיך אָנגעטראָגן דער שוואַרצער יאָר!...״ דאָן, האָט ער זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן מער, יענער רומענישער פּראַדער, און ער האָט אויס־געריטשעט, נישט מיט זיין קול: „— איר זענט אַ הונט אַ בלוטזויגער!...״ נאָר, פּיזשאַק האָט אַלץ געשוויגן. געקלערט — זאָל זיינס איבערגיין. ער האָט דערוואַרט, אַז יענער וועט מער נישט קומען. עס וועט אים נמאָס ווערן... ווי אויפגערעגט איז ער אָבער געוואָרן, גלייך אַפן אַנדערן טאָג אינדערפרי — ווען ער האָט דערזען יענעם אָנקומען צו דער ארבעט, פּונקט ווי גאָרנישט... דאָס האָט אים שוין, פּיזשאַקן, גענומען ארויספירן פון געדולד. עס האָט אים אונטערגעצונדן... „וואָס טראַכט ער זיך, דער חזיר — האָט ער געקלערט פאַר זיך — וואָס ער קריכט אהערצו? ער מיינט דאָ טאַקע פאַרבלייבן, אַף אַן אמת? לאַנג אָנטרייבן, אָט דער געפּערלעכער יונג? — אויב אזוי, — איז מיין נאָמען נישט פּ י ז ש אַ ק — אַז איך רויכער אים נישט אויס פונדאַנעט!... ניין. באַ מיר אין טאַזשער וועט פרויקע די אָפּיצירסקע היטל לאַנג קיין מאַכער נישט זיין!...״ און ער האָט

אַ וואונק־געטאָן צו אָסלע דעם שוואַרצן, אַז ער זאָל אים נעמען אין דער אַרבעט...

עס איז אָבער צוגעגאַנגען שווערלעך. אַזוי לאַנג, ביז, אַף פּרויקעס שלימזל, האָט געדאַרפט מיט אים פּאַסירן אָט דער אויסטערלישער פאַל. ער האָט געקויפט אַ צעטעלע, און ער האָט גענומען אויסקוקן אַף דער גראַנדע. (גרויסער אָפּטרעפער.) „...ווי אַ זאַך מאַכט זיך — האָט ער געקלערט — אפשר וועט מיר גאָט העלפן, און איך וועל אינגאַנצן פון זיי קענען פּטור־ווערן... טאָן אַ כראַקע דעם ליטוועק אין צורה אַריין און אַוועק?!." געקומען דער טאָג פונעם שפּילן. איז ער געוואָרן אומרואיק; קוים דערלעבט דעם פאַרנאַכט. ער האָט די אַרבעט פאַרענדיקט, און אַוועק געוואַוירע־ווערן, אינדרויסן. קיין צייטונג צו קויפן האָט ער זיך נישט פאַרגונען; אים געווען אַ שאָד אויסצוגיבן די צען סענט. איז ער פאַרבייגעגאַנגען אַ פאַרקויפער פון צייטונגען און זיך־אָפּגעשטעלט פאַר יענעם אים אויסטלאָמאַטשען, וואָס ער וויל פון אים; אַז יענער זאָל אים אויסזאָגן דעם נומער פון דער גראַנדע... דער קאַנילִיטאַ, אַ יונגער וואוילער יאַט, — האָט לאַנג נישט געטראַכט, אים אַ וואָרף־געטאָן אַ נומער אין צורה אַריין, און אַוועק... פּרויקע האָט זיינע אייגענע אויערן נישט געגלויבט... דאָס איז דאָך געווען ז יי ן נ ו מ ע ר ! ! — ער איז געבליבן שטיין, ווי אַ געליימטער. באַלד האָט ער זיך געכאַפּט: „— וואָס שטייט ער?!" — ער האָט זיך אָפּגעריסן פונעם אָרט און אַוועקגעפּאַטשט אהיים... ער איז אַריינגעפאַלן אין שטוב אַריין, ווי אַ משוגענער שטורעם, און זיך־אַרויפגעוואָרפן אַפן ווייב, מיט אַן אומנאַטירלעך געשריי: „— באַשע־בוזשוקל־קרוין, וואָס שטייסטו?! גוואַלד, ו ו אָ ס ש ט יי ס ט ו ? ! — מיר האָבן דאָך געמאַכט די גראַנדע! ד י ג ר אַ נ ד ע ! צען טויזנט טאָלער!" ער האָט געלאַכט און געהירזשעט און ספּאַזמירט, ווי אַ באַנומענער; גענומען אומטראָגן איבערן צימער, ווי אַ רוח; ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל, זיך אומגעדרייט צום ווייב, אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, אויסגעבלישטשעט די אויגן פון די לעבער אַרויס: „— אוי, גוואַלד, באַשע־בוזשוקל־קרוין — וואָס שווייגסטו, פרעגט מען דיר? ו ו אָ ס ט אַ נ צ ס ט ו נ י ש ט ? ! מיר זענען דאָך גבירים געוואָרן! ג ב י ר י ם ! ! " — און ער האָט אויפגעהויבן די הענט צו די באַקעס, גענומען אויסקנאַקן מיט די פיס איבערן דיל אַ ריקודל, אַליין געטאַנצט, אַליין געזונגען...

...אוי־וויי, מלך,
ס'האַרץ איז מיר פריילעך,
טאַי־ראַי־ראַי־ראַי,
טאַי־ראַי־ראַי־ראַי — ראַיייי...
אוי־וויי, מלך... אַ. אַ. ו.

נאַר, פּלוצים האָט ער אָפּגעהאַקט אינדערמיט, געבליבן שטיין. מיטיינמאָל, געוואָרן אָנגעצונדן אין צורה, גענומען ווילד סאָפּען, אין שרעקלעכן גרימצאָרן — אַז ער האָט זיך דערמאָנט פון זיינע פייניקער אין טאַזשער... „— איך וועל זיי וויזן! אָ, איצט, וועל איך זיי די נשמה נעמען, איצט — פאַר דער גאַנצער צייט! איך וועל זיי וויזן, די שלעפּאָרניקעס, די הינט — ווער עס איז אַ גביר, קיין עין־הרע; און — ווער עס איז אַ שנאָרער געוועזן און שנאָרער, מיט גאָטס הילף, וועט ער פאַרבלייבן לעולם־ועד, כע־כע־כע־כע־כעעע...”

ער האָט גענומען רייבן די הענט, פאַר התפּעלות, וויאַזוי ער וועט זיי מאָרגן אַלעמען פּלעטן די קעפּ אין טאַזשער. ער וועט זיך באָדן אין זייער בלוט, פּונקט ווי זיי האָבן זיך געבאָדן, ביז איצט, אין זיינס! אָ, ער וועט זיי נישט אָפּשוויינען, די בלוט־צאַפּערס — ניין, ניין, ניין! — ער האָט אָנגעהויבן ברומען אונטער דער נאָז דאָס לידל, וואָס ער האָט אָקאָרשט געזונגען; און זיך גענומען שלאָגן מיט דער דיעה — וואָס ער זאָל טאָן, צוערשט, מאָרגן אינדערפרי: צי אוועק פריער אין לאָטעריי־געשעפט, וואו ער האָט געקויפט דאָס צעטעלע, אָפּנעמען די גראַנדע און פון דאָרט ערשט זיך לאָזן גיין צום טאַזשער?... קאָן עס אָבער אמאָל ארויסקומען צו שפּעט. ער וועט זיי נישט פאַרכאַפּן קיינס פון די אַרבעטער, פאַר מיטאָג... און אים איז געוועזן אוממעגלעך, פּשוט — איבער זיינע כוחות, זיך איינצוהאַלטן מיט דער נקמה ביז באַטאָג... און ער האָט פעסט באַשלאָסן — גלייך פונינדערפרי, אוועק אין טאַזשער, אָנזאָגן דאָרטן אַלעמען די בשורה. זאָל עס זיי פערן! און ער וועט זיי נעמען די לעבער אַביסל; און נישט אויסזיין די צייט, נישט וואַרטן ביז מיטאָג; נאָר ער וועט גלייך אוועק אָפּנעמען זיין געלט...

ער האָט, יענע נאַכט, ווי מע קאָן זיך משער־זיין, נישט צוגעטאָן קיין אויג; נישט געלאָזן דעם ווייב שלאָפן. ער האָט געהאַט טויזנט פּלענער אַף דער מינוט, וואָס ער וועט טאָן מיטן געלט — מיט אַזויפיל געלט! — ער וועט עפענען דאָס געשעפט, יענץ געשעפט... אָ, ער וועט אַ שפּיי־טאָן דאָרט זיי אַלעמען אין צורה, אין טאַזשער, און ער וועט אוועק...

מיטן באַגינען גלייך, איז ער אַראָפּ פונעם געלעגער, זיך גענומען גרייטן. אים איז פּלוצים איינגעפאַלן אַ גוטער געדאַנק, אַז ער האָט זיך אַזש פונאַנדערגעלאַכט... — ער וועט זיי מיטברענגען מתנות, יעדן איינעם דאָרט אין טאַזשער! ער וועט זיי צוטראָגן צו איטלעכן אַ שיינעם גרויסן מאַראַנץ און ער וועט זאָגן: „— נאַ, פרעס. אָט האָסטו פאַר מיין גראַנדע...” און ער וועט שטיין און לאַכן. נאָר — לאַכן — אַלע מיינע שונאים אַף צעפּיקעניש! אַ בראַנד זיי אין די קישקעס אריין! נאָר — לאַכן! **נאָר — לאַכן!!!**

און ער איז אוועק, פרויקע דער גליקלעכער, און אלץ אזוי געטאָן, ווי ער האָט געוואָלט.

מע קען זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ צורות אַלע דאָרט אין טאַזשער האָבן פּלוצים באַקומען, בעת מע האָט דערהערט פון פרויקעס מויל די שרעקלעכע בשורה וועגן זיין גראַנדע. אַמערגסטן פון אַלע האָט זיך גע־שפּירט פּיזשאַק דער ליטוועק, וועלכער האָט כסדר געשפּילט און פאַרשפּילט. ער האָט איצט געהאַט דאָס געפיל, פּונקט ווי מע וואָלט אים אָנגעטאָן אַ פולן נאַכט־טאָפּ אַפן קאָפּ, און אַזאַ פּנים האָט ער טאַקע באַקומען... נאָר דערפאַר האָט פרויקע דער גליקלעכער, אַף דעם קוקנדיק, געלאַכט. אוי, אַי־דישע קינדערלעך, האָט ער, אין יענעם פרימאָרגן, געלאַכט! צום ערשטן און צום לעצטן מאָל אין זיין לעבן, האָט ער אַזוי געלאַכט; אונטערגעשפּרונ־גען; זיך געפּאַטשט אין די ליטקעס; געקלאַפּט מיט די הענט; געצנאַטעוועט און געמימיקט מיטן גאַנצן פּנים; געלעצעוועט און געזשיפּעט; גע־וויינט און געכליפּעט; נאָר איבער אַלעמען — האָט ער געלאַכט...כאַ־כאַ־כאַ־כאַ־כאַ־כאַ־כאַ־כאַ...

אַזוי האָט ער געלאַכט, פרויקע דער באַגליקטער. ביז וואַנען דאָס גע־לעכטער די פאַרפּלייצונג האָט אַראָפּגעטראָגן אונטן אין קראָם. מע איז באַלד אַרויפגעקומען, זאַלצמאַן דער בערענטע און דער אַלטער מחותן, זעען, וואָס איז דער מער דאָרט מיטן — קול ההמון ברעו... וואָס עפּעס האָט דער עם הדומה לחמור זיך פּלוצים אַזוי צעגוערט?... געוואָרע־ווערנדיק, אין וואָס דאָ גייט, — האָט דער בערענטע זיך פעסט אָנגעקראַצט אין אַ זייט; אים געפּאַטשט אין פּלייצע, פרויקען; אים צוגעוואונטשן, פון גאַנצן האַרצן, עס זאָל אים וואויל באַקומען. דער אַלטער ספּיוואַק, ווי דער שטייגער, האָט דין אַ שמייכל געטאָן מיטן מידן מאַנגאַלישן פּנים און אויסגערופן: „— וואָס־דען־ וואַ־דען?!. אַ איד האָט מצליח געווען... מהיכאַ־תיתאַ...״

דערווייל, האָט סעניאָר זאַלצמאַן אַרויסגענומען פון הויזן־טאַש ז יי ן צעטעלע, און סעניאָר ספּיוואַק — ז יי נ ס , כדי צו פאַרגלייכן די נו־מערן מיט פרויקעס, צו זעען, נאָכאַמאָל, אפשר האָבן זיי אויך עפּעס געמאַכט... און עס איז געווען, אַז פרויקע האָט אַרויסבאַקומען זיין צעטל פון אַ וועטל־קעשענע און עס באַוויזן, — האָט זיך גלייך אַרויסגעשטעלט זיין פאַטאַלער טעות — ווייל דאָס צעטעלע האָט גאָרנישט געמאַכט... דער צייטונגס־פאַרקויפער, נעבטן־באַנאַכט, האָט אַ ודאי פון אים גע־לאַכט... דאָס ערשטע האָט זיך געכאַפּט דאַרויף דער בערענטע זאַלצמאַן, וועלכער האָט געזען דעם אָפּטרעפער, באַלד אינדערפרי, אין דער צייטונג, און ער האָט אים איצט הויך אַרויסגערעדט, אַלע זאָלן הערן...

פרויקע דער אומגליקלעכער האָט זיך פּלוצים איינגעבראָכן. געבליבן געזעצט באַ אים דאָס בלוט אין צורה. ער איז געשטאַנען, ווי אַ גלוימ־טער, ווי אַ שטומער, און בלויז די הענט באַ אים האָבן זיך שטאַרק גע־

טרייסלט. פון איין האַנט איז אַראָפּגעפאַלן דאָס צעטעלע, אַזוי ווי אַן אָפּ־געדאַרט בלעטל פון אַ טרוקענער צווייג, אַף דער ערד... פון זיינע פאַר־שמאַרטע אויגן האָבן אַ קאַפּע געטאָן צוויי גרויסע טראָפּנס טרערן, און באַלד האָבן זיי גענומען פליסן, טויטע, לעבלאָזע — טייכן גאַנצע...

דער כערענטע איז געשטאַנען אין אַ פאַרלעגנהייט. ער האָט פאַר־שעמט אַ שמייכל געטאָן צו פרויקען דעם אַרבעטער, עפּעס אַ בורטשע־גע־טאָן אַ אומקלאָר טרייסט־וואָרט, באַלד זיך גענומען אָפּטראָגן...

„— וואָס־דען? וואָ־דען?...” — האָט ספּיוואַקל דער אַלטיטשקער אַ זופּ־געטאָן בחיפּזון, דורך די ליפּן, און פאַרשוואונדן נאָכן כערענטע...

פרויקע די אָפּיצירסקע היטל איז איצט געבליבן אַליין, אין די הענט פון זיינע שונאים. זיי האָבן געקאָנט טאָן מיט אים, וואָס זיי האָבן גע־וואָלט. ערשט, האָט זיך געטוישט די פּאַנאָראַמע, געביטן די ראָלן. אַ ווייַ־לע, איז נאָך געווען שטיל — יענע קלאַסישע שטילקייט, וואָס פאַר אַ שטורעם... דערנאָך האָט זיך עס אָנגעהויבן. פּיזשאַק און אַלע האָבן גע־נומען דעם „נייעם גביר” אַף דער העצקע. זיי האָבן אים שוין נישט גע־לאָזן אָפּדעכן. אָ, זיי האָבן זיך געבאָדן אין זיין בלוט. טאָג־באַ־טאָג. יאָ. איצט האָט שוין פּיזשאַק געמאָנט זיין זיכער, אַז ער וועט אים פּטרן אינ־גיכן פונדאַנעט...

גלייך נאָכן באַאַרבעטן, ווי עס געהער צו זיין, דעם רומענישן היטל־קירזשנער, — האָט דער טאַזשער, מיט אַלע דעם שוואַרצן, אַלס אָנפּי־רער, זיך אומגעדרייט פּלוצים צו שימקע דעם גאַליציאַנער און אים גע־נומען האַצקען אין גוטן מוט, אָן בייזקייט, אָן רציחה — דערפאַר, ווייל מע האָט אים נישט פיינט געהאַט, שימקען, דאָ, אין טאַזשער. מע האָט צוגעזען, מיט נחת, וויאַזוי ער מענטשלט זיך, דער פּרומאַק, פאַר אַלעמען אין די אויגן. אָ, ער, שימקע מיטן ציגן־בערדל, איז שוין ווייט קיין שוואַנץ נישט... און ווירקלעך; פאַר דער צייט, וואָס ער האָט דאָ געאַרבעט מיט זיי צוזאַמען. — האָט ער שטאַרק פּראָגרעסירט, שימקע; מע קאָן צו אים גאָרנישט האָבן... בלויז איינמאָל פאַרנאַכט; ווען דער גאַנצער טאַזשער האָט געגעגעט פּעטע רייד אַף וואָס די וועלט שטייט, — איז שימקען באַפאַלן אַ נישטגוטקייט, פּלוצים — פאַר נישט־געוואוינטקייט, געווים. נאָר, ער האָט זיך געהאַלטן אין דער מעלה; נישט געחלשט. ער האָט באַנעצט דאָס פּנים מיט שפּייעכץ, ביז עס איז אים איבערגעגאַנגען... אָבער, עס איז שוין דאָ אין דעם אַזוי לאַנג! מער האָט זיך יענץ נישט איבערגעחזרט. ער האָט גענומען אָנקוועלן, בעת מע האָט דערלאַנגט דבורים; אויסגעשטרעקט אַף פונפאַרנט דעם ציגנבערדלדיקן צעקנוידערטן קאָפּ, אַקוראַט ווי אַ וואַלד־שד, און צוגעכיכיקעט נחתדיק, מיט פרייד... אַז עס איז געגאַנגען די צייט, — האָט ער זיך אָנגענומען מיט קוראַזש, אַז ער פלעגט שוין אַליין אריינ־שטעלן אַ וואָרט צום ענין, און אַלע האָבן דערפון הנאה־געהאַט... איינמאָל

פארנאכט, פארן אהיימגיין; האבן אסלע און פיזשאק אים אפגערופן אין א זייט און אים געוויזן: איין בילד מיט א פענאמען — א פרוי מיט א בארד, אדער, ווי מע רופט זי אן — „זשענשטשינא־באראדא"; און נאך א בילד מיט א פענאמען — א הויכע שרעקלעך־צעיווירענע פרוי, אין קורצע הויזעלעך, מיט ארויסגעשטעלטע הענט און פיס, ווי די ריזיקע קלעצער אליינס... זיי האבן אים אויסגעמאלן, וויאזוי מע טרעפט אהינצו, אין דעם פארט־קאבארעט, וואו די צוויי פענאמענס האלטן זיך אויף און מע קאן זיי זען, אז מע צאלט איין בלויז צען סענט. דאן, פארן זעלבן געלט, מאג מען זיי אפילו אנרירן אויך... זיי האבן אים אויסדערציילט דאס אלץ, אסלע און פיזשאק, כדי צו זען, וואס פאר א ווירקונג די קאנע וועט אף אים האבן, אף אונזער גאליציאנער פרומאקל... און זיי האבן זיך נישט אפגענארט. שימקע האט אונטערגעטאנצט, פאר גדולה, אף די פענאמענס קוקנדיק. ער האט געהירזשעט און געפאטשט אין די הענט, פאר דערהיצטער פרייד. שוין, גלייך ד ע ם זונטיק באטאג, — האט ער זיך אויסגעריכט צום שפאציר אין פארט־אריין, וואו ער האט אלץ געזען און מיט די אייגענע הענט באריר. ער האט, שפעטער, בא דער ארבעט אין טאזשער, אנגעגיבן אזויפיל סימנים דערוועגן, — אז עס איז פארשוואונדן בא יעדן דער לעצטער ספק וועגן דער ריכטיקייט פון זיינע רייד... נאר, ער אליין האט זיך, לאנג דערנאך, נישט געקאנט בארואיקן — פון דעם פאל. עס האט אויפגעאקערט אין זיין זכרון זאכן פון אמאל... „עך, פון יענער צייט, ווען ער איז נאך געווען א חתן אינעם שטעטל, געבענקט צו דער כלה... ביז מע האט שוין דערלעבט די מינוט פון דער חופה... אז מע האט זיי געלאזןביידע אליין..." און דא האט שימקע דער אויפגערודערטער נישט אויסגעהאלטן מער. ער האט זיך אויפגעשטעלט אין טאזשער און אויסגערופן, א צעצארנטער, נישט מיט זיין קול: „— איר הערט? — אין יענער מינוט, ווען עמיצער קומט אריין, פרואווט מיר איבערשלאגן, — אזוי קריגט ער פון מיר גלייך מיט א האק איבערן קאפ!..."

און די רעדל־פירער פון טאזשער, פיזשאק און אסלע, האבן שוין איינגעזען, נישט אן פארגעניגן, אז — זייער שימקע דער גאליציאנער איז אף א דרך.

זיך אנגעגאווערט מיט די מיאוסע רייד ביז איבערן גארגל, — פלעגט דער טאזשער אנטשטומט ווערן, אף א ווײַלע; ווי אפגערוט פון דער גרייַלעכער מי; ווי געבליבן דערשעפט ביז צום דנא; אזוי, אז מע מוז לאזן אריבער די צייט אביסל, ביז עס וועט, פון זיך אליין, נעמען אנקוועלן פרישער חיות צום הארצן...

איצט, האט דער טאזשער באניים געזונגען און געארבעט. אלע, ווידער געווארן אויפגעגאסן אין איינס; געאטעמט צוזאמען; גערעדט, ווי פון איין קעל אפער; עפעס ווי אן אויסטערליש פאבלהאפט וועזן, מיט

אזויפיל קעפּ און הענט מיט פּיס. וואָס — אַט גייען זיי זיך פונאַנדער אין אַלע עקן, און איטלעכער ציט פאַר זיך; און אַט — קומען זיי זיך ווי־דער א ו י ף איינעם, שליסן זיך איין אין זיך, לאָזן מער קיינעם נישט צו...

בעתן געזאַנג, ווען איטלעכער איז געווען פאַרטאָן אין זיך, — האָט דער קאַפּאַטאַז פּיזשאַק זיך צוגעשאַרט, אַזוי כּלאחר־יד, צו סלאָווע דער דאַרער, א פאַרעלטערטע בלאָנדע מויד, מיט א מויל גאָלדענע ציין, א היסטערישע, וואָס האָט געחלשט חתונה־האָבן... ער האָט גענומען פון איר האַנט דאָס געניייעכץ, כּלומרשט צו באַטראַכטן, וויאַזוי עס גייט די אַר־בעט... און ער האָט באַ איר א פרעג־געטאָן, אין דער שטיל:

— נו, סלאָווע, וואָס וועט זיין?...

דאָס מיידל איז רויט געוואָרן; נישט געקאָנט אויסהאַלטן זיין בייזן בליק. זי האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן און דריבנינקע אויפגעציטערט. מע האָט עס געזען אָן איר האַנט מיט דער נאָדל, וואָס האָט נישט געקאָנט טרעפן אין דעם געניייעכץ, וואו מע דאַרף...

... דאָס האָט זיך געצויגן א געשיכטע — פון לענגער נאָך. ער, פּי־זשאַק דער קאַפּאַטאַז, האָט זיך פירגענומען, באַלד ווי ער האָט דערעפנט דעם טאַזשער, — צו זיין מיט לייטן גלייך. ער האָט געהערט זאָגן, אַז אין אַנדערע טאַזשערן איז דער קאַפּאַטאַז — אַלץ. ער טוט מיט זיינע מייד־לעך, וואָס זיין האַרץ גלוסט. אַנישט, — איז — מיטן קאָפּ אין דר׳ערד!... „וואָס איז ער, פּיזשאַק — א יאָלד? געוואָרן א צדיק, אויף דער עלטער?! — ע ר , איז געקומען קיין אַמעריקע ווערן א מענטש, נישט קיין שוואַנץ, און אַזוי וועט ער זיך אויפפירן!...״ ער האָט זיך גענומען פאַרקוקן אויף דער סלאָווען. כאָטש זי איז געווען מיאוס אין זיינע אויגן, דאַר ווי א ברעט, — האָט ער אָבער אויסגעפונען, אַז זי איז היסטעריש און צערייצט, און עס וועט איר שווער זיין בייצושטיין זיין צויבער... זי, די נאַרישע גאַנז, וועט זיך גיכער איבערגיבן... ער האָט גענומען צושטיין צו איר, געפאָדערט זיינס; און ווען זי האָט זיך געפּרואווט מאַכן נאַיוו, — האָט ער איר ווי־ראַזשנע געדראָעט, אַז ער וועט איר ארויסוואַרפן... וואָס א טאָג, — איז ער געוואָרן צודרינגלעכער, אומגעדולדיקער; און, אין זיין גריילעכן צאָרן, האָט ער איר געוואָרנט, אַז — זי זאָל נישט מאַכן מיט אים די שטיק, ווייל — ס׳וועט זיך אויסלאָזן פאַר איר שלעכט...

...נאָר זי, די אָרעמע סלאָווע, האָט זיך געראַנגלט, מיט די לעצטע כּוחות; זי האָט אַלץ אָפּגעצוינגן. וואָס איז געווען איר אויסקוק? — זי האָט אַליין נישט געוואוסט. מסתּמא, גאָרנישט... זי האָט גוט איינגעזען איר שווערע לאַגע. אַרבעטן ווי עס געהער צו זיין — האָט זי נישט גע־קענט; מע זאָל זאָגן — אַז נישט דאָ, איז ערגעץ אַנדערש... ניין. זי האָט קוים געקאָנט רעכט האַלטן די נאָדל אין איר האַנט... די ערשטע צייט,

האָט זי געהאָפט, אַז דאָ וועט זי זיך עפּעס צולערנען. אין דעם גרויסן טומל פון טאַזשער — ווער וועט זיך אַף איר אַרומקוקן?... דערפאַר אָבער, וועט ז י זיך־פּרוּוון צוקוקן צו דער אַרבעט, עפּעס דערגיין, העכערס און בעסערס... נאָר — ניין. ער, דער קאַפּאַטאַז דער הונט, האָט גלייך אַף איר געוואָרפן אַ אויג; זיך צוגעטשעפּעט — מער לאָזט ער איר נישט אָפּ. און ווי ער וואָלט געטראָפן איר פאַרבאָרגענעם וואונטש, — אַזוי לאָזט ער איר אויך צו קיין אַנדער אַרבעט נישט צו...

...איינמאָל פאַרנאַכט; ווען אין טאַזשער באַ דער אַרבעט האָט גע־ברענט פון די פריילעכע רייד, — איז איר נישט גוט געוואָרן פּלוצים. כּלאָוועןן, אַ מינוט צום חלשן. זי האָט געלאָזן פאַלן איר שטיקל פוטער פון די הענט. זי האָט זיך איינגעבראָכן... איר האָט געהיט, די גאַנצע צייט, פּיזשאַק דער קאַפּאַטאַז; און ער האָט איר אונטערגעכאַפּט; אַריבערגעפירט אַף דער צווייטער העלפט פונעם טאַזשער; דאָרט, אין דער טונקל, אַפּן וויכן אויסגעבעטן פוטער־וואָרג, איר צערטלעך אַנידערגעלייגט. איר גע־נומען מונטערן... און זי, אַן אָפּגעשוואַכטע, אַ פאַרלאָרענע, האָט אים אַלעם צוגעזאָגט. איר איז, מיטיינמאָל, געוואָרן אַלציינס... איר, דער עלנ־טער, ווער באַדאַרף איר?!.

...ער האָט באַ איר געפּועלט, זי זאָל אַרויסקומען, אַפּן אָוונט, אַף אַ פּלאַסע. דאָרט וועט ער איר שוין אָפּוואַרטן. מע וועט צופאָרן אין צענטר, פאַרברענגען... געקומען יענער אָוונט. ער איז שוין געווען דאָרט פאַרפרי, איר אויסגעקוקט. ער האָט איר דערזען אָנקומען פונדערווייטנס. זי האָט זיך אַרומגעקוקט; ווי זי וואָלט געזוכט עמיצן; און ער האָט זיך שוין געלאָזן צו איר צוגיין... נאָר פּלוצים, האָט ער עפּעס באַמערקט, וואָס האָט אים געמאַכט צעגערן... און ער האָט זיך ראַפּטעם פאַרהאַלטן אַף זיין אָרט... אַ מאַן איז איר נאָכגעגאַן, טראָט־באַ־טראָט; הגם זי, דאַכט זיך, האָט יענעם נישט געפילט... זאָל עס זיין ו ו ע ר פון זייער שטוב, וואָס האָט, אַ ודאי, געקוקט מיט פאַרדאַכט אַף איר איינזאַמען אַרויסגיין אַף נאַכט־שפּאַציר און באַשלאָסן איר נאָכצושפּירן?...

...נאָר זי, קענטיק, האָט גאָרנישט געוואוסט. זי האָט זיך נאָך אומ־געדרייט דאָרט, אַ לענגערע ווײַלע, אים דערוואַרט... ביז, זי איז מיד גע־וואָרן, זי איז אַוועק. יענער, דער אומבאַקאַנטער — נאָך איר...

...אַ צערייצטער, אַ ווילדער, — איז דער ליטוועק פּיזשאַק געקומען, יענע נאַכט, אַהיים. ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט איינגעמען, נישט עסן, נישט שלאָפן. ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען, פאַר האַ־דאָסט. עס האָט אים אויפגערודערט אַלע זיינע געדערים פון בויך. שפּעט באַנאַכט, אַ צעקאָכטער, אַ שימפּנדער, — איז ער אַראָפּ אין בית־הכּסא אויסצולײדיקן זיינע קישקעס, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אין קאָנוואולסיע. ער האָט געבראַקעט און געמרוקעט, געגרעבצט און געגאַוועט. בעת־מעשה,

האָט ער פאַרגעסן, אַ פּנים, פון זיין געלט־בייטל אין דער הינטערשטער הויזן־קעשענע; און יענער האָט זיך פאַמעלעכקע ארויסגערוקט און אראָפּ... אַז ער האָט זיך געכאַפּט, — איז ער אויפגעשפּרונגען, נישט־טויט־נישט־לעבעדיק. גלייך אַפן אָרט, האָט ער זיך אראָפּגעבויגן. ער האָט זיך גענו־מען ראַיען אין זיין אייגן מיסט, ביז ער האָט צוריק אויסגעפונען זיין געלט. דאָס האָט אים עטוואָס איינגעשטילט, און ער איז אוועק.

...געקומען אַפן אַנדערן טאָג אין טאַזשער, — האָט ער איר דער־ציילט, וואָס עס איז געווען, נעכטן באַדערנאַכט. ער האָט זיך אַף איר אָפּ־געריסן, הלמאַי זי איז נישט געווען פאָרזיכטיק גענוג; און ער האָט באַניים געפּאָדערט זיינס — באַלד, ד י נאַכט! אַנישט — וועט זיין שלעכט!

...זי, די אומגליקלעכע, האָט געוויינט און דערציילט, אַז מע היט איר די טריט... דאָס האָט אים אַביסל איינגעהאַלטן, פּיזשאַקן דעם העלד; און ער האָט איר צורו־געלאָזן, אַף עטלעכע טעג. נאָר, גלייך דערנאָך, האָט ער זיך געכאַפּט: „— און טאָמער נאַרט זי אים? זי וויל זיך ארויסדרייען פון זיינע הענט?!." דאָס האָט אים געמאַכט אויפשווידערן, פאַר צאָרן... „— ז י וועט אים פירן אין באָד אריין?!." ער האָט זיך אַ נעם־געטאָן צו איר, מיט דער גאַנצער יוכע, געפּאָדערט, זי זאָל אים זאָגן גלייך: — וו אָ ס וו ע ט ז יי ן ? — אָ, ער איז געבליבן פעסט בא זיין באַשלוס — איצט, אָדער קיינמאָל!

*

איין מענטש האָט זיך געפונען אין טאַזשער, וועלכער האָט זיך מיט דעם אַלעם, וואָס איז אויבן געשילדערט געוואָרן, איינגאַנצן נישט אָנגעע־הערט. דאָס איז געווען פליגלמאַן. ער האָט געזען, געהערט, וואָס דאָ קומט פאָר ארום אים, און שרעקלעך געליטן — אין דער שטיל. ניין, ער האָט נישט פּראָטעסטירט, ווען די מיאוסע רייד פון די ארבעטער האָבן געגרייכט צו זיין אויער און אים געפּייניקט. עס האָט געוויינט אין אים דאָס האַרץ — אַף וואָס מענטשן גיבן אַוועק זייער געדאַנק מיט זייער לוסט... ער האָט געהאַט אַף זיי גרויס רחמנות. אָבער, ער האָט שוין איינ־געזען, צו זיין טיפן באַדויער, אַז — דאָ וועלן קיין רייד נישט העלפן. אַז איינער קען דעם שטראָם וועט גאָרנישט באַווייזן אויפצוטאָן... ער האָט דארומער אָפּגעשוויגן; און איינגאַנצן אריין אין זיך; פאַרטאָן אין דער ארבעט און אין נאָכדענקען וועגן זיין לעבן אין דעם נייעם לאַנד.

אָבער אויך דער טאַזשער האָט זיך נישט דערוועגט אים אָנצורירן, נעמען אַפן זיכער, אַזוי ווי זיי האָבן עס געטאָן איינס מיט דאָס אַנדערע. יעדעס מאָל, אַז עס האָט געהאַלטן בא אים, — איז מען געבליבן עפּעס אָפּהענטיק; און עס האָט ניט געסטייעט קיין דעך — זיך־דערנעענטערן צו

אים... עס האָט אָפּגעהאַלטן זיין שווייגן, זיין שווערער בליק; אָפּגעטריבן פון זיך; נישט צוגעלאָזן גאָר קיינמאָל צודערנאָענט... אַלע האָבן אים דאָ געפילט, ווי אַ פרעמדן, דעם אינטעליגענט; און מע האָט אים גענומען פיינט־האָבן. מע האָט געהאַלטן, אַז — ער קלעבט זיך עפּעס אינגאַנצן נישט אַהער, צום טאַזשער; נישט צו דער אַרבעט; נישט צו דער חברותא. טאָ, אם־כן — ווער האָט געשיקט נאָך אים? ווער באַדאַרף אים דאָ צו האָבן?...

גאָר פול מיט קנאה איז געוואָרן דער גאַנצער טאַזשער, ווען מע האָט פלוצים גענומען צוזעען, ווי, פון־צייט־צו־צייט, קומט אַרויף דער כערענטע זאַלצמאַן; ער שטעלט זיך אָפּ לעבן פליגלמאַנס טיש; און ער נעמט מיט אים איינטענהן, לאַנג און היציק. ער אַליין, פליגלמאַן, שווייגט. נאָר יע־נער, ווערט נישט מיד רעדנדיק... „ווער ווייסט, וואָס ער קנעלט דאָרט אַזוי אַריין מיט אים? אפשר, בנוגע אונז אַלע, די אַרבעטער?...״

דער חשד און די מורא איז געוואַקסן אַזוי לאַנג, — ביז וואַנען מע האָט גענומען צולייגן אַ אויער און געוואָרע געוואָרן, אַז — דאָס רעדט מען פליגלמאַנען אַ שידוך פון זייערע לייט. פון די גאָר הויכע פענצטער, גבי־רים אדירים, מיליאָנערן; נאָר, וואָס דען? — פּרומאַקעס. זיי האָבן זיך זייערע מאַניקאָמיעס אין קאָפּ... זענען זיי צוגעשטאַנען צו פליגלמאַנען... „אַזוי און אַזוי. מע האָט פאַרפירט ד אָ ר ט אַ רייד פון אים. יענע, די מיליאָנערן, האָבן ליב אַן איידעלן יונגערמאַן. און ער, פליגלמאַן, האָט אין זייערע אויגן נושא־חן געווען... מע איז אים גרייט אָפּגילדן; אַריינ־נעמען אין די געשעפטן, ווי אַ גלייכן... נאָר, מיט איין תנאי: אַז ער, פליגלמאַן, זאָל פאַרבויגן אַן אַ זייט זיינע טענות מיט די מעשות, די אינגלישע שטיק, וועלכע ער האָט זיך געהאַט דאָרט אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין — מכוח אַ ר ב ע ט און ג ע ר ע כ ט י ק י י ט . . . גע־נוג. וויפל איז דער שיעור? צייט צו ווערן אַליין אַ שטיקל מענטש; אויפלע־בן, קומען צו זיך... די נאַרישקייטן, ווידער, זאָל ער לאָזן פאַר זיי, די אַר־בעטער, די חמורים... ער, זעט דאָך שוין אַליין איין, ווער זיי זענען. וואָס פאַר אַ לעבן זיי פירן, מיט זייערע רייד, אַלץ מיט אַנאַנדער... ווי קומט ער, אַן איידעלער מאַן, צו זיי?!. — לעב אויף, פליגלמאַן... אָ, דער־וואַך!...״

דערנאָך האָט מען גערעדט וועגן דעם כלה־מיידל, אַז זי איז אַ יפת־תואר — איינע אין דער וועלט... אַז מע האָט פליגלמאַנען געוויזן איר בילד, — איז ער גאָר צוגעזאָרגן געוואָרן; ער האָט אויפגעלויכטן אין צורה. מע האָט געזען, ווי זי נעמט אים, די קליינע... און דאָך, נישט געקוקט אַף דעם אַלעמען, — האָט מען נישט געקענט בּאַ אים פועלן, באין־אופן, ער זאָל זאָגן יאָ. תחילת, האָט ער, אַף אַלע טענות פון כערענטע זאַלצמאַן, — אינגאַנצן אָפּגעשווינגן; זיך נישט אָפּגערופן אַ וואָרט. אָבער שפּעטער, אַז

יענער איז שטאַרק צוגעשטאַנען, — האָט ער איינמאָל אַ זאָג געטאָן, אַז...
„ער ווייסט נישט — וואָס אַזוינס מע האָט דערזען אין אים?... ער, גלויבט נישט צו קענען געפעלן ווערן אַזאַ שיין מיידל; נאָך אַ היזיקע, דערצו...״ נאָכדעם, איז געבליבן, אַז — מע זאָל זיך טרעפן, טאַקע דאָ אין טאַזשער...

אין אַ פאַרנאַכט איז דאָס געווען. פליגלמאַן איז געשטאַנען בא אַ לאַנגן טאָוול און געטשוועקלט אַ פוקס. איז אַרויפגעקומען דער בערענטע זאַלצמאַן; דער אַלטער מחותן ספּיוואַק; און נאָך זיי זענען געגאַנגען אַ עלטערע פרוי און אַ יונג שיין מיידל, אַ שלאַנקע ברונעטן, ביידע — זייער רייך געקליידעט. מע האָט זיך געלאָזן צו יענער טייל, וואו מע האָט געזאַמלט די אויסגעאַרבעטע פוטער. אהינצו האָט מען צוגערופן דעם קאַ־פּאַטאַז פּיזשאַק, און ער האָט געוויזן פאַר די פרויען פאַרשיידענע מוס־טערן, געגלעט מיטן האָר אַרויף, גערעדט... דערנאָך איז מען געגאַן צו־ריק. באַ די שטיינערנע טרעפּ, זענען אַלע געבליבן שטיין, אַ ווײַלע; און דאָס מיידל, וועלכע האָט זיך געפונען פונפאַרנט, האָט אַ קוק געטאָן צו פליגלמאַנען... ער, האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן פון דער אַרבעט, איך דערזען... אַזוי, האָבן זייערע בליקן זיך באַגעגנט... ער האָט פּלוצים אויפ־געפלאַמט אין צורה, און אַרונטערגעלאָזן די אויגן. דאָס מיידל איז גע־שטאַנען נאָך איין ווײַלע און געשייגט... אַזוויי אַ לויכטנדער שמייכל האָט זיך געטוליעט אין אירע ליפּן, אין די אָוואַלן פון איר איידל פנים... דאַן, האָט די גרופּע געדירט פון אָרט און אַראָפּ, מיט די טרעפּ, אין קראָם אַריין...

„...זיי זענען זיך געפעלן געוואָרן!...״ — אַזוי האָט מען דערנאָך זיך געשושקעט אין קראָם וועגן זיי ביידן; און פון קראָם האָט זיך געהויבן דער געמורמל און געגרייכט ביז אין טאַזשער אַריין...

נאָר מיט פליגלמאַנען איז נישט געווען צו מאַכן. איצט, אַז דער בערענטע זאַלצמאַן איז אַרויפגעקומען צו אים רעדן, אים אָפּגעטראָגן די בשורה, אַז — ער האָט נושא־חן געווען אין די אויגן פון דער בתולה הכלה...,
— האָט זיך פליגלמאַן, גאָרנישט ווי זיין שטייגער איז געווען, מיטאַמאָל אויפגערעגט און אויסגערופן, אַז: „— ער קען נישט זיין קיין פאַרשטע־לער! וואָס וויל מען פון אים?! — ער איז אַן אַרבעטער, און דאָס וויל ער פאַרבלייבן!...״

ער האָט צעפּירט מיט ביידע הענט. געקוקט פאַר זיך שטאַר. און פון זיינע פאַרלאָפענע בליקן, האָט מען געזען, האָבן גענומען רינען טרערן...

דער בערענטע זאַלצמאַן האָט זיך פּלוצים דערשראָקן פאַרן ווײַנענ־דיקן פליגלמאַן. ער האָט געשמייכלט צו אים פאַרשעמט. געפּרוּווט אַ לאַך־טאָן בחפזון. אים איינגעמען... נאָר, ער איז צוריקגעטראָטן אַליין; פאַרלאָרן פּלוצים די מראה. ער האָט זיך גענומען אָפּטראָגן הינטערוויי־לעכטס, ער איז נישט געוואָרן...

דער גאנצער טאַזשער, האָט דאָס אַליץ צוגעקוקט, מיט שטוינען; נאָר, פאַר פּליגלמאַנען אין די אויגן, זיך נישט דערוועגט אַ פּיפּס־צו־טאָן. מע האָט געזען, וויאַזוי אַ מענטש ליידט; און קיינס האָט עס נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין... „וואָס צעגערט ער נאָך, דער שוטה? מע נעמט, און מע שניידט אָפּ — מע ווערט אַ גביר?!"

ניין. קיינער האָט אים נישט באַנומען, דעם מאָדנע פּליגלמאַן; נישט אין קראָם, נישט אין טאַזשער. אונטן, אין קראָם, האָט מען געזען אין אים אַ מענטש, וואָס לאָזט זיך נישט קויפן; וואָס שטעלט אַרויס עפּעס אַן אייגן ארטיקל... ג ע ר ע כ ט י ק ײ ט . . . וואָס איז טייערער בא אים פון געלט... נאָר, ווער ווייסט, וואָס דאָס איז אַזוינס? און וויאַזוי האנדלט מען מיט דעם?... אויב, ווידער, עס לאָזט זיך נישט האנדלען — טאָ, צוואָוואָס טויג עס?!.

נאָך ווינציקער, ווי געזאָגט, האָט מען אים געקאָנט צעקייען אין טאַזשער. אָבער דאָ, צווישן די ארבעטער, איז די קנאה צו אים דאָך געוואַקסן.

6

אין די לעצטע טעג פון דעציעמבער־מאָנאַט, האָט פאַרלאָפן בײַ סעניאָר רובען פראַנץ אין הויז אַ גליקלעך געשעעניש, און די סעניאָרא האָט אים געבאָרן אַ אינגל.

אַז מע האָט זיך דערוואוסט דערפון אין טאַזשער, — איז דעם קאַפּאַטאַז פּיזשאַק פּלוצטהאלבן געקומען עפּעס אַפן רעיון. ער איז צוגעגאַנגען צו פליגלמאַנען, לאַנג מיט אים אייַנגעטענהט און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איצט איז די צייט, און עס וואָלט, אַ ודאי, געווען אַ גרויסע טובה פאַרן טאַזשער, — ווען ער שרייַבט עפּעס אָן אַ שיין שטיקעלע, אַף לשון־קודש, לכבוד דעם געשעענעם... ער בעט עס בײַ אים!...

דער גוטער פליגלמאַן האָט טרויעריק אָנגעקוקט דעם פּיזשאַק; נאָר ער האָט גאָרנישט געזאָגט.

אַפן אַנדערן טאָג, האָט ער געבראַכט צוטראָגן אין טאַזשער אַ שיר, אָנגעשריבן אַף אַ לאַנגן בויגן פּאַפּיר. דאָרט האָט זיך גערעדט פונעם ענין־דיומאַ; אַלע אַרבעטער האָבן געוואונטשן דעם גביר געזונט מיט הצלחה; און די ערשטע אותיות, פון אויבן אַראָפּ, זענען געווען געשריבן גרעסער ווי געוויינלעך, און זיי האָבן זיך געלייענט: ראובן פראַנץ.

דעם חיבור האָט גלייַך אונטערגעשריבן, מיט אַ שיינער אויסגעציקלטער חתימה, דער קאַפּאַטאַז פּיזשאַק אַליין; דערנאָך איז געקומען פליגלמאַן דער פאַרפאַסער; און נאָך זיי — די חתימות פון גאַנצן טאַזשער.

ערשט, האָט געכאַפּט דער קאַפּאַטאַז דעם בויגן, גלייַך אַראָפּ אין קראָם און, ווי אַ טריומפאַטאָר, אים אונטערגעטראָגן דעם סעניאָר פראַנץ אין די הענט אַריין...

דער שיר האָט אָנגעמאַכט אין קראָם אַ רעש. מע האָט זיך באַלד אָנגעשטויסן, ווער עס איז דער מחבר, און אַלע האָבן אים גערימט: אַזוי — זאַלצמאַן דער כערענטע, וואָס האָט עפּעס פאַרשטאַנען; און נאָכמער —

ספּיוואַק דער אַלטער, וועלכער האָט גאָרנישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין... איצט, האָט דער גאַנצער טאַזשער געגומען אויסקוקן אַפן שכר...

דער ברית איז געווען אַ גרויסאַרטיקער, אַ מיליאָנערסקער, און ער האָט זיך פאַרענדיקט — שפּעט נאָך אַ האַלבן טאָג. דערנאָך ערשט, ווען דער עולם איז זיך שוין געהאַט פונאַנדערגעגאַנגען, — איז דער בערענטע זאַלצמאַן אַרויפגעקומען אין טאַזשער, אַן אויפגערוימטער, אַ בגילופנדי־קער, געהייסן אַוועקלייגן די אַרבעט, און פאַרבעטן אַלעמען אַף כיבוד צום סעניאָר פראַנץ אין שטוב אַריין.

כאָטש אַלע זענען געווען ברוגזלעך, פאַרן לאָזן זיי וואַרטן, — האָט אָבער נישט געפּאַסט אָפּצוזאָגן. און ס'אַנדערע: האָט טאַקע איטלעכער פאַר זיך טיף־באַגערט אָנצוקוקן דעם גבירס הויז, זיין פּירעכץ, און פאַר־וואָס נישט אַ גאַש־טאָן פון זיין טיש אויך — ווייבאַלד אַז ס'קאָסט נישט קיין געלט...

מע איז אַרויפגעקומען צום סעניאָר פראַנץ, דורך דער פּאַראַדנער טיר פון דער גאַס. נאָר אין גרויסן זאַל האָט מען די אַרבעטער נישט אַריינגע־רופן. דאָרט האָבן זיך נאָך אַרומגעדרייט דעם בערענטע זאַלצמאַנס אי־דעלעך, די קאַלטענעוואַטע עשרה־בטלנים פונעם אייגענעם שילעכל „שערי־ישראל", וועלכע האָבן איצט געשאָטן מיט תורה און דברי־חכמה, אַזש עס איז געגאַנגען אַ רויך; און דער אַלטער מחותן דער ספּיוואַק מיט זיין מאַנגאַלישער צורה, ערשט — אַן אָנגעוואָרעמטע פונעם יי"ש, — האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט אינדערמיט און געהאַט איין עובדה — צו פּאַטאַקעווען דאָס, וואָס איידעלע אידן זאָגן: — „...וואָס־דען? וואָ־דען?!."

אין אַ האַלב־טונקעלן קאָרעדאָר דאַנעבן, איז געשטאַנען און געוואַרט — אָ, שוין גאַנץ לאַנג — דער משרת בודניק. ער איז געקומען אָפּגעבן „מזל־טוב" דעם נגיד; זיך נישט־דערוועגט אַריינגיין אינעווייניק, אין זאַל; אַלעמאַל, אַהין אַריינגעקוקט, דורך די צעעפנטע טירן; נאָר קיינס האָט אים נישט דערזען... איז, אין יענעם דורכגאַנג־צימער האָט מען געשטעלט פאַר די אַרבעטער פון טאַזשער אַ קליין טישל, אָנגעוואַליעט מיט די רעשטן פונעם גרויסן גבירס טיש... קיין סדר איז דאָ נישט געווען. איטלעכער האָט זיך געשפּאַרט צום טישל; געכאַפּט פולע זשמעניעס, וואָס עס איז אים נאָר געקומען אין האַנט אַריין; געשטאָפּט אַף ביידע באַקן און באַגערט נאָך...

אינדעם, איז אָנגעגאַנגען פון ערגעץ דער סעניאָר רובען פראַנץ אין פּער־זאָן; און באַ די זייטן — זאַלצמאַנדל און ספּיוואַק. ער, דער גביר, האָט זיך געהאַלטן איצט אַזוי וואַזשנע און שטייף; געקוקט פון אויבן אַראָפּ; שיר נישט — מיט שפּאָט אינעם בליק — אַף „...דעם בינטל שנאָרערס דאַנעבן, ווי עס מעלה־גרהט געשמאַק זיינע ברעקלעך, וואָס מע האָט זיי צוגעוואָרפן אָקאָרשט..." און ער האָט עפּעס אַ בורטשע־געטאָן, אַף זייער חשבון, צווישן די ציין.... און גלייך האָט דער אַלטער מחותן — הגם ער

האָט גאָרנישט דערהערט, — צעפּירט מיטביידע הענט אינדערברייט; אַ קנייטש־געטאָן דאָס אָנגעוואַרעמטע מאָנגאָלישע געזיכט און אויסגע־בריעט:

— וואָס־דען? וואָ־דען?!.

נאָר זיי, יענע אַרבעטער, איז, דאַכט זיך, לגמרי נישט אָנגעגאַנגען דער אָפּענער שפּיי אין פּנים, וואָס מע האָט זיי דערלאַנגט. זיי האָבן גע־פּערעט אין זיך וואָס־מערער „כּיבוד", און... אָנגעקוואָלן דערפון, וואָס זיי נעמען איצט נקמה אינעם גביר; זיי פּרעסן זיין לייב...

*

אין עטלעכע טעג אַרום; ווען די סעניאָרא האָט זיך שוין געפּילט בע־סער, גענומען אַראָפּגיין פון בעט, — האָט סעניאָר פראַנץ זיך אויסגעריכט אין וועג אַריין, אַף אַ וואָך־צוויי, צו מאַכן אַ אינספּעקציע איבער זיינע סוקורסאַלן, אין די פאַרשיידענע פּראָווינצן פון לאַנד. מיט זיך האָט ער מיטגענומען, אַלס זיין סעקרעטאַרן אונטערוועגנס — דער קאַסירשע, סע־ניאָריטאַ ראָזאַ; און ער האָט צוגעגיבן, מיט אַ פאַרויגערטן שמייכל, בעת־מעשה — געקוקט אַף איר, מיט נישט־אויסבאַהאַלטענעם אַפּעטיט — אַז „...פאַריינוועגס — אַלציינס, מע פאָרט איבער דער מדינה, — וועט ער שוין אַ זוך־טאָן פאַר איר אַ חתן אויך — עפּעס לייטישס; אַזאַ, ווי זי האָט די ווערט..." דערביי, האָט ער איר פאָטערלעך דערלאַנגט אַ קנופּ אין באַק; און זי, די גרויסע מויד, האָט געשיינט, ווי אַ קליין קינד...

אין דער לעצטער מינוט, פאַרן פאַרלאָזן דאָס געשעפט, — האָט סע־ניאָר פראַנץ באַוויליקט און אַרויף, מיט דער ווינדע, אין טאַזשער — צום ערשטן מאָל, זינט ער איז דאָ געפּענט געוואָרן. מיט אים צוזאַמען, ווי דער שטייגער, איז מיטגעפאָרן דער אַלטער מחותן. ע ר , דער סע־ניאָר, האָט געשמועסט, אַ ווײַלע, מיטן קאַפּאַטאַז; אים אָנגעזאָגט אַכ־טונג־צו־געבן אַף דער אַרבעט; און אים דערלאַנגט די האַנט... דערנאָך, האָט ער זיך אומגעקערט צו די אַרבעטער; אויסגערופן: — האַסטאַ לאַ־וואָלטאַ, סעניאָרעס! —; געמאַכט אַן אַלגעמיינעם אַפּשידס־זשעסט, וואָס האָט געלאָזן אַלעמען צעטומלט, — און גלייך איז ער אַוועק...

קוים איז דער נגיד אָפּגעפאָרן, — און די גאַנצע קראָם, מיט אַלע אירע סעקציעס, האָט גענומען גיין אַף רעדלעך. מע האָט זיך געשושקעט וועגן דער רייזע; זי געטאָלקעוועט און געטייטשט — אַף אַלע זייטן... איי־ניקע האָבן אָפן באַדויערט דער סעניאָריטאַ ראָזאַ, וואָס זי האָט זיך גע־לאָזן אַריינציען אין אַזעלכע עסקים מיטן פּרינציפּאַל. מע האָט מורא גע־האַט, אַז זי, די גאַנצע קלוגיטשקע, ווי זי האַלט זיך, — קאָן אַמאָל צו־ווייט פאַרגיין; נישט קענען דערנאָך צוריקכאַפּן. „...אַזעלכע וועגן פאַר אַ

פרוי זענען, געוויינלעך, גליטשיקע; ענדיקן זיך, כמעט תמיד, פאטאל..." אַנדערע ווידער — באַזונדערס, די ווייבער פון טאַזשער; אַזוי, די גרינע, ווי די היזיקע, — האָבן איר גראָד מקנא־געווען; ז י ך א ל י י ן פאַר־געשטעלט אין איר הויט; און איטלעכע, פאַר זיך, האָט באַדויערט... הלמאי דער גביר האָט נישט געוואָרפן קיין אויג אַף איר. „...אָ, דאַן וואָלט זי שוין געוואוסט, וואָס זי האָט צו טאָן..." און דער מאַנסבילשער נאַראָד פון זעלבן טאַזשער האָט זיי, די ווייבער, אָפּגעגעבן גערעכט...

*

פאַר דער צייט, זינט דער טאַזשער האָט עקזיסטירט, — האָט ער זיך שוין געהאַט איינגעבירגערט דאָ, אין דער גרויסער משפּחה; געקראָגן גלייכ־באַרעכטיקונג, און זאָגאַר גענומען שאַפן שולע, אָדער — שטעלן דעם טאָן דאָרט, וואו מע דאַרף; באַזונדערס, וואָס אָנבאַלאַנגט נשים. קיינער דאָ, אין דעם אַריסטאָקראַטיש־פּרומאַקישן געשעפט — ביז צו דער אַנטשטייונג פונעם טאַזשער, — האָט זיך קיינמאָל נישט דערוועגט צו רעדן אָפן ו ע ג ן ד ע ם , אַף וואָס אַלע זענען געווען געכאַפּט אין דער מעשה: פונעם פּרינציפּאַל, ביז צום לעצטן משרת. מע האָט זיך געהאַלטן אין איין שושקען אין דיווינקעלעך; געמאָלקן פליגן; און איינער האָט דעם אַנדערן מוסר געזאָגט — אין די אויגן; און הינטער די אויגן — אויסגערעדט אָפן צווייטן, וואָס אין דער קאָרט... איז געקומען דער טאַזשער, מיט זיין גראָבער אינטענסיווער פּרימיטיוויטעט, און געשטעלט דעם דגש אָפן ריכטיקן אָרט; אָנגערופן די זאַכן באַ זייער נאָמען. דערמיט, האָט ער נושא־חן געווען באַ אַלעמען; ווי באַפרייט מיטיינמאָל פאַרשפּאַרטע קוואַלן אויס די קעלערן; זיי געלאָזן אַרויסשלאָגן פלוצלונג אַף דער ליכטיקער שיין... אַלע אינעם געשעפט האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט; גענומען רעדן אָפענער וועגן דעם, וואָס מע האָט פריער געשטיקט אין דער פינצטער; און כסדר זיך געצויגן צום טאַזשער, וואו — אַזוי האָט זיך אויסגעדוכט — דאָס לעבן שלאָגט שטאַרקער, פריידיקער און גליקלעכער...

...דער טאַזשער האָט געאָטעמט, געלעבט און געאַרבעט. מיטן לויף פון די טעג, אַז עס האָט גענומען ווערן נעענטער צום סעזאָן, — האָט דער קאַפּאַטאַז פּיזשאַק אָנגעהויבן אָנשטעלן נאָך אַרבעטער און אַרבעטאָרנס, אַזוי — גרינע, ווי היזיקע. אפילו ריינע אַרגענטינער און אַרגענטינערנס; און צווישן אַלע, האָט זיך אויך פאַרוואַלגערט אַ בלאָנדער אוקריינישער שייגעץ — סטיאָפּאַ... „ווענען אַרט עס? ער וועט צונויז קומען!..." איצט, האָט ער, דער ליטוועס, אויך אַראָפּגעבראַכט צו דער אַרבעט ליאָווקען, דעם וויכאָוואַניעץ פון שיינדעלעס פּענסיאָן פאַר די גאַסן־פרויען, וואו ער, פּיזשאַק, האָט זיך נאָך אַלץ אויפגעהאַלטן, אַף אַלעם גרייטן. און כאָטש

ליאָוקע האָט נאָך נישט געהאַט אויפֿגעגעבן זיין גרויסע שנאה צו אַר־
בעט, — האָט אים אָבער דער ליטוועק גענומען — מיט זיינע גרויסע צו־
זאָגעכצן וועגן געשעפֿט... „אַז די צייט שטייט נישט; דער סעזאָן קומט...
אָט, באַלד וועט מען קענען נעמען צעפֿירן די הענט..." האָט זיך ליאָוקע
געלאָזן אָנרעדן, און ער איז מיטגעגאַנגען, עס האָט געהייסן, פֿאַר אַ לערן־
אינגל...

ערשט, איז אינעם טאַזשער געוואָרן לעבעדיק און רירעוודיק, ווי אין
אַ בינשטאָק. די אַלטמאָדישע לידער פֿון די ערשטע גרינגע צייטן זענען
געוואָרן אויסגערונגען; און זייער פּלאַץ האָבן פֿאַרנומען די היזיקע פֿאַר־
בענקטע טאַנגאָס, וואָס ציפּן פֿאַרן האַרצן, און, אין דער זעלבער צייט,
די פֿריילעכע קופּלעטן. אַלץ האָט געזונגען, געדרוישט און געאַרבעט;
און די גרויסע קראָם מיט אירע מענטשן האָט זיך געצויגן אַהער, מיטן
גאַנצן האַרצן...

דאָ, אין טאַזשער־ווידער, בײַ די פֿריש־צוגעקומענע, אַז עס איז אַרי־
בער זייער ערשטער ברען, זיי האָבן זיך גענומען אַרומקוקן, — האָט מען
גלייך צוגעזען, וויאַזוי אַלע אָן־אויסנאַם גייען ערשט זיך־אָנצינדן מיט
דער אַלט־נייער אילוזיע — „צו ווערן אויפֿגעריכט־באַגליקט פֿאַראַמאַל
— וויבאַלד אַז עס איז זיי שוין יאָ באַשערט געווען אָנצוקומען אַרבעטן
צו אַזאַ גרויסן גביר..." נאָר זיי, די נייע, באַזונדערס, די פֿרויען — האָבן
זיך, גאַנץ־פּלוצים, גענומען אויסבאַהאַלטן, מיט זייער סוד, פֿאַר אַ פֿאַר־
דאַכטנדיק אויג; און איטלעכע פֿון זיי איז צוגעטראָטן, אין דער שטיל, צו
לאָזן אין גאַנג אירע אייגענע קאָמבינאַציעס... אפֿשר וועט דאָס העלפֿן...

עס האָט זיך געוואָרפֿן אין אויג, פֿון צווישן די ערשט־אָנגעקומענע
גרינע מיידלעך, איינע, יענטל, אַ בלאָנדע, אַ הויכע און אַ פֿולע. זי האָט
זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ גרויסער פֿרעסערן; געהאַט דעם אָנבליק פֿון אַ
נישט־איבערגעשפּיצטער, און אויך נישט פֿון קיין גרויסע השגות. ווער עס
האָט זיך צו איר צוגעשאַרט, איר געבראַכט אַן עפּל, אַ מאַראַנץ, — צו
יענעם האָט זי צוריקגעשמייכלט מיט איר קרעפּטיקן מויל בלאַנקנדע ציין,
גלייך געוואָרן צוגעלאָזן, געבעטן נאָך...

אַרום איר האָבן זיך געדרייט, לויט דער ריי: צוערשט, דער שוואַר־
צער אַסלע, וועלכער האָט איר געבראַכט אַ נאַש; און זי האָט אים גאַנץ־
גערן צוגענומען, געשמייכלט צו אים מיט צוזאָג...

אַזוי לאַנג, ביז אַף איר האָט זיך גענומען פֿאַרקוקן פּלוצים דער גראַ־
בער צושניידער גרינבלאַט, פֿון דער סעקציע מענער־קאָנפֿעקציאָן. ער האָט
אָנגעהויבן אַרויפֿקומען אין טאַזשער, רעדן צו איר אין דער שטיל... אַ
פּנים, אַז זיינע צוזאָגן זענען געגאַנגען פֿיל ווייטער פֿון אַסלעס דעם
שוואַרצנס; אַ סימן — זי האָט געשמייכלט צו אים נאָך האַרציקער און
זאַפֿטיקער, ווי צו אַסלען; הגם, זי האָט דעם לעצטן, אמת, אויך נישט דער־

ווייטערט פון זיך, און אָנגענומען באַ אים אפילו ד אַ ס , וואָס ער פלעגט איר נאָך ברענגען, פון צייט צו צייט. נישט מער, זי האָט זיך נישט גערעכנט מיט זיין קאַטעגאָרישער פאָדערונג, אַז — „זי זאָל אָפּשטעלן אירע געשעפטלעך מיט דעם אַ גרינבלאַט; אַז: אָדער ער, אָסלע, אָדער יענער!...” ניין. זי, אַ לאַבערקע, אַ שטיפערישע בטבע, — האָט נישט געהאַלטן דערפון; נישט געוואוסט, וואָס מע וויל פון איר... אַז אָסלע האָט זיך געבייזערט, — האָט זי נישט אויפגעהערט צו לאַכן און מאַן אירס... ביז וואַנען, דער שווארצער איז אָפּגעשטאַנען, איר געלאָזן אַליין מיטן גראָבן גרינבלאַט — אַ מפּלה אַף זיי ביידן!...

נאָר, איר האָט עס נישט אויסגעמאַכט. און זי האָט אַלץ געלאַכט, פון גאַנצן האַרצן...

אַזוי לאַנג, — ביז מע האָט גענומען צוקוקן אין טאַזשער, ווי אין קראַם, אַז...עס גייט דאָ פּאַסירן מיט איר וואָזשנע נייס. נישט קיין אַנדערער, ווי דער בערענטע זאַלצמאַן אַליין האָט איר אָנגעהויבן פאַרהאַלטן, יעדעס מאָל, ווען זי איז געקומען צו דער אַרבעט, אָדער אַהיימגעגאַנגען. ער האָט גערעדט צו איר אַזוי גוט, אַזוי צוגעלאָזן; און זי האָט צו אים צוריקגעשמייכלט; געקוקט צו זאַלצמאַנדל־גנב, אַ פאַרשעמטע, און פאַרט געקוואָלן... פאַרשטייט זיך, אַז דער גראָבער גרינבלאַט האָט זיך גלייך פון איר אָפּגעטראָגן...

שפּעטער, האָט מען אפילו געשמועסט אינדערשטיל, אַז — ער, דער בערענטע, מאַכט איר מתנות פון קראַם, גאַנץ אָפט... איצט, האָט איר קיינער נישט אָנגערירט מער; זיך נישט דערוועגט... אָבער, זי איז זיך אַלץ געזעסן באַ איר אַרבעט, און געשמייכלט צו זיך אַליין. דערביי האָט עס דערווייל געהאַלטן. הגם, איטלעכער אין געשעפט האָט דערוואַרט, אַ ליאַדע טאָג, נייס; און אין טאַזשער, נאָך איידער וואָס־ווען, — האָט מען שוין גענומען קוקן אַף איר בייז און מיט קנאה...

פון צווישן די היזיקע מיידלעך ווידער אין טאַזשער, האָט גענומען ציען אויפמערקזאַמקייט די קליינינקע שוואַרצינקע סעניאָריטאַ אַמאַליאַ — אַ זשוואַווע אַזאַ, אַ באַטעמטע. צו איר, פאַרשטייט זיך, האָט נישט געקאָנט האָבן קיין צוטריט קיינס פון די גרינע אַרבעטער, מיטן קאַפּאַטאַז פּיזשאַק בראש; הגם עס איז זיי אויסגעגאַנגען איטלעכן דאָס חיות נאָך איר. נאָר זי, אַמאַליאַ, ווי קליין זי איז נישט געווען אין וואוקס, — האָט זי געקוקט אַף איטלעכן פון די גרינע — פון אויבן אַראָפּ און, נאָך מיט איר שפּאַניש רעדן דערצו, זיי אָפּגעטריבן פון זיך.

מע האָט געמאָגט זיין זיכער, אַז זי פאַרשטייט נאָך אַ אידיש וואָרט. מע האָט עס דערקאָנט אָן אירע פינקלדיקע בליקן דאַמאָלס, ווען מע האָט אַ רעד־געטאָן צו איר אַפן ג ר י נ ע ם לשון, געוואָלט איר אַ נעם־

טאָן... אָבער זי, די קליינע נערבעניצע, האָט זיך ניט געלאָזן און פלעגט גלייך אָפּענטפערן, מיט פאַריסנקייט:

— קע?... זשאָ סאַי מוי סעריאַ!... (וואָס?... איך בין זייער אַן ערנ־סטע!...) — מיט אַנדערע ווערטער, ווי איינער רעדט: — יונגערמאַן, האָסט נישט געטראָפן דאָס אָרט. פאַרנעם זיך!...

אָט דאָס האַלטן זיך אירס האָט איטלעכן פון די גרינע געקרענקט מכּוח; באַזונדערס, דעם קאַפּאַטאַז פּיזשאַק, דעם אַליינהערשער. נאָר, וואָס האָט מען איר געקאָנט טאָן?... אפשר, מיט דער צייט; וועט קומען איר טאָג...

דערווייל, איז זיך די קליינע אַמאַליאַ געזעסן אין טאַזשער בא דער אַרבעט און געשפּינט אין דער שטיל אירע קאָמבינאַציעס... זי האָט זיך גענומען פאַרקוקן אָפן עלעגאַנטן שעף פון דער זייד־סעקציע, סעניאָר קאַב־לענץ, אַ היזיקער ווי זי. זי האָט געמאַכט צו אים חנדלעך אַזוי לאַנג, ביזקל וואַנען ער, דער שטאָלצער דאָן־זשואַן, דער תמיד־זיכערער אין זיך, — האָט באַוויליקט זיך צו פאַרהאַלטן, אַ ווײַלע... אייגנטלעך, אַז מע וויל זאָגן, — איז ער נישט געשטאַנען אין איר אײַנגאַנצן. זיי, די נייטאָרנס פון זיין סעקציע, די פלאַם־פייערדיקע איטאַליענערקעס, קלעפּן צו אים, ווי בינען צום האָניק אַלציינס — אָ, ווי האָט ער נאָר כּוח צו זיי אַזויפיל!... נישט מער, די קליינע האָט זיך צוגעטשעפּעט, זי לאָזט אים נישט דורכ־גיין, — וועט ער זיך אַ שפּיל טאָן מיט איר. וואָס קאָן עס אים אָרן?...

איינמאָל פאַרנאַכט, איז די סעניאָריטאַ אַמאַליאַ געבליבן שטעקן אין דער קאַליע־געוואָרענער ווינדע, צווישן איין גאָרן און דעם צווייטן. זי האָט גענומען שרייען, רופן נאָך הילף. מע האָט יאַקאַש באַוויזן צו עפענען די טירלעך, איר געפּרוואוט אויסשטרעקן אַ האַנט און אַרויפציען. מע האָט אויך געדעכנט אַראָפּלאָזן אַ שטול, צי אַ לייטערל אַפילו, אַז זי זאָל אַליין אַרויפקומען. נאָר זי, די איינגעשפּאַרטע, האָט זיך נישט געלאָזן... — נאָר קאַבלענץ זאָל קומען, איר העלפן אַרויסגיין!... — האָט זי געבעטן, מיט אַ וויינענדיקער שטימע און זיך פאַרצויגן... נו, האָט איר סעניאָר קאַבלענץ געטאָן די טובה. ער איז געקומען, אַ לאַכנדיקער; זיך־אַרונטערגעלאָזט, אױף אַ לייטער, צו איר אין דער ווינדע; זיך לאַנג מיט איר דאָרט געעסקט, אין דער האַלב־טונקלקייט; דערנאָך, איר אַפּערגעטראָגן פון דאָרטן אויף די הענט. און זי, די פאַרליבטע, האָט זיך געטוליעט צו זיין ברוסט, ווי אַ קינד; מיט ביידע הענט. פאַרוואָרפן אַרום זיין האַלז; און אינגאַנצן האָט זי געשיינט פון גליק...

איצט, האָט די קליינע אַמאַליאַ גענומען פאָדען צו אים, ווי אַ פליגל צום פייער. מע האָט געזען, ווי זי גייט זיך פאַרברענען; און מע האָט איר באַדויערט אַפילו. נאָר, וואָס קאָן מען זיך העלפן? — ליבע, ברודער!...

„און ס׳אַנדערע — האָבן אַרבעטער גערעדט צווישן זיך — אַ מצוה אויף

איר. די צוויג האָט די ווערט דעם שטעקן. נאָך בראַט לאָזט זי נישט צו. האָט זיך איר פאַרוואָלט א סעניאָר קאַבלענץ... נו, אַז דו ווילסט, האָסטו!..."

*

אָפּגעלאָפן די פּריילעכע פּאָר וואָכן, — האָט סעניאָר רובען פּראַנץ צוריקגעקערט פון דער פּראָווינץ — א צעוואַרעמטער אַזאַ; אַזויווי א ווייכגעוואָרענער און א עטוואָס-מידער — פון דער רייזע, נאַטירלעך. אין געשעפט פלעגט מען תמיד מורא-האָבן פאַרן האַרס צוריקקער; ווייל טאָ-מער, חלילה, איז ער אַריין אין קראַם, נישט מיטן רעכטן פוס, — אַזוי איז קיינס פון זיי, די מענטשן, אף א צייט לאַנג, נישט געווען מער זיכער מיטן לעבן... באַזונדערס, האָט מען געקומען ציטערן דערפאַר — אין די לעצטע יאָרן, ווען סעניאָר פּראַנץ האָט נישט אויפגעהערט פּאַכען איבער זייערע קעפּ מיטן שווערדל פון ליקווידאַציע... דאַריבער וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז ווען מע האָט אים דערלעבט צו זעען אין דער גו-טער לוינע, — איז בא אַלעמען אַראָפּ א שטיין פונעם האַרצן...

דאָקעגן, די סעניאָריטאַ ראָזאַ האָט אויסגעזען עטוואָס אָפּגעצערט; און דער בליק אירער — א נאָכטראַכטנדער, א ווייטער... ווען מע האָט זיך געפונען נאָענט פון איר, געפּרוּווט צו איר רעדן, — האָט מען גלייך באַמערקט, וויאַזוי זי באַמיט זיך אויסבאַהאַלטן איר צערייצטקייט, א נער-וועזיטעט; איר אומגעדולד נאָך עפּעס... וויאַזוי זי זעט דאָס אַלץ צו פאַר-דעקן מיט איר שמייכל, וואָס האָט געציטערט אף אירע ליפּן און גע-בלישטשעט אין איר בליק, ווי געבעטן זיך בא יענעם רחמים אין דער שטיל, אָ, מע זאָל איר אויפהערן פּייניקן, איר צורו-לאָזן; ווייל זי, די עלנטע, איז אַזוי אומגליקלעך... בא איר אָפן האַרצן איצט איז אַזוי שווער...

אָט דער אָנבליק אירער האָט אַרויסגערופן בא יעדן אַזויפיל זאָרג... „וואָס איז עס געוואָרן פון אונזער שיינער גוטער ראָזאַ? וואָס האָבן בייזע חזירשע הענט פון איר געמאַכט?!. וועגן קיין חתן, זעט אויס, פאַר איר, איז צו קיין טאָלק נישט געקומען... וואָס-זשע וועט דאָ איצטער זיין?!."

אָבער זי אַליין, סעניאָריטאַ ראָזאַ, ווי געזאָגט, האָט געזוכט, מיט אַלע כוחות, זיך-איינצוהאַלטן; און אים, דעם סעניאָר פּראַנץ, אַרויסגעוויזן נאָר פרייד. זי האָט געשמייכלט צו אים; און זי פלעגט אויפלויכטן, יע-דעם מאָל, ווען ער איז צוגעקומען און גערעדט צו איר. זי האָט זיך פאַר-בלינעט, פון געלעכטער און גליק; און זי פלעגט אים נישט אַוועקלאָזן פון זיך אַזוי גיך... איצט, איז געווען קענטיק, וויאַזוי... זי האַלט אים גע-בונדן; פּראָסט-פּשוט, זי פירט אים אין שפּאַן; זי לאָזט אים נישט אָפּגיין

ווייט פון זיך. נ אָ ר אַרום איר זאָל ער זיך דרייען; כסדר מאַכן קור־צע נערוועזע אומקרייזן; פּרוּוון אַוועקגיין און נישט קענען, נאָר מוזן צוריקקומען, ווערן געקערט און געווענדט פון איר בליק, נישט אַרויס גאָר אײנגאַנצן פון איר מחיצה, פון איר גבול...

ווי אַ שיכורער, איז ער דאָרט אַרומגעלאָפן, דער סעניאָר פראַנץ. ווי אַ פאַרסמטער אַליין, אַזוי ווי אַ געטריבענער. מע האָט געזען, וויאַזוי ער ראַנגלט זיך. ער וויל אַוועק, כּל זמן עס ווערט נאָך נישט שפּעט, ער וועט נאָך באַווייזן זיך צו ראַטעווען. נאָר, ער קען עס נישט טאָן, באין־אופן. ער איז נישט מער האַר איבער זיך. זיין שיכרות־געפיל צו איר דערלאָזט עס אים נישט... אָ, איר זיסער רייץ מאַכט צעגיין זיין ווילן, ווי וואַקס אָפּן פייער... אַזוי ציט אים צו איר, אָן־ווידערשטאַנד מער... אַזוי — גייט ער טאָן איצט, ווי אין האַלב־דרעמלנדן צושטאַנד, אַ שרעקלעכע זאַך... ע ר, ווייסט י אָ, וואָס ער טוט. נאָר, ער ווייסט, דאַכט זיך, נ י ש ט... ער טוט, מיט פאַרשטאַרטע אויגן, איר רצון, איר באַפעל... וועלכעס זי מאָנט בא אים אַזוי שטאַרק... אָ, זי וועט נישט נאָכגעבן מער...

א י ן א י נ ע ם א ט אָ ג ; האָט די בלייערנע בליץ־כמאַרע זיך אַראָפּגעלאָזט, מיט דער גאַנצער פּוריע, אויף דער קראָם מיט אירע עלנ־טע מענטשן... סעניאָריטאַ ראָזאַ איז מער נישט געקומען. מע האָט גלייך זיך דערוואוסט, אַז דער סעניאָר פראַנץ האָט איר ווידער אָנפאַרטרויעט צו גיין איינמאָנען אין אַ באַנק גאָר אַ פעטע סומע, אַ באַרג מיט געלד; און זי... „די קלוגע רויטע גנבטע, אַ מזל איר אין די הענט אַריין, האָט געוואוסט, וואָס זי האָט צו טאָן... זי האָט דאָס בא אים כמעט אַרויסגעפּרעסט, מיט געוואַלד. מע האָט דאָס צוגעזען אין קראָם. פאַר אַלעמען אין די אויגן, איז דאָס געשען... אָ, ער האָט געוואוסט, דער הונט, אויף וואָס ער גייט; און ער האָט געמוזט צאָלן. קיין ברירה נישט געהאַט... איצט, לויפט ער אום, אַ צעקאָכטער; מע זעט, ווי עס טוט אים באַנג. חרטה האָבן ווילט זיך אים; נאָר, ער קען נעבעך נישט — ער איז אַריינגעפאַלן... כאָטש איי־נע האָט געוואוסט, וויאַזוי זיך אָפּצורעכענען מיטן כלב!...“

זינט דעם טאָג, וואָס סעניאָריטאַ ראָזאַ איז נישט געקומען, — איז דעם סעניאָר פראַנץ נישט געווען מער צו דערקענען. אַזוי ווי דער טויט האָט איינגעשלאָגן אין זיין צורה און אים גענומען אומטרייבן, אַ פּירכ־טערלעכן, אַ צעבושעוועטן, פון קראָם — אָפּן דרויסן, און אויף צוריקצו־וועגס. אין געשעפט, אַז ער האָט געלאָזן פאַלן אויף אַ מענטשן זיין בליק, — איז בא יענעם אַנטפאַלן מיטיינמאָל דאָס חיות פון האַרצן; איז ער געבליבן געליימט, איינגעזונקען...

...סעניאָר פראַנץ, דער בלוטיק־באַליידיקטער, דער אַזוי־פּלוצים־לע־קעשעוואַטע־אַריינגענאַרטער, — האָט, מיט זיין אומדערטרעגלעכן בליק, געמאָנט איצט בא אַלעמען יושר, ערלעכקייט, גערעכטיקייט, אָרנטלעכקייט,

אַנשטענדיקייט און מענטשלעכקייט. אָ, ער האָט זיך געשפּירט גרויזאַם גע־שענדעט און באַשפּיגן — אין זיינע איידלסטע מענטשלעכסטע געפילן; אין זיינע צערטלעכסטע אינטימסטע איבערלעבונגען; אָ, אין זיין נאָבעלער טרייער צוגעבונדנקייט צו זיין האַרצנס־באַגערטער, פאַר וועמען גאָרנישט איז אים געווען צו־טייער — אַזוי ליב און איינגעבאַקן אין זיין האַרצן איז זי אים געוואָרן — און ער איז תמיד באַרייט געווען אָפּצולייגן אַלץ אָן א זייט, די דרינגלעכסטע געשעפטן אַפילו, און זיך גיין שפּילן מיט איר, אַזויווי א פאָטער מיט א קינד; איר דריקן צו זיין ברוסט און איר אָפּ־שיטן מיט קושן פון קאָפּ ביז די פיס... און וואָס דען נישט?!. און אַפילו ערשט, ווען זי, די נידערטרעכטיקע, האָט אים אַזוי באַטריגן און אָפּגע־נאַרט; אַזוי — א י ם , דעם ערלעכן און פיינעם מאַן, גענומען און אָף חוזק אַרויסגעשטעלט פאַר דער גאַנצער וועלט, — איז מערקווירדיק, ווי ער קען אָף איר קיין כעס נישט טראָגן — אַזוי ליב און זיס קומט זי אים נאָך אַלץ פאָר, ווי געווען, גאָרנישט געענדערט, אָ, ג אָ ר נ י ש ט ! און ער איז איר ש ו י ן גרייט ווידער מוחל־צו־זיין פאַר אַלץ, — אַבי זי זאָל ווייטער קומען צו אים; עס זאָל אַלעס בלייבן, ווי געווען... ווייל, ער זעט נישט איין אַליין, וויאַזוי ער וועט קענען זיין אָן איר. ער וועט דאָך אויסגיין, פון עלנט און בענקשאַפט צו איר; נאָך איר אָטעם, נאָכן באַריר פון איר לייב, אָ, נאָך איר טייערער זיסער לאַסקע, אָן וועלכער ער וועט שוין נישט קאָנען לעבן מער...

גלייך האָט ער זיך אָנגעשטויסן — אַזוי גרויס איז געוואָרן פלוצים זיין פאַרדאַכט אָף דעם, אַז — זי, דאָס איידעלע קינד, איז אינגאַנצן אומשולדיק אינעם אָפּגעטוענעם. אַז איר אַליין אַפן גדאַנק וואָלט גאָר קיינמאָל אַזעלכס נישט געקומען — ווען מע רעדט איר נישט אָן דערצו. — ווער? — ווער נישט?! מסתמא, איר אייגענע פאַמיליע, די שנאָרערס. וואָס האַלטן א געשעפט, דאָ נישט ווייט, אין דער זעלבער אָנסע־גענגט, און עס האָט זיך זיי פאַרוואָלט פאָזשיווען, מיטיינמאָל רייך ווערן... איצט, קומען זיינע אייגענע, פראַנצס, מענטשן פון דער קראָם, זיינע בלוט־זוי־גער, די שונאים, אַלע יאָרן, וואָס פאַרגינען אים נישט דאָס חיות קיינ־מאָל; וואָס וואָלטן נאָר וועלן זען אָף אים דעם טויט... אָ, זיי, פאַרגע־ווים, האָבן איר, דער האַרציקער און אומשולדיקער, געשטויסן דערצו; און איצט, שטייען זיי אַלע, און קאָרטשען זיך אינעווייניק — פון געלעכטער אָף אים, ה א ? ! — נו, אויב אַזוי, קענען זיי אים נאָך נישט. קיינס קען אים נאָך נישט, ניין. אָבער ער, רובען פראַנץ, וועט ז יי באַווייזן, וואָס ע ר קאָן! אָ, ער וועט עס מאַכן לאַנגזאַם, געלאַסן, מיט א סדר. ער, האָט צייט... צוערשט, דאָס געלט... כ׳מיין, פאַר אַלעם — וועט ער זען באַזייטיקן די שטערונג, כדי סעניאָריטאַ ראָזאַ זאָל גלייך צוריקקערן אין קראָם אַריין... דערנאָך ערשט, אַז אַלץ וועט שוין זיין אָף אַן אָרט, —

וועט מען זיך אַ נעם־טאָן צו אייך, מענטשעלעך מיינע — אָ, גישט גע־זאָרגט!

און שענקענדיק אַלעמען אין קראַם — אויס זיין פּאָזיציע, אויבנאָן, באַם אַריינגאַנג — אַ ווילד־שפּאָטישן בליק, — איז דער שטאָלצער פראַנץ אַרויס אין דרויסן; אַוועק צו דער גאַס, וואו עס האָט זיך געפונען דאָס געשעפט פון סעניאָריטאַ ראָזאַס פאַמיליע. ער איז געגאַנגען אַהינצו, פריש און געשיקט; געפּאַכעט מיט ביידע הענט, און אין געדאַנק פאַר זיך אויס־געלייגט די... קלוגע מיושבדיקע רייד, וואָס ער וועט פירברענגען פאַר זיי אַלעמען, און דער עיקרשט, פאַר איר אַליין, דעם קינד, וואָס וועט אים זיכער פאָלגן, זיי באַפעלן גלייך, מיטן הארבן וואָרט, מע זאָל אים צוריק־געבן, דעם גוטן געטרייען סעניאָר פראַנץ, זיין געלט; און באַלד טאַקע אַפן אָרט — וועט זי אַליין צוריקגיין מיט אים; און אַלעס וועט בלייבן, ווי געוועזן...

נאָר, וואָס נעענטער ער איז צוגעקומען צו יענעם געשעפט, — אַלץ־מער האָט ער געגומען שפּירן, וויאַזוי עס פאַרלאָזט אים זיין מוט, זיין לוויטערקייט און זיין אייגענער גלויבן אין זיך. איצט, האָט ער שוין כמעט גאָרנישט געדענקט דערפון, וואָס ער האָט, אָקאָרשט אפריער, געהאַט אַזוי קלאָר אויסגעשטעלט פאַר זיך צו זאָגן. אַ וואַקלעניש, אַ צעמישונג האָט איב אַרומגעכאַפּט און מיטיינמאָל אים אַרויסגעשטעלט אין די אייגענע אויגן אַזוי נבזהדיק־לעכערלעך און קאָמיש... וואָס טוט זיך עס דאָ מיט אים?! וואוהין גייט ער עס אַצינד, ער, רובען פראַנץ, דער שוטה, און נאָכוואָס? וואָס יאָגט ער זיך נאָכן נעכטיקן טאָג און וויל אים צוריקכאַפּן, אַז ער קען נישט? אָ, צי ווייסט ער דען נישט, אַז אַלץ איז שיין און איידל, ווען עס גייט צו אין דער שטיל, מע הערט נישט, מע זעט נישט... אָט דאָס איז דאָס גליק... אָבער איצט, ווען דאָס פייגעלע איז אַנטלאָפן פון שטייגל, — האַפּט ער נאָך, דער נאַר — עס ווידער צוריקטרייבן אַהין? כדי וואָס? אַז ער זאָל נאָך קומען אַף לייטישע צינגער, מע זאָל אים נעמען קייען און שפּייען אַף אים? וואָס וועט מען זאָגן? „— דער משוגענער סעניאָר רובען פראַנץ, דער גרויסער מעכטיקער גביר און דער פרומאַק, — וויי־מער דאָרט, האָט פאַרפירט עפּעס אַן עסק מיט אַ מיידל באַ זיך אין גע־שעפט... איז יענע, די מויד, קיין נאָר נישט געווען, און זי האָט אים גע־פירט אין באָד אריין — ווי דען? — כאַ־כאַ־כאַ...״

— נו, איצט, סעניאָר פראַנץ, זאָג אַליין — ביזטו שוין צופרידן?...

און ער האָט שווער אָפּגעזיפצט, דער עלנטער פראַנץ, פונעם כראַקע אין צורה, וואָס ער האָט זיך אָקאָרשט אַליין דערלאַנגט. ער האָט פּלוצים צוזאַמענגעבראָכן, ווי אַלע זייני כוחות וואָלטן אים מיטיינמאָל פאַרלאָזט; און ער האָט אַ טראַכט געגעבן זיך נעמען שלעפּן אַף צוריק.

נאָר עס איז אויסגעפאַלן צו־שפּעט. ער איז געווען נאָענט פון יענעם

געשעפט, וואו אף דער שוועל איז געשטאַנען די סעניאָריטאַ ראָזאַ, אַליין...
אַז ער האָט איר דערזען, — האָט ער דערשפּירט, ווי דאָס בלוט לויפט אים אָפּ פון פּנים, פון יעדן אבר. זיינע הענט און פיס האָבן אים גענומען וואַרפן, פאַר שרעק. ער האָט געקוקט צו איר, און איר נישט דערקענט — אַזוי ווילד־צעריצט איז זי אים פאָרגעקומען אין צורה; אין אירע בליקן, וועלכע האָבן געברענט צו אים מיט האַס... אָט, אַ פּנים, זי מוז מיינען, אַז ער קומט איר איצט שטערן אין עפּעס, איר פאַרפאַלגן... „פאַרקערט, טייערע... איך קום דיר איצט בעטן, ד ו זאָלסט מ י ר פאַר אַלעם פאַרציילן... איך בין גרייט, דאָ, פאַר דיר אין גאַס, אַ פאַל טאָן צו דיינע פיס, און שטאַרבן...”

ער האָט געשמייכלט צו איר בלייך־פאַרלוירן; נאָר זיינע געלייטמטע ליפּן האָבן נישט געקאָנט אַפּערברענגען קיין זילב... ער האָט געזען, ווי־אַזוי זי האָט זיך אָפּגעריסן פון דער שוועל; מער ניט אומגעקוקט אף אים; זיך געלאָזן לויפן, ווי אַ שטורעם, מיט דער גאַס, דורך וואַנען ער איז אהער אָנגעקומען, ביז זי איז פאַרשוואונדן...

אַליין נישט ווייסנדיק פאַרוואָס, — איז אים פּלוצים באַפאַלן אַ נייע אומבאַקאַנטע שרעק; אַזוויי זיין האַרץ וואָלט אים איצט עפּעס אָנגעזאָגט נישט־גוטעס... ער האָט זיך אומגעקערט און, מיט די לעצטע כּוחות, גע־פּרוואווט אונטעראייילן זיינע טריט — ער זאָל שוין, וואָס גיכער, זיין אינ־דערהיים...

אַז ער איז אַהין אָנגעקומען, — איז זי, די סעניאָריטאַ ראָזאַ, שוין מער דאָרט נישט געווען — געהאַט אַוועק. נאָר אין שטוב האָט זיך גע־טאָן חושך. די סעניאָראַ איז געלעגן, אַ געחלשטע, אַפן בעט, און לעבן איר איז געשטאַנען אַריבערגעבויגן אַ דאָקטער, וועלכן מע האָט אָקאָרשט גע־האַט אַרויסגערופן דרינגענד, און ער האָט איר געמונטערט... נישט־לאַנג פונעם קימפּעט, — איז זי נאָך געווען שוואַך, זייער שוואַך, די איידעלע סעניאָראַ פּראַנץ; און דאָס בינטל גרוילן, וואָס די אַנגעלאָפענע סעניאָריטאַ ראָזאַ האָט אַף איר אויסגעשאָטן מיטאַמאָל, — האָט איר אינגאַנצן צו־געפּלעטשט...

וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטאָן דערנאָך בחדרי־חדרים, אין די פּאַ־לייען פונעם סעניאָר פּראַנץ, — דאָס אַלץ האָט מען זיך באמת צו האַל־טן בסוד־סודות פאַר די מענטשן פונעם געשעפט. דער סעניאָר אַליין האָט אינגאַנצן געפעלט פון דער קראָם. ער איז פאַרשוואונדן... מע האָט בלויז צוגעזען, וויאַזוי די צוויי גאָטס־גנבים, זאַלצמאַנדל און ספּיוואַק, שושקען זיך בסדר; לויפן אַרויף אין שטוב אַריין, לויפן אַראָפּ גלייך, כּדי אַז באַלד דערנאָך זאָלן זיי באַניים בײדע אַרויפלויפן אַהינצו... וויפל בודניק דער משרת האָט זיך נישט באמת צו דרייען אַרום זיי מיטן בעזים, קערן מיט

האָסט און אויפהויבן אַ פּאָרעך ביז צום דאַך, — האָט ער, דאָס מאָל, גאָרנישט געקאָנט דערגיין; קיין איין ברעקל אַפילו נישט כאַפּן...

אָבער, קוים איז איין וואָך אַריבער, — האָט זיך מיטאַמאָל גענומען שיטן ברענענדיקע נייס, איינס אויף דאָס אַנדערע. צוערשט, האָט מען זיך דערוואוסט, אַז די סעניאָרא, מיט גאָטס הילף, האָט זיך שוין דערהאָלט אינגאַנצן פון דער שרעק, און אַז זי פאָרט אינגיכן אַרויס, מיט די קינ־דער, אין די קאָרדאָבער בערג, אויף אַ גאַנצן זומער... דאָס הייסט, אַז, אייגנטלעך, וואָלט זי שוין געווען אַוועקגעפאָרן. נאָר, עס האַלט איר אויף דאָס, וואָס באַ דער סעניאָריטאַ ראָזאַ, דער לאַנג־יאָריקער קאַסירשע באַ זיי אין געשעפט, דאַרף, היינט־מאָרגן, זיין די תנאים, מיט מזל; און, אַזוי ווי, מע איז שטיקלעך מחותנים אויף דער שמחה — זיי, די פראַנצס, האָבן זיך תמיד פאַרהאַלטן פריינטלעך מיט דער כלהס פאַמיליע און טאַקע געהאָלפן אויסזוכן פאַר ראָסיטאַן איר באַשערטן, איינעם, אַן אײַדעלן יונגנמאַן, אַ גרינעם אַפילו, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן אין זייער שוי־לעכל „שערי־ישראל", און די פראַנצס שטיצן זיי אויך מיט אויסשטייער פאַרן זיווג, — לכן, קאָן מען נישט אָפּזאָגן די ביטע פון דער כלה דער יתומה נעבעך, צו באַשיינען איר די לאַשטשענעס, בייצוזיין די תנאים...

און אַזוי איז צוגעגאַנגען. אין עטלעכע טעג אַרום, זענען צושטאַנד־געקומען די תנאים. די הויפּט־געסט זענען געווען סעניאָר פראַנץ מיט דער סעניאָרא; דער פערענטע זאַלצמאַן מיט זיין סעניאָרא, דער מחותן ספּי־וואַק מיט דער סעניאָרא; און נאָך זיי זענען געקומען די עשרה בטלנים פונעם „שילעכל. אַלץ האָט געשאַפן דעם איינדרוק, אַז די שמחה איז אַן אייגענע, ווי פון דער זעלבער משפחה. די כלה, האָט מען איבערגעגיבן, האָט געשיינט, ווי די שכינה. די סעניאָרא פראַנץ, די נגידת־טע, וועלכע שעמט מיט איר גאָלדן האַרץ, — האָט אַליין אָנגעטאָן דער כלה אויפן האַלז איר בראָש מיט פּערל, איר אַ קוש געטאָן אין קאָפּ און זיי איר געשאָנקען אַ מתנה. דאַן, האָט זיך די כלהגיר־קרוין צעוויינט; ניין, זי האָט זיך צע־קלאָגט אויפן קול, די עלנטע יתומה נעבעך; זי איז צוגעפאַלן צו איר, דער גוטער גבירנטע; איר געקושט, ווי אַ מאַמען אַלציינס, און מע האָט איר גאָרנישט געקאָנט אָפּרייסן. די איבעריקע ווייבער אַרום, אויף איר קוקנ־דיק, האָבן מיטגעוויינט... אין אַלעם אַנדערן ווידער, איז די שמחה צוגע־גאַן גאַנץ פריילעך; און די לוסטיקע חברה בטלנים האָבן שפּעטער צע־רוקט די טישן, געזונגען און געטאַנצט ביז טאָג... אַזעלכע גרויסאַרטיקע, אַזעלכע פייערלעכע תנאים האָט מען שוין לאַנג באַ אידן־גבירים אין ב. איירעס נישט אָנגעקוקט...

באַלד דערנאָך, עס איז געווען אָנהויב פעברעראַ; האָט זיך פאַרנומען די סעניאָרא פראַנץ, מיט די קינדער און מיט דער דינסט. און אָפּגעפאָרן, ווי עס איז געווען באַשטימט, ביז צו ענדע זומער, קיין קאָרדאָבאַ.

דאָס אַלץ, וואָס איז אויבן געבראַכט געוואָרן, איז צוגעגאַנגען אַזוי שנעל, — אַז מע האָט זיך קוים געגיבן רעכענונג דערפון. איצט, איז מיטיינמאָל געוואָרן שטיל, ווי נאָך אַ שטורעם.

אין קראָם האָט זיך ווידער באַוויזן דער סעניאָר פראַנץ. ער איז געווען שטאַרק אָפּגעצערט און... אינגלש. זיין נאָז איז פאַרגעקומען מוראָדיק גרויס און אַזוי־ווי אונטערגעהאַנגען. אַזעלכן, האָט מען אים דאָ קיינמאָל נישט געזען. זיין פּנים, די בליקן, די ליפּן, — אַלץ איז געבליבן שטרענג פאַרשלאָסן. ער איז אומגעגאַן, לאַנגזאַם און שווער, איבער דער קראָם; נישט געקוקט אין קיינעמס זייט... ווי אויסגעמיטן צו פאַרבלייבן לאַנג אויף יענעם אָרט, לעבן דער טיר, וואו די בליענדע סעניאָריטאַ ראָזאַ איז אַזוי־פיל יאָרן געשטאַנען און געשיינט און געשמייכלט מיט איר גראַציע...

גיין, איצט, האָט אים קיינס נישט פאַרשטאַנען מער, דעם פּלוצים־פאַרייניזאַמטן נגיד מיטן צעבראָכענעם האַרץ. ער איז פאַרגעקומען רעטזעל־האַפט, אַ רעטעניש; און מע האָט זיך געשראָקן, אַז, גאַנץ פּלוצים, קאָן פון אים אַרויסשפּרינגען דאָס ערגסטע... אָ, אַז דער שטורעם איז נאָך ווייט נישט אַריבער...

די זאָרג איז געווען אַ אַלגעמיינע. עס האָבן אַפילו גענומען איבער־קלערן אַזעלכע צוויי טייז, ווי דער כערענטע זאַלצמאַן און דער מחותן ספּיוואַק... ווער נאָך, ווי זיי, האָבן אַזוי גוט געקאָנט אַלע פאַרבאָרגענע גענג פון זייער צעדרייטן פּרינציפּאַל, און דערפאַר האָבן זיי געהאַט אַ גרונד מורא־צו־האָבן, אַז איצט, מיטן אוועקגיין פון דער סעניאָריטאַ ראָזאַ — זאָל זיך דאָ, חלילה, מיטאַמאָל נישט נעמען אַלץ איינברעכן...

„— ...אַ קשיא אויף אַ מעשה — האָבן זיי זיך געשושקעט צווישן זיך בחפּזון — אַז וויבאַלד ער לאָזט זיך גאָרנישט רעדן איינגאַנצן, — איז דאָך, מיט אַן אמת, פּאַסקודנע?!.״

און זיי זענען ביידע געבליבן שטיין, פאַרקלערט...

איינמאָל אינאָוונט; אַז די אַרבעטער זענען אַראָפּ פון טאַזשער, מיט די שטיינערנע טרעפּ, זיך געלאָזן גיין אַהיים, — זענען אויסגעוואָקסן דאָרט, אין דער מיט קראָם, דער כערענטע זאַלצמאַן מיטן מחותן ספּיוואַק, און זיי האָבן פאַרפירט אַ געשפּרעך מיט דער הויכער בלאָנדער יענטל און מיט דער קליינינקער שוואַרצינקער סעניאָריטאַ אמאַליאַ. ביידע מיידלעך האָבן געלאַכט, פון צופרידנהייט, וואָס מע טיילט זיי צו אַזויפיל כבוד. יענטל די פולע האָט געבלישטשעט מיט איר בלאַנקנדן מויל קרעפּ־טיקע ציין; און די זשוואַווע אמאַליאַ האָט געקלונגען מיט איר קעלעכל, ווי אַ גלעקעלע...

איצט האָט עס געהאַלטן דערביי, קענטיק, אַז די גליק־חלומות פון ביידע מיידלעך זאָלן מקוים־ווערן. יענטל, ווי מע האָט אַרויסגעזען, האָט נישט געטרוימט פון קיין גרויסע זיבן זאַכן. נישט קיין איבערגעשפּיצטע,

און א גרינע דערצו, — האָט זי אינזינען געהאַט בלויז דעם פּרעס, און געוועזן א קנאַפּע איבערקלויבערן... דאַרומער, ווען דער סעניאָר זאַלצמאַן האָט איר איצט אָנגעזאָגט די בשורה, אַז... מעגלעך, פון מאָרגן אָן — אַזוי ווי דער סעניאָר רובען פראַנץ איז געבליבן אליין, און מע דאַרף באַ־אַרבעטן אַזאַ שטוב — וועט זי מוזן אוועקלייגן די אַרבעט אין טאַזשער אָן זיך נעמען פאַרדערפאַר, — האָט זי אויפגעשיינט, פאַר גליק, און א קוק געטאָן צום כערענטע, מיט אַזויפיל דאַנקבאַרקייט אינעם בליק, — אַז עס האָט זיך אויסגעדוכט: ווען מע איז נישט צווישן מענטשן, — וואָלט זי אים ערשט אויסגעקושט יעדן אבר... זי האָט געוואַרט, און זיך דער־וואַרט. מער האָט זי נישט באַדאַרפט.

גאַנץ אַנדערש האָט מען געדאַרפט צוגיין צו דער היזיקער סעניאָרי־טאַ אַמאַליאַ. זי איז געוועזן א קלוגיטשקע, און אפילו געשפּילט א ליבע מיטן שעף פון דער זייד־סעקציע, מיט קאַבלענצן... אָ, זי האָט זיך גע־וואָרפן אין אַלע זייטן, די קליינע, געכיטרעוועט, קאָמבינירט; און מיט אַזעלכע מוז מען גיין פאָרזיכטיק... אַז ס'זאָל זיך נישט איבערחזרן אַמאָל די זעלבע געשיכטע, ווי מיט דער סעניאָריטאַ ראָזאַ...

ווי מע זעט, איז דאָ דער ענין געוועזן העכסט־פאַרוויקלט און פאַר־פּלאָנטערט... פון איין זייט — א מיידל־אַ טאַמעלע, אָבער — א גרינע, א ווילדע; נישטאָ, מיט וועמען א וואָרט אויסצורעדן... פון דער אַנדערער זייט — א מויד־אַ צימעס, נאָר — א היזיקער טשוואָק. גיי, פאַרלאָז זיך אָף זיי ווידער, אַז מע האָט זיך אָקאָרשט מיט איינער אָפּגעבריט...

עס איז געבליבן דאַרום, אַז דעם דאָזיקן פּלאָנטער זאָל אויפוויקלען נישט קיין אַנדערער, ווי סעניאָר פראַנץ אליין. נאָך אַלעמען, ווערט דאָך אַלץ געטאָן פאַר זיין טובה וועגן...

די צוויי אידן, זאַלצמאַן און ספּיוואַק, זענען נאָך לאַנג געשטאַנען אָפן זעלבן אָרט אין קראָם, געשפּאַסט מיט די מיידלעך, און די לעצטע האָבן אָנגעקוואָלן. ביז מע האָט שוין גענומען פאַרמאַכן דאָס געשעפט. צייט געוועזן אהיימצוגיין. פאַר דער טיר פונדרויסן האָט מען זיך באַנייס פאַרהאַלטן. דאָרט האָט זיך אומגעדרייט, א פאַרטראַכטער, דער פּרינצי־פּאַל; און דער כערענטע זאַלצמאַן האָט פאַר אים גענומען אויסלייגן דעם פּלאַן. דערביי, האָט ער געריבן ביידע הענט איינאַנדער, זיך געבויגן פאַרן באַלעבאָס, אים געפּרואווט פאַרקוקן אין די אויגן מיט הכנעה, כאַפּן יע־נעמס בליק, צו דערגיין, אויב עס געפעלט אים; אָ, איין אויפּלויכטנד פּלעמל אינעם האַרם אויג — און אַלץ איז באַנייס געראַטעוועט... און אינ־גאַנצן האָט ער אויסגעזען דאַמאָלס, דער כערענטע, אין זיין האַלטונג, ווי אַן אָפּגעשלאָגענער אויסגעדאַרטער פוקס שטייט, אַן אויסגעווייקטער, א טרויעריקער, אונטער א גאַס־רעגן, און בעט באַ דער וועלט רחמים...

...דער אמת איז געווען דער, אַז מע האָט געדאַרפט ביידע מייד־

לעך: איינער — צו דער קיך, זיבער; און דער אנדערער — אלס קאסיר־שע... ווער־זשע קען אבער קאווירן, אז די קליינע אמאליא וועט זיך אויס־טויגן?

ביידע מיידלעך זענען איצט געשטאנען פארן פרינציפאל, זיך גע־הנדלט מיט זייער שמייכלען און געקוקט אים אין מויל אריין, נישט דורכ־צולאזן א ווארט. נאר ער האט זיך געוויזן אזוי צעשטרייעט, — אז ער האט, דאכט זיך, גארנישט געזען פאר די אויגן...

— ...דאך, וואלט מען געקאנט מאכן א פראבע... — האט סעניאר פראנץ פארגעזעצט, מיט א געניץ, אויס מידקייט, א ודאי, פונעם טאג — עס וואלט נישט שאדן, אז, מארגן־פארפרי, זאל זי ארויפקומען, אמא־ליא, אין שטוב אריין נאך די שליסל, אף צו עפענען די קראם... וועט מען איר פרואוון צואווייזן...

— וואס־דען? וואו־דען?!... — האט אויסגעפראלט פלוצים, מיט האסט, דער אלטער מחותן ספיוואק און צעפירט מיט ביידע הענט אזוי־בהרחבהדיק, — ווי ער וואלט זיך געקליבן אומארמען די גאנצע וועלט. דאך, האט דאס געניצן פונעם פרינציפאל אים געשטעלט פאר א געפער־לעכן נסיון. ער אליין איז געווען מיד פונעם טאג און פון די אלע קלא־פאטן און זארג פון דער לעצטער צייט... א קלייניקייט, וואס דא האט זיך עס אפגעטאן אביסל! געפאכעט מיט דער נשמה — אלע... איצט, אין דער מינוט פון אנטשפאנונג, האט דער אלטער געחלשט א געניץ־טאן, אז ער האט געמיינט — ער גייט אויס... נאר, ער וועט דאך זיך נישט גיין דער־וועגן עס צו טאן — פאר די אויגן פונעם האר. לכן, איז ער געבליבן שטיין אף זיין ארט, און געמאכט קונצן מיטן מויל, און געפינטלט מיט די קליינע אויגן, אזוויו איינער, וואס האלט אין שלינגען א הייסן געבראטענעם קארטאפל, וועלכער שטעקט אים אין דארט אין דער קעל און ווערגט אים...

ענדלעך, האט מען דערלעבט די מינוט, ווען סעניאר פראנץ, א מי־דער, א טרויעריקער, — האט באוויליקט צו פארלאזן דאס געשעפט, ארויף צו זיך אין שטוב אריין.

אינגאנצן רואיק אבער האט מען נאך נישט געקענט פארבלייבן, דאס מאל. עס איז זיי נישט געפעלן ביידן עפעס זיין טרויער, דעם הארם, נישט זיין איבערמאסיקע מידקייט... און אין דער צייט, וואס דער אלטער מחותן האט איצט געקאנט געניצן, וויפל זיין הארץ גלוסט, און זיך געפאטשט איבערן מויל, פאר לאנגווייל, — האט דער בערענטע זאלצמאן דערוויל זיך געוואשן די הענט אין ערגעץ, אנגעטאן אפן קאפ די יארמלקע מיט דער שליאפע פונויבן, איבערגעבונדן מיטן גארטל דאס רעקל איבער די לענדן, אריינגעשפארט אן ארבל אין א ארבל, אנגעשטעלט א פרומע הכנעהדיקע צורה, זיך גענומען שאקלען אף אן ארט און זאגן אפן קול:

— אשרי האיש, אשר לא הלך בעצת רשעים...

אזוי — קאפיטל נאָך קאפיטל... ער האָט אָנגעהאַלטן, אַ לענגערע ווײַלע, אַליין דאָס תהילים־זאָגן. ביז עס האָבן זיך גענומען צונויפזאַמלען פונעם שילעכל די עשרה בטלנים, די שומרי ישראל. געקומען איז מען לער־נען אַ בלאַט־גמרא, סתם בטלנען. נאָר, דערזען ר׳ זאַלצמאַנען אין אַזאַ לאַ־גע, — האָט מען גלייך אָנגעשמעקט די געפאַר, און גענומען ראַטעווען דעם שווערן וואָגן — בציבור. אין אַ ווײַלע אַרום, האָט די גאַנצע ריזיקע קראָם געשטורעמט אין געוואַלד — פון דער עדה אידן, וואָס האָט תפילה געטאָן צום הימל — ער זאָל זיך מרחם־זײַן...

*

אפן אַנדערן טאָג גלייך, האָט זיך די קליינע אַמאַליאַ אָריענטירט און אָפּגעשטעלט אַלע מערכות מיטן סעניאָר קאָבלענץ... אַז, ווײַבאַלד ער האָט איר, סײַ־ווי, נישט ליב; כּסדר, די גאַנצע צײַט, זיך מיט איר געוואָרפן. איצט, אַף וואָס באַדאַרף זי אים?...

אין טאַזשער ווידער, איז מען צעפּענקעט געוואָרן פון קנאה צו איר; דער עיקרשט — די ווײַבער. מע האָט איר גאַרנישט געקאָנט פאַרגינען דאָס גליק. אָבער אויך די מאַנסבילן זענען אומגעגאַן אַף איר, מ י ט אַ ז אַ ה אַ ר ץ — פאַרדערפאַר, וואָס זי האָט זיי פּלוצים אויפגעהערט צו דערקענען קיינס, און בעת זייער פאַרבײַגיין די קאַסע אין קראָם — באַם קומען צו דער אַרבעט און באַם אַוועקגיין — דאָרט, וואו זי איז גע־שטאַנען, — האָט זי אַוועקגעקוקט אָן אַ זײַט, די כלבטע, נישט געענטפערט אַף יענעמס באַגריסונג... דאָס האָט אַלעמען אונטערגעצונדן. מע האָט איר געשאָלטן, הינטער די אויגן, און באַליידיקט מיט מיאוסע רייד; געוואָלט אָנרופן די זאַך באַם נאָמען, נאָר זיך נישט דערוועגט — אויס מורא פאַרן באַלעבאָס... לכן, האָט מען געבּרעשעט, גלאַט אין דער וועלט אַריין; און דער קאַפּאַטאַז פּיזשאַק האָט געטרייסלט מיטן קאָפּ; ער האָט אָפּן גע־דראָעט, אַז — ווײ וועט זײַן צו איר! סיידן, זי וועט נישט אַריינפאַלן מער צו אים אין די הענט אַריין. וואָרום, אַף יענעם טאָג איז ער איר נישט מקנא!

*

אַט דער טאָג, איז געקומען אַסאַך גיכער, ווי מע האָט זיך געקאָנט ריכטן.

דעם ערשטן פרייטיק אינדערפרי, האָט זי געדאַרפט אַרויפקומען אין טאַזשער, אויסצאָלן די אַרבעטער — פאַר דער וואָך שכירות. אַרויסגייענ־דיק פון דער ווינדע, — איז זי גלייך אַריבער אַף דער צווייטער העלפט

טאַזשער, וואו עס זענען געלעגן אָנגעהויפנט די בערג פּוטערוואַרג; דאָרט האָט זי זיך איינגעאָרדנט אַף אַ טישל, און באַפוילן יעדן אַריבערקומען צו איר, אָפּנעמען זיינס, ווייל — ז י , וועט דאָך נישט גיין אַריינקריכן אַהין — אי ן י ע נ ע ם ס ע ר ווי ס י אַ . . . (בית־הכסא.)

אירע ווערטער האָבן אַלעמען גוט געבערענט. אָבער מע האָט זיך איינגעהאַלטן, צוגעגאַנגען צום טישל, גענומען דאָס געלט. דערביי, גלייך ווי גאָרנישט, געפּרואווט פאַרוואָרפן מיט איר אַ וואָרט, מיט דער נעכטיקער חברטע; אפשר דערגיין — וואָס האַלט זי זיך אַזוי די גרויס?!. נאָר זי, דאָס גיפטיקע שלענגעלע, איז פאַרבליבן ווילד־אָפּגעפרעמדט ווי פריערט; אפילו נישט קיין קוק געטאָן צו דעם, וואָס רעדט צו איר...

— זשאַ סאַי מוי סעריאַ!... — האָט זי געשנורעוועט די ליפּן, און דאָס איז געווען איר איינציקער ענטפער אַף אַלץ. זי האָט צונויפגענומען אירע זאַכן און גלייך אַראָפּ מיט דער ווינדע — אפילו אָן אַ זיי־געזונט...

...דערפאַר האָט, צו די געציילטע טעג אַרום, מיט איר פּאַסירט דאָס גרויסע בראָך. נישט זי האָט געוואוסט, זיך־געריכט אַף עפּעס. גאַנץ־פרי, ווי עס איז שוין געווען באַ איר אַ געוואוינהייט, — איז זי צוגעקומען צו דער קראַם — די ערשטע, און זיך געלאָזן גיין צום סעניאָר פראַנצס פּריוואַטער וואוינונג, נאָך די שליסל... נאָר דאָרט, באַ דער טיר, האָט איר שוין אָפּגעוואַרט דער כערענטע זאַלצמאַן. ער האָט געריבן אַ האַנט־אָן־אַ־האַנט, פאַר נערוועזיטעט; איבערגעשטעלטביידע פיס אַף איין אָרט, פּוק־סיש צו איר געשמייכלט, געהויבן מיט די שמאָל־פאַרשפּיצטע אַקסלען; איר אויסגעטיילט די שלעכטע בשורה, אַז — „...אַזוי און אַזוי... סעניאָר רובען פראַנץ דאַנקט איר פאַר אַלץ. נאָר, פון אַצינד — אַזוי ווי עס שטעלט זיך דער סעזאָן, ס'פעלן אוים הענט אין טאַזשער, — מוז זי, דערווייל, צוריקגיין צו דער אַרבעט... שפּעטער, איז גאָט אַ טאַטע... נישט גע־זאָרגט, סעניאָריטאַ אַמאַליאַ... עסטאַמאָס?...”

און ער האָט זיך אַוועקגעקערט פון איר, דער גוטער האַרציקער זאַלצ־מאַן; נישט געקאָנט צוזען איר צער...

אַ דערשלאָגענע צום טויט, איז זי געקומען צוריק אין טאַזשער. זי האָט זיך געוואָלט זעצן אַף איר אָרט; נעמען צוריק צו איר אַרבעט. נאָר, עס איז נישט געגאַנגען. דער וואָלף פּיזשאַק, ווי נאָר ער האָט איר דער־זען, — האָט ער איר גלייך צוגערופן. ער האָט איר לאַנג געלאָזן שטיין פאַר זיך, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן בליק; איר אָנגעקוקט...

— ...איצט, מיידעלע, וועסטו מוזן קירצן דאָס קליידעלע... — האָט ער זיך איזדיעקעוועט איבער איר, לאַנגזאַם, מיט הרחבה; זיך־באַלעקט באַ־צייטנס מיטן פאַנג, וואָס פאַר אים; וואָס וועט זיך שוין מער פון זיינע לאַפּעס נישט אַרויסגליטשען. הייינט, טאָ וואָס האָט ער קיין צייט נישט?... לאָמיר זיך שפּילן נאָך אַביסעלע, כע־ע־ע...

דער גאַנצער טאַזשער אַרום האָט געשוויגן, בשעת דער סצענע — אַזוי גרויס איז געווען באַ אַלעמען די איבערראַשונג, די געפּלעפּטקייט. נאָר באַלד זענען אונטערגעקומען צום קאַפּאַטאַס טיש ליאָווקע און אַסלע דער שוואַרצער. דער ערשטער האָט זיך פאַרהאַלטן רואיק, ווי זיין שטייגער איז געווען. ער האָט געקוקט אויף די פרויען אין טאַזשער — מעשה פּאַכ־מאַן, דאָס הייסט — ער האָט אַפּגעוואויגן באַ זיך אין געדאַנק דעם ווערט פון יעדער איינער פאַרן פאַך. מער איז אים נישט אָנגעגאַנגען. אויך איצט איז נישט געווען אַנדערש. ער האָט געקוקט אַפן מיידל — ערנסט־באַ־זאַכט; איר געמאָסטן, מיט זיין בליק, פון קאָפּ ביז די פיס, נאָר זיך גאָר־נישט אַפּגערופן... אָבער אַנדערש איז צוגעגאַן מיט אַסלען. ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן מער; איר דערלאַנגט אַן אויסגעוואָזיעטע האַנט צום באַגריסן; איר געפרעגט, וואָס זי מאַכט, ווי זי פילט זיך און — צי איז זי נאָך אַלץ אַזאַ „סעריאַ”, ווי געווען?...

עס איז געבליבן באַ די דריי, דאָרט באַם טיש, — אַז — היינט, דעם גאַנצן טאָג, זאָל זי שוואַרצן דערוויילע קראַגנס, און ווייטער, וועט מען זען...

אַזוי איז זי אַפּגעשטאַנען, יענעם גאַנצן טאָג, די געבראָכענע סע־ניאָריטאַ אַמאַליאַ, און געשוואַרצט די קראַגנס פון טאַזשער. זי האָט זיך אַליין אויסגעוואָזיעט. ווי אַ רוח, און אַריינגעוויינט אירע עלנטע ביטערע טרערן אין דער שוואַרצער סאַדזשע אַריין. נאָר, פּראָטעסטירן איז נישט געווען צו וועמען. אַרום איר לייב האָט ערשט געבושעוועט די טעמפּע שוי־דערלעכע העצע פון אירע פייניקער, די וויסטע נקמה־נעמער אָן־איר — פאַר איר אייגענער קינדישער פּאַרסנקייט...

*

דער סעניאָר רובען פראַנץ ווידער האָט געטאָן אַצינד, אַזויווי זיין ערלעכער געוויסן האָט אים געראָטן. ער האָט זיך אַפּגעבריט אַפן הייסן, און ער האָט שוין געציטערט פאַר די היזיקע — אימת־מות... „זיי קריכן דיר אַריין אין די ביינער, מיט זייער פאַלש זיס געלעכטערל, אַז — דער־נאָך, קאָנסטו גאָרנישט זיך אויסקויפן באַ זיי... אַ, ער האָט שוין געוואוסט, רובען פראַנץ, אַז — קיין ליבע אויף דער וועלט הערשט נישט מער; אַז אַלעם איז ליגן און בעטרוג, קויף און פאַרקויף, אַזויווי אַלץ, אויף דער זינ־דיקער ערד... און אַז פאַר אַזעלכע איידעלע הערצער, ווי זיינס, וואָס גייען אויס נאָך אַביסל אמתער דערהויבענער ליבע, — איז דאָס פאַרשיווע לעבן — אַן אַפּקומעניש בלויז... „לכן, טאָר מען קיין סאַך נישט פאַרלאַנ־גען — דו הערסט, רובען פראַנץ? מיט אַביסל מוזסטו זיך באַניגענען, פון היינט און ווייטער, אַבי דעם אומעט צו פאַרטרייבן...”

ער איז עטוואס געעלטערט געווארן, דער סעניאר רובען פראנץ, פון די לעצטע איבערלעבונגען. נאר, צו גלייבער צייט, האט ער געשפּירט, ווי ער איז אפּער פון דעם אלעמען — א געלייטערטער, געשטארקטער און דערהויבענער... „דאס לעבן דערלאנגט קלעפּ, און עס ווארנט. לאמיך זיך צוהערן צו דעם, וואס דאס לעבן רעדט...”

...ער האט געקוקט אף דעם ווילדן גרינעם מיידל, דער יענטל פון קיך, וועלכע האט געשמייכלט צו אים — אזוי נאריש־אומגעלומפּערט... פאר זיין דמיון האט פלוצים דורכגעקרייצט, ווי א בלוטיקער חלף, יענע, די רויט־האריקע פלאטער־וויזיע... אים א פאכע־געטאן איבערן הארצן — אזש ער האט זיך איינגעקארטשעט פון פיין. ער האט שווער ארויסגעקרעכצט...
„ווי איז צו דיר, אלטער פראנץ דער נאר, צו וואס דו האסט דערלעבט!...”

7

אין די ערשטע טעג פון מאַרסאַ־מאָנאַט, גלייך נאָך קאַרנאַוואַל, ווי נאָר עס האָט געכאַפּט קילער און עס האָט זיך געשטעלט דער סעזאָן פאַר פוטערוואַרג, — האָט די אַרבעט אין טאַזשער זיך גענומען צעפּלאַקערן מיט אַ פרישן ברען. מע איז דורכגעקומען מיטן באַלעבאָס, אַז מע זאָל שוין צוטרעטן צו אַרבעטן איבערשאָען, ביז האַלבער נאַכט, כדי צו קענען אַרויספּאַרטיקן די גרויסע לאַגערן סחורה, וואָס מע וועט דאַרפן וואַרפן אַפן מאַרק, גאָר בקרוב, נאָך נועווע־דע־כוליאָ, ווען עס הויבט זיך אָן יענע פיבערדיקע צייט פון קויף־און־פאַרקויף איבערן גאַנצן לאַנד; און בהדרגה־דיק, וועלן די איבערשאָען פאַרלענגערט ווערן ביז העט טיף אין דער נאַכט אַריין...

איצט, האָט מען אויך געדאַרפט אָנשטעלן נייע אַרבעטער, דער עיקרשט — פרויען, וואָס זאָלן זיך אויסטויגן צום אונטערגעניי פון די פאַרשיידענע סאָרטן פוטער.

צווישן די פריש־אָנגעקומענע, האָט זיך גלייך גענומען וואַרפן אין די אויגן די עלעגאַנט־געקליידעטע מיטלוויקסיקע שיינע ברונעטן, מירל בלומענפעלד. זי האָט געצויגן אויפמערקזאַמקייט מיט איר נעטן אויסזען פון אַ גרויס־שטאָטישער יונגער פרוי, בסך־הכול אין די דרייסיקער, וועלכע האָט געוואוסט זיך צו האַלטן מיט גרויס ווערדע, אום אַרויסצורופן באַ יעדן רעספּעקט; און מיט איר קאָרעקטן באַנוצן די לאַנד־שפּראַך, ווען מע דאַרף, — האָט זי זיך גלייך געשטעלט מיט אַ קאָפּ העכער פון אַלע ווייבער אַרום איר אין טאַזשער. זי האָט אָנגעמאַכט פוראָר אין דער גאַנצער קראָם. יעדעס מאָל, ווען זי פלעגט פאַרבייגיין, באַם קומען און אַוועקגיין פון דער אַרבעט, — האָט מען איר נאָכגעקוקט. אַזויווי מיט ערפוכט; פונקט ווי אַ ראַשיקע פאַווע האָט אָקאָרשט פאַרבייגעשוועבט, מיט איר גלענצנדער אויפגעבלאָזענער פּראַכט; און די היזיקע יאַטן פון דער קראָם פלעגן — דערנאָך, אַז זי איז שוין געהאַט פאַרשוואונדן, —

זיך נעמען אזש איבערווינקען צעשמייכלט, און געהיימנישפול־ פילבאַדייטנד צוגעסווּסטשעט, פאַר באַגייסטערונג...

ווער איז זי געווען, אַט די פּרעכטיקע פרוי, און ווי קומט זי בכלל אַהער? — ווען דעם האָבן געוואוסט אַלע דער שווארצער, ליאָווקע; נאָר דער עיקר — דער קאַפּאַטאַז פּיזשאַק אַליין.

*

מירל איז געווען מיט אים פון איין שטאָט. זיי האָבן זיך נאָך גע־קאָנט פונדערהיים. ווען זי פלעגט אַריינקומען צו זיי אין שטוב אַריין, געווען אַ חברטע פון זיין ווייב, זשעניע...

...זי, מירל, האָט געלעבט זייער שלעכט מיטן מאַן, גלייך פון נאָך דער חתונה אָן. דאָס האָט פּאַסירט נאָך מיט אַזעלכע פופצן־זעכצן יאָר צוריק, בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין פּוילן, אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה. מירל, אַן אָרעמע יתומה, אָן אַ טאַטן, — האָט געלעבט מיט דער קראַנקער מוטער, ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן שטיבל; מע איז אויסגעגאַן פון הונגער...

...זי, דאָס פופצן־יאָריקע קינד, האָט פאַרשיינט די גאַס מיט איר שיינקייט. עס האָט זיך אַף איר לאַקאָמעט נישט קיין אַנדערער, ווי יאַנקל לאַפּקין, דער רייכסטער שפּעקולאַנט באַ די דייטשן; און ער איז געווען עלטער פון איר בסך־הכול מיט צוויי צענדליק יאָרן. אַף אים אַליין האָט זיך עס נישט אָנגעזען; אַזוי דיק און שיין איז ער פאַרגעקומען, אַ הויכער, אַ בלאָנדער, באַ זיינע פינף־און־דרייסיק. ער האָט אויסגעזען אַסאַך אינ־גער פון די אייגענע יאָרן. נאָר אַז מע פלעגט זיי זעען צוזאַמען, — האָט זיך גלייך געוואָרפן אין די אויגן דער זגנאַר, די אומגלייכהייט צווישןביידן, דאָס נישט פּאַסן זיך לחלוטין איינס פאַרן אַנדערן, דאָס לגמרי נישט אָנגעהערן זיך צו־אַנאַנדער; ווייל מע האָט איר, אין בעסטן פאַל, גע־קאָנט אָננעמען פאַר זיינס אַ קינד... דאָך איז ער געבליבן פאַרבלענדעט אין זיין ליבע, דער אַרויפגעאַרבעטער און איינגעשפּאַרטער לאַפּקין, וועל־כער איז געווען געוואוינט, אין יענע מיזעראַבעלע צייטן, ווען אַ וועלט האָט זיך געבאָדן אין נויט און אין פּיין, — אַז ע ר זאָל זיך אַלץ נאָכ־געבן, וויבאַלד אַז דאָס מזל האָט אים צוגעשפּילט און ער קאָן... געלעבט האָט מען אין אַ צייט, ווען קיינער האָט נישט געקאָנט קאַווירן, וועמעס מאָרגן עס איז... וואָס עס רוקט זיך אַף דיר אָן, פון דער פינצטער — אין אַ שעה אַרומעט... עס הערשט איבעראַל טויט און פאַרוויסטונג. אים אַליין, לאַפּקינען, האָט עס דערווייל אויסגעמיטן. ער, דער נעבעכטיקער אָרע־מאַנסקע אינגל פון שטאָט, — איז היינט שטיין־דייך. עס האָט אים צו־געדינט, און עס גייט אים, קיין עין־הרע, דורך טיר און דורך טויער; היינט,

וואָס־זשע האָט ער צו זאָרגן? — כאַפּ דעם ביסן, ברודער, כּל זמן עס לאָזט זיך; און ווייטער — פייף אַף דער וועלט!

...ער האָט זיך אויסגעלאַכט, דאַרומער, לאַפּקין, ווען חברים פון שטאָט האָבן אים געוואָרנט, אַז עס איז נישט פאַר אים קיין פּאָר; עס גלייכט זיך נישט; אַז ער וועט מאָרגן חרטה־האָבן; עס וועט אים האַרציק נעמען באַנג־טאָן דאָן, ווען עס וועט שוין זיין צו־שפּעט, אַף צו גיין כאַפּן צוריק... ער האָט געלאַכט, און ער האָט גענומען טראָגן אהין, אין דער פאַרהונגערטער שטוב אריין, פון כּל־טוב: עסן און טרינקען פאַר דער מו־טער און דעם מיידל; ער האָט געלאָזן געלט, אַף אַרויסגיין אין גאַס אריין, איינקויפן אַלץ, ווי בא לייטן. ער האָט אָנגעהויבן ברענגען ספּעציעלע מתּנות פאַרן קינד און, בשעת ער האָט זיי איר איבערגעגעבן, זיך איר דערוווייל דערקלערט אין ליבע... ער האָט זיך נישט אָנגעשטויסן אַף קיין ווידערשטאַנד בא זיי, נישט בא דער מוטער, און באַם קינד נישט. ער איז זיי פאָרגעקומען, ווי אַ מלאך פונעם הימל, וועלכער האָט זיי, איבער נאַכט, אויפגעריכט, זיי אומגעקערט פון פּיין צום לעבן; און זיי האָבן געהאַט פאַר איםביידע נאָר איין געפיל פון דאַנקבאַרקייט, וועלכעס זיי האָבן אים אויסגעדריקט, אָן־אויפהער... נאָר צייטנווייז האָט מען גע־מאָגט גלויבן, אַז זיי האָבן אפילו רעכט נישט געזען, וואָס און וויאַזוי מיט זיי האָט פּאַסירט דאָס אַלץ. די אַלטע מוטער איז געווען פאַרטאָן אי־נעם גליק, וואָס איז איר אָנגעקומען מיטאַמאָל. דאָס מיידל דאָס קינד האָט זיך געשפּיגלט אין די מתּנות, מיט וועלכע מע האָט איר אָפּגעשאָטן כּסדר, און זי האָט אפילו רעכט נישט צוגעזען, ווער עס קושט איר בשעת־מעשה און פאַרוואָס...

...נאָר, פּלוצלינג איז געקומען דער בראָך, ווען זי האָט זיך דערזען — איינע אַליין מיט אים, אַלס זיין פרוי... זי האָט אויפגעשוידערט, אין קינ־דערשער פּאַנישער שרעק, געגרוילט און געצאַפּלט אונטער זיינע הענט, ווען ער האָט זיך גענומען זיינע רעכט. זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ ביי־טער געוויין; אים געקושט אין די הענט און זיי באַגאָסן מיט אירע זו־דיקע טרערן; זיך בא אים געבעטן, ווי בא אַ מערדער, ער זאָל איר אַרויס־לאָזן אַף דער פריי. נאָר, שפּעטער האָט זי צוגעטאָן די אויגן — פאַרן קאָשמאַר, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אַף איר. זי האָט פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענט; און שטיל און טרייסטלאָז געוויינט אין זיך אַף איר לעבן, וואָס ווערט אַזוי יונג פאַרשניטן...

...דערנאָך, איז שוין געגאַנגען איין לאַנגע קייט פון צרות און פּיין, אַלע יאָרן. ער, דער מאַן, איז כּסדר באַשטאַנען אַף זיינע רעכט, און איר געאייפערט צו טויט און צו לעבעדיק. ער האָט נישט געקאָנט פאַר־טראָגן איר טרעפן זיך מיט חברים און חברטאָרנס, נאָך פון די מיידלשע יאָרן — אַזוינע קינדער, ווי זי איז נאָך אַצינד געווען — איר שפּילן זיך

מיט זיי צוזאַמען, ווי אַ קינד, — און ער האָט איר געדראָעט דערפאַר, באַוואָרפן מיט מיאוסע רייד און איר באַפוילן שטרענג — איבערצורייסן מיט זיי. אָבער, אים אויף צו־להכעיס, איז זי ווייטער אַהין געגאַנגען; מיט יענע זיך דוקא געטראָפן אין דער שטיל; און אירס געטאָן, וואָס זי האָט געוואָלט. זי האָט זיך אויסגעלערנט, מיט דער צייט, צו טאָן אַלץ, אַזוי ווי איר הארץ האָט באַגערט; גיין אַליין און טרעפן זיך, מיט וועמען זי האָט באַדאַרפט; און צו זיינע דראָונגען האָט זי זיך גענומען וואָס־ווייניקער צוהערן, ווייל זי האָט מיטאַמאָל אויסגעפונען, אַז ע ר, דער גאַנצער צעלייגער, איז א יי ן ג ר ו י ס ע ר פ ח ד ן, נישט מער; אַזוי, אַז ווען זי גיט אַ קוק אויף אים, בלייבט ער געליימט פאַר שרעק. נו, און אין איר בליק פאַר אים האָט זי געהאַט בלויז איין גרויס העליש פייער פון האַס...

...דערנאָך, אַז זי איז פאַרגאַן אין טראָגן, — איז זי, אַ צייט, געווען אומבאַהאָלפן; און ער, דער דבר־אחר, האָט עס אויסגענוצט, זיך־איזדיעקע וועט איבער איר און איר געפייניקט... שפּעטער, איז געקומען דאָס קינד, הערשעלע, צו וועמען זי האָט קיין גאָר גרויסע ליבע נישט געהאַט. אפשר דערפאַר, ווייל עס איז נישט געווען גאָר אינגאַנצן געראָטן אָן איר; גע־קומען, אָן איר ווילן דערביי... און די יאָרן זענען געגאַנגען. דער האַס צווישן מאַן און פרוי איז געוואָקסן. די מלחמה איז אַוועק, דער שמוגל און בלאָף, דאָס גאַנצע רייכטום זיינס. ער איז געפאַלן פּלוצים, מיט אַ קראַך. זיין קוראַזש און חוצפּה האָט זיך פון אים, מיטיינמאָל, אָפּגעטאָן. ער האָט איינגעבראָכן. גאָר קלענער און נידעריקער געוואָרן. אינגאַנצן איז געבליבן פון אים אַ שאָטן, נישט מער...

...אָ, דאַן איז ער שוין געבליבן שטום; איר מער נישט פירגעהאַלטן, פאַר עפּעס; אויף אירע אַלע האַנדלונגען און טואונגען, האָט ער אָפּגעשווינגן. נאָר זי האָט אין איר האַרצן ערשט דערשפּירט, ווי אַ חוץ דעם האַס אירן צו אים פון תמיד, קומט ערשט צו אַ פריש געפיל — פון פאַראַכטונג און עקל...

...זי האָט גענומען טאָן דאָס, צוואָס די נויט האָט איר געטריבן. איר אַלטע מוטער האָט נאָך געלעבט דאַן. געווען קראַנק, שוין מער פון בעט נישט אַראָפּ. נאָר, אַ לעפל געקעכץ האָט מען איר געמוזט דערלאַנגען, דאָס חיות דערהאַלטן. זי אַליין, מירל מיטן קינד, האָבן אויך נישט גע־קאָנט נעמען די נשמה און אויסשפּייען. געגנוג איז געווען דאָס, וואָס, איינ־מאָל באַדערנאַכט, איז שוין דערגאַנגען באַ איר אַזוי ווייט, — דאָס זי האָט געקראָגן סם. דערנאָך, באַ דער שיין פונעם נאַכט־לעמפּל, האָט זי לאַנג געקוקט אויף דער מוטער און אויפן קינד, וועלכע זענען געשלאָפן פאַר אירע אויגן, און זי האָט נישט געקענט פועלן באַ זיך, פון וועמען אָנ־צוהויבן...

...שפּעטער, איז ער אַוועקגעפֿאָרן קיין אַרגענטינע. עס האָט נישט געדויערט קיין סך, און ער האָט געשיקט שיפֿס־קאַרטן פֿאַר איר מיטן קינד. זי איז געווען מיד דאַן, שרעקלעך דערשעפּט. זי האָט געשפּירט, אַז זי פֿאָרט צו אַ פֿרעמדן מענטשן פֿאַר אַ ווייב; און אַז זי וועט שוין פֿונדאָסניי אַלץ נישט אָנהויבן. נאָר, דאָס האַרץ האָט פֿאָרט געצויגן צום נייעם לאַנד, צום אומבאַקאַנטן. ווער ווייסט? אַז בסך־הכּל איז זי נאָך אַזוי יונג; קוים אַריבער די פֿינף און צוואָנציק יאָר; כּמעט דאָס גאַנצע לעבן אין פֿאָרויס... זי האָט זיך דערפֿילט פֿלוצים, אַזויווי אויפֿגעלעבט און פֿאַריונגערט. ווי אַ פֿריש פֿרילינג־ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן אויף איר און איר דערקוויקט... זי איז געפֿאָרן.

...נאָר אָנקומענדיק אַהער, האָט זיך, גלייך פֿונעם אָנהויב, אַרויסגעשטעלט פֿאַר איר דער גאַנצער זגענאַר פֿון אירע נאָך־אַלץ־קינדערשע איליוזיעס... מען קען נישט זאָגן. דאָ, אין דעם נייעם לאַנד, איז איר אַלעם שטאַרק געפֿעלן. מע דאַרף דאָ קענען לעבן, אין דער גרויסער פֿאַרפּוצטער שטאָט בוענאָס־אײַרעס. אַ וודאי, איז דאָס נישט יענץ פֿאַרחושכטע געסל אירס פֿון דער היים. דאָ, איז אַ וועלט אַ גאַנצע, מיט געזאַנג, מיט פֿרייד, מיט טענץ. אַלץ לאָקט און ציט דאָס אויג, רופֿט צום לעבן, צו דער יוגנט. עס מאַכט שיכּור דאָס אויפֿגערעגטע דאָס מיד־פֿאַרוועלקטע האַרץ, וואָס הערט עפּעס; וואָס וואַכט אויף און פֿרעגט, מיט שרעק און שטוינען: וואָס וועט דאָ זײַן?!.

...זי האָט געשפּירט, ווי דאָס בלוט אירס רוישט אין קאָפּ, פֿאַר אומרו, און עס שושקעט איר אַרײַן אין אויער, אַז זי איז נאָך יונג, קיין דרייסיק יאָר נישט אַלט; אַז זי איז נאָך גענוג שיין און אָנציענד. אָ, זאָל זי נאָר נישט פֿאַרשלאָפֿן די צייט. דאָ איז אַ גרויסע שטאָט, מיט טויזנטער אומצייליקע מעגלעכקייטן. מע דאַרף נאָר פּאַקן די גוטע געלעגנהייט. זי וועט נישט רוען; זי וועט נאָכזוכן, אויסשפּירן. אַז מע זוכט, איז שטענדיק מאַכט זיך עפּעס — מע געפֿינט...

...אַזוי האָט זי געצאַפּלט, און זיך געוואָרפֿן אין פֿיבער, נישט געוואוסט — וואָס. זי האָט זייער שנעל און גרינג געכאַפּט די שפּראַך פֿונעם לאַנד. איר איז פּלוצים געקומען אויפֿן זכּרון, מחמת עפּעס, און זי האָט גענומען אָפּפֿרישן אירע מיידלשע קענטעענישן אין שפּילן פּיאַנע — אַ צייט־פֿאַרטרייב, וואָס זי האָט שוין לאַנג געהאַט אַוועקגעוואָרפֿן; נאָר דאָ, אין דער שטוב, וואו זי האָט אַצינד געוואוינט, — האָט געשפּילט די טאָכטער פֿון הויז־פֿאַרוואַלטער, אַ מיידל אין שול־עלטער; איז, אויס טשעקאַוועסט, — האָט זי זיך איינמאָל צוגעזעצט צום אינסטרומענט, אויף צו זען, אויב זי געדענקט נאָך עפּעס; און, פֿון דאַמאָלס אָן, קאָן זי זיך שוין מער נישט אָפּרייסן. עפּעס זאָגט איר דאָס האַרץ, אַז... עס קאָן צונוץ־קומען; נאָר — וואָס־ווען, — ווייסט זי נאָך אַלץ נישט; אַזויווי אין אַ נעפּל...

...קיין גביר, זעט זי אָבער איין, איז שוין איר שלימזלדיקער מאַן, דאָ אין דעם נייעם לאַנד, נישט געוואָרן. אַן אָרעמער קוענטעניק, וואָס ברענגט קוים אַהיים די פּאָר טאָלער. פון אים האָט זי גאָרנישט, וואָס צו דערוואַרטן... און זי האָט זיך גלייך פון אים אָפּגעקערט. נישט זי הערט אים, זי וויל פון אים וויסן, זי דאַרף אים אינגאַנצן האָבן מיט זיין לאַסקע. אַז ער וועט שטאַרק צו איר צושטיין, איר פּרוּוון דאַקוטשען, — אַזוי נעמט זי גאָר, דערלאַנגט אים אַ כראַקע אין צורה, און אַליין גייט זי אַוועק אַרבעטן. וואָס איז זי — אַ מיידעלע?! זי ווייסט נישט, וואו אַ טיר עפנט זיך?!

... — אַ ר ב ע ט ן . אָט איז עס, דאָס, וואָס זי זוכט. אַרבעטן, און נאָכזוכן. דאָ איז דיר נישט די היים אירע, יענע שטאָט, וואו אַלץ ליגט אַף דער האַנט; וואו מע קען דיר איינס דאָס אַנדערע, ביז האַדאָסט און נישט־גוטקייט ווערן — עך, נישט געווען דאָרט, וואָס צו דערוואַרטן. דאָ, איז אַ וועלט אַ גאַנצע; אַ ים אַ גרויסער, אַ שיינער און אַ ליכטיקער, מיט אַזויפיל מענטשן נייע, רייכע און אינטערעסאַנטע; מיט אַזויפיל ליכט, גליק און פרייד... עס איז דאָ געגוג, קיין עין־הרע, פאַר יעדן איינצוטיילן; און זי, די אָרעמע מירל, וואָס באַגערט דען איר האַרץ, אַז נישט אַ קליין ביסעלע גליק בלויז?!.

...און יענע גוטע געלעגנהייט איז געקומען, גאַנץ אומגעריכט — איינעם געשטאַלט פון דעם פוטער־אַרבעטער פּיזשאַק, דעם מאַן פון איר חברטע זשעניע, פונדערהיים. גלייך, ווי ער איז אַנגעקומען קיין אַרגענטינע און אַרומגעגאַן זוכן לאַנדסלייט, — האָט ער געטראָפן אויך צו זיי. שפּעטער, איז ער געווען, נישט־איינמאָל; דערציילט, אַז ער האָט שוין גענומען אַרבעטן אַף אַ פּלאַץ; און אין דער שטיל, האָט ער איר פּלוצים געטאָן אַ זאָג, אַז — ער מוז מיט איר רעדן אַליין, אונטער פיר אויגן, ווען דער מאַן איז נישטאָ... זאָל זי אים באַשטימען אַ צייט...

...זי האָט עס אים צוגעזאָגט, מיט אַ האַרץ־קלאַפּ, און אים אויך געזאָגט די שעה... ער איז געקומען און פאַר איר גענומען אויסדערציילן, מיט אַלע פּיטשעווקעס, וואו און בּאַ וועמען ער אַרבעט, און וואָסאַרא גליקן עס שטייען פאַר יעדן, וועך עס כאַפּט זיך נאָר אַריין אַהין, אין יענעם געשעפט... דערנאָך, איז ער אַריבער פּלוצים אַף איר און אַרום מיט לשון. ער האָט גענומען פּלוידערן, ווי אַ שיכור. ער האָט איר אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט און זיך פאַר איר מודה־געווען, אַז ער האָט איר שטאַרק ליב. אַז ער איז נאָך פאַרליבט אין איר — זינט יענער צייט, מיט יאָרן צוריק, ווען זי פלעגט אַמאָל אַריינקומען צו זיי אין שטוב, זיך געחברט מיט זיין ווייב, מיט זשעניען... נאָך דאַן, גלייך באַם ערשטן מאָל, ווי ער האָט איר אָנגעקוקט, — האָט ער שוין דערפילט, אַז ער קאָן אָן איר נישט לעבן... נאָר אין דער היים — זי ווייסט נישט? — אַ פאַמיליע באַ דער זייט... דער קאָפּ איז פאַרדרייט... אָבער דערנאָך, אַז זי איז אַוועקגעפאָרן קיין אַרגענ־

טינע, — האָט ער גלייך באַשלאָסן אַלעס צו ליקווידירן, איבערלאָזן אַלץ אַף הפקר און איר באַלד נאָכפאָרן אַהערצו... פאַרשטייט זיך, אַז — נישט אַלץ טוט זיך, ווי עס רעדט זיך... עס האָט געמוזט אַריבער אַ צייט... נאָר איצט, אַז גאָט האָט געהאָלפן, און זיי זענען שוין ווידער דאָ צוזאַמען, — אַזוי זאָגט ער עס איר — פון גאַנצן האַרצן, און ער קוקט אוים ערשט אַף איר איינוניינציק וואָרט... קוים זאָגט זי אים — יאָ!, — וועלן זיי ביידע זיין די גליקלעכסטע מענטשן אַף דער וועלט... ער איז גרייט זיך אָפּצוזאָגן פון ווייב און קינד... ער נעמט איר גלייך אַריין צו דער אַרבעט; ער וועט איר פאַרעקאָמענדירן פאַרן סעניאָר רובען פראַנץ אַליין; און ער זאָגט עס איר צו, אַז — זי וועט נאָך ווייט אַוועק!...

...די גאַנצע צייט, וואָס ער, דער ליטוועק פּיזשאַק, האָט אויסגעגאָסן פאַר איר זיין שווער געמיט, — האָט זי אים אויסגעהערט, מירל, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ; נאָר, אין דער אייגענער ווײַלע, האָט זי נישט פאַרלאָרן דעם געדאַנק — איין רגע. מיט אַנדערע ווערטער: זי האָט צוגעהערט בלויז דאָס, וואָס איר האָט געלוינט; וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר נויטיק, פאַר איר אינטערעס, אָדער — וואָס עס קאָן ווערן נוצלעך פאַר איר אייגן לעבן, פאַר אירע אַמביציעס און שטרעבונגען; מיט איין וואָרט — פאַר אירע פאַרבאָרגענע קאָמבינאַציעס... אָט אַ די ווערטער זיינע, בשעת ער האָט גערעדט, — האָט זי געמאָסטן און געוואויגן; זיי איבערגעלייגט אין איר געדאַנק אַף אַלערליי אופנים, כדי צו זען און פון זיי אַרויסצוטרעפן, וואָס פאַר אַ רעאַלן ממשותדיקן ווערט זיי קענען האָבן פאַר איר... זי האָט זיך דערביי באַמיט, לויט איר פאַרשטאַנד, אויסצוטיילן פון פּיזשאַקס באַרי־מערישע פאַנטאַזיעס — דאָס ווירקלעכע, וואָס מע קאָן, מיט אַן אמת, דערוואַרטן; און זי האָט איינגעזען, אַז, אַלנפאַלס, איז דאָס נישט קיין זאַך אַף איצט אורצוטיילן, אַף איין פוס... מע וועט נאָך מוזן נאָכדענקען דאַ־ריבער, אָ, מע וועט נאָך רעדן דערפון מער, ווי איין מאָל אפילו... אָבער דאָך האָט איר האַרץ שוין געיובלט פאַר פרייד; ווייל איר האָט זיך אויס־געדוכט, אַז — יענער גרויסער טאָג, אַף וועלכן זי האָט אַזוי אַנגסטלעך אויסגעקוקט, — איז ענדלעך אַראָפּגעקומען.

...אַלעס אַנדערע ווידער, יענע נאַרישע פּלוידערייען פון פּיזשאַקלען דעם פאַרליבטן, — אָ, דאָס איז איר אין איין אויער אַריין, דורכן אַנדערן אַרויס... ווייל זי האָט אים גוט געקאָנט, דעם זשוליק; נאָך געדענקט פונ־דערהיים, ווי ער פלעגט אַלעמאָל אַרומטאַלאַייקען אַרום מיידלעך, ווייב־לעך, וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזן... זי האָט ערשט געלאַכט פון גאַנצן האַרצן, ווען ער איז געזעסן פאַר איר און געפייערט און געהאָגלט מיט זיין פלאַמיקער ליבע. דערביי, האָט ער איר אַריינגעקוקט פרעך אין די אויגן, איר געפרעסן איינגאַנצן מיט זיין בליק, וואָס האָט גערעדט צו איר וועגן דעם, אַז... מע קען זיך דאָך פון ווי לאַנג, פון דער היים, און מע ווייסט,

מער־וויניקער, איינס פון דאָס אַנדערע, וואָס מע איז... נאָר, זי האָט אים צוריקגעקוקט, שטיפעריש און היימיש, גלייך אין די אויגן אַריין; און גע־רעדט האָט איר בליק אויך אומפאַרשטעלט און גאָר אומצווויידייטיק צו אים, אַז... מע מאָג זיך שוין אָנשטויסן, וואָס ער וויל פון איר, דער אומ־פאַרשעמטער, אָ, דאָס, וואָס אַלע פיינע און איידעלע מענער ווילן פון אַ יונגער שיינער פרוי — אַ נאַש טאָן וויל מען; דערנאָך, זיך באַלעקן און פון איר אָוועקקערן... נאָר, זעט איר — איר, מירל בלומענפעלד, נעמט מען נישט מער מיט זיסע ריידעלעך בלויז; ווייל זי קאָן זיך שוין גענוג אָפּ די מאַנסבילשע שמאָנצעס און צוזאָגעכצן; אָ, זי איז נישט קיין מיי־דעלע מער; גענוג זיך אָנגעהאַט מיט זיי צו טאָן, גענוג זיך אָנגעליטן, אַז זי זאָל מער צו קיינעם קיין צוטרוי נישט האָבן; אַז זי זאָל שוין איינזען, איז שוין צייט, אַז אָפּ אַלע זייערע רייד מאָג מען שטעלן אַ קלויסטער, מער גאָרנישט... פריער, פאַר אַלעמען, איידער דו גיסט זיי נאָך דעם גע־שמדטן האַלז, — אוי, זענען זיי גוט; אוי, זענען זיי זיס און פיין און איידל; און זיי וועלן דיר צוזאָגן דאָס טעלערל פונעם הימל, אַלץ אין דער וועלט — אַבי דו, שוועסטער־קרוין, לאָז זיי צו, די חזרים, זיך־אָנזשערעזן מיט דיין פריש שמעקעדיק לייב, — דאַן, באַקומען זיי פּלוצים אַנדערע צורות, אַ מפּלה אָפּ זיי! און זיי קערן זיך גלייך אָפּ פון דיר...

...דערפאַר איז — פאַרזיכטיק געהאַנדלט. לאָמיר זען, וואָס דו האָסט אָנצוביטן, חבר... און יענץ, וואוהין דו צילסט, וועט נישט אַנטלויפן. האָסט די ווערט, אַז דו קענסט. ווייסט דאָך: אונזערס אַ שוועסטער, אַז זי גיט אַ וואָרט, האַלט זי עס הייליק...

...אַזוי האָבן זיי זיך אָנגעקוקט, ביידע ניכטערע לייט, און זיך אויס־געצייכנט פאַרשטאַנען. זי האָט אים געבעטן אַריינקומען צו זיי, וואָס אָפּטער; ווען ער האָט נאָר צייט, זאָל ער קומען און רעדן און דערציילן פון יענעם געשעפט און פון די מענטשן דאָרט — וואָס און וויאַזוי, — וועט מען הערן, וועט מען זען...

...און ער, דער ממזר פּיזשאַק, איז געגאַנגען, זיך דערהיצט אַלעמאָל מער און אויסדערציילט וועגן אַלע סודות און באַהעלטענישן פונעם סע־ניאָר פראַנץ, פונעם כּערענטע זאַלצמאַן. פון זיי, איז ער אַרויפגעקומען אָפּ דעם גראָבן צושניידער גרינבלאַט, וויאַזוי ער האָט דאָס צו טאָן מיט זיינע נייטאָרנס און, טאָמער עפּעס, דערגייט ער זיי די יאָרן... און פון אים, איז ער אַריבער דערנאָך צו שילדערן דעם פיינעם פאַרנעם פון עלעגאַנטן שעף פון דער זייד־סעקציע, סעניאָר קאַבלענץ... פאַר וועמען אַלע האָבן דרך־אַרץ, אַפילו דער פּרינציפּאַל אַליין...

...מירל האָט אים געהערט אויפמערקזאַם, און אין גדאַנק קאָמבי־נירט, בשעת מעשה, וואו און אָפּ וועמען זיך צו פאַרהאַלטן; וויאַזוי זאָל זי אָנהויבן... ערשט, דער סעניאָר קאַבלענץ האָט גענומען רייצן איר פאַנ־

טאַזיע מיט זיין עלעגאַנץ... אַ היזיקער, — האָט זי פאַרשטאַנען און גע־גלויבט, אַז ער וועט איר מעגלעך ברענגען אין אַנדערע ערטער, רייכע און עלעגאַנטע, וואו מע טרעפט זיך מיט מענטשן אַלערליי; מע קאָן מאַכן קאַנט־שאַפט, פאַרבינדונגען...

...איצט, האָט זי אים געגיבן די האַנט, פיזשאַקן, און אים פשוט גע־זאָגט... ער זאָל וואַרטן אַף איר, ד ע ם שבת פאַרנאַכט, אין זיין צי־מער... זי ווייסט דאָך, וואו ער האַלט זיך אויף...

...און ווייטער גאָרנישט. זי האָט נישט געוואָלט מער אויסהערן פון אים קיין וואָרט. זי האָט אים אַרויסגעטריבן, אַז ער האָט איר גענומען נודיען, אַ באַגליקטער, אַ ווילדער פאַר פרייד; און זי האָט אים געמאָלדן, אַז — מאָרגן אינדערפרי גלייך, קומט זי צו דער אַרבעט; ווייל — צו שבת איז נאָך ווייט...

...ווען זי איז אַריינגעקומען, יענעם פאַרנאַכט, אין דעם פענסיאָן־הויז, — האָט איר שיינדעלע די רביצן גלייך דערקענט; ווייל זי האָט נאָך געוואוסט וועגן איר אינדערהיים... זי האָט אַצינד אַן עפן געטאָן די טיר צו פיזשאַקן אין צימער אַריין און אַרויסגעשאָסן: „— פוץ איר אָפּ, אַז די כאַליערע זאָל עס נעמען...” גלייך האָט זי זיך אָפּגעטראָגן, זיי אַליין געלאָזן. און דאָרט, צווישןביידן, איז געשלאָסן געוואָרן דער אָפּמאַך...

*

אָבער, ווי נאָר מירל בלומענפעלד איז אָנגעקומען אין טאַזשער אַר־בעטן, — האָט זי זיך גלייך באַפרייט פון פיזשאַקן. זי האָט אים האַרב געגעבן אָנצוהערן, מיט דער גאַנצער האַלטונג אירער, אַז — צווישן זיי ביידן איז קיינמאָל גאָרנישט פאַרלאָפן, און — עס וועט נישט אויך — ער הערט? זאָל ער איינלייגן די כלים און אָפּטרעטן. ווייל ז י שטייט נישט אין אים מער! — איבעריקנס, אַז ער וויל, — זאָל ער אַראָפּנעמען דאָס איינענע ווייב פון דער היים, וועט ער איר דולן אַ קאָפּ. און איר, מירלען, זאָל ער לאָזן צורו!

און פיזשאַקל־טינוף, ווי אַ געלאָשענער הונט, — האָט זיך געמוזט אָפּטראָגן אין אַ ווינקל; דאָרט מעלה־גרה זיין און באַלעקן זיך מיט דעם, וואָס ער האָט שוין לאַנג געהאַט אַראָפּגעשלונגען... ווייל ער האָט גע־וואוסט, אַז — צו געגוי איז זי באַהבנט, די פריצה, אין אַלע זיינע געננ; און ער קאָן איר מיט גאָרנישט פאַרשרעקן...

איצט, איז זי געזעסן רואיק אַף איר אָרט, געאַרבעט געלאַסן און... זיך־געלאָזן באַוואונדערן פונעם אַרום...

עס זענען נישט פאַרלאָפן קיין סאַך טעג — ווי מע האָט געקאָנט דערוואַרטן, — און לעבן איר האָט זיך גענומען רודערן. צוערשט, איז

פארבייגעגאנגען דער עלעגאנטער שעף פון דער זייד־סעקציע, סעניאָר קאָבלענץ, איר, אין תחילת, באטראכט, סקאָסנע אַזוי, פונדערוויטנס. זי האָט רואיק אויפגעהויבן אויף אים איר בליק, געקוקט לאנג צו אים מיט סימפאטיע, מיט אַ קוים־אָנזיכטיקן, דערפאר — צוזאָגנדיקן שמייכל אין די ווינקלען פון איר מויל, וואָס האָט אים גערופן צו זיך, וואָס האָט אים געצויגן, אים־צוגעהאַלטן, וואָס האָט אים שוין נישט אָפּגעלאָזן מער... איינמאָל פארהאַלטן, אַ צווייטס, — ביז מע האָט זיך באַקאַנט... „ער, האָט געהערט זאָגן פון איר, אַז זי שפּילט פיין פּיאַנאָ... וואָלט ער וועלן האָבן דעם כבוד און איר איינלאַדן אַמאָל אויף אַ קאָנצערט אין איינעם פון די גרויסע טעאַטערן אין צענטר..."

ניין. זי האָט אים נישט אָפּגעזאָגט. ער איז געשטאַנען אַצינד האַרט־כמעט לעבן איר; און זי איז געבליבן זיצן אויף איר שטול, בא דער ארבעט, זיך נישט געקאָנט אויפהויבן. נאָר זי האָט ארויפגעקוקט צו אים און גע־שמייכלט, און זיך פארויטלט, פּלוצים, פאר זיין שווארצן גליענדיקן בליק, וואָס האָט ערשט גערעדט מערער, וויפל ער אַליין מיטן מויל... פּלוצים, האָט זי אויפגעהערט שמייכלען און אים אָנגעקוקט, לאַנג און ערנסט... אויך ער האָט אָפּגעהאַקט דאָס רעדן מיטאַמאָל, איר צוריקגעענטפערט אַפן בליק... זי האָט דערשפּירט, מיטן אינסטינקט פון דער ז י , ווי זי נעמט אים; וויאַזוי ער ציטערט אויף אינגאַנצן, און ער שטרעקט זיך איר אַנט־קעגן, ער גיט זיך איר אָפּ... און זי האָט אַרונטערגעלאָזן דעם בליק, פאר פלעצלעכער בושה, וואָס איז איר באַפאַלן, צוזאַמען מיט אַ פרייד און אַ יובל... אַזש זי האָט זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן מער און, אַזוי־ווי אַ קינד אַ באַגליקטס, ארויסגעפּלאַצט פאראַמאָל מיט אַ טיף ברוסטיק לאַ־כן. ..אויך ער האָט זיך אָנגעצונדן פון איר פרייד און מיטגעלאַכט. אים האָט זיך אויסגעדוכט, וויאַזוי ער האָט געהאַט אָקאָרשט אויסצושטיין אַ ערנסטן עקזאַמען, דעם שווערסטן פיליכט אין זיין לעבן. נאָר, ער האָט אים אויסגעהאַלטן. ער זעט שוין איין, ווי ער איז איר געפעלן... און ער האָט געשיינט מיט נישט־אויסבאַהאַלטן גליק...

אַצינד האָבן זיי באַנייט דעם געשפּרעך. זיי האָבן, די גאַנצע צייט, גערעדט אין דער לאַנד־שפּראַך; און פאַרן אַוועקגיין האָט ער איר געמוזט אָפּגעבן דעם ערלעך־פארדינטן קאָמפּלימענט, אַז — זי רעדט נישט ערגער פון אַ הי־געבוירענער און נאָך ווי אַ אינטעליגענטע פרוי דערצו...

זיי זענען זיך ביידע געפעלן געוואָרן, גלייך פונעם ערשטן בליק; און דאָס איז געווען פאר איר אַ גרויסע זאַך. פארשפּאָרן אומזיסטיקן צייט־פארלוסט...

זי האָט געגומען ארויספאָרן מיט אים, אין די אָוונטן, נאָך דער אַר־בעט — אין צענטר. זי האָט קוים צוריקגעקערט אַהיים פון דער ארבעט, כדי עפּעס צוגרייטן נאַכט־עסן פארן קינד; אים גלייך געלייגט שלאָפן,

הערשעלען; גארנישט קיין טראכט־געטאן אפילו פונעם אייגענעם מאן — צי ער וועט ווארטן אף איר, ער וועט זיין אומרואיק. ער האט אפילו נישט עקזיסטירט פאר איר, אצינד. זי האט אים קוים אנגעקוקט — באטאג, איין ווײלע, ווען זי פלעגט אהיימקומען עפעס צוגרייטן צום מיטאג, דער עיקרשט פארן קינד. דאמאלס איז מען געזעסן באם טיש, געקייעט דאס עסן און געשוויגן. זי האט נישט געפרואווט אפילו אויסהערן זיינע טענות — דעם גרויסן פארדינערס — קענען איר גיין צו דער ארבעט. וועך רעכנט זיך מיט אים? וואס ווייסט ער, וואס אזא יונגע פרוי, ווי זי, דארף צו האבן?! וואס־זשע — ער מיינט, ס'איז אים אינדערהיים, וואו ער האט איר געהאל־טן, ווי דאס פייגעלע אינעם שטייגל, און איר געקארמעט? — א, זי איז שוין ווייט אויסגעוואקסן, זינט דאן; און זי נויטיקט זיך נישט מער אין זיינע טובות!..

איצט, אפן אוונט, ווי געזאגט, נאכן לייגן דאס קינד שלאפן, — איז זי אוועק אהין, וואו זי האט אפגערעדט מיטן סעניאר קאבלענץ, ער זאל אף איר ווארטן; און פון דארט איז מען געפארן צוזאמען אין צענטער פאר־ברענגען. ער האט איר ארויסגענומען אין די שענסטע טעאטערן און קי־נאס — ווי אזא איידעלע דאמע, ווי זי, האט די ווערט. ער האט איר גע־פירט אין טייערע נאכט־קאבארעטן, וואו מע האט געגאסן שאמפאן, גע־פראוועט ארגיעס און זיך געווארפן מיט געלט. א חוץ דעם, האט ער איר באהאנגען מיט מתנות, פון קאפ ביז די פיס; איר צוגעשטעלט די טייערס־טע פארפומען, זיידענע זאקן, איידל־געהאפטענע שפיצן און אונטער־וועש, און טייערע צייג אף קליידער... וואו האט ער גענומען אף אזויפיל? — דאס האט זי נישט געוואלט וויסן. וואס איז עס איר אנגעגאנגען? גענוג איז געווען, וואס — זי האט בא אים געבעטן; און ער האט איר אין אלעם נאכגעגעבן, איר גארנישט אפגעזאגט... א, ענדלעך, צום ערשטן מאל, אין איר פיל־געפייניקט לעבן, — האט זי אפגעטעמט מיט דער פולער ברוסט; געוואוסט, אז זי עקזיסטירט און איז צופרידן. וואס דארף זי מער? זארגן? טראכטן פון מארגן? א, גיין. דאס וויל זי נישט! זאל זיך קומען דערנאך, וואס עס וויל. אבער, איצט איז זי גליקלעך...

און אוים דאנקבארקייט, א פנים, צום מענטשן, וואס האט איר אזוי־פיל פרייד און גענוס פארשאפן, — האט זי געזען, אז עס זאל אים בא איר גארנישט פעלן. האט זי זיך אים געגעבן, מיט איר גאנצן לייב און זעל; אליין זיך געלאזן אנרעגן פון אים, ספאזמירט אונטער זיין לאסקע, אים פארשיכורט און בארוישט, אים גארנישט געלאזן קומען צו זיך; און אים אויפגעהאלטן כסדר, דעם גאנצן טאג אין טאזשער, מיט איר פיל־צור־זאגנדיקן הייסן בליק, וואס האט נישט געלאזן אין אים פארגיין די פלאם־פייערדיקע נאגנדע בענקשאפט נאך דער נאכט, מיט איר גליענדער בראנ־דיקער תאוה און צעלאזענעם אומדערזעטלעכן גענוס...

בלויז איינמאָל, האָט זיך באַוויזן אַ שאָטן אויף דעם הימל פון איר גליק — אינעם געשטאַלט פון גראָבן צושניידער גרינבלאַט. ער האָט זיך, גאַנץ־אומגעריכט, גענומען דרייען אַרום איר; צוגעקומען אַלץ נענטער; געשמייכלט צו איר, ווי צו אַ קינד, אַזוי צוגעלאָזן גוטמוטיק; געמאַכט מיט איר אַ שפּאַס, אַ חנדל; איר געפּרוּווט פאַרקוקן אין די אויגן גלייך...

זי, וועלכע איז געווען דער גרויסער מבין אויף דעם מאַנסבילשן נאַראַד, — האָט גלייך איינגעזען, נאַטירלעך, וואוהין דאָס צילט; און זי איז געוואָרן פאַרזיכטיק. נאָר, זי האָט אים אַלץ אָפּגעשוויגן, כדי נישט אַרויסצורופן קיין בייז בלוט. נאָך אַלעמען, איז דאָך דערלויבט אַ מענטשן אויסצורעדן מיט איר אַ וואָרט. קיין שלעכטס דערין קאָן מען נישט איינזען... ביז ער האָט גענומען ווערן דרייסטער, דער גראָבער חזיר; אָנגעהויבן אַרויסקומען מיט לשון. ער האָט זיך אויסגעגיבן פאַר אַ גאַנצן גוטן ברודער מיטן סעניאָר קאָבלענץ. „...ביידע אַרבעטן זיי שוין דאָ צוזאַמען — אַסאַך יאָרן; און ער, גרינבלאַט, ווייסט אַלץ, וואָס עס טוט זיך אָפּ בײַ יענעם אונטערן האַרצן..." דערביי, האָט ער פּיל־באַדייטנד אַ וואונק־געטאָן צו איר, וואָס דאָס האָט איר געדאַרפט אויפקלערן אַלץ... נאָר, זי האָט זיך פאַרט גע־מאַכט נישט־וויסנדיק און, מיט אַלע כוחות, זיך־איינגעהאַלטן, אַז — זי זאָל אים נישט דערלאַנגען קיין כראַקע אין זיין גבזהדיקער צורה־אַריין גלייך... אָבער, אין דעם — איז אָנגעגאַנגען סעניאָר קאָבלענץ אַליין. גאָר־נישט חושד־זייענדיק, — האָט ער זיך געווענדעט צו יענעם מיט אַ שפּאַס, וואָס צווישן גוטע ברידער איז עס אַ אָנגענומענע זאַך; נישט פאַראַן דאָ, פאַרוואָס צו באַליידיקן זיך... נאָר דער כיטרע גרינבלאַט — גלייך ווי נישט אים מיינט מען, — האָט אָנגעשטעלט די צורה פון אַ ברוגזן, און... גענו־מען, גאַנץ־אומגעריכט, העצן דעם סעניאָר קאָבלענץ צו אַ פאַרמעסט — ווער וועמען עס וועט בייקומען... און גלייך האָט מען זיך אויסגעשטעלט אַרום זיי, פון טאַזשער, שוין נישט אָפּגעטראָטן... עס איז געווען פאַר יעדן קלאָר דער אויסגאַנג פונעם קאַמף, און סעניאָר קאָבלענץ אַליין האָט עס געשפּירט... ער האָט שוין געזען, ווי ער איז אַריינגעפאַלן; וויאַזוי דער גראָבער חזיר דער גרינבלאַט האָט אים פאַרשלעפּט, כדי אים מאַכן צום נאַר — פאַר איר אין די אויגן... גראָדע דערפאַר, האָט אים נישט גע־פּאַסט זיך אַרויסצודרייען, און ער האָט דעם אַרויסרוף געמוזט אָננעמען...

אַזוי האָט פּאַסירט, ווי מע האָט פאַרויסגעזען... אין איין ווײַלע אַרום, האָט דער גראָבער הונט אים געלייגט, פאַר די אויגן פון זיין דאַמע. אַליין, איז ער געבליבן, אַ רגע, איבער אים, און אים געדעכעט, מיט דער גאַנצער שטינקענדער פּאַרע, אין פּנים אַריין... איצט, האָבן זיך ביידע אויפגע־הויבן. דער גראָבער גרינבלאַט האָט געלאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער. נאָר דער סעניאָר קאָבלענץ האָט געשוויגן. ער האָט נישט געקוקט אין קיינעמס זייט. ער האָט זיך אויף שנעל אָפּגעגלעט און אוועק צו זיך.

די גאַנצע צייט, וואָס עס איז אָנגעגאַנגען דער אומגעלופּערטער שפּאַס פאַר איר, מירל בלומענפעלד, אין די אויגן, — האָט זי געשפּירט, אַז זי מוז עפּעס טאָן, כדי נישט צו דערלאָזן, אַז איר געליבטער זאָל ווערן ארויסגעשטעלט אַף חוזק; נאָר זי האָט נישט געוואוסט — וואָס. פאַרקערט. זי האָט זיך גאָר געזען צו באַהערשן אַליין, און נישט ארויסשטעלן איר שייכות צו סעניאָר קאָבלענץ אינגאַנצן... דערנאָך, ווען זי האָט אים געזען אַוועקגיין, אַ שוויינגדיקן, אַ פאַרשעמטן, — האָט זי פאַרשטאַנען, אַז דאָ האָט עפּעס פּאַסירט נישט־גוטס; און איר האַרץ האָט איר פלוצים גענומען שרעקן, אַז — ווער ווייסט, צוואָס דאָס קאָן דערפירן... איר האַס און עקל צום גראָבן צושניידער האָט זיך נאָכמער פאַרשטאַרקט, יענעם פאַרנאַכט; ווען זי האָט אומזיסט געוואַרט, אַז איר געליבטער זאָל איר רופן, ווי תמיד... עס האָט פּאַסירט, צום ערשטן מאָל; און עס האָט איר געפערלעך געפּייניקט...

נאָר, ווי דערשטוינט איז זי געבליבן, אַף צומאָרגנס באַטאָג, ווען זי האָט דעם גראָבן ווידער דערזען צוקומען צו איר, גלייך ווי גאָרנישט... איצט, אין איר פלוצים איינגעפאַלן, און זי האָט אָנגענומען צו אים אַ אַנדער טאַקטיק... זי האָט אַ שמייכל געטאָן און אים געבעטן זיך־זעצן דאַנעבן. ער האָט אויפגעשיינט און זיך אַזש צעלאַכט, פון גליק; און זיין רויטע נאָז פון תמיד האָט גענומען ערשט פלאַמען אַזש, פאַר באַגייסטערונג... ער האָט זיך אָנגעבויגן צו איר און פאַר איר גענומען אויסדערציילן סודות... אַז סעניאָר קאָבלענץ איז קראַנק, און ער קאָן איר נאָך, חלילה, אַוועקפּטרן... ער, גרינבלאַט, וואָרנט איר, ווי אַ גוטער פריינט, ווייל ער האָט איר ליב אויפריכטיק. ער פאַרדינט גענוג, און ער וויל, זי זאָל ווערן ז יי נ ע, — וועט ער איר אויסהאַלטן; אויסשטיין אַלע אירע קאַפּריזן — נישטקשה, ער קאָן זיך פאַרגינען... וואָס זאָגט זי דאַרויף?... ער ווייסט — זי איז אַ קלוגע פרוי, אַ פּראַקטישע... זי זעט דאָך — ער איז, קיין עין־הרע, אַ שטאַרקער... אָ, עס וועט איר נישט דאַרפן באַנג־טאָן, ווייל זי וועט הנאה־האָבן...

זי האָט אים אויסגעהערט, די גאַנצע צייט, געלאַסן; זיך נישט אויטגעגעבן און נישט אָפּגעטאָן דעם בליק פון דער ארבעט. דערנאָך, ווען ער האָט געענדיקט, — האָט זי פאַרשפּראָכן זיך נומ איבערלייגן... „ווייל, אין אַזעלכע זאַכן, מיין פריינט — איר ווייסט דאָך — כאַפּט מען נישט... און אינגיכן וועט זי זאָגן אַ תשובה...”

זי האָט געזען, ווי ער איז אַוועקגעגאַן, אַ צעפרידענער, דער גראָבער גרינבלאַט; זיך געגלעט איבערן בייכל; אַ ודאי, פול מיט האָפענונגען אַף דער צוקונפט... נאָר, דעם זעלבן פאַרנאַכט, — האָט זי שוין געפונען אַ וועג, אין געשעפט גופא. לעבן דער ווינדע פאַרבייגייענדיק — וויאַזוי איבערצוגעבן קאָבלענצן דאָס אַלץ, וואָס יענער האָט אין איר אריינגע־

שושקעט און אױף אים, איר געליבטן, אנגערעדט... זי האָט איצט צוגעזען, וויאַזוי בײַ אים האָבן זיך צעבליצט די אַפּלען, פאַר פּלוצים־אויפגעבו־שעוועטן צאָרן. גישט־קוקנדיק צו איר, — האָט ער איר אַ דרוק געטאָן פאַר דער האַנט און אַרויסגעמורמלט:

— אַ דאַנק, מירן זעען...

אין זיין האַנט־דרוק האָט זי אים ווידער דערפילט, און אייגענעם, און זי איז געווען צופרידן. דאָס איבעריקע — וואָס גייט עס איר אָן?...

אין געציילטע טעג אַרום, האָט עס אויסגעבראָכן. דער סעניאָר קאַבּ־לענץ האָט דעם גראָבן צושניידער גרינבלאַט אַזוי לאַנג נאָכגעקוקט, — ביז וואַנען ער האָט אויסגעשנאַפּט. ער האָט אים געפּאַקט בײַ דער האַנט. איצט, וועט ער אים באַגראָבן. אין רחמנות.

נאָר דער אומגליקלעכער און צעיאָכמערטער גרינבלאַט האָט זיך נישט געלאָזן. ער האָט געוויינט, ווי אַ ביבער, נאָס־געמאַכט דריי טיכעלעך, און פון קאַבּלענצן נישט אָפּגעטראָטן... „ער איז אַ פאָטער פון צוויי קינדער. אָ, זיין לעבן איז פאַרשפּילט, זיין וועלט! וואָס וועט ער טאָן? סיידן, זיך־ וואַרפן אין וואַסער אַריין!...” ער האָט געקאָנט גוט, גרינבלאַט־גנב, די היזיקע סענטימענטאַלע טשוועקעס. דו, גיסט אַ וויין פאַר זיי, — און זיי לאָזן גלייך נאָך פונעם טראַנק...

ענדלעך, איז דער איידעלער סעניאָר קאַבּלענץ געוואָרן נאָכגיביקער. ער האָט שוין אָפּגעשוויגן, זיך־געלאָזן רעדן. איינס אָבער איז געווען קלאָר: „— ווי וועט זיין צו דיר, נאָכאַמאָל, אַז דו וועסט קריכן אין מיינע גרעניצן!...” און ער האָט זיך אָפּגעקערט פון יענעם, מיט עקל...

נאָך אין יענעם אָפּדערנאָכט, איז ער געווען מיט איר ווידעראַמאָל אַליין, מיט זיין מאַרי. ער האָט איר נאָך קיינמאָל אַזויפיל נישט געקושט און געהאַלזט, ווי אַצינד. זי איז אים גאָר קיינמאָל, ביז היינט, אַזוי ליב נישט פאַרגעקומען, אַזוי זיס און טייער... ער האָט איר געקנופּט און גע־ביסן, איר אָנגעכאַפּט פאַרן האַלז און געוואָרגן, און ווילד צו איר גע־שעפּטשעט:

— מיינסט, אַז איך קען דיך נישט, ווער דו ביזט?... מיך, אַז דו וועסט פאַראַטן, דו הערסט — וועל איך דיר צעשניידן די צורה אױף שטי־קער, — אַז דו וועסט שוין נישט טויגן פאַר קיינעם!...

און זי, די איבעראַניים־באַגליקטע, די ווידער־אויפגעריכט־געוואָרענע, — האָט זיך איצט געקאָרטשעט פון ווייַ, אונטער זיין ווילדער אכזריות־דרי־קער לאַסקע פאַר איר; זיך אים נאָכמער געגעבן אַנטקעגן, מיט איר גאַנצער צעפּייניקטער זעל, און געקושט און באַגאָסן מיט טרערן איר געליבטנס הענט, וועלכע האָבן איר אַזוי גרוילהאַפט געמאַטערט... זי האָט זיך גע־פריידט מיט אים, מיט איר ליבן אינגל, ווי אַ מוטער מיט אַ קינד, אָ, ווייל זי האָט, ענדלעך, געגומען שפּירן, די גליקלעכע און די עלנטע, אַז

— דאָס איז, צום ערשטן מאָל, אין איר וויסט לעבן, ווי זי ליבט און זי ווערט געליבט...

נאָר, אַז עס איז געגאַנגען די צייט; האָט זי זיך פּלוצים גענומען אַרומקוקן, מירל בלומענפעלד, אַז — זי, די תמיד־ניכטערע און פּראַקטישע, — איז אַראָפּ אינגאַנצן אין אַ זייט. זי האָט זיך צעסענטימענטאַלעוועט, אַף דער עלטער; און אַז פּאַר מענטשן פון איר גראַד איז דאָס קיין תכלית נישט. וואָס נאָך קאָן זי מער דערוואַרטן פון דעם ליבן אינגל קאַבלענץ? נאָך אַ גלעט און נאָך אַ קוש. אָ, זי קאָן אים שוין אַף אויסנווייניק, און ער הויבט איר אָן צו לאַנגווייליקן. דאָס, וואָס זי האָט אויסגעקוקט פון אים, באַלד אַף צום־אָנהויב — אַז ער וועט איר אַריינפירן אין זיינע היזיקע קרייזן, איר באַקאָנען מיט אינטערעסאַנטע מענטשן, איר העלפן אָנקניפּן פאַרבינדונגען, — אַט דאָס אַלץ איז נישט געקומען. ער האַלט איר אויסבאַהאַלטן, ווי אַ בריליאַנטן פינגערל. ער האַלט איר פאַרשפּאַרט, די גאַנצע צייט; לאָזט צו איר קיינעם נישט צו... „ער איז צופרידן און גליקלעך מיט איר ליבע — טענהט ער — און מער באַדאַרף ער נישט..." און זי האָט אַ ביטערן שמייכל געטאָן... אָ, ווי גוט זי האָט שוין געקאָנט, באַ אירע יונגע יאָרן, די מענער די שוואַכע, די אומבאַהאָלפענע... אַזוי — אינדערהיים; אַזוי — דאָ. אומעטום — איין וועלט. פריער, אַז עס גיט זיי אַ שפּאַר צו, — ווערן זיי העלדיש און שטאַרק. זענען זיי גרייט, פאַר זייער פוסטן באַגער, פאַר איין נאַרישן קוש פון אַ לייכטזיניקער פרוי — וועלטן איינצולייגן. דאַן קומען זיי פאַר אַליין — נאַריש, אמת; אָבער פאַרט — שיין און ענערגיש, פול מיט מוט און גלויבן, קרעפטן און האָפענונג... נאָר, גיט זיי אַ לאָז נאָך דער ערשטער ברען, דעם שטורעם, — דאַן, זעט איר, טיילן זיי זיך איין אין צווייען. אייניקע פאַלן אָפּ אינגאַנצן און ווערן אויסגעלאָשן. פון יענע איז גלאַט נישטאָ, וואָס צו רעדן. בעת די אַנדערע ווידער — און צו זיי געהער געוויס איר ליבער אינגל קאַבלענץ — בינדן זיך גלאַט צו צום ווייבערשן קליידל; קאָנען זיך שוין נישט אָפּטשעפּען מער; שלעפּן זיך נאָך, ווי טויגנניכצן; קענען נישט אַוועקגיין; בלייבן — נישט אַהין און נישט אַהער; אָן מוט, אָן ווילן און אָן גלויבן; אָן כאַראַקטער און אָן האָפענונג. זיי נוצן נישט מער צו גאָרנישט; אומבאַהאָלפן, ווי די קליינע קינדער זענען זיי; כאַטש, נעם דו, אָרעמע שוועסטער פרוי, און זעץ זיך זיי ניאַנטשען, אַף דער עלטער... אָ, עס איז זיי נישט צו דערקענען מער, די געוועזענע שיינע העלדן פון נעכטן. די ליבע — אָדער, דאָס, וואָס זיי רופן אָן — טרייהייט און צוגעבונדנקייט, — האָט זיי אויסגעמוטשעט און אויסגעברענט אינגאַנצן; אַזוי, אַז פאַרן לעבן באַ זיי איז מער גאָרנישט געבליבן. און לעבן, זעט איר, מוז מען...

זי, מירל, האָט גענומען צוזעען, מיט שרעק, וויאַזוי איר ליבער קאַבלענץ בלייבט מיד און נעמט אָפּשטיין. ער איז פאַרזאָרגט אָפּטער, ווי גע־

ווען; און ער קוקט, צייטנווייז, אַף איר, מיט טרויער אין זיין בליק; און זי האָט מורא־געקראָגן דערפאַר. אָ, ווייל זי האָט גוט געוואוסט, זיך־אָנגעשטויסן, וויאַזוי — ער רייסט זיך אונטער פאַר איר... ער שלעפּט פון קראַם, וויפל עס לאָזט זיך... מסתמא, קען ער שוין נישט מער; און ער איז פאַרצווייפלט... ווער ווייסט, צואַוואָס עס קאָן דערגיין — ער קאָן זיך נאָך דערטראַכטן, חלילה, אין זיין ריינער אומבאַפלעקטער ליבע צו איר... ווער ווייסט? אפשר איז זי באַ אים אויך, באַם גאַנצן דאָן־זשואַן — די ערשטע גרויסע און ריינע ליבע אין זיין יונגן לעבן — פונקט ווי ער איז דאָס באַ איר?!. און אין אַזעלכע פאַלן, האָט זי געהערט זאָגן, זענען די משוגענע מענער, באַזונדערס — די היזיקע מעלאַנכאָליקער, קאַפּאַבל אַף אַלץ...וויבאַלד—נישט צום לעבן, — איז — אומקומען, ביידע צוזאַמען... נאָר — ניין. זי, מירל בלומענפעלד, טרייסלט זיך אָפּ דערפון, מיט שוידער. זי, וויל, לעבן — ווייל זי האָט נאָך אַזוי ווייניק געלעבט אַף דער וועלט! אָ, ניין. צו שטאַרבן איז תמיד דאָ צייט... ווי זי געדענקט עס נאָך פונדאַמאָלס, פון דער היים, ווען זי האָט זיך געראַטעוועט, עס איז געווען באַנאַכט, פון דעם גיפט־קאָשמאַר. נו, דאַרף עס איר באַנג־טאָן? איצט זעט זי, אַז זי האָט גוט געמאַכט מיט דעם, וואָס זי האָט זיך נישט גענומען דאָס לעבן; ווייל, אַז מע לעבט, — איז דאָ אַלעם אין פאָרויס — האָפענונג און דערוואַרטונג... ניין. ג אָ ר — נישט פאַרצווייפלען...

און זי האָט באַשלאָסן — זיך נעמען אָפּקערן אַביסל פון דעם אָרעמען אינגל קאָבלענין; אים צורו לאָזן; אים אויפהערן צאַפּן אַזויפיל, און אים לאָזן אַביסל קומען צו זיך, — אַז ער זאָל נישט צוזאַמענברעכן; נישט פאַלן אונטער דער לאַסט. אָ, זאָל ער ווידער אויפלעבן, ווי געווען. נאָכהער, וועט מען זען. ווייל — זי, האָט אים נאָך אַלץ ליב; און זי וועט אים נישט אויסלאָזן פונעם אויג...

דער עיקר אָבער — האָט זי גענומען ווענדן, פון אַצינד און ווייטער, איר אויפמערקזאַמקייט צו דער קראָם... זי האָט, מיט אַן אמת, באַדויערט, הלמאַי זי האָט דאָס פאַרנאַכלעסיקט, אַזאַ לאַנגע צייט; זיך פאַרנומען מיט נאַרישקייטן, ליבע־שמיבע, נעכטיקע טעג... און זי האָט זיך אַצינד באַמיט אָנצוזאָגן דאָס פאַרלאָרענע...

דאָס ערשטע מאָל, אַז זי האָט אָפּגעווענדט קאָבלענצס איינלאַדונג אַרויסצופאָרן מיט אים, אַפּדערנאַכט, אין צענטער פאַרברענגען, — האָט זיך יענער אַזוי שטאַרק אויפגערעגט, — אַז זי האָט מורא־באַקומען, ער זאָל נישט אָפּטאָן עפּעס אַ נאַרישקייט, וואָס מע וועט דערנאָכדעם שוין ניט קענען צוריקכאַפּן. און זי האָט זיך באַדענקט, און מאָמענטאַן געפּאַסט אַ אַנדער באַשלוס. זי האָט אים גלייך נאָכגעגיבן זיין ווילן.

און שפּעט באַדערנאַכט; ווען עס איז שוין געווען נאָכאַלעמען; און ער, אַ דערשעפּטער, אַ שלעפעריקער, האָט זיך געגרייט איר אָפּפירן צוריק

אהיים, — דאן האט זי אים פּלוצים פאַרהאַלטן; זיך גענומען טוליען צו זיין ברוסט, אים אַנגעכאַפּט פאַר די הענט און זיך צעוויינט. איצט, האט זי אַרויסגעפּלאַצט מיט איר „סוד, וועלכן זי דריקט שוין אין זיך, זינט אייניקע וואָכן" און זיך אַלץ נישט דערוועגט אים צו דערציילן, אַז... זי האט פאַרשוואַנגערט פון אים.

ער האט פּלוצים אויפגעציטערט; אויפגעהערט גענעצן; פאַרלאָרן דעם קאַליר פון זיין פּנים; איר אינסטינקטיוו אָפּגעשטויסן פון זיך...

— אום גאָטס ווילן! — האט ער אויסגערופן און געקוקט אַף איר, מיט נישט־אויסבאַהאַלטענעם צאָרן — וויאַזוי האט זי דערלאָזט דערצו? וואָס איז זי — פאַרוקט?!

נאָר זי האט זיך באַניים צוגעשאַרט צו אים; זיך געקלאַמערט אָן זיי־נע הענט און, וויינענדיק, אים אויסדערציילט איר ביטער האַרץ, וויאַזוי איר מאַן, דער פּראָסטאַק, דער כאַם, פאַרפאָלגט איר, די גאַנצע צייט; ער פּייניקט איר, באַטאָג און באַנאַכט, ווען נאָר ער טרעפט איר אינדערהיים; ער שניידט פון איר פּאַסן, רייסט פון איר לעבעדיקע שטיקער און דראָעט איר, אַז ער וועט אַוועק צום סעניאָר רובען פראַנץ גלייך אין געשעפט אַריין און זיי פאַרמסרן ביידן, איר און אים, קאַבלענצן — ווייל ער ווייסט אַלץ, איר אויסוואורף, דער מאַן; און ער וועט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר גאָרנישט — שרייט ער — ביז וואַנען ער וועט זיי נישט זען ביידן אַרויסגעשטעלט פון קראָם אַף דער גאַס... אָבער לעצטנס, איז ער געוואָרן גאָר געפערלעך, אין זיין בושעוועדן מיט איר, און ער האט גענומען ליאַרעמען, אַז ער וויל האָבן נאָך אַ קינד... אָ, וויפל זי האט זיך נישט געווערט קעגן דעם, גע־קעמפט פאַרצווייפלט, מיט די לעצטע כוחות, — האט זי אָבער גענומען איינזען, אַז עס וועט איר נישט העלפן; ווייל ער, איר ברוטאַלער מאַן, איז שטאַרקער פון איר; און, ווען זי בלייבט באַנאַכט מיט אים, איינע אַליין, — וועט ער איר פאַרגוואַלדיקן, אַף שטיקער צערייסן — אָ, ניין! ער, אין זיין צערייצטער יוכע, וועט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר גאָרנישט — טיידן, עס קומט אויס, נישט אַנדערש, אַז זי זאָל מאַכן אַ געוואַלד אינמיטן נאַכט, אַז מענטשן זאָלן זיך צונויפלויפן פון עם אַרום... וואָס האט זי, אַן עלנטע שוואַכע פרוי, געקאָנט טאָן? אָ, זי האט גוט צוגעזען, וואוהין ער צילט, דער מערדער; און אַז נישט דאָס קינד פּלוצים האט אים אַזוי צו־געשפּאַרט פון דער העלער הויט; נאָר, אַז דאָס וויל ער איר באַניים פאַר־שקלאַפן און צובינדן צו זיך, כדי אַז זי, אַ שוואַנגערנדע, אַן אומבאַהאָל־פענע, — זאָל ווערן געבראַכן אינגאַנצן; נאָכגעבן אים, דעם כאַם, אין אַלץ; בלייבן אָפּהענגיק פון אים, ווי אַ קליין קינד אַלציינס; אים פאַרקוקן אין די אויגן, נעמען אים באַוואונדערן, אינם חנפהנען, אַ מכה אַף אים; הלשן אויסגיין נאָך אים אַליין... און זי האט שוין איינגעזען, מיט שרעק, אַז — איר גורל איז פאַרחתמהט; אַז זי איז עלנט, און זי קען זיך נישט

ווערן מער... און זי האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, אָ, זי האָט רעזיגנירט פאַרן אומפאַרמיידלעכן... נאָר, אין דער שטיל האָט זי געקלערט, און איר האַרץ האָט אויפגעפלאַקערט מיט מאַכטלאָזן באַגער צו נקמה... ווייבאַלד אַז איר קומט שוין יאָ אוים צו ברענגען נאָך אַ קינד אַף דער וועלט, — טאָ, זאָל עס כאָטש נישט זיין דעם־אויסוואורף־איר־מאַנס, נאָר — ד י פ ר ו כ ט פ ו ן ז י י ע ר ב י י ד נ ס ל י ב ע . . . און עס וועט זיין איר איינ־ציקע טרייסט, אין איר אָרעם לעבן. דער לעצטער אָנהאַלט, אין איר אומ־גליק...

איצט, אַז זי האָט פאַרענדיקט אויסגיסן איר ווידוי, — איז זי גע־פאַלן פאַר איר געליבטן אַף די קני; זיך באַניים שטאַרק צעוויינט און אים געבעטן, אַז ער זאָל איר נישט פאַרלאָזן ערשט, — ווען זי איז אַזוי עלנט, אַזוי אומגליקלעך...

סעניאָר קאָבלענץ איז געווען אויסער זיך, פאַר הראַביע. די גיים האָט איינגעשלאָגן אין אים, ווי אַ דונער, און אים געלאָזן שרעקלעך־צעטומלט... ער איז, די לעצטע צייט, אַרומגעגאַנגען, אַ שטאַרק־פאַרצווייפלטער, צו־ליב זיין שווערער לאַגע אין געשעפט. ער האָט זיך צופיל פאַרגאַלאָפּירט, אָ, ער איז אוועק צו־ווייט, אין זיינע „געהיימע נעמעכצן”, זיך־מוראַדיק פאַרפלאָנטערט און פאַרדרייט; זיין קאָפּ איז אים דערהרגעט — אַ שרעק! אַ ליאַדע טאָג, ווען מע כאַפּט זיך אַריין אין זיין סעקציע, מע דערלאַנגט אַ נישטער, אַ זוך, — אַזוי איז ער אַ פאַרפאַלענער; גייט ער אַ גאַנג... מע מוז דאָ זעען האַנדלען פאָרזיכטיק, מיט אויסדויער. לאָזן דורכגיין אַ צייט, אין דער שטיל. זיך נישט וואַרפן קיינעם אין די אויגן; נאָר, אָנגיין מיט דער אַרבעט אין דער סעקציע און זעען טאַקע עפּעס אויפצוטאָן, — וועט עס, אפשר, מיט דער צייט, איבערגיין; עס וועט זיך קיינער נישט כאַפּן; מע וועט זיך גאָרנישט אַרומקוקן אַף אים; מע וועט אים אַפּן זינען נישט האָבן קיינס... און שפּעטער, אין אַ צייט אַרום — וועט שוין זיין נאָך אַלעמען. ווּעמען ליגט עס אינזינען אויסגראָבן אַלטע טראַנטעס? דאַן, וועט ער אויפקומען ווידער, אַ רואיקער, אַ געלאַסענער; זיך אַרומקוקן, ווי תמיד, מיט ווערדע צו זיך — וואו ער איז דאָ אין דער וועלט... און אַלע אַרום וועלן אים באַניים אָנהויבן צו רעספּעקטירן. עס וועט אַלעס פאַר־בלייבן, ווי געווען...

נאָר דאָס שרעקלעכע, וואָס זי האָט אים איצטער דערציילט, האָט אים אינגאַנצן דערדריקט; אַלע זיינע פּלענער צעשטערט. אָ, זי האָט אָנגעיאָגט אַ פּאַניק אַף אים, מיט אירע רייד; און ער האָט איינגעזען פּלוצים, מיט שוידער, אַז — ז י , אָט די פרוי, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן, אַזוי אומגע־ריכט, אין זיין לעבן; וואָס איז אָנגעלאָפן אַף אים, ווי אַ שטורעם, מע האָט נישט געוואוסט — פונוואַנען און פון וואו, — אַז זי איז גאָר געווען אַ אומגליק אַף זיין קאָפּ, זינט ער האָט איר דערקאָנט... אָ, ער האָט שוין

געהאַט צו טאָן מיט פרויען אַסאַך — פּ אַ ר איר; אינגערע און שענערע פון איר, מיט רייץ אַסאַך און פרייד... יענע האָבן זיינע טריט געקושט; אים אין די אויגן פּאַרקוקט און געשלונגען זיין דעך... און וואָס האָבן זיי דען באַ אים אינגאַנצן פאַרלאַנגט? גאָרנישט. פאַר אַ קליינער מתנה בלויז, פאַר אומזיסט... אָט יענץ איז געווען די ליבע, די אומייגננוציקע, די ריי־נע, צו וועלכער זיין אָרעם יונג הארץ האָט געלעכצט... נאָר — די אָ פרוי, די גרינע אינטעליגענטקע, וואָס ליגט אַצינד פאַר אים און... מאַכט דעם אָנשטעל, ווי זי וויינט, זי קאָן זיך גאָרנישט טרייסטן, — וואָס האָט זי אים געבראַכט, אַ חוץ זאָרג און קאָפּדאַרעניש?! און עס פעלט טאַקע נישט מער, אַז איר מאָן זאָל זיך אַראָפּכאַפּן אין קראָם אַריין און אָנדרייען אַ פּלאָנטער, — אַזוי איז ער, קאַבלענץ, אַ פּאַרטיקער...

און ער האָט גלייך געפּאַסט זיין באַשלוס, דער סעניאָר קאַבלענץ. מיט דעם גאַנצן יוגנטלעכן אימפּעט, וואָס ער האָט נאָך פאַרמאָגט, האָט ער גענומען פאָדערן באַ איר, זיין געליבטער, אַז... „זי זאָל זען לויז ווערן פון איר אומבאַקוועמער לאַגע — וואָס־גיכער. ער וועט איר גיבן געלט, וויפל מע דאַרף; איר אָנווייזן, וואוהין זיך צו ווענדן — און זאָל זי אַ סוף מאַכן דערצו!" ער האָט איר געפּרוּווט באַווייזן, ווי אומלויגנבאַר עס איז פאַר זיי ביידן דאָס, וואָס זי האָט אַצינד, גראָד איצט, פאַרשוואַנגערט; ווי נישט אַמפּלאַץ דאָס איז; ווי נישט צייטמעסיק... ער האָט איר גע־פּרוּווט איינגעמען מיט גוטן. גלייך האָט ער זיך פאַרגעסן, און איר גע־נומען דראָען, ווער ווייסט — מיט וואָס; און דאַן איז ער באַניים געקומען צו זיך, איר אַרומגענומען און געקושט, און איר ווידער אויפגעוויזן — ווי גוט עס וועט זיין פאַר ביידן, ווען מע וועט זיך באַפרייען פון דער אומ־געריכטער לאַסט... אָ, דאַן וועט זיך אָנהויבן פאַר זיי אַ לעבן אַ נייס; פּונקט ווי אין ערשטן טאָג פון זייער ליבע...

זי, די אומגליקלעכע, האָט איצט, אויף אַלע זיינע רייד, געוויינט. זי האָט נישט געהאַט עפּעס אַנדערש צו טאָן, אַ חוץ וויינען און קלערן פאַר זיך, אַז... „ווי וואָלט ערשט געווען איר לאַגע, פון אַ געליבטער און פון אַ מוטער, ווען זי איז, מיט אַן אמת, שוואַנגער פון אים, פון אָט דעם ליבן נאַרישן אינגל, וועמען זי האָט אַזויפיל געטרויעט?..." זי האָט געוויינט אַצינד אויפריכטיק; און געשפּירט, וויאַזוי איר ליבע גייט אָפּ מיט איר טרערן־שטראָם. אָ, צוזאַמען מיט איר הארץ, מיט איר יונג־פאַרפייניקט לעבן... נאָר, צו גלייכער צייט, האָט זי דערפילט, אַז עס ווערט איר אַסאַך גרינגער דערפון. ווי זי זאָל ווערן אויפגעבונדן אַצינד און פריי. געלאָזן צוריק צו אירע כוחות און צו איר ווילן; אָ, צו איר שיקזאַל און צו איר גרויסן גלויבן — נאָך צו שפּילן אַ ראָל אויף דער וועלט...

איצט, אַז זי איז פּלוצים אַרויסגעקומען אויף דער פריי, נאָך איר ערשטער גרויסער ליבע־אַוואַנטורע דאָ, אינעם היגן לאַנד, — האָט זי זיך

גענומען אַ פּאָר טעג אָפּצורוען, קומען צו זיך פון די שטורמישע איבער־לעבונגען. דערנאָך, ווען זי צוטרעטן, מיטן קאָפּ אין די הענט, זיך אַרומ־קוקן, וואו זי איז דאָ אין דער וועלט...

דעם אמת גערעדט, — האָט זי אַליין נישט געוואוסט, וויאַזוי מע הויבט דאָ אָן צו טאָן. זי וועט דאָך נישט אַראָפּגיין אין קראָם, מיר־נישט־דיר־נישט, פון דער העלער הויט, זיך אָנבאָטן פאַר כ׳ווייס־וואָס?! און וואַרטן? אַף וואָס, אייגנטלעך, האָט זי דאָס אויסצוקוקן?...

זי האָט גענומען ווערן אומרואיק־נערוועז. אַ טרויער איז איצט צו־געשטאַנען צו איר האַרץ, עס גענאָגט און געפּרואווט אונטערגרייסן איר גע־פּאַסטן מוט פון אַקאַרשט.

נאָר דער אויסגאַנג פון איר שווערער לאַגע איז געקומען פאַר איר גאַנץ־אומגעריכט; און דאָס, אַדאַנק דער פּלוצימדיקער אַריינמישונג פון איר אייגענעם מאַן...

...יאָ, ער, סעניאָר כאַקאָבאָ לאָפּקין, איז אויך, די גאַנצע צייט, נישט געשלאָפן. ער איז, אַ וודאי, נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט, חלילה. ווי איר זעט אים, אַ לעבעדיקן, — האָט ער איר אין אַלץ נאָכגעשפּירט; נאָכגעגאַן אומעטום, וואו מ׳ע דאַרף; דערגאַנגען אַלץ, וואָס מע דאַרף. איצט, ווייסט ער, וואָס ער האָט צו טאָן. ער וועט אַוועק גלייך צום סעניאָר רו־בען פראַנץ, און ער וועט אים זאָגן, אַז — ער פאָדערט זיין ווייב צוריק אַהיים. נישט אַף דאַרויף האָט ער אַראָפּגעבראַכט — וועט ער זאָגן — אַ ווייב קיין אַמעריקע, — אַז זי זאָל קיינמאָל אינדערהיים נישט זיין; אַז זי זאָל זיך אומשלאָיען איבער די גאַסן, באַטאָג און גאַנצע נעכט. ער וועט אַ קלאַפּ טאָן אין טיש. ער, כאַקאָבאָ לאָפּקין — ווייל ער האָט דאָ נישט קיין מוראָ פאַר קיינעם — און ער וועט אַהיימפאָדערן צוריק זיין ווייב, ווייל ער דאַרף איר האָבן אין שטוב. זי זאָל זיין אַ ווייב צו אים און אַ מאַמע צום קינד. אַזוי וויל ער, כאַקאָבאָ לאָפּקין, איר מאַן; און קיינער קען אים קיין דיעות נישט זאָגן, אַפילו דער גרעסטער גביר פון דער רעפּובליק — אויך נישט, וויאַזוי ער האָט זיך צו פירן באַ זיך אינדערהיים מיט זיין ווייב. ער איז איר מוחל די אַרבעט. ער שפּייט אַף איר, מיט אירע פאַר־דינסטן. וויפל גאָט גיט, מוז זיין גענוג. ווייל, אַז מע וועט אים שטאַרק נעמען ציען פאַר דער צונג, אים, כאַקאָבאָ לאָפּקין, — וועט ער גלייך אַרויס מיט לשון און פאַר אַלעמען דערציילן, דאָרטן, אין קראָם, פונוואַנען עס שטאַמען עס אירע פאַרדינסטן, זיין טייער ווייבלס, וואָס זי ברענגט אַהיים, אַלע מאָל, פּעק — דעם־תהום. וואָס? ער קען איר נישט, נאָך פון דער היים — אַלע אירע גענגג?... זאָלן זיי נאָכזוכן, דאָרט אין געשעפט, אַ קוק טאָן איבער די הענט ד ע ם ס ע נ י אָ ר ק אָ ב ע ל ע נ ץ, דעם ליובאָווניק אירן, — וועלן זיי אויסגעפינען גלייך, ווי ער באַגנבעט זיי

אלע, איבער די קעפּ!... וואָס־זשע? ער, כּאַקאָבאַ לאַפּקין, וועט זיך שע־מען, מיינט איר? כאַ־כאַ־כאַ... אויב אַזוי, קאָן מען אים נאָך נישט... וואָס האָט ער אָנצואווערן? — ער וויל זיין ווייב, און ווייטער גאָרנישט...

אַזוי, זיך אַליין אונטערגעקאַטשעט מיט דאַמף, — האָט דער סעניאָר כּאַקאָבאַ לאַפּקין, אין איינעם אַ פאַרנאַכט, זיך־אויסגעסטראָיעט און אוועק גלייך צום געשעפט פון סעניאָר רובען פראַנץ. ער איז געגאַנגען מוטיק, מיט גרויס ווערדע צו זיך; און, די גאַנצע צייט, איבערן וועג, געחזרט די דרשה, וואָס ער האָט אוועקצולייגן פאַרן גרויסן נגיד, בּאַ וועמען אין טאָ־זשער עס אַרבעט דאָס ווייב זיינס. אָט די דרשה, וועלכע איז געבוירן געוואָרן בּאַ אים אין קאָפּ, נישט פון נעכטן, — האָט ער שוין איבערגע־זאָגט אין רעיון אַזויפיל מאָל, — אַז ער וואָלט זי שוין אָפּגעטאָקט, דאַכט זיך, ווען מע וועקט אים פון שלאָף...

נאָר, אַז ער האָט געכומען צוקומען נעענטער צו דער קראָם, — האָט ער דערשפּירט פּלוצים אַן אומרו און אַ שוואַכקייט אונטערן הארצן, כּאָטש ער האָט נאָך אַליין רעכט נישט געוואוסט — וואָס... אומבאַמערקט, וויאַזוי, — האָט זיך נאָר־אַנדערש מיטאַמאָל גענומען טראַכטן בּאַ אים וועגן דער גאַנצער זאַך: פונעם ווייב, פון זיין אייגענער דאַליע, פון אַלץ... וואוהין לויפט ער דאָס, דער אַלטער נאַר — פאַרמסרן דאָס ווייב זיינס? וואָס איז ער — אַ קינד, וואָס האָט איר ערשט נעכטן דערקענט? און צי מיינט ער טאַקע, אין דער אמתן, ער, כּאַקאָבאַ־די־בהמה, אַז מיט אַזוינע מיטלען וועט עס העל־פן?!. אוי־אוי־אוי... שוין צייט, ער זאָל פאַרשטיין, אַז — די צעבראָכענע קאַרעטע וועט שוין גאַנץ נישט ווערן... זי איז געווען אַ לויפערקע אין דער היים, דאָס ווייב זיינס; אַ לויפערקע וועט זי שוין בלייבן... חברים האָבן אים אָבער געוואָרנט אַמאָל, אָ, נאָך אין יענע יונגע יאָרן, אין דער גוטער צייט, ווען ער, יאַנקל לאַפּקין, האָט געגלאַנצט, איז געווען אָפּן שפּיץ, — האָבן זיי אים געוואָרנט, ווי גוטע פריינט — ער זאָל נישט קריכן, ווייל — עס איז נישט פאַר אים; עס גלייכט זיך ש ו י ן נישט; און בפרט שפּעטער — געדענק! — ער וועט חרטה־האָבן! — האָבן זיי געשריגן — עס וועט אים הארציק באַנג־טאָן; נאָר, עס וועט שוין זיין צו־שפּעט; ער וועט נישט קענען מער צוריק־כאַפּן; ער וועט זיך מוזן האַלטן מיטן פּגר... נאַ, איצט זעט ער דאָס איין, דעם ריינעם פינצטערן אמת. איצט האָט ער עס, ווי מע האָט פאָרויסגעזאָגט; ווי מע האָט געדאַרפט דערוואַרטן — אי באַסטאַ! אַלץ איז געענדיקט. כּאַקאָבאַ, ביזט אויסגע־שפּילט. ביזט קאַפּוט, כּאַקאָבאַ לאַפּקין, ביזט פאַרביי!... איצט, לויפסטו, ווי אַן אַלטער אָפּגעריסענער פערד, אַ קלאַפּ צו דיין קאָפּ, פאַרמסרן דאָס ווייב דיינס פאַר ווילד־פרעמדע מענטשן; אַרויסשטעלן אַף חוזק דיין איי־גענע שאַנד; אַז מע זאָל לאַכן פון דיר דאָס גרעסטע געלעכטער; און מע וועט נאָך גערעכט זיין אויך...

אזוי איז ער געגאַן, אַ פֿאַרטראַכטער, דער אַלטער כאַקאָבאָ לאַפּקין, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, אונטער דער שווערער לאַסט פֿון זיינע ליידן, און זיך נישט געגיבן קיין רעכענונג, וואוהין זיינע פֿיס פֿירן אים... נאָר, אַז ער האָט זיך געכאַפּט, — איז שוין געווען שפּעט. ער האָט זיך געפֿונען אין קראָם און ער איז געגאַנגען גלייך אַפֿן פּרינציפּאַל, סעניאָר רובען פֿראַנץ...

יענער האָט אים אָנגעקוקט, מיט אַ ווידערווילן אינעם בליק. עפּעס איז ער אים נישט געפֿעלן געוואָרן, באַלד פֿונעם אָנהויב, דער ווילד־צע־שרויפֿטער מאַן, וואָס גייט גלייך אַף מענטשן; און ער האָט אים אָפּגעזעצט מיט דער פֿראַגע: — וואָס איז זיין וואונטש?...

און אין דער רגע, זענען אויסגעוואָקסן לעבן סעניאָר פֿראַנץ עטלעכע אָנגעשטעלטע. זיי האָבן צוגענומען פֿון אים דעם פֿרעמדן, און באַ יענעם שאַרף אַ פֿרעג געטאָן; — וואָס ער וויל?

כאַקאָבאָ לאַפּקין האָט זיך דערפֿילט פֿאַרלוירן; נישט געוואוסט, וואָס זאָל ער ענטפֿערן. ער האָט אַרויסגעשטאַמלט, אַ פֿאַרשעמטער, אַז... ער איז דאָס דער מאַן פֿון דער־און־דער פֿרוי, וועלכע אַרבעט באַ זיי אין טאַ־זשר; און ער איז געקומען איר זאָגן אַ געוויכטיקע זאַך... מע האָט אים גלייך דורכגעלאָזט און אָנגעוויזן אַף דער ווינדע, מיט וועלכער ער זאָל אַרויפֿפֿאָרן אַפֿן דריטן שטאָק, וואו ער וועט איר טרעפֿן...

כאַקאָבאָ לאַפּקין האָט זיך ערשט געלאָזן פֿאָרן אַרויפֿצו, און געקלערט דערפֿון, וואָס ער זאָל זאָגן זיין ווייב פּלוצים, אַז זי וועט אים דערזעען?... עפּעס צוטראַכטן האָט ער נישט געקאָנט; און איידער וואָס־ווען, — איז ער שוין געשטאַנען פֿאַר איר, אַ פֿאַרצאַפּלטער פֿון איר פֿירכטערלעכן בליק; עפּעס געשטאַמלט, אַליין נישט געוואוסט — וואָס...

ער האָט זיך קוים אָפּגעטראָגן פֿון אירע אויגן; ווי אַ שאָטן, האָט ער זיך באַמיט גיך־גיך דורכצושלייכן די קראָם, וואו אַלע האָבן אים נאָכגע־קוקט אזוי מאָדנע; ביז ער האָט שוין דערלעבט אַרוים אין דרויסן, ער איז קוים אַוועק.

און פֿאַרנאַכט־צו, אַז אין געשעפֿט איז געוואָרן טומלדיקער, און פֿלאַ־כער די אַרבעט, — איז מירל בלומענפֿעלד אַראָפּ אונטן, זיך פּלוצים פֿו־נאַנדערגעוויינט פֿארן כערענטע זאַלצמאַן און פֿארן אַלטן מחותן ספּיוואַק. זי האָט ערשט אויסגעגאָסן פֿאַר זיי איר גאַנץ ביטער האַרץ, ווייל — זי האָט עס שוין נישט געקענט דריקן מער אין זיך — איר פּיין, איר גרויל, איר עלנט, איר דלות און איר בושה, מיט אַזאַ מאַן אַ לאַ־יצלח, וואָס גייט איר נאָך די טריט, וואָס פֿאַרפֿאָלגט איר, און אַליין טוט ער גאָרנישט... אזוי — אַ לעבן לאַנג האָט זי באַ אים אָפּגעפּינצטערט, אָ, זינט זי האָט אים דערקענט... און אַצינד, ווי איז צו איר, זעט זי שוין איין, אַז — איר וועלט איז פֿאַרשפּילט...

אָ, זי האָט גוט צוגעזען, די כיטרע מירל, אין סאַמע רעכטן געוויין,

— וויאזוי זי געפעלט זיי ביידן, דעם אלטן און דעם בערענטע, סיי מיט איר קארעקטן שפאניש־רעדן, ווי מיט איר גאנצער באנעמונג; און אז זיי פילן זיך שטארק־געהויבן דערפון, וואס זי האט זיי אויסדערוויילט און געוואוסט, וועמען אנצופארטרויען אזעלכע שטרענג־אינטימע זאכן...

אין תחילת, האבן זיי אויסגעזען, ווי צעטומלט פון דעם אלעם פאר זיי פלוצים אויפגעדעקטן. נאר באלד האט דער סעניאר זאלצמאן — ווי זיין שטייגער איז געווען, באזונדערס, מיט פרויען, ווי מיט קליינע קינדער אלציינס — גענומען ארויספירן די גאנצע זאך אף א לייכטערן טאן, אף א גוטמוטיקן שפאס. מע האט געזען, ווי עס בייסן אים שוין די הענט, אז — ווען ער שעמט זיך נישט, אזוי דערלאנגט ער איר א גלעט איבער איר שיינעם ראש־געקרויזטן שווארצן קאפ האר, אדער כאטש איר גיבן א פעטשל אי־בער דער פלייצע...

— נו, נו... — האט ער איר געטרייסט און געמוטיקט — נאר נישט פארצווייפלט... אזא יונגע שיינע פרוי, ווי זי, מיט איר אינטעליגענץ און פעיקייטן, האט נישט, וואס צו זיין פעסימיסטיש... נאר — נישט אראפ־געלאזט די נאז... ווייל — נאך נישט איז דער הימל בא דר'ערד... מירן זעען... מירן זעען... מארגן גייט א נייער טאג, סעניארא... מירן נאך רע־דן... דערווייל, טוט אונז די טובה און ווערט מונטערער אביסל... אט אזוי...

און זי, די געטרייסטע מירל בלומענפעלד, האט זיי געטאן די גרויסע טובה און געגיבן איר ערשטן שמייכל דורך אירע טרערן... יענע, די צוויי לייט, האבן צו איר צוריקגעשמייכלט... א, וועדליק ווי פארן אנהויב, — איז עס צוגעגאנגען נים־שלעכט... מ'קען האפן...

פונדערוויטנס איז געשטאנען סעניאר רובען פראנץ און געקוקט, די גאנצע צייט, אהערצו. ער האט צוגעקוקט די סצענע. ער איז געווען דער איינציקער, וואס האט נישט געשמייכלט. ער האט באטראכט דער יונגער שיינער פרוי און געבליבן פארקלערט...

פון דאמאלט אן, האט מירל בלומענפעלד, כמעט יעדן טאג, בא דער מינדסטער געלעגנהייט, זיך פארהאלטן אין קראם און גערעדט לאנג מיטן כעניאר זאלצמאן. וועלכער האט איר זייער גערן אויסגעהערט און קיינמאל מיט קיין ווארט נישט דערמאנט, אז איצט איז סעזאן־צייט, און דארט אויבן, אין טאזשער, ווארט אף איר די ארבעט. פארקערט. אז זי פלעגט זיך פלוצים דערמאנען אין דעם, זיך אנכאפן פארן קאפ און וועלן ארויפגיין, — פלעגט ער איר, אזוי גוטמוטיק, פארהאלטן פאר דער האנט. און, מיט זיין גוטן שמייכל, איר אפן דערקלערט, אז — סיי ווי, האט זי זיך נישט, וואס צו איילן אהינצו, אין טאזשער, ווייל — יענע ארבעט איז נישט פאר איר: ווי קומט זי גאר אינגאנצן צו זיי?! און אז דאס, וואס מע שטייט און מע רעדט דא, — איז אפשר פיל־וויכטיקער פארן געשעפט; און מעגלעך, פאר אירעטוועגן אויכעט...

פון אזעלכע פיל־באַדייטנדע ווערטער פלעגט איר צוקומען אַ שטיפּ געזונט. זי איז געבליבן פאַרוויטלט שטיין און געשמייכלט, אַ פאַרשעמטע, נאָר אַ דערפרייטע, צו איר נייעם, אָבער — איינציקן גוטן־פריינט, ווי זי האָט אים ערשט טיטולירט, דעם סעניאָר זאַלצמאַן, און מיט רעכט.

...ער, דער בערענטע, האָט זיך פירגענומען אַצינד דורכצופירן אַ גרויסע זאַך. דעם ערשטן טאָג, גלייך ווי ער האָט איר דערזען, דער שיינער דאַמע, אָנקומען אין טאַזשער אַרבעטן, — האָט ער זיך פאַרקלערט דאַרומער. זי איז אים געפעלן. און שטעלנדיק איר אין געדאַנק באַ דער זייטן פון סעניאָר פּראַנץ, — האָט זי אים ערשט גענומען געפעלן ווערן. ער, וועלכער האָט דאָ, אַלע יאָרן, געאַרבעט און געהאַט אויסצושטיין אַלע ווילדע קאַפּריזן פונעם פּרינציפּאַל, — אָ, ער האָט שוין גוט געוואוסט, וויאַזוי מע דאַרף אוועקשטעלן די זאַך אַזוי, — אַז יענער זאָל שוין גיין אין שפּאַן. דער עיקר, אַז ער זאָל זיין צופרידן א י ן ד ע ר ה י נ ז י כ ט . . . און ווייטער וועט שוין אַלעס צוגיין אין אָרדענונג. אַ גוט שטיקל צייט איז געווען דאַן, ווען די סעניאָריטאַ ראָזאַ האָט דאָ געאַרבעט. אָ, אין איר, דער רויט־האָריקער ,איז ער געווען פאַרקאָכט מיט לייב און לעבן; זי האָט גערייט מיט אים, וויאַזוי זי האָט געוואָלט; און אַלעס איז צוגעגאַן, ווי מע דאַרף... נאָר, זינט יענע איז אוועק — און מע האָט געדאַרפט פאַרשטיין, אַז אַזוי וועט זיין, פריער צי שפּעטער: זי איז אַ מיידל, וואָס האָט געוואָלט קומען צו אַ ציל, — גייט ער אַרום, דער סעניאָר פּראַנץ, אָן אַ קאָפּ. ער וויל פון גאָרנישט וויסן. ער איז, פּראָסט־פּשוט, צעדרייט, פון עלנט און נודנאָטע; און ער קאָן נאָך אָפּטאָן די ווילדסטע שטיק, ווייל — מע איז קיינמאָל מער מיט אים נישט זיכער אַף גאָרנישט... די פריילן אַמאַליאַ, — יענע איז געווען אַ קינד נאָך... און די גרינגע נאַרישע יענטל די דינסט־מויד — אָ, מע וואָלט געמאָגט פאַרשטיין, אַז דאָס איז נישט פאַר אים; ווייל, אין איין שיינעם טאָג — קען ער זיי נעמען און אַלעמען דורכטרייבן פאַרדערפאַר... זעט איר — מיט איר, דער סעניאָראַ מירל, איז גאָר עפּעס אַנדערש. זי איז שוין אַ פאַרהייראַטע, וואָס האָט נישט, וואוהין צו לויפן מער... זי שיינט צו זיין אַ ניכטערע געזעצטע פרוי, וואָס ווייסט, וואָס זי וויל; און וואָס לעבן באַטייט — וואוהין עס פירט. נ אָ ר — נישט פליען אין די הימלען אַריין, ווי אַ מיידעלע אַ פאַריסנס; נאָר — אָן אילוזיעס... ער, זאַלצמאַן, האָט געהערט פון אירע מערכות מיט קאָבלענצן... מילאַ; כל זמן עס איז אָנגעגאַנגען, — האָט ער זיך נישט געוואָלט מישן. ס׳איז זיין דאגה דאָרט!... נאָר איצט, ווי עס זעט אויס, — האָט זיך עס איבערגעריסן... וואָס דען? גיכער, איז עס געקומען פון איר זייט. וואָס האָט זי באַ יענעם לייריקגייער געהאַט צו דערוואַרטן?... מע זעט גלייך, אַז זי איז אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט אַ געשעפט... מע מאָג עס איר אויפקלערן — געלאַסן, פּאַוואָליע.. ער, דער פּרינציפּאַל, סעניאָר רובען פּראַנץ, ווערט

נישט איינגער; ער ווערט עלטער. ער איז עלנט; ער בענקט נאָך אַ וואַרע־מער מענטשלעכער לאַסקע, — וועט ער איר באַלויגען פאַר אַלץ... זי פאַר־שטייט? עס איז נישט פאַר אים קיין עסק צו פאַרפירן מעשׂות מיט מייד־לעך דאָרט פון געשעפט. ער, נוימיקט זיך אין אַ חבר, אַ סטאַבילן פריינט; עס זאָל זיין, מיט וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט, איבערקומען די עלנטע מינוט... און, זי מאָג זיין זיכער, אַז — ער וועט איר דערפאַר דאַנקבאַר זיין...

ער האָט גערעדט מיט איר, דער בערענטע זאַלצמאַן, טאָג בײַ טאָג, אַזוי. ער האָט איר צוגערעדט, און איר איינגענומען, ווי מע נעמט איין אַ קליין קינד. ער האָט צוגעזען, מיט צופרידנהייט, וויאַזוי זי לאָזט זיך רעדן, הגם — זי מאַכט נאָך אַלץ דעם אָנשטעל, ווי זי וואָלט געצערגערט; ווי זי קאָן זיך נישט אַנטשיידן... ער האָט דאָס צוגעשריבן, דאָס צעגערן, צו דער בושה פון איר מין, פאַר וועמען עס פּאַסט זיך אַזוי, ווייל — דאָס גיט איר צו, דער פרוי, אַ באַזונדערן רייץ און חן...

און די גאַנצע צייט, וואָס דער בערענטע זאַלצמאַן האָט מיט איר פאַר־בראַכט, ערגעץ אין אַ ווינקל פון דער גרויסער קראָם, — איז דער פּרינציפּאַל סעניאָר פראַנץ כסדר געשטאַנען פונוויטן און געוואָרפן בליקן אַהינצו... ער האָט דאָן איבערגעלייגט אין רעיון פאַר זיך זיין גאַנץ־אָפּגעלאָפן לעבן, ביז דער לעצטער מינוט... וואָס האָט ער דערפון, אַ חוץ ליגנט און בעטרוג? קיינער איז אים קיינמאָל נישט געווען געטריי; נישט אויסן געווען א י ם, נאָר — דעם זגנאָר; כדי וואָס־שנעלער ארויסבאַקומען בײַ אים די פאַר טאָלער; ווייטער — וואָס דאַרף מען אים?... אָט אַזוי האָט ער זיין לעבן צוגעבראַכט, אין עלנט און אין פלאָג. אַליין צוגעזען, ווי זיין אָרעם האַרץ ווערט געפּייניקט פון בענקשאַפט נאָך אַן אויפריכטיק מענטשלעך וואָרט, און זיך גאַרנישט געקאָנט העלפן דערצו... אַצינד, ווען ער נעמט שפּירן, אַז עס גייט צו דער עלטער; אַז נאָך גרעסער וועט ווערן זיין איינזאַמקייט אויף דער וועלט, — אַזוי קאָרטשעט זיך צונויף זיין האַרץ, פון דערשרעק. און ער איז שוין באַדאַי גרייט איינצוגיין אויף דעם ווינציקסטן, — אַבי מע זאָל אים נישט לאָזן זיך־אומבלאָנקען אַליין, ווייל — ער וועט אומקומען; ער וועט נאָך פון זינען גיין!

ער האָט געקוקט צו יענער שיינער יונגער פרוי, און זי איז אים אַלץ־מער געפעלן געוואָרן. ער האָט איר געפּרואווט אוועקשטעלן, אין דמיון, בײַ־גלייך מיט יענער רויטהאָריקער מערדערן, וואָס האָט אים זיין האַרץ אָפּ־געקוילעט; און ער האָט צוגעזען, מיט ווייטיק, אַז — אַ, זי, איז ווייט נישט יענע, וועלכע איז אומפאַרגעסלעך, ווי די יוגנט אַלציינס; ווי דאָס גרויסע גליק פון ליבע. נו, אם כן, — טרייסט מען זיך דען נישט? אַלץ בעסער, ווי צו זיין אַליין...

און ער האָט זיך געלאָזן רעדן, דער סעניאָר פראַנץ, ווען דער בערענ־

טע זאַלצמאַן און דער אַלטער מחותן ספּיוואַק האָבן גענומען פאַרלייגן פאַר אים דעם פּלאַן, וויאַזוי — עס זאָל געעפנט ווערן אַ סוקורסאַל פון פוטער־וואַרג אין צענטר; אוואו זי, די סעניאָראַ מערי בעלומענפעלד, מיט איר פיינער אַסאָבע, מיט אירע איידעלע מאַנירן און קאָרעקטן שפּאַניש־רעדן, — וועט זיין די כערענטן און זען איינשאַפן אַ קליענטעלע צווישן דער שענצטער אַריסטאָקראַטיע... יאָ; עס איז אים געפעלן געוואָרן דער פּלאַן, — וואָס מער מע האָט גערעדט דערפון. ווייל ער האָט גלייך איינגעזען, אַז — זי, די אינטעליגענטע פרוי אַפן אויסזעען, — וועט זיין באַ אים אַנדערש פון אַלע פריערדיקע, ביז איצט — מיט דער מיט, וואָס זי וויל גישט זיין קיין סתם־אָנלייגערן. זי וויל אַרבעטן און זיין נוצלעך. אָ, דורכ־דעם, וועט זי אים נאָך ליבער ווערן...

8

אין אבריל־מאָנאַט; ווען די אַרבעט אין טאַזשער איז געגאַן אין פולן ברען, באַטאָג און באַנאַכט, — האָט פּיזשאַק דער קאַפּאַטאַז אויסגעפונען, אַז איצט איז געקומען די ריכטיקע צייט פאַר אים מיט אָסלען און ליאָווקען צו נעמען דורכפירן דעם פּלאַן וועגן... אַהיימנעמען עפּעס פון טאַזשער... „וואָס־זשע — ער וועט אייביק זיין זאַט מיטדערמיט, וואָס ער וועט שאַרן גאָלד פאַרן סעניאָר פראַנץ? וואָס מיינען זיי זיך דאָרטן, אין קראָם — זיי האָבן אָנגעטראָפן אַף אַ יאָלד?!"

ער האָט זיי דערקלערט, זיינע אַרויסהעלפער, אַז — ערשט איז אַ שאָד יעדער טאָג, וואָס מע לאָזט דורך מיט ליידיקן; און יענע צוויי חברה האָבן אַ וודאי מיט אים איינגעשטימט... שפּעט באַדערנאַכט, אין דער קעלט, פלעגן בלייבן נאָר די מענער פון טאַזשער; די פרויען האָט מען אַהיימגעשיקט, גלייך פון אָנהויב־אָוונט. עס איז אויסגעקומען, אַז עס איז גרינגער דערפאַר זיך צו באַוועגן, די הענט צו צעפירן... באַם אַריבערגיין אין דער צווייטער העלפט פונעם טאַזשער: צי — וועגן איבערלאָזן דאָרט אַן אויסגעפּאַרטיקט שטיקל פוטער, אָדער — צו ברענגען פון דאָרטן צוטראָגן די רויע פעל פאַר דער אַרבעט, — האָט אַ וודאי קיינער נישט באַדאַרפט וויסן, צי מע בעט זיך נישט אויס, דאָרטן אין דער טונקל, מיט עפּעס, און אַזוי בלייבט מען שוין מיטדערמיט, מע נעמט עס מיט אַהיים... נו, און דאַרויף האָט שוין אַכטונג געגעבן פּיזשאַק דער ליטוועק, אַז — אויסער אים אַליין, און אָסלען מיט ליאָווקען, וועמען ער האָט געשיקט נאָך עפּעס, — זאָל קיינער זיך נישט דערוועגן צו קריכן אַהינצו...

אינגאַנצן זיכער אָבער האָט מען דאָ קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרבלייבן מיט גאָרנישט. און דאָס האַרץ פלעגט כסדר אַרויספאַלן, פון שרעק — צי קוקט דיר עמיצער נישט נאָך אַמאָל, אַ אָנגעשטעלטער שפּיאָן פון דער קראָם: אפשר — דער פּליגלמאַן דער הונט דער אינטעליגענט, וואָס שושקעט זיך אַלץ אַרום מיט די איידעלע באַלעבאַטים — גיי וויים, וואָס

פאַר אַ פּאַטשטן ער טראָגט זיי נישט אָפּ דאַמאָלס, ווען קיינער הערט נישט, קיינער זעט נישט פון אונז; און מיטאַמאָל — דאָן, ווען דו ריכטסט זיך נישט, — אָ, קאָן עס נאָך אויפרייסן!...

איינמאָל, שפּעט נאָך האַלבער נאַכט; ווען אין טאַזשער איז געווען אַזוי קאַלט, כאָטש בערן צו טרייבן, — האָט מען פּלוצים דערהערט עמיצן פאָרן מיט דער ווינדע אַרויפצו. אַז פּיזשאַק האָט דערזען אַרויסגיין דעם סעניאָר פראַנץ, — האָט ער געמיינט, אַז — עס קומט זיין סוף... יענער, דער פּרינציפּאַל, פלעגט — איצט, זינט מע האָט גענומען אַרבעטן שפּעט־טע איבערשאָען, — נישט שלאָפן, גאַנצע נעכט; הגם ער פלעגט טענהן, אַז — ערשט דוקא, אונטערן רויש פון די מאַשינען, שלאָפט זיך אים גע־שמאַקער... „דער אמת האָט אָבער אויך געקאָנט זיין אַ אַנדערער, אַז — ער האָט נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן, אויס מורא פאַר יענער מי־נוט, ווען די אַרבעטער וועלן דאַרפן גיין אַהיים און אַדורך די קראָם — שיר נישט א ל י י ן , באַ דער שוואַכער השגחה פון איינעם פון די עשרה בטלנים פון שילעכל, וואָס איז פאַרבליבן דאָרטן נעכטיקן אינעווייניק, און וועלכער ווייסט נישט פון זיין חיות, א ודאי... אַצינד אויך, זאָל ער האָבן באַ זיך געפּועלט, דער סעניאָר פראַנץ, אַליין צ ו ט ש א ט ע־וו ע ן ; ווייל, מסתמא, שטויסט ער זיך אָן אָפּ עפּעס; צי ער זאָל גאָר האָבן באַמערקט...”

אין דעם, איז דער סעניאָר פראַנץ אונטערגעקומען נעענטער; פאַר־לייגט די הענט אָפּ אַהינטער. זיין צורה האָט אויסגעזען איצט, אין דער שפּעטער נאַכט־שעה, זייער מונטער און פריש, במעט־פריילעך; און זיין בליק האָט זיך געפּלעמלט מיט נישט קיין אויסבאַהאַלטענעם חשק צו לאַכן, אַ טרייב־טאָן שפּאָס פון וועמען — אָט באַלד וועט מען זעען... ער האָט גענומען אומגיין, פון איין אַרבעטער — צום צווייטן, זיך־אָנגעבויגן, אַ קוק געטאָן און ווייטער אַוועק. באַם טיש פונעם צושניידער פּיזשאַק איז ער געבליבן שטיין מיטיינמאָל; שוין געקוקט אָפּ יענעם, מיט אָפענעם חוזק...

— זאָגט מיר, איך בעט אייך: וואָס האָרעוועט איר אַזויפיל, ווי די פערד, וואָס, אַלע, האַ? וואָס האָט איר דערפון?!. (און, מיטן זעלבן שפּאַ־טישן טאָן, צוגעגעבן:) איך ווייס, אַז — מאָרגן, אַרום האַלבן טאָג, — דאַרף איך הויבן אין אַ באַנק אַ וועקסל פון דריי הונדערט טויזנט פּעזעס. מאָגט איר זיין זיכער, אַז — דאָס וועט געהויבן ווערן, איר הערט — צו דער מינוט... א י ר — וועט דאָך דאָס קיינמאָל נישט דערגרייכן — איך ווייסט עס... קיינמאָל מער צו דעם נישט דערגיין... אַלאַ, וואָס דען? אַז איר וועט האָרעווען, ווי די אייזלען, זיך אונטעררייסן, גאַנצע טעג מיט גאַנ־צע נעכט, — וועט איר אויסהאָרעווען נאָך עטלעכענע מיזעראַבעלע פּעזעס אָפּן מעסלעס; און דערפאַר — בלייבן אָן הענט און אָן פיס, און מיט איבער־

געקערטע קישקעס אין בויך, פריי־פּאַרעלטערט, פּאַרוועלקט... נו, פרעג איך אייך, זאָגט — האָט עס אַ זין? וואָס פאַר אַ צוועק טראָגט עס? מע דאַרף דאָך זיין פאַרוקט, אַזוי צו טאָן!... און אין דער היים, באַ וועמען, וואַרט דאָך, אַ ודאי, אַצינד, די אייגענע יונגע פרוי, זי קאָן נישט צו־טאָן קיין אויג, זי בענקט... וואָס שוויגט איר, — גזלנים, וואָס איר זענט? גייט אַהיים ג ע נ י ס ן — וויסן פון אַ וועלט, כע־ע־ע...

די גאַנצע צייט, וואָס ער, דער באַלעבאָס, איז געשטאַנען און גערעדט און אים געקוקט, פּיזשאַקן, גלייך אין די אויגן אַריין, — האָט זיך יענעם אויסגעדאַכט, דעם ליטוועק, וויאַזוי... ער טייטלט אַף אים מיטן פינגער, ער רעדט צו אים ווי־ראַזשנע: „...דו מיינסט דאָך, פּיזשאַק־גנב, אַז דו וועסט מיך בדלות־שטעלן, מיט דיינע נישטיקע גנבהלעך... זיי־זשע וויסן, אַז — איך פייף אַף אַזעטיקע, ווי דו... אַ הונט, אַז ער כאַפּט דעם ביין פון דער יאַטקע, — בלייבט ער נאָך אַלץ דער זעלביקער הונט, ווי פריער... אַ קבצן ביזטו געווען, און דו וועסט שוין נעבעך פאַרבלייבן..."

אָפּגערעדט, — האָט דער גביר זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע, אַזוי־ווי מיט אַ בלינדער וואַנט, צום גאַנצן טאַזשער; זיך־געלאָזן גיין גע־לאַסן ביז צו דער ווינדע, וואו ער איז פאַרשוואונדן אין דער טונקל, נאָר — ער האָט געלאָזן נאָך זיך אַ שווערקייט אַזאַ, צוזאַמען מיט אַ ביטערן מאַכטלאָזן פאַרדרוס, וואָס האָט אַצינד געדריקט באַ אַלעמען אַפן הארצן...

„...וואָס איז עס אַזאַ גדולה אַף אים, דעם טרפהנעם גביר? — האָט פּיזשאַק ערשט געקלערט, מיט הארץ, נאָכדעם, ווי ער איז עטוואָס צו זיך געקומען, פון דער שרעק — וואָס איז? — מירקע די צדיקת גיט אים דאָרט די וועלט צו זעען?! מוז איצט, אַ ודאי, קומען פון איר צוגיין, דער אַצ־מעך... ער, איז איר מזנה; און זי איז אים מפרנס... נו, אם־כן — וועלן מיר דערפון זאַטער ווערן?!. עס האָט איר צוגעשפּילט, דער אויסטויגערן. פריער — קאַבלעניץ; איצט — דער סעניאָר... נו, טאַ — זאָל איר וואויל אַרויפקומען... מסתמא, גלעט זי אים מיטן האָר אַראָפּ... נאָר, זעט איר — מיר דערפון, קינדערלעך, וועלן נישט רייכער ווערן. איטלעכער גייט צו זיינעם. און מיר וועלן זיך נעמען פ אַ ר א ו נ ז ע ר א ר ב ע ט, ווייל — עס ווערט שפּעט..."

און די גנבות זענען אָנגעגאַנגען, ווי געווען.

*

דער ערשטער, וואָס האָט זיך געכאַפּט אַף די גנבות אין טאַזשער, איז געווען פּליגלמאַן. גלייך ווי ער האָט דאָס באַמערקט, — איז ער געוואָרן אומרואיק. ער האָט נישט געקלערט אַזוי וועגן זיך זעלבסט; אַ ודאי נישט — וועגן די באַלעבאַטים... „נאָך אַלעמען, איז ער זיי נישט מחויב

צו פאַרזאָרגן, ווייבאַלד אַז זיי אַליין גיבן נישט אַכטונג. וואָס איז ער — אַ זשאַנדאַר דאָ געוואָרן אַ פרישגעבאַקענער? ווער האָט עס באַ אים גע־בעטן?!. געשראָקן האָט אים דאָס האַרץ, און עס האָט אים גענומען פיי־ניקן דער געוויסן — פאַרן גורל פון די איבעריקע אַרבעטער אין טאַ־זשער, וואָס, צוליב דער שולד פון די דריי לײַדאַקעס, דעם קאַפּאַטאַז און זײַנע אַרויסהעלפער, — קענען זיי נאָך אַלע ליידן, ווען עס וועט קומען דער טאָג, און די באַלעבאַטים וועלן עפּעס דערגיין... אויב, זיי זענען ש ו י ן נישט דערגאַנגען... צי האָט ער אַ רעכט דאָס אָפּצושווייגן, ווי־באַלד אַז ער ווייסט?... ו אָ ס — מסירה?!.״

עס האָט אים באַשלאָגן אַ נישטגוטקייט פון דעם איינעם וואָרט בלויז; אים געפּערלעך געעקלט דערפון... „נאָר, צוריקגערעדט — צי האָט ער אַ רעכט אויסצובאַהאַלטן דאָס, וואָס ער ווייסט, — ווייבאַלד אַז ער איז דער איינציקער, וואָס האָט עס באַמערקט?...״

און אים האָט זיך גענומען אויסדאַכטן פלוצים, אַז — אַלע איבעריקע אַרבעטער, בעת זיי קוקן צו אים, — מאָנען זיי באַ אים עפּעס, אין דער שטום; און זיי לאָזן אים שוין מער נישט צורו... „אפשר, ווייסן זיי אויך עפּעס; זיי האָבן געזען, זיי שטויסן זיך אָן, נאָר — זיי זענען אַזוי פאַר־שריגן און פאַריאָגט פונעם קאַפּאַטאַז פּיזשאַק, — אַז זיי דערוועגן זיך גאָרנישט דאָס מויל צו עפענען, אַ פּיפּס־טאָן; און זייער ווענדונג צו אים — פליגלמאַנען, דעם איידעלן מענטש, דעם אינטעליגענט — איז, ווי נאָך הילף? זיי פאָדערן דאָס באַ אים אַצינד... אָ, זיי גיבן אים שוין קלאָר אָנצוהערן, אַז — ער איז זייער איינציקע רעטונג...״

*

דערווײַל, האָט זיך געהאַלטן אין דערנענטערן דער טאָג פון ערשטן מאַי; און באַ יעדן האָט זיך געשטעלט די פראַגע: — וואָס וועט זײַן מיט דער אַרבעט?...

...אַ ודאי, האָט דאָ באַדאַרפט אַנטשיידן דער קאַפּאַטאַז אַליין. ווען ער גייט אַראָפּ אין קראַם אונטן, ער קלערט אויף די באַלעבאַטים... „אַזוי און אַזוי... מע איז אַרבעטער. מע קאָן נישט פאַרבויגן דאָס, וואָס אַלע נעמען אָן. עס פּאַסט נישט פאַר לייטן...״ — איז זיכער, אַז יענע וואָלטן זיך נישט געשטעלט. מעגלעך, אַז עס פעלט זיי גאָר אַליין נישט איין צו גיין פאָדערן פון זייערע אַרבעטער אַזאַ קרבן. אָבער, עס מוז דאָך זײַן עמי־צער, וואָס זאָל זיי דאָס קומען אָנזאָגן; טאָ, ווער זאָל דאָס זײַן, אַז נישט דער קאַפּאַטאַז?...

נאָר, פּיזשאַק־ממזר האָט געצעגערט; ער האָט אָפּגעצויגן, פון טאָג צו טאָג; נישט געוואָלט נאָך דערווײַל רעדן דערפון. און יעדעס מאָל, ווען

מען האָט עס געפּרוּווט אַרויפּברענגען, אינמיטן דער אַרבעט, — פּלעגט ער אַ מאַך־טאָן בייז מיט דער האַנט; געענטפערט, אַז עס איז נאָך דאָ צייט גענוג צו באַטראַכטן — עס וועט נישט אַנטלויפן!...

אַזוי זענען געגאַנגען שווערע שוויינגדיקע טעג אין טאַזשער. אַלע האָבן געטראַכט פון זעלבן; נאָר קיינס האָט זיך נישט דערוועגט צו רעדן דערפון...

דעם לעצטן אָוונט, פאַרן ערשטן מאַי, אין רעכטן מיט פון דער אַר־בעט, — האָט מען אַרויפגעשיקט זאָגן דעם קאַפּאַטאַז, אַז... „סעניאָר רו־בען פראַנץ האָט באַפוילן — מאָרגן, צו קומען אַרבעטן, דעם גאַנצן טאָג, דערפאַר, ווייל עס איז איצט רעכטע ברען־סעזאָן־צייט, און מע קען זיך נישט פאַרגינען דעם לוקסוס... עס איז נישט די קראָם. און ווער עס וועט נישט קומען, — יענער מאָג שוין אינגאַנצן בלייבן זיצן אינדערהיים..."

עס האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן די טענות. עס האָבן אַלע פאַרשטאַנען, אַז דער סטראַשונעק איז אַן אומזיסטער און אַ נאַרישער. ער, סעניאָר פראַנץ, קאָן נישט אָפּזאָגן, איצט אין סעזאָן, קיינעם, ווייל — וואו וועט ער נעמען אַנדערע צו פאַרטרעטן? מע האָט שוין געוואוסט, אַז ער האַלט דאָ נישט קיינעם פאַר קיין שיינעם דאַנק, און ער וואַרפט זיך נישט מיט קיין געלט. אָ, דאָס האָט מען שוין גוט קענענגעלערנט... ער האַלט, דער גביר, ווייל ער מוז. דעם טאָג, וואָס ער וועט זיי נישט דאַרפן, — וועט ער אַלעמען, אָן צערעמאָניעס, דורכטרייבן. הייגט, האַלטן די אַרבעטער אים פאַרן גאָרגל, און נישט ער — זיי... ניין, נישט אין דער מורא פאַרן באַלעבאָס איז דאָ געגאַנגען, נאָר אין עפּעס אַנדערש. זיי זענען געווען דערשלאָגן אַלע, מוטלאָז און געפאַלן באַ זיך. אַזוי האָט זיי דערצווינגן זייער קאַפּאַטאַז; אַזוי האָט ער זיי געהאַלטן כסדר אין דער צוים. ער האָט דאָך זיי, פראָסט־פּשוט, דעם קאָפּ נישט געלאָזט אויפהויבן...

נאָר — אַסאַך, קענטיק, האָט פאָרט געפּייניקט דער געווויסן. אַליין — זיך נאָך נישט אויסגעגרינט קיינס; נישט געוואוסט אפילו אָף קלאָר, וואָס דאָס הייסט אַזוינס — דער ערשטער מאַי, — האָבן זיי אָבער באַ־וויזן — פאַר דער קורצער צייט, וואָס זיי האָבן געלעבט אין דער גרויסער וועלט־שטאָט ב. איירעס, — זיך עפּעס אָנצוהערן דאַריבער; אין אַלגע־מיין, וועגן אַרבעט און קאַמף... איצט, איז דאָס אַלץ אָפּגעקומען פונ־פאַרנט, געוואָרגט באַם גאָרגל און געשטיקט — כאָטש קום אום. נאָר זאָגן מוזסטו ערשט, וואָס דו פילסט...

אָבער אָפּלע דער שוואַרצער און ליאָוקע האָבן זיך נישט געלאָזן.

— באַ אונז — האָבן זיי געטענהט און געפּרוּווט אַריבערשרייען די חוצפּהניקעס — איז דער בעסטער יאָנטעוו, ווען מיר אַרבעטן אָף דעם טאָג און פאַרדינען די פאָר טאַלער — נישט אמת?

קיינער האָט נישט געענטפערט. אַלעמענס אויגן זענען געווען אָנגע־האָנגען אַפן קאַפּאַטאַז און אַף פּליגלמאַנען, צו הערן, וואָס זיי ביידע האָבן צו זאָגן. נאָר, ווי אַף צו להכעיס, — האָבן יענע צוויי לייט געשוויגן. פּליגלמאַן האָט געוואַרט, און מיט רעכט, אַז פּיזשאַק דער ליטוועק, אַלט דער קאַפּאַטאַז פונעם טאַזשער, זאָל דעצידירן, ווייל דאָס איז זיין אויפ־גאַבע; און ער האָט געמאָגט גאַנץ־זיכער זיין, אַז אַלע וועלן גיין מיט אים... אָבער פּיזשאַק — גראָדע דערפאַר, וואָס ער האָבן געזען, אַז פּליגלמאַן דערוואַרט עס פון אים, — האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן... ער איז, סיי־ווי, לעצטנס, נישט געווען שוה־בשוה מיטן אינטעליגענטישן יאָלד, מיט פּליגל־מאַנען — זינט ער האָט גענומען מערקן, אַז יענער ז ע ט , וואָס עס טוט זיך... ער האָט אים געפילט איצט, ווי אַן איבעריקע לאַסט אין טאַ־זשער, וואָס שטערט דער אַלגעמיינער האַרמאָניע און דער דיסציפּלין; און בפרט, אַז — ער האָט שוין זיינס דאָ אָפּגעטאָן, ער ווערט דאָ איבעריק; און מע זעט שוין אויך נישט אַרויס, אַז ער זאָל נאָך האָבן אַוועלכע האָפּט אַף די באַלעבאַטים, אַזוויי עס איז געווען באַלד פונעם אָנהויב; טאָ — „ווער־זשע באַדאַרף אים דאָ, דעם פרעמדן אָנלייגער, ער זאָל קוקן יעדערן פון אונז אַף די הענט?!.” — און ער האָט געהעצט קעגן אים אין טאַ־זשער, דער עיקרשט — הינטער די אויגן; ווייל, פ אַ ר א י ם אַ ל יי ן — האָט ער, פּיזשאַק, מיט זיין גאַנצער חוצפּה, זיך דערשפּירט פלוצים אָפּהענטיק; און דאָס האָט אים באַזונדערס געריצט... נאָר, ער האָט אָבער צוגעזען, מיט הראַביע, פּיזשאַק, וויאַזוי זיין גאַנצע העצע קעגן פּליגלמאַנען האָט, אַ חוץ באַ זיינע איינענע, באַ קיינעם קיין האָפּט נישט; פּראָסט־פּשוט, מע לייגט נישט אַף איר קיין אַכט; און דאָס האָט אים שוין אינגאַנצן ווילד־געמאַכט...

איצט, אַפן אָוונט, אין טאַזשער, האָט מען נישט געקאָנט קומען צו קיין טאָלק קיינס. נאָך אַלע טענות, איז מען געבליבן באַם אַלטן. אַזוי איז מען זיך צעגאַנגען אהיים.

און עס איז געווען אַפן אַנדערן טאָג אינדערפרי, דעם ערשטן מאַי. צו דער געוויינלעכער שעה, זענען אַלע אַרבעטער שוין געווען אויפגע־זאַמלט באַ דעם געשעפט. נאָר די רולעטן זענען געווען אַראָפּגעלאָזט; די קראָם — פעסט געשלאָסן, פונקט ווי אַלע איבעריקע קראָמען פון אַרום. די גאַס האָט אויסגעזען יאָנטעוודיק. דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ שיינער, אַ לויטערער און אַ לינדער. מענטשן אַלערליי האָבן גענומען פאַר־בייגיין די קראָם; צווישן זיי — אַרבעטער פאַרשיידענע, און אויך פונעם פוטער־פאַך. האָט מען זיך פאַרהאַלטן; געקוקט, מיט שפּאָט און עקל, אַף „דער גרופּע וואָכעדיקע אַרבעטער, די נבזהדיקע פחדנים, וועלכע האָבן נישט געקאָנט מעיז זיין דעם האַר־זייערן, דעם באַלעבאָס, און געקומען צולויפן פאַרפרי, צו דער שקלאַפעריי; אָדער — זיי האָבן גלאַט נישט גע־

קאָנט פּועלן בײַ זיך צו מותּר־זײַן אַף די פֿאַרשיווע פֿאַר טאָלער פֿונעם טאָג אַרבעט, און זיי זענען, דערפֿאַר, אײַנגעגאַנגען, די לײדאַקעס, צו פֿאַרשווערכן עפּנטלעך דעם הייליקן אַרבעטער־טאָג...״ מע האָט געחוזקט פֿון זיי, אָפּן און פֿרײַ; געבראַקעט אין זייער זײַט און אַוועק. נאָר זיי, די אַרבעטער, האָבן געשמייכלט פֿאַרשעמט און אָפּגעשוויגן. זיי זענען געשטאַנען, ווי אַף גליענדיקע קוילן, פֿאַר דער פֿאַרשלאָסענער טיר פֿון יענער קראָם...

„ווען זיי קאָנען ווערן אײַנגעזונקען פֿאַרײַנמאָל, דאָ, אָפּן אָרט, פֿאַר בושה... אָ, ווען ווערט זי זיך שוין אַמאָל עפֿענען, אָט די פֿאַרשאָלטענע טיר, און זיי אײַנשלינגען!...״

צווישן אַלעמען, האָט זיך אויך געפֿונען אַצינד פֿליגלמאַן. ער איז געווען מיט אַלע. ער האָט זיי נישט געקאָנט פֿאַרלאָזן. אַזוי האָט אים געהייסן טאָן זײַן האַרץ; און ער האָט געפֿאָלגט... „ווײַבאַלד לײַדן, — האָט ער געטראַכט — איז אינײנעם...״ נאָר, דער באַלעבאָס, קענטיק, האָט זיך נישט געאײַלט. בײַ אים איז היינט יאָנטעוו; און ער האָט זיך אויפֿגעהויבן שפּעט... ענדלעך, אין אַ פּאָר שעה אַרום, איז אָנגעקומען דער כערענטע זאַלצמאַן; מיט אַ גאָטס־פֿאַרכטיקער פֿרומער צורה, געזאָגט — גוט־יאָנטעוו! — דעם עולם־אַרבעטער, האָט געעפֿנט דאָס קליינע אייזערנע טירל פֿונעם גרויסן רולעט, זיי אַדורכגעלאָזן אײַנציקווײַז, אַליין אַרײַן גלײַך נאָך זיי.

איין ווײַלע שפּעטער, איז איטלעכער געזעסן אַף זײַן פּלאַץ אין טאָזשער. נאָר, בײַ קיינעם פֿון זיי האָט זיך נישט געהויבן די האַנט צום טאָן. עס איז געווען שטיל און שווער אַרום. און אין דער שטילקייט, האָט ער זיך אויפֿגעהויבן פּלוצים, פֿליגלמאַן, און אַ פֿרעג געטאָן, נישט קוקנדיק אין קיינעמס זײַט:

— הייסט עס, אַז מיר אַרבעטן — דעם ערשטן מאַי?!

ער איז געבליבן שטיין און געוואַרט. פֿאַראַמאָל האָט זיך אָפּגעריסן דער שטורעם. אַלע האָבן געשריגן צוזאַמען, אַז „— עס איז אַ וויסטע שאַנד צו זײַן אַזוי פֿאַרשקלאַפּט, בײַ היינטיקע צײַטן, ווען מע זעט צו, ווי אומעטום שטעלן זיך איין פֿיינע מענטשן פֿאַרן אַרבעטער און בעטן פֿאַר אים זײַנע רעכט...״ וואו מע האָט דאָס געהערט אַזוינע רייד, און פֿונוואַנען זיי האָבן זיך דערנומען צו יענע אַלטפֿרענקישע אַרבעטער, — דאָס אַלץ איז נישט וויכטיק אַצינד. געגנוג איז געווען, אַז — איטלעכער האָט עפּעס געהערט, און דער עיקרשט — געפֿילט; עס נישט געקאָנט דריקן אין זיך מער, עס אַרויסגעשריגן... עס איז געווען נישט אַזוי דער האַס קעגן דעם באַלעבאָס גופֿא — אַף אַזוי ווײַט איז נאָך זייער פֿאַרשטאַנד, בײַ יענע אַרבעטער, דאַמאָלס נישט געהאַט דערגאַנגען. עס איז געווען דער ביטערער צאָרן קעגן זייער באַדריקער, דעם קאַפּאַטאַ, וועלכער האָט זיי געהאַלטן, די גאַנצע צײַט, מיטן קאָפּ — געבויגן צו דער ערד, און איצט

האָט ער זיי אין אַ בלאָטע פאַרפירט, זיי אַרויסגעשטעלט פאַר לייטיש געלעכטער; און ווען זיי קאָנען, — וואָלטן זיי אים ערשט אָף שטיקער צעריסן...

נאָר פּיזשאַק־ממזר מיט זיין כנופיא, אָסלע און ליאָווקע, האָבן זיך נישט געלאָזן. דערשפּירט אַ געפאַר, — האָבן זיי זיך פאַרטיידיקט, און געפּרואווט אָפּשלאָגן דעם אָנגריף — מיט אַ דירעקטן אָנפאַל אָף פליגלמאַנען...

— ער — האָבן זיי געטייט אָף אים מיט די פינגער, די דריי — דער פרעמדער יאָלד, דער אינטעליגענט, איז געקומען און האָט אָנגעקאַלויטעט אַלע צרות. וואָס הערט איר אים, דעם בונטאָוושטשיק? וואָס האָט ער דאָ צו טאָן צווישן אונז, אַרבעטער? וואָס ווייסט ער פון אונזער לעבן און קאַמף? וואָס אַ נאַש־בראַט האָט אויסצושטיין, אַלע יאָרן, פון שקלאַפעריי? עס האָט זיך אים פאַרגלוסט, — איז ער געקומען ווערן אַ אַרבעטער. מאָרגן וועט זיך עס אים איבערגלוסטן, — אַזוי גייט ער און לאָזט אונז אַלע איבער אָף הפקר; און אַליין, ווי אַ קורווע, גיט ער זיך איבער צו עפּעס אַנדערש. אָ, דאַן וועט ער חוזקן פון אונז און פון יענעם טעג אין זיין לעבן, ווען ער האָט געאַרבעט! און פאַר אונזער לעבן ווער וועט זאָרגן בלייבן? — מיר אַליין, די אַרבעטער, וואָס זענען שוין, אָף תמיד, צו דער אַרבעט צוגעבונדן! טאָ — זאָל ער שוין גיין פונדאַנען, דער מסור — וואָס האָט ער צו אונז?! אַנישט, מיינט ער, מע ווייסט נישט, ווי ער שושקעט זיך כסדר מיט די באַלעבאַטים וועגן אונז? טראָגט מסירהלעך־פּערצעלעך צו זיי — פון אונז אַלע?... אָ, מיר, ברידער, זענען אַרבעטער אַלע, זינט הערן און געדענקען. געבוירן געוואָרן מיט דער אַרבעט; מיט איר וועלן מיר שוין שטאַרבן. וואָס האָבן פרעמדע אָנגעלאָפענע וואַנצן דאָ צווישן אונז צו טאָן?! זאָלן זיי זיך פאַרנעמען; אויפהערן מישן אין אונזערע געשעפטן; און מיר, אַרבעטער, וועלן שוין אַליין דורכקומען צווישן זיך. נישט געזאָרגט, ברידער. אַן אַרבעטער צו אַן אַרבעטער טרעפט תמיד צו דער טיר... נאָר דו, פרעמדער ליידאַק — פּאַשאָל וואָן!

אָבער פליגלמאַן איז, די גאַנצע צייט, געשטאַנען, זיך נישט אָפּגערופן קיין וואָרט. ער האָט בלויז געקוקט, אָפּן און דרייסט, זיינע העצער גלייך אין די צורות אַריין. פאַר אים האָבן ערשט גערעדט אַנדערע — דער גאַנצער טאַזשער. אָ, מע האָט זיך שוין נישט געלאָזן פאַרשרייען מער פון פּיזשאַקס גוטע ריידעלעך. אַלע האָבן ערשט ריכטיק אַרויסגעפילט — ווער עס איז זיי גוט־פריינט, מיט אַן אמת; און ווער עס רעדט נאָר דערפון... דער טומל האָט געהאַלטן אין וואַקסן. מע האָט שוין געקאָנט אַרויסזען, אַז היינט וועט דאָ קיין אַרבעט נישט זיין...

מיטאַמאָל האָט מען באַמערקט, אַז די ווינדע פון קראַם פאַרט אַהער־

צו; זי בלייבט שטיין דאָ, באַם טאַזשער; און, צו אַלעמענס שטוינען, איז אַפּער פֿון דאָרט סעניאָר רובען פּראַנץ, אין באַגלייטונג פֿון כערענטע זאַלצמאַן און פֿונעם אַלטן ספּיוואַק. עס איז מיטיינמאָל אָפּגעהאַקט געוואָרן דער רעש. איטלעכער איז געבליבן אַזוי, ווי מע האָט אים געפּאַקט באַ דער האַנט. דער סעניאָר רובען פּראַנץ איז צוגעקומען נעענטער, מיט די הענט אין די הויזנקעשענעס. זיין גאַנצע רויע צורה האָט ערשט געצאַפּלט, פֿאַר שפּאָטיש געלעכטער. ער האָט זיך פֿאַרכלינעט, גערעדט צו אַלעמען באַגלייך...

— און איר ווילט נאָך, מע זאָל אייך האַלטן פֿאַר מענטשן, האַ? מע זאָל אייך רעספּעקטירן?! פֿאַרוואָס? — פֿרעג איך אייך — פֿאַר וועלכע מעשים־טובים? נו, און איר אַליין — וואָס טוט? איר רעספּעקטירט אייך, אָדער — איר גייט און בראַקעט אייך אַליין אָן אין די צורות אַריין?! אָן עם הדומה לחמור זענט איר! בהמות בצורות אָדם — אָט, וואָס איר זענט! — מע הייסט אייך קומען אין טאַזשער — **אין אייער יאַגעטעוו פֿון אַרבעט**, — און איר פֿאַרטראַכט אייך נישט קיין רגע, און קומט צולויפֿן, ווי די הינט?! זאָגט מיר, אדרבה: — **וואָס וואָלט** איך אייך געקאָנט טאָן, ווען איר קומט נישט? אייך אָפּזאָגן? וואו וועל איך קריגן איצט אַנדערע?!. נו, איז נאָך אַ רבותא, וואָס איר זענט שקלאַפֿן? אַז — דער הונט אַליין האָט דעם שטעקן די ווערט!... און איצט, רבותי — פֿאַרנעמט אייך פֿונדאַנען, וואָס גיכער — טראָגט אייך אָפּ. ווייל באַ מיר אַליין איז אויך היינט יאָנטעוו... אָט דאָס בלויז האָב איך אייך געוואָלט באַווייזן — אַז איר זאָלט שפּעטער קיין טענות נישט האָבן...

אָפּגערעדט, — און דער גביר מיט זיין סוויטע האָבן זיך גלייך אָפּגעקערט און אַוועק — לאָזנדיק אַלעמען דערנידעריקט און באַשפּיגן. דערנאָך — נישט אָפּגעווישט נאָך רעכט דעם שפּיי אין צורה, — האָט איטלעכער פֿון די אַרבעטער געריהרט פֿון זיין אָרט; מע איז אַראָפּ אונטן, אין קראָם, און שטיל, ווי די שאָטנס, זיך אַרויסגעשלייכט, דורכן קליינעם אייזערנעם טירל, אַף אינדרויסן...

וואוהין גייט מען ערשט? צו דער מאַי־מאַניפֿעסטאַציע, אפשר?

עס איז אָבער באַ יעדן געווען אַזוי אָנגעפּאַסקודיעט אפֿן הארצן... די מיידלעך האָבן זיך גלייך אָפּגעטיילט און אַוועק אין פֿאַרשיידענע זייטן. מיטאַמאָל, איז פּיזשאַק צוגעגאַנגען צו פֿליגלמאַנען, אים אַרויפֿגעלייגט אַ האַנט אפֿן אַקסל...

— זעסט דאָך, חבר. מיר קריגן אַלע געזידלט. מסתמא, איז דאָך דאָ אַזוינס, וואָס האַלט אונז אַלעמען געאייניקט. אפשר, איז דאָס די אַרבעט. אָדער גאָר, דער מזל אונזערער אַזאַ... היינט, איז אונזער יאָנטעוו. קומט, לאָמיר אים פּייערן צוזאַמען...

פֿליגלמאַן האָט שווייגנדיק אָנגענומען דעם חברלעכן אָנבאָט און ער

איז מיטגעגאַנגען. אַף איינער אַ ברייטער גאַס פון דער אָנסע־געגנט, איז זיי אָנגעקומען אַנטקעגן אַ קאָלאָנע אַרבעטער־מענער און פרויען, וועלכע האָבן מאַרשירט צום צענטער פון דער מאַניפעסטאַציע. זיי האָבן געטראָגן אַסאַך רויטע פענער, געיובלט אין פרייד און געזונגען... בא פליגלמאַנען האָט אַ צופּ געטאָן פאַרן האַרצן, אַז ער האָט דערהערט פריי מענטשלעך געזאַנג, און ער האָט צוגעזען די ריינע ערלעכע פרייד אַף די פּנימער פון די אָרעמע... אָ, ווי ער וואָלט פון אַ תּפיסה אַפּערגעקומען פלוצלונג, דערשפּירט אַפן פּנים דעם ערשטן פרילינגס־גלעט פון פרייהייט... קאָן זיין, אַז ער האָט דאָס ערשט צוגעזען — צום ערשטן מאָל, אין זיין לעבן; וואָרום — דאָרט, אינדערהיים, בא זיך אינעם שטעטל, — איז ער דאָך געווען אַ הימל־מענטש; ער האָט דען עפּעס געזען פאַר די אויגן?!.

איצט, האָט זיך אים פאַרוואָלט אָפּטיילן פון זיין חברותא; אָ, זאָל זיין כאָטש אַף איינציקן טאָג, אַף היינט — און מיטגיין מיט די יעניקע, צו וועמען זיין האַרץ האָט אים געצויגן, זיין אָרעם פאַרוועלקט האַרץ. וואָס האָט שוין לאַנג נישט געשפּירט אַזאַ שאַרפע בענקשאַפט צו עכט־מענטשלעך געזאַנג, ווי אַצינד...

נאָר ער איז נישט געגאַנגען. ער האָט אָפּגעוואַרט בלויז, ביז די מאַרשירנדע זענען פאַרביי; און ער האָט זיי לאַנג נאָכגעקוקט; פאַרנומען נאָך פונוויטן דעם אָפּהילך פון זייער געזאַנג, פון זייער פרייד, ביז וואַנען אַלץ איז געבליבן אויסגעוועפּט און פאַרשוואונדן... איצט, האָט ער זיך אַליין נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין רעכענונג, פאַרוואָס ער איז נישט אַוועק מיט זיי... ער האָט שווער אָפּגעזיפצט און געגאַנגען מיט זיין גרופּע ווייטער.

פּיזשאַק דער ליטוועק האָט געבראַכט אַלעמען צופירן צו זיך אַף דער וואוינונג, אין דעם פּענסיאָן פון די גאָסן־פרויען בא שיינדעלע די רביצן, וואו ער האָט זיך נאָך אַלץ אויפגעהאַלטן... שווער געווען צו דערגיין, וואָס ער איז אויסן־געווען מיטדערמיט, וואָס ער האָט פליגלמאַנען פאַרפירט גלייך אַהינצו, אין דער סאַמע נעסט פון זינד... אפשר — אים שטעלן פאַר אַ געשעענעם פאַקט און דורכדעם — אים קאָמפּראָמעטירן בא אַלעמען אין די אויגן, אַרונטעררייסן צו אים דעם רעספּעקט?... ווער ווייסט?

צום אָנהויב, איז צוגעגאַנגען אַלץ כשורה. מע איז געזעסן אין אַלגעמיינעם עס־סאַלאָן, געטרונקען און צוגעביסן און באַלאַקעט דערפון, וואָס יעדן אַרבעטער האָט געדריקט אַפן האַרצן. פליגלמאַן איז נישט אָפּגעשטאַנען. ער האָט מיטגעטרונקען מיט יעדן, נאָר זיך געהיטן פון אָנצורופן אַ וואָרט. פּיזשאַק איז געווען דער ראש־המדברים. ער האָט געקלאַפּט כסדר פליגלמאַנען אין פּלייצע און געשריגן, אַז — „חבר, איז חבר; און אַרבעטער, איז אַרבעטער. איין גורל פאַרבינדט אַלעמען. אָט גיט דיר אַ לויף אָפּ דער היינטיקער יאָנטעוו־טאָג — וואָס בלייבט? באַניים — די שקלאַפעריי, דער יאָך, דער חוזק פונעם רייכן באַלעבאָס איבערן אָרעמען אַר־

בעטער... היינט, צוואַס, פרעג איך אייך, טייערער האַרציקער פליגלמאַן, האָבן מיר זיך צו קריגן? וואָס קאָנען מיר זיך עס אַזוי מיט דער ירושה נישט איינטיילן? וואָס — דעם גבירס רייכטום איז אונזערס?! און אפשר, שאַ — איז עס טאַקע אונזערס?! — און ער האָט דערלאַנגט פּלוצים פליגל־מאַנען אַ זעץ איבער דער קני, אַליין אַ זופּ געטאָן אַ געלעכטער — איר זאָגט מיר נאָר, סאָציאַליסט מיינער; איר, גרויסער אַרבעטער־פריינט: — וואָס בלייבט א ו נ ז פון ד'ער אַרבעט; און וואָס בלייבט א י ם , דעם רייכן באַלעבאָס? וואָס שפּאָרן מ י ר אָפּ, אַף די עלטערע יאָרן, ווען קיין כוח איז נישטאָ מער; און וואָס שפּאָרט ע ר אָפּ?! ענטפערט ערלעך, נ אָ ר ע ר ל ע ך : — ער באַצאָלט אונז טאַקע גענוג, וויפל אונז קומט? אַזוי ווילט איר האָבן, דער סאָציאַליסט? — אמת — ניין, האַ? ער באַצאָלט נישט? נו, טאָ וואָס זאָל מען טאָן, פרעגט איר? — און ער האָט פּלוצים אַרויסגעדונערט און דערלאַנגט מיט דער פויסט איבערן טיש — דאַן נעמט מען אַליין, ברודערקע — **איר פאַרשטייט?** זאָגט אפשר, אַז עס איז גנבה, האַ? גנבה איז עס? ניין, איך וויל הערן; איר מוזט עס מיר זאָגן; איר וועט זיך נישט אַרויסדרייען פון מיינע הענט מער! — און ער האָט אים אָפן גענומען דראָען — אָדער א י ך , אָדער א י ר . איר דערקלערט, אָפן און מוטיק; ווייל — מיר זענען נישט קיין אינטעליגענטן. מיר זענען אַרבעטער, מיט פּראָסטע קעפּ. אַזוי טוען מיר אַלע, אייביק אַזוי, תמיד: — מ י ר נ ע מ ע ן , ווען מע גיט נישט, ווייל מיר מוזן לעבן. קומט איר צוגיין און זאָגט, אַז — אַלע אַרבעטער זענען גנבים?! — ע נ ט פ ע ר ט ! אָדער איך...״

און ער האָט אים אָנגעקוקט, שאַרף און ווילד, ווי אַ בעסטיע; גרייט זיך אַף אים אַרויפצוּוואַרפן גלייך... און, אין דער זעלבער צייט, האָט זיין בליק געריערט צו פליגלמאַנען אַזוי: „...נו, זע; איצט איז די וואונד אַן אויפגעריסענע. גענומען און פאַר דיר געעפנט דאָס האַרץ. ערשט, זאָג, אינטעליגענט — וואָס גייסטו טאָן? פייניקן אפשר, שטעכן?!.״

נאָר, ער האָט צוגעזען, פּיזשאַק, ווי פליגלמאַן האָט אויסגעהאַלטן זיין בליק רואיק, — און ער איז מיטיינמאָל געבליבן געזעצט, ווי איינגע־פאַלן... ניין. דאָס האָט ע ר פליגלמאַנס בליק נישט געקאָנט אויסשטיין אַצינד. ער האָט זיך גענומען צאַפּלען און וואַרפן, ווי אַ געפּענטעטער... פון יענעם בליק שלאָגט אַ קראַמפּ, וואָס שרעקט אים מוראדיק... און ער האָט זיך פּלוצים צוריקגעצויגן פונעם פאַרמעסט, אַ צעקלאַפּטער; אַ שיפּענדי־קער, נאָר אַ באַזיגטער...

פליגלמאַן האָט אים כסדר נאָכגעקוקט, טרויעריק־פאַרווירט... דעם אמת געזעדט, — האָט ער אַליין רעכט נישט געוואוסט, וואָס ער האָט צו זאָגן אַף דעם קאַפּאַטאַזס שאַרפע טענות וועגן לוין און גנבה. אַליין — אַ אַבסטראַקטער, אַ נאַיווער, אין זיינע גערעכטיקייט־זוכענישן, — האָט ער

אפילו נישט געטראכט קיינמאָל פון אָרגאַניזירטער ארבעט און פון קאַמף, וואָס דאַרף פירן אַלע אָרעמע און פאַרשקלאַפטע צו דער גרויסער מענטש־לעכער פרייהייט. ער האָט בלויז געפילט מיטן הארצן, אַז — פּיזשאַק איז נישט קיין פריינט פון די ארבעטער, נאָר — אַ פּשוטער וואולגאַרער אויס־וואורף, און אַ גנב דערצו, וואָס גרייט ערשט אַן אומגליק פאַר די איבע־ריקע; און ער האָט עס אים געזאָגט, מיטן בליק, אַזוי קלאָר, ווי ער האָט עס נאָר געקאָנט; אַזש יענער, ווי מיר האָבן עס אָקאָרשט געזען, האָט זיך צוזאַמענגעקאָרטשעט, פון ווייטיק...

נאָר די אָרגיע האָט אָנגעהאַלטן ווייטער; ווי שוין געגאַן אַליין איר גאַנג; נישט געפרעגט מער בא קיינעם. פליגלמאַן האָט אַלעס געהערט, צו־געזען און געשוויגן... דער עולם האָט דערפילט אַ באַגער צום זינגען. אָסלע דער שווארצער האָט איבערגענומען די אָנפירונג. ער האָט זיך געזעצט אינמיטן סאַלאָן אַף אַ בענקל, דערלאַנגט אַ נפיחה און אָנגעהויבן:

...אינם לאַנד פון פּיראַמידן,
וואר אַ קעניג אַ פאַרשווין.
ער האָט געהאַט, אוי־ווי, מערידן,
און אַ קולע — טונקל־ברוין...
א. א. וו.

און ענלעכע אַזעלכע לידער אַסאַך. ער, אָסלע, האָט דאָס אַלעס אָפּגער־געבראַכט, מיט אַ געלעכטער, פון זיין באַגאַזש־רעפּערטואַר, און די חברה־שוויצער האָבן זיך צוגעשאָקלט, געגלאָצט מיט די אויגן און אים אונטער־געהאַלטן.

פאַרנאַכט־צו; באַלד געוואָרן טונקל ארום, — איז פּלוצים איינגעטראָ־טן אַ פאַרוואַנדלונג אין דער גאַנצער דעקאָראַציע. אין סאַלאָן האָבן גע־נומען אָנקומען פאַרשיידענע פרויען, יונגע און מיטליאַריקע; אַלע, מיט שאַרף־אָנגעמאַליעוועטע צורות און אונטערגעשטראָכענע אויגן; און איי־דער מע האָט זיך רעכט ארומגעקוקט, — זענען זיי שוין געווען די הער־שערנס פון דער לאַגע. איין ווײַלע שפּעטער, האָט שוין איטלעכער קאַוואַ־ליר געהאַט זיין דאַמע בא דער זייט. מע האָט אָפּגענומען פון אַ ווינקל די פאַרשטעלטע וויקטראָליע, זי געלאָזן אין גאַנג; און די גאַנצע געמיינדע — וואָס עס האָט יאָ געקאָנט, און וואָס נ י ש ט, אַלציינס, — איז אַוועק טאַנצן איבערן סאַלאָן... מיט די טענץ, פּונקט ווי פריער, מיטן גע־זאַנג, האָט ווידער אָנגעפירט אָסלע דער שווארצער. ער האָט געגעבן דעם סיגנאַל, דורך אַ נפיחה, ווען אָנצוהויבן און ווען אויפצוהערן; און אים איז עס איינגעפאַלן דאָס אָנצורופן — מע גייט מיט הקפות. יעדעס מאָל, איידער מע האָט גענומען טאַנצן, — האָט ער פעסט אומגעאָרעמט זיין „ספר־תורה“,

(זיין דאמע) זיך־אָנגעהויבן שאָקלען און ריטשען, מיט אַ סקאַרבאָוון ניגון, וואָס האָט געדאַרפט איבערשרייען די וויקטראָליע:

...אָנע אַדוישעם האָשיענו.
אָנע אַדוישעם האַצליכענו.
אָנע האַשעם אַניינו ביוים־קעריינו...

זיין געזאַנג איז באַגלייט געוואָרן מיט גרויס געלעכטער פון אַלע קאַוואַליערן און דאַמעס. גאָר אָנגעקוואָלן פון די הקפות האָט שימקע, דאָס גאַליציאַנער אידל, וועלכער האָט געהאַט דאָס גליק אויסצונעמען די דיקס־טע „ספר־תורה" פון דער געזעלשאַפט, וועלכע ער האָט גוט „גוסטירט". ער איז געווען לוט־שיכור; זיך־אָנגעהאַלטן בײַ דער דאַמע, כדי נישט אומ־צופאַלן; און איטלעכס מאָל, אַז עפּעס אין די הקפות האָט זיך פאַרטשע־פּעט, — האָט ער אויסגעשריגן אומגעדולדיק:

— ני, מע גאַיט, צי מע גאַיט ניט?...

איין אויסנאַם איז דאָ געווען פליגלמאַן. ווען צו אים איז צוגעקומען זיין דאַמע און זיך געפּרוּאווט אַ טוליע־טאָן צו זיין אַקסל, — האָט ער איר גאָרנישט געזאָגט קיין בייזס; נאָר בלויז אַ קוק געטאָן אויף איר, אַזוי טרויע־ריק, און צו איר געשמייכלט... איז זי געבליבן אָפּהענטיק פלוצים, יענע אומגליקלעכע עלנטע מיידל; זי האָט אַ קוק געטאָן צוריק אויף אים, מיט אָפּשיי און מורא אינעם בליק; אַליין גענומען אָפּגיין הינטערוויילעכטס; זי איז נישט געוואָרן...

דער טאַנץ אינעם סאַלאָן האָט געהאַלטן אין רעכטן ברען. תחילת, האָט מען זיך באַוועגט אין דער טונקלעניש, ווי די פאַנטאַזמען, זיך גע־בויגן און געטוליעט צו איינאַנדער... ביז וואַנען עס איז אַריינגעקומען אַ הויכע צעוירענע אידענע, אונזער אַלט־באַקאַנטע שיינדעלע די רביצן, באַ־פוילן ליאָוּוקען צו מאַכן ליכטיק; און ער האָט איר באַלד געפאָלגט.

פליגלמאַן אַליין איז אָפּגעגאַן אָן אַ זייט, געבליבן שטיין בײַ דער וואַנט, זיך צוגעקוקט צו דעם, וואָס דאָ טוט זיך. ביסלעכוויז, האָט ער זיך גענומען אָריענטירן „וואָס עס גייט פאָר; ווער עס איז יענע הויכע פרוי; ווער עס איז ליאָוּוקע, וואָס גייט אַרום תמיד לײדיק אין טאַזשער, און מע דולדעט אים; וואָס פאַר אַ מקום דאָ איז בכלל; און וואָס עס גע־הערן זיך אַהער אָן פּיזשאַק און אָסלע... יאָ, איצט איז אַלעס געווען קלאָר. אַסאַך פראַגן — געווען פאַרענטפערט; און מע פאַרשפּאַרט שוין זוכן אַ תשובה אויף די קלאָגערייען נעבעך פונעם קאַפּאַטאַז דעם ליטוועק וועגן דעם אייביקן וויסטן גורל פון די אַרבעטער... יאָ. איצט איז אַלעס אויפ־געקלערט..."

שפּעט באַדערנאַכט, איז פליגלמאַן געקומען צוגיין אַהיים, קוים אַ

לעבעדיקער. ער האָט אַליין נישט געדענקט רעכט, וויאַזוי ער האָט גע־טראָפן צו זיין טיר, און וואָס ווייטער איז געווען. ער האָט זיך אַריינגע־וואָרפן אין דעם בעטל, געהאַפּט אַ ודאי צו קענען איינשלאָפן. נאָר, ער האָט נישט געקענט צוטאָן קיין אויג. עס האָט געשפּאַרט פון אים אַ נישט־גוטקייט, און ער האָט געגומען ברעכן, האָט ער גאָרנישט געקאָנט אויפ־הערן...

אָפּגעגיבן אַלץ פונעם טאָג, — איז אים געוואָרן גרינגער אַביסל, און ער האָט קוים איינגעדרעמלט. נאָר, אים איז שוין נישט געבליבן קיין סאך צייט צום שלאָפן; ווייל אינגיכן האָט געגומען טאָגן; עס האָט אים אַ שלאָג געטאָן דאָס ליכט פון פרימאָרגן גלייך אין צורה, אים אַפּערגעריסן פונעם קאַשמאַר; געגעבן אָנצוהערן שאַרף, וואו ער איז דאָ אין דער וועלט...

ער האָט זיך אַף שנעל געגומען ברענגען אין אָרדענונג, ווייל ער האָט באַלד געמוזט זיין בא דער אַרבעט. איבערן וועג צו דער קראָם, האָט ער געפּאַסט זיין באַשלוס — וואָס ער האָט היינט צו טאָן.

ווי נאָר ער איז אַרויפגעקומען אין טאַזשער, — איז ער גלייך צוגע־גאַנגען צו ליאָווקען און בא אים געפאָדערט, ער זאָל שוין אַוועק פון דאַ־נען.

ליאָווקע האָט אים אָנגעקוקט ווילד. ער איז געוואָרן בלייך פון צאָרן:

— ווער איז ער דאָ, וואָס באַפעלט?!. — ער האָט אַ כאַפּ־געטאָן פון אַ נאָענטן טיש אַ צוואַנג, זי אויפגעהויבן איבער זיין קעגנערס קאָפּ... נאָר פליגלמאַן איז אים דאָ פאַרלאָפן דעם וועג אַף פאָרויס. ער האָט אים דער־לאַנגט אַ שרעקלעכן זעץ אונטער דער געמבע, אַזש יענער האָט זיך אַי־בערגעקערט. אַליין, איז ער געבליבן שטיין איבער אים, מיט געבייַלטע פויסטן, מיט אַן איבערגעדרייטער צורה — גרייט אַף אַלץ... נאָר, ליאָווקע האָט זיך נישט געווערט מער. ער האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעזעצט; זיך אַרומגעטאַפּט, צו זעען, אויב עס איז אים אָפּגעגאַן טרוקן. דערנאָך, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, צורעכט געמאַכט און, נישט געקוקט אין קיינעמס זייט, — איז ער אַוועק... אויך פליגלמאַן, גלייך ווי גאָרנישט, איז אַוועק צו זיין אָרט.

דאָס אַלץ איז צוגעגאַנגען אַזוי שנעל, — אַז פון די אַרבעטער אַרום האָט מען זיך קוים געגעבן רעכענונג, וואָס דאָ האָט פּאַסירט. ערשט, ווען ליאָווקע איז אַראָפּ מיט די טרעפּ, — האָט זיך אָפּגעריסן דער שטורעם. פּיזשאַק און אָסלע — אויסער זיך, פּאַר הראביע, — האָבן זיך געריסן צו פליגלמאַנען מיט די פויסטן. אָבער, כאָטש קיינער האָט זיי נישט צו־געהאַלטן, — זענען זיי דאָך געבליבן אַף זייערע ערטער; זיך פון דאָרט נישט גערירט; נאָר פונוווייטנס געשיפּעט אַף אים מיט מאַכטלאָזער יכעס, און אים אָפּן געדראָעט, אַז — מע וועט אים צעברעכן רוק־און־לענד; אים גאָר אינגיכן צערעכט־מאַכן; אים באַצאָלן, דעם פאַרשטונקענעם איגעט־

ליגענט, אזוי — פאר דער גאנצער צייט; פארן בלוט. וואס ער האט כסדר געצאפט פון די ארבעטער... א, איצט זאל ער וויסן זיין, האט ער זיך אנגעהויבן מיט דער אונטערוועלט. מע וועט אים נישט אפשווייגן מער!...

נאר פליגלמאן האט, אף דעם אלעמען, נישט געענטפערט; גלייך ווי נישט אים מיינט מען... די איבעריקע ארבעטער ארום — די נעבעטיקע טענצער אינעם הייזל, — זיי האבן איצט געקוקט צו אים, מיט סימפאטיע, און מיט זייערע בליקן אים באגריסט... א, זיי האבן זיך נאך אלץ נישט דערוועגט אויפצוהויבן דאס קול מיט א טאן העכער; געבליבן שטום און אנגעשראקן, ווי געווען. נאר זיי, בא זיך אין הארצן — איז ער געווען זיבער אצינד — האבן אים געווים געדאנקט; און דאס איז געווען פאר אים גענוג...

דער רעש מיט די קולות האט, פארשטייט זיך, נישט געקאנט אויסמיידן די קראם. א ווײַלע נאך ליאווקעס אוועקגיין , זענען ארויפגעקומען מיט דער ווינדע דער בערענטע זאלצמאן און דער אלטער ספיוואק. זיי האבן נאך פארכאפט די דראונגען, וואס מע האט געהאלטן אין שליידערן צו פליגלמאנען. אבער, געווארע־ווערנדיק, וואס דא האט פאסירט, — האבן זיי אפילו קיין איין מאל מער נישט קיין קוק געטאן אין דער זייט פונעם קאפאטאז; נאר גלייך צוגעלאפן צו פליגלמאנען. דער בערענטע זאלצמאן, אויסער זיך פאר התפעלות, — האט אים געפאטשט אין פלייצע; נאכהער, אים אנגעכאפט פאר דער האנט, זי שטארק געקוועטשט, זי געטרייסלט און געשריגן:

— תלמיד־חכם, מה שעשה — עשה. תחזקנה ידיכם, ר׳ פליגלמאן, יישר־כוחכם, געבענטשט זאלן זיין אייערע הענט...

און דער אלטער ספיוואק, מיטן צעטומלטן מאנגאלישן געזיכט, האט אויך צוגעבאמקעט:

— וואס־דען? וואס־דען?!

ביז וואנען זיי זענען אוועק.

דאס האט געדארפט זיין א ווארענונג, אט די פארהאלטונג זייערע, אז — זיי, די באלעבאטים, ווייסן עפעס... א, זיי ווייסן שוין מער, ווי עפעס... און אויך, אז — דערביי אליין וועט עס נאך נישט בלייבן. מע מאג זיך ריכטן אף ניים...

די לופט אין מאזשער איז געבליבן אנגעלאדן, ווי מיט פולווער אלצייגנס. אט, א ליאדע פונק, און — עס וועט אויפרייסן... איצט, האט מען קיינס נישט גערעדט צווישן זיך; שווער געשוויגן אלע, גאנצענע טעג. עס האט זיך נישט געעפנט בא קיינעם דאס מויל א זינג צו טאן, ווי מע איז געווען געוואוינט, בא דער ארבעט: אי ס׳זאל זיך ארבעטן געשמאקער — אי ס׳זאל אפן אייגענעם הארצן גרינגער ווערן, פון נודנאטע... א, ערשט איז יעדער טאג געווען א יאר, פון דערווארטונג. דער קאפ בא איט־

לעבן האָט געאַרבעט, געאַרבעט; און מע האָט אויסגעקוקט געשפּאַנט, וואָס יעדע מינוט קאָן ברענגען...

און עס איז נישט אויסגעפאַלן לאַנג צו וואַרטן.

*

אין געציילטע טעג אַרום, איינמאָל אין אַ פרימאָרגן; זענען אַרויפגע־קומען דער בערענטע זאַלצמאַן, דער אַלטער ספּיוואַק, צוזאַמען מיט נאָך אייניקע פון די אָנגעשטעלטע אין קראָם און, מיט אַ רשימה אין האַנט, זיך גענומען איבערציילן אַלץ, וואָס דאָ איז פאַראַן, פון רויען און אויסגעאַר־בעטן מאַטעריאַל, צו זען — אויב עס גלייכט זיך, אָדער עס פעלט...

די רעוויזיע איז, דאָס מאָל, צוגעגאַנגען שטרענג. מע האָט געציילט דאָס פוטער אַליין און די פאַרשיידענע צודאַטן צו דער אַרבעט, ווי פּעק־לעך וואַטע, נאָדלען און אַנדערע. עס האָט געדויערט לאַנג די ציילונג. מע האָט אַלעס איבערגעקליבן און געפּרוּווט אויסלייגן אין רייען — אינדער־מיט פונעם ריזיקן טאַזשער, קעגניבער דער ווינדע. דער סעניאָר זאַלצ־מאַן, ווי זיין שטייגער איז געווען, — האָט געפּרוּווט אַ רעד־טאָן היימי־שער, כדי צו פאַרטרייבן די אָנגעצויגנקייט פונעם אַרום. און ער האָט גע־זוכט אַריינציען אין דעם געשפּרעך דעם גאַנצן טאַזשער. ער האָט געזיפצט און באַדויערט, הלמאַי — דאָ גייט עפּעס נישט, ווי עס באַדאַרף צו זיין...

ער האָט געשטעלט אַלעמען אָפּנהאַרציק די גרויסע פראַגע:

—וואָס האָט דאָ פּאַסירט? פאַרוואָס — אַזאַ רוגזא, אַזאַ צאָרן?! וואו איז אַהינגעקומען יענע גרויסע פרייד פון אַרבעט און געזאַנג — פון די ערשטע טעג, ווען דאָס הארץ איז דערקוויקט געוואָרן, דאָס צוזעענ־דיק? אדרבה — לערנט א י ר מיר, רבותי: פאַרוואָס קריגט מען זיך דאָ אַזוי? וואָס קאָן מען דאָ נישט אויסקומען? וואָס איז — ס'איז קיין פּרנסה, חלילה, נישטאָ?! ניין, איך מוז דערגיין — וו אָ ס פ ע ל ט ד אָ ?!

און אין דער אַלגעמיינער אָנגעשפּאַנטער שטילקייט, אַזוי ווי פאַר אַ שטורעם, — האָט ער צוגעגיבן:

— איך זע: איר שווייגט, רבותי. וועל א י ך אייך זאָגן, וואָס דאָ פעלט: — א ו י ג ן . . . מיר האָבן אייך געטרויעט אַלץ — אַזאַ רייכ־קייט! געמיינט — איר וועט באַטש האָבן שכל; אַליין פאַרשטיין, פאַר זיך, פאַרן אייגענעם אינטערעס ווען. גענומען און אייך צוגעלאָזט צו אַזאַ גוטס... לעבט, אַרבעט, קינדערלעך; פאַרדינט, קיין עין־הרע, פּרנסה. איר האָט די ווערט, עס קומט אייך... עס פאַרשפּאַרט אייך דאַרן דער קאָפּ. אַר־בעט — אַ גאַנץ־קיילעכיק יאָר. זאָגט — וואו נאָך האָט איר אַזעלכס?! מיר האָבן גענומען, גלייך פון דער גאַס — גרינע מענטשן, אָקאָרשט פון

דער שיף אראָפּ; ווייסן נישט אַליין רעכט, וואו אַ ריר־צו־טאָן זיך; אייך גענומען און אוועקגעזעצט בא ברויט, מיט רעספּעקט, מיט ליבע, טאַקע־נו, ווי אידישע מענטשן... ווייל — מיר זענען דאָך עפּעס אידן אף דער וועלט, אַלע — ברידער... מען דאַרף לעבן. עמך ישראל צריכים פּרנסה... איר קאָנט דאָך מיך, איר זעט מיין נאַטור, מיין צוגעלאָזנקייט צו יעדן. אַרבעטער, באַלעבאָס — אַ דאגה דאָרט, אבי אַ איד, איז — באַגלייך... מיר האָבן געמיינט — איר וועט אונז דאַנקבאַר זיין דערפאַר; זיצן און אַרבעטן — ווי איר ווייסט — נישט פאַר קיין שיינעם דאַנק... ווער קוקט אייך דען אַף די הענט? יאָגט איבערן קאַרק? ווער טרייבט אייך, חלילה?... אַצינד, זאָגט — איז דאָס אַלץ געווען ווינציק פאַר אייך? וישמן ישורון, ויבעט — איר האָט זיך טאַקע געמוזט צעבריקעווען, נישט אַנדערש?! — וואָס־זשע נאָך האָט איר פאַרלאַנגט? אַז סעניאָר רובען פראַנץ זאָל צוגיין, און עפענען פאַר אייך זיין טייסטער מיט גאָלד און בריליאַנטן, אַלעס אויסשיטן אַף דער ערד — כאַפּט, קינדערלעך?! דאַמאָלס, וו אָ ל ט איר שוין געווען צופרידן?...

— ...אָט דאָס איז עס, מיינע הערשאַפטן, אַלעס, וואָס מיר האָבן אייך געהאַט צו זאָגן...

און אומקערנדיק זיך פּלוצים צו די אָנגעשטעלטע פון קראָם, — האָט ער זיי געהייסן ווידער אַלץ אויפלייגן, ווי געווען... „יאָ־געציילט, נישט־געציילט — איין שוואַרציאָר... אָדער, מע דאַרף נישט; אָדער — עס העלפט נישט...”

נאָכדעם, ווי דער כּערענטע איז אוועק, — האָט זיך ערשט אין טאַ־זשער רעכט אָנגעהויבן דער בונט. ווי מע האָט געקאָנט דערוואַרטן, — האָט וועגן קיין אַרבעט דאָ שוין קיין רייד קיין געקענט זיין. אַלע האָבן געשטורעמט קעגן דעם קאַפּאַטאַז מיט אַסלען; געשריגן, אַז — זיי ביידע האָבן אַלעמען געקוילעט; און יענע האָבן זיך אפילו נישט דערוועגט איצט צו עפענען דאָס מויל, זיך־פאַרטיידיקן...

— ...טאַקע, אין דער אמתן — האָט מען געליאַרעמט פון אַלע זייטן

— וואָס האָט דאָ געפעלט, הא, ווען נישט אָט די צוויי קעשענע־גנבים?!

און דער גאַנצער האַס, וואָס האָט געדריקט, ביז אַצינד, אין די הער־צער פון די אַרבעטער קעגן זייערע פּייניקער, — איז ערשט, מיטיינמאָל, אַרויס אַף דער פריי. ווען די מורא איז שוין מער נישט געווען בא קיינעם... עס האָבן זיך דערהערט שטימען, אַז מע זאָל אַראָפּגיין אונטן אין קראָם און אַלעס איבערגעבן, ווי געווען; אָנרופן די שולדיקע באַם נאָמען...

— ...זאָלן ז יי ליידן, וויבאַלד זיי האָבן געשלעפּט. וואָס האָט מען צו א ו נ ז?...

אַנדערע, ווידער, האָבן שוין נישט דערוואַרט מער קיין הילף דערפון...

— ...מע וועט, אפשר, אַראָפּגיין, פּרוּוון אַ רעד־טאָן. ווען זיי, די

באַלעבאַטים, ווי זייער שטייגער איז, — פּרואוון אַ גלעט־טאָן ווידער דעם אַרבעטער מיטן האָר אַראָפּ... ווייל — וואָס אַרט עס זיי?... צוזאָגן און ליב־האָבן, איר ווייסט דאָך, קאָסט קיין געלט נישט... אָבער — צי וועלן זיי אונז גלויבן? — „פאַרוואָס — קענען זיי קלערן — האָבן מיר גע־שוויגן ביז איצט, געדעקט די גנבים? אין דעם זענען מיר דאָך זיכער שול־דיק?..." וואָס פאַר אַ ענטפער וועלן מיר גיבן דאַרויף? אין אַלגעמיין, זיך גיין שטעלן טענהן, וויבאַלד אַז מע זעט, ווי — זיי, די באַלעבאַטים, איז נ מ אָ ס ־ג ע וו אָ ר ן ד י ג אַ נ צ ע ז אַ ך! פּראָסט־פּשוט: מע האָט זי גענומען, אַזאַ טייערע אַרבעט, און פאַרמיאוסט באַ זיי אין די אויי־גן... איר האָט דאָך אַליין געהערט, אָקאָרשט, זיינע רייד, דעם בערענטעס... אַזעלכע ווערטער! אַזאַ גאָבל!... טאַ, וואָס־זשע ווילט איר נאָך?...

אַלעמענס בליקן האָבן זיך ערשט פּלוצים אַ קער־געטאָן צו פליגלמאַ־נען, וועלכער איז, די גאַנצע צייט, דאָ געזעסן און זיך נישט אָנגערופן קיין וואָרט... „אפשר, האָט ער אונז צו גיבן אַ עצה, וואָס וועט ראַטעווען פון אומגליק?..." נאָר פליגלמאַן האָט אַלץ געשוויגן. ער איז געווען ערשט נישט־וויניקער אומבאַהאָלפן פון יעדן אַנדערן...

יענעם אָפּן אָוונט; ווען די אַרבעטער זענען אַרויסגעגאַנגען עסן וועטשערע, אַף דער האַלבער שעה, ווי געוויינלעך, בעפאָר מע הויבט אָן די נאַכט־אַרבעט, — האָבן זיי געטראָפן באַ דער פאַראַדנער טיר דעם בע־רענטע זאַלצמאַן: מיט אַ גאַרטל איבער די לענדן, מיט דער שוואַרצער סאַמעטענער יאַרמלקע אַרויסשטאַרצנדיק פון אונטער דער שליאַפּע, מיט די הענט פאַרשטעקט איןביידע אַרבל. ער האָט זיך שטאַרק געשאָקלט און געזאָגט תהילים, הויך אַפן קול, מיט אַ ניגון. אַז זיי זענען פאַרביי, — האָט ער זיך פאַרקרומט אין צורה און ראַפּטעם זיך אָוועקגעקערט... „ער, דער שטענדיק־גוטער, דער צוגעלאָזענער, — האָט זיך אפילו נישט געוואָלט אומקוקן!..." און אַלע האָבן דאָס אָנגענומען פאַר אַ שלעכטן סימן...

איצט, נאָך זיין היינטיקער דערקלערונג, דעם בערענטעס, — האָט מען געדאַרפט פאַרשטיין, אַז עס וועט דערביי אַליין זיכער נישט פאַר־בלייבן. אַז זיינע ווערטער טראָגן אין זיך, אַ ודאי, דאָס קערנדל פון גאָר־גרייזלעכע נייעס. אַז אָט, אַ ליאַדע טאָג, קען עס אַרויספּלאַצן; אַלעמען דאָ פריטשמעליען...

מע האָט זיך געריכט אַפן ערגסטן. און כאָטש אַצינד, אין מאַזשאַ־מאָנאַט, האָט די אַרבעט אומעטום געברענט אונטער די הענט, און קיין אַרבעטער איז נישט געווען פאַר קיין גאָלד צו קריגן, — האָט מען אָבער געקאָנט דערוואַרטן פונעם משוגענעם מיליאָנער — דעם סעניאָר פראַנץ — וויבאַלד דו האָסט אים נאָר אַריינגעבראַכט אין כעס, — אַז — ער זאָל דיר אַ שפּיי־טאָן אינגאַנצן אַף די פּאָר טאַלער, וואָס עס פאַלט אים דאָרט צו פונעם טאַזשער, און ער זאָל אַלעמען אַדורכטרייבן... און

אוועקגיין, זעט איר — דאָס האָט זיך שוין נישט געגלוסט. אוי, האָט זיך דאָס נישט געוואָלט אַצינד קיינעם; ווייל מע איז געבליבן איינגעזעסן אַפן פּלאַץ, צום אָרט צוגעוואַקסן. ערשט איצט, איז דאָס געוואָרן גע־שמאַק; און מע האָט גענומען איינזעען פאַראַמאָל, ווי גוט דאָס איז גע־ווען, און אַז עס וואָלט נאָך בעסער געקאָנט זיין; נאָר — מע האָט עס אַליין, מיט די אייגענע הענט, פאַרשפּילט. דאָס ערטעלע... און ווידער צו־ריקכאַפּן קען מען נישט... „אוי, כ׳האָב מורא, ברודער — עס איז פאַר־פאַלן!...”

נאָר, אַט די פירכטערלעכע טעג אין טאַזשער האָבן זיך לאַנג גע־צויגן; פון די טעג האָבן גענומען ווערן וואָכן גאַנצע; און די אומבאַשטימטער־קייט, די כסדרדיקע אומזיכערקייט האָט אַלעמען געפּייניקט מערער נאָך, ווי ווען מע וואָלט שוין געוועט וויסן אַף קלאָר, אַז — ד אָ ס א י ז ע ס, א ענדע — אַראָפּ פון מאַרק!

אָבער פון אונטן, פון דער קראָם — איז, ווי אַף צו להכעיס, נישט געקומען קיין שום צייכן; אַ אָנזאָג אַף עפּעס... עס האָט זיך געדוכט, ווי מע וואָלט האָבן אינגאַנצן אָן אים פאַרגעסן, אָן דעם אומגליקלעכן טאַזשער; אָדער גאָר אַ שפּיי געטאָן אַף אים, ווי איינער רעדט: — שלאָגט אייך אַלע דאָרט קאָפּ אָן דער וואַנט! טוט, וואָס איר ווילט! וועמען אַרט עס?!.

און די פּיין אין טאַזשער, אין יענע פאַרלאָרענע טעג, איז געוואָרן אַ אומדערטרעגלעכע. מע האָט, דאַכט זיך, געאַרבעט, און געזונגען בא דער אַרבעט, ווי געווען. נאָר, אָן מוט איז צוגעגאַנגען יעניץ געזאַנג; עס האָט אָפּגעקלונגען אַזוי עלנט און דערמאָנט אָן געוויין...

דער קאַפּאַטאַז פּיזשאַק איז געווען אינגאַנצן געבראָכן. ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון שוואַרצן אָסלע, וועלכער איז פאַרבליבן פּלוצים איינ־געשרומפּן; און ער האָט אים נישט דערקענט מער. ער אַליין, פּיזשאַק, האָט גענומען ציטערן פאַר אַ פליג, איבערבעטן יעדן, זיך־חנפנהנען. נאָר, מע האָט געקאָנט זען, ווי עס עקט זיך אים דאָס חיות. ער שוויינגט, און ער דריקט אין זיך אַזוי לאַנג, — ביז עס וועט אים וואַרפן פון די פיס. און אַזוי איז טאַקע געשען.

*

אין איין קאַלטן פרימאָרגן, סוף מאַזשאַ, — איז ער געקומען צוגיין אין טאַזשער, אַ קראַנקער. ער האָט געהאַט פיבער. באַלד האָט ער זיך גע־נומען קלאָגן אַף אַלץ און אַלעמען, אַף דער גאַנצער וועלט; געשריגן, אַז — עס איז נישטאָ קיין פריינט, קיין אָרנטלעכקייט, קיין גערעכטיקייט. — וועלף איז מען, נישט קיין מענטשן. ווען מע זעט — איינער פאַלט, — וואָלט מען אים נאָך מיט דער פוס צוגעקאָפּיעט, אַז יענער זאָל גיכער אויס־דעכן די נשמה...

באזונדערס אָבער, האָט ער זיך געטשעפּעט צו פליגלמאַנען... „אדרבה, זאָל ער זאָגן אַליין: מיט אים צוזאַמען, געעפנט דעם טאַזשער; געגאַנגען, די גאַנצע צייט, האַנט־אין־האַנט; אויסגעשטאַנען די שווערסטע שאָען צוזאַמען; אריינגענומען מענטשן, זיי געלאָזן לעבן, זיך־פּאַזשיווען... איצט, אַז אים, פּיזשאַקן, חלילה, האָט דאָס גרויסע אומגליק געטראָפן, — טאָ, זאָל ער אים זאָגן, פליגלמאַן: — וואו איז מענטשלעכקייט און טרייהייט? און חברלעכקייט און ברודערשאַפט? וואו איז דאָס אַלץ בא דעם פיינעם מאַן, דעם איידעלן און פארשטענדיקן, (בא פליגלמאַנען, הייסט עס) אוועק־געקומען?! נו, און וויבאַלד אַז ער איז אַזוי, — טאָ, וואָס קען מען שוין פארלאַנגען פון די אַנדערע — פונעם גאַנצן פּראָסטן נאַראָד?!"

וואָס זענען דאָס געווען פאַר אַ טענות? וואָס פאַר אַ רייד?! — נישט, עס האָט זיך געגלוסט אַף זיי ענטפערן; נישט, מע האָט געוואוסט — וואָס. סתם — אַ מענטשן טוט וויי, רעדט ער...

פארנאַכט, איז צוגעפאַלן די קעלט, און עס איז אים געוואָרן ערגער. ער האָט געמוזט אַהיימגיין, זיך לייגן אין בעט. מיט אים צוזאַמען איז מיטגעגאַנגען אָסלע דער שוואַרצער, זיין גוט־פריינט, אַ פּנים, אין פרייד און אין לייד, וועלכער האָט אים ערשט נישט געקאָנט איבערלאָזן אַליין.

דאָרט, אין זיין צימער, אינעם פּענסיאָן־הויז בא שיינדעלען, האָט ער זיך ערשט רעכט צעליינגט, פּיזשאַק; גענומען שרייען, אַז — עס איז אים שלעכט! געוואַלד, ער איז פארביי...

שיינדעלע די רביצן, די גוטע מאַמע פון אַלע עלנטע און פארוואָגלטע, — האָט געפּרואווט אויפהויבן אַ קול אַף אים; געשריגן, ער זאָל זיך נישט פארציען, ווייל ער האָט זיך נישט דאָ פאַר וועמען. זאָל ער אריינגעמען צו זיך די בעסטע מויד אין בעט אריין, זיך דורכשלאָפן מיט איר די נאַכט, — וועט זי אים צעוואַרעמען די געבלוטן, וועט עס אים איבערגיין, ווי מיט דער האַנט אוועק!

— ...וואָס אַרט אייך? עס איז אַן אויסגעפּרובירט מיטל... נאָך דער טאַטע, עליו־השלום, האָט עס געטאָן, דער זיידע — זיי זאָלן דאָרט האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן, און זיך מיען פאַר אונז...

פּיזשאַק, אַן אומבאַהאָלפענער אַצינד, ווי אַ קינד, — האָט זיך גער לאָזן... מע האָט אַרויסגערופן פון איר צימער איינער, אַ דיקער טונקעלער מויד; און כאָטש יענע האָט זיך געמיאוסט ערשט פונעם קראַנקן און זי האָט מורא געהאַט, — האָט איר אָבער שיינדעלע באַפוילן, מיטן הארבן וואָרט, זיי געלאָזןביידן אַליין; און זי האָט זיך גענומען אויסטאָן... נאָר, אין אַ ווײַלע אַרום, האָט זיך דערטראָגן פונעם צימער דעם קראַנקנס קרעכצערייַ. ער האָט געקלאַפּט אין וואַנט און גערופן נאָך הילף. באַלד, האָט זיך געעפנט די טיר; און די מויד, אַ פארשעמטע, אַף־שנעל־אָנגע־טוענע, — איז אַפּגעקומען פון דאָרט און, נישט־אויסרעדנדיק קיין

ווארט צו קיינעם, — א טיף־באַליידיקטע, קענטיק, און איר מענטשן־ווערדע, — האָט זי זיך געלאָזן, מיט האַסטיקע טריט, גיין צו זיך...

מע האָט איר נישט געשטערט קיינס. פאַרשטאַנען, אַז ער, דער קראַנקער, האָט איר, פּראָסט־פּשוט, דורכגעטריבן... איצט, איז מען אַריינגעקומען צו אים ווידער און געטראָפן אין אַ קלעגלעכן צושטאַנד. ער האָט זיך געשלאָגן מיט די פויסטן אין קאָפּ, געוואָיעט און געכנוקעט, אַז מע האָט געקאָנט מיינען — עס איז, מיט אַן אמת, נאָך אים. באַלד, איז ער געוואָרן שטיל. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט. זיך געגרייט, אַ ודאי, צום שטאַרבן...

נאָר שיינדעלע און אָסלע, האָבן ווידעראַמאָל נישט געלאָזן. ערשט איצט האָט זיך אַרויסגעשטעלט, ווער עס איז אים אַ גוטער פריינט, מיט אַן אמת... אַ פריינט באַווייזט זיך אין אַ צרה; און דאַן — צו די אייגענע גיי! קריך נישט אין די הויכע פענצטער קיינמאָל; ווייל — דו וועסט זיך אויסגליטשן, וועסט פאַלן... אָט, ביזטו קראַנק, דו נויטיקסט זיך אין הילף. וואו זענען זיי, די אַלע דיינע נייע חברים און פריינט, וואָס דו האָסט זיך צו זיי אַזוי געטוליעט — אויסגערונען, האַ? און מיר, פון וועמען דו האָסט געוויכט, דאכט זיך; מיט וועמען דו האָסט זיך געוואָרפן, און געגרויסט פאַר אונז, — אָ, מיר זענען דאָ בײַ דײַן זייט, האָבן דיך נישט פאַרלאָזט; און מיר וועלן דיר העלפן...

ניין. אָסלע און שיינדעלע האָבן זיך געהאַלטן ביי זייערס, אַז מע מוז אים דערוואַרעמען די געבלוטן, — וועט אים בעסער ווערן... עס איז געבליבן, אַז מע זאָל אים אַראָפּהויבן פון בעט, אָנטאָן וואַרעם און אַוועקפירן אין צענטער אין אַ באַטאַקלאַן... דאָרט, וועט ער הערן, וועט ער זעען, — וועט ער זיך דערוואַרעמען, דער יונגערמאַן...

און אַזוי האָט מען געטאָן. ער, דער חולה, האָט זיך ווידער גענומען ווערן, גוואַלדעווען און אָנמאַכן העצעס. נאָר, מע האָט נישט געפרעגט בײַ אים. מע האָט אים אַרויסגעטריבן פון בעט; אים אָנגעפּעלצט שטאַרק; און אָסלע דער חבר האָט אים אַוועקגעפירט, מיט אַ טראַמוויי, אין אַ באַטאַקלאַן.

דאָרט, האָט מען געוויזן דאָס, וואָס מע ווייזט אין אַלע אַזעלכע פּלעצער אַף דער וועלט. דער געדרענג איז געווען אַ גרויסער. די היץ האָט געשטיקט. אַף דער סצענע האָבן מענער און פרויען גערעדט מיאוסע רייד, געלאַכט מיאוס און געטאָן מיאוסע זאַכן — פאַר אַלעמען אין די אויגן. דער המון אינעם סאַלאָן האָט געהודזשעט, פאַר באַגייסטערונג, און געפּאַ־דערט נאָך...

„...דאָ, פאַרגעווויס, וועט ער שנעל קומען צו זיך, דער קראַנקער...‟

— אַזוי האָט ער געקלערט, אָסלע, וועגן דעם, וואָס איז געזעסן מיט אים

באַ דער זייט; און אַליין, מיט פאַרגלאָסענע אויגן, האָט ער געשלונגען די סצענע...

נאָר, ווייזט אויס, אַז עס איז נישט געווען באַשערט. אין געציילטע מינוטן אַרום, האָט פּיזשאַק נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט זיך גענומען בעטן באַ אַסלען, אַז — עס איז אים נישט גוט; מע זאָל אים אַהיימפירן!... און אַסלע — אַן אויפגערעגטער, אַ צעקאַכטער, וואָס מע שלאָגט אים אי־בער אינדערמיט, — האָט געמוזט טאָן זיין ווילן...

איבער נאַכט, איז אים נישט געוואָרן בעסער. אינדערפרי; האָט ער זיך אויפגעהויבן, צו דער צייט; אַליין, אָן קיינעמס הילף, אַרויפגעוואָרפן אַף זיך די בגדים, און ער איז אַוועק אין טאַזשער. אָבער דאָרט, האָט ער זיך נישט געשטעלט צו דער אַרבעט, ווי געוויינלעך; נאָר ער איז אַרומגע־גאַנגען, אַ צעטראָגענער, לעבן זיין טיש — ווי ער וואָלט געוואַרט אַף עפּעס. און שפּעטער מיט אַ שעה; אַז מע האָט דערהערט, ווי דאָרט אונ־טן, אין קראָם, זענען זיך שוין אַלע צונויפגעקומען: סעניאָר פראַנץ, דער כערענטע זאַלצמאַן און דער אַלטער ספּיוואַק, — דאַן איז ער אַריבער פּלו־צים, פּיזשאַק דער ליטוועק. אין דער צווייטער העלפט פון טאַזשער. דאָרט, האָט ער געטאָן אַ צעעפן דאָס בלינדע פענצטער, וואָס האָט געפירט, דורך אַ שמאָל הויפל, צום סעניאָר פראַנץ אַף דער פּריוואַטער וואוינונג; ער האָט עס אַריבערגעשפּרייזט, דאָס פענצטער; ער איז אַדורך דאָס הויפל; ער איז אַריין פון דאָרט — אין דער קיך. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט אַף קיינעם. אַזוי, אַ צעשויבערטער, אַ צעמאָרזשעטער, — איז ער גע־גאַן ווייטער אין דער וואוינונג, פון צימער צו צימער; ער האָט געזוכט, ביז ער האָט געפונען דעם שלאָף־סאַלאָן; דאָרט, האָט ער זיך אַריינגע־וואַליעט גלייך אין בעט אַריין מיטן אָנטאָן; ער איז געפאַלן, ווי אַ סנאָפּ און... פאַרלאָרן דעם באַוואוסטזיין...

באַלד האָט אויסגעבראָכן אַ סומאַטאָכע, אַ רעש איבער דער גאַנצער שטוב און איבערן גאַנצן געשעפט. מע האָט גענומען אומלויפן, צעטומלט, אַרויף און אַראָפּ; נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן... אפילו דער סעניאָר פראַנץ אַליין האָט אויסגעזען צעדודערט. נאָר איין כערענטע זאַלצמאַן האָט זיך נישט פאַרלאָרן. ער איז גלייך אַרויף אין שטוב; צוגעזען, וואָס דאָ איז; און ער האָט אָנגעקלונגען און אַרויסגערופן אַ דאָקטער, וועלכער האָט דעם קראַנקן באַלד געבראַכט צו זיך. נאָכהער, האָט ער אַלעמען באַ־רואיקט, דער דאָקטער; געזאָגט, אַז עס איז אים גאָרנישט, דעם מענטשן — אַ לייכטע פאַרקילונג, וואָס איז מחויב איבערצוגיין פון זיך אַליין, אין עטלעכע טעג אַרום — ווען עס זאָלן נאָר נישט צופאַלן קיין קאָמפּלי־קאַציעס... אַף דער אָנצוהערעניש פון דער סעניאָרא פראַנץ, אַז — מע האָט דאָ צו טאָן מיט אַ פרעמדן, און אַף איר אָנפראַגע — וואָס מע זאָל טאָן?..., — האָט יענער, דער דאָקטער, זיך גלייך געכאַפּט און דערקלערט,

אז — דאָס גלייכסטע וואָלט געווען, פאַר דער אָפּהיטונג פונעם קראַנקן און פאַר זיין אינטערעס אַליין, — אַז מע זאָל אים, אויף די געציילטע פאַר טעג, אַריבערפירן אין אַ שפּיטאָל — לאָמיר זאָגן, א י ן ד ע ם א י ד י ש ן, וואו ער וועט זיך אויסרוען, ווי געהעריק; מע וועט אָנבעטן, —וועט מען אים שענקען אויפמערקזאַמקייט; וועט ער, גאָר אינגיכן, קומען צו זיך...

דער חולה אַליין האָט געוויינט, — דאָס דערהערנדיק. ער האָט געבעטן, מע זאָל אים נישט רירן פונעם אָרט; נאָר — אים לאָזן שטאַרבן רואיק, אָ, ווייל ער שפּירט, אַז — ער וועט שוין לאַנג נישט אָנטרייבן; זיינע טעג זענען געציילטע; זיין לעבן איז פאַרביי, זיין וועלט... ער האָט געקלאָגט און אויסדערציילט זיין ביטער האַרץ, אַז ער האָט אַרויסגעשיקט שיפסקאַרטן אַהיים, פאַר דער פרוי מיטן קינד; געגרייט זיך ערשט נעמען לעבן פונדאָסניי... נאָר אַצינד, אָך איז אים — וואָס וועט עס זיין פון זיי? זיי וועלן אַראָפּקומען און אים שוין נישט טרעפן — וואָס וועלן זיי טאָן?!.

דער בערענטע זאַלצמאַן איז געשטאַנען, די גאַנצע צייט, לעבן אים און אים איינגענומען מיט גוטע רייד... אָ, ער איינער אפשר איז געווען אַ מבין אַ ריכטיקער אויף דער גאַנצער קאָמעדיע, וואָס האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט פאַר די אויגן... ער האָט געזען, וואוהין יענער צילט: — ער וויל מאַכן — השיבנו נאַזאַד! פאַרקירעווען דעם דישל אויף צוריק; וואָס געווען, איז געווען... פאַרגעסן, אַראָפּ פון מאַרק... איצט — אפשר אָנהויבן פונדאָסניי?!.

נאָר. ער, זאַלצמאַן, האָט זיך נישט געלאָזן. ער האָט נישט אויסגעמיטן, אמת, דעם בליק פונעם קראַנקן, וועלכער האָט אים איצט פאַרקוקט אין די אויגן, געפּרואווט עפּעס אויפכאַפּן אין זיי, — לאָז זיין כאָטש אַ סימן פון פאַרצייונג, פון גרייטקייט אַלעם אָפּצעווישן, שענקען אים די זינד, אָ, אים שענקען דאָס לעבן... ער האָט געקוקט. דער בערענטע זאַלצמאַן, אָפן און רואיק, גלייך אין פּנים אַריין דעם קראַנקן מענטשן, וואָס פאַר אים, און ער האָט אים גאָרנישט צוגעזאָגט. ער האָט גערעדט צו אים, העפלעך און איידל; אָבער, ווי צו אַ פרעמדן...

„...אָפּגעטאָן, איז — אָפּגעטאָן, מיין פריינט — האָבן געזאָגט, דאַכט זיך, זיינע בליקן — צוריק כאַפּן קען מען נישט... נאָר, לאָמיר נישט רעדן אַצינד דערפון. ווען איינער געפינט זיך קראַנק, — דאַרף ער, צוערשט, געזונט ווערן...” נישט געזאָרגט; איר האָט נאָך אייער וועלט פאַר זיך... ליטוועק־חזיר — האָט ער געפּרואווט פאַרייבן, דער בערענטע, זיין האַרבקייט מיט אַ שפּאַס — אַזאַ, ווי איר, וועט נישט פאַרפאַלן גיין...

און ער האָט שוין איינגעזען, פּיזשאַק, מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ, אַז — אים איז באַנייס נישט געלונגען. ס'איז אָן עברה די רייד. עס איז פאַר־

פאַלן... אַ אָפּהענגטיקער, אַ גלייכגילטיקער, — האָט ער שוין געלאָזן טאָן מיט זיך, וואָס מע האָט באַדאַרפט; ביז מע האָט אים אַוועקגעפירט.

*

נאָך דעם זעלבן טאָג — פונקט, ווי אַלץ וואָלט שוין געווען צוגעגרייט באַ זיי, די באַלעבאַטים, פון פריערט, — איז אַרויפגעקומען אין טאַזשער, געפירט פון בערענטע זאַלצמאַן און פון אַלטן ספּיוואַק, אַ קליין זשוואַווע אידל, אַ מיטליאַריקער, מיט אַ גלאַנציק־ברוין בערדל, אין אַ רבנישן קאַ־פּעליוש און אין אַ סורדוט, און ער האָט איבערגענומען די אַרבעט. דער בערענטע האָט אים פאָרגעשטעלט באַם נאָמען — ר׳ וואָפּסי האָצעלעס; און ער האָט זיך געזעצט באַם גרויסן טיש פון קאַפּאַטאַז; אַרונטערגענומען דעם ספּאָדיק און געבליבן אין אַ שוואַרצסאַמעטענער יאַרמלקע. נאָכהער, האָט ער זיך אַרומגעקוקט איבערן טאַזשער; געגאַנגען, מיטן פינקלדיקן שוואַרצן בליק, פון אַרבעטער צו אַרבעטער; לענגער ווי געוויינלעך זיך־פאַרהאַלטן אויף די אַרבעטאַרנס. ער האָט געקוקט אויף זיי אַזויפיל, און דער־ביי נחתדיק אַריינגעשמייכלט צו זיך אין בערדל אַריין, — ביזקל וואָגעז יענע, די פרויען, האָבן אַרונטערגעלאָזן די בליקן, פאַרשעמט און פאַרויטל־טע; זיך גענומען איבערשמייכלען און שושקען צווישנאַנאַנדער וועגן... דעם אומפאַרשעמטן אידל, וואָס האָט נאָך — קענטיק, באַ זיינע יאָרן אפילו — דעם חשק נישט פאַרלאָרן...

און אַזוי איז ר׳ וואָפּסי האָצעלעס אַריין אין דער אַרבעט, מיט אַ שמייכל, מיט אַ געלעכטערל, אַ ווערטעלע. ער האָט גענומען דעם עולם. ער האָט זיך באַ אַלעמען געמאַכט ליב. נאָך פּיזשאַקס טיראַניע, איז ער אַצינד געקומען, ווי אַ דערפרישונג; און מע האָט געקאָנט, אונטער זיין האַנט, אָפּאָטעמען פרייער.

און גלייך אויף דער צווייטער וואָך, איז צוריקגעקומען צו דער אַר־בעט, אַ דערהאַלטער, נאָר — אַ פאַרביטערטער, אַ פּעסימיסט. — דער געוועזענער קאַפּאַטאַז פּיזשאַק... ער האָט שוין געוואוסט פון אַלץ, וואָס דאָ איז אָנגעגאַנגען, בשעת זיין פעלן; ווייל אַפילע דער געטרייער — זיין איינציקער אמתער חבר! — האָט עס אים אָפּגעטראָגן באַצייטנס; אינזי־נען־געהאַט אים־פאַרצובאַרייטן, אַז — עס זאָל אים נישט אַ שלאָג־טאָן פּלוצים איבערן קאָפּ...

גלייך, באַם אַריינקום אין טאַזשער, — האָט ער זיך געלאָזן, ווי גע־וויינלעך, צו זיין טיש און צום פּלאַץ זיינעם פון פריער. נאָר, יענע אָרט האָט ער געטראָפן פאַרנומען; און דאָס אידל, וואָס איז דאָרט געזעסן, — האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ קלענער טישל דאַנעבן; און אים אויך געגיבן, וואָס צו טאָן... פּיזשאַק האָט מיטיינמאָל דערשפּירט, ווי — עס שפּאַרט

אים צו די יוכע צום גאָרגל — ער זאָל אַ כאַפּ־טאָן, וואָס עס וועט אים קומען אונטער דער האַנט, און דערלאַנגען דעם פראַנצעוואַטן אידל גלייך אין קאָפּ אריין... נאָר, ער האָט זיך איינגעהאַלטן, מיט די לעצטע כוחות, זיך גענומען פאַר דער ארבעט... בשעת־מעשה, איז ער געלאָפן, מיט זיינע ווילדע בליקן, פון איין ארבעטער — צום אנדערן. אַזוי ווי איינער, וואָס באַקומט נחת פּלוצים פון זעלבסט־פּייניקונג, — האָט זיך אים פּראָוואָלט צוזעען אַליין, מיט די אייגענע אויגן, ווי — אַלע לאַכן פון אים איצט; מע האָט דערלעבט אין אים אַ נקמה; אָט, נאָך אַביסל, — און מע וועט צו־קומען האַרט צו אים, מע וועט אים אָנכראַקען איטלעכער גלייך אין צורה אריין... וואָס־זשע? ער האָט עס די ווערט, וויבאַלד עס האָט געקאָנט קו־מען דערצו — מיט אים זאָל אַזעלכס פּאַסירן...

ער האָט געקוקט צו די אַרבעטער. און ווייטער געטראַכט... „בלוטיקע שונאים אַלע; איינס אין איינס... מיין כפּרה זענען זיי איגיינעם. זיי מיי־נען — זיי האָבן זיך געראַטעוועט מיטדערמיט, וואָס זיי האָבן מיך פאַר־ראַטן... באַ לייטנס, אין אַזאַ פאַל, אין אַנדערע פיין־אָרגאַניזירטע טאַ־זשערן, — וואָלט מען אים אַרויסגעטראָגן, דאָס נבזהדיקע אידל, פונדאַ־נען — אַף פיר שפּענער... און דאָ, אין דעם בורדעל, — זיצט ער, דער פאַרשטונקענער פליגלמאַן, די קורווע, דער גנב, שפּיאָן און מסור, און ער שווייגט; און אַלע, אַף אים קוקנדיק, טוען דאָס אייגענע... נאָר, וואַרט. איר וועט באַ מיר האָבן אַלע דעם בראָך — אָט, וועט איר אָנקוקן. אייך אַלעמען דערציילן די מעשה, בעפאָר מירן זיך צעגיין. מירן נאָך זעען...״

און ער האָט מיטאַמאָל שווער אָפּגעזיפצט... „עך! זיין פּלאַן, אַף וואָס ער האָט געבויעט, ער האָט געשמעלט, ער האָט אויסגעקוקט און אויסגערעכנט — אַ פּלאַן אַף יאָרן, — דאָס וועט שוין דאָ מער קיינמאָל נישט זיין. מע האָט גענומען און אים באַגראָבן אַף אייביק! — ווער? — אַלע. די דרעקישע אידעלעך, די באַלעבאַטים די פרומאַקעס; און זיי, די ארבעטער, די ליידאַקעס... איצט, זאָל זיך איטלעכער זאָרגן פאַר זיך. אַ, ער, פיזשאַק, — איז נאָך ווייט אַזוי נישט געפאַלן, ווי מע מיינט. ער, הויבט ערשט אָן. אָט, גאָר אינגיכן, וועט אראָפּקומען די פרוי, זשעניע מיטן קינד. מע וועט אַ טראַכט־טאָן צוזאַמען; מ׳עט זעען... אפשר — אַ געשעפט — אָט דאָס, אַף וואָס ער האָט זיך געגרייט, די גאַנצע צייט; געלט געזאַמלט, סחורה, און אוועקגעלייגט... אַ, הערט מיך אויס, קינ־דערלעך — איך וועל אייך נאָך אַלע האָבן אין דר׳ערד!..״

באַטאָג, האָט מען אַראָפּגערופן פיזשאַקן אין קראָם אריין און מע האָט דאָרטן מיט אים לאַנג גערעדט. דער בערענטע זאַלצמאַן האָט אים גע־פּרוּווט געבן צו פאַרשטיין, אַז — באַ לייטנס, ווען דאָס, וואָס האָט דאָ פּאַסירט, טרעפט ערגעץ אַנדערש — נישט נאָר באַ גויים, נאָר אפילו באַ אידן, — וואָלט עס, פאַרשטייט זיך, גלאַטיק נישט אָפּגעגאַנגען... נישט

מער — דער סעניאָר רובען פּראַנץ, מיט זיין איידלקייט, ווי אַ אידישער מענטש, — וועט דאָך נישט גיין קיינעם קיין שלעכטס־טאָן... לכן, איז געבליבן, אַז מע זאָל אַרבעטן ביז צום יאָר, נאָוויעמבער־מאָנאַט; אַזוי ווי מע האָט פאַרשפּראָכן...

— ...ביז יענער צייט, ווערט קיינער נישט גערירט פון זיין אָרט — דאַרויף האָט איר דעם פּרינציפּאַלס וואָרט! דערפאַר, זאָל יעדער איינער פון די אַרבעטער ש ו י ן אונטערשרייבן אַ פּאַפּיר, אַז — ער האָט נישט און וועט נישט האָבן קיין שום טענות־ומענות צום באַלעבאָס, אין שייכות מיט אַ ספּעציעלער באַלוינונג, פאַר האָבן אָפּגעאַרבעט אַ יאָר צייט אויף אַ פּלאַץ... וואָס אַרט אייך? מירן שוין וויסן, ווען צו באַלוינען, ווי עס געהער צו זיין... דאָ, בא אונז, איז קיינער קיינמאָל נישט באַעולט גע־וואָרן...

פּיזשאַק, דאָס אויסהערנדיק, — האָט זיך אָנגעכאַפּט דערין, ווי אין אַ אבן־טוב. ערשטנס, האָט ער גערעכנט, וועט דאָס אליין — ס׳דורכפירן אַזאַ שמוציק שטיקל אַרבעט, — מעגלעך, אפשר ווידער הויבן עטוואָס זיין ווערט בא זיי אין די אויגן, בא די האַרן; און מע וועט דאָס אים צורע־כענען שפּעטער, בשעת דער לעצטער שעה פון באַלוינונג... און ס׳אַנדערע — האָט ער געקלערט — אפילו ווען נישט, איז וואָס קען עס אים אַרן? — אַ מפּלה אויף זיי אַלעמען, די שנאָרערס! געלט גיב זיי? — מיטן קאָפּ אין דר׳ערד! —

און ער האָט דאָס דורכגעפירט, נאָך דעם זעלבן אָוונט, מייסטער־האַפט. אַלע האָבן אונטערגעשריבן, וואָס מע האָט זיי געהייסן; אַפילו רעכט נישט ווייסנדיק — וואָס. זיי האָבן געדאַנקט גאָט, וואָס מע טשע־פּעט זיי נישט פון די ערטער — נאָך עטלעכע מאָנאַטן; וואָס מע לאָזט זיי לעבן. און ווייטער, וועט מען זעען...

9

און עס איז געווען, אַז פּיזשאַק דער ליטוועק האָט באַקומען פֿון זיין פֿרוי די טעלעגראַמע, אַז זי פֿאָרט, — האָט ער זיך גענומען גרייטן פֿיבער־האַפֿט צו דער אויפֿנאַמע. ער איז אַרויס, אין אַ שבת־באַטאָג, איבער אַ קריסטלעכער געגנט פֿון שטאָט און גענומען זוכן אַ דירה פֿאַר זיך מיט דער פֿאַמיליע, אַף צום וואוינען; און מיט אַ פֿענצטער צו דער גאַס, פֿאַרן געשעפֿט־וועגן... אַזוי איז גלייכער: נאָר — וואָס ווייטער פֿון אידן... ווייל מיט זיי, מיט די פֿאַרשטונקענע אידעלעך, — איז נאָר גוט קוגל צו עסן; אי דאָס — פֿון גאַנץ־באַזונדערע טעלער...

געקראָגן די דירה, — האָט ער זי גענומען אָנפֿילן מיט מעבל; און מיט פֿאָליצעס, סחורה אַף זיי, טישן, אַ נײ־מאַשין און אַלע אַנדערע נוי־מיקייטן — אין יענעם פֿאָדערשטן לאָקאַל, וואָס איז געווען באַשטימט פֿאַר דער פֿוטער־קראָם. עס האָט אים שטאַרק אַרויסגעהאָלפֿן אין דעם אַלע־מען דער בלאָנדער אוקריינישער שייגעץ סטיאָפּאַ, וועמען ער האָט גע־האַט, נאָך צוריק מיט אַ צייט, אַריינגענומען אין טאַזשער, אַלס לערן־יונג. יענער, דער שייגעץ, באַ זיין קאַרגן יאָר אין לאַנד, — האָט זיך שוין אַסאַך געהאַט אָנגעליטן, אויסגעוואַלגערט אין פֿאַרשיידענע פּלעצער, געטאַפּט אומעטום אַ וואַנט און געליטן הונגער, — ביז ער, פּיזשאַק, האָט אים ער־געץ אָנגעטאַפּט אין גאַס. מיטגענומען צו זיך אין טאַזשער, אים געגעבן אַרבעט, עפּעס צו פֿאַרדינען; און יענער, דער גרינער אוקריינער, האָט אָנ־געהויבן אַביסל אויפֿלעבן. ער איז אים, דערפֿאַר, געבליבן דאַנקבאַר, פּי־זשאַקן, און אים אַרויסגעוויזן געטריישאַפֿט, ווי אַ שטומע צונג. ער אַליין, סטיאָפּאַ, איז נאָך געבליבן אַזוי גרין, ווי כמעט אין ערשטן טאָג פֿון זיין אָנקומען אין לאַנד. ער האָט קיין וואָרט שפּאַניש נישט פֿאַרשטאַנען. אָבער, נאָך ערגער און טראַגישער פֿאַר אים איז געווען דאָס, וואָס ער האָט גע־נומען מערקן, מיט שרעק, וויאַזוי — זיין אייגן לשון, דאָס אוקריינישע, פֿונעם דאָרף און פֿונעם פֿעלד, נעמט זיך עפּעס פּלאָנטערן באַ אים אַף דער

צונג, ווי נישט־געשטויגן־נישט־געפלויגן; גאָר, ווי ער וואָלט, פאַרייִנמאָל, אַ פול מויל מיט קליאַטשע באַקומען. ציַ אַ געשוואָלענע צונג, אָדער ביידע זאַכן צוזאַמען — טפו, צו אַלדע רוחות — וואָס איז דאָס?!. — דער אומגליקלעכער שייגעץ איז געווען פאַרצווייפלט; און נאָר ער האָט מוראָ־געהאַט — טאָמער בלייבט ער שטום...

איצט, אַז פּיזשאַק האָט אים דערלאַנגט אַ וואונק, אַז — ער נעמט אים אַריין צו זיך, אַף אַלעם גרייטן, — איז ער געלאָפן, ווי צום טאַנץ. דאָרט, אין דער דירה, האָט ער אים אָפּגעגעבן אַ אויבערשט סאַלטערסקע צימערל, איבער דער קיך, צום וואוינען. ער האָט אים פאַרשפּראָכן, פּי־זשאַק, אַז ווי נאָר די פרוי וועט קומען, — וועט אים בא זיי גאָרנישט פעלן. ער וועט האָבן אַ ריין געלעגער, עסן צו דער זעט, און געלט — וויפל מע דאַרף. ער וועט אים גלייך אָפּנעמען פון טאַזשער, און געבן אַרבעט בא זיך אין געשעפט, וואו ער וועט אים מאַכן פאַרן גאַנצן כּערענטע... וואָס אַרט אים? זאָל ער נאָר האָבן צוטרוי, און זיך לאָזן פירן פון אַ פריינט — און ער וועט שוין מאַכן פון אים אַ מענטש אַ ריכטיקן!...

און סטיאָפּאַ דער סאַלטעראָ, (באָכער,) דער עלנטער הונט אין דעם לאַנד, — האָט זיך געלאָזן פירן, מיט פאַרמאַכטע אויגן, פון זיין פריינט פּיזשאַק. ער איז געווען גליקלעך פון דעם, וואָס מע טרויעט אים אַן אַזוי־פיל; וואָס מע האַלט אים מיט מענטשן גלייך; וואָס מע נעמט אים אַריין אין אַ שטוב, ווי בא לייטן, און מע רעדט צו אים אויס אַ וואָרט... ער איז געווען דאַנקבאַר דערפאַר אין־לשער, און ער האָט דאָס גענומען אַרומ־ווייזן מיט זיין טאַט. ער האָט געהאָרעוועט אָן אויפהער, גערוימט און געמייסטרעוועט, און יעדעם פּיצעלע אָוועקגעשטעלט אַף אָן אָרט. פּיזשאַק האָט דאָס אַלעם צוגעקוקט, מיט הנאה בא זיך אין הארצן; אים גערימט, פאַר זיין געטריישאַפט און פאַר זיין פעיקייט צו טאָן אַלעס, ווי מע דאַרף; אים געוויזן אַ סימן פון אַ פּאָר טאָלער אויך, כּדי אים צו ציינגן, אַז — ער דערוואַרט נישט פון אים, חלילה, עפּעס אומזיסט...

דערנאָך, האָט פּיזשאַק גענומען אַהיימברענגען, פון אַלערליי פּוטער־קראַמען אין שטאָט, פאַרשיידענע אַרבעט אַף אויסצופּערטיקן. ער האָט דאָס צוגעשניטן, אַף דער נאַכט, און געלאָזן פאַר סטיאָפּאַן, צו פאַרנייען און צוטשוועקלען — אַלץ טועכצן אַזעלכע, וואָס זענען דעם שייגעץ שוין נישט געווען פרעמד...

אַלעס, דאַכט זיך, האָט בא אים איצט אָנגעהויבן גיין, בא פּיזשאַקן, ווי עס באַדאַרף צו זיין. ערשט, האָט ער גענומען אויסקוקן, נישט אָן האַרצ־קלאַפּעניש, דעם טאָג, ווען זיין פרוי זשעניע האָט געזאָלט אָנקומען... אָ, ווען זי זאָל נאָר שׂכל־האָבן אַציִנד, און זיך וועלן איינשפּאַנען אינעם וואָגן, באַגלייך מיט אים, — אַזוי ווערט מען גבירים, גאָר אין אַ קורץ שטיקל

צייט — אלעמען אף צעפּיקעניש!... גאָרנישט וועט איר פעלן מער — קליידער, און צירונג... נאָר; צי וועט זי זיך שוין, דאָס מאָל, באַדענקען?!.

*

...זשעניע באַלאַנדער האָט נישט געהאַט קיין גוט לעבן מיט איר מאַן, כמעט פון באַלד נאָך דער חתונה אָן. זי, אַ שיינע מיטלוויקסיקע שאַטענקע, מיט ווארעמע ברוינע אויגן און אַ פּרעכטיק־געלאָקטן קאַשטאַנעווע קאָפּ־האָר, — האָט, אין איר צייט, אין יענע מיידלשע יאָרן — מיט איר רייץ און צויבער, משוגע געמאַכט אַ שטאָט מיט אינגלעך. נישט איינער פון זיי איז געווען גרייט זיך אַ מעשה־אָנטאָן פאַר איר... זי איז, אַ חוץ שיין, — אויך געווען געלערנט און רייך, פון די שפּיגלפענצטער אין שטאָט; איר פאַמיליע — פון די ערשטע פּוטער־קירזשנער.

...וואָס אזוינס האָט זי דערזען אין אים, פּיזשאַקן, דעם אָרעמען אַרבעטער באַ זיי, — וואָס זי האָט אים אויסדערוויילט, אים געשאָנקען איר האַרץ?... — עס האָט זיך דאָ די ליבע אריינגעמישט און איר פאַרבלענדעט דאָס האַרץ מיט די געהירן פון קאָפּ... ער איז געווען שיין, אמת, יענער בלאָנדער בחור פּיזשאַק, אין אירע יאָרן; און ער האָט געשפּילט אַף אַ מאַנדאָלינע, פיין געזונגען, דעקלאַמירט, און גערעדט אזוי אינטערעסאַנט פון ליטעראַטור, פון טעאַטער און מוזיק...

...נאָר, גלייך נאָך דער חתונה, האָט זי פּלוצים איינגעזען דעם בראָך. עס האָט זיך ארויסגעשטעלט, אַז ער איז אַ ווילדער רויער יונג, וואָס ווייסט נישט פון קיין איידעלער באַנעמונג; וואָס וויל קיין האַנט אין קאַלט וואַסער נישט טאָן. דאָס האָט ער זיך לאַקאָמעט אַף איר געלט, דעם רייכן נדן; און אזוי שנעל, ווי ער האָט אים געפּטרט, — האָט ער גענומען פאַרדערן באַ אירע טאַטע־מאַמע נאָך... „— אנישט — האָט ער געדראָאט — וועט ער איר אָפּשיקן, זייער טאָכטער, צוריק צו זיי...” אַ שטיק צייט דערנאָך, האָט מען געלעבט צעשיידט. זי — אינדערהיים; און ער, האָט זיך אומגעשליאָעט אין אַלדע גוטע יאָר... ביז וואַנען ער האָט, ענדלעך, איינגעזען, אַז עס איז קיין תכלית נישט פאַר אים; מע גיט אים נישט נאָך זיינע שמד־שטיק; איר פאָטער כאַפּט זיך נישט צעטיילן מיט אים דאָס פאַרמעגן, — איז ער געוואָרן, מיטיינמאָל, ווידער איידל און פיין; איז ער געקומען און צוגעזאָגט — פון היינט און וויטער — שוין ווערן גוט און שטיל, — אבי מע זאָל אים העלפן זיך שטעלן אַף די פיס...

...אַז זי איז צוריקגעקומען צו אים, — איז זי שוין נישט געווען די זעלבע, וואָס פריער. עפּעס אין איר האַרץ האָט זיך צעבראָכן, און עס האָט שוין נישט געקאָנט ווידער גאַנץ־ווערן. דאָרט, איז געבליבן ליידיק און הויל, אַזוי ווי אַ חורבה. עס האָט נישט געהאָלפן אפילו דאָס ברענגען אַ

קינד אַף דער וועלט, שלומהלען, באַלד אין אַ יאָר אַרום נאָך זייער איבער־בעטונג. אָ, ניין. ער איז איר געבליבן פרעמד, ווילד און פאַרהאַסט; און זי האָט עס גאַרנישט געפּרוּווט אַפילו רעכט פון אים אויסבאַהאַלטן... וואָס־זשע טוט מען? און דאָ איז זי קוים פינף־און־צוואַנציק יאָר אַלט געווען...

...און זי האָט גענומען גיין אַפן זעלבן וועג, וואָס אַלע אין איר שטאַנד ציִען אַהינצו... זוכן פאַרגעסנהייט אין דעם גליקלעכן ליבע־רויש; אין דער אַוואַנטורע... צו זיי אין שטוב איז שוין דאַמאָלס אַריינגעקומען אָפטער מירל בלומענפעלד, מיט אַ פּאָר יאָר אינגער פון איר, וועלכע האָט אויך געלעבט אומגליקלעך מיט איר מאַן, יאַנקל לאַפּקין; און זיי ביידע, זי און מירל, זענען זייער שנעל געוואָרן די גרויסע אינטימע חברטאָרנס, וועלכע האָבן, איינע פאַר דער אַנדערער, גאַרנישט אויסבאַהאַלטן. מע איז אַרומ־געגאַן צוזאַמען, זיך געטראָפן מיט יונגעלייט, מע האָט פאַרבראַכט...

...שפּעטער מיט אַ פּאָר יאָר, איז מירל אַוועקגעפאָרן צו איר מאַן קיין אַרגענטינע. זיי האָבן זיך האַרציק צעזעגנט, און יענע האָט איר פאַר־שפּראָכן צו שרייבן בריוו פונעם ווייטן אומבאַקאַנטן לאַנד; נאָר זי האָט איר וואָרט נישט געהאַלטן... זי, זשעניע, איז איצט געבליבן אינגאַנצן אַליין. זי האָט זיך געשראָקן פאַר דער איינזאַמקייט; נישט געהאַט, מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן, זיך־טיילן מיט איר פּיין. איר האַרץ האָט געחלשט נאָך ליבע; איז אויסגעגאַן נאָך אַ וואַרעמער און אויפריכטיקער מענטשלעכער לאַסקע. אָ, פאַר דעם איז זי געווען גרייט איר לעבן אוועק־צוגעבן, איר זעל... זי האָט זיך, איינמאָל אום־זומער, באַקאַנט מיט אַ שיינעם בלאָנדן יונג, אַ סטודענט. זיי האָבן זיך אָפּגערעדט צו טרעפן, אין אַ פאַרנאַכט... גאָט, ווי זי האָט זיך געגרייט צו יענער באַגעגעניש!... זי האָט זיך לאַנג געצוואָגן, געזייפט און געוואַשן; לאַנגזאַם זיך־פאַרפּוצט און, אַ זויבערע, מיט אַ פריידיק־אַנגעקוואָלן האַרץ, — איז זי אַוועק צום אָפּ־גערעדטן אָרט — אַזוי ווי אַ כלה גייט אַנטקעגן איר באַשערטן... אָ, זי האָט אַזויפיל דערוואַרט פון יענעם מענטשן, וועלכער איז איר געפעלן... נאָר, גלייך ווי מע האָט געשטעלט די ערשטע פאַר טריט אין דער טונקל, — האָט יענער, דער אומבאַקאַנטער, איר אַרומגעכאַפּט בײַ דער טאַליע, איר גענומען פירן.. און זי האָט זיך אינסטינקטיוו באַפרייט פון דעם פרעמדנס אומגעלומפּערטער אומאַרעמונג; אַוועק פון יענעם אָרט; אים מער קיינמאָל נישט אָנגעקוקט...

...אָ, זי האָט שפּעטער איר גליק געפונען, איר ליבע... געגאַנגען מיט א י ם אומעטום, פראַנק און פריי; זיך געליבט, פאַר אַלעמען אין די אוי־גן, נאָר קיינער האָט נישט באַמערקט... אַז זי איז געווען מיט איר מאַן אין טעאַטער, — האָט זיך יענער, איר געליבטער, געזעצט בײַ איר זייט; אין

דער טונקל, איר געהאַלטן פאַרן אָרעם, איר געגלעט, געצערטלט... אָ, דאַן איז זי געווען גליקלעך, מיט אַן אמת...

...אַזוי לאַנג, — ביז יענער איז אַוועקגעריסן געוואָרן פון איר, גוואַלד־זאַם, דורכן לעבן; און זי איז ווידער געבליבן אַליין — פּנים צו פּנים, מיט איר מאַן... ניין; עס איז געווען אַ פּיין, נישט צום אויסהאַלטן מער; אי־בער אירע כּוח ות! עס וואָלט אויפגעריסן; עפּעס אַן אומגליק וואָלט פּאַ־סירט, — ווען עס דאַרף אַזוי ווייטער גיין... אַז ער האָט איינמאָל אַרויס־גערעדט, איר מאַן, אַז — ער רעכנט, אפשר, צו פאַרן קיין אַרגענטינע, און איר אַרויסנעמען דערנאָך, אַז מע זאָל פּרוּוון בויען צוזאַמען זייער לעבן פונדאַסניי..., — האָט זי זיך אין דעם אָנגעכאַפּט, אַליין נישט־ווי־סנדיק — פאַרוואָס... דאָס ווייטע אומבאַקאַנטע לאַנד, די רייזע אַהינצו, — אַלץ האָט געלאָקט און געצויבערט איר אָרעם האַרץ; עס אָנגעפילט מיט האָ־פענונג, מיט דערוואַרטונג... ווער ווייסט? אפשר?... און זי האָט לייכטער אָפּגעזיפצט...

*

דאָס קאַרגע יאָר, וואָס זשעניע כאַלאַדנער איז געווען אַליין אינדער־היים, זינט איר מאַן איז געהאַט אַוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע, — האָט זי נישט געלאָזט אַוועק לאַיבוד. זי איז געווען אַ אינטעליגענטע פרוי, און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי מוז נישט אַראָפּקומען אַהין, אין יענע ניי לאַנד — אַ גרינע און אומבאַהאָלפענע, ווי אַ קליין קינד; נישט ווויסן אַ קער־טאָן זיך פונדאַנען — אַהער; און אָן דער שפּראַך פון אַ לאַנד, איז מען דאָס. זי האָט דערומער איינגעקויפט די נויטיקע לערן־ביכער; צייט האָט זי געהאַט לרוב; און זי האָט זיך גענומען פלייסיק פאַרן שטודירן. זי האָט געמאַכט גרויס פאָרשריט. מיט יעדן חודש מער, איז איר ווויסן אין דעם קאַסטעליאַנישן לשון געוואָרן ברייטער און פולער. איצט, האָט זי געזען קריגן ביכער און זשורנאַלן אין ד ע ר שפּראַך; גענומען לייענען, זיך־באַקאָנען מיט יענעם לעבן...

...און איר האַרץ, איר אָרעמע עלנטע זעל האָט אויפגעצאַפּלט, פאַר־בענקשאַפט און אומרו, לייענענדיק די שילדערונגען וועגן לעבן פון יענע ווייטע לענדער, וואו... דער גליקלעכער שטאָלצער מאַן טוט נישט קיין אַנ־דער זאַך, נאָר ער גייט אַרום, מיט אַ גיטאַרע אין האַנט, און ער זינגט אויס זיסע, אָ, צערטלעכע און ליידנשאַפטלעכע סערענאַטעס צו זיין גע־ליבטער... וואו די הימלען מיט די שטערן, מיט דער נאַכט, מיט דער גאַנ־צער נאַטור פלאַטערן אייביק אין איין העליש פייער פון ליבע־באַגער... וואו מע גייט נאָך אַף דועלן און מע קעמפט אַף טויט און לעבן, אָ, פאַר דעם איינציקן טייערן גליק, וואָס עס איז דאָ אַף דער וועלט — פאַר דער גע־ליבטער פרוי...

און איר האַרץ האָט אויסגעשריגן, מיט וואַנזיניקער פאַרצווייפלטער פרייד:

...אַ, לאַנד פון מיינע טרוימען, פון מיין גליק און פיין... איך גיי צו דיר!...

*

און עס איז געווען אין איינעם אַ פאַרנעפּלטן קאַלטן פרימאָרגן, ענדע כוניאַ; ווען זי איז אַראָפּ פון דער שיף, אין ב. איירעסער פּאָרט, און דערזען פאַר די אויגן דאָס נבזהדיקע געשטאַלט פון איר מאַן, — האָט איר אַ נישטגוטקייט צוגעשלאָגן צום האַרצן — אַ מינוט צום חלשן. איר איז איצט פאַרגעקומען, ווי מע וואָלט איר אַרויסגעריסן פלוצים פון אַ שיינער פאַנטאַסטישער וועלט און איר אַריינגעשליידערט אין אַ זומפּ...

עס איז איר מער גאָרנישט געפעלן געוואָרן בא אים: נישט די ענגע האַלב טונקעלע דירה, וואו מע האָט זיך קוים געקאָנט אַ קער־טאָן; נישט דאָס קליינע אָרעמע פוטער־קרעמל, פונפאַרנט צו דער גאַס. מע האָט עס גוט אַרויסגעזען אַף איר, דאָס קרומען זיך; און דאָס האָט אים, פּיזשאַקן איר מאַן, געפעדלעך געקרענקט. ער האָט עס נישט געקאָנט איינהאַלטן אין זיך און איר, גלייך פון ערשטן טאָג, — פאַרגעוואָרפן איר נישט־דאַנקבאַרקייט. ער האָט געטענהט, אַז „אַ אַנדערע, אַף איר אָרט, — וואָלט געקושט יעדעס ווינקעלע אין שטוב; וואָלט אים אַליין, דעם מאַן, געקושט די טריט — פאַר אַלעס, וואָס ער האָט אַזוי גוט איינגעאָרדנט; און אין אַזאַ קורצער צייט — קיין רעכט יאָר אַפילו נישט אַריבער...” אַזוי, האָט זיך אָנגעהויבן בא זיי דער רוגז און די שטירדעס, באַלד פונעם אָנהויב...

אין עטלעכע טעג אַרום אַפילו, — האָט זי זיך געפּרואווט איבערלייגן, אַז — אַזוי איז קיין תכלית נישט. אַז זי וועט מוזן, אַ ווײַלע, נאָכלאָזן פונעם שטריקל, ווייל — אַנישט, — וועט מען ווייט נישט אָנטרייבן ביידע... זי, איז נאָך רעכט פון דער פור נישט אַראָפּ, דאָ, אין דעם לאַנד; ווייסט נישט פון דאַנען — אַהין... זאָל זי זיך פריער אַביסל אַרומקוקן, עטוואָס צוגעוואוינען, זעען, הערן. זאָל איר פריער דער רעש פון דער היים אַרוים פון קאָפּ. דערנאָך — וועט זי וויסן, אפשר, וויאַזוי איר טראָט צו שטעלן...

און זי האָט גענומען מילדערן עטוואָס איר טאָן צום מאַן; געפּרואווט אים צולאָזן צו זיך נעענטער — ער זאָל אָפּרעכן אַביסל פון זיין הראַביע; ער זאָל קומען צו זיך...

נאָר, וואָס איר האָט צומייניסטן געוואונדערט, — איז געווען דאָס, וואָס ער דערציילט איצט גאָרנישט פונעם גרויסן מיליאָנערסקן געשעפט,

וואוהין ער גייט אוועק, יעדן פרימארגן, צו דער ארבעט, — אזוי קומט ער אהיים פונדארט — שפעט באדערנאכט; און וועגן וועלכן ער האט איר אזויפיל ארויסגעשריבן, און, דערביי, זיך ארויסגעשטעלט, אלס א ז ו י־ג ע ר ־ א ו ן ־ א ז ע ל כ ע ר — אין אלע זיינע בריוו צו איר, אהיים... אצינד — וואו איז דאס אלעס אהינגעקומען? און, פארוואס רימט ער זיך נישט ווייטער?!

ביזוואנען, זי האט זיך שוין נישט געקאנט איינהאלטן מער, און זי האט עס אים געפרואווט א פרעג־טאן...

נאר, זי האט צוגעקוקט, מיט שטוינען, וויאזוי... ער איז געווארן צערודערט אין צורה; עס האבן זיך בא אים גענומען בייטן אלע קאלירן; און ער האט איר אנגעהויבן געבן איין אויסמיידנדיקן ענטפער נאכן צווייטן...

— ...עס לוינט נישט צו רעדן דערפון — האט ער געטענהט, מיט ערגערניש — וואס קאן מען דערלעבן, פון ארבעטן בא יענעם? נאך א פעזע־צוויי אפן טאג, מער גארנישט. אלציינס — קבצן. א מענטש ווערט מען, אז מע ארבעט פ א ר ז י ך ! ער האט דערפאר געשטעלט די פוטער־קראם. אנגעהויבן פון קליין, דאכט־זיך... נאר — זאל ז י נאר וועלן אים ארויסהעלפן, — א, דאמאלס וועט מען גיך ארויפשטייגן; ווייל דאס פלאץ פארדערפאר איז דא...

דעם סוד פון דער גאנצער זאך האט זי אויסגעפארשט דערנאך; ווען אפילו דער שווארצער האט אויסגעטשאטעוועט די מינוט, אז פיזשאק איז נישט געווען אין שטוב, — און ער איז אראפגעקומען מיט א וויזיט — כלומרשט, אפצונעמען א גרוס פון זיין ווייב אינדערהיים... א, ער האט איר אויסדערציילט אליץ, און די אויגן געעפנט... ער האט איר אויך איי בערגעגיבן, גאנץ אומגעריכט, וועגן דעם, וויאזוי... עס האט זיך, בא זיי אין געשעפט, ארויפגעארבעט איר אמאליקע חברטארן, מירל בלומענפעלד, וועלכע שטייט איצט, מיט א גרויסער פוטער־קראם, אין סאמע אריסטאָ־קראטישן שטאט־צענטר... „א, צו יענער איז גארנישט צוצוקומען מער — אזוי גרוים איז מען בא זיך...” דא האט אפילו אראפגעדרוקט פלוצים דאס קול; פאר איר גענומען ארויסשושקען אליץ, וואס גייט אום ארום דעם...

אט די לעצטע נייס האט אנגעצונדן אין איר הארץ א העליש פייער פון קנאה און פארדרוס; מיטיינמאל, צוריק צעפלאקערט דעם האס פון אלע יארן „צו איר פייניקער”, און זי האט זיך שוין נישט געקענט בא־הערשן מער... „...וואס פאר א מערכות האט ער עס געהאט, איר מאן, מ י ט י ע נ ע ר א, — וואס ער האט איר אריינגענומען אין טאזשער ארבעטן, געבראכט צו דעם אלעמען?! — אט ד א ס האט ער עס אינ־זינען געהאט, די גאנצע צייט, וואס ער האט איר געשריבן אהיים ליבע־בריוו, אז — ער בענקט צו איר; און ער זעט טאן אליץ, אז — מע זאל

שוין אינגיכן זיין צוזאמען און אנהויבן א נײ לעבן פון גליק?!. און איצט, א ודאי, האט ער עס איר אראפגעבראכט אהערצו, זיין פרוי, כדי — צו חוזקן פון איר?!. נו, וויבאלד אזוי, קאן ער איר נאך נישט! — זי וועט אים ערשט באווייזן — דא, אין דעם נייעם לאנד — ווער זי איז!...״

און זי האט אים גענומען יאגן פון זיך, איר מאן; אים מער נישט צוגעלאזט. באנאכט, זענען די ווענט פון שלאף־צימער געווען עדות פון שוידער־עקלהאפטע קאשמאר־סצענעס, וויאזוי ער האט זיך געווארפן אף איר מיט די פויסטן; געשריגן, אז עס דארט אים דער קאפ, א גאנץ־קיילעכדיקן טאג, וואו גענומט מען אליץ פאר דער שטוב און פאר איר; און אז ער איז גרייט איר צו ברענגען, וואס נאר זי וועט ווינטשן אליין, צירונג און זיידענע קליידער — ער וועט זיך מקריב־זיין פאר איר אינגאנצן; טאן, וואס זי וויל; איר אין אלעם נאכגעבן! נאר — זאל זי אים צולאזן צו זיך, א, לאזן זיין מידן ברענענדיקן קאפ אפרוען אף איר ברוסט... „וואס קומט אים דערפאר? — זי איז דאך זיין ווייב?!.״ איצט, האט ער זיך צעוויינט, פאר הראביע און מאכטלאזער יוכע; און מיט די אייגענע פויסטן, וואס ער האט זיך פריער געריסן צו איר, — זיך אליין גענומען שמייסן איבערן פנים, איבערן הארצן, וואו ער האט נאר געטראפן; זיך־געבעטן בא איר, ווי בא א גזלן, זי זאל רחמנות־האבן אף זיין לעבן...

נאר, זי איז געבליבן בלינד, טויב און שטום צו אלע זיינע צאנקעריען; זיך נישט אפגערופן מיט קיין ווארט אף זיין געבעט; זיך געפרואווט אפקערן פון אים — צו דער וואנט... דאס האט אים אינגאנצן משוגע־געמאכט. ער האט איר גענומען דראען מיטן ערגסטן; זיך אנגעטאן אף שנעל; געשריגן, אז ער לויפט צו א גאסן־מויד! ער וועט מער אהיים נישט צוריקקערן! ער וועט איר מיטן קינד איבערלאזן אף הפקר — אוועק אין עק וועלט!...

און ער איז ארויסגעלאפן פון שטוב. נאר, פלוצים אומגעריכט, האט ער צוריקגעקערט; זיך ארויפגעווארפן אף איר, ווי א ליבע־פולער אקס; געמרוקעט, געברומט און גענומען רייסן פון איר לעבעדיקע שטיקער... אינדערשטיל, פארצווייפלט, האט זי זיך געראנגלט מיט איר באצווינגער; אזוי לאנג, ביז וואנען זי האט זיך דערשפירט, פארייגמאל, געבראכן אין איר ווילן... דאן האט זי, מיט דער קישן, פארדעקט דאס פנים; אפגעגיבן איר לייב אף הפקר...

די קאשמאר־נאכט, די פיין האט זיך אייביק נישט געצויגן. געקומען דער טאג — און זי איז באנייס געווען בא זיך אין די הענט.

ער האט געהאלטן ווארט, פיזשאק דער מאן. ער האט איר איינגעקויפט קליידער — פונעם שענצטן פונעם בעסטן. ער האט געקרעכצט און געטענהט, אז — ער האט זיך אויסגעבייטלט אף איר, און ער האט די ווערט א בעסערע באהאנדלונג פון איר זייט... נאר, זי האט אלעם בא אים

געגומען; אַליין, קוים־אָנזיכטיק געשמייכלט און געשוויגן... אָ, וואָס אַ טאָג, — האָט איר, זשעניע כאָלאָדנער, דער יונגער פרוי אין די דרייסיקער, — אַלצמער געגומען געפעלן ווערן דאָס נייע שיינע לאַנד, וואוהין זי איז ערשט אַראָפּגעקומען, געגומען לעבן איר יונג לעבן פונדאַסניי. אַלץ האָט איר דאָ געצויגן און גערייצט, אין דעם יונגן לאַנד: דאָס געזאַנג, די מוזיק; די אָוונט־ליכטער איבער די גלאַנציקע אַספאַלטירטע גאַסן; די ראַשיקע פּראַכט פון די בולוואַרן אין צענטער, וואוהין דער מאַן האָט איר אָנגע־הויבן אַרויסצונעמען, צוזאַמען מיטן קינד, אין אַ זונטיק פאַרנאַכט, ווען — ער האָט אַלעם פאַרבויגן, פון זיין אַרבעט; און פון דאָרט, פלעגט מען אַריין אין אַ קינאָ...

גאָר־אינגיכן, האָט זי אַליין געכאַפּט דעם שניט פון די גאַסן, און שוין נישט געדאַרפט אָנקומען מער צו קיינעמס הילף. אין אַ פאַרנאַכט־איבער־אַ־פאַרנאַכט־כמעט, האָט זי מיטגענומען דאָס קינד; אַליין אַוועק אין אַ קינאָ, אַמאָל — פון דער אייגענער געגנט, אַמאָל — פון ווייטער; און דאָרט, אין דער טונקל, האָט זי צוגעבראַכט די עטלעכע פּאָר שעה, אין וויזיע־שוואונג און אין פלאַטער פון טויזנט־און־איין־נאַכט... אַ זי האָט מיטיינמאָל דערשפּירט נייע יונגע כוחות אויפוואַכן אין איר בלוט; פאַרנומען, מיט עקסטאַז, דאָס אויפגייענדע געזאַנג, דעם יוגנט־רויש פון איר געמיט... פונקט אַזוי ווי אַ שטורעם־געוויטער, אום אָנהויב פרילינג, כאַפּט זיך אַריין אין אַ יונג־צאַפּלדיקן וואַלד און נעמט טרייסלען מיט די געלאָקטע קרוינען פון די ביימער, זיי צום לעבן וועקן... זי האָט פאַרגו־מען, מיט גרוים אומרו, דאָס סודותפולע שעפּטשען פון איר האַרץ, פון איר זעל; און זי האָט זיך געפרעגט, מיט שרעק און פרייד: — אָ, גאָט, וואָס וועט עס דאָ מיט איר זיין?!.

זי האָט, פּאַמעלעך, זיך גענומען אַריינציִען אין מאַנס געשעפט, וואָס האָט זיך איינגעשאַפט קליענטן לויטער צווישן קריסטן. זי, מיט איר קאָ־רעקטן רעדן די לאַנד־שפּראַך — אין אַלגעמיין, מיט איר איידעלער באַ־נעמונג פון אַ טאָכטער אויס אַ נגידיש הויז, — האָט צוגעזען, מיט פאַר־געניגן, וויאַזוי זי ווירקט אַף יונג און אַלט; זי בינדט צו דעם מענטשן צו זיך, אַז... מע שעמט זיך שוין גאָר, דערנאָך, פאַר איר אין די אויגן, — איבעררעדן דאָס אַנדערע וואָרט וועגן געלט — לאָז זיין, אַפילו ווען מיט איר מאַן...

ער, פּיזשאַקל, האָט דאָס אַלעס גוט צוגעזען און אַריינגעקוואָלן... „וואָס אַרט עס אים? אַבי געלט פליסט, ווי וואַסער...” ער האָט, אַף איין ווײלע, צוריק באַקומען זיין זיכערקייט אין זיך פון די ערשטע צייטן; און ער האָט זיך אויך געהאַלטן, ווי באַוואוסט, נישט פאַר דעם לעצטן קענער פון פרויען־מין... „אָ, דאָ, אין אַמעריטשקע, כע־ע־ע... דאַרף מען גאָר קיין שוואַנץ נישט זיין... זאָל זי בלויז דערשפּירן, די פרוי, די נגידישע טאָכ־

טער, אַז בײַ מיר אין טאַש הויפּנט זיך געלט, — און זי וועט זיך שוין נעמען פּרעגלען אַרום דעם..." ער האָט, דאָרומער, גאָרנישט אײַנגעוווענדעט דאַקעגן, ווען מאַנכע פֿון די קליענטן, באַזונדערס — סאָלטעראָס, — האָבן גענומען צושטיין, אַז — זי, די פֿרוי אַליין, זאָל אָפּפֿירן די באַשטעלטע פּוטערוואַרג צו זיי אויף דער קוואַרטיר... און אייניקע אַפילו, נאָך דרייס־טערע, האָבן גלאַט גענומען בעטן בײַ דער פֿרוי, אַז... „זי זאָל זיי אָנטאָן דעם גרויסן כבוד, זיי באַערן מיט איר געזעלשאַפֿט, און אַרויספֿאָרן מיט זיי, אפֿן אָוונט, די עטלעכע שעה, אין צענטר, צו פֿאַרברענגען די צייט..." עס האָט נישט געפּאַסט אָפּצוזאָגן, ווײַבאַלד, אַז — „אַן איידעלער רײַ־כער מאַן, וואָס שטייט נישט אינעם סענט, — בעט דאָרט אַ קלייניקייט... קיין שלעכטס זאָל נישט זײַן... און ס'אַנדערע — וואָס קאָן עס אים אַנ־גיין, פּיזשאַקן, אַז יענעם פֿאַרשאַפֿט פֿאַרגעניגן דאָס פֿאַרברענגען מיט זײַן ווײַב?... וואָס האָבן זיי דאָ דערזען אין איר אַלע?! — דאָס הויבט ער נישט אָן צו פֿאַרשטיין!... נאַר, דאָרויף זענען זיי דאָך גויאישע קעפּ!..."

*

אַ שטיקל איבערשלאָג אין דער זעלטענער אידיליע איז איינמאָל אונ־טערגעקומען, גאַנץ אומגעריכט, פֿון דער זײַט פֿון סטיאָפּאַן, דעם בלאָנדן אוקראַיִנישן שייגעץ, וואָס האָט בײַ זיי געאַרבעט, געוואוינט און געגעסן, די גאַנצע צייט. זי, די סעניאָראַ זשעניע, האָט זיך אַזוי געהאַט צוגעוואוינט צו אים און צו זײַן באַדינונג אין שטוב, — אַז זי האָט אים גאָר אויפֿגע־הערט צו באַמערקן; פּונקט ווי מע דערזעט נישט אַמאָל אַ הויז־חיה, אַ שטומע צונג — מע רעכנט זיך נישט מיט איר אײַנגאַנצן... אַזוי, האָט זי זיך געשאַפֿט מיט אים, די סעניאָראַ; אומגעגאַן איבער דער שטוב, ווי אַזוי עס איז איר געווען באַקוועם; און אים, דעם אָרעמען עלנטן שייגעץ, באַפֿוילן אַלעמאָל איר אונטערטראָגן אַ אַנדער זאַך, וואָס האָט איר צוגע־פֿעלט צו דער האַנט...

...און ער, סטיאָפּאַ די שטומע צונג, — איז נאָכגעגאַן אומעטום זײַן האַרנטע, ווי אַ שאָטן; נישט אויסגערעדט קיין וואָרט און געטאָן, מיט פֿרייד, אַלעס, וואָס מע הייסט אים... אַזוי לאַנג, — ביז וואַנען ער האָט גענומען שפּירן, אַז... זי מישט אים די געהירן אין קאָפּ, די סעניאָראַ, וואָס גייט אַרום, האַלב־נאַקעט, פֿאַר אים אין די אויגן, און זי רעכנט זיך נישט מיט אים... זי האָט גענומען פֿאַרקאָכן זײַן בלוט מיט דעם ריח פֿון איר פֿריש שמעקעדיק לײַב... זי האָט אים שיכור־געמאַכט, אַז — ער ווייסט שיר אַליין נישט, וואָס ער גייט דאָ באַלד טאָן...

איינמאָל, אין אַ שבת־באַטאָג; ווען זיי זענען געווען אַליין אין שטוב, און זי איז אָפֿער פֿונעם באָד־צימער — אינעם בלויזן שלאָף־ראָק, —

האָט ער איר שוין דאָרטן געהאַט אָפּגעוואָרט, סטיאָפּאַ, באַ דער טיר. אויסער זיך, פאַר ווילדקייט, — מיט אַן איבערגעקערטער צורה — אַז מע האָט געקאָנט זעען, ווי עס האָט אין אים אינגאַנצן געוואָרפן דאָס קדחת, — האָט ער איר אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און זי גענומען באַדעקן מיט זיינע הייסע קושן... זי איז געבליבן שטיין — דערשראָקן אַף טויט — די סעניאָראַ זשעניע. דער אינסטינקט פון איר מין האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז... זי געפינט זיך איצט אין גרויס געפאַר — לעבן דעם צעיושעטן בויאַן. עס קאָן דאָ אַלץ פּאַסירן... איין שלעכטן שריט, אַז זי מאַכט, — און עס קאָן איר קאָסטן אַפילו דאָס לעבן... זי האָט, דאַרומער, נישט גערירט זיך פונעם אָרט; געלאָזן דעם דערהיצטן שייגעץ, וועלכער איז געקראָכן אַלץ ווייטער, — איר סאַפּעז, דעכעז און גאַוועדן גלייך אין פּנים אַריין... אַליין, האָט זי אויסגעקוקט, מיט גליווער־פּיין — טאָמער וועט עמיצער אָנגיין — דער מאַן.

גראָד אַף איז מזל, האָט אָנגעטראָגן מיט אַ וויזיט אַסלע דעם שוואַרצן. דאָס, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן, — האָט ער פּונקט אָנגענומען פאַר ע פּ ע ס אַ נ ד ע ר ש, און זיך בייז צעשמייכלט... „ער איז איר, סיי־ווי, קיין גוט־פריינט נישט געווען.. דאָס האָט זי געוואוסט; און זי האָט אים נישט ליב געהאַט, מיט זיינע וויזיטן... איצט, וועט ער עס, אַ ודאי, אויספּויקן פאַר לאַנדס־לייט; איר באַרעדן... נאָר, וואָס מאַכט עס אויס? אַבי די געפאַר איז אַריבער...” זי האָט זיך מיטיינמאָל באַפרייט פון דעם שייגעצס לאַסקעס; און אים באַפוילן צוריקגיין צו זיין אַרבעט אין קראָם!

שפּעטער, אַז דער מאַן איז געקומען, — האָט זי זיך אַרויפגעוואָרפן אַף אים מיט אַ פלאַם־פייער... נאָר פּיזשאַק האָט פון גאָרנישט געוואָלט ווייסן; און האָט אַלץ געמאַכט צו קליין־געלט... „ווייסעך דאָרט, וואָס אַ י ר דאַכט זיך אויס! אַלע ווייבער זענען געוואוינט צו פאַרדרייען אַ קאָפּ; זיי קומט נאָר פאָר, אַז — מע וויל זיי... נישט אַזוי די מעשה! אַ קאַפּעטשקע איבערגעטריבן... עס איז אים אַ שאָד דער שייגעץ, וואָס אַרבעט באַ אים געטריי און כמעט פאַר אומזיסט. וואו וועט ער קריגן אַ צווייטן?!”

ביז וואַנען, אַף דער צווייטער וואָך, קומענדיק אין טאַזשער, — האָט פּיזשאַק מיטיינמאָל דערפאַרן, אַז — מע האָט שוין די געשיכטע באַ אים אויסגעשנאַפּט פונדערהיים; (— וו ע ר, אַז נישט אַסלע־גנב, אַ מפּלה אַף אים! —) ד י מעשה, און אַ נ ד ע ר ע . . . און מע צעפּויקט דאָ אַלץ. אַף טעלערלעך; מע נעמט אים און זיין ווייב אַף לייטיש געלעכטער... ניין. דאָס איז פאַר אים קיין תכלית נישט! ער, קלויבט זיך איצט שטעלן אין שטאָט מיט אַ נאָמען. ער וועט דאַרפן אינגיכן קרעדיט צו דער אַרבעט... „— פּיזשאַק, גענוג געוואַיעוועט!”

ער איז געקומען אהיים און באפוילן סטיאפאן — ער זאל זיך גלייך פארנעמען פון שטוב.

סטיאפא איז געוואָרן אָנגעצונדן — גאָרנישט ווי זיין שטייגער איז געווען. ער איז ארוים מיט לשון און געפּאָדערט זיין געהאַלט — פאר דער גאַנצער צייט; אַנישט, גייט ער נישט פונדאַנען!

פּיזשאַק האָט אים געגומען דראָען מיט פּאָליציי. ער וועט אים פאר־מסרן, אַז ער איז געקראָכן צו זיין ווייב, — וועט ער פאַרפוילט ווערן אין טורמע!

דאָס האָט סטיאפאן אַזוי אויפגעטרייסלט, — אַז ער איז געוואָרן בלייך, ווי קאַלך; און ער האָט גענומען גיין אויף זיין האר, מיט אויפגע־שטעלטע הענט, ווי די קליעשטשעס...

— דו, זשיד פארכאַטע, ווערסט מיך פארמסרן פאר פּאָליציי?!.

בקיצור, עס האָט געקאָנט ווערן שלעכט. נאָך איין רגע — און עס איז אויס מיט אונזער פּיזשאַקן. נאָר דאָ האָט זיך באַניים אַריינגעמישט די פרוי — צווישן ביידן. זי האָט ארויסגעטריבן דעם מאַן; אָנגענומען סטיאפּאַן פאַרן אָרם, אים אָפּגעפירט אַן אַ זייט, אים געגלעט און איינ־גענומען...

— דו, הער אים נישט, דעם משוגענעם, וואָס ער רעדט... — האָט זי אים געטרייסט, דעם אומגליקלעכן שייגעץ — זאָג, וויפל עס קומט?...

אונטער איר גוטער לאַסקע, איז דער פארליבטער סטיאפא אַזוי צע־ווארעמט געוואָרן, — אַזש ער האָט זיך צעהיילט, ווי אַ שטומע טהיר. ער האָט אָנגעכאַפּט די ווייכע איידעלע האַנט, וואָס האָט אים געגלעט; זי באַדעקט מיט זיינע הייסע קושן און זודיקע טרערן; אַרויפגעקוקט צו זיין האַרנטע, מיט פאַרגעטערונג אינעם בליק, און ווילד געשעפּטשעט...

— דו, טייערע, הייליקע מיינע, מיין סעניאָרא, געניא...

און ער האָט נישט אויפגעהערט צו כליפּען...

דאָס מאָל, האָט זי נישט מורא־געהאַט פאר אים מער, פאר איר גוטן סטיאפּאַן. זיי זענען געווען ביידע אַליין איצט אין קראָם, אויף דער נאַכט. זי האָט אים געגלעט איבערן בלאָנדן קאָפּ האָר, איבער זיינע הייסע באַקן; אים נישט געשטערט זיך־אָנטשישען מיט איר ליבע, איידער... ער ווערט פון איר פארשטויסן אויף אייביק...

דעם אַנדערן טאָג אינדערפרי, — איז פּיזשאַק געקומען צולויפן אין טאַזשער, מיט אַ גדולה, אַז — ער האָט אים שוין דורכגעטריבן, דעם אוקראיינישן אַנטיסעמיט, דעם פּאָגראָמשטשיק!... אוי, האָט ער אים אָנ־געריבן אַ מאָרדע, — אַז יענער וועט שוין פאַרזאָגן אַ צענטן, צו פאַרטשע־פּען זיך מיט אַ אידן!... נאָך היינט, זעצט ער אַריין, פּיזשאַק, צו זיך אין טאַזשער אריין אַ אידישן אַרבעטער — און דאָס געשעפט גייט ווייטער...

וואָס דען? פּיזשאַק איז נאָך נישט געשטאָרבן אין אַרגענטינע — אַלע זייִנע שונאים אַף צעפּיקעניש!

מע האָט אים אויסגעהערט, און זיך נישט אָפּגערופן מיט קיין וואָרט קיינס. איטלעכער האָט זיך געהאַט זיינע צרות גענוג.

*

דערנאָך, האָט באַם סעניאָר פּיזשאַק אין דער היים אַלעם גענומען גיין גוט און וואויל, אָן מכשולים און אָן אויפבראַזן. די פרוי איז ווייטער געפאָרן צו קליענטן, אהיימפירן באַשטעלונגען; זיך לאַנג געזאַמט; אָבער דערפאַר פלעגט זי אהיימברענגען דעם פולן פּרייז, וואָס ער, פּיזשאַק, האָט געבעטן פארן פוטערוואַרג. אין די פאַרנאַכטן, פלעגט זי פאַרפאַלן ווערן אין אירע קינאָס — ווער ווייס איר דאָרט אירע גענג?... און אַפן אָוונט, איז זי אַרויסגעפאָרן, ווי געוויינלעך, מיט אַ באַקאַנטן, אין צענטער — זיך־אָפּצורוען פון איר שווערן טאָג האָרעוואַניע... ער, האָט איר נישט געפרעגט, וואוהין זי גייט, ווייל — זי וואָלט אים, סיי־ווי, נישט געוועזן געענטפערט, אַ צ י נ ד , ווען זי האָט געהאַט די גאַנצע קליענטעלע אין אירע הענט — נישט יענע אומבאַהאָלפענע דאַמע מער פון די ערשטע גרינע טעג...

אָבער, ער אַליין, ווי געזאָגט, האָט זיך נישט איבעריק אינטערעסירט דערין. ער האָט געלאַכט אין די פויסטן, געציילט דאָס געלט און געטראַכט... „נישטקשה; קיין ווייבער כאַפּט מען נישט אויס. פריער, צי שפּעטער — דער שאָדן וועט זיך אָפּזוכן... נאָך מיט רוח דערצו... אַ, דאַן וועט ער אָפּנעמען באַ איר זיינס; און ער וועט די ווערט האָבן, בע־ע־ע..."

און ער האָט זיך נישט גענאַרט, פּיזשאַק דער צלם־קאָפּ. אַזוי, אַלנפאַלס, האָט זיך אים אויסגעוויזן.

איינמאָל, אין אַ וואַרעמער פרילינגס־נאַכט, סוף־אָקטאָבער. איז ער אָנגעקומען שפּעט פון צענטער, און זיך געלאָזן צו זיין דירה. נאָר פונווייטנס האָט ער באַמערקט, אין דער האַלב־באַלויכטענער ליידיקער גאַס, ווי עמיצער פירט זיין פרוי אַרומגענומען; יענער רעדט, ער האַלזט און ער קושט איר; און זי פאַרגייט זיך אין אַ זאַפטיק גליקלעך לאַכן... באַ דער וואוינונג, — האָט זי אויפגעשלאָסן די טיר; יענעם געגיבן, דאַכט זיך, אירע ליפּן און גלייך פאַרשוואונדן...

ער האָט אויסגעוואַרט, פּיזשאַק, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, פונדערווייטנס — ביז יענער, דער אומבאַקאַנטער, האָט גענומען אָפּגיין און ער איז אוועק. דאַן ערשט, האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט; און ער איז אַריין אין שטוב — אַף די שפּיץ פינגער... דעם אמת גערעדט, — האָט ער אַליין נישט געוואוסט, פּיזשאַק, וואָס ער האָט ערשט צו זאָגן זיין ווייב — ווען ער בלייבט מיט איר אויג־אַף־אויג... ער האָט פּלוצים באַקומען מורא פאַר

איר — דאָס ערשטע מאָל, אין זיין לעבן!... אים האָט גאָרנישט געוואונדערט דאָס, וואָס ער פילט נישט צו איר דעם מינדסטן פארדרוס פארדערפאר, וואָס ער האָט אָקאָרשט צוגעזען... פארקערט. ער אַליין, האָט זיך דערפילט פאראַמאָל נישטיק, פרעמד און קליין קעגן איר, דער דרייסטער און שטאַרקער פרוי, וועלכע טוט אומגעשטערט איר באַגער; וועלכע גייט, אַזוי פעסט, צו איר ציל; אָ, זי גייט אוועק, זי דערווייטערט זיך פון אים; זי בלייבט נישט מער...

אָבער, ווי ער האָט זיך נישט געהיטן, אויסצומיידן אַ רעש, — האָט זי פאָרט דערהערט זיין אריינקום; און זי האָט אים אַ רוף געטאָן — אָ, דאָס ערשטע מאָל, זינט מע איז דאָ צוזאַמען — שטיל פארן נאָמען...

— גרישאַ, דאָס ביזטו? . . .

זיין אָרעם האַרץ האָט זיך פלוצים איבערגעדרייט אין אים, פאַר שרעק און פרייד... ער איז גלייך אויסגעוואַקסן לעבן איר; און, אין דער טונקעלער נאַכט־שיין פונעם שלאָף־צימער, האָט ער איר דערזען פאַר זיין שיכורן בליק — אַ האַלב־נאַקעטער, אַ ציטערנדער — פאַר שרעק, צי פאַר קעלט; אַזויווי אַ קינד, אַ צעשמייכלטע... ער האָט אַ מרוקע געטאָן, פאַר ווילד אויסגעפלאַצט גליק, זיך איינגעגראָבן אין איר דערהיצט לייב און איר באַהערשט...

זי, אַ צעטומלטע, אַ האַלב־פאַרטשאַדעטע; אַליין, עלנט און אָפּגעשוואַכט, נאָך מיטן זיסן טעם פון איר אָקאָרשט־איבערגעלעבטן גליק פונדרויסן, — האָט זיך אפילו נישט געפּרואווט ווערן אַצינד... זי איז דאָ נישט געווען כמעט מיט אים אינגאַנצן... אָ, זי איז געטראָגן געוואָרן אַליין איצט איבער דעם צעשטורעמטן ים פון איר ליבע; און, פילייכט, זיך נישט אָנשטויסנדיק אפילו וועגן לעבן פון אירער אַ לייבלעכער שוועסטער פון אַלטערטום, — האָט זי דאָך, מיטן אינסטינקט, געטאָן ערשט, ווי יענע, וועלכע — איידער זי פלעגט זיך אַרויסלאָזן, מיט איר זעגל־שיף, אויפגעמען פרעמדע לאַדונג איבער די ימים, — האָט זי גוט אינזינען געהאַט, און פריער אויפגעלאָדן איר אייגענע משא פונדערהיים...

*

אַף צומאָרגנס אינדערפרי, — איז פּיזשאַק געקומען צולויפן אין טאַזשער, ווי אַ יונגער טריומפאַטאָר. דער שלום־בית איז געווען אַ געוואונענער! — ער האָט געשיינט און געזונגען, ווי קיינמאָל. ער איז געווען דער גליקלעכסטער מאַן אין דער וועלט! איצט, וואָס אַרט אים דאָרט, וואָס ער פאַרלירט די שטעלע באַם גביר? און ער אַליין, וואָס איז — אַ קאַליקע?! אָ, ער וועט ערשט ווייזן דער וועלט — וואָס ער קאָן! —

*

און אין געציילטע טעג ארום, ענדע־אָקטאָבער — ווי עס איז געווען פֿאַרשפּראָכן פֿונעם גביר, — איז דער טאַזשער זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען; אָדער, ריכטיקער געזאָגט — עס איז זיך, ענדלעך, פֿונאַנדערגעפֿאַלן דאָס גרויסע שאַנד־ווערק פֿון פּיזשאַק דעם ליטוועק; אָט דאָס אַלץ, וואָס האָט זיך דאָ דאָך נישט געקלעפּט צוזאַמען; זיך לחלוטין נישט אָנגעהערט; נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן זיך, באַין־אופֿן; זיך פֿאַרבליבן, במשך פֿונעם יאָר, — אַזוי ווילד פֿרעמד, ווי געווען; זיך, קוים אַף כּוח, צוזאַמענגעהאַלטן... ווי האָט געזאָגט דער דיכטער: אָן פֿרייד איז געווען די באַגעגעניש; און אָן טרויער — די צעשיידונג... איצט, האָט מען געדאַרפֿט דערוואַרטן — וועט איטלעכער אוועק צו זיין שורש, פֿונוואַנען מע האָט אים אַפּערגעבראַכט; און דאָס האָט גיכער די ווערט געהאַט צו באַגריסן, איידער צו באַדויערן. עס איז, ענדלעך, געקומען די באַפֿרייונג פֿון אַ תּפֿיסה; פֿון אַ אומדערטרעגלעכער פּיין.

עס איז געווען דער לעצטער טאָג פֿון דער אַרבעט. אַ וואַרעמער פֿרילינג־פֿאַרנאַכט. גלאָריאַ, די אינגסטע בלאָנדע אַרבעטאָרן, האָט, היינט — גלייך, ווי גאָרנישט, — געבראַכט אַ בוקעט רויזן־בלומען אין טאַזשער. צו יעדן האָט זי צוגעטראָגן אַ בלום, זי יענעם געשטרעקט אַנטקעגן, מיט אַ שמייכל... ווער האָט איר גאָר געקאָנט אָפּזאָגן? אַליין האָט זי געשמעקט. דאָס יונגע קינד, ווי די יונגע שמעקעדיקע בלום אין איר האַנט; און געבליט, אָ, באַגלייך מיטן גאַנצן אָנשפּראָצנדן גינגאָלד פֿון איר פֿרילינגס־באַגין... און פֿאַרומערטע, — האָט מען צו איר צוריקגעשמייכלט...

אַז זי איז צוגעקומען צו פֿליגלמאַנען, אים אויסגעשטרעקט זיין בלום, מיט אַ שמייכל, — האָט ער לאַנג געקוקט אַף איר, דער בלאָנדער גלאָריאַ; און גענומען שטויגען פֿלוצים — ווי פֿאַר אַ וויזיע אַלציינס... אָ, ווי ער וואָלט איר איצט דאָ דערזעען, צום ערשטן מאָל... און זי האָט אים אַרויפֿגעפֿירט, מיטן דמיון, אַף אַ אַנדערער — אַ באַקאַנטער, פֿון זיינע ערשטע עלנטע טעג, דאָ אין לאַנד...

ער האָט גענומען איילן צום אַרויסגיין... אינדרויסן, באַ דער טיר, האָט אים אָפּגעוואַרט די מוזע, די פֿרייהייט. אַ פֿריש ווינטל האָט אים אַרומגעכאַפּט און געגלעט. אים איז פֿאַרגעקומען, ווי די ערד האָט זיך צעזונגען, פֿון פֿרייד און פֿון גליק. און דער טיפֿער בלאָער הימל, און זיין אייגן האַרץ האָבן מיטגעזונגען...

סוף ערשטע טייל.

צווייטע טייל

חוה עטינגער

1

נאָך דעם, ווי פּליגלמאַן איז אַראָפּ פון דער אַרבעט, — האָט ער, עטלעכע טעג, געלעבט, ווי — אויסער צייט און רוים. ער האָט זיך מער נישט געטראָפן מיט די אַלע באַקאַנטע, וואָס ער האָט געאַרבעט מיט זיי צוזאַמען — אַ יאָר צייט. ער איז געבליבן אינגאַנצן אַליין. צו איילן זיך האָט ער נישט געהאַט — וואוהין. איז ער געשלאָפן שפּעט. זיך־אויפגעהויבן, — האָט ער זיך לאַנגזאַם אָנגעטאָן; געטראַכט אַסאַך, בּאַם אָנטאָן זיך; געדומעט; עפּעס געשפּירט; אַזויווי זיך איינגעהערט אין עפּעס, וואָס נעמט רוישן ערגעץ אין דער טיף, אין דער ווייט; עס קלאַפּט; עס דערנענטערט זיך; עס שלאָגט אָן אָן דער טיר פון זיין האַרץ, אָן די ווענטלעך פון מאַרך, עס בעט זיך, עס וויל אַריינקומען...

...ווער ביזטו, ליבער גאַסט? און וואָס איז דיין וואונטש?

...איך בין די היים, ליבער פריינט. דאָס שטעטל דיינס, וואו דו ביזט געבוירן געוואָרן און געלעבט; געחלומט און געהאָפט... וואָס — דו דערקאָנסט מיך נישט?!... זע, ווי איך האָב דיך גלייך דערקאָנט. דו, מיין קינד, האָסט זיך גאָרנישט געענדערט. ביזט געבליבן אַלץ דער זעלבער, ווי געווען... אָבער, איך, דיין היים, האָב זיך אויך נישט געענדערט; און מיין ליבע צו דיר איז די זעלבע, וואָס תמיד. ביזט מיר געבליבן ליב און טייער. ביזט מיר געבליבן איינגעבאַקן אין האַרצן... איך בין דיר נאָכגעגאַנגען אומעטום, טריט־בּאַ־טריט; דיך געהיט און געשיצט; פון דיר נישט אָפּגעטראָטן; דיך גערופן באַם נאָמען; געציטערט איבער דיר, בּאַטאָג און בּאַנאַכט; דיך געבענטשט און געבעטן פאַר דיר; געוואַכט איבער דיין מידן קאָפּ, אַז דו ביזט געשלאָפן; געצונדן פאַר דיר אין דמיון אַלע גליקלעכע אילוזיעס פון די קינדער־יאָרן... ביז דיין זעל האָט זיך באַנייט צעשמייכלט, דורך טרערן פון גלויבן און האָפענונג; פון פרייד — וואָס דיין בענקשאַפט איז געוואָרן וו אַ ר . . . און איך האָב נישט אויפגעהערט דיך צו פאַרוויגן אין מיין שויס; פאַרשטילן דיין היים־ווייי, אַ, מיטן לעצטן דעך פון

מיין געזאַנג... איצט, זאָג מיר, מיין קינד — דערקאָנסטו מיך שוין?!. געדענקסט, ווי מיר זענען געגאַנגען צוזאַמען שפּאַצירן אַף די גרינע פעלדער און געזונגען?... אָ, רעד, שמייכל צו מיר, קינד מיינס, פאַרוואָגלטס, טייערס...

פליגלמאַן האָט גענומען אָפּגיין, ווי פון אַ חלשות; אַזויווי דערוואַכט פון אַ הינער־פּלעט. ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט און אויפגעשווידערט... אָ, געוואַלד, גאָט — וואו איז ער דאָ אין דער וועלט? וואָס טוט זיך עס דאָ מיט אים?!. אַ יאָר צייט — איז זיין נשמה אין אים געשלאָפן, ווי אין אַ פּאַראַליטש; און ער אַליין איז אומגעגאַן, ווי אין עולם־התוהו; געהאַט צו טאָן, דאַכט־זיך, מיט עמיצן, געאַרבעט, געקריגט־זיך; זיך־באַגעגנט, פונאַנדערגעגאַנגען, און ווידער באַניים זיך צוזאַמענגעשטויסן. אָט דאָס אַליז, דאָס גאַנצע ווילד־פרעמדע לעבן — יענער שרעקלעכער טומל און געראַנגל, האָט זיך געלייגט אַף אים אַליין, אַף פליגלמאַנען, ווי אַ באַרג, וואָס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן איבער זיין קאָפּ; אים געוואָרפן פון די פיס און געדריקט צו דער ערד; שטום געמאַכט זיין געשריי, דעם רוף פון זיין האַרץ צו לעבן און פרייהייט... אָ, איצט, גאַנץ פלוצים — האָט זיך יענער טייפלשער דרוק פון אים אָפּגעטאָן. ער, פליגלמאַן, עפנט די אויגן. ער גלייכט אוים די פאַרחלשטע גלידער. ער שטעלט זיך אַף די פיס; ער נעמט מאַכן אַ שפּאַן, איינעם, אַ צווייטן, אַזויווי אַ קינד; ער נעמט זיך ערשט לערנען גיין... נאָר — וואוהין, צו וועמען זאָל ער ערשט ריכטן זיינע ערשטע טריט? ער איז דאָך דאָ אַ פרעמדער, אַ איינזאַמער, אין דעם ווייטן פאַרוואָרפענעם לאַנד!... זיין האַרץ בושעוועט מיט בענקשאַפט אַהיים; און עס שטרעקט זיך און עס קאָרטשעט זיך; עס גייט אוים, פאַר ווייַ און פיין; אָ, ער שפירט — עס פלייצט אַריבער די ברעגן; עס ווערט גרייט — זיך אויסגיסן, ווי אַ ים אַ זודיקער פון פרייד און פון לייד; זיך־שטרעקן, דער ליבער ווייטער און דאָך אַזוי־נאָענטער היים אַנטקעגן...

און ער האָט זיך געלאָזן פירן, פליגלמאַן דער גליקלעכער־דער־אומגליקלעכער, נאָכן געלאַף פון זיין האַרץ; עס קוים באַוויזן אָנצויאָגן...

איינמאָל אינדערפרי — אַ לויטערער זומער־פרימאָרגן געווען, — איז ער אַראָפּגעפאַלן, אַ אומגעריכטער גאַסט, אין הויז פון יענער בלאָנדער פרוי, מיט וועלכער ער האָט זיך באַקאָנט, אין ערשטן טאָג פון זיין אָנקומען אין לאַנד — שוין אַריבער אַ יאָר אין דעם...

ער, פליגלמאַן, אין זיין תמימות, — האָט זיך גאָרנישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג פון דעם, וואָס ער טוט. ער האָט נישט געקאָנט די מנהגים פון לאַנד, וואָס דערלויבן נישט, גלאַט אַבי־ווען, זיך־אַראָפּצוכאַפּן אפילו אין אַ היימישער שטוב, אומגעבעטענערהייט, זיך שטעלן יענעם דולן אַ קאָפּ. ער האָט אויך נישט געוואוסט דערפון, פליגלמאַן, אַז די אידן די איינגעוואַנדערטע, — האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אַף די דאָזיקע מנהגים,

ווי אַף אַן אבן־טוב — אַ פּנים, עם באַטראַכטנדיק פאַר אַ דעק־מאַנטל קעגן גרינקייט — און זיי היטן עס, דאַרומער, אַפּ מיט פּיל מער אייפער, ווי דער היזיקער, וועלכער זוכט, אדרבה, פאַרקערט — מיט אַלע מיטלען, זיך דערווייטערן פון די גאָך־פּאַראַנגנע ווילדע איבערבלייבעכצן; און אַליין נעמען גילטן, ווי אַן אייראָפּייער... ער, פליגלמאַן, האָט, אַ ודאי, געמיינט, אַז דאָ אין לאַנד איז פּונקט אַלציינס, ווי אין אייראָפּע, וואו מע גייט צום היימישן, ווען נאָר עס פאַרגלוסט זיך; און ער האָט, דאַרומער, גאָרנישט געטראַכט דערפון... ער איז אַריין אין יענער שטוב — אַן אויפגעראַשטער, אַ צעשטורעמטער, מיט אַן איבערגעפולט האַרץ מיט בענקשאַפט און כּל־ערליי פּלוצים־דערוואַכטע ליבע־געפילן צו דער היים... ער האָט דאָס אַלץ נישט געקאָנט און נישט געוואָלט דריקן אין זיך מער; ווייל ער האָט גע־שפּירט, אַז ער וועט פּלאַצן — טאָמער רעדט ער עס נישט אַרויס... דאָ, האָט ער זיך דערמאָנט מיטאַמאָל אָן יענער אײדעלער פרוי פון מיט־אַ־יאָר־צוריק, ווען זי איז געקומען צו אים אָפּנעמען אַ גרוס פון איר חברטע אינדערהיים, און זי האָט זיך פּלוצים פונאַנדערגערעדט וועגן איר שרעק־לעכן עלנט דאָ, אין דעם היגן לאַנד, און פון דעם. אַז זי הערט נישט אויף בענקען צוריק צום שטעטל, — און ער האָט אויסגעפונען, פליגלמאַן, אַז — זי איז עס די ריכטיקע פּערזאָן, וואָס וועט אים אויסהערן ערשט און פאַרשטיין...

ער האָט איר געטראָפן, יענער פרוי, ווי ווערליק אין שטוב באַ דער אַרבעט — אַ פאַרטועכער, געהאַלטן אין סאַמע מיט פון אויפרוימען. דאָס קינד אין בעטעלע איז שוין אויך געוועזן וואַך און געטומלט, גערופן דער מאַמען... זי האָט אים קוים דערקאָנט, פליגלמאַנען, ווערמען זי האָט געהאַט געזען, פאַר אַ ווײלע, מיט אַ יאָר צוריק; און, די גאַנצע צייט דערנאָך, כמעט ווי זיך נישט דערמאָנט אָן אים מער... ווי יעדע פרוי, אַז מע טרעפט איר נישט אין ריכטיקן אויסזען, — האָט זי זיך שטאַרק קאָנפוזיעט פאַרן פרעמדן בליק; אַף גיך צורעכט־געמאַכט אַף זיך איר פרימאָרגן־לבוש; גע־בליבן שטיין, אַ פאַרויטלטע; נישט געוואוסט מער, וואָס זי האָט צו טאָן... וועגן בעטן זיצן האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין איצט.

נאָר פליגלמאַן, קענטיק, האָט גאָרנישט געזען פאַר די אויגן, גאָרנישט געהערט; און זי, אַף אים קוקנדיק, האָט זיך גענומען באַרואיקן... אָ, ער איז געווען אַריינגעטאָן אינגאַנצן אין דער וועלט פון זיינע אויפגעראַשטע אילוזיעס! אַצינד, איז ער געשטאַנען פאַר דער יונגער שיינער פרוי; גע־שילדערט פאַר איר די אַלטע טייערע באַקאַנטע היים, א י ר היים, ז יי נ ע , זייערביידנס ליבע היים די האַרציקע; יעדעס גרעזעלע גע־מאָלן; זיך פאַרכלינעט און געפלייצט אין זיינע רייד, אַזוי ווי איינער, וואָס שטייט פאַר זיין האַרצנס־דערוויילטער, און רעדט אויס פאַר איר זיין האַרץ; און ער גיט אויס פאַר איר זיין גרויסן פייערלעכן סוד, וואָס ער האָט ערשט

דערפילט — צום ערשטן מאָל, אין זיין לעבן... אָ, גרוים זעעליש גליק, אָ, געטלעכער געגעוכו!... — אז זיין הארץ קלאַפּט צו איר — נאָר צו איר אייי נער אַליין, אין דער גאַנצער וועלט...

און ער צעלאַכט זיך, פּלוצים, אַזוי גליקלעך־אויפריכטיק, ווי אַ קינד... וואָס זאָגט זי צו דעם, האַ?...

אַזוי איז ער נישט מיד געוואָרן שטייענדיק, פליגלמאַן דער ענטוזיאַסט דער פּלאַטער־קאָפּ, אין יענעם זוניקן אינדערפרי, פאַר יענער זוניקבלאָנדער קוים־באַקאַנטער פרוי... ער האָט געצייכנט פאַר איר דאָס בילד פון דער היים, א י ר ה יי ם, גאַס נאָך גאַס, און שטוב נאָך שטוב... אָ, ער האָט אַליין נישט צוגעזען, וויאַזוי ער האָט איר אַפּערגעריסן פּלוצים פון אַ געפּערלעכן גליוועך; פון אַ פאַרשטאַרטקייט, וואָס האָט געהאַט ארומגעכאַפּט איר געמיט, זינט לאַנג, איר גערדיקט צו דער ערד און גע־שטיקט... אָ, ער האָט פּלוצים צעצונדן אַרום איר פלאַם־פייערדיקע אילוזיעס פון היים און יוגנט... יענע לויטערע וויזיע פון מאָרגן־רויט אין באַגינען... אַזש עס האָט אַ ווייע־געטאָן אַף איר פּנים מיט היימישער לופט; איר צערייצט די נאָז־פליגל; געמאַכט אויפצאַפּלען איר הארץ פּאַוייינמאָל — נאָך אַזויפיל שווערע בלייערנע יאָרן — מיט ווילד־שרעקלעך גליק...

...אָ, גאָט האַרציקער געטרייער — האָט זי אויסגעפּלאַצט פּלוצים מיט אַ גליקלעך כליפּען; נישט געגלויבט אין דעם, וואָס זי דערזעט פאַר איר בליק; אַ פיר־געטאָן אירע הענט, ווי פאַר אַ פאַרבלענדזעניש אַלציינס — איז דאָס מעגלעך?!.

נאָר ער, דער כישופמאַכער פליגלמאַן, — איז נישט אָפּגעשטאַנען פון איר, דער אָרעמער פרוי; איר אומגעפירט ווייטער איבערן שטעטל און אויסערן שטעטל; איבער פעלד און וואַלד, איבער אַלע שטעגן און וועגן, וואו זי איז, ד אַ כ ט ז י ך, אַמאָל, אַלץ געגאַנגען, אַלץ אויסגעווען; און ע ר ש ט — ווידעראַמאָל געשפּילט דאָרט אין באַהעלטעניש; און קינדיש־זאָרגלאָז געלאַכט; און באַניים אומגעלאָפן דאָרט, אַליין און מיט חברטעס, אַ פאַרפּאַליעטע, און גליקלעך־האַרציק אָנגעקוואָלן...

ביז זי האָט געגומען קומען צו זיך, יענע פרוי; זיך אומקערן, ד י ע ר ש ט ע, פון דער אומגעריכטער ווייטער רייזע, וואָס זי האָט אָקאָרשט דורכגעמאַכט, צוזאַמען מיט ד ע ם יונגנמאַן, מיט פליגלמאַנען — צוריק אַהיים. זי האָט ערשט געקוקט, מיט אַ פרישן אויפגעלעבטן בליק, אַפן באַקאַנטן, וועלכער איז נאָך אַלץ נישט מיד געוואָרן צו רעדן און דערציילן וועגן דעם זעלבן, פון דער היים, אַזש... עס האָט איר שוין געגומען באַשלאָגן עטוואָס אַ מידיקייט; אַזוי, אַ קליין ביסעלע... און זי האָט קוים באַוויזן אונטערצוזודריקן אַ געניץ...

...נאָר, נישטקשה — האָט זי, קוים פאַרקלערט, געשמייכלט צופרידן, ווי פאַר זיך — ער איז איר געפעלן, דער שייגער בחור, דער פאַנטאַזיאָר,

וואָס רעדט אַזוי פֿיין, ווי אַ דיכטער; אַזש ער האָט באַוויזן אַ שפּיל צו טאָן אױף איר האַרץ... אָ, זי, אין איר עלנט, טאָר אים נישט אָפּשטױסן פֿון זיך...

זי האָט זיך פּלוצים געכאַפּט, אַז עס איז שוין שפּעט אױפֿן טאָג, און בײַ איר איז נאָך דער מיטיק נישט פֿאַרטיק. זי האָט זיך אַנטשולדיקט פֿאַרן גאַסט און געאײַלט אין קיך. נאָר אין אַ ווײַלע אַרום, איז זי צוריק־געקומען, ווײַל דאָס קינד האָט איר באַנײַ״ס גענומען רופֿן, און זי האָט עס באַדאַרפֿט אָנטאָן, עפּעס דערלאַנגען צום טרינקען. מע האָט געקאָנט זען, ווי זי האָט איצט קיין צײַט נישט אַפֿילו זיך־אַרומקוקן אױף ז י ך , און בפֿרט אױפֿן פֿרעמדן.

נאָר פֿליגלמאַן האָט קיין שׂכל נישט געהאַט אַוועקצוגיין. ער האָט זיך דערשפּירט מיטאַמאָל היימיש אין ד ע ר שטוב, און עס האָט זיך אים געגלוסט נאָך דאָרט צו זײַן. די פֿרוי, וועלכע האָט דאָס צוגעזען, — האָט זיך געקווענקלט, אַ ווײַלע. זי האָט פֿאַרביסן איר אונטערשטע ליפּ; געקוקט אױף אים, ווי פֿון דער זײַט, נאָכגעקלערט. נאָר, דערנאָך, קענטיק, האָט זי געפּאַסט איר באַשלוס און אים אײַנגעלאַדן צו פֿאַרבלײַבן אױף מיטאָג.

פֿליגלמאַן, אַ שעמעוודיקער בטבֿע, — האָט זיך נישט דערוועגט אָפּ־צוזאָגן. אגבֿ, איז לאַנג נישט אויסגעקומען צו וואַרטן.

אין אַ קורצער ווײַלע אַרום, איז געקומען צולויפֿן פֿון גאַס דער מאַן; און די פֿרוי האָט זיי גלײַך פֿאַרגעשטעלט: וואָווע דאַרדעקע, איר על־טער; סעניאָר פֿליגלמאַן, אירער אַ באַקאַנטער.

מע האָט זיך פֿונאַנדערגערעדט. מע איז אַריבער — פֿון דעם פֿעדער־שטן צימער, וואו מע איז איצט געשטאַנען, — אין דעם צווייטן, וואָס נעענטער צו דער קיך, און וואו דער טיש איז שוין געווען געגרייט צום מיטיק.

וואָווע דאַרדעקע דער פּוטער־קירזשנער איז געווען אַ שוואַרץ דאַר מענטשל, אין די דרײַסיקער, נידעריקער מיט אַ קאָפּ פֿון זײַן מיטלוויקסי־קער פֿרוי, חוה. ער האָט פֿאַרמאָגט אַ פּאָר קליינע שוואַרץ־ביכנרע בליקן, וועלכע האָבן געקוקט אױף דער גאַנצער וועלט מיט רוגזא און אומצוטרוי; געהאַט אַ פֿאַרבויגן פֿויגלש נעזל; קורצע כמעט־קינדערשע הענט און פֿיס; און זייער אַ גיך געגנגל, גלײַך ווי ער וואָלט געלאָפֿן, געלאָפֿן — און פּלוצט־האַלבן, געבליבן שטיין, זיך פֿאַרהאַקט. דאָס, צוזאַמען מיטן עלנטן טשו־ביקל, פֿונפֿאַרנט פֿון זײַן פֿליכעוואַטן קאָפּ, — האָט אים שטאַרק געמאַכט ענלעך צו אונזער קליינעם ליבן וואָראַבייטשיקל אין דער אַלטער היים, וועלכער יאָגט זיך צום אָראָפּגעפֿאַלענעם קערנדל, וואָס ליגט ערגעץ צע־שאָטן אױף דער ערד; און בלײַבט פּלוצים שטיין, — אַז ער האָט זײַנס דער־גרייכט...

אַט דער פאַרגלייך פון סעניאָר דאַרדעקע צום היימישן וואָראָבײ איז פליגלמאַנען פּלוצים געקומען אין קאָפּ אַריין און שוין נישט אָפּגעטראָטן פון אים מער. עס האָט אים באַשלאָגן פּלוצים אַ חשק צום לאַכן, אַז ער האָט זיך קוים געקאָנט אָפּהאַלטן. סעניאָר דאַרדעקע — ווי יעדער נישט־דערוואָקסענער מאַן, — איז, קענטיק, געווען זייער־פילבאַר אַף זיין אַסאַבע, און ער האָט גלייך געכאַפּט דעם מיין פון יענעמס איינגעהאַלטן לאַכן אין זיך. דאָס האָט אים אונטערגעצונדן און געמאַכט זיין, אַזוי־אויך־גענוגבייזן בליק פון תמיד — נאָך ווילדער און רוגזאַדיקער. ער האָט ערשט געקוקט צום גאַסט, מיט אָפענער רציחה; און שיר אים נישט געטריבן פון זיין הויז — ער זאָל זיך באַלד פאַרנעמען!

נאָר פליגלמאַן, קענטיק, האָט דאָס נישט פאַרשטאַנען. ער האָט כסדר געשמייכלט און געשיינט אין צורה; און אַזוי ווי מע איז ביידע געווען קאָלעגן פונעם זעלבן פאַך, — האָט ער נישט געהאַלטן פאַר איבעריק איבערצוגיבן, אַצינד באַם טיש, אַלערליי עפּיזאָדן פון דער גאַנצער צייט וואָס ער האָט געאַרבעט באַם סעניאָר פראַנץ.

אָבער יענער, דער באַליידיקטער סעניאָר דאַרדעקע, איז, קענטיק, נישט געווען פון די, וואָס לאָזן זיך פאַרנאַרן. ער האָט געברומט און געבורטשעט, יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך געמוזט אָפּרופן מיט עפּעס; און פּלוצים, אָן שום פאַרוואָס, — האָט ער זיך גענומען טשעפּען צום קינד, וואָס איז געזעסן לעבן אים באַ דער האַנט, אַף אַ הויך שטולעכל; ביז, ער האָט דערלאַנגט אַזאַ געשריי, — אַז דאָס מיידעלע האָט זיך איבערגעשראָקן און אויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין.

די פרוי, וועלכע איז, די גאַנצע צייט, אַט — געזעסן דאָ אַ ווײַלע באַם טיש, אַט — אַריבער אין קיך אַריין עפּעס אַריינברענגען, — זי האָט כסדר געקוקט אַף ביידע יונגעלייט און פילבאַדייטנד געשמייכלט... איר האָט, אַ פּנים, געמוזט געפעלן דאָס, וואָס איר באַקאַנטער חוזקט, דאַכט־זיך, פון איר אַלטן, און לייגט ווינציק אַכט אַף זיין צערענען... אויך זי אַליין איז ערשט קנאַפּ נתפּעל געוואָרן פון מאַנס ווילדע בליקן, וועלכע ער האָט איר גענומען צוטיילן בשפע און אומקרעמפּירטערייט. זי האָט זיך, פּראָסט־פּשוט, אַף אים נישט אומגעקוקט און געשמייכלט איר פאַרטראַכטן שמייכל ווייטער... אויך איר פּנים, פּונקט ווי פליגלמאַנס, האָט ערשט געלויכטן אינגאַנצן; געווען באַהעלט ווי מיט איינגעהאַלטענער פרייד, וואָס שלאָגט צו פון ערגעץ, און מע קאָן זי קוים פאַרבאַהאַלטן...

ביז דער געשריי פונעם מאַן אַפן קינד, און דעם מיידעלעס געוויין, — האָט אַלץ פּלוצים איבערגעריסן. די פרוי איז אונטערגעלאָפן און אַוועקגעכאַפּט דאָס קינד פונעם טיש. באַלד האָט סעניאָר דאַרדעקע זיך אויפגעהויבן האַסטיק פון אָרט; דערלאַנגט אַ הענטל פליגלמאַנען; אַרויסגעברומט, אַז — ער מוז איילן צו דער אַרבעט; און ער איז אַוועק.

פליגלמאן איז געבליבן עטוואס אין א פארלעגנהייט. ער האט גע־וואוסט, אז איצט, נאכן סעזאן, — האבן נישט פוטערקירזשנער, וואס צו טאן, אפילו ווען מע ארבעט בא יענעם א גאנץ קיילעכדיק יאר — נישטא קיין געאייל. טא, וואוהין טרייבט ער דאס אזוי, דאס מענטשל? פאר ווע־מען אנטלויפט ער? פאר א י ם, אפשר?! אבער — פארוואס?!.

ער איז געבליבן פארקלערט; און עס איז אים געווארן פלוצים אומע־טיק; גענומען ציען צום דרויסן. ער האט זיך געזעגנט מיט דער פרוי. זי האט אים איינגעלאדן, ער זאל זיך ווייזן וואס־אפטער — איצט, ווען „ער האט, דאכט־זיך, צייט; און קיין ארבעט איז נישטא...‟ זי האט אים אויס־געשטרעקט איר ווייכע ווארעמע אנטבלויזטע האנט, און זי נישט אוועק־גענומען פון זיינער. זי האט געקוקט צו אים, ווי מיט געבעט אין אירע בליקן. עפעס אזא איינגעהאלטענער טרויער האט געציטערט אין זיי, און זיך געטוליעט אין די אוואלן פון איר פנים, אין די ווינקלען פון איר מויל, בעת זי האט געשמייכלט צו אים און אזוי גערעדט:

— ...טייערער פריינט מיינער, פליגלמאן... מאג איך אייך אזוי רו־פן?... א פרוי רעדט צו אייך; אן עלנטע, אן אומגליקלעכע... איר האט היינט מיין הארץ דערקוויקט, מיט אייערע רייד... איר האט געמאכט אויפלעבן אין מיר מיין געפרווירענע זעל, מיין פארגליווערט געמיט... איך האב היינט געלאכט און געוויינט, פאר פרייד — צום ערשטן מאל, זינט יארן... איר זעט דאך מיין לעבן, ווי עס גייט... זאגט, שעמט אייך נישט... ווילט איר בלייבן מיין פריינט, קומען צוגיין, פארברענגען?... דארף אייך א פרוי, אייער פריינטן, פיל בעטן דארויף?!.

זי האט ארונטערגעלאזן דעם בליק, און קוים־אנדייטנד געדריקט זיין האנט; ביז זי האט דערשפירט דעם ענטפער אין זיין האנט־דרוק; און איר האט זיך אויסגעדוכט, אז — ער זאגט איר ערשט צו...

✻

אזוי האט זיך אנגעהויבן די ליבע־אוואנטורע פון יענער בלאנדער פרוי, חוה עטינגער, צו פליגלמאנען. אין איר שרעקלעכן לאנגוויל, האט זי אים אויסדערוויילט פאר איר פריינט און גענומען גיין, דרייסט און דע־צידירט, צו איר ציל. זי איז געגאן פארווארפן ארום אים א נעץ, אים ארייננציען; אז ער זאל בלייבן דער געפאנגענער בא איר... זי האט זיך אפגעזאגט צו קלערן דערווייל, וואס ווייטער וועט זיין — דערנאך, אז זי וועט האבן אירס דערגרייכט; און ער, דער מאדנער צעפליגלטער בחור — וועט שוין ליגן צו אירע פיס, א צוגעשמידטער... וואס קאן דא זיין? — ווער קען קאווירן?... זי וועט אים, אפשר שפעטער, ליב באקומען — טאקע מיט אן אמת; אים באשענקען מיט איר לאסקע — אז ער וועט עס פאר־

לאַנגעןִ; אַבי, ער זאָל עס נאָר ווינטשן אויפריכטיק; ער זאָל איר באַגערן — אויסן טיפסטן הארצן, איר ליב און איר זעל; אָ, ער זאָל איר נאָר אָנהויבן צו שעצן און אכטן; ער זאָל עס איר געבן צו פילן, — דאַן וועט זי, זיין שקלאַפן, אפשר באַרייט ווערן פאַר אים טאָן אַלץ אין דער וועלט...

נאָר דערווייל, האָט זי געהאַלטן מיט אים ערשט באַם סאַמע אָנהויב. זי האָט צוגעזען, וויאַזוי ער פליט אין די הימלען, — און זי האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן, ווי מע קאָן אים פּאַקן פאַר די פליגל, אים אָנבאַפּן און צוציען צו דער ערד; צו זיך... זי האָט באַמערקט, מיט פאַרדרוס, אַז — ער, איז שוין נישט מער יענער שעמעוודיקער בחור פון פאַראַיאָרן, וועלכער האָט זיך אָנגעצונדן אין צורה — פון איר בלויזן אַ קוק־טאָן אַף אים... אָ, ערשט — האַלט ער אויס רואיק איר בליק... אָבער — דאַכט־זיך, אַז ער קוקט גאָנישט אינגאַנצן אַף איר! דאַן, ווען ער שטייט פאַר איר, און רעדט און דערציילט אַלץ אָן־אויפהער זיינע זאַכן פונדערהיים, — קומט איר פאָר, ווי —ער זעט איר גאָרנישט פאַר די אויגן!... ער פאַלט אַריין, אַזוי פלוצים, פון גאַס — אַ באַרוישטער, אַ צעשטורעמטער, — און ער נעמט גלייך טרוימען, מיט אָפענע אויגן, זיינע קינדער־חלומות, פונאַמאָל; ווען ער האָט זיך געקליבן ווערן דער גרויסער זינגער פון זיין שטעטל מיזלאַשצי; אַ זינגער־טאָן *אַזוי* אין דער גרויסער געמויערטער שיל, — אַז דאָס גאַנצע שטעטל זאָל אויפלעבן פּאַראַמאָל אין געזאַנג... אָ, ווי אין יענע גוטע צייטן פון אהרעלע דעם חזן. — ווען קינד־און־קייט האָט געפלאַטערט, אַזוי ווי אין אַ אַנדער וועלט פון פרייד און גליק; נישט אויפגעהערט צו זינגען און גלויבן און האָפן אַף עפּעס אַזוינס נישט־געשטויגן־נישט־געפלויגן — אַף אַ נס פונעם הימל; אָ, ווי אַף אַ ווייטן גרויסן חלום, וואָס גייט דאָ ווערן נאָענט און אייגן פאַר יעדן איינעם...

...ער, פליגלמאַן, אַז ער צערעדט זיך אַצינד פון יענער צייט, — זעט מען, ווי — *ער לעבט נאָך דאָרט אינגאַנצן*, וואו ער איז געבליבן שטעקן מיט זיין ליב און לעבן; אַליין — אַ קינד צווישן קינדער; מער ווייסט ער גאָרנישט, נישט — ער וויל וויסן... חלום און שוואונג וועגן גליק; אייביקער פלאַטער אין דער לופטן, צווישן הימל און ערד... אַזוי דיכטעט ער, מיט פאַרשטעלטע אויגן; און פאַרנעמט, אייגנטלעך, מער גאָרנישט, אַ חוץ זיין אייגענע שטים; און דערזעט נישט גאָרנישט — אויסער זיך אַליין... וואָס איז ער, פליגלמאַן — אַן עגאָאיסט, וואָס קוקט נישט קיינמאָל ווייטער פון זיך?... זי, חוה עטינגער, וועט זיך נישט איילן צו געבן דאַרויף אַ ענטפער באַלד... גיכער פון אַלץ, איז ער אפשר גאָר — אַ מענטש אָן אַ כאַראַקטער; אַליין, אַ אומבאַהאָלפענער ווי אַ קינד; וואָס ער שפּירט, אַז — ער האָט גאָרנישט וואָס צו טאָן אַף דער ערד; אַז ער, דער שוואַכער, האָט נישט קיין כוח פאַר איר. דערומער, אָנט־

לויפט ער פונעם לעבן — צום הימל, צו זיינע אויסגעטראכטע חלומות, וואו קיינער שטערט אים נישט צו אָטעמען פריי און גליקלעך...

...נאָר זי, חוה עטינגער, אין איר פיל־געפּרואווטקייט — ווייסט שוין, וואָס חלומות זענען, ווען זיי פאַלן אַראָפּ, ווי טויטע פייגל, אַף דער ערד... ווייל אויך זי איז אַמאָל געפלויגן, געפלאַטערט און געחלומט; אַליין — אַ קינד געווען, מיט אַ האַרץ פול האָפענונג און אומרו, דערוואַרטונג און פרייד... ביז, זי איז ד ע ר פ ל ו י ג ן; געקראָגן דעם שרעקלעכן קלאַפּ, און אירע אויגן מיטיינמאָל געעפנט... אָ, אַצינד זעט זי שוין איין — זי, די פרוי, וועלכער מע האָט געמאַכט פאַר ניכטער און פראַקטיש — וואָס לעבן איז; און וואָס דער סוף איז פון די אַלע, וועלכע גלויבן אייביק צו פאַרבלייבן אין די הימלען... אָ, זי זעט דאָס איין אַזוי קלאָר, אַזוי טייפלש־העל־שרעקלעך־באַשיינפערלעך פאַרן בליק, — אַזש עס שווידערט איר אַליין! אויף דערפון... ניין; זי מוז אים, דאַריבער, זעצן וואָרענען, איר טייער'ן און נאָענטן פריינט, איבער וועמען איר האַרץ האָט גענומען ציטערן אַזוי־פיל — כל זמן עס ווערט נישט שפּעט. אים, באַצייטנס, אַראָפּברענגען אַף ד ע ר וועלט, — איידער ער פאַלט אַראָפּ און צעפלעט די קאָפּ; און אים זעען צובינדן צו זיך וו אָ ס ־ פ ר י ע ר , — אַז ער זאָל נישט נעמען אומבלאָנקען אַליין — אַ פרעמדער, אַ גרויס אומבאַהאָלפן קינד, וואָס ווייסט נישט, וואו מע טוט זיך אַ קער, און ער מוז אַזוי נויטיק האָבן די פירנדע האַנט פון אַ פריינט...

אַזוי, האָט זי זיך אַריינגעצויגן פאַמעלעך אין איר נייער ראָל, יענע פרוי. ליבע, רחמנות; נקמה אינעם אייגענעם מאַן, וואָס זי האָט דער־לעבט; און די פשוטע ווייבלעכע קוריעזיטעט צו אַ פרישער פּערזאָן — האָבן זיך געפּאָרט אין איר געמיט; איר נישט צוזו־געלאָזן מער; פאַריאָגט פון איר דעם שרעקלעך־פרעסנדן לאַנגווייל פון תמיד; אָ, געמאַכט פאַר־גיין איר אָרעם האַרץ מיט זיסער שרעק און מיט צאַפּלענדער בענקשאַפט צו דעם מענטש, וועלכער האָט זיך, אַזוי־אומגעריכט, אַריינגעריסן, מיט יוגנט־שטורעם און מיט לוסט, אין אירע גרויע יונג־פאַרוועלקטע טעג, אָנ־געמאַכט בא איר אַן איבערקערעניש... זי האָט ערשט אַריבערגעטראָגן אַף אים, דעם נייעם פריינט, איר שטענדיקע בענקשאַפט צו דער היים. זי איז אויף געווען, גאַנצענע נעכט; נישט געקאָנט צוטאָן קיין אויג; געפיבערט אין פיין און געגליט ביז צו די האַר־וואָרצלען, פון רויטער בושה און גליק... אָ, זי האָט געשפּירט, וויאַזוי איר לייב גייט אויף, ווי אין אַ געזאַנג צו אים. ווי זי צעבליט זיך; און מיט איר זאַפט און מיט איר גאַנצן דופט, שטרעקט זי זיך אים אַנטקעגן. וויאַזוי איר האַרץ בענטשט אים, מיט פרייד; און גוטע מילדע טרערן וואַשן איר פנים...

און מיטאַמאָל — האָט זי זיך אַליין גענומען פירהאַלטן איר פלוצימ־דיקע ליידנשאַפט, איר ברען... עס האָט ראַפּטעם דערוואַכט אין איר איר־

גאַנצער יונגטלעכער שטאָלץ פון דער היים; ווי זיך אויסגעגלייכט די ביי־נער, אַפּערגעקומען פונפאָרנט...

„...זי, די אייביק־קאַלטע סטאַטוע, וועלכע איז געווען געוואוינט צו טרעטן איבער מענטשן, — זאָל זיך דאָ פּלוצים דערנידעריקן פאַר איינעם? וואָס איז זי — אַן אַפּגעוועלקטע בלום, חלילה; אַ פאַרעלטערטע, מיט וועמען מע וואַרפט זיך?!."

איר יונגער ווייבערשער קערפּער, מיט זיין גאַנצן סודותפולן רייץ — נאָך־כמעט־אומבאַריירט, — האָט שאַרף פּראָטעסטירט קעגן דעם און באַ־שטאַנען אַף זיינע רעכט...

„. . . נ אָ ר — זיך נישט איילן, — און אַלעס וועט קומען, ווי פון זיך אַליין..." — האָט זי געקלערט, מיט זיכערקייט; אַליין צו זיך גע־שמייכלט, אין דער נאַכט־טונקלעניש פון אַרום; און שטיל און איינגעהאַל־טן געצערטלט, מיט אירע הענט, די פולע רייפע אינטימסטע טיילן פון איר מיטיינמאָל־דערוואַכטן פּריילינג־צעשראָקענעם לייב, וועלכעס האָט ערשט געצאַפּלט און שטום אויסגעשריגן אין דער נאַכט אַריין זיין בלינדן ווייי און באַגער, זיך גאָרנישט געוואָלט באַרואיקן... זי האָט עס איידל און פאַרזיכטיק געגלעט, איר צעבונטעוועט־אויפגעשטורעמט לייב; עס איינגענומען; אין דער לאַסקע, ד ע ם איבערגעגיבן איר פאַרשפּרעכן, אַז — זי וועט האַלטן וואָרט...

און זי האָט באַניים געטראַכט איר פיבערנד טראַכטעניש וועגן דעם זעלבן...

„...וויאַזוי פּאַקט מען אים, דעם טשודנעם מענטש, וועלכער איז — נ י ש ט , וואָס ער איז צו איר קאַלט; נאָר — ער זעט איר נאָך אַלץ נישט פאַר די אויגן? וואָס פאַר אַ מיטלען דאַרף זי אָנווענדן, אַז — ער זאָל איר נעמען באַמערקן, און זי זאָל אים געפעלן ווערן?..."

...דאָ ערשט, צוריק מיט געציילטע טעג, עס איז געווען אין אַ פאַר־נאַכט; האָט זי פאַרפירט מיט אים אַ שמועס וועגן פרויען, און זי האָט געפאָרשט זיין מיינונג צו וויסן... זיי זענען ביידע געשטאַנען באַם פענצ־טער פון פאַדערשטן צימער און אַרויסגעקוקט צו די דעכער און ווענט פון די אַרומיקע הייזער... אומבאַמערקט, אין דער טונקלעניש פון אַרום, — האָט זי זיך צוגערוקט צו אים; באַרירט מיט איר האַנט — זיינע... זי האָט אַלץ געוואַרט אַף אַ ענטפער... נאָר, ער האָט זיך פּאַמעלעך אָפּגע־רוקט פון איר; און אַ זאָג־געטאָן — ווי אויסמיידנדיק צו רעדן גלייך — אַז — אים אינטערעסירן זיי נישט... דאָס האָט איר אויפגעקאָכט, ווייל — זי האָט געהאַט אַ רעכט עס אָנצונעמען אַף איר אייגענעם חשבון; און זי האָט אים איבערגעפרעגט, ער זאָל זיך דערקלערן גענויער... זי האָט זיך, ערשט אין דער טונקל, נאָכמער צוגערוקט צו אים; אים כמעט־באַריירט אינגאַנצן מיט איר קערפּער... נאָר, ער האָט שוין, יענצמאָל, זיך נישט אָפּ־

גערופן קיין וואָרט; ער איז ראַפּטעם אַוועק פון זיין אָרט — אַף אינדער־מיט צימער... זי האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן מער זיין ברוטאַלע באַ־לײדיקונג פאַר איר. זי האָט זיך געשפּירט אַלציינס, ווי מע וואָלט איר אַריינגעשפּיגן טיף אין איר האַרץ. זי האָט עס גאָרנישט געקאָנט באַנע־מען, וויאַזוי מע גייט איר צוריקווייזן, ווען זי שטרעקט זיך יענעם אַנט־קעגן מיטן גאַנצן לייב און לעבן... זי האָט אינגאַנצן געציטערט, פאַר מאַכטלאָזן צאָרן; און, מיט טרערן אין די אויגן, באַ אים געפרעגט: —

„אַזוי שטויסט מען אָפּ אַ פרוי?!.” זי האָט ערשט געמאָנט באַ אים אַ דירעקטן ענטפער אַף דער אָבידע. זי האָט געוואָלט די טיר צושליסן. אַ, זי איז גרייט געווען, אין יענער מינוט, אַף אַליץ... נאָר ער, דער אומפאַר־שעמטער, האָט אויך דאַרויף גאָרנישט געענטפערט. ער האָט זיך געפּע־דערט, געעפנט די טיר און אַנטלאָפן... וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש?!.

אין איר ליבע־שפּיל מיט אים, איז זי אַזוי ווייט פאַרגאַנגען, — אַז — אַזוי־ווי אַלע פון איר מין — האָט זי גענומען טראַכטן אַפילו פון בלוטיקער נקמה; אָ, פון יענעם טאָג, ווען ער וועט אַריינפאַלן צו איר אין די הענט אַריין און זיך שוין מער נישט קענען אַרויסדרייען... אין איר צערייצטן עקסטאַז און עקזאַלטאַציע, דורך די לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט, — האָט זי זיך כסדר געמאָלן פאַרן דמיון יענץ זיסע בילד, ווי — זי וועט זיך שפּעטער רייצן מיט אים; און זיך שפּילן, אַזוי־ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז, ביז וואַנען זי וועט אים האָבן שיר נישט פאַרפּייניקט צום טויט, דעם אויסוואורף... דאַן ערשט, אפשר, וועט זי אים צולאָזן צו־זיך אַ נאַש־טאָן...

נאָר, באַלד האָט זי זיך געכאַפּט, און ביטער אָפּגעזיפצט... „ווער ווייסט, ווי ווייט עס איז נאָך צו יענעם גליקלעכן טאָג; און, צי ער וועט גאָר קומען, בכלל?!.”

*

אַזוי איז זי געשליידערט געוואָרן, חוה עטינגער, אין איר פּיין — פון ליבע צו האַס, פון גוטסקייט צו בייז, און אַף צוריצואוועגס. ניין. זי האָט קיין אויסוועג פון איר שווערער לאַגע נישט געזען.

די ליבע אירע צו פּליגלמאַנען האָט, אַ חוץ אַלעמען, — געבראַכט פאַר איר פרישע זאָרג, וואָס אָנבאַלאַנגט אירע באַציונגען מיטן אייגע־נעם מאַן...

...אָ, דאָ האָט זי געמוזט נאָכגעבן, מיט בלוט־שאַנדע, אַז — זי אַליין איז געווען נישט ריין פון זינד מיטדערמיט, וואָס זי האָט גאָר דערלאָזט דערצו, באַלד פונעם אָנהויב... איר מאַן, דער אויסוואורף, — האָט זיך דערוועגט אַריינברענגען אין איר יונג אומשולדיק לעבן דעם שמוץ און

עקלהאפטן גרויל פון דער אויסגעלאסענער גאס, וואו ער האט זיך אליין געהאט אויסגעוואלגערט, בחורווייז... וואס האט זי געוואוסט, דאס נאאי־ווע מיידל, וועלכע איז אקארשט געהאט אריבערגעקומען פון דער היים — אין א ניי לאנד, צווישן פרעמדע מענטשן? מע האט איר צוגערעדט אים נעמען, דעם אינגל דעם פארדינער; און זי, אין איר עלנט, האט געמוזט פאלגן. ער האט איר באלד, נאך פארן גיין לעבן צוזאמען, — אנגעהויבן פירן אין פארשיידענע ערטער, וואו ער האט איר געפרואווט נעמען אף כוח; ער האט געפאדערט פון איר, זי זאל זיך אים איבערגעבן, ווייל — „זי איז דאך אלציינס ז יי נ ע , פאר גאט און פאר לייט! טא, וואס איז ד'ער חילוק — מ י ט , אדער א ן דער צערעמאניע?!." ער האט גערעדט איבער איר; געלאכט פון איר אומשולד; און איר אויסגעזאגט דעם סוד, אז — „אזוי פירט זיך איבעראל, בא יונגע מענטשן, זינט וועלט איז וועלט! טא, פארוואס רעכנט זי צו זיין א אויסנאם?!"

...ער, האט, אזוי לאנג, איר געדיבעט אין קאפ אריין, — ביז זי האט גענומען שפירן, מיט טיפן צער, ווי... עס בויגט זיך איר ווילן פאר אים — הגם, ער איז איר קיינמאל נישט געווען רעכט צום הארצן; און זי גיט זיך אים אונטער... ער האט, צולעצט, גענומען טענהן פאר איר, אז — ער איז א ל ע ב ע ד י ק ע ר מ א ן , וואס ברויך זיך אויסלעבן נארמאל. טא, וואס־זשע וויל זי: — איצט, ווען ער האט שוין א חברטע, זיין באשערטע, — זאל ער זיך גיין וואלגערן ערגעץ, אין אלדע שווארצע יאר; נאך אהיימברענגען א צרה אף ביידנס קעפ?!.

...זי האט זיך, מיט א ווייטיק אין הארצן, אים אפגעגיבן. דערנאך גלייך, ווען דער וועג אף צוריק איז געבליבן פארשפארט, — האט זי פלו־צים דערזען, מיט שרעק, וואס זי האט דא אפגעטאן. ער, איר באצווינגער, האט גענומען ארויסווייזן מיטאמאל זיין גאנצע ברודיקע זעל, וואס ער האט פארמאגט. ער האט זיך נישט אפגעשטעלט מער פאר גארנישט; גע־נומען פאדערן פון איר פולשטענדיקע אונטערטעניקייט און זיין געהארכ־זאם צו זיין ווילן... „אין צוזאמענלעבן פון מאן און פרוי — האט ער גע־טענהט — איז בלויז דא איין גליקלעכער וועג: ער באפעלט, און זי פאלגט. ער הערשט אין איר. אזוי פירט זיך, זינט וועלט איז וועלט. די פרוי, וואס גייט קעגן דעם מאנס ווילן, — איז אן אומלייט; און זי האט נישט די ווערט, מע זאל גאר רחמנות־האבן אף איר; מע זאל איר האלטן פאר א מענטשן..." ער האט גענומען פאדערן פון איר — „זי זאל טאן זיין רצון אין אלץ, וואס ער הייסט איר. אזוי טוען אומעטום מענטשן, ווען מע איז יונג און דאס בלוט שפילט, מאכט שיכור. טרייבט צו משוגעתן... וו א ס — זי איז א צדיקת געווארן, אף דער עלטער? פונוואנען שטאמט זי דאס?!." ער האט געלאכט פון איר נאיוויטעט און פון איר איבל און שווי־דער פאר די אלע אומגעלומפערטקייטן, מיט וועלכע ער האט, נאכט־נאך־

נאכט אזוי, געשענדעט איר ליב און, ווי איר איז פארגעקומען — האט ער זיך איזדיעקעוועט איבער איר... עס איז געווען איבער איר טבע און איבער די כוחות דאס צו פארטראגן נאכאנאנד, אט דעם גרוילהאפטן ווילדן קאָ־שמאר... נאר, ער האט זיך גארנישט געקאנט אנזעטיקן דערמיט...

...ער איז שנעל אראפ פון צורה; קוים זיך געהאלטן אף די פיס, פון דערשעפונג. איצט, איז אנשטאנען פשוט די מורא — ער זאל נישט קראנק ווערן מיטאמאל; איינגאנצן קומען פון די כוחות... זי האט זיך געבעטן בא אים, אז ער זאל זיך נעמען באהערשן, ווייל — עס קאן אים נאך, חלילה, צו אן אומגליק טרייבן... זי האט געשמייכלט צו אים; געפרואווט אים ארויסווייזן ליבע; אים געגלעט איבערן קאפ און אים פארזיכערט, אז — זי איז דאך זיינע אינגאנצן; זיין איינציקע אליין; מע איז ביידע — יונגע מענטשן, און מע האט נאך דאס גאנצע לעבן פאר זיך... זי וועט דאך נישט אנטלויפן אין ערגעץ! זאל ער זיך נעמען אין די הענט אריין; און זי וועט אים העלפן, ביסלעכוויז, קומען צו זיך; אפגעווינען דאס פארלארענע גע־זונט..

...עס איז געווען ארויסגעווארפענע ווערטער. דארט, וואו זי איז געווען מיט אים און פארלייגט אירע רייד — אויב עס איז נאר קיין זיי־טיק אויג נישט געהאנגען איבער זיי, — האט ער איר, אנשטאט א ענט־פער, אנידערגעווארפן אף א בעטל, אדער צוגעדריקט צו דער וואנט און גענומען פייניקן איר ליב. ער פלעגט באלד אפגעשוואכט ווערן, צוליב זיין פארלארענעם קאנטראל איבער זיך; און ער איז אפגעקומען פונעם טשאד — אסאך צעדרייצטער נאך, ווי געווען... „וואס האט זי געקאנט העלפן צו דעם? זי איז דאך שוין, סיי־ווי, געווען א פארפאלענע, בא דעם ווילדן מענטש אין די הענט. און אז זי וועט נ י ש ט אויסשטיין זיינע קאפריזן, — טא, וואס וועט זיין?...״ זי האט שוין גארנישט גערעדט מער; געשמייכלט צו אים גוט און אים איינגענומען. נאר ער, אן אומצופרידענער, א געבראכענער און א געפאנגענער פולשטענדיק אין די הענט פון דער ווילדער אומדערזעטלעכער תאוה, — האט געקוקט צו איר, מיט האס אין די בליקן — פאר איר קאלטקייט צו אים. ער האט גערעדט צו איר גראב, איר מיאוס פירגעווארפן, אז...„מע קען זיך גאר איר לעבן נישט דערוואַ־רעמען...״ באלד, האט ער זיך גענומען קלאגן אף זיין איינזאמקייט, און אז ער איז דער אומגליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט. ער האט איר פארגעווארפן, אז — „זי טיילט נישט מיט אים זיינע לידן און זיין פיין. זי בלייבט צו אים פרעמד — אין זיינע אינטימסטע מינוטן פון לעבן. זי בלייבט גלייכגילטיק און ווייט פון אים, פונקט — ווי זי וואלט גארנישט געווען דערביי אינגאנצן; א, זי לאכט פון אים, זי ליבט אים נישט, און זי האט אים גאר קיינמאל נישט געליבט! אנישט, — וואלט זי געגאסן פון דעם זעלבן, פונקט ווי ער. זי וואלט געבענקט נאך דעם, באטאג און בא־

נאכט. זי אליין וואלט אים נישט געוועזן צורו־געלאזן גאר קיינמאל; און, אין געמיינזאמען באנג נאך ליבע, וואלטן זיי ערשט ביידע געווען דערשפירט די אמתע פרייד און דאס גליק...

...זי, האט געגומען צווען, מיט שרעק, וויאזוי — ער, אין זיין פארצווייפלונג, — קאן ווערן גרייט — איינגאנצן זיך אוועקצוקערן פון איר; איר לאזן אליין... און זי, א עלנטע, אווירקלעך־איינזאמע אף דער גאנצער וועלט, — האט אירע אויגן פארמאכט; א, זי האט טיף אפגעזיפצט און... זיך־שוין געלאזן איינגאנצן איינברעכן פאר דעם מאן... איצט, איז זי געזונקען, מיט אים צוזאמען, אין דעם מוטנעם פייערבראנד פון זינד. זי האט זיך אויפגעהערט קעגנשטעלן, מיט איר ליבע, זיין באגער. פארקערט. זי, האט זיך אים שוין געשטרעקט אנטקעגן; געגאנגען מיט אים אומעטום, דארט וואו ער; געצאפלט און געברומט, ווי ער; און ווי ער, גענאסן, אין דער פולער מאס. א, פון די טיפע, אבער אומריינע קוואלן פון לעבן און גרויל; געפרעסן און געזשערעט, מיט אים צוזאמען, פון דער פארבאטענער פרוכט — אזש ביז איבל און נישט־גוטקייט ווערן, אבער דאך — פון אים נישט אפגעשטאנען; א, אים שוין נישט געלאזן אליין מער...

...מיט דער צייט — אליין זיך נישט געבנדיק קיין רעכענונג, וויאזוי גאר דאס האט מיט איר געקאנט פאסירן; נאר, מיט חידוש, הלמאי זי אליין שטוינט נישט דאריבער, — האט זי גענומען באמערקן א נייע מערקווירדיקע פארוואנדלונג, וואס איז אין איר לעבן פארגעקומען... מאדנע; פונקט, ווי זי וואלט דערוואכט צו א לעבן א נייעם, וועלכעם געהער זיך מער מיט איר פריערדיקס נישט אן. נאך מער: — זי אליין איז שוין נישט די געוועזענע הוה עטינגער פון פריער. א, יענע איז ווייט אוועק פון איר; זיך אפגעטאן פון איר הארץ, פון איר געמיט; א, יענע איז פארשוואונדן, געשטארבן... זי, איז א נייע ערשט, א פריי־געבוירענע; מיט א יונג צאפלדיק הארץ, וואס וויל לעבן אין גענוס; וואס באגערט פרייד און לוסט; מאג זיך זיין אלץ, וואס עס וויל זיך, — אבי זיך אנשיכורן און גליקלעך זיין! א, יונג וויל זי זיין; און געניסן פון איר יוגנט, אין פולער מאס...

...זי האט געקוקט אף זיך אין שפיגל און זיך געזען — א בילד־רייצנדע שיינהייט, מיט דורשטיקע ליפן און בליקן, וואס גיבן אויס דעם ברענענדיקן דורשט פון איר הארץ, פון איר יונג ליכ; און זי האט זיך אליין אפלאדירט דערפאר. א, ווי זי איז זיך געפעלן; אליין אין זיך ארייגעקוואלן; אליין זיך אונטערגעגיבן מוט — צו גיין אויסטאנצן ביז לעצט איר נייעם לעבנס־פעסט!... א, זי האט געוואוסט אף זיכער, אז — ערגעץ אנדערש קומט עס נישט פאר; ניין, עס פירט זיך נישט אזוי בא לייטן... נאר, מיט שטאלץ און פארדרוס, האט זי אפגעשטויסן פון זיך יענעם פאר־

האָסטן געדאַנק... וואָס גייט עס איר אָן, ווי אַ וועלט פירט זיך? — עס איז פּיקאַנט; זי פאַרלאַנגט עס; און דאָס איז עס אַלעס. עס פּאַסירט דאָ אַלץ — מיט איר אייגענעם ווילן; און ווייטער — זאָל עס קיינעם נישט אָנגיין!...

...זי האָט געשפּירט, ווי ער, איר חבר, האָט אין איר לייב צעצונדן אַ אור־פּרימיטיוון בלוט־שטורעם. זי האָט דערהערט דעם טיפסטן רוף פון איר בלוט... ניין; זי האָט שוין נישט קיין וועג אַף צוריק מער. זי האָט מורא, אַז — זי אַליין וואָלט שוין נישט געקאָנט לעבן אָן דער בלוט־אוואַנטורע פון דעם מין; וואו מע ווערט גרויזאַם געשענדעט; ליידנשאַפטלעך געהאַסט און דערנידעריקט; און דערפאַר — באַגערט מען זיך אומדערזעטלעך אַלצמער... און ווייטער, ווי געזאָגט — זאָל זיך זיין, וואָס עס וויל!...

געמיינט האָט זי, אַ ודאי, אין געהיים, אין איר נאַיוויטעט, אַז — עס וועט אייביק אַזוי דויערן...

...נאָר, ווי טייפלש־זיס עס איז געווען פאַר איר די שיכּרות, — אַזוי פּלוצטהאַלבן האָט זי דערוואַכט צו דער שוידערלעכער וואָר — אַן אויסגעליידיקטע, אַ פאַרברענטע אַף טויט. עס איז געווען וויסט און לער אַלץ אין און אַרום איר. געבליבן איז אין איר האַרץ בלויז דער מאַכטלאָזער האַס צו איר פאַרוויסטער; און אונטערן האַרצן האָט זי אַצינד געטראָגן די פּרוכט פון דער מערדערישער זינד... ערשט, אַליין — קראַנק און צעבראָכן, — האָט זי געלאָזן טאָן מיט זיך דעם ווילן פון יענעם; און געגאַנגען ווערן די פרוי פון דעם, וואָס האָט איר לעבן דערהרגעט... אַף וואָס האָט זי דען אויסגעקוקט נאָך, זי, די אומגליקלעכע פרוי? — אַף אַ קליין ביסעלע רו, מער אַף גאָרנישט. זי האָט געהאָפט, אין איר עלנט, אין איר שאַנד־צעטראָטנקייט — אַזוי ווי אַ קראַנק קינד קוקט אויס אַף דער זון, — אַז מע וועט איר ערשט לאָזן קומען צו זיך, איר נישט באַלעסטיקן מער — ווען זי גרייט זיך ווערן אַליין די מוטער פון אַ קינד, און זי באַדאַרף איינהיטן אין זיך דאָס לעצטע ביסל כּוח, וואָס זי פאַרמאָגט...

...נאָר, ווען דאָס איז אויך נישט געקומען, — האָט זי, גאַנץ־שנעל, רעזיגנירט און זיך־אונטערגעגעבן; ווייל זי האָט געשפּירט, אַז... „נישט איצטער איז די צייט פון קאַמף. זאָל אירם איבערגיין...״ זי האָט געביסן די ליפּן און געשוויגן. זי האָט זיך באַנייס געלאָזט שענדן; אַליין, מיט די אייגענע אויגן, צוגעזען, ווי מע באָדט זיך ווייטער אין איר בלוט; נאָר — זי האָט אַלץ געשוויגן; זיך נישט אָפּגערופן, אָ, פּונקט ווי אַמאָל; זיך גאָר נישט אָנגעהערט מיטדערמיט אײנגאַנצן, אַזוי ווי זי וואָלט נישט געווען דערביי... „שפּעטער — האָט זי געקלערט — וועלן מיר זעען... אַז זי וועט זיך האָבן דערהאַלט פון דער געפאַר...״

...באַלד נאָכן קימפּעט; ווי נאָר זי איז געקומען אַביסל צו זיך, —

האָט זי, איינמאָל אין אַ באַנאַכט, זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, זאַיאַוועט דעם מאַן, אַז — „וואָס עס איז געווען פריער, איז א ו י ס!" — ער, איז געבליבן אויסער זיך, פאַר גרימצאָרן; און אַזוי ווי ער האָט איר נישט געשעצט מער, — האָט ער אויסגערופן, מיט שפּאָט: — „וו אָ ס — דו ביזט ווידער געוואָרן אַ צדיקת?!" — און ער האָט איר געפּרואווט אָננעמען גראָב פאַרן נאַקעטן לייב... נאָר זי האָט אים אַרויסגעטריבן פון בעט און אַריינגענומען צו זיך דאָס קינד.

...וואָס אין יענער נאַכט האָט זיך אָפּגעטאָן! ער האָט גענומען אומלויפן, ווי אַ באַנומענער, איבער דער שטוב, פון צימער צו צימער. ער האָט זיך געזידלט, געוויינט. ער האָט אָפּגעגעשלעפּט פון ערגעץ אַ שטיקל זיידנס, וואָס ער האָט איר געהאַט געבראַכט אַף אַ קלייד; זיך איינגעוויקלט אין דעם, ווי אין אַ טלית; געבליבן שטיין פאַר איר און זיך־צעשאָקלט; געקלאַפּט אין האַרצן און זיך־געשוואוירן, אַז „— ער וועט שוין זיין גוט און וואויל, אַבי זי זאָל זיך דערבאַרעמען אַף זיין לעבן און אים צולאָזן צו זיך..." דאַן, האָט ער זיך אָנגעבויגן און איר געפּרואווט אַ גלעט טאָן איבערן קאָפּ... נאָר, זי האָט אים אָוועקגעטריבן...

...פון דאַמאָלס אָן, האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף צווישן מאַן־און־ווייב. גלייך פונעם אָנהויב, האָט ער גענומען גיין מיט גוטן. ער האָט אהיימגעבראַכט פאַרן קינד און פאַר איר מתנות, בתנאי, אַז... „זי זאָל אים פאַרזיסן די נאַכט..." זי, האָט אים גראָדע געלאָזן רעדן; געמאַכט אַ אָנשטרענגונג איבער זיך און אים אויסגעהערט... „נאָך אַלעמען — האָט זי געקלערט, און אָפּגעזיפצט — איז ער ד אָ ך איר מאַן; דער פאָטער פונעם קינד..." דערנאָך, האָט ז י גענומען רעדן. זי האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז... „אין אַזעלכע זאַכן נעמט מען נישט אויס. עס איז נישט קיין האַנדל, וואו מע קויפט פאַר געלט... עס קומט אַליין, ווען עס דאַרף... דער עיקרשט — נאָר נישט גיין מיט קיין שטורעמס; ווייל ער וועט דערביי גאָרנישט אויספירן..." זי האָט גערעדט צו אים, ווי מע נעמט איין אַ אומגעהאָרכזאַמען, אַ ווידער־שפּעניקן. אָ, זי האָט געהאַט צו אים אַ וועלט מיט געדולד; כאָטש זי האָט צוגעזען, ווי ער רייסט זיך, ער שפּרינגט אין צורה אַריין... זי האָט אים געפּרואווט לערנען, איידל און רואיק, אַז... „אַן אייגענער פרוי מוז מען קענען רעספּעקטירן; פונקט ווי זי דאַרף האַלטן פון איר חבר; ווייל אַנישט — קאָן דאָס לעבן נישט גיין... אדרבה, זאָל ער הערן; זאָל ער לייענען אין די צייטונגען, אין די ביכער; זאָל ער פרעגן בא לייטן — וואו נאָך פירט זיך אַזוי?! — וועט ער זעען, און אַראָפּנעמען אַ ביישפּיל — ווי נאָך מע דאַרף לעבן אַף דער וועלט... אָ, זאָל ער זיך נעמען אין די הענט אַריין, איר מאַן; זאָל ער נאָר, אַ קליין שטיקל צייט, זיך אויפפירן לייטיש, פיין, — וועט ער זעען, ווי זי וועט אים ליב־באַקומען ווידער. וויאַזוי אַלעס, וואָס געווען צווישן זיי, — וועט

פאַרגעסן ווערן... וואָס אַרט דיר? עס וועט אים נישט באַנג־טאָן..." זי האָט אַזוי גערעדט צו אים, פאַרלייגט די הענט אויף איר ברוסט. בשעת־מעשה, אים אַריינגעקוקט אין די אויגן, מיט מורא און זאָרג און האָפענונג; און דערוואַרט, מיטן גאַנצן האַרצן, אַז — א פ ש ר ד אָ ך וועט איר געלינגען אים צו באַפרייען פון זיין פינצטערן קאָשמאַר, וואָס פאַרפאָלגט אים, מאַכט אים ווילד און קראַנק; און עס וועט געשען דאַמאָלס דער נס, אַז — זייער לעבן וועט ווערן גאַנץ?!.

...נאָר ער, האָט עס נישט אויסגעהאַלטן מער. ער איז אויפגעשפרונגען — אויסער זיך, פאַר רציחה; גענומען שרייען, נישט מיט זיין קול, אַז... „— ער, דאַרף נישט קיין ווייב מיט קיין ביכער און צייטונגען. ער איז אַ פּראָסטער אַרבעטער; האָרעוועט ער אויף דעם טאָג, קומט אויף דער נאַכט אַהיים, — דאַרף ער האָבן דאָס גאַנצע ווייב פאַר זיך!... ער, פאַרשעלט יענעם טאָג, וואָס ער האָט איר באַגעגנט! נישט פאַר אים, דעם פּראָסטאַק, איז זי, די געבילדעטע אינטעליגענטע דאַמע מיט די ראָמאַנען! ער פאַרהאָפט נאָך צו גאָט, אַז ער וועט פון איר, גאָר אינגיכן, פּטור ווערן. ער פאַרזיכערט איר, אַז — דאָ וועט זיך נאָך בלוט גיסן — אָט, וועט זי זען!..."

...אַזוי, איז געקומען צווישן זיי דער פולשטענדיקער ריס... איר האַנט, וואָס זי האָט אים געפּרוווט אויסשטרעקן צו שלום, — האָט ער ווילד־נאַריש צוריקגעשטויסן... זאָל אים דער גוטער גאָט נישט שטראָפן דערפאַר... אָבער צווישן זיי — איז געוועזן אַלץ אויס.

...ער האָט איר אָנגעהויבן באַליידיקן איצט, אויף יעדן שריט און טריט. אין די אָוונטן — ווען ער האָט נאָר געהאַט צייט, — האָט ער געבראַכט צופירן געסט — אַזוינע, ווי ער; געזעסן מיט זיי באַם טיש; באַרעדט און באַשפּיגן די פרויען, וועלכע... דערוועגן זיך גיין אַנטקעגן דעם אייגענעם מאַן... זיי אָנגערופן מיט די ערגסטע נעמען; און, צו גלייכער צייט, (...אַ וודאי, נישט אָן אַ כיוון, דערביי...) פאַרקירעוועט די גאַנצע דיסקוסיע דאָרויף — „וויפל נעכט, אַ שטייגער, אַ געזונטע און געטרייע פרוי קאָן דיינען דעם מאַן, אין משך פון דער וואָך — אָן איר שאָדן, אויף אונז געזאָגט געוואָרן... אדרבה, לאָמיר הערן, וואָס — זייטיקע מענטשן ווייסן צו דערציילן דערפון!..." דערביי, האָט ער זיך גענומען טשעפּען צו איר, פאַראַלעמען אין די אויגן; ביז וואַנען זי האָט עס נישט אויסגעהאַלטן און אַרויסגעגאַנגען...

....זעענדיק, אַז ד ע ר נומער גייט נישט, — האָט ער גענומען אָנפאַלן אויפן פּיצל קינד דערפאַר — ווי אים האָט זיך אויסגעדוכט — ווייל עס איז אים געשטאַנען אין וועג... ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט א י ר מיט דעם שרעקלעך וויי־טאָן, און — ער האָט געשאָלטן דאָס קינד מיט טויטע קללות; דעם געשפּיגן אין פּנים אַריין; עס גערופן מ מ ז ר —

אַלס אַנדייט דאַרויף וואָס עס איז נישט געקומען צו דער צייט... — און עס געשלאָגן — י נאָר זי האָט זיך פאַרקוקט... דערביי, האָט ער איר אַליין אויך נישט .עשאַנעוועט, און זיך נאָר געוואונטשן — דערלעבן זעען אָף איר דעם ט ט...

...איר או פּגאַבע אַצינד, דער מוטערס, איז געוואָרן — צו באַשיצן דאָס קינד פונעם מערדערס האַנט. זי אַליין איז זיך נישט אָנגעגאַנגען מער... דאָס ערשטע מאָל, אַז זי האָט דערהערט זיין באַליידיקונג פאַלן אָפּן קינדס קאָפּ, — האָט עס איר אַזוי אָנגענומען באַם האַרצן, אַז זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין; און זי האָט לאַנג געקלאָגט אָפּן קול; זיך גאָרניט געקאָנט איינגעמען. נאָר שפּעטער, איז זי געבליבן צוגעטעמפּט. זי איז שטיל געוואָרן. אָ, זי האָט נישט געוויינט מער...

...דעם אמת גערעדט, — האָט זי אַליין שוין נישט געהאָפט, אַז אויך אין איר לעבן קאָן נאָך פאָרקומען אַ ענדערונג... וואָס, אַ שטייגער, קאָן דען נאָך זיין?... אַזוי, וועט זי שוין אָפּפינצטערן אירע יאָרן, איר פאַרשפּילטע וועלט, איר פאַרשניטענע יוגנט — פאַר דער צייט...

...נאָר די באַגעגעניש מיט פליגלמאַנען איז געקומען פאַר איר אַזוי אומגעריכט, אַזוי ניי, — און, אין תחילת, איר געלאָזן צעטומלט. זי האָט נישט געוואוסט — וואָס דאָס באַטייט? פאַרוואָס איז איר האַרץ אומרו־איק געוואָרן; און וואָס דערוואַרט עס? אָ, אַף וואָס קוקט עס דען אויס?... עס גלוסט זיך דיר נאָך פרייד, גליק, נאַריש האַרץ מיינס? ווינציק האָסטו איבערגעהאַט?!.

...נאָר, זי האָט צוגעזען, מיט שרעק, וויאַזוי... דאָס איינציגע האַרץ שטילט זיך נישט; עס שטורעמט ווייטער; עס ווערט אומרואיקער, פון טאָג צו טאָג... זי איז איצט געצוואונגען געווען, אָ, זי האָט געמוזט צולייגן אַ אויער צו איר האַרצנס באַגער, צו זיין רוף, נאָכקומען דעם וואונטש; גיין אַהין, וואוהין עס הייסט איר גיין; טאָן דאָס, וואָס דאָס האַרץ הייסט איר טאָן... זי אַליין, אַ מידע, אַ קראַנקע, אַ צעבראָכענע, — האָט זיך געמוזט אַרויסרירן פון איר רעזיגנירט ווינקל, אויסגלייכן אירע פאַרשטאָר־בענע גלידער און — ווי אַ קליין קינד, וואָס לערנט זיך גיין, — נעמען באַניים שטעלן אַ טראָט, איינעם, און אַ צווייטן — אין מורא, אַז זי זאָל נישט אומפאַלן ווידער; אָ, אַז זי זאָל נאָר נישט געשטרויכלט ווערן אין גאַנג... איצט, איז איר פאָרגעקומען, ווי עס איז פינצטער אַרום איר די גאַנצע וועלט; ווי זי וואָלט פאַרוואָרפן געוואָרן, איינע אַליין — אין אַ שטאָק־חושכדיקער נאַכט — אין אַ וואַלד, צווישן הויכע צעוואָקסענע ביי־מער און ווילדע חיות, וואָס רעווען און ברומען און ווילן איר פאַרצו־קן — אַ לעבעדיקער — און זי זעט נישט קיין אויסגאַנג פונדאַנען

מער, קיין רעטונג פאַר איר לעבן! אָ, גאָט, וואָס זאָל זי טאָן?... אָבער דאָס אייגענע האַרץ לאָזט איר נישט פאַרצווייפלען, איינגאַנצן אָפּשטאַרבן פון שרעק; נאָר, עס הייסט איר גיין אַלץ ווייטער און ווייטער... ביז, זי וועט גרייכן אַהין, — וואו עס וואַרט אַף איר, אָ, די ערלעך־פאַרדינטע פרייד און דאָס גליק — אַ באַלוינונג פאַר איר פּיין, די גאַנצע צייט, און פאַר איר גלויבן אין דער דערלייזונג...

...אַזוי האָט זי זיך געלאָזן גיין נאָכן רוף פון איר האַרץ, די עלנטע; און זיך גענומען אַריינציען אַלץ מער אין דער פריש־צאַפּלדיקער אילוזאָ־רישער וועלט פון גליק, וואָס דאָס האַרץ האָט פאַר איר געשאַפן אומדער־מידלעך, אָ, אויס איר אייגן בלוט, באַטאָג און באַנאַכט. זי אַליין האָט גענומען שפּירן, מיט יעדן טאָג, ווי זי ווערט אָנגעגאָסן מיט פרישן זאַפט און מוט און גלויבן אין זיך... איצט, אַז זי האָט אַ קער געטאָן אין אויפ־געראַשט געמיט צום נייעם פריינט אירן, צו פליגלמאַנען, — איז זי גע־בליבן, אַ פאַרצאַפּלטע, שטיין — פאַר אַ פרישן פרייד־צושטראָם אין טרע־רן, געמישט מיט זעלבסט־פּייניקנדיקן ווײ, אָ, פאַר איר גאַנצן געשענ־דעטן לעבן, ביז אַצינד... „— מאַמע מיינע, האַרציקע, געטרייע... — האָט זי געוויינט, אין די נעכט, און געקנופּט איר אויפגעוואַכט ליב — מאַך אַזוי, אַז איך זאָל אים די ווערט האָבן, דעם שיינעם שמעקעדיקן יונג, וועל־כער איז נאָך אַליין אומשולדיק, ווי אַ קינד...” זי האָט געהאָפט, ד ו ר ך די פ י ל י ס ו ר י ם , צו קאָנען געלייטערט ווערן אַליין און, אינעם ליידנשאַפטלעכן פייער פון איר ליבע, מאַכן אויפגיין איר גוף און זעל, אָ, ווי אַן אומשולדיקע יונג־פרוי, וואָס טראָגט אַנטקעגן איר לעבן דעם אויסדערוויילטן מאַן...

...זי האָט זיך געשפּירט, אין די דאָזיקע גליקלעך־פּיינלעכע נעכט, זייער עלנט און אָפּגעשוואַכט, אַלס פרוי; איינע אַליין — אין דער פינצ־טער; אויסגעשטעלט אַף אַלע ווילדע געפאַרן, וואָס הערן גאָרנישט אויף צו לויערן אַף איר לעבן... זי, האָט זיך איצט געשראָקן פאַר איר אייגענעם בעסטיאַלישן מאַן, וועמען זי האָט געהאַט פאַרשיקט אין צווייטן צימער, וואו עס איז פאַר אים געשטעלט געוואָרן אַ בעטל באַזונדער... זי האָט גוט געוואוסט, אַז ער שלאָפט נישט דאָרט; און זיין כסדרדיקער קרעכצן און בורטשען, וואָס האָט דערלאַנגט אַהער, איבער דער וואַנט, — האָט עס באַ־שטעטיקט...ער, טשאַטעוועט איבער איר, ווי אַ וואָלף; אָ, ער קוקט נאָר אויס די מינוט.. און זאָל ער בלויז דערשפּירן, ווי זי איז שוואַך און אומ־באַשיצט אַצינד, — אַזוי רייסט ער זיך אַריין צו איר אין צימער; ער וועט איר גלייך בייקומען... און זי — אַן אומגליקלעכע פאַרשאַלטענע ווייב, האָט מורא, אַז — זי וועט עס נישט אויסהאַלטן מער; זי וועט זיך לאָזן באַהערשן פון אים; אַליין זיך אים אָפּגיבן; מיט אירע אייגענע עלנט־צעצאַפּלטע הענט און פיס, זיך־קלאַמערן צו אים און צו זיין טייפלשער

ליבע אין איר, אַ, גאַנץ געטרייער — זי וועט אים נעמען האַלזן און קושן, בליפּען און וויינען, ציפּן און בייסן, ווי געוועזן... זי וועט אים און זיך פאַרשעלטן, ווי פריער; נאָר, זי וועט זיך לאָזן באַניים שענדן פון אים, איר פאַרהאַסטן האַר. אַ, זי וועט לאָזן ווידער — ער זאָל איר פאַרשלעפּן אַהין, אין דעם אָפּגרונט, — וואו מע זינקטביידע אין דעם מוטנעם שליים פון אויפהערן זיין...

פון אַזעלכע אומגליקלעכע בראַנד־נעכט, פלעגט זי אָבער אַפּערקומען — געשטאַרקט און אַנטשלאָסן. וואָס ווייטער, אַלץ זיכערער איז זי געוואָרן אין זיך; און גרעסער איז געוואָרן איר גלויבן אין די אייגענע כוחות, אַז זיי וועלן איר סטייען בייצושטיין יעטוועדע געפאַר...

*

נאָך יענעם פאַל, ווען חוה עטינגער האָט זיך געפּרואווט דערנעענטערן צו פליגלמאַנען, און ער איז דערנצמאַלט אַנטלאָפן, — האָט ער זיך נישט געוויזן בא זיי אין שטוב — עטלעכע טעג; און דאָס האָט איר גע־האַלטן באַזאָרגט...

...וועד ווייסט, צי וועט ער צוריקקערן? אפשר, האָט זי אים איבער־געשראָקן, מיט איר האַסטיקער צודרינגלעכקייט, יענעם פאַרנאַכט, בא דעם פענצטער?...

נאָר, אַז זי האָט אַ קלער־געגעבן צוריק וועגן אירע איבערלעבונגען, אין די פיינפולע נעכט, און פון די גרויל־געפאַרן, וואָס לויערן אַף איר, — האָט איר באַניים אָנגעכאַפּט אַ ביטערער פאַרדרוס אַף אים, ד ע ם ג א י ו ו ן ע ג אָ י ס ט , וועלכער פּאַדעט כסדר ארום אין די עולמות; און זעט נישט, ווי אַן עלנטע פרוי גייט דאָ אוים לעבן אים; און עס פאַלט איר אַרוים דאָס האַרץ, פאַר שרעק.. זי האָט באַשלאָסן ארוים מיט אָפענע דבורים, אַזוי שנעל, ווי ער וועט באַווילן זיך צו באַווייזן. נישט אָפּ־לייגן מער קיין איין טאָג אפילו!

ווען ער איז, ענדלעך, געקומען צוגיין, איינמאָל אין אַ באַטאָג, — האָט ער איר געטראָפן וואַשן דעם קינד די פיסלעך אין אַ וואַרעמער שיסל וואַסער. זי האָט געענטפערט אַף זיין באַגריסונג; אַ זיפץ געטאָן; געקוקט פאַר זיך און געזאָגט:

— ...עך, הלואי וואָלט איך אַליין געוועזן אַ קינד ערשט... געהאַט, ווער עס זאָל מיר העלפן... און נישט — דאַרפן זיך באַוואַשן אין די אייגענע בלוטיקע טרערן...

און זי האָט אויסגעבראָכן פּלוצים אין אַ שרעקלעך געוויין; זיך־גאָר־נישט געקאָנט באַרואיקן.

פליגלמאַן איז געבליבן שטיין אַנטקעגן דער וויינענדיקער פרוי —

אַן איבערגעשראָקענער אַף טויט. ער איז ערשט געווען אַליין אומבאַהאָלפן, ווי אַ קינד; נישט געוואוסט, וואָס מע הויבט אָן צו טאָן... געקומען איז ער היינט, מיטן געדאַנק — אָפּצוהאַלטן פאַר איר אַ פיין־אויסגעבעטע מאַראַלישע דרשה — אַלץ, וועגן יענעם פאַל, דאַמאָלס פאַרנאַכט, באַם פענצטער... ער, וואָלט איר געפּרוּווט באַווייזן, סיי מיט ביישפּילן פון דער ליטעראַטור, סיי מיט אייגענע קלוג־צוגעטראַכטע שטראָף־רייד, אַז, מיט איין וואָרט: — די פרוי ציט אָן אין אונז, ווי אַ מאַגניט, דאָס בייזע, דעם כאָאָס... זי לאַכט, און ציט אַריין דעם מאַן. און ער, דער נאַר, וויינט און גיט זיך אונטער... אָבער — וואָלט ער, פליגלמאַן, ווייטער פאַרלייגט די טענה — אַזוי דאַרף נישט צו זיין... ער, האָט געאַרבעט איבער דער דרשה — נישט איין טאָג מיט אַ נאַכט; געזעסן באַוואָרענען, אַז איטלעכס וואָרט אין איר זאָל שטיין אַף אַן אָרט. ער האָט זי פריער אָנגעשריבן אַף אַ פּאַפּיר; דערנאָך, זי גענומען חזרן אַפן קול... היינט, ווען ער איז געווען זיכער, אַז ער קאָן זי שוין אַף אויסנווייניק, — איז ער געקומען צוגיין — זי פאָרהאַלטן. ער האָט געגלויבט, אַז זיינע רייד וועלן האָבן אַף איר אַ גוטע ווירקונג; און באַלד דערנאָך — וועט מען ווידער ווערן גוט־פריינט, ווי געווען...

איר פּלוצלינג געוויין האָט אים אַזוי צעטומלט, — אַז די דרשה איז באַ אים אינגאַנצן אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ. אָנשטאָט דעם, — האָט ער איצט גענומען זוכן אייגענע ווערטער; צו דערגיין, וואָס איז מיט איר דער מער...

ער האָט זיך אַליין נישט געגעבן קיין רעכענונג דערפון, וויאַזוי ער איז אַצינד געשטאַנען אָנגעבויגן איבער דער פרוי, און זיך באַ איר געבעטן... נאַר, זי איז געזעסן אַפן ראַנד פונעם בעט, לעבן דעם קינד; געווישט, מיט אַ טיכעלע, די טרערן פון די אויגן און, אַף אַלע זיינע רייד, געשוויגן... עס האָט געהייסן באַ אים — אַזוי איז אים פאָרגעקומען — אַז — זי טראָגט אַף אים אַליין עפּעס אַזאַ שווערן פאַרדרוס; נאַר, גיי ווייס — פאַרוואָס... אפשר, האָט ער איר באַליידיקט מיט עפּעס... אָבער, ער קען זיך נישט דערמאָנען — ווען. זע, ער הויבט נישט אָן צו געדענקען. וואָס קאָן דאָס זיין?!.

אַזוי איז ער אַוועקגעגאַנגען, יענץ מאָל, מיט גאָרנישט; נישט געקאָנט באַ איר דערגיין קיין טאָלק.

די גאַנצע צייט, איבערן וועג צוריק אַהיים, — האָט ער געשטוינט דאַריבער. אָבער, מער פון אַלץ, איז אים געווען אַ שאָד די דרשה... „אַזאַ טייערע, אַזאַ קלוגע!... וויפל ער האָט עס צעהאָרעוועט אַף איר, שכל און חכמה אַריינגעלייגט, אַזוי איידל און גלאַטיק זי צונויפגעשטעלט!...” און עס האָט אים האַרציק באַנג־געטאָן, הלמאַי זי, זיין באַקאַנטע, האָט אים נישט געגיבן די געלעגנהייט זי פאָרצולייענען; אים געשטערט מיט איר געוויין...

אַ, ער איז געווען זיכער, פליגלמאַן — אַזוי ווי איר זעט אים, אַלעבעדיקן, — אַז די גרייזלעכע דרשה וואָלט איר געווען געפעלן. זי וואָלט איר ממש די אויגן געעפנט!... איצט — האָט ער צעפירט די הענט מיט פאַרצווייפלונג — וואָס טוט מען?!.

און פּלוצים, — איז אים געקומען אַפן רעיון, אַז — ער טאָר נישט פאַרלירן די האָפענונג. ער מוז פּרובירן נאָך אַמאָל... ער, וועט אָפּוואַרטן עטלעכע טעג — וואָס האָט ער קיין צייט נישט? — ביז זי וועט זיך דאָרטן געוויס האָבן באַרואיקט פון אירע עגמת־נפשן; און דערנאָך — וועט ער זיך אַראָפּכאַפּן; און — דאָס סאַמע ערשטע, וואָס ער וועט טאָן, וועט זיין, אַז — ער וועט איר נישט לאָזן אויסרעדן קיין וואָרט. ער וועט גלייך נעמען פאַרהאַלטן די גאַנצע דרשה — פון אלף, ביז תיו; אַנישט — גייט מען נישט ווייטער!... וואָס אַרט אייך? ער וועט עס שוין מאַכן גוט!...

...ווי מע זעט, — האָט אין אים געשטעקט עפּעס אַ מאָדנער כוח, אין דעם פליגלמאַן — וועלכער האָט אים כסדר געשטערט צוגיין גלייך צום לעבן... אפשר, כדי עס זאָל נישט ווערן באַנאַל. אפשר, ווייל — ער האָט, בכלל, נישט געהאַט קיין כוח... אין דעם, זעט איר, האָט ער אפילו נישט געקאָנט געגליכן ווערן צו זיינע פרומע פאָרגייער, די אָבות, — ווען עס אָדער האָט זיך אין אים געמוזט אָפּרופן אַצינד... ווייל — אמת: יענע, די טאַטעס און זיידעס, האָבן אויך פאַרלייגט גרויסע הכנות — פאַר דער מצוה; דאָך, האָבן זיי דאָס באַטראַכט, נישט מער ווי — אַ פרוזדור לטרקלין; און קיינער וואָלט זיי נישט געקאָנט פאָרוואַרפן — צו האָבן בדיעה, חלילה, זיך־אויסצולאָזן אינגאַנצן אין די הכנות אַליין, אין די פאַנטאַזיעס; און גאָרנישט לאָזן פאַרן לעבן; ווייל דאָס וואָלט גלייך געווען אָנגענומען דעם אַלאַרמירנדן כאַראַקטער פון שכבת־זרע לבטלה, רחמנא־ליצלן — אַ געמיינע טאַט, וואָס איז פאַרדאַמט געוואָרן פון אונזערע אָבות אַמשאַרפסטן!

...וואָס זעען מיר אָבער צו בא אונזער העלד, בא פליגלמאַנען? — ער איז פאַרטאָן אינגאַנצן אין דער דרשה. ער, דער היילקער אינטעליגענטל, דער גרויסער בעל־דרשן; דער לייכטער פּאַכאַזשירל, וואָס שוועבט איבערן לעבן, — מוז זיך אַרויסבריענגען אינעם פלאַפּלען, אינעם נודנעם וואָרט, — כדי — צו פאַרדעקן די הויל־קייט זיינע; און זיין לגמרי־נישט־אָנגעהעריקייט מיט דער ערד, מיט דער וועלט און מיט אירע מענטשן. ער, שטייט און רעדט, — ווען — דאָ גיסט זיך בלוט; אַ מענטש פון לעבן גייט אויס פאַר זיינע אויגן... דאָס אייגענע אָבער טוט ער אומעטום, איבעראַל... ווען אַ וועלט

מיט מענטשן קעמפט און גייט אַפּ אין בלוט, — וו אַ ס — מיינט איר — דאַן טוט ע ר ? ער גייט העלפן קעמפן, צוליגן אַ האַנט?! — אַ, וויבאַלד אַזוי, — קאָנט איר אים נאָך נישט — אונזער אונן־העראָלד, פליגלמאַן! — ער, שטייט, און ער רעדט, און ער רעדט, און ער רעדט! — אַ, אַן דעם גייט עס גאָרנישט באַ אים; בכלל — באַ דער פאַרוויסטנדער פליגלמאַנשטשינע פון אונזער לעבן!... אַ, ער מוז שטיין און רעדן — וואָס־לענגער; און וואָס־שענער דעקלאַמירן און צו מאָראַל אַפּעלירן — ווייסט איר, פאַרוואָס? — בכדי צו פאַרהוילן — לאָז זיין, אפילו, אינסטינקטיוו — זיין אוממעכטיקייט פאַרן לעבן אַליין! בכדי צו פאַרציען כאָטש זיין אומפאַרמיידלעכן דערגיין אהינצו, צום פולבלוטיקן לעבן — אַוואו ער, אַלס מענטש, האָט מער גאָר־נישט, וואָס צו טאָן, ווייל — ער איז, פּראָסט־פּשוט, ליקווידירט!

...ומעשיו יוכיחון. די ווייטערדיקע דערציילונג וועט דאָס דאַרפן באַ־שטעטיקן...

אין יענעם טאָג, ווען אונזער העלד, פליגלמאַן, האָט זיך באַנייס אויסגעריכט אָפּצושטאַטן אַ באַזוך באַ זיין פריינטן, — האָט זיך גראַדע געדאַרפט מאַכן, מעשה שטן, — דאָס מע האָט אים געבראַכט צו טראָגן פון אַ געשעפט אַ פריש־באַשטעלטע קאָלדרע צום בעט; און די אַלטע צע־ריסענע וואַטאָווע קאָלדרע, נאָך פון דער היים, — האָט ער געמוזט אַרויס־וואַרפן אַפן מיסט. אַ אַנדערער אַף זיין אָרט — וואָלט אַזוי געטאָן, און פּטור. איז דאָך עס אָבער געווען פליגלמאַן דערביישן און לאַ־יוצלח, — האָט ער נישט געוואוסט, וואָס מע הויבט דאָ אָן פירצונעמען... אָבער, ער האָט אַזוי לאַנג געקלערט, — ביז עס איז אים, עגדלעך, געקומען אַ גליקלעכער איינפאַל אין קאָפּ אַריין. ער האָט פאַרפּאַקט די קאָלדרע אין דיק פּאַפּיר; אַרומגעבונדן דעם פּאַק מיט שפּאַגאַט און אַראָפּ מיט אים אין גאַס. זיין געדאַנק איז געווען... זיך אָפּצושטעלן ערגעץ, אין אַ זייטיק געסל, לעבן אַ שטוב; זיך פריער גוט אַרומקוקן — אויב מע זעט נישט עמיצער; דאַן, וועט ער איבערלאָזן דעם פּאַק אַף דער טיר; אַליין, וועט ער זיך מאַכן כלאַ־יודע; פּאַמעלעך אַוועקגיין, מיט די הענט אין די קע־שענעס, נישט־אומדרייען דעם קאָפּ אַף צוריק... און דערנאָך — אַז ער וועט האָבן אָפּגעגאַן אַ שפּאַר ביסל שפּאַן, — אוטיק! — דאַן וועט עו נעמען שטעלן פיס פון דאָרט, — אַז ס'וועט גיין אַ רויך! וואָס אַרט אייך? ער וועט עס שוין מאַכן רעכט לייטיש, ווי עס באַדאַרף צו זיין...

נאָר, ווי אַף צו־להכעיס, — איז אים נישט געגאַנגען. דער באַטאַג איז געווען אַ הייסער — נאָוועמבער־מאָנאַט; און דער פּאַק איז געווען

שווער צום טראָגן. די וואַרעמע וואַטאָווע קאָלדרע האָט אים געברענט און געפּרייעט די פּלייצע. די זון אין הימל ווידער האָט זיך געטאָן אירם און געבאַקן אַ חוץ. ער איז אָפּגעגאַן אַ פּאָר שפּאַן; און געבליבן אָפּגעגאָסן, פון שוויים. דאָס איז נאָך אָבער נישט געווען דאָס ערגסטע. ער, דער העלד אונזערער, האָט זיך צוגעגעבן מוט, אַז — עס וועט לאַנג נישט געדויערן, — און ער וועט פּטור־ווערן פון דער משׂאַ; דאַן וועט ער באַלד אַוועק צום באַזוך... עס טוט זיך אָבער נישט, ווי עס רעדט זיך...

און עס איז געווען, אַז ער איז צוגעקומען אין ערגעץ צו אַ טיר; זיך־אָפּגעשטעלט, מכלומרשט, אָפּצורעכן, אַ ווײַלע, מיטן פּאַק — באַ די פּיס; נאָכהער — גלײַך ווי נישט אים מיינט מען — זיך גענומען פּאַמעלעך אַוועקשאַרן פון דאָרט און אַוועקגיין, — האָט מען נישט דערלאָזט דערצו, און מע האָט אים אומגעקערט...

„— העי — האָט מען גערופן צו אים פון אַלע זייטן; מענטשן אַזעלכע, וואָס ער האָט פריער גאָרנישט באַמערקט — און דער פּאַק?! —”

זיי אַלע, וואָס האָבן אים דערמאָנט, — האָבן, אַ ודאי, געמוזט מיינען, אַז — אינעם פּאַק איז פאַרבאַהאַלטן אַ אוצר מיט טשוועקעס; און זיי טוען אים אַ טובה דערמיט, וואָס זיי קערן אים אום... און ער האָט קיין ברירה נישט געהאַט; געמוזט אויפלאָדן צוריק דעם פּאַק אויף די פּלייצעס; געקרעכצט, און געשלעפּט זיך ווייטער...

אַזוי, האָט זיך איבערגעחזרט — אַסאַך מאָל; און אומעטום — דאָס אייגענע. פריער — זעט, דאַכט זיך, נישט קיינער. די גאַס איז ליידיק. נאָר, קוים לאָזט ער זיך אַוועקגיין, — אַזוי לויפן אָן ראַפּטעם מענטשן פון דער וועלט; פון אַלע עקן קומען זיי; און מע דערמאָנט אים אָן זיין פּאַק... איז דאָס נישט אַ העצע?!.

ביז, ער איז אָן־כוחות געבליבן; געשפּירט, אַז ער פאַלט פון די פּיס. עס האָט גענומען ווערן שפּעטלעך. ער האָט מורא־באַקומען אַז ער קאָן פאַרזאַמען אינגאַנצן דעם באַזוך צו זיין באַקאַנטער... נאָך איין ווײַלע, איז ער געשטאַנען, אַ צעמישטער, אויף אָן אָרט... נאָר מיטאַמאָל, איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין אַ נייער איינפאַל — אַסאַך־אַ גליקלעכערער פונעם ערשטן. דאָס האָט אים צוגעגיבן פרישן מוט; און, אַ דעצידירטער אינגאַנצן — האָט ער זיך געלאָזן גיין גלײַך, מיטן פּאַק אויף דער פּלייצע, צום הויז פון זיין באַקאַנטער...

צוגעקומען אהינצו, — האָט ער, גלײַך ווי גאָרנישט, געלאָזן דאָס פּעקל אינעם לאַנגן אַלגעמיינעם קאָרעדאָר פונעם דעפּאַרטאַמענט־הויז; און, אויפוואַרטנדיק, אַ ווײַלע, — האָט ער זיך, דערווײַל, צורעכט־געמאַכט; ווידער אַ בלעטער־געטאָן אין געדאַנק זיין אויסגעחזרטע דרשה אויף אויסנווייניק; געזען, אַז עס גייט, ווי געשמירט, — האָט ער נחתדיק אַ שמייכל־געטאָן צו זיך; צוגעקומען האַרט צו דער בלינדער אייזערנער

טיר פון דער שטוב, וואוהין ער איז געגאנגען, — און ער האָט אָנגעקלונגען...

נאָר, ווען עס איז פאַרט נישט באַשערט...

אים האָט געעפנט זיין פריינטין. זי האָט אויסגעזען בלייך און צורה, טרויעריק. פאַר די עטלעכע טעג, וואָס ער האָט איר נישט געזען, — איז זי געוואָרן אָפּגעצערט... זי האָט קוים געענטפערט אויף זיין באַגריסונג; און... גלייך זיך גענומען קלאָגן אויף איר עלנט; אַז — זי איז א יי נ ציק אַ ליי ן, אויף דער גאַנצער וועלט. זי האָט נישט קיין פריינט, קיין באַקאַנטע. מע איז עגאָיסטן — אַלע און מענטשן־פרעסער. זי, האָט נישט קיין איין אויפריכטיקן און ערנסטן מענטש, פאַר וועמען זי זאָל קענען אויסגיסן איר ביטער האַרץ, אַז — ס'זאָל איר עטוואָס גרינגער ווערן; ווייל אַנישט, — זעט זי פאָרויס, אַז — זי וועט עס נישט אויסהאַלטן לאַנג; זי וועט עפּעס אָפּטאָן...

און זי האָט זיך באַניים פונאַנדערגעוויינט, ביטער און טרייסטלאָז; זיך גאָרנישט געקאָנט אָפּהאַלטן.

ווידער איז פליגלמאַן — פונקט ווי דאָס ערשטע מאָל, ווען ער האָט איר דערזען וויינען, — געבליבן שטיין — אָפּהענטיק און דערשראָקן — פאַרן סוד פון איר לעבן... ער האָט ד אָ ך געפונען פאַר נויטיק, צ ו ע ר ש ט, שווער אָפּזיפצן אפן גורל פון זיין דרשה, וועלכע — אָ, ער האָט שוין איינגעזען — איז איצט פאַרפאַלן לעולם־ועד!... זיך־אָפּגעפאַרטיקט דערמיט, — האָט ער באַניים גענומען בעטן בא דער פרוי — זי זאָל אים אָנפאַרטרויען איר סוד פונעם האַרצן... ווי אומגעלומפּערט ער איז נישט געווען און פאַרטאָן אין זיך ביז איבער די אויערן, איש ער האָט די וועלט נישט אַרויסגעזען, — האָט ער דאָך עפּעס דערהערט אַ אָנדייט אין אירע רייד, אַז — זי גלויבט נישט אין זיין פריינטשאַפט מער; אָדער, מעגלעך, אַז זי האָט גאָר קיינמאָל נישט געהאַלטן דערפון... דאָס האָט אים געמאַכט זיך־שפּירן שלעכט; און ער האָט איר גענומען פאַ־זיכערן, אַז — ער איז איר אַן אויפריכטיקער פריינט; ער שעצט איר, מיט אַן אמת; און ער וואָלט געוועזן גליקלעך צו זעען, אַז זי נעמט אים גלייבן דערין. אָבער — וויאַזוי קאָן זי דאָס באַווייזן, אַז נ י ש ט — מיט אַ י ם שענקען, איר פריינט, פולן צוטרוי? און דאַן, פאַרשפּרעכט ער איר — אַז ער וועט ווייסן, וואָס איר דריקט, — צו זעען טאָן אַלץ פאַר איר הילף וועגן!... נו, איצט — גלויבט זי אים שוין?...

ער האָט זיך אַביסל צעוואַרעמט, אין זיינע רייד; און געקוקט אויף איר, מיט געבעט און מיט אויסגעשטרעקטע הענט... דער מאָמענט איז געווען אַ פייערלעכער. אַלעס איז איצט געשטאַנען אין קאָן... זי האָט

דערשפּירט, יענע פרוי, מיטאַמאָל, אַז — עס דערנעענטערט זיך איצט דאָס אומפאַרמיידלעכע. מעגלעך, דער גורל פון איר לעבן. מעגלעך — דער טויט... ניין. זי טאָר זיך נישט וואַקלען מער...

מיט צוגעמאַכטע אויגן, איז זי אַריינגעשפּרונגען אין שטורעם.. זאָל זיין דער ווילן פון איר האַרץ. אָ, גוטער גאָט. איך גיב מיך אונטער...

און, צווישן פאַרשטאַרקט געוויין און שטיל־צעצויגן כליפּעריי; אָט — גענומען דעם טאָן העכער, אָט — אים אַראָפּגעלאָזט נידעריקער, — האָט זי אָנפאַרטרויעט דעם פרעמדן מענטשן, איר פריינט — איר גאַנץ פינצטער לעבן, זינט זי האָט דערקאָנט איר מאַן... זי האָט גענומען צאַפּלען, אינעם ספּאַזם פון איר וידוי; און גאָרנישט פאַרהוילן פון איר שרעקלעכן סוד; פון איר עלנט אומגליקלעך און צעבראָכן לעבן; וויאַזוי זי ווערט געפּייניקט, שוין העכער דריי יאָר אַזוי, נאַכט־נאָך־נאַכט, פון אַ מאָנסטער, וועלכער שענדעט איר — וויסט־בעסטיאַליש; און בלייבט אַלץ — אומדערזעטלעך־ווילד, ווי געווען... איצט, האָט זי גאָרנישט געקאָנט אָפּהאַלטן איר וויינען און קלאָגן אַפן קול; געלאָזן פריי אויסדעכן די גאַנצע בלוטשאַנד פון איר פאַרוויסט לעבן; אַליין געפאַלן אַפן פנים — דאָרט, וואו זי איז געזעסן, אַפן ראַנד פונעם בעט; געציטערט פון אויבן ביז אַראָפּ, מיטן גאַנצן גוף; ווי געקליבן זיך אָפּגעבן די נשמה, אינעם זודיקן גאָס פון אירע טרערן...

אַ ווײַלע, איז פליגלמאַן געשטאַנען — נישט־טויט־נישט־לעבעדיק; אַליין, מיט דער נשמה אין די הענט; זיך נישט דערוועגט אַ ריר־טאָן מיט אַן אבר; איר שטערן, דער אומגליקלעכער, אין איר צער... אַ חוץ דעם, — איז ער אַליין געווען דערטשמעליעט צום טויט פון דערפון — פון דעם גרויל־וידוי, וואָס ער האָט אָקאָרשט אויסגעהערט. עס איז געווען ד אָ ס ע ר ש ט ע מ אָ ל , אין זיין לעבן — אַפילו, נאָך יענע לעסטיקע געשעענישן אין טאַזשער, און פון פריער, — וואָס ער שטויסט זיך אָן אַף אַזאַ שוידערלעכער נאַקעטער ברוטאַליטעט; און ער האָט, בפועל־ממש — אין זיין פאַרצייטלעכער נאַיוויטעט, — נישט געוואוסט רעכט, וואָס פירצונעמען, כדי צו מילדערן, לאָז זיין — אַ פּ ן מ אָ מ ע נ ט — די שווערע פּיין פון דער פרוי, וואָס ליגט און גייט אויס — פאַר זיינע אויגן...

ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז — שווייגן טויג נישט. ער מוז עפּעס טאָן. און ער איז אַרויס אין קיך; אַריינגעקומען באַלד, מיט אַ גלאָז וואַסער אין דער האַנט; זיך־אָנגעבויגן צו דער פרוי און איר געבעטן, זי זאָל אַ זופּ־טאָן אַ טרונק, — וועט איר גרינגער ווערן...

זי האָט זיך אויפגעזייצט און אים געפאָלגט. אָפּגעזופּט אַביסל, — האָט זי אים צוריקגעגיבן די גלאָז; און אַליין איז זי געבליבן זיצן אַפן זעלביקן אָרט; געקוקט אַף אים, דורך אירע טרערן, און געשוויגן... ער אַליין, פליגלמאַן, איז איצט געשטאַנען פאַר איר, מיט דער האַלבער גלאָז

וואַסער אין האַנט; און, אַ ודאי, נישט ווי‌סנדיק, וואָס ער טוט, — האָט ער אויך אַ זופּ־געטאָן אַ טרונק און זיך אָנגערופן, אַז... דאָס וואַסער איז זיס... זי, האָט באַנייס גענומען בײַ אים די גלאָז פון זיין האַנט; אַ פרישן טרונק־געטאָן; ווי אַ קינד, זיך צעשמייכלט אין טרערן, הוימיש־צוגע־לאָזן; זיך־אָפּגערופן, אַז — זי שפּירט גאָרנישט... ער, אָפּ איר קוקנדיק, האָט צוריקגעשמייכלט; עטוואָס אַ דערמונטערטער פון איר שטילן אויס־זעען. דער שטורעם, קענטיק, איז געווען פאַריבער...

*

אַזוי האָט זיך פליגלמאַנען אויסגעדוכט. עס איז אָבער געווען נישט ריכטיק. ער אַליין — אין זיין תמימות, צי אפשר גאָר, אין זיין פּחדנות, — איז שוין אפילו גרייט געווען — אײַנגאַנצן צו פאַרגעסן דעם ווידוי פון זיין פריינטן; זיך מאַכן אַזוי, פונקט ווי ער ווייסט פון גאָרנישט, נישט געהערט, נישט געזען. פאַרקערט; דער אײַנפאַל איז אים דווקא געפעלן, ווייל — עס האָט געדאַרפט עדות־זאָגן אָפּ זיין אײַדעלן טאַקט לגבי דער פריינטן, וועמען — ער האָט גראָד אָנגעטראָפן אין אַ שלעכטער מינוט... אָבער ער, ווי אַ פיין־דערצויגענער מענטש, — איז נישט מחויב אַלץ צו געדענקען...

וואָלט עס, אפשר, גוט געווען אַזוי. און ס'אַנדערע — האָט ער דאָך, סיי־ווי, נישט געוואוסט, מיט וואָס ער קאָן דאָ העלפן דער פרוי, אין איר אומגליק...

איז דאָך עס אָבער געווען פליגלמאַן — דער טאָפּעלער מענטש פון וויזיע און לעבן. איינס איז — באַשליסן; און גאָר עפּעס אַנדערש איז — עס גיין אַדורכפירן... ווען, פון איין זייט, ווי גע־זאָגט, האָט ער געפּאַסט אַ באַשלוס — אָן אַלעם צו פאַרגעסן, — איז ער אַליין אָבער, פון דער אַנדערער זייט, געבליבן תמיד געפאַנגען אין די הענט פון זיין אייגענעם פלאַפּלער־גייסט; פון זיין אומגעלומפּערטער אומ־געצווימטער באַרעדעוודיקייט, וואָס האָט אים געשטויסן — אומעטום, לאָזן פאַלן זיין וואָרט; און צו מאַכן הערן זיין שטים... אָ, די גרייל ע־כע שטים פון גערעכטיקייט... מיט איין וואָרט — די אַלט־ניי־באַקאַנטע קלוג־טייערע דרשה זיינע פון תמיד... און אויך דאָ איז נישט מחויב געווען אַנדערש צו זיין.

אין איין באַטאָג — איז ער געקומען צו זיין פריינטן — נישט אַזוי־ווי תמיד.

...זי, וועלכע האָט — איצט, נאָך איר לעצטן אַנטפּלעקן ווידוי —

אויסגעקוקט אַף אים, — האָט עס גלייך דערקאַנט, נאָך זיין אויסזעען — אַ ערנסטער, אַ פאַרטראַכטער, — און זי איז געבליבן אַף דער וואַך...

...אָ, ער האָט נישט געהאַט אַצינד דעם פרייען לוסטיקן גאַנג זיינעם פון תמיד — פונקט ווי ער וואָלט געשוועבט אין די וואָלקנס. אָ, ניין. ער איז געגאַן פּאַמעלעך ערשט; ווי באַלאָדן מיט אַ שווערער משאַ, וואָס האָט געהויערט אַף אים — אַ לאַסט...

און איר האַרץ האָט אַ צאַפּל־געטאָן, פאַר פרייד...

...אָ, דאַכט זיך, אַז — דאָס פייגעלע פּיקט... — האָט דאָס שלוי־ווייבלעכע אין איר טריומפירט; נאָר, מיט שרעק — אויסצוואַרטן, וואָס דאָ וועט זיין...

ער איז צוגעגאַנגען צו איר, פליגלמאַן, און איר געגיבן די האַנט. ער האָט איר, לאַנג און שטום, אָנגעקוקט; גלייך, ער וואָלט איר ערשט איצט דערזען — צום ערשטן מאָל, אין זיין לעבן! און ער האָט גענומען שטוינען, אין זיין בליק אַף איר — אַזוי וואונדערבאַר־שיין און פריש איז זי אים פּלוצים פאַרגעקומען, יענע פרוי, די פריינטן זיינע — ווי אַ אַנטפּלעקונג, פאַר זיין אויפגעראַשט געמיט... ער האָט געקוקט צו איר, און זיך גאָרנישט געקענט אָנזעטיקן מיט איר בילד...

— איר ווייסט? — האָט ער אַרויסגערעדט פּלוצים, מיט טיפן טרויער אין זיין שטים — איך קלער פון אייך, לעצטנס; פון אייערע ליידן און פּיין. עס לאָזט מיך נישט צורו מער; נישט באַטאָג, נישט באַנאַכט... איך גיי אום, און איך קלער; און איך טראַכט, און איך דענק... עס איז מיר גע־קומען אַפן זכרון ראַפּטעם אַ לעגענדע, וואָס איך האָב אַמאָל געהערט... אַ מלאך איז געשטאַנען אין הימל און געקוקט צו דער ערד. האָט ער דערזען דאָרט, ווי אַ שיין גליקלעך קינד שפּילט זיך און שמייכלט אַרויס פון צווי־שן רויזן אין פעלד... און דעם גוטן מלאכס האַרץ האָט נישט געקאָנט אויס־האַלטן, און עס האָט זיך צעוויינט אַף — דעם שרעקלעכן גורל געבעך, וואָס האָט דערוואַרט יענעם קינד... אָ; צי ווייסט איר כאָטש, מיין פריינטן, וואָס איך און מיין אָרעם האַרץ האָבן איבערגעליטן, זינט יענעם טאָג, ווען איר האָט אויפגעדעקט פאַר מיר אייער זעל?... מיר זענט איר פאַרגעקומען, פונקט ווי אין יענעם ליד פון ר׳ אליקום צונזער, זכרונו לברכה... אָט, וועל איך עס אייך אָפּזינגען און פאַרטייטשן!...

און ער איז אָפּגעגאַנגען פון איר — אַף אינדערמיט צימער; גענומען אַ פייערלעכע פּאָזע און אָנגעהויבן...

„...על אם הדרך שושנה מתגוללת,
שושנה חכלילת־עינים...״

ער האָט געזונגען מיט זיין פאַלש קול. געהאַלטן די רעכטע האַנט אַפן

הארצן, און פאר איר גלייך אפגעטייטשט די ווערטער אף אידיש; אזוי, ביזן סוף.

געענדיקט מיט ד ע ם ליד, — האט ער פארגעזעצט:

— ...אדער גאר: — וואו האב איך באגעגנט א גלייכן צו אייך אין דער רוסישער פאעזיע?... — און ער האט זיך דערלאנגט פלוצים א קנאק איבערן שטערן — אך — יא. איר קומט מיט פאר, אזויווי יענע אומגליק־לעכע געליבטע, וועלכע האט געזונגען, אין איר פארצווייפלונג געוואלט אוועק אין דער וועלט אריין — ווייט פון איר אומגליק! און זי האט גערופן:

„...יאמשטשיק, פאגאניאי לאשאדיי!
(העכער) יאמשטשיק, פאגאניאי לאשאדיי!
טא־רא־רא, טי־רא־א,
רא — רא...
(שטילער) א, יאמשטשיק, פאגאניאי לאשאדיי!...״

איצט, האט ער ווייטער פארגעזעצט; ווי גערעדט צו זיך אליין...

— ...אבער, צי קען מען דען אנטלויפן, — ווען דאס הארץ טוט וויי? צי העלפט דאס? א, צי איז פאראן וואו א באהעלטעניש פאר אן עלנט גע־פייניקט הארץ?!.

ער איז געבליבן שטיל; צוגעקומען צום פענצטער, וואו זי איז גע־שטאנען; זיך דארט פארהאלטן; גענומען ארויסקוקן אין דרויסן. וואו עס האט זיך געקליבן אף א רעגן...

די גאנצע צייט, וואס ער האט גערעדט. אזוי טראגיש, — האט זי זיך באמיט, מיט אלע כוחות — און עס איז איר אנגעקומען זייער שווער — איינצוהאלטן די צאפלדיקע פרייד פון איר הארץ, וואס האט, ענדלעך, דערלעבט די גוטע מינוט... טריי דעם כאראקטער פון איר מין — צו פאר־געסן גלייך דאס ערגסטע, פונקט ווי א קינד, — איז זי שוין גרייט געווען, ערשט — א יונגע, ווי א ניי־געבוירענע. — זיך־אפגעבן דעם שטורמישן גליק, וואס האט איר פארפלייצט; און זי האט נישט אנגעהויבן צו בא־נעמען, מיט איר ווייבערשן שכל — הגם, זי אליין איז געווען די גורמטע דערפון — צו־וואס דאס דערמאנען ס׳שלעכטע פון נעכטן, — וויבאלד, אז עס איז נישטא מער?!. א, צוואווס, בכלל, די רייד, — ווען דאס הארץ גייט אוים פון באגער?!. זי האט שוין אבער געוואוסט, די ארעמע, פון איר דערפארונג אין לעבן, אז — זיי, ד י מ ע נ ע ר , — זענען, איידל גערעדט — אביסל אנדערש פון... „אונז, די פרויען... א, זיי קענען אונזער הארץ נישט פארשטיין... און ווען אונזערע א שוועסטער וויל גיין באנאנד מיט ווע׳מען פון זיי, — דאן מוז מען אים נאכקומען, דעם ליבן באלוואן, אין זיינע קאפריזן — געגוי, ווי א מוטער גיט נאך דעם קליינעם קינד...״

און זי האָט אָנגעהאַלטן די פרומע טרויעריקע מינע אין צורה — אין פולן הסכם מיט איר פריינטס שווערע רייד. זי האָט אַפילו אַ זיפץ־געטאָן — פאַר לאַנגווייל; אָבער, עס האָט געקאָנט הייסן, אַז — פאַר ווייטיק; און ס'האָט זיך גראָדע געפּאַסט...

...איצט, ווען ער איז צוגעקומען צו איר; און זי זעגען געגוי געשטאַנען אַפן זעלבן אָרט — פונקט, ווי אין יענעם פּאַרנאַכט, (אַ, גאָרנישט לאַנג דערין!) ווען ער איז דאַן פון איר אַנטלאָפן, — האָט זי, די שלויע שטיפערקע, דערשפּירט פּלוצים, ווי — איר אָרעם האַרץ האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט אין איר, פאַר שיכרות, פאַר צאַפּלדיקער דערוואַרטונג...

...אַ, גאָט געטרייער... וואָס פאַר אַ ווייטער שרעקלעכער וועג — פון דאַמאָלס פּאַרנאַכט, ביז אַצינד!... און וויפל זי, נעבעך, דאָס אָרעמע קינד — האָט זי אַליין פּלוצים באַקומען רחמנות אַף זיך און זיך געצערטלט אין געדאַנק — האָט געהאַט אויסצושטיין און ליידן, — ביז זי האָט אים, איר ליבן אָנשיקעניש, געבראַכט ביז אַהערצו...

...נאָר, עס האָט שוין עפּעס צופיל געדויערט דאָס שטיין דאָ באַם פענצטער, ווי געליימטע... כאָטש, מע האָט געמוזט פאַרשטיין, אַז — אין אים טוט זיך איצטער אָפּ אַ שטורעם; פונקט, ווי עס האָט זיך געשפּירט אין דער שרעקלעכער שטילקייט, אַז — די לופט צווישן ביידן איז דאָ געלאָדן מיט פּולווער... איר האַרץ־קלאַפּ איז געוואָרן שטאַרקער, — ווען ער האָט פּלוצים אַרויפגעלייגט זיין וואַרעמע האַנט אַף איר קאָפּ; געגאַן אַזוי איידל און קוים באַרירט אירע גאָלדענע האָר, די לאָקן; געציטערט מיט זיין גלעט איבער איר צעפּלאָמטער באַק... מע האָט געקאָנט צוזען, וויאַזוי בא אים אַליין שלאָגט אַצינד דאָס האַרץ געפּערלעך... און עס איז אַ רחמנות אַף אים, דעם אָרעמען, וואָס האָט ערשט זיין גאַנץ לעבן נעבעך געשמעלט אין קאָן...

...נאָר — ער, איז נישט געגאַנגען ווייטער. ער האָט גענומען ווערן, ווי אָפּגעשטאָרבן; געליימט, פאַר שרעק... זי, די פרוי, מיט איר שאַרפן אינסטינקט, — האָט דאָ פּלוצים דערשפּירט אַ טויט־געפאַר... ווי איר גאַנץ לעבן ווערט איצט אַנטשידן אַף דער וואָגשאָל; איז אָפּהענגיק פון אויסגאַנג פון אָט דעם איצטיקן מאָמענט...

פאַר איר, דער אָרעמער, האָט דאַן מער גאָרנישט עקזיסטירט אין דער גאַנצער וועלט, אויסער איר ליבע!... זי האָט ראַפּטעם איבערגעריסן די שטילקייט; געקוקט דרייסט צו איר פריינט; געפרעגט, שיר נישט — מיט חוזק:

— אַ, זאָגט: וואָס זאָלן מיר טאָן, הער פליגלמאַן?... פאַרלייגן די הענט און אַרויפקוקן צום הימל?!

און זי האָט גענומען צווזעען, מיט פרייד, וויאַזוי — ער קערט צוריק, ווי פון אַ פאַרשטאַרונג. ער האָט איצט געקוקט צו איר, מיט עקסטאַז אינעם בליק; אַז ער האָט אַרויסגערעדט שטיל, אָבער פייערלעך, זיין אומ־פאַרמיידלעכע דרשה...

— אָ! היינט, ווען די זינד איז געהייליקט פונעם טאָג, — — טאָ זאָל די ליבע זיך טוליען אין דער פינצטער!...

און ער האָט זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן; ער איז צוגעפאַלן, ווי אַ מדבר־דורשטיקער, מיט זיינע צעגליטע ליפּן — צו איר אָפן לעכצנדן מויל... ער האָט דערשפּירט איר צאַפּלען אין זיינע אָרעמס; איר קלאַמערן זיך אָן אים; און ער האָט געטראַכט, בשעת־מעשה, ווי אַ פילאָזאָף...

„...אָ; אין די געהיימע וועגן פון דער ליבע טאָר מען נישט אַריינ־דרינגען. זי, גיט מיר דאָס גרויסע גענאָד, דעם גענוס; און מיין אויפגאַבע איז — אים צו נעמען... אָ, געבענטשט זאָלסטו זיין, ליבע מיינע, טייערע, וואָס דו האָסט מיך געבראַכט צו דער ערד! וואָס דו האָסט מיך געבראַכט צום לעבן! וואָס דו האָסט מיר די אויגן געעפנט! וואָס דו האָסט מיר גע־האָלפן באַהעפטן הימל מיט ערד! וואָס דו האָסט מיר א. א. וו. א. א. וו...״

2

איצט, האָט זיך געוואָלט אָנהויבן באַ זיי ביידן די צייט פון אומשול־דיק גליק.

פליגלמאַן, אין זיין תמימות, — האָט זיך מער נישט געוואונטשן, ווי ר יי נ ע ק י נ ד ע ר ש ע ל י ב ע . . . ערשט, האָט ער געהאַט צייט אַסאַך; ווייל קיין אַרבעט איז כמעט אין ערגעץ נישט געווען; און ער האָט אַפילו נישט געטראַכט דערפון. ער, איז אַוועק פון סעניאָר פּראַנצס טאַ־זשער מיט אַסאַך אָפּגעשפּאָרט געלט — אין די טווינטער. דאָס אַלץ האָט פּאַסירט — אָן זיין מינדסטן צוליינגן אַ האַנט דערצו. ער איז געווען, און פאַרבליבן אַזוי ביז היינט צו טאָג — גרין. ער איז נישט אַרייסגעגאַנגען — דאָס גאַנץ־קיילעכדיקע יאָר פון זיין אַרבעט — אין ערגעץ; זיך נישט אַ ריר־געטאָן פון דאַנעט — אַהער. און געהאָרעוועט האָט מען שווער, באַזונדערס — צייט פון סעזאָן, אַ קאַרג האַלב יאָר; די אַרבעט האָט זיך געצאָלט גוט; פאַר די איבערשאָען האָט מען געקראָגן טאָפּל; נו, איז אַ רבותא, וואָס ער איז געבליבן באַ אַזויפיל געלט?

אין תחילת, האָט ער זיך אַליין נישט געגעבן קיין רעכענונג פון דעם. ער האָט געזען — דאָס געלט וואַקסט באַ אים; נו, וועט ער דאָך עס נישט גיין אַרויסוואַרפן!... צולעצט, ווען ער איז אַוועק פון דער אַרבעט, — האָט ער זיך פלוצים געכאַפּט, אַז — באַ אים האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ הויפן מיט געלד! ער, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ כמעט־אָרעמער שטוב, און האָט קיינמאָל נישט געחלומט פון עשירות, נישט זיין געדאַנק איז אים געלעגן דערצו, — האָט זיך דערזען מיטאַמאָל אין דער לאַגע פון אַ איד אַן עושר — און עס האָט אים געלאָזן געפלעפט. וואָס וועט ער טאָן מיט אַזאַ פאַרמעגן? ווערן אַ סוחר, עפענען אַ געשעפט פון פוטערוואַרג? — ווער? וואָס? ווען? נישט ער האָט געהאַט די מינדסטע אַנונג אין מסחר; נישט זיין האַרץ האָט אים געצויגן צו דעם... „איבעריקנס — האָט ער געטראַכט — וואָס איז דאָס געאייל? אַף צו לעבן, גאָט צו דאַנקען, האָט

ער; קיינער טרייבט אים נישט! וועט ער זיך אויסרוען אַביסל, נאָכן שווערן יאָר אַרבעט; זיך־אַרומקוקן, וואו ער האַלט אין דער וועלט... אָ, יענץ — דער האַנדל, מיינט ער — וועט נישט אַנטלויפן..."

און ער האָט גענומען איבערזיין בײַ זיין פריינטן — גאַנצענע טעג. ער איז געלאָפן אַהין, אַזוויי אָן אַ אָטעם; אַריינגעקוקט, אַ פאַרסאַפּעטער, אַ צעהיצטער, און — גלייך גענומען רעדן פון זיין געפיל צו איר. ער האָט זיך פאַרכלינעט, אין זיין דעקלאַמאַציע; און זיין וואָרט איז אָפּערגעקומען — היים און צערייצט; עס האָט געצונדן, עס האָט גערעגט; עס האָט גערופן אין ערגעץ; אָ, עס האָט, אַ ודאי, געקאָנט שיכור־מאַכן י׳שוואַך ווייבערש האַרץ — פון גליק! עפּעס האָט עס צוגעזאָגט. דאָס פלאַמיקע וואָרט זיינס, וואָס האָט גערעדט און דערציילט וועגן זיין גרויסער בענקשאַפט צו איר... אַז, ער גייט אַרום און קלערט וועגן איר כסדר; און פאָרשט בײַ זיין האַרץ, אָ, עס זאָל אים זאָגן — וואָס עס טוט זיך איצט מיט איר... אַז, ער שלאָפט נישט, דורך די נעכט; און ער זעט איר כסדר שוועבן פאַר זיין בליק — דאָ, דאָרט, אומעטום; זי קוקט אַף אים און זי שמייכלט צו אים אַזוי גוט, צוגעלאָזן... ער, שמייכלט צו איר צוריק; ער רעדט צו איר; ער צערטלט איר מיט זיין בליק; ער רופט איר אָן מיט די צאַרטסטע נעמען... אָ, קינד מיינס טייערס, מיין זיסע הברטע, מיין לעבן, מיין גליק... און ער קושט איר אַלץ מיטן בליק; אָ, ער דערוועגט זיך איר גאָרנישט אָנצורירן מיט קיין אבר, ווייל — ער פאַרגעטערט איר, אין זיין צאַפּלדיקן עקסטאַז, און ער, דער גרויסער זינדיקער, — האָט מורא, אָ, ער איז אין איינע טויט־שרעק, אַז — ער איז איר נישט ווערט... אָבער, ווען ער ווערט שטאַרק געפאַלן בײַ זיך; ער צאַפּלט אויף — טאָמער גאָר ווערט ער פון איר פאַרשטויסן, — אַזוי דערזעט ער פלוצים, פאַר זיין אויפגעראַשט געמיט — זיינס און איר בילד — ביידע שוועבן צוזאַמען, ווי געפּאָרט אין איינס... זי, קוקט צופרידן אין זיך, זעלטן שיין; און ער — שמייכלט, אַף איר קוקנדיק, אָבער — אַליין, פאַרשעמט — פונעם גרויסן גליק, וואָס האָט, אַזוי אומגעריכט און נישט פאַרדינט, געגנידערט אַף אים פון די הימלען...

איצט, שטייענדיק דאָ פאַר איר און איר אויסדערציילנדיק פון זיין האַרץ, — אַזוי טוט ער פלוצים אַ פאַל צו אירע פיס; פאַרלייגט די הענט אַף זיין ברוסט, ווי צו אַ געבעט; און ער קוקט צו איר אַרויף — פרום, און מיט אמתער, נישט־געמאַכטער מורא — אין זיין בליק... אָ, מע זעט, ווי — ער דערוועגט זיך גאָרנישט צוקומען צו איר צו־נאָענט... אַזוי, אין זיין פאַרגליווערטן עקסטאַז, פאַר שרעק, — וואָלט ער פאַרבליבן אייביק שטיין אַף די קני און אַרויפקוקן צו איר; איר באַוואונדערן, איר גוטסקייט צו אים — וואָס זי דערלויבט עס אים גאָר!... נאָר, צו גלייכער צייט — באַוואונדערן זיך אַליין, וואָס — ער

האלט עס גאָר אוים! וואָס, ער ווערט נישט בלינד — פאַר זיין וואגן איר צו קוקן גלייך אין איר ליכטיק פּנים אריין... אַ, פאַרוואָס ער, דער זינדיקער און דער אומדערשראָקענער, — בלייבט נישט איינגעזונקען דאָ באַלד אַפן אָרט...! נאַר, אַ, וואויל איז צו אים, דעם אומווירדיקן!... דאָס גרויסע גליק נידערט אַליין פונעם הימל, און עס פּאַלט איבער זיין קאָפּ, עס הערט גאַרנישט אויף!... זי, די געטין זיינע, שמייכלט צו אים; זי רופט אים צו זיך, ער זאָל זיך דערנעענטערן... צו זיין עקזאַלטאַציע איז נישטאָ קיין ברעג, — אַז ער קומט צו, אַף די קני, צו איר גאַענטן; און ער פאַלט צו, מיט די פאַרשמאַכטע ליפּן, צום זוים פון איר קלייד... ער באַגראָבט דעם קאָפּ אין איר גענאַד — אַ, וואויל איז צו אים! ..

די פרוי חוה האָט דאָס אַלעס אויסגעהערט און צוגעזען; און אַליין נישט געוואוסט: צי עס דאַרף איר שמייכלען, אָדער גאָר ערגערן... וואָס אמת איז — צו אַזוינס איז זי קיינמאָל נישט געוואוינט געווען; אַפילו נישט — אַמאָל, נאָך אינדערהיים, וואו זי, אַ יונג מיידל, איז געגאַן מיט אינגלעך; עס האָט זיך געמאַכט פאַרשיידן... נאָר — אַזוי איבערגעטריבן־איידל זיך צו איר באַציען?! און בפרט נאָך, ווען עס האָט געפּלעגט פלור־צים דערשמעקן ווער פון דער חברה יונגוואַרג, אַז — זי איז איב, איצט, גערנוויליק?!. אַ, דאָס איז דאָך פּשוט צום לאַכן! — וואָס ליגט ער איצט פאַר איר אַף די קני, דער גולם, און ער ציטערט? וואָס רעדט ער אַזויפיל, און וועגן וואָס? פאַר וועמען האָט ער דאָס מורא? — אַ, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין מענטש. וואָס זוכט דיר אוים שטערונגען פון אונטער דער ערד — אַז דער וועג צו זייער ביידנס גליק איז אַצינד אָפן און פריי?!.

זי, האָט געהאַלטן איר האַנט אַף זיין קאָפּ, וואָס איז דאָ געלעגן בא אירע פים; אים שטיל געגלעט איבער די האָר; און זי האָט געטראַכט איר טראַכטעניש ווייטער... אַ, מיט טרויער, אין איר אייגן האַרץ און — מיט מורא, פּלוצים — פ א ר ד ע ר נ י י ע ר ש ו ו ע ר ע ר ל א ס ט, וואָס גייט זיך ערשט לייגן אַף איר — אינעם געשטאַלט פ ו ן ד ע ם, וועמען ז י האָט דאָ אויסדערוויילט פאַר איר געליבטן — א ל ס א י ר ב א ש י צ ע ר , וועלכער — איז אַליין אומבאַהאָלפן, ווי אַ קינד; איז געקומען זוכן איר הילף...

זי האָט שווער אָפּגעזיפצט, ווען זי האָט דערשפּירט, מיטאַמאָל, אין איר האַרץ, אַ צושטראָם פון ליבע אָן אַ ברעג, פון גוטסקייט און רחמנות צו אָט דעם זיסן בחור, וואָס טוליעט זיך אין איר; און איר האַנט האָט אים וואַרעמער גענומען גלעטן איבערן קאָפּ... זי איז ערשט געזעסן אַפן ראַנד פונעם בעט. אָן אַ וואָרט אויסצורעדן, — האָט זי אויפגעהויבן זיין קאָפּ און אים אַנידערגעלייגט צו זיך, אין איר וואַרעמען שויס... „זאָל ער גענים, דערוויילי, דער אָרעמער — האָט זי, מאַמיש־צערטלעך, אים געבענטשט — וויבאַלד אַז איר, דער אומבאַשיצטער, וואָס האָט אַליין

געזוכט די שטארקע היינט, דעם אנשפאר, — איז גאר באשעה־ט געווען אנצוטרעפן אט דעם שוואכלינג, דעם ליבן נאר, וואס גייט אפ אין רויך, ווי איינער — אין בלוט; און בלייבט ליגן אן־כוחות — דערנאך; כאטש, נעם און גיב אים די ברוסט... און אנטשלעף אים באלד, ווי א קינד... א, זי האט מורא — זי וועט אים נאך מוזן רעכט א טרייסל־טאן, אז — ער זאל, ענדלעך, צום לעבן דערוואכן!...

*

חוה עטינגער האט אליין נישט געשפירט, ווי זי גייט אוועק ווייטער אליץ, אין איר אוואנטורע מיט פליגלמאנען; זי ווערט ארייננגעצויגן אף אזויפיל אין איר ליבע־שפיל, — אז עס איז איר שוין נישט מעגלעך מער אויסצוקומען אן אים. ווען ער איז נישטא, איר פריינט, — דערשרעקט זי זיך פלוצים פאר איר לאנגווייל; פארן עלנט, וואס טרעט צו הארט צו איר און נעמט איר קוועלן. זי האט עפעס פלוצים מורא־באקומען צו בלייבן אליין, מיט זיך; פנים־אל־פנים — מיט איר צערודערט לעבן, מיט אירע מראכטעגישן און געפילן; און זי האט אפילו געקראגן פאראמאל א ביי־טערן פארדרוס אף אים, פליגלמאנען, הלמאי — ער פארזאמט זיך... „א, זאל ער שוין בעסער קומען צוגיין, דער נודניק — האט זי, ד י ש ט א ר־ק ע, ד א כ ט ז י ך , זיך נישט געקענט שענקען, איר דאך־בענקשאפט צו אים; איר שוואכקייט, אלס פרוי — זאל ער רעדן און פלאפלען, וויפל זיין הארץ באגערט! — אפשר, וועט ער זיך פארט צו עפעס דעררעדן אמאל! — אליץ גלייכער פאר מיר, ווי צו זיצן און דומען אליין..."

וועגן דעם, וואס עס וועט זיין ווייטער צווישן איר און פליגלמאנען, און צו־וואס דאס קאן נאך פירן, — האט זי זיך קנאפ געקימערט... א, זי האט געקענט אביסל די מענער די נודניקעס; האט עס נאך געדענקט פונדערהיים... א אינגל רעדט אזוי לאנג, — ביזקל וואנען ער דערגייט דערצו, אז — ווערטער ווערן איבעריק... ווער — פריער; ווער — שפע־טער... פארגעווים, וועט דא אויך נישט צוגיין אנדערש... ער, איר ליבער פליגלמאן, וועט ענדלעך קומען צום שכל. ער וועט אזוי לאנג רעדן און דעקלאמירן, — ביזקל וואנען ער וועט דערשפירן דאס בלוט פונעם הארצן; זיין אייגענע יוגנט; און זיך נעמען טוליען אין איר... און זי אליין, פון איר זייט, — וועט זען טאן אליץ, אז — דאס זאל געשען וו א ס ־ פ ר י ע ר. טא, וואס־זשע בלייבט צו זארגן מער?!.

זי האט זיך, דארומער, כמעט נישט געגעבן קיין רעכענונג דערפון, אז... שכנים נעמען זיך צוקוקן און מורמלען... עס איז איר, פראסט־פשוט. נישט אנגעגאנגען; נישט זי האט ג ע ה א ט ד ע ם ק א פ און צייט פאר דעם!

די ערשטע, האָט דאָס באַמערקט אַן עלטערע שכנה פונעם גרויסן דעפּאַרטאַמענט־הויז, אַ טיפּע זקנה. זי האָט צוגעזען, וויאַזוי פליגלמאַן לויפט עס, אַזוי פליסיק, יעדן טאָג, אַהער, העגדום־פּעגדום; זי האָט צו־געקוקט די ענדערונג אין דער יונגער פרוי, אין חוהן, — און זי האָט גוט־מוטיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, געשמייכלט אַף זיי ביידן...

„...שפּילט אייך, קינדערלעך — האָבן גערעדט איר־ע בליקן און גע־שוויגט — כל זמן איר זענט יונג... ווייל — שפּעטער, עך... איר וועט דאָך אַליין..."

גאַנץ אַנדערש אָבער איז דאָס צוגעגאַנגען מיט די אינגער־ע שכנות פונעם הויז. יענע האָבן איר נישט פאַרגונען ד אָ ס ג ל י ק ; און געהאַלטן פאַר נויטיק — עס צוצוטראָגן אַהין, וואו מע דאַרף...

וואָווע דאַרדעקע — דעם אייביקן לוויערער אַף זיין ווייב, ווי אַ רויב־פויגל — אַפּן פאַנג, — האָט די בשורה געטראָפן, ווי אַ איינשלאָג פון אַ דונער, תחילת; נאָר, גלייך האָט ער זיך אָנגעצונדן, ווי אַ בליץ...

...דעם אמת גערעדט, — איז אים אָט דער פליגלמאַן, באַלד פונעם ערשטן בליק, נישט געפעלן געוואָרן — שוין דערפאַר אַליין, וואָס — זיין אייביקער בלוטיקער שונא — ז י י ן א י י ג ע נ ע פ ר ו י , האָט עס יענעם אויסגעזוכט פאַר אַ פריינט! קאַרג באַקאַנטע פאַר'ן אַן אים? וואָס עפּעס גראַדע ער?!. אָ ט ד אָ ס א ל י י ן , איז אים, ד ע ם ל ווי־ט י ש ן מ אַ ן , — (אָ, ער מאָג עס אַליין זאָגן אַף זיך!) שוין געוואָרן פאַרדעכטיקט פון לאַנג... נאָר, ער האָט זיך איינגעהאַלטן ביז אַצינד און געשוויגן דערפאַר, ווייל — ער איז אַ אָנשטענדיקער מענטש פון שטאָט! מאָרגן־איבערמאָרגן — ער גרייט זיך צו גיין פאַר זיך, עפּעס'ן אַ גע־שעפט, — וועט ער מוזן אָנקומען צו לייטן, נאָך קרעדיט, — מוז ער היטן דעם גוטן נאָמען זיינעם! קאָן ער נישט דערלאָזן צו קיין סקאַנדאַלן... אַנישט, — וואָלט ער זיך צערעמאָניעט מיט אָט דעם פאַרך. מיט פליגל־מאַנען?! — אַצינד אָבער, איז די לאַגע אַ אַנדערע. ער, וואָווע דאַרדעקע, נעמט אַריינפאַלן אין לייטישע מיילער! ער איז אומגליקלעך! אָ, וואָס האָט זי געטאָן?!.

...דאָס גלייכסטע וואָלט פאַר אים, וואָווע דאַרדעקע, געווען — כאַפּן און אַרויסטרייבן דעם גראָבן יונג, דעם פליגלמאַנען, פון שטוב — כל זמן עס ווערט נישט שפּעט! — וו אָ ס — ער האָט מורא פאַר אים?!.

נאָר דאָ, צו זיין חרפּה, האָט ער זיך געמוזט מודה זיין, אַז... ער ציטערט פאַר יענעם — אימת־מות. ער האָט מורא פאַר זיין קוק... ערשט אַנומלטן; האָט ער זיך געטראָפן מיט אים באַם מיטאָג; און ער האָט, מיט זאָרג, געמוזט צוגיבן, אַז: בעת אין אים אַליין, אין וואָווע דאַרדעקע, האָט גענומען קאָכן דאָס קדחת, ווי אין אַ פייער־טאָפּ, — איז זיך יענער געזעסן רואיק — אַ מיתה־משונה אַף זיין קאָפּ! — געקוקט צו אים און גע־

שמועסט... און אָט די רואיקייט אין יענעמס טיפֿלשן בליק איז אים, וואָ־ווען, פֿאַרגעקומען אַזוי שרעקלעך, ווי דער טויט... וואָס איז עס?!.

...אָבער, צוריקגערעדט, — טאָר ער זיך, וואָווע דאַרדעקע, נישט אונ־טערגעבן, ווייל — זיין גאַנץ לעבן איז אין געפֿאַר! ווען מע קאָן נישט גיין גלייך, — זענען פֿאַראַן אַנדערע וועגן, וויאַזוי אַרויסצוטרייבן אַ אומגליק פֿון דער אייגענער היים...

און פּלוצים — ווי אַ וואָלף, וואָס דערשמעקט געבראָטנס, — האָט ער זיך געכאַפּט, (און זיך דערלאַנגט אַ פּאַסק אין שטערן — דערפֿאַר) אַז — ...איצט, איז אפשר די ריכטיקע צייט — צו באַנייען די גרויסע מלחמה, וואָס ער פֿירט מיט זיין מרשעת, זינט ער האָט איר דערקענט?! — וואָס שטייט ער, ווי אַ ליימענער גולם, און וואַרט, — ווען ער קען שיסן צוויי האָזן פֿאַראַמאָל? אי דער אינטעליגענטישער קורווע פֿאַרטרייבן פֿון שטוב; אי דער אייגענער פּריצה, דער געבולבעטער, בויגן ביז צו דר'ערד?! — אָ, ערשט, וועט זי מוזן ווערן געבראָכן פֿאַר אים, די איידל־געפּאַצקעטע צדיקת — ווען ער האָט איר געפּאַקט באַ דער האַנט; און אים נאָכגעבן, דאָס טייבעלע, וואָס ער וויל... כע־ע־ע... וואָס אַרט אייך? מ'עט זען, ס'זאָל זיין גוט!...

און ער האָט זיך אַ וואָרף־געטאָן, מיט דער גאַנצער יוכע, אַף דער שוצלאָזער פֿרוי, דורך די נעכט. מיט זיין הינטישן חוש, האָט ער גלייך אָנגעשפּירט, (און זיך אַזש באַלעקט, פֿאַר תאווה, אַפּריער;) אַז... זי מוז ערשט זיין שוואַך אין איר ווידערשטאַנד, וויבאַלד אַז זי באַגערט יענעם, דעם אויסוואורף, דעם פּליגלמאַנען, איר לייב בענקט צו אים, עס שטרעקט זיך אים אַנטקעגן... און עס וועט איר, דאַרומער, נישט מוזן זיין שווער צו נעמען... און, צו גלייכער צייט, וועט אויך דער גענוס פֿון איר צעוואָרעמט לייב ערשט זיין אַ עכטער, אַן ערשט־קלאַסיקער... — האָט ער געריבן נערוועז אַ האַנט־אָן־אַ־האַנט און געצאַפּלט — ער וועט אָפּלעקן אַ ביינדל דערוויייל — וואָס אַרט עס אים?!.

און ער האָט זיך נישט אָפּגענאַרט אינעם חשבון. זי, די פֿרוי, איז געווען שוואַך. זי און איר לייב האָט געבענקט צו פּליגלמאַנען, נאַכט נאָך נאַכט; נאָך אים געלעכצט, אים אויסגעקוקט; און דאָס האָט איר אָפּגע־מאַטערט צום טויט. פֿלעגט זי אַריינפֿאַלן אין אַ פֿאַרגעסנהייט; און באַלד אַליין נישט געוואוסט, מיט וועמען זי איז, און וואו זי געפֿינט זיך אין דער וועלט... זי האָט געגאָסן און געצאַפּלט אין עמיצנס אָרעמס; געהאַלזט יענעם און געקושט; געליבט און געוויינט, און זיך אָפּגעגעבן מיט איר גאַנצן צעשטורעמט־צעפֿייניקטן גוף און זעל... און שפּעטער, ווען זי איז געקומען צו זיך, — איז שוין געווען נאָך אַלעמען... „אָ, גאָט געטרייער — האָט זי, מיט שוידער און עקל, זיך אָפּגעקערט פֿונעם אייגענעם באַצווינ־גער און פֿייניקער אירן — עס איז געשען מיט איר דאָס, פֿאַרוואָס זי האָט

זיך אזוי געשראָקן, די גאַנצע צייט..." און זי האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און געוויינט. נאָר ער, איר באַטריגער, האָט ערשט געשפּאָט אויס איר. און דערנאָך, האָט ער גענומען אויסלאַכן איר מיט איר געליבטן צוזאַמען. ער האָט איר דערציילט וועגן יענעם נישט־געשטויגענע־נישט־געפלויגענע זאַכן; וואָס עס איז אים נאָר געקומען אין קאָפּ אַריין, — אַבי איר צו פאַרשאַפן נאָך יסורים און נאָך... ער האָט זיך איזדיעקעוועט איבער איר און איר אַנדערצייילט, אַז — יענער, איר ליובאָווניק, גייט אַרום מיט אַנדערע פרויען, און טראַכט נישט אַפילו פון איר.

— זאָל זי אים דורכטרייבן! — ער אַליין, וואָווע, האָט אים, וויפל מאָל, געטראָפן שפּאַצירן גיין... אַפילו ער, די אינטעליגענטישע דריבקע, אין וועמען זי, די קלוגיטשקע, האָט זיך איינגעגלויבט, — לאַכט אויך פון איר...

— ...דו האָסט נישט קיינעם, נאַריש ווייב מיינס... מיר לאַכן פון דיר אַלע! — האָט ער איר באַנייס גענומען פייניקן, דערנידעריקן און קריכן צו איר, כדי איר איצט צו געניסן — אַ פולשטענדיק־געבראָכענער, אַ אונטערטעניקער, — וועלכע זאָל ווידער גרייט ווערן צו טאָן זיין רצון אין אַלץ, ווי אַמאָל...

זי, די עלנטע, אין איר שווערן נסיון, — איז געבליבן ערשט אינגאַנצן צעטומלט. איר געשענדעט לייב האָט געפלאַטערט, פון אויבן ביז אַראָפּ — פון בלוט־בושה און פון שרעקלעכער אַנטבלויזונג; ווי מע וואָלט איר גענומען ערשט און אויסגעשטעלט אַף לעסטערונג אינמיטן גאַס — אַז פאַרבייגייער זאָלן בראַקען אַף איר...

נאָר — ניין. זי איז נישט געווען נאָך דערשלאָגן צום טויט אינגאַנצן; אַ. דאָס נישט!... אין איר פאַרשווילן אומגליקלעך האַרץ, האָט זי געשפּירט, ראַנגלען זיך איצט פאַרדרוס, צאָרן און אַ העליש פייער פון נקמה אין זיך אַליין און אין דער גאַנצער וועלט — פאַר איר עלנט; פאַר איבערלאָזן אַ פרוי, איינער אַליין, אין די הענט פון מערדער... אָ, זי האָט געצערנט איצט קעגן גאָט אַליין און קעגן איר פאַרשאָלטענער נאַטור, וואָס האָט איר, דער פרוי, באַשאַפן אַזוי שוואַך, אַז — זי זאָל נאָך מוזן געניסן און צאַפּלען. פון גרויל־תענוג און עקל, בעת איר שענדער שפּאָט פון איר און געניסט איר ווילן — אומגעשטערט...

דעם אַנדערן טאָג, נאָך אירע באַנייטע נאַכט־אַרגיעס מיטן מאַן; אַז פליגלמאַן איז געקומען צוגיין, אין אַ לייטזעליקער שטימונג, גלייך ווי תמיד, אַ גרייטער, באַלד ווי ער איז אַריין, צו נעמען ציען דאָס לידל וועגן זיין קינדערשער ליבע, — האָט ער איר געטראָפן — פינצטער אין צורה און דענערווירט. ער איז געבליבן אַפּהענטיק; און זיין שטראָם רייד, וואָס

האט געזאָלט נעמען גיין, ווי געשמירט, אין רוטין, אָן דער מינדסטער אָנשטרענגונג, — האט זיך פּלוצים באַ אים פאַרהאַקט ערגעץ אין דער־מיט. אָנשטאָט דעם, האָט ער געפּרואווט, פּאָרזיכטיק און מיט מורא, נע־מען באַ איר דערגיין — וואָס עס איז געשען?

א צייט־לאַנג, האָט זי געשוויגן; זיך גאָרנישט אומגעקוקט אַף אים אפילו. ער איז געבליבן דערשראָקן אַף טויט. ער איז פאַר איר געפאַלן אַף די קני, פאַרבראָכן די הענט און אויסגערופן:

— אָ, ווינד און וויי איז צו מיר! קוקט מיך אָן. גלויבט איר נישט מער אין מיין ליבע צו אייך? בין איך פעיק, חלילה, אייך צו פאַרנאַרן? מיט אייך מאַכן א קינדער־שפּיל? שוין זשע דאָס בין איך, און דאָס זענען אַלע מיינע רייד?!

אין איר טרויער, — האָט זי א קוק געטאָן אַף אים; דערזען זיין תמימותדיקן געטרייען בליק — אָנגעשטעלט צו איר, — און אין איר האָט זיך א וואַקל־געטאָן דער גלויבן אין איר מאַנס אָנרעדן אַף אים...

...נאָר, וואָס איז דער חילוק? — האָט זי שווער אָפּגעזיפצט אין זיך — אז וויבאַלד ער אליין, פּליגלמאַן, איז קיין מענטש נישט; נישט עס האָבן עפּעס א האַפט זיינע פאַרנעפּלטע רייד... און אין איר גרויסן אומ־גליק, — איז זי פּונקט אַזוי עלנט אַף דער וועלט, ווי געווען...

ווידער — ווי אַמאָל, איידער זי איז געוואָרן מיט אים אַזוי נאָענט — האָט זי זיך צעוויינט שטיל און טרייסטלאָז; געשלונגען די טרערן און גערעדט אויסדערציילט די שאַנד אירע פון דער נאַכט... זי האָט עמיצן ביטער פירגעוואָרפן איר פּיין און איר ליידן; און ווייל זי האָט נישט גע־רעדט דירעקט צו אים אצינד, צו פּליגלמאַנען — נאָר געזייט אירע בלוטיקע רייד סתם אין דער לופט אריין, — האָט אפילו ער, דער געבעכדיקער הימל־מענטש — דערשפּירט פאַראַמאָל זיין אייגענע נישטיקייט און גאָר־נישט־ווערט־זיין לגבי אָט דער גרויסער פרוי, וואָס פאַר אים, מיט אירע גרויזאַמע ליידן, פאַר וועלכע ער האָט גאָרנישט קיין באַשייד... ערשט איצט איז אים געקומען פּלוצים אַפּן רעיון, אז — זי האָט אים שוין ענ־לעכס דערציילט פריער... אָ, נאָך איידער ער האָט איר געגיבן דעם ערשטן קוש... וואָס־זשע האָט ער — דער מאַנסביל, ד ע ר פ ר ײ נ ט א י ר ע ר א ו ן ב א ש י צ ע ר — געטאָן, די גאַנצע צייט, אום צו לינ־דערן איר נויט? — איר אפילו קיין רעכטע עצה נישט געגיבן? — זיך געמאַכט גאָר פאַרגעסן אָן אַלע אירע רייד; און, ווי א פּחדן, געזוכט אויס־צומיידן דעם אמת; אים אינגאַנצן פאַרשוויגן! ביז וואַנען זי אַליין, אין איר גרויל, איז ערשט באַניים געקומען און אים אויפגעדעקט איר האַרץ... נו, טאָ וואָס דענקט ער איצט צו טאָן? —

און פּליגלמאַן דער העלד האָט געפּאַסט א גרויסן באַשלוס. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און באַ איר געבעטן — זי זאָל אים שענקען איר

בילד! וועט ער עס האָבן באַ זיך אין צימער; איר זעען שטענדיק פאַר אויג, נישט נאָר אין דער פאַנטאַזיע... און ער זאָגט איר צו, אַז — ער וועט טראַכטן וועגן איר לאַנג; און, אַזוי שנעל ווי ער וועט עפּעס האָבן באַקלערט, — וועט ער גלייך קומען צולויפן, איר מיטטיילן זיין געדאַנק.. נו, אַצינד איז זי צופרידן?!...

חוה האָט אים אָנגעקוקט, מיט שטוינען אינעם בליק. אַ רגע, האָט זי ווירקלעך פאַרגעסן אָן איר לאַגע, — אַזוי איז ער איר פאַרגעקומען קאָמיש, דער יונג, מיט זיינע אומזיניקע רייד. באַלד, האָט איר אָנגעכאַפּט אַ צאָרן אַף אים — דעם אינזיך־איינגעליבטן פאַרבלענדעטן עגאָיסט; און צוגלייך — אַ ביטערער פאַרדרוס אַף זיך אַליין — מיט וועמען זי האָט דאָ אָן עסק פאַרפירט!...

...נו, טאָ וואָס זאָל זי טאָן מיט אים — אים פאַרטרייבן? וועט איר שוין דאַמאָלס בעסער זיין?!.

אָן אַ וואָרט אויסצורעדן, האָט זי אים דערלאַנגט איר בילד; און צוגעזען, נישט אָן הנאה, (און מיט חידוש אַף זיך אַליין — דעריבער;) וויאַזוי ער טראָגט עס צו צו זיינע ליפּן; ער קושט עס אָן אַ שיעור; און ער נעמט צו דעם שעפּטשען די זעלבע פלאַם־פייערדיקע רייד, וואָס ער האָט, ביז איצט, געווענדעט נאָר צו איר אַליין...

...וואָס איז ער — פּ אַ ר ו ק ט , דער יונג?!. נאָר, אַז מע וויל זאָגן, — איז ער גערעכט... — און זי האָט זיך שיר נישט ביטער פונאַנדערגעלאַכט אַף איר אייגענער דאָליע... — ער, דער פאַנטאַזיאָר, וואָס שטעקט מיטן קאָפּ אַף דער לבנה, — צו־וואָס נוצט אים אַ לעבעדיקע פרוי פון בלוט און פלייש, וואָס פאַרווײַנט אים זיינע טעג? אַז ער קאָן האָבן צו טאָן מיט איר בילד; וואָס וועט אים אויסהערן זיינע פלאַמיקע ליבע־דערקלערונגען — אומגעשטערט; און וואָס וועט צו אים שמייכלען אייביק, באַטאָג און באַנאַכט!...

און זיך־צוקוקנדיק, וויאַזוי פליגלמאַן איז איצט אַזוי פאַרטאָן אינעם בילד — אַז ער האָט גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן אָן איר, אין אַלגעמיין — וואו ער איז אין דער וועלט, — האָט איר פאַראַמאָל אָנגעכאַפּט אַ שטילער אומרו — פאַר איר ז יי ן לעבן אַט דעם מאָדנעם מענטש, וועמען זי קאָן קיינמאָל נישט דערגיין... אַט דאַכט זיך איר שוין, ווי — זי האַלט אים פעסט אין איר האַנט, זי פירט אים; און פלוצים — נעמט ער באַניים אַפּגיין פון איר. ער בלייבט איינגעהילט, ווי אַ רעטעניש...

אַפן אָוונט — דאָס מאָל, פריער ווי געוויינלעך — איז געקומען צוגיין דער מאַן, וואָווע דאַרדעקע. ער איז איצט געווען אין אַ גוטער שטימונג; און ער האָט זיך געזעצט שפּילן מיטן קינד, וואָס איז געלעגן אינעם בעטל. זיין גאַנצע פויגלשע צורה, מיט דער שנאָבל־נאָז אינדערמיט, האָט געשמייכלט, און אים איצט צוגעגיבן דעם אויסזעען פון אַ אַלטינקער

מכשפה, וועלכע גרייט זיך צו פארמישן איר גיפט, און זי פרעפלט דערביי אירע אומפארשטענדלעכע רייד...

פליגלמאן איז געזעסן לעבן טיש און געשוויגן. ער האט דערפילט, אז ער איז דא אצינד איבעריק; און ער האט אויסגעקוקט אף דער ערשטער מינוט, אז ער זאל זיך קאנען אויפהויבן און אוועקגיין.

וואווע דארדעקע האט אפילו נישט קיין קוק געטאן אין זיין זייט; גלייך ווי ער זעט אים נישט. אבער, אין אט דער איבערגעטריבענער בלינד־קייט איז גוט געווען קענטיק, ווי ער מיידט אים אויס קאטעגאריש — ער וויל אים נישט קאנען! — ער האט בעסער געווארפן בליקן צו זיין פרוי; געשמייכלט צו איר בוימלדיק; און געריבן א האנט־און־א האנט, פאר בייסעניש...

פון זיין פרעכן בליק, האט זיך די פרוי דערשפירט שלעכט; און זי האט זיך גענומען קלאגן אף איר געזונט. נאר, ער — פונקט ווי דא וואלט נישט געווען קיינער בא דער זייט, — האט איר איבערגעשלאגן, מיט עזות:

— כ'האב מורא, מיין ווייב, אז דיר איז גארנישט, דו באדארפסט א מאן, אף אלע נאכט, אין בעט אריין — אט וואס!

און אליין זיך־אויסגיבנדיק, — האט ער א קוק געטאן, פלוצים, מיט שפאט, צו פליגלמאנען; ווי איינער רעדט: „— כ'האב דיך אין דר'ערד, אינטעליגענט! וו א ס — כ'ל'מעך גיין צערעמאניען מיט דיר?! מ יי ן ווייב, מ יי ן שטוב. פארנעם זיך פונדאנען!"

פליגלמאן, וועלכער האט אליין געווארט דארויף, — האט זיך אויפ־געשטעלט. נאר די פרוי האט א קוק געטאן צו אים, מיט געבעט אינעם בליק. איר קול איז געווען כריפלע און עס האט עטוואס געציטערט, אז זי האט אים געזאגט:

— זיצט, וואס איילט איר זיך?...

און זי האט גענומען צוגרייטן דאס נאכט־געלעגער.

און ער, פליגלמאן, האט געמוזט צוזעען, וויאזוי... זי אליין, מיט אירע אייגענע הענט, גרייט צו דאס געלעגער פון איר שאנדע... אט, א פנים, דאס איז זי אויסן־געווען, זיין פריינטן, — ווען זי האט אים געבעטן פארבלייבן...

ער איז ארויס פון יענער שטוב, א צעטראגענער; געלאזן גיין גלייך צו זיך אהיים... ער איז געווען אומרואיק און צערייצט. ער האט זיך אליין נישט דערקאנט. דער קאפ איז אים געווען פארנעפלט. עס איז אים פאר־געקומען ,אז עס פארנעמט זיך אין אים אף א שטורעם...

ער האט ארויסבאקומען פון א זייטיקער קעשענע איר בילד און עס אויפגעהאנגען אף דער מיטן־וואנט פון זיין צימער. ער האט געקוקט צו איר; און געזוכט, מיט זיין בליק, אין איר צו דערקאנען זיין גוטער טייע־

דער חברטע פון שטענדיק. נאָר, עפּעס האָט ער איר נישט דערקאָנט מער!...
אָ, איצט האָט ער איר גענומען זעען אַנדערש... עפּעס גאָר — ווי זי טוט
זיך אויס פאַר אים איינגאַנצן! זי, שעמט זיך מער פאַר גאָרנישט. זי קוקט
אים נאָך אין אַלע זייטן, וואו ער גייט און שטייט... אָ, ניין, פון איר בליק
קאָן ער מער נישט אַנטלויפן... זי שמייכלט צו אים; און זי רופט אים צו
זיך, אַף איר געלעגער... דאָרט, וועט זי טיילן מיט אים די ליבע... אָ,
דאָרט, אַף יענעם בעט, וועט זי ווערן זיינע...

*

אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען ער איז געקומען אין יענער שטוב, —
האָט חוה עטינגער גלייך דערזען אין אים אַ ענדערונג; און זי האָט באַ־
שלאָסן, פאַריינמאָל — צו ווערן פּאַרזיכטיק, בלייבן אַף דער וואַך, —
ביז וואַנען זי וועט נישט דערגיין, וואָס מיט אים איז...

אַז ער האָט זיך געפּרוּאווט צו איר דערנענטערן, איר אָננעמען פאַר
אַ האַנט, — האָט זי אים, לייכט און איידל, באַזייטיקט; באַ אים געפרעגט,
מיט אַ שמייכל — וואָס עס קומט מיט אים פאָר...

איצט, האָט ער אַליין נישט געוואוסט צו גיבן קיין ענטפער דאַרויף;
און ער האָט עפּעס אויך נישט געהאַט קיין רייד מער, כדי צו פאַרדעקן
זיין פאַרלעגנהייט. געוואָרן אויסגעטרוקנט, מיטיינמאָל, דער שטראָם!

...וואָס האָט פּאַסירט מיט אים?! וואו זענען פאַראַמאָל אַהינגעקומען
זיינע אַלע שיינע געזאַנגען וועגן דער אומשולדיקער ליבע פון אומ־
באַרירלעכקייט?...

...און מיט איר, חוה עטינגער, וואָס האָט פּאַסירט?!. וואו האָט זיך
פּלוצים אַהינגעטאָן איר לעכצנדער באַגער, דורך די נעכט, צום ערדישן
פליגלמאַן?...

...אָ, פרעגט עס בעסער נישט. זי ווייסט נישט. די בושה־זינד פון
די נעכט האָט עס באַ איר אויסגעברענט; געלאָזן אין איר בלויז אַן עקל צו
אַליץ... און מעגלעך, אַז עס וועט נאָך אויפקומען ווידער אין איר... וואָס
ווייסט זי, אַן עלנטע פרוי, צו זאָגן וועגן דער פּלוצימדיקער רעאַקציע פון
איר לייב?!.

...עס איז אמת, אַז זי, די פיל־געפּרוּאווטע, — האָט קיינמאָל נישט
געהאַט קיין גרויסן צוטרוי צו פליגלמאַנס רייד. זי האָט צוגעזען, וויאַזוי
ער בראַווירט מיט פראַזן, וואָס רעדן גאָרנישט. עפּעס שפּירט זיך נישט
הינטער זיי קיין טאַט; קיין מענלעכע קראַפט, וואָס זאָל קענען גערנווי־
ליק מאַכן דער פרוי, איר באַהערשן, איר רופן נאָך זיך!... ניין. דאָס זענען
פּוסטע וויסטע רייד פון אַ פּלאַפּלער, וואָס ווייסט נישט, וואָס ער וויל.
אָ, ווי פון איינעם, וואָס געהערט זיך גאָרנישט אָן מיטן לעבן מער; נאָר

געבליבן פון אים איז בלויז דאָס פליגל־וואָרט, וואָס שוועבט אום איבער דער לופט און עס קלינגט... טאָ, וואָס פאַר אַ אינטערעס קאָן זי, אַ לעבעדיקע פרוי, האָבן אין אים?!. נישט מער — עס איז שוין אַמאָל, פאַר אַ טשעקאַוועסט, אים אויסצוהערן; און צו זעען, ווי ער צינדט זיך אָן, ער צעפלאַמט זיך, — קאָן מען מיינען — ער קומט דאָ איינגעמען די וועלט! אָבער — ל ע ב ן ?—וואָס געהער זיך אַ פליגלמאַן אָן מיט דער מיט?!

...זי, חוה עטינגער — פון אירע באַגעגענישן מיט מענטשן, ביז אַצינד — האָט שוין געוואוסט, גלייך אָנגעכאַפּט, וואָס אַ יעדער איינער קאָן געבן. וואָס מע מאָג דערוואַרטן, און וואָס — נישט... ער, איר פליגלמאַן, — גיט אַמאָל אַ רעד אינטערעסאַנט; און זי, אין איר עלנט, איז איינגעגאַנגען — אים צו דולדן לעבן זיך. נאָר, פאַרלאָזן, — פאַרלאָזט זי זיך בלויז אַף זיך אַליין. זי, איז נאָך נישט געבראָכן אינגאַנצן, ווי מע מיינט. אָ, ניין! אָט האָט זי באַנייס, דאָ לעצטנס, דערשפּירט אירע אייגענע כוחות אין זיך פון אַמאָל, — און זי האָט אים ווידער פאַרטריבן פון זיך, איר מאַן; זי האָפט, אַז — אַף לאַנג... אָבער דאָ, — וואָס וויל פון איר פליגלמאַן אַצינד פאַר אַ נייס? ער, וואָס איז עס פאַר אַ מין מענטש?!

זי האָט געשמועסט מיט אים רואיק; אים געלערנט, זיך צו פאַרהאַלטן מיט איר — איידל און פיין; אַזוי גוט, ווי זי איז צו אים... ווי עס גייט צו, בכלל, באַ דערצויגענע מענטשן... ער, איז דאָך נישט וואָווע דאַרדעקע, איר מאַן. ער איז דאָך עפּעס — פליגלמאַן, דער קלוגער, דער אינטעליגענט!

זי האָט גערעדט צו אים; און אין איר האַרצן שוין גענומען שמייכלען אַליין אַף אירע אייגענע רייד... אָ, ווער ווייסט, וואָס פון אים קאָן נאָך אַרויסקומען, פון אָט דעם שטילן לעמעלע, וואָס גראַבט טיף... אָט אַזוי זענען זיי, די ווילדע עקשנים די מענער; עך, דאָס פאַסקודנע לעבן, אין אַלגעמיין... פריער — וואָס זיי צערעדן דאָס, פּראַלן, דעקלאַמירן, זינגען און טרילערן, ווי די קאַנאַריקלעך, אַף די העכסטע אָקטאַוועס! און פאַרלאַנגען פון דיר, אָרעמע שוועסטער, בלויז איין קלייניקייט: — אַז דו זאָלסט זיי נאָר אויסהערן! בלויז דאָס אַליין, מער גאָרנישט! ווייל... ה י י ל י ק ב י ז ט ו, אָ, פרוי פונעם הימל! אָ, געטין פון דער ליבע! און מיטן אָנרירן דיך בלויז — באַגייט מען אַ אומפאַרצייליכע זינד... נאָר, אָט גיבן דיר אַ לויף אָפּ די פאָר געציילטע אומשולדיקע יאָנטעווּדיקע טעג — מאַמעלעך מיינע, ווי שנעל זיי פאַרגייען! ,— און אַלע בלייבן זיי שטיין פאַר דיר, ד י ד י כ ט ע ר מ י ט ד י ז י נ ג ע ר — ווי די באַנומענע — שטום! אָפּגענומען באַ זיי דאָס לשון; צעמישט דער בליק, דער געדאַנק! וו ע ר — אינטעליגענץ, דערציונג?! אַלע קומען זיי פאַר אַלציינס — ווילד און משוגע; און מיט איין גיריקן דורשט אין זייער גאַנצן וועזן — דיך פאַרזוכן, שוועסטער ! דיך נאַשן, פרוי! אָ, דיך אויפ־

פרעסן אינגאַנצן, אַ לעבעדיקער! זיך נישט זעטיקן, ביז — שוין גאָרנישט פון דיר האָבן געלאָזן מער!...

...אַזוי איז דאָס לעבן. חברטע — אַ קאַמף אַ נאַקעט־ווילדער, אַ שווידערלעכער, אַ ברוטאַלער! מע איז געקומען נאָך דיין יונגן קערפּער; אויסזויגן דיין בלוט — מ ע ה א ָ ט ד י ך ל י ב ! — ד ו ה ע ר ס ט ? — און דו מוזט עס זיי געבן, דיין שמעקעדיק לייב, פריער צי שפּעטער... ווייל, טאָמער נישט, — אַזוי בלייבסטו אַליין, אָרעמע שוועסטער, ווי אַן עלנטע מוטער — אָנעם קינד; אַז עס וועט נישט זיין וועגער, דו זאָלסט טאָן זיין באַגער...

איצט, האָט זי געקוקט אַף פליגלמאַנען, אָן בייזקייט שוין אין האַר־צן. פאַרקערט. זי האָט, נאָך אַלעמען, געקלערט: — „...וועך ווייסט גאָר, צי זי פאַרשטייט אים, דעם שיינעם ערלעכן יונג? נאָר דאָך — אַז ער איז אַראָפּ פונעם הימל אַף דער ערד; אַרויף אַף אַ וועג, מיט מענטשן גלייך, — וועט מען, אפשר, אים נעמען פאַרשטיין, וואָס ער רעדט — אַז ער וועט רעדן, ווי אַ מענטש; וויסן, וואוהין ער גייט; וואָס איז זיין ערדישער באַ־גער...” ערשט, האָט ער איר גענומען געפעלן, דער גוטער אינגל, וועלכער... „איז, ענדלעך, געקומען צום שכל. ער נעמט ווערן לעבעדיקער, אינטערע־סאַנטער...” זי האָט דערשפּירט, פּלוצים, אַ פרישע נאָענטקייט צו אים; אַזויווי אַ קרובהשאַפט צווישן גלייכע מענטשן; ווי צווישן מאַן און פרוי, וועלכע געהערן זיך אָן; וועלכע פאַרשטייען זיך, זוכן זיך אַרום און באַ־גערן זיך...

זי האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און... אים פאַרשפּראָכן אַ קוש — אינגיכן, אינעם טאָג פון איר געבוירן...

...ביז דאַן — מוז ער האָבן געדולד, איר טייערער; און וואַרטן, פּונקט ווי זי...

און פליגלמאַן איז אַוועק פון איר, אַ פאַרקלערטער... ער האָט איצט אַליין נישט געוואוסט רעכט — צי איז ער גליקלעך, צי נישט...

...ער איז נישט געבליבן גאַנץ מיט זיך. ניין. עס האָט זיך שוין עפּעס נישט געזונגען מער אין זיין האַרצן אַזוי פריי, ווי פריער... דאָרטן האָט איצט געברענט און אים געטשאַדעט אין קאָפּ אַריין; אַזוי, אַז ער האָט שוין כמעט גאָרנישט געזען פאַר די אויגן — וואו ער איז דאָ אין דער וועלט...

... אַ רגע בלויז — האָט אַ פלאַטער געטאָן פאַר אים דאָס פרעכע געשטאַלט פון וואָווע דאַרדעקע — נו, יאָ, פון איר מאַן — וואָס האָט זיך געריייצט מיט אים... דאַ איז אים געקומען פּלוצים אַפן רעיון, פליגל־מאַנען, אַ אַלטע געשיכטע, וואָס ער האָט וועגן געהאַט אַרויסגעלייענט, מסתמא, פון אַ ספר...

...אַ איד אַן אָרעמאַן איז אַוועק אין דער וועלט אַריין, אַף אַסאַך יאָרן.

ער איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. אין דער היים האָט ער געלאָזן אַ פֿרוי, וואָס האָט געבענקט נאָך אים. אַזוי לאַנג, — ביז וואַנען מע האָט, איינמאָל, אין אַ שכניש דאָרף, געפֿונען אַ הרוג, וואָס איז געווען ענלעך אויף אים. מע האָט אים געבראַכט אין שטעטל; אים מקבר געווען אויפֿן הייליקן אָרט; געשטעלט אַ מצבה אויפֿן קבר. די יונגע פֿרוי האָט אַזוי לאַנג געטרויערט נאָכן מאַן, ביז וואַנען זי האָט זיך געטרייסט און זי האָט חתונה־געהאַט אַ צווייט מאָל, געבראַכט קינדער אויף דער וועלט... עס זענען פֿאַרלאָפֿן נאָך יאָרן. איר אמתער מאַן, ד ע ר ע ר ש ט ע ר, — האָט דערווייל צוריקגעקערט, פֿון זיין וואַנדער, צו זיך אין שטעטל — פֿאַרוואַקסן, פֿאַרוואָרלאָזט. עס האָט אים קיינער נישט דערקענט... ער האָט זיך גענומען דערפֿרעגן צו זיין היים. הערט ער דאָס, וואָס האָט פּאַסירט... ער האָט זיך איינגעהאַלטן, מיט די לעצטע כּוחות, נישט אויסצופּלאַצן מיט דעם אמת. ער איז אַליין אַוועק אויפֿן בית־עלמין. דאָרט, האָט ער אָפּגעזוכט די מצבה אויף ז יי ן קבר. ער איז געשטאַנען און געלייענט; בעת פֿון זיינע אויגן האָבן געקאַפּעט טויטע טרערן אויף זיין פֿאַרשפּילט לעבן... ניין. ער קאָן צוריק פֿון טויט — לעבעדיק נישט ווערן... ער מוז פֿאַרשווינדן...

...אַזוי — האָט געטראַכט פֿליגלמאַן — דאַרף ער אויכעט טאָן... ער מוז איר לאָזן צורו. זיין פֿריינטן. ער, דאַרף זיך אויפֿהערן צו פּלאָנטערן אין פֿרעמדע לעבנס; ווייל — אַ חוץ צעשטערונג, — וועט ער צו גאָרנישט ברענגען. ער, דער שטאַרקער, דער מאַן, — דאַרף, דער ערשטער, וויזן דעם ביישפּיל פֿון ווילנסקראַפֿט און... טאַקע פֿון זויבערקייט אויך, פֿון מאָראַל...

נאָר, אָט אַ פּנים, אַז פֿליגלמאַן אַליין האָט זיך נאָך קנאַפּ־וואָס געקענט. ער האָט זיך אַליץ נישט געגעבן קיין חשבון פֿון זיין שוואַכן כאַראַקטער, וואָס איז נישט מסוגל אויסצושטיין דעם מינדסטן אָנגריף פֿון שמוציקן עם. און כאָטש אים אַליין איז, אמת, געפֿעלן זיך צו זען אין דער נאָבעלער ראָל פֿון יענעם אָרעמאַן, וואָס איז איינגעגאַנגען אויף זיין לעבעדיקן טויט, — נו — ה אָ ט ע ר ז י ך ג ע ז ע ן ! און, אין זיין פֿאַנטאַזיע, דאָס אַלעם איבערגעלעבט גוט און שיין און פֿיין; אויף אַזוי פֿיל, — אַז ער איז אַזש אַליין געבליבן גערירט פֿ ו ן ז יי ן ג ר ו י ס מ ו ט י ק ע ר ה אַ נ ד ל ו נ ג לגבי דער איידעלער פֿרוי; און פֿון זיין אייגענעם פֿרייוויליקן זעלבסט־אויפֿאָפּפֿערן זיך, אָ, אויף דעם גרויזאַמען שיקזאַל־מזבח פֿון זיין ליבע צו איר...

...— אָ, ווי איז צו אים! — האָט ער גערופֿן, אין זיין עקזאַלטירטער פֿאַרצווייפֿלונג, שטייענדיק, אין זיין צימער, פֿאַר איר בילד און זיך־שלאָגנדיק, מיט די פֿויסטן, אין האַרצן אַריין — זאָלן די דונערן און בליצן פֿון דער פֿיין און פֿון דעם עלנט טרעפֿן אין מיין אייגענעם גוף! אָ, זאָלן די ווילדע שאַקאַלן פֿרעסן נאָר מיין אומווירדיק לייב אַליין! אָבער

דו, מיין ליבע, מיין טייערע — ווייס נישט פון קיין לייד! זיי גליקלעך — אַדיע!...

אָט די גרייכלעכע סצענע האָט ער ווידערהאָלט עטלעכע מאָל. ביז עס האָט זיך גענומען אָנרוקן דער טאָג פון איר געבוירן; און ער איז באַנייס געוואָרן אומרואיק. ער האָט, מיטיינמאָל, אויפגעהערט שפּילן די ראָל פון עם אַבנעגירטן; און זיך גענומען גרייטן, פּונקט ווי אָן זיין ווילן דערביי, צו עפּעס גאָר אַ נייער ראָל — שיר נישט אַ פּאַרקערטער פון דער ערשטער...

עס איז אים פּלוצים איינגעפאַלן; און ער איז אַוועק אין אַ יוּוועליר־געשעפט, געקויפט זיין פריינטן אַ מתנה — אַ טייערן גילדענעם בראַנזעלעט. ער איז נישט געשטאַנען אין קיין געלט — ווייבאַלד עס איז געגאַנגען פאַר אַזאַ נאָבעלן צוועק, ווי ליבע... נאָכהער, איז ער געקומען אַהיים; און גלייך צוגעטראָטן פאַרפאַסן אַ פייערלעכע דרשה, וואָס — ער וועט האַלטן פאַר איר, זיין פריינטן — אין טאָג דעם גרויסן פון איר געבוירן...

די דרשה האָט ער געלאָזן פאַרייביקן פריער אין אַ שריפט. דערנאָך, האָט ער גענומען זי שטודירן אויפן קול — באַגלייט מיט אַלע זשעסטן און פּאַנטאָמינעס, ווי עס האָט זיך געקלעבט צו דער זאַך. ביז וואַנען עס האָט גענומען גיין אַף אַ דרך; און ער האָט זיך שוין דערצידירט, איינמאָל אין אַ באַנאַכט, דורכצופירן — פאַר איר בילד, אין זיין צימער, די גענעראַל־פּראָבע...

אַז עס איז נעקומען דער באַשטימטער טאָג, — האָט ער אַלעס געבראַכט אין אָרדענונג, די מתנה, די שריפט; און ער איז אַוועק גלייך אַהינצו, אין שטוב צו דער פריינטן.

ער האָט שוין פון דאָרטן געהאַט געפעלט — היבשע עטלעכע טעג; און זי, אים דערזעענדיק פּלוצים, — האָט זיך מיט אים דערפריידט; איב געוואָלט פרעגן — וואו ער איז פאַרפאַלן געוואָרן; געוואַרט, ער זאָל איר פרעגן — וואָס זי מאַכט...

נאָר ער — אַ געפערלעכער אַפן אויסזעען, ווי אַ באַנומענער, — האָט גאָרנישט געזען, נישט געהערט. ער האָט אַרויסגעכאַפּט פון איין קעשענע דעם גילדענעם בראַנזעלעט און, אָן איין וואָרט אויסצורעדן, — אים איר אָנגעטאָן אַף דער האַנט. און נאָך איידער זי האָט באַוויזן אויסצודריקן איר פּלוצימדיקע פרייד דאַריבער, — האָט ער שוין געהאַט אין זיין האַנט יענע שריפט. ער האָט זיך געשטעלט אין אַ פייערלעכער פּאָזע; אויסגעצויגן, גלייך ווי אַ סטרונע, פאַר איר; גענומען לייענען אַף דעם העכסטער אָקטאַווע, פּונקט ווי אַ מאַניפעסט...

„אַ שריפט — אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט.

„אַ, אַ, אַ... הערסט, מיין טייערע. היינט, איז דער גרויסער טאָג פון

דיין געבוירן. איך ווייס נישט — איצט, אינמיטן נאַכט, — וואָס מיט דיר איז... צי דו שלאָפסט; צי דו טאַנצסט; אָדער אפשר, חלילה, עפּעס אַנדערש. אָבער, א י ך וואַך איבער דיר, ווי אַ ברודער דיינער, ווי דיינער אַ פריינט. איך זע דיך אין מיין אָרעם צימערל — שוועבן פאַר מיר. איך גלעט דיך און האַלז דיך. איך פיל דיין אָטעם אַף זיך. איך הער דיין קינדערש גוט האַרץ שלאָגן צו מיר. און איך הויב אויף מיינע הענט אַף דיין אומשולדיקן שיינעם קאָפּ; און איך בענטש דיך; און איך רוף אויס:

„— אָ, אָ, אָ... וואויל איז צו דיר!... זאָלסט זיין געזונט! זאָלסט לעבן לאַנג! און זאָלסט פילן אין דיין האַרצן דעם פייער־פלאַם פון ליבע, אַקוראַט ווי איך פיל אים! אָ, זאָלסט באַשאַנקען ווערן מיטן זעלבן גרויסן גליק, מיט וועלכן די געטער האָבן מיך באַשאָנקען! זאָלסט ווידער באַנייט ווערן אין דיין יוגנט, ווי איך בין באַנייט געוואָרן מיט דיר — אָ, וואויל איז צו מיר! אונזערע הערצער זאָלן נישט אויפהערן צו בליען און אַריינוואַקסן, איינס אינעם אַנדערן! מיר זאָלן טרינקען און טרינקען פון דעם זיסן און שאַרפן וויין, און קיינמאָל נישט זעטיק ווערן! און תמיד נאָר דורשטן, נאָר גלוסטן, נאָר בענקען: איך — צו דיר, און דו — צו מיר — אָ, וואויל איז צו אונז ביידן! און צוזאַמען מיט אונזער ליבע, אָ, אָ, זאָל וואַקסן די האָפענונג אין אונז אַף אַנדערע בעסערע טעג, אַף ליכטיקע מינוטן — ווען קיינער און גאָרנישט וועט אונז נישט קאָנען שטערן מער אין דעם טריומפאַלן מאַרש פון אונזער פאַרייניקונג, אָ, פון אונזער באַהעפטונג! אָ, זיי געגרוסט, מיין האַרציקע, מיין זיסע! אָ, זיי געבענטשט!...

איצט, האָט ער זיך אָפּגעקרעקט, אַ ווײַלע; באַנייס אויסגעצויגן, ווי אַ סטרונע; אַרויפגעלייגט זיין לינקע האַנט אַפן האַרצן און פאַרגעזעצט:

„...אָ, אָ, אָ... הערסט, מיין טייערע. ווען מיר וואָלטן געווען אינדערהיים, איצט, אום פרילינג, — וואָלטן מיר אַוועק אין די פעלדער און וועלדער. איך וואָלט באַצירט דיין קאָפּ מיט בלומען און בלימעלעך. איך וואָלט געוואַשן דיין הייליק ליכטיק פנים מיטן טוי פון די גראָזן. אַרום אונז וואָלט געהערשט אַזאַ טיפע שטילקייט פון וואַלד און פעלד. איבער אונזערע קעפּ וואָלט געהעלט אַזאַ שטילער בלאָער היימישער הימל. פייגעלעך וואָלטן געצוויטשערט אין אַרום. און אַלע, און אַלץ — און דער הימל, און די שטילקייט, און די פויגעלעך, אָ, אַ ל ע — וואָלטן געזונגען דאָס גליקלעכע שטילע ליד פון אונזער גרויסער קינדערשער ליבע. און אונזערע הערצער וואָלטן מיטגעזונגען די הייליקע פרייד. און אונזערע בליקן וואָלטן שעמעוודיק זיך אַראָפּגעלאָזט. און אונזערע פנימער וואָלטן זיך געררויטלט, פאַר בושה, אָ, פאַרן גרויסן גליק, וואָס איז אויסגעפאַלן אַף אונז... און איך, אַ באַגייסטערטער, וואָלט געווען געקניט פאַר דיר. אַ באַצויבערטער, — וואָלט איך געווען געבליבן ליגן צו דיינע פיס... אָט אַזוי... (און ער איז פלוצים אַנידערגעפאַלן פאַר איר; געבליבן אַזוי, אין דער קאָמיש־

רירנדער סצענע, אַף די קני...) און איך וואָלט געווען געשעפּטשעט, אין דער שטיל:

„... — אָ, מיין ליבע, מיין ליבסטע, מיין זיסטע! ווי גליקלעך דו דאַרפסט זיך פילן פון דעם, וואָס מיין האַרץ פלאַטערט אַזוי צו דיר...״

„און איך וואָלט דיך געווען געקושט, און געקושט, און אַזוי געווען געקושט!... אָ, וואויל איז צו מיר!...

„קומט אָבער די שווידערהאַפט־שווידער־שווידערלעכע ווירקלעכקייט — און דערמאָנט, וואו מיר זענען אין דער וועלט! אָ, זי ציפּט פאַרן האַרצן! אָ, זי צעברעכט אונז אַף שטיקער!...

דאָ האָט זי, חוה עטינגער, שוין נישט געקענט אויסהאַלטן מער. זי האָט אויסגעשטרעקט צו אים אירע אָרעמס; באַמיט אַריינפאַלן אין זיין טאָן; און, מיט גריילעך געזאַנג, האָבן איצט ביידע פאַרענדיקט:

„— אָ, ווי איז צו אונז!...״

די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געשטאַנען פאַר איר און געדולט אַ ספּאָדיק, — האָט זי אַפילו רעכט נישט אויסגעהערט, וואָס ער וויל; אַזוי שטאַרק האָט איר געפריידט די מתנה, וואָס ער האָט איר געבראַכט. זי האָט געוואָלט אויסגעבן פאַר אים איר פרייד; נאָר, זי האָט זיך עס נישט דערוועגט — צוליב דער גאַנצער וועלט מיט טרויער, וואָס ער האָט איצט געהאַט אַף זיין צורה אַרויפגעצויגן. זי האָט אַזש רחמנות־געקראָגן אַף אים...

„...וואָס ליידט ער אַזויפיל, דער אָרעמער? וואָס זוכט ער זיך צו אַזויפיל אומזיסט־אומנישטיקע פּיין?!. מיר זענען איצט אַליין, טייערער... זעסט, איך בין דיך גוט געָרן... טאָ — גענים, מענטש! לאָז געמאַך מיט די רייד!...״

זי האָט אים שוין אָבער געקאָנט אַביסעלע, איר ליבן עגאָיסט, און געוואוסט, אַז באַ אים — אָן רייד, — גייט עס נישט! ער, טוט זיך נישט אַ ריר פון דאַנעט — אַהין, — אַז ער צאַפּט נישט אָפּ פריער אַ קוואַרטירל בלוט פון זיך און פון יענעם!

דערפאַר, איז זי געבליבן שטיין — באַשיידן שטיל, ווי אַ סאָטינקע; לפנים, אָנגעהאַלטן די טרויער־מינע אין צורה, ווי דעם אָפּדרוק פון זיינע שווערע מעשות אַף איר; און זי האָט אויסגעקוקט די מינוט — ער זאָל שוין ענדיקן!

איצט, ווען ביידע האָבן אַזוי גריילעך אויסגעפירט דעם לעצטן אַקאָרד, — האָט זי פּלוצים אויפגעשטראַלט מיט גאַנצן פּנים; אַ קוק געטאָן יונג־שעלמיש אַף אים און שטיפעריש, ווי אַ קינד; באַלד, אַוועקגעכאַפּט איר בליק אין אַ זייט, ווי פאַרשעמט; אַליין אויפגעצאַפּלט, געשוויגן און גע־וואַרט...

און פליגלמאַן, דער טרוימער פון הימלש גליק, — האָט, אַ קוק־

טוענדיק אַף איר, אויפגעציטערט און, פּאַריינמאָל, געקומען צו זיך. ער איז אַזוי ווי אַראָפּגעפאַלן פון הימל — אַף דער ערד... אין זיין ברוסט — האָט ער געפילט — האָט זיך פּלוצים צעפלאַקערט אַ מוראָדיקער גראַנגל, אַ, צווישן זיין שיינער, אויסגעטרוימטער, אַ, ריינער אומבאַפלעקטער קינ־דערשער ליבע, וועלכע לייטערט דעם גוף און די זעל און דערהויבט ביז צום הימל דאָס גליק, — און — אַ נידעריקער ערדישער תאווה צו עמיצנס אַ פרוי — אַ ח ו ה . . . אַ תאווה אַ געמיינע, אַ טייפלשע — וועלכע מע מוז אויסראָטן, דערווערגן, דערשטיקן; איר פּלעטן דעם קאָפּ, ווי דער שלאַנג!...

„...אָ, גאָט! גיב מיר כוחות בייצושטיין מיין שווערן נסיון, אַצינד!...”
— האָט ער געטאָן תפילה, אין געדאַנק.

ער האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין אָרט, געוואָלט אַנטלויפן פונדאַנעט — פּונקט ווי אַמאָל, ווען זי איז געהאַט צוגעשטאַנען צו אים — אַוועק אין עק וועלט!

נאָר, אַז ער האָט באַנייס אַ קוק געטאָן אַף איר, ווי — זי איז גע־שטאַנען, מיט פאַרלייגטע הענט און געוואַרט; געשמייכלט מיט די ליפּן, מיט די ברוינע פלעמלדיקע אויגן; געקוקט. דאַכט זיך, פאַר זיך; גאָרנישט געזען; נאָר — זי האָט אים געוואָלט אַצינד, און אים נישט אָפּגע־לאָזט... — האָט ער דערשפּירט, דער אומגליקלעכער — אָ, וויי איז צו אים! — אַז — ער איז געפאַנגען אין דער נעץ פון זינד. ער ליגט געפּענ־טעט. ער קען זיך נישט קיין ריר־טאָן מער... אָ, ער איז עלנט אַצינד און פאַרלאָזן — אין דער גאַנצער וועלט... ווי אָן אַ הימל — איבער זיין קאָפּ! ווי אָן אַ באָדן — אונטער זיין טראָט! אָ, ער איז אין אַ אָפּגרונט פאַר־שפּאַרט!...

ער האָט שרעקלעך אָפּגעזיפצט און זיך אַ וואָרף־געטאָן צו איר... זי איז געווען טייפלש־שיין אַצינד, די צויבערן... ער האָט איר געטאָן אַ הויב אין דער לופטן, ווי אַ פעדער — גרינג, און איר געלאָזן הענגען אין זיינע אָרעמס; געדריקט איר צעגליטן קערפּער צו זיך און באַדעקט איר שיין פּנים מיט זיינע ווילדע ספּאַזמאַטישע קושן פון גליק; געביסן אירע ליפּן, איר האַלז; באַלד, אַליין נישט געוואוסט, וואָס ער טוט...

ביז, ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזן מיט איר אַפן דיל פונעם צימער; נישט געקאָנט אָפּטשעפּען פון איר, ווי פון אַ צוויגעלע אַלציינס. דאָרט, איז ער געבליבן ליגן, אין פאַרגעסנהייט...

חוה, וועלכע איז געווען וואַך, די גאַנצע צייט, — איז איצט געזעסן לעבן אים אַפן דיל; געהאַלטן זיין קאָפּ אין איר שויס; אים געגלעט איבער די באַקן, איבער די האָר; און אויסגעזען צו זיין רואיק, אַליין. זי האָט אפילו נישט געשמייכלט, ווי פריער. זי האָט געקלערט.

3

זינט דאַן, — האָט איר פליגלמאַן געגומען נאָכגיין, ווי אַ שאָטן. ער האָט איר פאַרקוקט אין די אויגן און נישט מיד געוואָרן, רעדנדיק פון זיין טיפן ליידנשאַפטלעכן באַגער צו איר. אָ, ער האָט איר נאָך אַלץ אויפגע־מישט מיט זיין אומהיילבאַרער בענקשאַפט צו דער היים. ער האָט זיך געשוואוירן, מיט דער האַנט אויפן האַרצן, אַז — זיין ליבע צו איר לעבט אויף אין אים יעדעס שטיינדעלע פונעם שטעטל... ער זעט אין איר דאָס געסל, דעם פלומפּ...

זי, אין איר פאַרגעסנהייט, — האָט אים ערשט צוגעלאָזן אַ טראָט־נעענטער צו זיך. נאָר, אַז ער פלעגט איר אָנרירן, — האָט זי זיך צעלאַכט, אַ אַנטוישטע, און אים געשטעלט די פראַגע:

— וואָס קושט ער איצטער: דאָס געסל, צי דעם פלומפּ?...

זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו רעדן ווייטער פון דער היים, ווייל —

— עס אינטערעסירט איר נישט מער! — האָט זי שאַרף דערקלערט — עס נעמט ווערן לאַנגווייליק...

און ווען זי האָט צוגעזען, אַז עס קרענקט אים און ער נעמט שווייגן, צעשראָקן, — האָט זי געפּרואווט מילדערן איר טאָן.

— ...אַ מאַן, אַז ער ליבט — האָט זי געטענהט ווייטער — הויבט ער ערשט אָן ווערן אינטערעסאַנט און דערפינדעריש; שיין און לעבעדיק. ער טראַכט דיר אויס זאַכן פון דער וועלט, צו ווייזן פאַר זיין דאַמע; פאַרטרייבן פון איר דעם אומעט. ער זעט — זיך צו מאַכן וויכטיק באַ איר אין די אויגן; הויבן זיין ווערט; אַרויסרופן צו זיך רעספּעקט, כדי — אַז זי זאָל בענקען צו אים, ווען ער איז נישטאָ לעבן איר; זי זאָל אים אויסקוקן; זי זאָל אים וועלן האָבן. דער עיקרשט — זי זאָל זעען אין אים אַ ל ע ב ע ד י ק ן מ ע נ ט ש ן, וואָס פליט נישט אייביק אין די הימלען — גענוג, וויפל איז דער שיעור? — אַפילו אַ פויגל ווערט מיד,

פון אומלעטן צופיל אין דער הויך — און ער זוכט דיר זיין נעסט, פאַר אַפּרו. און בפרט מיר, פּראָסטע מענטשן אויף דער ערד...

— ...וואָס וויל ער פון איר, פליגלמאַן, אַצינד? וואָס גייט ער אום און מרוקעט, אַז מע הערט נישט קיין ווערטער; אָדער גאָר — ער זאָמלט זיך אָן אינגאַנצן און ער שווייגט? וואָס איז? וואָס קוקט ער אויף איר אַזוי ווילד, אומפריינטלעך? זי, האָט אים קאַרג פאַרגעניגן פאַרשאַפט? איז זיין לעבן געקווילעט? איז אומגליקלעך געמאַכט?! ער ווייסט נישט, אַז — דער געליבטער, דער אמתער פריינט, מוז שטענדיק שפּילן שיין, אויפגעלייגט, ווי אַן אמתער אַרטיסט אויף דער בינע, — כדי אין אירע אויגן נושא־חן צו זיין?... אַ, ווייל זי, די אומגליקלעכע, איז שוין איבערגעזעטיקט פון טרויער און מרה־שחורה וויסטער. דאַרויף האָט זי איר אייגענעם מאַן!... אין אים, אין איר געליבטן, — זוכט זי פרייד און פאַרווײַלונג; פאַרגעסנהייט און גליק... אַ, זאָל ער קומען צוגיין, ווי פריער — פיין־אויפגעלייגט אין צורה; מיטן הומאָר, און אפילו מיט דער קליידונג — ווי עס באַדאַרף צו זיין; ווייל באַ איר איז דאָס — ל ע ב ן, אַלץ מיט אַנאַנדער!... אַ, דאַן וועט זי אים זיין געגרן; און ער וועט באַ איר אַלץ פועלן... נאָר, טאָמער קען ער עס נישט טאָן מער, פליגלמאַן, — טאָ — זאָל ער בעסער אויפהערן אינגאַנצן צו קומען! און וואָס־פריער, — אַלץ גלייכער וועט עס זיין פאַר זיי ביידן!...

איינמאָל, האָט זי צו אים אַ זאָג געטאָן, אַז —

— זי קאָן אים נאָר אַכטן, אַלס מענטש; אָבער פון ליבע זאָל ער נישט רעדן מער...

ער, דער אָרעמער, האָט דערשפּירט, אין דעם מאָמענט, ווי — מיט אירע ווערטער, האָט זי אַלץ צעשטערט — דאָס טייערסטע און הייליקסטע, וואָס האָט געהאָנגען צווישן זיי... פּונקט ווי זי וואָלט דערלאַנגט מיט אַ מעסער און געטראָפן אין האַלז פון זייער ליבע; זי געשאָכטן אויף אייביק; איר אַרויסגעלאָזט דאָס חיות א. א. וו. ער האָט זיך פּלוצים דערשראָקן אויף טויט — פאַרן סוף. ער איז גרייט געווען צו פאַרשטאָפּן זיך די אויערן און נישט אויסהערן מער אירע שוידערלעכע רייד... און דאָס איז געווען מאָדנע: ער, וואָס האָט דערשפּירט פּלוצים, אַז — רייד זענען שעדלעך און איבעריק, — איז דאָך געבליבן בלינד אויף זיך אַליין, ביז צום סוף...

ער האָט פאַרשטעלט זיין פּנים מיט די הענט און געוויינט...

...ווייי איז צו אים, צו וואָס ער האָט דערלעבט! מע זאָל אַזוי רעדן צו אים פון זיין ליבע! און ווער?...

זיינע טרערן האָבן איר עטוואָס צוריקגעבראַכט צו זיך. זי האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן זיינע ליידן; און זי האָט ווייטער צו אים גערעדט; אים גענומען דערציילן...

...וויפל זי האָט זיך אָנגעליטן פון אים, אין די ערשטע טעג; און, אַ ל ס פ ר ו י, זיך נישט געהאַט אַפילו צו פאַרקלאָגן פאַר וועמען; זיך גיין פאַרציען — פּונקט ווי ער איצט, פאַר איר... טאָ — זאָל ער נישט רעדן פון קיין ליידן מער. ער איז נישט אַליין!...

— ...אָבער, זי דענקט אים גאָרנישט צו פאַרשטויסן פון זיך. זי, טראַכט אַפילו נישט פון צעגיין זיך מיט אים!... זאָל ער נאָר נישט זיין קאַפּריזנע, ווי איר קינד, וואָס — אַז עס שפּאַרט זיך איין, — מוז מען דעם נאָכגעבן... אָדער, ווי איר ווייסטער מאַן...

— ...זי וועט אים זאָגן דעם אמת, פליגלמאַנען. זי איז באַגייסטערט פון אים — אַז ער רעדט אינטערעסאַנט און קלוג, און אָן מרה־שחורה. אָ, דאַן איז ער שיין, פּרעכטיק; און ער ווערט איר ליב. זי איז גרייט אים צו קושן און האַלזן דערפאַר... וואָס זאָל זי טאָן, די אָרעמע?... זי פאַר־טראָגט נישט זיין ערנסט. עס נעמט איר קריכן פון האַלז... באַזונדערס איצט; ווען ער האָט גענומען צושטיין צו איר; ער טרעט נישט אָפּ; און ער שווייגט...

— ...אָ, זי האָט זייער־גריילעך מורא, אַז — אונטער דער תאווה באַ־האַלט זיך גאָרנישט אויס; אויסער, אפשר, דאָס טוליען־זיך צו־אַנאַנדער, אוים עלנט...

— ...אָ, פליגלמאַן טייערער, פרעגט דאָס באַ מיר. איך, די געפּרוואוו־טע, ווייס, וואָס איך רעד...

...און דערפאַר — איילט זי זיך נישט. האָט זי צייט. עס איז אַ פּרוו־ביר־שטיין אַזאַ. איז דאָס ליבע, — דאַן איז זיך נישטאָ, וואָס צו באַ־אומרואיקן; ווייל, זי וועט אויסהאַלטן די שווערסטע פּראָבע, די גרעסטע יסורים! און עס איז איר, דער עלנטער, אַ שאָד די ליבע צו פאַרלירן: ווייל עס איז איר שווער אָנגעקומען, ביז זי האָט אים, אַזאַ פליגלמאַן, אָפּגעזוכט... וואָס אַרט אייך? זי ווייסט, וואָס זי טוט...

— ...אַלץ — יאָ, טייערער פליגלמאַן; נאָר — ווייטער, דערוויילע — נישט. גלויבט מיר: מיט אַזעלכע זאַכן שפּילט מען זיך נישט. עס קומט אַליין, ווען עס דאַרף... עס וועט זיין קעגן מיין ווילן, אַצינד... צייטנווייז, כאַפּט מיך אָן אַ עקל צו דעם צוזאַמענלעבן אינגאַנצן... איך זוך מיט אייך דעם מענטשלעכן פאַרקער... איך וועל אייך האַסן דערנאָך, פּונקט ווי מיין מאַן, — ווען דאָס זאָל געשעען... (און עס האָט זיך באַ איר אַרויסגעכאַפּט, פּלוצים:) — א י ך ו ו ע ל א ו ו ע ק מ י ט אַ נ ד ע ר ע ! . . . ווילט איר דאָס, מיין טייערער פריינט?! אָ, זאָגט, איך בעט אייך...

זי איז געבליבן שטיין — אַליין דערשראָקן, פאַר אירע לעצטע ווער־טער...

— וואָס האָט זי געזאָגט?!.

זי איז גרייט געווען, אצינד, אליין צו פאלן אף די קני פאר איר פריינט; זיך בעטן בא אים, ער זאל איר פארשטיין — כל זמן עס איז נאך נישט שפעט, עס איז נאך דא צייט, ווייל — אלעס איז נאך אין פארוים...

...זי האט זיך געשפירט, ערשט, מיט איר גאנצן לייב און זעל, ווי — די היטערן פון א טייערער גילדענער פאווע, אף וועמעס לעבן עס נעמט לויערן דער דערוואכטער פון דרעמל צערייצטער רויב־פויגל, מיט זיינע שיכורע בלוט־אנגעגאסענע אויגן, מיט זיין פארשארפטן שנאבל, מיט זיינע אנגעשפיצטע נעגל און מיט זיין גאנצן צאפלדיקן בלוט־דור־שטיקן גוף... ער, דער רויבער, געפינט זיך נאך, דערווייל, פעסט פאר־שלאסן אין א אייזערנער שטייג, אונטער טויער און שליסל. נאר, ער האט שוין באמערקט זיין רויב. ער רייסט זיך צו דעם, מיט דער גאנצער שטייג צוזאמען: ער ברומט, פאר פארצוקונגס־לוסט... און... זי האט מורא... ער וועט שוין נישט אנדערמלט ווערן צוריק, — אז ער וועט זיין בראנד נישט האבן געשטילט... פאר אים שטייט זי, די גילדענע פאווע; זי ציטערט מיט איר גאנצן קינדערשן גוף; און פאר שרעק, וואס זי האלט נישט אויס, — נעמט זי אליין אים גיין אנטקעגן; צום רויבער גלייך אין דער שטייג אריין...

*

א פנים, זי האט ערשט דערשפירט, די עלנטע פרוי, אין איר פאר־צווייפלונג — וואוהין עס האט דערפירט די שפיל מיט איר פריינטס קינ־דערשע געפילן... נאר, זי האט זיך נישט אונטערגעגעבן...

...נישט זי איז שולדיק דערין. זי איז א פרוי פון בלוט און פלייש — און דערמיט איז אלץ געזאגט. זי איז א לעבעדיקע יונגע ווייב, וואס באגערט, מע זאל איר ליבן — איר, נישט קיין אנדערער — און זאל דאס די גאנצע וועלט וויסן! — איר באגערן, און אויסגיין נאך איר; באַ־דאי — משוגע ווערן, א מעשה זיך אנטאן פאר איר! — ווינטשט זי דאס; יא, זי קוקט אויס דארויף; ווייל, זי האט עס די ווערט — מע הערט? — אזוי שרייט ארויס איר לייב, איר בלוט, אירע געהירן פון קאפ; עס שרייט איר זעל, באטאג און באנאכט, וועגן לעבן, וועגן שיכרות; וועגן ווילד טייפלש גליק, ביז צום פארברענט ווערן, ביז צום אומקומען, אליין און מיט יענעם צוזאמען — טא, וואו איז דא פאראנען די זארג, די פיין, די שרעק? פאר וועמען, וויל זי וויסן, דארף מען דא מורא־האבן? פאר גאט? וואס האט צו טאן דאס טייפלשע לעבן מיט גאט?! — גאט — איז זי זיכער — מישט זיך נישט אין די הינטישע געשעפטן פון מענטש, וואו איינער פרעסט דעם צווייטן...

— ...איך בין דײַן גאָט, מאַן; און דו האָסט נישט קיין אַנדערן!...

...פֿאַר מענטשן? פֿאַר װעלכע? — פֿאַר יענע, װאָס באַגערן, אײַנ־דערשטיל און אָפֿן קול, דאָס זעלבע, װאָס זי?!.

זי האָט נאָכאַמאָל דורכגעװאָרפֿן די פֿרישע בלעטער פֿון איר לעבן און, פֿאַר קיין פֿאַל, נישט חרטה געהאַט. ניין. זי איז געבליבן פֿעסט אין איר טאַט; װײַל— זי האָט געװאוסט, װאוהין זי גייט; װאוהין דער װעג פֿירט; און, זי איז אײַנגעגאַנגען דערױף — אײַנמאָל פֿאַר אַלעמאָל... זי האָט געװאוסט אױסגעצייכנט, אַז — דער פֿרילינג, װאָס גייט אַװעק, — װעט נישט צוריקקערן. אַז — איר יוגנט לעבט זי בלױז אײַנמאָל, נישט מער. נאָכהער —װעט אַלעס בלײַבן באַגראָבן צום טויט אָף אײביק. מאָג זי שרײַען, װײנען קלאָגן, שלאָגן מיטן קאָפּ אָן דער װאַנט, — בלײַבט דאָס טיפֿלשע לעבן אכזריותדיק־טויב צו איר רוף און צו איר געװײן...

...טאָ, פֿאַרװאָס — מיינט מען — דאַרף זי בעסער זײַן, און צו װעמען, כל־זמן זי איז יונג? װער האָט דאָ אָף איר רחמנות, איז צו איר גוט און ליב, — אַז זי זאָל מוזן ענטפֿערן מיטן זעלבן?!. װאָס װילן דען די מענער פֿון איר אינגאַנצן? װאָס זוכט מען בײַ איר, אין איר שוים? אפֿשר — איר גליק? אפֿשר, איר פֿרייד?!. אָ, זינט זי איז געקומען צו איר שכל, האַלט זי אָן דעם קאַמף — אַליין, מיט די אײגענע כוחות. זי, די עלנטע פֿרוי, האָט נישט קיינעם אָף דער װעלט. — און זי ברױך נישט צו האָבן אױך, — װען זי האַלט זיך פֿעסט אָן זיך... זי אַליין לײַדט; און פֿאַרשאַפֿט לײַדן אַנדערע... נישט קיין אומגליק, װען מע װיל גײן אין שלאַכט. איטלעכער טראַכט פֿאַר זיך. נאָר — נישט צעקראָכן בלײַבן! נאָר — אָן רחמנות!... װאָס דו, חבר, בײזט אױסן, — פֿאַר־שטײט מען דאָך. טאָ, זײ קלאָר און ערלעך, — װעט מען קומען צו אַ טאָלק!... ער, דו, הײליקער יונגלינג! לאָז נאָר צורו און הער אױף נודיען! מיט דײַן הימלש־קינדישער ליבע — אָ, צו מײַן דערהאָבענער זעל!... װאָס װײסטו דו, מאַנסבילשער סנאָב, פֿון די לײַדן פֿון אַ פֿרױס נשמה?... — מײַן קערפּער זאָלסטו ליבן! מאַן יונג־שמעקעדיק לײב פֿאַרזוך, נאַש און זױף. אַזש — עס זאָל דיך משוגע מאַכן, פֿון דער װעלט טרײַבן! — נישט קײן אומגליק; װיבאַלד אַז דו באַגערסט זי,די ליבע; דו האָסט זי נאָר די װערט!...

מיט אַ לױטערן קאָפּ און מיט אַ אײַנגעהאַלטן געמיט, האָט זי איצט, די פֿרוי חוה עטינגער, גענומען באַקלערן, װאָס זי האָט צו טאָן. מיט איר אײַנגעבױרענער לעבנס־װײַזהײט האָט זי זיך אָנגעשטױסן — פּונקט, װי זי װאָלט פֿאָרױסגעפֿילט די צוקונפֿט — אַז — דאָס אומפֿאַרמײַדלעכע װעט מוזן קומען; פֿריער, צי שפּעטער... עס איז דער גורל פֿון יעדער פֿרוי, װאָס שטעלט זיך אַנטקעגן; װאָס רײַסט זיך פֿון שפּאַן... מע האָט אָבער

געמוזט באוואָרענען, אַז — דער שטורעם זאָל נישט אויסברעכן צו־פרי.... זאָל ער קומען, ווען ער דאַרף; אָבער, נישט פאַר דער צייט!...

און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז... זי מוז ערשט בלייבן אַליין, כדי אַלעם דורכצוטראַכטן — איבערגעלעגט און אָן געאייל...

זי האָט גענומען איינקנעלן מיט איר פריינט, אַז ער מוז איצט פאַר־שווינדן פון זייער שטוב, כאָטש — אויף אַ קורצער צייט! — כדי איינ־צושטילן ליטישע מיילער, וועלכע האָבן זיך שוין צופיל צעפלאַמט...

און זי האָט צוגעגיבן:

...ווייבאַלד אַז ער, איר חבר, האָט עס נישט אינזינען, — מוז זי אַליין, די פרוי, זאָרגן פאַר דעם... זי פאַרשפּרעכט אים, דערפאַר, צוואַוויי־סן־טאָן, וואו מע וועט זיך קענען טרעפן — אויסער דער שטוב, און אָן דער געפאַר פאַרן פרעמדן אויג...

„...ס'הויבט זיך נישט אָן. זי האָט אפילו נישט געטראַכט דערפון, אים צו זעען אַזוי גיך...”

איצט, איז ער געשטאַנען פאַר איר, אָן־לשון; אַ דערשלאָגענער אַליין, פון דער גזרה, וואָס זי האָט אויסגערופן אויף אים.

איר האַרץ, אויף אים קוקנדיק — און ווי קענן איר ווילן, ערשט — האָט זיך צוזאַמענגעדריקט פון... רחמנות צו דעם אומבאַהאָלפענעם גוטן יונג, וואָס ליידט זיך עס אָן פון איר אביסל! און עס וואָלט געווען אַ עולה, ווען זי באַלוינט אים נישט, כאָטש אויף אַזויפיל, דערפאַר...

און זי האָט זיך, פּלוצים, גענומען קלאָגן — אויף זיין אומדיפערענט־קייט צו איר...

...אַ אַנדערער, אויף זיין אָרט, — וואָלט נישט געשטאַנען, ווי קיין לעקיש, פונדערווייטנס, און אויסגעקוקט אויף איר גאָב, ווי אויף אַ נדבה, אַלציינס... ער וואָלט דערשנאַפּט אַליין די מינוט, ווי אַ יעגער — וואַכ־זאַם און שאַרף — ווען מע קאָן, ווען מע מאָג; ווען ער איז ליב דער פרוי...

און דאָ, ער — ווייסט נאָר פון קלאָגן און רעדן, ווייטער פון גאָרנישט... אָ, גלייך ווי זי גייט אים ניט אָן אַליין; נאָר, דער עיקר, זענען באַ אים זיינע רייד!... ווייל, אַנדערש — וואָלט ער געדאַרפט פאַרשטיין, אַז — אויף דער ליבע מוז מען אַכטונג־געבן כסדר, באַטאָג, באַנאַכט, ווי אויף אַן ערשט־געבוירן קינד; היטן דעם פלאַם; אָ, אונטערהאַלטן דעם פונק... ווייל, אַנישט, — ווייסט זי, חוה, אַליין נישט... עפּעס אַ נעפל, לעצטנס, פאַרשטעלט פאַר איר אַלץ... אַזוי, אַז — זי פילט שוין נישט מער דעם זעלבן באַגער צו אים, ווי פריער, ווען דאָס גאַנצע בלוט אירס האָט זיך געריסן אים אַנטקעגן...

— ....אָדער — אפשר, אינטערעסירט זי אים שוין נישט אינגאַנצן מער?!.

ערשט, איז זי געבליבן שטיל און געוואַרט. זי האָט צוגעזען, מיט

הנאה, ווי... ער גייט דערוואכן, איר פריינט, אזוי ווי א פארשטארטער קומט צו זיך...

זיין פארומערט פנים האט אויפגעהעלט. אז ער האט זיך גענומען ציען צו איר; דערשפירט איר ווארעמקייט שלאגן צו אים. פון אירע ברוס־טן, פון אירע פיס... ער האט זיך געטוליעט אין איר, מיט פארמאכטע אויגן, אזוי ווי א קינד נורעט זיך בלינד אין דער מוטערס זים לייב... ער האט דערפילט, ווי אויך זי גיט זיך אים אנטקעגן...

זי האט אים ארומגענומען באם האלז; אפגעזוכט זיין מויל; עס גע־קושט גלוסטיק־לאנג. און ער, דער מאנספארשוין, האט אף אירע ווארעמע קושן צוריקגעענטפערט...

*

איצט, האט פליגלמאן גענומען ווארטן אנגסטלעד אף איר פארשפרע־כן; זי זאל אים צואוויסן־געבן, וואו זי וועט זיך מיט אים טרעפן, אויסער דער שטוב.

נאר עס איז אוועק א וואך; נאך עטלעכע טעג, — און ער האט נישט באקומען פון איר קיין שום צייכן. זיין שרעקלעכע בענקשאפט האט אים משוגע־געמאכט; און ער האט שוין נישט געקאנט אויסהאלטן מער. איז ער, איינמאל אינאוונט, געקומען צולויפן צו איר אין שטוב אריין און — געטראפן די טיר צוגעשלאסן. ער האט זיך אנגעשטויסן, אז דאס האט זי געמוזט ארויסגיין מיטן מאן שפאצירן; און, צום ערשטן מאל, אין זיין לעבן — האט פליגלמאן איצט פארזוכט דעם טעם פון אייפערזוכט, וואס האט אים אנגעכאפט, ווי א פלאם־פייער; גענומען ברענען און בראטן זיין לייב...

אין זיין פארבלענדעטן צארן, האט ער זיך פונדעסטוועגן געגעבן רעכענונג, אז — מע דארף נישט ווארפן אף איר די גאנצע שולד דערין; ווייל — נישט אליין, וואס זי טוט, — איז מיט איר גוטן ווילן...

...זי, איז א געפאנגענע אין די הענט פון א רויבער! — איז אים פלו־צים געקומען אפן רעיון א לעגענדע, א סיפור פון א ספרל, און דאס האט אים שוין כמעט־אינגאנצן איבערגעצייגט... — זי איז די בת־מלכה, די פרינצעסן איז זי פון ר' נחמן בראצלאווערס מעשה מיט די עשרה גזלנים, וועלכע האבן איר געפאנגען, און איר כסדר אויסבאהאלטן ערגעץ אין א פאלאץ, אין א הייל, אין א וואלד; איר אריבערגעפירט פון ארט צו ארט — אזוי, אז מע האט קיינמאל נישט געקאנט דערגיין אף זיכער, וואו זי געפינט זיך... אבער, דער פרינץ מיט זיין ברענענדיקער ליבע, דער בן־מלך — ער האט זיך געיאגט נאך איר כסדר, באטאג־און־באנאכט. ווען ער כאפט זיי, די גזלנים, — אזוי לאזט ער נישט פון קיינעם קיין שריד־

ופליט; און איר, זיין באַשערטער, וואָלט ער גלייך געווען באַפרייט... איז אָבער — מעשה שטן באמצע: האָט ער תמיד פאַרשפּעטיקט — אַף איין רגע. אָנגעקומען איז ער אַף זייערע שפּורן ריכטיק; נאָר, מע איז שוין פון דאָרט געהאַט אַוועק... און ער, דער אומגליקלעכער פּרינץ, אין זיין פאַר־צווייפלונג, אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער, — האָט געמוזט ערשט איר לויפן זוכן פונדאָסניי... איינמאָל; נאָך זיבן טעג און זיבן נעכט פון אַרומ־זוכן איר אין ערגעץ אַ וואַלד, — איז ער אָנגעקומען נאָענט פון אַ אָרט, וואו זי האָט דאָ געדאַרפט זיין אַף זיכער; אַלע שפּורן האָבן עדות געזאָגט דאַרויף. נאָר מיטאַמאָל — ווען ער איז שוין געווען האַרט־נאָענט צו זיין ציל, — איז אים פּלוצים באַפאַלן אַ שרעק־לעכע מידיקייט, אונזער פּרינץ; און ער איז געפאַלן אַף דער ערד; ער איז איינגעשלאָפן, ווי אַ שטיין... אַזוי איז ער אָפּגעשלאָפן — אַ צייט לאַנג. דערנאָך, שפּעטער, ווען ער האָט דערוואַכט, — האָט ער זיך אַרומגעקוקט, וואו ער איז דאָ אין דער וועלט. און ער האָט פּלוצים דערזען, נישט ווייט פון זיך — אַ זיידן טיכל. און אַף יענעם טיכל איז געווען געשריבן מיט אירע בלוטיקע טרערן, דער בת־מלכהס, אַז „...זי איז דאָ פאַרבייגעפאָרן, מיט אירע פאַנגער... נאָר — אָ, ווי איז צו איר!... — וואָס ער איז פאַרשלאָפן די צייט...” און זי האָט אים ערשט געגעבן אַ צייכן — וואו ער זאָל איר ווייטער גיין זוכן...

...אַ פּנים — האָט פליגלמאַן איצט געקלערט — דאָס ערגסטע קומט, ווען מע פאַרשלאָפט אַמאָל די ריכטיקע מינוט...

און ער האָט צוגעגיבן ווייטער אין געדאַנק:

...דאַכט זיך, אַז יענע מעשה ענדיקט זיך קיינמאָל נישט. ער, דער פּרינץ, איז גראָ און אַלט געוואָרן; און זיין פּרינצעסן מער נישט אָנגע־טראָפן אין לעבן...

...אָבער, דאָרט כאָטש — האָט ער מיטאַמאָל אויפגעצערנט, פליגל־מאַן — פלעגט זי איבערלאָזן אַ צייכן — מע זאָל וויסן, וואוהין זי איז אַוועק! און דאָ — וואָס?!.

און ער האָט צוגעגיבן — אויסער זיך, פאַר פּיין:

...אָ, צי' טראַכט פון אים איבערהויפּט די פרוי? צי גיט זי זיך אָפּ אַ רעכענונג פון דעם מוראַדיקן שטורעם, וואָס שטורעמט אין זיין האַרץ? ווייל זאָגנסט, — באַגרייפט נישט זיין טראַגישער מאַרך — וואָס דאָ טוט זיך אַף דער וועלט! אין דער צייט וואָס ער — פליגלמאַן; דער טראַגישער, לויפט אַרום, ווי אַ וואַנזיניקער — קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען, מיט זיין טראַגישן מאַרך און זעל, פאַר אַנגסט, — ליגט איר גאָר אינזינען — שפּאַצירן גיין?! און מיט וועמען — מיט זיין ערגסטן שונא — מיטן מאַן?!

...— אָ, שומו שמים! אָ, שפּאַלט אייך, הימלען, פון מיין כאָרבלענ־

דער פּיין! אָ, ברעכט צוזאַמען, זיילן פון דער וועלט — פאַר מיין דריי־מאָל־טראַגישן אומגליק! אָבער איך, דער געבראַנדמאַרקטער — וועל אַליץ נישט געטרייסט ווערן!...

און ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, דער העלדישער ריטער; און ער האָט באַשלאָסן פּלוצים — צו פאַסן אַ גריילעכן באַשלוס!

— ער, וועט קומען צוגיין; און, ער וועט אויסרופן פאַר איר, אָ, זיין פייערלעך־אומווידעררופלעכן אורטייל. אַז — ער רייסט איבער מיט איר אף אייביק! — אָט אַזוי וועט ער טאָן!

אוי בּומאַרגנס גלייך, באַטאָג; האָט ער איינגעשלאָגן אין יענער שטוב, ווי אַ דונער. איצט, האָט ער איר געטראָפן; און — ער וואָלט באַלד געוועזן אַרויסגעשאָטן אַליץ, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעזאַמלט אָפן האַרצן! — נאָר, פון איין קוק אירן אף אים, — איז ער געבליבן שטום...

...עס האָט איינגעטראָטן אַ שרעקלעכע שטילקייט. ער איז געזעסן. איין ווײַלע, און זיך־צוגעהערט צו דעם, ווי עס בושעוועט דאָרט באַ אים אינעווייניק. ביז עס האָט גענומען וואַרפן מיט אים ס'קדחת. ער איז צו־געגאַנגען צו איר און איר אַרומגענומען...

זי, איז געווען גרייט אף דעם. אַליין זיך אַנידערגעלייגט אף דער קאַ־נאַפּע. גלייך האָט זיך באַ איר דער אָטעם אָפּגעהאַקט. זי האָט זיך קראַמפּ־האַפט אָן אים געקלאַמערט און זיך אים אָפּגעגעבן פולשטענדיק...

...ער האָט דערשפּירט פּלוצים אַ געטלעכן געגנוס צעגיין זיך איבער אַלע זיינע גלידער...

...אָט דאָס איז ער, דער עקסטאַז — האָט ער געקלערט — אָט דאָס איז זי, די ליבע...

דערנאָך, האָט ער געפּרואווט נעמען רעדן צו איר, אַז —

— ער וויל איינס: איר מאַכן שטיל און גליקלעך א. א. וו.

נאָר, זי האָט אים ראַפּטעם איבערגעשלאָגן.

—אום גאָטס ווילן, הערט אויף!

זי האָט זיך גענומען קלאָגן, אַז — עס שטיקט איר דאָ די לופט... אָ, זי וואָלט אַנטלאָפן פונדאַנען — אין עק וועלט!...

אַז פליגלמאַן האָט זיך, ענדלעך, אויפגעהויבן און געוואָלט אַוועק, — האָט זי נישט דערלאָזט...

— עס קאָן דערוועקן באַ אים אַ חשד...

פאַרנאַכט צו, איז וואָווע דאַרדעקע אַריינגעפאַלן אין שטוב אַריין — פון דער אַרבעט.

ווי נאָר ער האָט באַמערקט פליגלמאַנען, — האָט ער גלייך גענומען שאַלטן דער פרוי מיטן קינד. דערנאָך, האָט ער זיך געשטעלט אף אַ שטול;

אַראָפּבאַקומען פון אויבן, אַף דער שאַפע, אַ פלאַש מיט בראָנפן; זיך־אָנ־געגאָסן אַ פולע טיי־גלאָז; מעשה־העלד — זי איבערגעקערט, מיט איין זופּ, צו זיך אין גאָרגל אַריין, און זיך־אָפּגעקרעקט...

— צום געזונט! — האָט ער אויסגערופן — עס זאָל זיין אַ רפואה צום בעט, כע־ע־ע...

און ער האָט אָפּגעהאַקט.

אין שטוב האָט זיך געשטעלט אַ שטיקנדע שטילקייט, ביז צום דער־וואָרגן ווערן. פליגלמאַן האָט עס שוין נישט אויסגעהאַלטן מער; און ער איז אַרויסגעלאָפן פון דאָרט...

די זומערדיקע אָוונט־פרישקייט, דאָס מחיהדיקע ווינטל אינדרויסן האָט אים עטוואָס געבראַכט צו זיך.

...ער האָט גענומען צוריקקערן, אין דמיון, צו זיין היינטיקער אינטי־מער איבערלעבעניש מיט זיין פריינטן... פון געוואוינטשאַפט — צי גאָר, מחמת איינגעבוירענער מרה־שחורה, — האָט ער, תחילת, אַלץ גענומען דרינגען צום שלעכטן...

„...אוי, ווי איז מיר!... — האָט ער ביטער אָפּגעזיפצט — איך וועל איר שוין, טיי־ווי, נאָכפאָלגן ווי אַ שאָטן — אימער, אימער... מיין אייגן לעבן איז שוין ליקווידירט!..."

נאָר, אָט אַ פנים, די שפּורן פונעם גליק זענען נאָך געווען צו־פריש אין אים, און דער רויש איז אים נאָך געשטאַנען צו־פעסט אין קאָפּ, — אַז ער זאָל לאַנג קאָנען אָנציען מיטן טרויער! און ער האָט טאַקע פאַר־ענדיקט מיט אים, און אַריבער צו אַ נייעם טאָן. ער איז אַרומגעגאַנגען, אַ גאַנצע נאַכט, איבער די גאַסן פון שטאָט — אַ צעשטורעמטער־צעחושטער, אַ צעשרויפטער־אויפגעברויזטער, — און כסדר געהזרט צו זיך די רייד:

— ...אָ, אונזער ליבע איז אַריין אין אַ נייער פאַזע. זיין מאַיעסטעט — ד ע ר ב ל י נ ד ע ר ק ע ר פ ע ר , מיט זיינע פאַרלאַנגען און אייפער־זוכט! איצט, פאַנגט זיך אָן אַ פרישער געראַנגל. עס וועט זיגן דער שטאַרקערער. אָ, עס נעמט ווערן העכסט־אָנגעצויגן, העכסט־שפּאַנענד, העכסט־ אינטערעסאַנט!... קינדער־ליבע? ערהאַבענער גייסט? — אָ, דאַנקט אָפּ, דערוויילן; און שטערט נישט, פריינט האַרציקע... איך, פליגלמאַן דער טראַגישער, שפּיר — אָ, ווי איז צו מיר! — אַז — ערשט, איז אַריבער אייער צייט!...

איצט, האָט דער טראַגיש־אויפגעקומענער פליגלמאַן גענומען באַ־שטיין אַף זיינע רעכט פון אַ זיגער.

ער איז געקומען צוגיין, דעם אַנדערן טאָג, און גלייך צוגעפאַלן צו איר מיט זיינע ליידנשאַפטלעכע קושן און אומאַרמען.

זי, האָט זיך פלוצים שטאַרק־פונאַנדערגעלאַכט און אויסגערופן:

— אהא, איצט הויבט זיך אָן די עקזעקוציע?...

נאָר, ער האָט איר אַלץ געלאַשטשעט אומויפהערלעך; און אַזוי ווי עס האָבן זיך נאָך, אַ ודאי, געפּלאָנטערט באַ אים אין געמיט די שברי־לוחות פון זיינע געוועזענע קינדער־אילוזיעס, און ער האָט דאָס געמוזט אַצינד אָפּגעבן מיטן שטראָם, — האָט ער ערשט גערעדט — פאַר פייער און פאַר וואַסער; און אַזוי געטאָן דעקלאַמירן:

— דו ביזט נישט קיין קערפּער בלויז... דו ביזט אַ מענטש!...

דערביי, האָט ער געקוקט אַף איר אַזוי שאַרף מיט זיינע שוואַרצע בלישטשענדע בליקן, — אַז איר, דער עלנטער פרוי, האָט זיך פּלוצים גע־נומען אויסדוכטן, וויאַזוי — ער קוקט איר עפּעס נאָך; ער פאָרשט איר אויס, צי גאָר — ער פאַרדאַמט איר...

און זי האָט אַראָפּגעלאָזן אירע אויגן, אַ פאַרשעמטע. ביז וואַנען זי האָט גענומען צווזען, ווי ער איז שוין צעווילדעוועט; ער ווייסט נישט, וואָס ער טוט... זיין באַריר האָט איר שרעקלעך אויפגערעגט. זי אַליין האָט זיך גענומען קלאַמערן אָן אים; און ענטפערן קראַמפּהאַפט אַף זיין לאַסקע צו איר. ביז, זי איז געבליבן אונטערטעניק; אים געלאָזן אויספירן זיין באַגער...

דערנאָך, האָט זי זיך געהאַלטן אָן אים און געטוליעט, אַ לאַנגע צייט...

פּלוצים, האָט זי זיך גענומען קלאָגן, אַ קרעמפּירטע, אַז...

...עפּעס האָט זי מורא, ווי —ער קוקט איר נאָך... — ער גיט זיך נישט אָפּ אינגאַנצן, אָ, ווי זי וואָלט געוואָלט... ער פאַרסמט איר די בעסטע מי־נוטן פון איר לעבן...

זי האָט ווייטער גערעדט און אויסגעדריקט די מורא, אַז...

...ערשט, ווען ער וועט זיך אָנזעטיקן מיט איר, — קאָן ער נאָך בלייבן אָפּגעקילט, דערווייטערט... און זי וויל עס נישט...

דאַן האָט ער — אַ באַגליקטער, אַ אָנגעזעטיקטער אַף דער וויילע, — געפּרואווט אַ זאָג־טאָן, אַז

— וויבאַלד זי שרעקט זיך, — קאָן מען עס אויפגעבן...

נאָר זי האָט אים דערויף נאָך פעסטער אָנגעכאַפּט פאַרן אָרם און זיך מודה־געווען, אַז

...איצט, וויל זי עס... נישט...

זי האָט גענומען רעדן פון יענע ערשטע טעג; ווען ער האָט אָנגעהויבן אַריינקומען צו זיי, און זיך צעזונגען פון זיין קינדערשער ליבע...

...אָ, ווי זי האָט זיך דאַן געפילט שרעקלעך־באַליידיקט; און געליטן, ווי אַ יונגע פרוי, וועמעס שיינקייט און וועמעס ליבּ מע באַמערקט גאָר־נישט... אָ, וויפל זי האָט עס צעטראַכט; אויפגעוועזן גאַנצע נעכט און גע־קלערט, ביז זי האָט אים געבראַכט דערצו... אַלץ; אַלץ, וואָס זי האָט גע־רעדט און געטאָן, אין יענע טעג: איר ברוגז־ווערן מיט אים, און איר וואַרפן זיך — פאַר יעדער קלייניקייט, — איז נישט געווען אָן דעם כיוון — צו

ציען זיין בליק אַף איר; זיין אויפמערקזאַמקייט און זיין אַכט... אַפילו לעצטנס, ווען זי האָט זיך אַ זאָג־געטאָן, אַז — זי קאָן אים נאָר שעצן, אַלס מענטש, אָבער נישט ליבן, — איז זי אויך נישט אויסן־געווען מיט דעם עפּעס אַנדערש, ו — בלויז אָנצוטאַפּן דעם דופק בּאַ אים, ווי ער האַלט מיט זיין ליבע צו איר... איצט, מאַג זי דאָס אַלץ דערציילן, ווייל — זי נעמט ווערן זיוּגר מיט אים; גלויבן אין זיין וואָרט... אָבער, ווי שווער עס איז איר אָנגעקומען, — ביז זי האָט אים דערגרייכט און דאַ־אַהער געבראַכט!...

און זי האָט זיך נאָכמער איינגעטוליעט אין אים; געלייגט איר קאָפּ אַף זיין ברוסט; ווי געוואָלט פאַרנעמען איצט דעם רויש פון זיין האַרץ...

אָבער ער, דער תמיד־אומצופרידענער בעל־בכי, — האָט דערווייל גענומען קומען צו זיך... אָט, אַ פּנים, ער האָט שוין געקענט רעדן, — ביז וואַנען ער זאָל נישט האָבן צעשטערט זיין אייגן און יענעמס גליק... דערפאַר האָט ער, אַצינד, אַף אירע לעצטע רייד, ביטער אָפּגעזיפצט און אויסגערופן:

— יאָ. האָסט איר אַלעס דערגרייכט; אויסגעפירט, וואָס איר האָט געוואָלט. אָבער, מיין לעבן — וויסט איז מיר! — האָט איר צעבראָכן אַף אייביק!

זי איז געבליבן דערשטוינט, פון זיינע ווערטער.

— וואָס רעדט איר? — האָט זי אויסגערופן, צעמישט — איר קלאָגט שוין ווידער? מיין גאָט! איר האָט דאָך אָקאָרשט געגאַשט, פאַרזוכט פון מיין לייב?! איצט, זעט איר אויס לעבעדיקער, אינטערעסאַנטער...

נאָר ער, די קלאָג־מוטער, איינמאָל אָנגעהויבן, — האָט זיך שוין נישט געלאָזן איינגעמען מער... אַ פון־תמיד־צוגעוואוינטער צו איינוויקלען די אייגענע אוממענטשלעכקייט און פוילעניש — א י ן ד ע ם ב ל אָ ע ן מ אַ נ ט ל פ ו ן א י ב ע ר מ ע נ ט ש , וואָס זוכט רק בּאַ יענעם די גערעכטיקייט און די צידקות, — האָט ער פּלוצים אויסגעפּלאַצט:

— נו, און מ י ט א י ם וואָס איז? איר מאַכט אייך פאַרגעסן?!

ווי מע וואָלט איר אָפּגעגאָסן מיט אַן אייז־קאַלטן עמער־וואַסער אי־בערן צעהיצטן קאָפּ און געבראַכט פּלוצים צו זיך, — אַזוי האָבן איר זיינע רייד דערלאַנגט אַצינד. זי האָט זיך גענומען אָפּרוקן פון אים. געוואָרן בלייך אין צורה — פאַר דער שרעקלעכער באַליידיקונג, וואָס ער, איר גע־ליבטער, האָט ערשט געוואָרפן אין איר, אַלס — עלנטער שוואַכער פרוי... זי איז פּלוצים געבליבן געבראָכן און גערעדט צו אים, אַ פאַרשעמטע, ווי זיך בּאַ אים געבעטן:

— איך קאָן אַלץ דערלאָזן; אַלץ איבערטראָגן; נאָר — נ י ש ט ר ע ד ן . אַ, מיין גאָט! שוינט יענעמס געפילן... אַנישט, האָב איך מורא — וועל איך אינגאַנצן אויפהערן צו רעדן מיט אייך...

זי האָט זיך איצט צעוואָרעמט אין קול, אויסגעגלייכט, ווי באַקומען צוריק איר מוט...

— ...זאָגט — וואָס פאַר אַ מענטש זענט איר?!.

ווידער, אַ ווייגענדיקע:

— ...ווער גיט אייך דאָס רעכט אַזוי צו רעדן צו אַ פרוי?!

צוריק געשטאַרקט:

— ..איר האָט עפּעס געפּרוּווט טאָן פאַר מיין לעבן —עס איבער־מאַכן, — וואָס איר דערלויבט זיך?!. — אָ, מע דאַרף אייך אַלע ווארפן אין איין פייער און פאַרברענען — אַזוי ווי איר זענט!...

און זי האָט זיך אַוועקגעקערט אין אַ זייט, מיט אַ ביטערן פאַרדרוס; נישט געוואָלט מער וויסן פון אים.

*

ערשט, ווען פליגלמאַן האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט איבערגעזאָלצן דאָס געקעכץ, — איז שוין געווען צו־שפּעט. ער האָט זיך געמאַכט נמאס בא איר אין די אויגן, און זי האָט אים נישט געקאָנט פאַרטראָגן.

אָבער, זי האָט אים, חלילה, נישט אַרויסגעטריבן. זי איז געווען אַף אַזוי־פיל טאַקטפול, — אַז זי האָט אים נישט געשטערט צו קומען —ווען ער האָט נאָר געוואָלט — און איר אָנדולן אַ פולן קאָפּ מיט זיין פוסטער זינלאָזער פּלאַפּלעריי, וועלכע — ווי זי האָט שוין געגומען איינזען, — האָט אים קיינמאָל נישט פאַרפליכטעט צו עפּעס...

(...אָ, זי, די געשטראָפטע פרוי חוה עטינגער, — האָט זיך, אַ פּנים, כסדר געמאַכט פאַרגעסן דערפון, אַז — זי האָט געהאַט פאַר זיך אַ מענ־טשן, וועלכער האָט געלעבט אין אַ חלום־וועלט פון דער היים... דאָרט, האָט ער איר דערקאָנט. דאָרט, האָט ער איר זיין וואָרט געגעבן... דאָרט, אייגנטלעך, האָט ער געלעבט, ווי אַלע אַנדערע, צוזאַמען מיט דער גאַנצער היים, געאָטעמט, גערעדט, געטאָן; געוואוסט, וואָס ער וויל... היים, דאָס איז — לעבן! פליכט פאַר אַ געפיל, פאַר אַ וואָרט!... ערשט, ווען זי האָט אים צעוועקט פּלוצים פון זיין שלאָף, — ווייסט ער נישט, וואו ער געפינט זיך. געדענקט ער גאָרנישט פון זיין חלום. נישט ער ווייסט, וואָס ער רעדט, וואָס ער טוט. נישט ער ווייסט, צי — ער לעבט אפילו אַף דער וועלט... ער גייט אום אין דער פרעמד, ווי אין גלות, אַף הפקר, אָן אַ היים — וואָס האָט מען צו אים?!. אפשר, ווען זי וואָלט געווען געהאַט געדולד מיט אים; אים געווען געלאָזן טרוימען זיין טרוים פון קינדער־ליבע, אַזוי ווי ער האָט אָנגעהויבן, — וואָלט ער, מעגלעך, פּאַמעלעך געוועזט אַליין דערוואַכן פונעם שלאָף... אַליין געווען

דערגאַנגען צו איר, אַצינד — צ ו ז א מ ע ן מ י ט ז י ך ; אָ, מ י ט ד ע ר ג א נ צ ע ר ה י י ם . . .

...האָט זי אָבער אַזוי נישט געמאָן, — און זי האָט געבראַכט אַף זיך דעם ווילדן הפקר־צאָרן פון איינעם, וואָס האָט נישט קיין היים; פון אַ ברוטאַלן עולם־התוהוניק, אַ צעוועקטן מאָנסטער, וועלכער האָט אַמאָל ער־געץ אַ לעבן געפירט; און איצט, ווערט ער פעיק אָפן ערגס־טן — אויב מע צוימט אים ניט אין צייט!

...מיט איין וואָרט: זי, די אומגליקלעכע, האָט נישט געוואוסט, מיט וועמען זי האָט דאָ איצטער צו טאָן. זי האָט זיך נישט געכאַפּט אַף דער פּלעצלעכער פאַרוואַנדלונג, וועלכע איז, אונטערדעסן, פאָרגעקומען אין איר געליבטן... אַז אין אים האָט דערוואַכט דער־טייוול, וועלכער לויערט, אין דער טיף, אין יעדן פון אונז. נאָר — די היים צוימט אים. ווי ווייט זי קאָן. דאַקעגן, ד אָ , איז דערווייל נישטאָ קיין היים!... אפשר — שפּע־טער, מיט דער צייט... דערווייל, איז — ה פ ק ר ! — ליבע? ערע? קאַמף פאַר גערעכטיקייט? — איז געווען ד אָ ר ט , אַמאָל, א י נ ד ע ר ־ ה יי ם ! און עס וועט זיין ווידעראַמאָל — אַז עס וועט שלאָגן די שעה! — ד אָ ? ! .)

זי, די פרוי חוה עטינגער, האָט געליטן אומגעהויער פון איר געליבטן, פון זיינע שווערע פאַרטונקלטע רייד; נאָר, זי האָט אים אַף אַלץ אָפּגע־שוויגן.

„...זאָל ער רעדן! — האָט זי געקלערט פאַר זיך — וויבאַלד עס באַ־קומט אים וואויל! ער, דער פאַרבלענדעטער און נישטיקער מאַניאַק, — איז, געציילטע מאָל, געווען מיט איר אַזוי אינטים און נאָענט, ווי מע קען נאָר זיין מיט אַ אָנשטענדיקער נישט־דעגענערירטער פרוי, וועלכע ווייסט, וויאַזוי זיך אָפּצוגיבן מיטן גאַנצן לייב און זעל — וויבאַלד יענער, איר אויסדערוויילטער, האָט עס נאָר די ווערט, — און שוין איז ער געבליבן — אָ, זעט, קוקט אייך צו! — אינדרויסן פון איר לעבן, פון איר וועלט! ער באַנערט שוין איצט נאָר איינס — זיך צופרידנשטעלן מיט איר לייב! מער זעט ער נישט; וויל ער נישט וויסן...

„...צי דאַרף עס איר אַרן, לאָזן איבערגעראַשט? — אָ, ניין. זי איז נישט קיין מיידעלע מער, וואָס חלומט פון א יי ן לעבן מיט א יי ן זעל... זי, חוה עטינגער, וועלכע האָט טייער געצאָלט פאַר איר וויסן, — זי האָט שוין לאַנג אַנטדעקט, אַז — דאָס זענען, זי און דער מאַן — צוויי וועלטן, וואָס פאַרטראָגן זיך נישט; וואָס האַסן זיך, פיליכט; וואָס ווילן זיך אומברענגען! אַז — אונטער דער אויסגעשריגענער ליבע — ליגט דער טיפער, אָ, אומדערזעטלעכער באַגער צו פאַרניכטן אים, דעם קעגנער, באַ־דאי מיט זיך איינינעם! טאָ, וואו איז דאָ פאַראַן פּלאַץ פאַר פרייד, פאַר

קינדערשע אילוזיעס — ווײל זי ווײסן?!. ווײל זי האָט מורא, אַז — ער, דער אומשולדיקער יונג, וואָס פאַרנעמט זיך אַזוי טיף אין די הימלען, — זאָל נאָך זײן געפּערלעכער אַסאַך און דראָענדער פאַר איר לעבן, ווי וועלכער אַנדערער פון זײן מין, וועמען זי האָט נאָר, ביז איצט, סע־נענגעלערנט... עפּעס זאָגט איר איר האַרץ תמיד, עס וואָרנט איר, אַז — זי זאָל אים נישט טרויען צופיל; נישט אים, נישט זײנע רייד; נאָר זי זאָל גײן מיט אים געלאַסן, אָ, ווײל מע קען קײנמאָל נישט ווײסן, אַף זי־כער, וואו עס האַלט מיט אַזעלכע לייט אין דער וועלט...

„...נו, און זי — וואָס מיינט מען — האָט מאַקע מער גאָרנישט, וואָס צו טאָן, ווי נאָר אים נאָכגעבן?! אָ, וויבאַלד אַזוי, — קאָן ער איר נאָך נישט, דער הייליקער סנאָב! זי איז נאָך נישט קײן פאַרלאָרענע פרוי, וועלכע נעמט באַפעלן פון אירע האַרן. זי, בלײבט זי — שטענדיק! די פרוי, וואָס הערשט איבער זיך, און מעגלעך אויך — איבער יענעם. זי וועט אים ווײזן, אַז, נישט געקוקט אַף אַלץ, — האַלט עס ערשט בײַ זײ אין באַמע אָנהויב; און מעגלעך, אַז — נאָך דאָ אויך נישט...”

זי האָט אים געלאָזן רעדן און, נאָר פון צייט צו צייט, אַרײַנגעשטעלט אַ וואָרט; אים געגעבן צו פאַרשטײן, אָבער און ווידעראַמאָל, די אַלצײַנע זאַך, אַז

— אום גאָטעס ווילן! — פון דעם רעדט מען נישט. מע טאָר קײנ־מאָל נישט זײן צודרינגלעך... ער זעט דאָך שוין צו: — זי איז נישט זײן היפּאָקריטן, קײן הייליקע... אָבער — אַ אַנדערער, אַף זײן אָרט — וואָלט מער באַוויזן; נאָר, נישט גערעדט... זי, האָט אײנמאָל דערלאָזט צו דעם, — ווען איר האַרץ האָט אים באַגערט... איצט — זאָל ער עס אַרויסשלאָגן פון קאָפּ, פאַרגעסן אין דעם, ווײל — עס וועט מער נישט געשען! זי, א׳ז אַ פאַרהייראַטע פרוי, וואָס לעבט מיט איר מאַן! איז דאָס ווײניק פאַ־אים געזאָגט?!.

זי האָט אָבער אײנגעזען, ווי אַלע אירע רייד זענען אַרויסגעוואָרפן... אָ, זי האָט דאָס געוואוסט פון איר ביטערער לעבנסדערפאַרונג, אַז ווען זײ, די מענער, נעמען זיך עפּעס אַרײַן אין קאָפּ אַרײַן, — אַזוי וועסטו דאָס מיט קײן האַק נישט אַרויסזעצן...

ער האָט איר אויסגעהערט, ווען זי האָט גערעדט; און דערנאָך, ווײ־טער געגומען ציען דאָס זעלבע נודנע לידל פון תמיד. געקלאָגט אַפן חורבן בית־המקדש און פאַרלײגט, שוין צום ווײפלטן מאָל, זײן טענה „— הלמאי זי האָט אים צעשטערט זײן קינדער־וועלט, זײן וואונדער־וועלט פון אילו־זיעס און גליק... זי איז נעכט נישט געשלאָפן — לויט איר אײגענעם ווידוי — ביז וואַנען זי האָט אים נישט געזען ליגן, אַ דערנידעריקטן, צו אירע פיס. איצט, לאַכט זי פון אים — ווען זי האָט אים אויסגענוצט אײנגאַנצן; אים געשענדעט און אויסגעפּאַטשט; אים צערייצט און פאַרשטויסן...”

— אָבער — לאַכט העכער, שטאַרקער! — האָט ער פּלוצים אָנגענומען אַ דראָענדן טאָן — מע ווייסט נאָך נישט, ווער עס וועט לאַכן דער לעצטער... לאַכט אויס דער ליבע, וויפל אייער האַרץ גלוסט. אייער געלעכטער איז אַ זינד, — און עס וועט אייך נישט געשוויגן ווערן. אָדער — איר וועט נאָך דערהערן דאָס הייליקע שאַלן פון דער ליבע; אָדער — איר וועט אומקומען! — איך אַליין וועל אייך פאַרניכטן!

איצט, האָט זי געלאַכט, מיט אַן אמת און פונעם גאַנצן האַרצן, אויס זיין ווילדער פּלוידעריי. ווען ער איז, נאָך דער פלאַם־פייערדיקער דרשה, צו איר צוגעפאַלן, מיטן גאַנצן אימפּעט — ווי צו זיין אייגנטום עפּעס. זיין שקלאַפן — און איר גענומען שטאַרק קושן אין די ליפּן, — האָט זי אים ברוטאַל פון זיך אָפּגעשטויסן, און אַליין נישט אויפגעהערט צו לאַכן פון זיין לעצטיקער פּראַלעריי.

נאָר, אַליין פאַר זיך, האָט זי געקלערט, מיט זאָרג, אַז „— זי זעט נישט איין, וויאַזוי זי וועט זיך קאָנען אַזוי גיך פון דעם איינגעגעסענעם נודניק אַרויסדרייען... אָ, זי האָט זיך געלאָזן מיטרייסן פון עפּעס אַ געפיל, — וואָס זי האָט זיך אים איבערגעגיבן. זי ווייסט אַליין נישט, וואָס דאַמאָלס איז געווען מיט איר... אביסל — אויס רחמנות, צי קוריעזיטעט... נאָר, איינמאָל פּאַסירט, — וואָלט זי וועלן פאַרגעסן אָן דעם, גלייך ווי קיינמאָל; ווייל — עפּעס נעמט ער איר נישט, דער מענטש, מער; פּראָסט־פּשוט, ער גייט איר נישט אָן... וואָס־זשע דאַרף זי טאָן אַצינד? — זיך אים ווייטער איבערגעבן, באשר־בכן, ווייל זי איז אַ פרוי, און ער, אַלס מאַן, באַגערט איר? וואָס איז זי — אַן אויסגעלאַסענע?!.

אָבער ער, דער פאַרליבטער, וועמען זי האָט זיך איינמאָל געגעבן און אים נאָר דעם אַפּעטיט צערייצט, — איז שוין נישט אָפּגעשטאַנען מער. ער פלעגט קומען צוגיין; שאָען־לאַנגע — געשוויגן און געקוקט אַף איר פונדערווייטנס — אָנגעשטרענגט־שאַרף, — אַז מע האָט געקאָנט זען, ווי ער באַגערט איר ביז צום אויסגיין; ממש, עס עקט זיך אים דאָס חיות... ער איז איר נאָכגעגאַן אומעטום, וואו זי; איר נאָכגעקוקט, וואָס זי טוט; און אַליין זיך אָנגעבאָטן אַרויסצוהעלפן, ווען נויטיק.

דאָס איז נאָך געווען צו דערליידן. ביז וואַנען ער פלעגט נעמען רעדן. ערשט, האָט זיך א י ר געעקט דאָס חיות. גערעדט האָט ער דאָס זעלבע פון תמיד; אַפילו די אייגענע ווערטער באַנוצט און די תנועות; אַליץ ווי געווען — גאָרנישט קיין נייס, וואָס זי האָט עס נישט געקאָנט פון פריער, געדענקט פון אויסנווייניק. אַזש — עס פלעגט איר אַנגסטן באַשלאָגן פון דעם מענטש מיט זיינע רייד; און זי האָט געמיינט — זי האַלט עס נישט אויס!

„...גוואַלד! — האָט זי געריסן פון זיך שטיקער — וואו איז געווען איר שכל פריער? וועמען האָט זי דאָ אויסגעקליבן?!"

נאָר, עס איז שוין געווען פאַרפאַלן. ער איז געשטאַנען פאַר איר און געדאַוונט, מיט אַ וויינענדיקן ניגון...

„...אָ, ווינד און ווי איז צו אים! זיינע געפילן זענען ריין און הייליק, בעת זי זינקט אין אַ תהום. טאַ, וואָס גייט ער נאָך אַהער, צו צעשטערן איר געמיט?! — זאָל ער פאַרשווינדן, ווי אַ גייסט, ווי אַ ספינקס, — ווען זי ערשט אינגאַנצן אַנטשלאָפן ווערן; ווען זי ערשט אינגאַנצן פאַרזונקען ווערן; ווען זי ערשט אינגאַנצן, אָ, ער ווייסט אַליין נישט — וואָס... זי — און ער. גאָט, ווי ווייט, ווי אַנדערש, ווי פרעמד! זי, וויל לעבן כאַאָטיש. א י ם (דעם מאַן) שענקט זי שוין ווידער איר שמייכל, דעם גוף מיט דער זעל. אַלץ, אַלץ גיט זי אים אַוועק... אָבער ער, פליגלמאַן, אָ, ווי אַנדערש ער איז, העכער פון דעם אַלעמען... ער וויל לעבן, ווי אַ דערהויבענער מענטש. ער וויל נישט מער, ווי קושן איר גאָלדענעם קאָפּ האָר, איר שיינעם שאַרפן שטערן און אירע ברוינע מאַנדל־אויגן. ער קומט צו איר — אַ שטיק צעפּלאַקערטער מענטש־גייסט. ער רופט צו איר, ווי אַ שיקזאַל: — אָ, זאָל זי דערוואַכן, ווי מענטש צו מענטש! זאָל זי אים דערזען און שטוינען! זאָל זי דערהערן אין איר טיף דאָס געשריי פון דערשטיקטן מענטש, וואָס וואַכט שוין אויף! — אַ נ י ש ט — ווייבאַלד זי וועט דאָס נישט טאָן, — האָט ער מורא, אַז — ער וועט אויסרופן אַף איר דעם טויט! ער וועט לויפן אין אַלע גאַסן און שרייען, אַז — זי איז פאַר אים לאַנג געשטאָרבן! י ע נ ע, דאָס הייליקע קינד, — לעבט בא אים, אין זיין וויזיע. אָבער ד י — ווער איז זי?! אָ, ניין, ניין, ניין! ער, קאָן איר נישט מער!

— ...אָ, פריי זיך, פּאַיאַץ; דו האָסט מיך באַזיגט!..."

אַזוי פלעגט ער איר אַנדולן אַ פולן קאָפּ מיט קליאַטשע, אַזש זי האָט פאַרשטאָפּט די אויערן פאַרן גרויל און שוין געדאַנקט גאָט, אַז ער האָט זיך צוריקגעצויגן, ער איז אַוועק.

„...דעם אמת גערעדט, האָט זי שוין נישט דערוואַרט פון דעם מענטשן גאָרנישט פאַר זיך. זי האָט אים באַטראַכט פאַר אַן אומהיילבאַרן לופט־פליער, וואָס שפּירט זיך זעלטן־גוט, ווען ער פלאַטערט אום — אייגער אַליין — אין די הימלען; און עס איז בפירוש אַן עולה, ווען מע שטערט אים דעריין; מע פּרוּווט אים צוציען צו דער ערד, וואו ער איז פרעמד און נישטיק; און ער האָט דאָ גאָרנישט, וואָס צו טאָן... אָט, האָט זי אים איינמאָל געפּרוּווט ברענגען צום לעבן; טאָ — זע נאָר, וואָס ער האָט דאָ אָנגעאַרבעט! געוואָרן גרייט צו צעשטערן זיין און יענעמס לעבן צוזאַמען!... ניין. אים מוז מען לאָזן פליען, און קוקן אַף אים פונדערווייטנס; צוזעען, ווי שיין ער ווערט! ער נעמט שיינען, ווי אַ שטראַל — אַזש ער לאָקט דאָס אָרעמע ווייבערשע האַרץ — דער טייוול זאָל עס כאַפּן! — ווי עס שטרעקט זיך שוין צו אים אַנטקעגן; אָ, עס באַגערט אים שוין ווידער,

ביז צום אויסגיין; באַדאי — גרייט צו שטאַרבן, אומצוקומען אַליין — אים נאָכגעבן אין אַלץ, דעם אוממענטש, — אַבי זיין מיט אים צוזאַמען; אַ, כאָטש אויסהערן זיינע, דעם טייפלס, זיסע רייד...״

אַזוי איז זי געשליידערט געוואָרן, די אָרעמע פרוי — אין איר פיינ־לעכער ליבע צו דעם אומדערקלערלעכן פליגלמאַן, — פון עקל — צו עקס־טאַז, און וויצעווערסוס; און פון זייערביידנס לאַגע איז קיין אויסוועג נישט געווען צו זען.

*

איינמאָל, האָט זי אויפגעכאַפּט אינעם פּלייץ פון זיינע רייד אַ נייעם טאָן, וואָס האָט געמאַכט אויפצאַפּלען איר פאַרחלשט האַרץ מיט פרייד.

ער, ווי געוויינלעך, האָט אַלץ גערעדט און גערעדט; און זי, ווי איר שטייגער, האָט אים נישט געשטערט — מיט דער טאָפּעלער האָפענונג: אַז — אָדער ער וועט זיך אויסלאָדן אינגאַנצן, אויסשיסן זיין מאָס פּול־ווער, וואָס ער פאַרמאָגט, און אַליין, נאָכהער, אָוועקפליען — מען זאָל נישט וויסן, וואו עס איז פאַרפאַלן געוואָרן זיין געביין, — אָדער, ווער ווייסט? אַ מענטש איז ער דאָך; ער שטייט און רעדט, — טאָמער וועט ער זיך פאַרט צו עפּעס דעררעדן!...

און זי האָט זיך כמעט ווי נישט גענאַרט אין איר אויסרעכענונג. פליגלמאַן האָט זיך גענומען געבן חשבון, וואו ער האַלט אין דער וועלט. ער האָט פּלוצים אַ זאָג געטאָן, (הגם — נישט אָן זיין נעפּל־סטיל, ווי תמיד;) אַז...

— ...אָט, אַ פּנים, די צרה נעמט זיך דערפון, וואָס — זייער ליבע מוז שוין זיין מיד פון ים־שטורעם. אַ, זי בענקט צו אַ האַפן פון רו. אָבער דער האַפן איז נאָך דערווייל נישטאָ: און דאָ זענען זיי ביידע אין אָפענעם ים, דערשעפטע פון שווערן רודערן...

און ער איז געבליבן פאַרקלערט שטיין און קוקן צו איר, ווי מיט מיט־לייד אינעם בליק... אַ, עס איז געווען צום ערשטן מאָל, זינט ער האָט איר דערקאָנט, — אַז זיין פאַרנעפּלטער מוח איז געבליבן אָפּגערייניקט, אויף אַ רגע; און ער האָט דערזען פאַר זיין לויטער־געוואָרענעם בליק אַ פרוי. פון בלוט־און־פלייש, וואָס געהער זיך אָן מיטן לעבן און מיט אַלע יאָ־און־נישט־אָנגענעמלעכקייטן, וואָס דאָס פּשוטע מענטשלעכע לעבן פאַר־שאַפט, ווען מע גייט זיך מיט דעם פאַרבינדן, אַ קאָנטראַקט שרייבן... זיין האַרץ — האָט ער דערשפּירט — איז געוואָרן אָפּגעגאָסן ווי מיט אַ פרישן צושטראָם פון ליבע און רחמנות צו אָט דער אומגליקלעכער פרוי, וועלכע האָט זיך שוין אַזויפיל געהאַט אָנגעליטן, אין איר יונג לעבן...

אין זיין ערלעכקייט, — האָט ער איצט געטראַכט, אויף איר קוקנדיק:

„...וואָס וויל ער דען? עפּעס אַנדערש, ווי זעען אַף איר דאָס גליק, און ברענגען פאַר איר די רו?..."

זי, מיט איר שאַרפן אינסטינקט, האָט, ווי געזאָגט, גלייך דערשפּירט אין אים דאָס נייע, וואָס האָט ערשט גערעדט מער, ווי אַלע זיינע רייד צו־זאַמען. עס האָט אַן אָטעם געטאָן אַף איר, יענע נייע, ווי אַ פרישׁ דער־קוויקנדיק ווינטל פאַר טויט־אָפּגעמאַטערטע פון אַ סמאַליענדיקער היץ; און זי האָט שוין נישט אויפגעהערט צו טראַכטן דערפון.

זי האָט, יענע נאַכט, נישט צוגעטאָן קיין אויג; געוואָלט דערבליקן, אין איר פאַנטאַזיע — די מעגלעכקייט פון אַ ענדערונג אין איר לעבן; וויאַזוי זעט דאָס אויס... אין איר האָט נישט אויפגעהערט צו צאַפּלען דאָס האַרץ, פאַר שרעק און פאַר גליק, ווען זי האָט זיך געמאָלן טויזנטערליי גע־שטאַלטן און פאַרוואַנדלונגען פון איר זיין מיט אים צוזאַמען, מיט פליגל־מאַנען, דאָ און דאָרט אינעם לעבן... ביז וואַנען זי האָט גענומען זעען דאָס אַלץ אַזוי קלאָר, אַזוי ליכטיק און העל, באַגאָסן מיט די שטראַלן פון דער זון...

„...— אָ, גאָט! — האָט זי געבעטן, אין יענער נאַכט, די עלנטע פרוי, און מיטביידע הענט איינגעהאַלטן דאָס האַרץ, עס זאָל נישט אַרויספאַלן באַ איר, פון שרעק־פּיין — באַ דיר איז דאָך אַלדינג מעגלעך... וואָס וויל איך דען, דיין דינסט, און וואָס בעט באַ דיר מיין האַרץ? עפּעס מער דען, ווי אַ קליין ביסעלע גליק?... איך בין אַזוי איינזאַם, אַזוי שרעקלעך אַליין — אַף דער גאַנצער וועלט!... אָ, זיי מיר מוחל מיינע זינד! איך האָב אים ליב, דעם אינגל, און ער — מיך... האָב איך, דיין אָרעמע שקלאַפן, נישט קיין רעכט דאַרויף?!. אָ, ליבער פאָטער אין הימל — העלף מיר, אין מיין פּיין!...

און זי האָט איינגעגראָבן איר פּנים אין קישן, אין יענער עלנטער נאַכט; (כדי מע זאָל נישט דערהערן — ווייל זי האָט געשפּירט, וואָס זי גייט דאָ טאָן;) און זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ שרעקלעך געוויין, וואָס האָט גע־שליידערט מיט איר — פון אויבן ביז אַראָפּ; אַזש איר האָט זיך אויסגע־דוכט: דאָס בעט, די גאַנצע שטוב פאַלט איין; אַלעם, און זי אינדערמיט, גייט דאָ איינגעזונקען ווערן אין אַ תהום...

ערשט אינדערפרי, — איז זי אויפגעקומען, אַ דערפרישטע, אַ גע־שטילטע, און מיט אַ לייכטער געמיט, גענומען דערוואַרטן פליגלמאַנען.

דעם באַטאָג; ווען ער איז אַריינגעקומען און גענומען רעדן, ווי דער שטייגער, זיינע לאַנגע זאַכן, — האָט זי, צוערשט, אים גוט אָנגע־קוקט; געוואָלט, אַ פּנים, דערקענען אין אים יענץ נייס, וואָס זי האָט געהאַט באַ אים באַמערקט, ערשט נעכטן. זי האָט גענומען אַרומ־גיין איבער דער שטוב, מיט קליינע טריט, מיט אַראָפּגעהאָנגענע אַקסלען,

געצווינגען די פינגער פון די הענט און געהאַלטן דעם קאָפּ געשטרעקט פאַר זיך; אַ פאַרקלערטע, קענטיק, אַ נאָכדענקנדע; אַזוי ווי איינע, וואָס דאַרף זיך אַנטשיידן צו עפּעס...

דאָס קינד, אין צווייטן צימער, איז געלעגן וואַך אינעם בעטעלע און זיך געשפּילט. זי איז אַריבער אַהינצו; און פליגלמאַן איז איר נאָכגעגאַן אומפאַרזאַמט, ווייל ער האָט גוט אַכטונג געגעבן דאַרויף, אַז זי זאָל נישט פאַרלירן, חלילה, דעם פאָדעם פון זיינע רייד... דאָרט, איז זי געבליבן שטיין פאַרן קינד; דעם דערלאַנגט אַ קוש אין קאָפּ. נאָכהער, האָט זי אַ קוק געטאָן גלייך אין די אויגן אַריין פליגלמאַנען, אַזש... זי האָט אָפּגענומען פאַראַמאָל דאָס לשון בײַ אים, מיט איר בליק... זי האָט איצט געלויכטן אינגאַנצן אין צורה; אויסגעזען מאַמיש-איידל און גוט... אָ, צערטלעך-זיס, ווי די הייליקע ליבע, וואָס דעמפט זיך אַנטקעגן, מיט געזאַנג...

זי האָט בײַ אים געפרעגט, אויב — ער קאָן איר מיטן קינד איינגיכן נעמען צו זיך?...

זי האָט שוין נישט אָפּגעקלעבט איר בליק פון זיין צורה.

זי האָט צוגעזען: ער נעמט ווערן שרעקלעך-בלייך... דער מ י ־ ז ע ר א ב ל ע ר י ו נ ג . . . ווי מע וואָלט אים געשטעלט פלוצלינג פאַר אַ טויט-געפאַר... ער האָט צעפירט ביידע הענט; אַרויסגעשטאַמלט, מיט אַ ציטערדיק קול:

— אָ, איצט — ניין, מיין חברטע! וואָס עפּעס פלוצים, אַזוי אומגעריכט?! אָ, איך בין נאָך נישט גרייט צו אַזאַ גרויס ערהאַבן גליק, וואָס פאַלט אַף מיר פונעם הימל... איך, דער זינדיקער ערד-מענטש, — האָב דאָס גאָרנישט די ווערט... עס מוז צונעמען צייט, מיין ליבע, ביז וואַנען איך וועל מיך גוט מכין זיין צו דעם; איך וועל מיך הייליקן... אָ, איך וועל מיך...

— וואָס נאָך וועט ער זיך?!

ער איז געבליבן שטיין פאַר איר, מיט אַן אָפן מויל, נישט פאַרענדיקט די דרשה; מיט איינגעוואָלגערטע הענט; נאָר, מיט אויפגעריסענע בליקן, געקוקט אַף איר, גלייך ווי ער וואָלט איר נישט דערקאָנט פלוצים — אַזוי שרעקלעך-נאָענט איז זי איצט אַרויפגעקומען אַף אים — אַזוי האָט זיך אים אויסגעדוכט — אים צוגעדריקט צו דער וואַנט, פון וואַנען ער האָט נישט געהאַט קיין צוריקטראָט מער... קיין שום זעלבסטנאַרעריי, נישט קיין אויסרייד פאַר זיך, נישט פאַר איר... און זי האָט נישט אויפגעהערט אַלץ גיין אַף אים נאָענטער; ווערן גרעסער אין פאַרנעם; גרוויזאַמער אין איר אויסדרוק; אים געפּלעטשט צו דער וואַנט, אַזוי ווי מע צעדריקט אַ וואַנץ, וואָס האָט זיך אָנגעזויגן מיט דיין בלוט, און מע בלייבט אַליין פאַרטשאַדעט פון איר נאָכלאָזנדן זיך-זעלבסט-פאַרטיידיקנדיקן געשטאַנק...

אָבער, ער האָט געמאַכט אַ טעות, דער גרויסער אינטעליגענט פּליגל־מאַן; און אומזיסט נעבעך איז געווען זיין איידעלע שרעק, באַ וועלכער די אויגן קומען פאַר שטענדיק גרויס... נישט זי איז געגאַנגען אַף אים, יענע אָרעמע פרוי; נישט זי האָט אים געדריקט... זי איז בלויז פאַר אים געשטאַנען, א יי ן ווי י ל ע , און אַף אים געקוקט מיט אירע פאַר־גלעזטע אויגן — פון פלעצלעכן גרויל. אין אירע בליקן, ווי אין אַ שפּיגל, — ה אָ ט ע ר ז י ך אַ ל יי ן — צום ערשטן מאָל, פּילייכט, אין זיין לעבן — דערזען אַזוי גרויזאַם־נאַקעט; און דאָס האָט עס אָנגעוואָרפן אַף אים אַזאַ מורא...

ערשט, אַז ער האָט זיך אָפּשוכּעט און געקומען צו זיך, אַזויווי צו־ריקגעקערט פון אַ ווייטער רייזע, — האָט ער פּלוצים דערזען זיין פריינטן, אַ צונויפגעקאָרטשעטער פון פּיין. זיין פּליכט איז געווען איר איינצונג־מען, צו טרייסטן; און ער האָט געפּרואווט אַ בראַק־געבן ד אָ ס וו אָ ר ט, וואָס האָט אים קיינמאָל נישט אויסגעפעלט...

נאָר, אָט אַ פּנים, פון זיין קול אַליין — האָט זי אויפגעשווידערט. זי האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון אים מיט די הענט און אויסגערופן:

— אָ. רעדט נישט מער, אומגליקלעכער מענטש!...

און אַליין צוגעגיבן פאַר זיך, מיט אַ געפאַלן קול:

„— ...איצט, האָב איך מורא, איך וועל אַוועק אין גאַס אַריין..."

זי האָט געשוויגן, אַ ווײַלע; און, מיט אַ געבראָכענעם פאַרוואורף, מיט טיפער מענטשלעכער באַליידיקונג אין איר שטים, אָ, מיט ווערטער, וואָס רינען אויס, ווי וואַרעם בלוט, ווי דאָס חיות פון אַ אָפענער וואונד, פון דער זעל, — האָט זי זיך באַניים געווענדעט צו אים; נאָר עס האָט זיך אויסגעדוכט, וויאַזוי איצט, דורך אים, טוט זי פאַרלייגן איר טענה, די אייביקע עלנטע פרוי, צו דער גאַנצער וועלט מיט מענטשן:

— אוי, וואָס רעדט איר אַלע אַזויפיל? וואו דערנעמט זיך צו אייך אַזויפיל רייד?! דערנאָך, אַז עס קומט צו עפּעס, — בלייבט איר נישט קיינס... אוי, וואָס פאַר אַ מזל האָב איך, וואָס אַלע האָבן זיך אָנגעזעצט אַף מיין לעבן?...

און זי האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ, מיט געוויין:

„— ...אָ, גאָט, וואָס שטראָפסטו מיך אַזויפיל? פאַרוואָס קומט עס מיר?!..."

איצט, האָט זי לאַנג געכליפּעט אין דער שטיל, געווישט די טרערן און, שוין אינגאַנצן אַ רעזיגנירטע, — גערעדט צו זיך און צו אים...

— ...איך ווייס — איך בין אַ פאַרשאָלטענע. איך טאָר קיינעם נישט באַשולדיקן אין מיין אומגליק...

און זי האָט שווער אָפּגעזיפצט...

— ...אָ, איך זע שוין איין — מיין מזל איז אַזאַ, וואָס מיר איז באַ־

שערט אַפּצולעבן אַ לעבן אין זומפּ... ניין, מיין פריינט. דיך באַשולדיק איך נישט אין גאָרנישט... איך וועל זיין מיט דיר, — אַז דו וועסט עס גאָר ווינטשן... שרעק זיך נישט... ביזט אַ קינד...

און זי האָט אים אַ גלעט־געגעבן איבער דער באַק; און אַפילו זיך באַמיט אַ שמייכל־טאָן צו אים...

— ...אָ, איך זע — איך האָב דיך איבערגעשראָקן מיט מיינע רייד... זיי מיר מוחל... נאָר, געדענק: — אַזוי קומט מען נישט צוגיין צו אַ פרוי... דו, רעדסט נ אָ ר פון ליבע. איך האָב אַ קינד; איך דאַרף לעבן... אַ מענטש, וואָס ווינטשט עפּעס, — מוז זיין צו דעם צוגעגרייט... נישט אמת רעד איך?...

זי איז צוגעפאַלן צו זיין ברוסט; די אויגן צוגעמאַכט; געוויינט און טרערן איר פאַרצווייפלט געוויין; לאַנג געבליבן שטיין אַזוי; געצאַפּלט מיטן גאַנצן גוף...

ביז עס האָט גענומען ווערן טונקל; און פליגלמאַן האָט זיך געקליבן אוועקצוגיין, ווייל ער האָט געוואָלט אויסמיידן די באַגעגעניש מיט וואָווע דאַרדעקע — איר מאַן, וועמען ער האָט נישט געקענט מוחל זיין, באין אופן, הלמאי — יענער קריכט אים אין די ביינער אַריין...

נאָר זי, חוה, האָט אים פאַרהאַלטן, פליגלמאַנען, און געצוואונגען, ער זאָל בלייבן...

...זי, די פרוי, האָט זיך געהאַט אירע פּראָבלעמען צו לייזן. איצט, נאָך פליגלמאַנס אָפּזאָג איר צו נעמען צו זיך, — האָט זי זיך אַרומגעזען פּלוצים, אַז — זי בלייבט ווידער אַליין. אַלע אירע האָפענונגען פון די לעצטע טעג האָט זי געזען צערינען פאַר די אויגן...

„...וואָס זאָל זי טאָן, — וויבאַלד אַז קיינער העלפט איר נישט אין איר נויט?...״

זי, די פרוי, וועלכע איז, אָט אַ פּנים, טיף־אינערלעך, נאָך נישט געווען איינגאַנצן געבראָכן אין איר מענטשלעכן, אין איר ווייבלעכן שטאָלץ, — האָט זיך פּלוצים דערזען פאַר דער נויט — אַדאַנק אירע אַלע ביז־איצטיקע קער־ווענדונגען — צ ו נ ע מ ע ן ז י י ן נ אָ כ אַ נ אַ נ ד מ י ט צ ו ו י י מ ע נ ע ר פ אַ ר אַ מ אָ ל . . . אַנדערש, וועט איר לעבן נישט קענען גיין ווייטער. אַזוי האָט זיך געשאַפן די לאַגע, אָדער זי אַליין האָט עס געבראַכט דערצו — נישט וויכטיק; אַזוי איז דאָס איצינד; און דער עיקר — עס איז אומפאַרמיידלעך...

...זי האָט אָבער נישט געקאָנט שלום־מאַכן דערמיט, באין אופן — צו ווערן דאָס לייב־אייגנטום פון ביידע מענער פאַראַמאָל; איבערגיין פון האַנט צו האַנט! זי האָט גוט געוואוסט, וואָס דאָס איז און, מיטן לעצטן פונק פון איר זעלבסטשטענדיק לייב, האָט זי צאַפּלדיק אויפגעשוידערט קעגן דעם, און זיך אַליין געטריבן צו רעבעלירן...

...נאָר — קענן וועמען? — גוט. לאָמיר אָנערקענען, אַז זי איז שול־
דיק; און זי קלויבט זיך איצט צורעכט־מאכן איר באַגאַנגענעם פעלער.
טאָ, וואָס בלייבט אָ ר צו טאָן? אַרויסטרעטן קענן איר פאַרהאַסטן מאַן?
אים פאַרטרייבן פון זיך? — וויפל־זשע מאָל האָט זי עס געפּרואווט שוין;
אָבער, מיט וואָס האָט זיך עס אויסגעלאָזן?! ווייל — וואוהין וועט זי
גיין אליין, מיט אַ קינד אַף די הענט? אפשר, אַרבעטן פאַר אַ דינסט? —
ווייל עפּעס אַנדערש קאָן זי נישט; אירע טאַטע־מאַמע האָבן איר נישט גע־
לערנט; אָ, איר נישט צוגעגרייט צו דעם פאַרפלוכטן לעבן — טאָ — ווער
וועט איר נעמען, מיט אַ פּיצל קינד?!.
...זי, האָט געוואָלט גיין צו פליגלמאַנען. אָ, דאָס וואָלט געווען די
ריכטיקע לייזונג. זי האָט אים ליב, דעם מאָדנעם יונג; ער געפעלט איר;
ער איז שוין אַריין צו איר אין האַרץ אַריין, איר געבליבן איינגעבאַקן;
און ער — איר האָט אויכעט ליב, אַף זיין שטייגער...
„...נאָר, וואָס זאָל מען טאָן — האָט זי זיך שיר אַליין נישט צע־
שמייבלט ביטער אַף איר מזל — אַז ער קען זיך נאָך אַלץ נישט מבין
זיין?... — זאָל זי איבעררייסן מיט אים, און גיין צוריק ווערן — די
אָ נ ש ט ע נ ד י ק ע פ ר ו י פ ו ן א י ר מ אַ ן ? . . . ”
...נאָר דאָס — האָט זי געוואוסט — וועט שוין נישט זיין. מיט וואָס
פאַר אַ רעכט?! — זי געהערט, מיט איר גאַנצן לייב און זעל, צו איר
געליבטן; אָ, צו איר טייערן פריינט פליגלמאַן; און קיינער האָט נישט קיין
רעכט איר צו פאַרווערן זיין מיט אים, ווייל — זי וועט נישט אויסהערן קיי־
נעמס שטים. ווייל זי שפּירט — מיט דעם מאָמענט, וואָס זי האָט אים ליב־
באַקומען און אים אויפגענומען אין איר האַרץ, — אַז זי געהערט נישט מער
זיך אַליין, נאָר זי איז זיינע. ער איז דער האַר איבער איר לייב און זעל.
זי נעמט עס פאַר ליב; און זי טוט, מיט פרייד, זיין ווילן, וויבאַלד נאָר
ער באַגערט עס... איי, איר מאַן? עס שוידערט איר אויף דאָס לייב, פון
דערמאָנען זיין נאָמען בלויז. נאָר — וואָס זאָל זי טאָן, אין איר פאַר־
צווייפלונג?...
און זי האָט ווייטער געקלערט, מיט אַ פעסטערן אינערלעכן טאָן...
...זי, אַן עלנטע פרוי, וועמען קיינער קומט נישט אונטער מיט קיין
הילף, — מוז זיך אַליין אַרויסהעלפן, וויאַזוי זי קאָן. ניין. זי, נאַרט דאָ
נישט קיינעם. איר לעבן איז אָפן פאַר פליגלמאַנען, אַזוי ווי אַ בוך; און
ער זעט אַלץ. זאָל ער צוטראַכטן עפּעס, איר אַרויסראַטעווען פון שאַנד!
אָ, ווייל זי זעט גוט, צו וואָס דאָס פירט...
„— ...און וויבאַלד פאַר אים איז רעכט, פאַר איר פריינט — האָט
איר פלוצים אָנגעכאַפּט אַ מאַכטלאָזער צאָרן אַף זיך און אַף יענעם, אַזש
זי איז גרייט געוואָרן אַלץ צו פאַרניכטן אַרום זיך, אַליין זיך אַ מעשה אָנ־
טאָן — נאָכאַמאָל: וויבאַלד פאַר אים, איר געליבטן, וואָס רעדט אַזויפיל

פון רייגער אומשולדיקער ליבע, איז רעכט אזוי, — טא, וואס זאל זי, א שוואכע עלנטע פרוי, טאן? קארג געקעמפט, זיך געווערט, א, ביז בלוט זיך געראנגלט קעגן איר בעסטיע, דעם מאן?...״

...— ווער נעמט זיך דאס רעכט דא איר פירצוואווארפן אין עפעס?!

און זי האט באניים שטאלץ אויפגעהויבן דעם קאפ, א געקרעפטיקטע פון אירע איבערלעבונגען. זי האט גענומען קלערן, מיט זארג, וויאזוי כאטש א ף א ז ו י פ י ל גוט צו מאכן איר לאגע מיטן מאן, וואס איז, לעצטנס, שטארק קאליע געווארן...

...ערשט אנומלטן אפן אוונט איז דאס געווען. פארן שלאפן גיין; אז זי האט געגרייט דאס געלעגער; האט זי א זאג געטאן. אז... „עס שטעכט איר אין א זייט...״ נאר ער, דער מאן — גארנישט, ווי זיין שטייגער איז געווען פון תמיד — האט איר צוגעווארפן, מיט חוזק: „— ...זי זאל זיך נישט שרעקן, ווייל ער גייט סיי־ווי נישט צו איר אין בעט אריין...״

...וואס זאל דאס באדייטן?! זי זעט צו זיין אומדיפערענטקייט צו איר, און עס נעמט איר באומרואיקן... זאל דאס זיין — דער שטאלץ דערלאזט אים נישט זיך בוינן מער פאר איר? — וואס איז דאס פאר א נייס — נישטא, ווער ס'זאל לאכן? ווי קומט ער, וואָווע דארדעקע איר מאן, צו שטאלץ? ווען האט מען עס גאר בא אים ארויסגעזען?!.

...סיידן, ער האט זיך דערטראכט, איר מאן, אז — מע קאן גיין ער־געץ־אנדערש? און איר, פראסט־פשוט, אנגעהויבן פאראטן?... דערפון נעמט זיך, לעצטנס, זיין פארשווינדן, גאנצע אוונטן, פונדערהיים; איר לאזן אליין מיט פליגלמאנען; ווי איינער רעדט: „...שלאגט אייך קאפ אן דער וואנט ביידע! איכל מעך אן עצה געבן, כע־ע־ע...״

...נאר זי, חוה עטינגער, טאר דערצו נישט דערלאזן, כל זמן עס וועט נישט שפעט... א מאן — האט זי קענענגעלערנט — איז ווי א הזיר. קוים נעמט ער קריכן, ער עפנט א וועג, — וועסטו אים שוין נישט צוריקרופן...

און זי האט ביטער אפגעזיפצט...

...א, א ודאי, וואלט עס איר נישט באדארפט אנגיין דאס אלץ, — ווען עס קערט זיך אוים אנדערש איר לעבן; אז איר פריינט וואלט איר גע־ווען צוגעגומען צו זיך... אזוי אבער, — מוז זי זארגן פאר איר לעבן, פאר וועלכן קיינער, אויסער איר, זארגט ניט. און זאל מען זאגן, אז — זי גייט קריכן באניים אין שמוץ. עס ארט איר נישט. גענוג!...

שפעטער מיט א שעה, אפן אוונט; אז וואָווע דארדעקע איז אריינגע־קומען אין שטוב, — האט ער געטראפן פליגלמאנען זיך־שפילן מיטן קינד. ער האט נאך פארכאפט א פאר ווערטער, וויאזוי דאס קינד האט בא אים א פרעג־געטאן: „— דו ווילסט ווערן מיין טאטע?...״ און זי, זיין פרוי,

איז געזעסן דערנעבן; אַנגעקוואָלן, און אים אַלעמאָל דערלאַנגט אַ גלעט איבער דער האַנט — דעם ליובאָוויניק אירן...

דאָס האָט אים, וואָס דאַרדעקע, געפּערלעך אונטערגעצונדן. ער האָט גענומען ווארפן טויטע קללות אין דער לופטן; געגרייט זיך אוועקצולויפן, באַניים זיי לאָזן אַליין...

נאָר פליגלמאַן, וועלכער האָט אים נאָך קיינמאָל אַזוי אויפגערעגט גישט געזען, — האָט זיך דערשראָקן פלוצים פאַר זיין אייגן לייב; און ער האָט זיך גלייך פונדאַרטן אָפּגעטראָגן; געלאָזן מאַן־און־ווייב — אַליין...

*

אין עטלעכע טעג אַרום, ווען ער איז ווידער געקומען צוגיין אַהין, — האָט ער איר נישט דערקאַנט. זי איז געווען פאַרפּוצט אין אַ שיין געבלימלט זומער־קלייד און זיך געקליבן אַרויסגיין מיטן קינד אויף אַ פּלאַסע שפּאַצירן. זי האָט אויסגעזען צו זיין גוט אויפגעלייגט, און זי האָט אים איינגעלאַדן מיטצוגיין.

איבערן וועג; האָט זי אים דערציילט, וויאַזוי זי האָט זיך איבערגעבעטן מיטן מאַן; און „...אצינד האָט זי אים שוין ווידער אין די הענט. אַ, ער איז איר שיר נישט אוועק פון דער היים, דאָס לעמעלע. אָבער ערשט, האָט זי אים געפּאַקט און זי האַלט אים פעסט. ז י באַפעלט; און ער בלייבט געהאָרכזאַם, ער פאָלגט...״

...— אַ חוץ דעם נייעם געבלימלטן קלייד, האָט זי אויך געפאָדערט בא אים טוך אויף אַ זיידנס... וואָס־זשע? זי איז נאָך נישט קיין באָבע! זי איז אַ יונגע פרוי, אין אירע סאַמע בעסטע יאָרן; און זי וויל אויסזעען שיין, נעט — וואָס קומט איר דערפאַר?.. נו, האָט מען געמאָגט זען, וויאַזוי ער האָט זיך אָנגעצונדן, איר גוטער האַרציקער מאַן; גענומען פאַרלייגן טענות... נאָר, זי האָט אים אָפּגעשטעלט מיט איר בליק.. „— וועסט בעסער ווערן!...״ — און ער איז געבליבן שטיל...

— ...וואָס דען? אונזערס אַ שוועסטער דאַרף גוט וויסן, וויאַזוי אומצוגיין מיט אייך, די מענער; האַלטן אויף אייך אַן אויג...

זי האָט געפּלאַפּלט, ווי אַ קליין קינד; קענטיק, אַליין הנאה געהאַט פון זיך און פון דעם, וואָס מע קוקט איר נאָך; און דערביי, האָט זי זייער־קלוג געשמייכלט. זי האָט פאַרגעוואָרפן פליגלמאַנען זיין פאַרומערטן אויסזען; און אַרויסגעבראַכט איר מיינונג דאַריבער...

...נעמלעך: זי האַלט, אַז — בא אים איז נישט מער, ווי אַ קאַפּריז... אויך אויף איר דאַרף ער קיין פאַריבל נישט האָבן. זי איז אַ שוואַך צאַרט וועזן. זי האָט געוואָלט אַ נאַש־טאָן פונעם פאַרבאָטענעם גליק. נו, האָט זי פאַרזוכט — וואָס קומט איר דערפאַר? מע מוז עס כסדר וועלטן איינ־

לייגן? — מאַן, וואָס איר זענט! ברענגט אייך אין אָרדענונג; באַדענקט אייך!

זי האָט צו אים געזאָגט די לעצטע ווערטער, ווייל זי האָט גענומען צוזען, וויאַזוי — ער ווערט שוין פאַרענדערט אין צורה, דער מאָדנער מענטש; פינצטער און מרה־שחורהדיק... אָ, ד אָ ס , פאַרוואָס זי האָט אַזוי שטאַרק געציטערט; אליין פון זיך עס געטריבן...

נאָר, עס איז געווען אומזיסט איר וואָרענונג, אַצינד. ער איז געוואָרן נאָך פינצטערער אין צורה. אויסגערופן צו איר, מיט ביטערן פאַרדרוס אין זיין קול:

— וואָס ווייסט איר, פאַרשטיינערטע פרוי, פון ליבע?! איר זענט מערדעריש־קלוג און אינטערעסאַנט... אָ, נישט אומזיסט האָב איך אַזוי פאַרצווייפלט געקעמפט — נישט אַריינצופאַלן אין אייער פאַרפירערישער נעץ — ווינד און וויי איז צו מיר!...

זי האָט אים אויסגעהערט, מיט אַ שמייכל, און געפרעגט:

— אָבער, זאָגט נאָר, יונגערמאַן: אַזוי זיכער זענט איר דאָס, אַז מע מוז אייך ליבן? אַז איר פאַרדינט געליבט צו ווערן?!

ער האָט איר איבערגעשלאָגן:

— ליבע פאַרדינט מען נישט. אָ, זי קומט אַליין, קעגן ווילן...

נאָר זי האָט זיך נישט געלאָזן. אים אַ קוק געטאָן גלייך אין די אויגן אַריין און געשטעלט די פראַגע:

— נו, און אוועקגיין?!.

אָט, פאַרוואָס זי האָט זיך געשראָקן, יענע מערקווירדיקע פרוי. זי האָט געציטערט בסדר פאַרן אומפאַרמיידלעכן סוף; געוואָלט אים זען — אַליץ ווייטער פון זיך און אָפּגערוקט ערגעץ, אָ, אין דער פאַרנעפּלטער צו־קונפט... ווי שטענדיק, אין איר שאַרפער פיין, — האָט זי צוגעזען, וויאַזוי —זי, ד י פ ר ו י, איז עלנט; ווייל קיינער זאָרגט נישט פון איר... דער מאַן, ווי תמיד, איז פאַרטאָן נאָר אין זיך... און זי מוז, דערומער, וואַכן אַליין פאַר איר לעבן...

עס איז געווען פאַרנאַכט, ווען זיי זענען געגאַנגען אַהיים. זי האָט גע־רעדט צו אים, איבערן וועג; געפּרוּווט אים שטראָפן און איינגעמען — פאַריינס...

...— זי איז אַ פּראַקטישע פרוי, נישט קיין מיידעלע — האָט זי גע־טענהט — וואָס פאַרנעמט זיך מיט ליבע... ער, פליגלמאַן, וויל זיך און איר אומברענגען — פאַרפייניקן צום טויט. נאָר — זי וועט זיך אָפּוּוערן דער־פון מיט הענט און מיט פיס, כל זמן עס ווען איר קלעקן די כוחות דאַ־רויף. ער וויל שטאַרבן — זאָל ער! — ניין, זי וויל נאָך לעבן; און זי באַ־דאַרף האָבן אַ מ אַ ן , נישט קיין באָבע... אָנשטאָט גיין פאַרלייגן אַ

לעבן, ווי ס'פירט זיך בא מענטשן, — קומט ער צוגיין און פארדולט איר דעם קאפּ מיט נארישקייטן...

— ...אַ, פארברענט זאָלן זיי אַלע ווערן, ווי זיי האָבן דיר אינזינען נאָר איינס — אויסצוזויגן אונזער לייב!

מע איז שוין געווען בא זיי אין שטוב. פליגלמאן האָט זיך געשטעלט באם פענצטער; געגומען ארויסקוקן אַף די ליידיקע דעבער ארום.

פּלוצים, האָט זי באמערקט, ווי ער צאַפּלט אינגאנצן. זי איז צוגעקו־מען נעענטער, און אים געגומען דאָס פּירוואָרפן... אַ, ווי זי האָט נישט פארטראָגן דעם עיקש אין אים; זיין איינגעשפּארטקייט...

— ...אַ מענטש האָט אַ קאָפּ און קלערט... א י ר ו ו י י נ ט ד אַ ך נ אָ ר ? ! . זאָל איך אייך אריינברענגען אַ טרונק?

ער האָט נישט געענטפערט. דאָרט, באם פענצטער, האָט ער איר גע־פּרוּווט ארומנעמען און צודריקן צו זיך. ער איז צוגעפאלן צו אירע הייסע ליפּן און זיך נישט געוואָלט פון זיי אָפּרייסן. ער האָט שוין דערשפּירט, ווי איר גאנץ לייב נעמט גליען אין זיינע אָרעמס, זיך שטרעקן צו זיין גוף, און ער האָט איר נישט געקאָנט אָפּטיילן פון זיך מער...

נאָר, עס איז ערשט נישט געווען די צייט. מע האָט נאָך געקאָנט אָנ־גיין... זי איז, די ערשטע, געקומען צו זיך און זיך גענומען ווערן; בא אים געבעטן, ער זאָל קומען מאָרגן... זי האָט אָבער צוגעזען, אַז ער לאָזט איר אַליין נישט אָפּ; און זי האָט אים געמוזט פארשפּרעכן — איר צו טרעפן, אָפּן אָוונט, אַליין... נאָר — זאָל ער שוין אַוועקגיין!...

ערשט, האָט זי נאָך רעכט אַליין נישט געוואוסט, וואָס זי זאָל צו־טראכטן, אַז — דער מאַן זאָל איר לאָזן, דעם גאנצן אָוונט, אַליין אין שטוב...

„...ווידער, זיך צעקריגן מיט אים? עס קאָן נעמען ווערן געפערלעך... אַ, זי געדענקט נאָך גוט דעם פּרייז, וואָס זי האָט באצאָלט, דאָ, לעצטנס, ביז זי האָט אים אריינגענומען צוריק אין די הענט אריין... איצט, וואָס־זשע טוט מען?...“

נאָר דער גאָט פון אַלע פארליבטע, וועלכער זאָרגט, זינט אייביק, פארן גורל פון זיינע קרבנות, — איז, אויך דאָס מאָל, אונטערגעקומען אונזער העלדן, אין איר נויט.

עס האָט גראָדע דער צופאַל צוגעשפּילט; און וואָווע דאַרדעקע האָט געקראָגן אין ערגעץ אַן עקסטרע שטיקל ארבעט ארויסצוזענדיקן, וואָס דער קליענט האָט עס געברויכט צו האָבן אַף מאָרגן אינדערפרי גלייך. ער, וואָווע, וועלכער איז, דעם גאנצן טאָג, געווען פארנומען בא דער שטעלע, — האָט איצט געמוזט צוארבעטן ד י נ אַ כ ט , צוזאַמען מיט אַ חבר, כדי ער זאָל ארויס מיטן וואָרט...

און אזוי האָט ער געטאָן. ער איז געקומען צולויפן פארפרי אהיים. ער

האָט אָפּגעגעסן אַף שנעל. ער האָט געקושט דאָס ווייב; (איצט איז מען געווען גוט;) איר אָנזעזאָגט, אַז זי מאָג גיין שלאָפן גלייך, ווייל זי וועט זיך נישט דערוואַרטן אַף אים, — און ער איז אַוועק...

אַזוי גיך, ווי וואָווע דאַרדעקע איז אַרויס, — איז אַריין פּליגלמאַן.

ער האָט איר געטראָפן זיצן באַם טיש און וויינען. ווען זי האָט אים דערזען, — האָט זי זיך צעוויינט נאָך שטאַרקער און גענומען רעדן צו אים:

— אָ, אָז אייך, מיין פריינט, — וואָס וואָלט איך געקענט טאָן אַליין?...

ווען פּליגלמאַן האָט איר אָנגענומען פאַר אַ האַנט, — האָט זי אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אָן זיין אָרם; אים געפּרואווט איינהאַלטן אַזוי, לעבן זיך... אפשר, אים איינשטילן; ער זאָל זיך נעמען בארואיקן...

„...אָ, ערשט, ווען ער האָט איר געטראָפן אין איר צער — האָט זי געהאָפט — וועט ער זיך אפשר נישט דערוועגן צו באַשטיין אַף זיין גראָבן גענוס; ווייל — ער איז דאָך נישט איר מאַן וואָווע. ער איז דאָך עפּעס פּליגלמאַן!...”

נאָר פּלוצים האָט זי דערשפּירט, ווי ער ציטערט ווידער מיטן גאַנצן גוף — אַקוראַט ווי פאַרנאַכט, באַם פענצטער... און זי האָט שוין איינגעזען, אַז עס וועט נישט העלפן. זי וועט מוזן רעזיגנירן...

אָבער, גראַדע פּליגלמאַן האָט זיך ערשט נישט געאיילט. אָ, ער האָט מיטיינמאָל באַקומען צייט. אָט אַ פּנים, פאַר דער קורצער שעה, וואָס ער האָט דאָ געפעלט, — האָט ער געהאַט באַקלערט אַ פרישע דרשה; און ער האָט זי, דאָ אַ ודאי, געמוזט פאַרהאַלטן...

ער האָט איר פּלוצים גענומען אויפוואַרפן, זיין פריינטן, איר פּירעכץ מיט אים... הלמאי פריער, פלעגט זי זיך היטן פאַר אים מיט אַ וואָרט. זי האָט געזען טאָן אַלץ, אַז זי זאָל אים געפעלן ווערן; זי זאָל ציען זיין אויפמערקזאַמקייט אַף זיך...

...נאָר היינט — וואָס?!

און ער האָט געקוקט צו איר — ברוגז־שטרענג.

זי, די פרוי, האָט זיך געפּרואווט פאַרענטפערן...

— איך בין געוואָרן היימיש מיט אייך — האָט זי פאַרשעמט געשמייכלט און זיך אַנטשולדיקט — און אייערע לאַסקעס זענען מיר שוין אייך נישט פרעמד...

און זי האָט אָפּגעהאַקט; ווי געוואָרט, קענטיק, אַף זיין איניציאַטיוו...

אַז ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר, איר אויפגעהויבן און גענומען צו זיך אַף די הענט, — האָט זי אים, די ערשטע, געקושט אין די ליפּן, זיך געטוליעט אין אים און הייס געשעפּטשעט...

— אָ, טייערער...

...נאָר פּלוצים — זי ווייסט אַליין נישט געווי, — האָט זי זיך דער־שראָקן פאַר זיין בליק אַף איר. איר האָט זיך אויסגעוויזן, (אָ, שוין נישט דאָס ערשטע מאָל...) ווי אַ הויזק־פּלעמל בליצט דאָרט אויף און פאַרגייט... באַלד, טויכט עס ווידער אויף... זי האָט דערשפּירט, אַז — דאָס מאַכט איר גליווערן דאָס בלוט, אָ, אין די טיפערסטע מינוטן פון איר עקסטאַז... ווען זי וויל זיך פאַרגעסן, אַ ווײַלע; קענען אָפּגעבן דעם געווס... — גוואַלד, וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַרשאָלטענער בליק?!.

און זי האָט אויסגערופן, אין איר פאַרצווייפלונג:

— וואָס קוקסט איר?! מיין גאָט! אַף וואָס וואַרט איר נאָך?!.

זי האָט געהאַט אצינד איין באַגער — אַז ער זאָל זיך פאַרגעסן אין איר... אָ, זאָל ער אויפהערן זיין, ווי ער איז, דער טייוול!... זאָל ער טאָן ערשט מיט איר ליבע, וואָס ער וויל — איר בייסן, רייסן, נאָגן און אויס־זויגן, וויפל ער קאָן! אָ, זאָל ער איר נישט צורו־לאָזן מער; איר ארייננעמען אינגאַנצן, מיט זיין מענלעכן כוח; איר מיטנעמען מיט זיך, אין זיין צאַפּל־דיקן עקסטאַז; אבי — איר ארויסרייסן פונעם טויט־נעפּריר, פון איר טיפן עלנט, פון דער שרעק!...

נאָר, עס האָט נישט געהאָלפן. ביידע זענען געבליבן אַליין ערשט; און צעשיידט, אין זייער צוזאַמענזיין. נישט ער האָט געוואוסט פון איר צער; נישט זי האָט געקאָנט אָנטייל־נעמען אין זיין פרייד...

...זי איז איז געבליבן אייגעגליווערט, יענע שרעק, אין די אינטימסטע שאָטנס פון איר בלוט־ליבע צו אים... אָ, דאָרט, וואו אַלעס איז פאַריינ־מאָל געבליבן פאַרשוועכט... דער עקסטאַז, דער געווס, די פרייד און דאָס גליק...

יענע שרעק, האָט געבוירן אין איר האַרץ אַן איבל צו אים. דער איבל איז איר נאָכגעגאַן אומעטום; איר באַגלייט; איר שוין נישט אָפּגעלאָזן מער. זי האָט אים נישט געקאָנט אין זיך גובר־זיין, דעם איבל. שפּעטער, האָט זי דאָס נישט געוואָלט אויך.

*

זינט דאַן, האָט זי זיך אָנגעהויבן אַלצמער דערווייטערן פון איר פריינט, און אים צו זיך נישט צוגעלאָזט. זי האָט זיך אויך אויפגעהערט פאַר אים קרעמפּירן מיט איר פירונג. עס האָט אויסגעזען, וו זי רעכנט זיך נישט אינגאַנצן מער מיט זיין מיינונג וועגן איר. עס גייט איר נישט אָן, וואָס ער זאָל זאָגן און וויאַזוי ער וועט איר טרעפן; עס איז איר אַל־ציינס. נאָכמער: זי האָט אַליין, דאַכט זיך, געגומען טאָן אַלץ — אַף זיך צו פאַרמיאוסן בא אים אין די אויגן...

...ער, פלעגט קומען, אין די פרימארגנס, און איר געטראָפן אין צע־קנייטשטן הולך, ווי — נאָר וואָס פון בעט ארויס... עפּעס האָט זי געמאַכט אַף אים דעם איינדרוק, ווי זי וואָלט געפיבערט, גאַנצע נעכט, אין זינד... אים פאַראַטן, פליגלמאַנען, מיט איר אייגענעם מאַן, וועלכער נעמט ערשט ווערן איר געליבטער... דערפאַר איז איר, איצט, אָן יענעם — אומעטיק... כדי צו פאַרטרייבן דעם אומעט, — איז זי גרייט אַצינד, אָפן ניכטערן האַרצן, צו טרינקען ווײַן; פונקט ווי זי טוט עס, באַנאַכט, פאַרן שלאָפן גיין — אַז עס זאָל איר לוסטיקער פאַרביי דער שלאָף...

...קוקט, ווי זי שעמט זיך נישט! און זי דערציילט עס אים אַליין...

ער האָט צוגעזען, פליגלמאַן, מיט שרעק, וויאַזוי אין איר נעמט ווי־דער אויפוואַכן יענער בלינדער טהירישער רייץ צום אָפּגרונט — קענען וועלכן זי האָט, אַזוי פאַרצווייפלט, געקעמפט, די ערשטע צייט, א ל יי ן, נאָך איידער זי האָט אים, איר פריינט, דערקענט...

...איצט, וואָלט זי וועלן אים פאַרטרייבן פון אירע אויגן, ווי אַ גע־ווויסן־געשפענסט...

נאָר ער, האָט זיך נישט גערירט פונעם אָרט. ער איז געשטאַנען און געוויינט.

זי האָט זיך גענומען בייזערן אַף אים, הלמאַי ער קומט און ווייעט אָן אַף איר אַ מרה־שחורה מיט זיינע וויסטע רייד, וואָס מאַכן איר צום ברעכן...

נאָר אָט האָט מען צוגעזען, אַז פּאַמעלעך נעמט אָנגיין אַף איר דער וואָלקן פון טרויער. און אַזוי האָט זי געטאָן צו אים רעדן...

— ...איר זענט נישט קיין פאַרלעסלעכער מענטש, פליגלמאַן. איר רעדט און וויינט. איר ווערט אַליין דערטרונקען אינעם מוטנעם ים פון אייערע בלעזל־רייד. נאָר טאָן קאָנט איר גאָרנישט... איך האָב קיינמאָל נישט גערעכנט, אַז איר וועט עס נעמען ערנסט, דעם גאַנצן ליבע־שפּיל... אַ פרוי מיט אַ קינד... איך, האָב זיך אָפּגעגעבן אייך — אויס נקמה צו אים, נישט מער... פאָלגט מיך, מיין פריינט: נעמט אייך אין די הענט אריין און טוט עפּעס פאַר אייער לעבן. איך, פאַרלאַנג פון אייך גאָרנישט. איך באַפריי אייך. אייער געוויסן איז ריין... האָט איר צו מיר עפּעס?...

ער, האָט זיך נישט אָנגערופן מיט קיין וואָרט. ער איז אַלץ געשטאַ־נען; געקוקט איר אין מויל אַריין; און פון זיינע אויגן זענען די טרערן גערונען אַליין...

זי, האָט פלוצים ווידער געקראָגן רחמנות אַף אים, ווי אַמאָל; און דאָס האָט איר געמאַכט ערגערן צום טויט, ווייל זי האָט זיך געשראָקן —

„...ער זאָל באַנייס נישט ווייך מאַכן איר האַרץ, ד ע ר א ו מ מ ע נ ט ש, — ווען זי קאָן אַלץ פון זיך נישט אַרויסטרייבן אינגאַנצן... אָט, נאָך אַ רגע, — און איר גאַנצע פעסטקייט פאַלט איין, ווי פון זיך אַליין..."

זי האָט, דאַריבער, געאײַלט צו ענדערן דעם טאָן; גענומען רעדן צו אים — אי מיט שטראָף־רייד, אי מיט געבעט.

— ...זאָגט, פּליגלמאַן, מײַן פרײַנט... צי גיט איר זיך כאָטש רעכענונג, אַז איר האָט אַ חלק אין מײַן צעבראָכן לעבן? ווי־אַזוי — איר האָט מיך געטריבן צו לעבן מיט צוויי?!. אָ, אַדאַנק אײַך, בין איך אַ געפאַלענע פרוי?... ערשט, — וואָס פאַר אַ מײַנונג קאָנט איר אַליין האָבן פון מיר, וואָס פאַראַט מײַן מאַן?... אָ, איך האָב מורא, פּליגלמאַן, אַז אײַער טראַגעדיע באַשטייט אין דעם, וואָס — איר לעבט גאָר נישט; איר גייט אום אַפן עולם־התוהו... און מײַנע — אין דעם, וואָס איך האָב אײַך באַגעגנט...

— ...נאָר זעט — איך, באַשולדיק אײַך נישט. אָ, איך בין גענוג געשטראָפט געוואָרן אַף צו פאַרשטיין, אַז — אַנדערש גייט נישט דאָס לעבן, ווי נאָר אַז מע גיט אָפּ די נשמה צום טײַוול; מע שליסט מיט אים אַ בונד... אַליין, בלײַבט מען אָן אַ נשמה, ווי איך. וואו איז זי, מײַן נשמה? זי איז נישטאָ בײַ מיר מער. זי איז פאַרפרוירן... אַזוי איז זי געווען שוין בײַ מיר פונלאַנג, נאָך אײדער איך האָב אײַך דערקאָנט... נישט איר זענט, אמת, שולדיק אין מײַן אומגליק... ווען איך טרעף נישט אָן אײַך, — וואָלט זיך שוין געווען אָפּגעזוכט אַ צווייטער. איך אַליין וואָלט נישט געווען גערוט, — ביז וואַנען איך וואָלט נישט געווען דורכגעפירט מײַן פּאַראַט... איך, האָב געמוזט אַזוי האַנדלען. איך קאָן נישט אַנדערש, — ווײַבאַלד מע האָט מיך באַליידיקט...

— ...אָ, איר, נאַיווער מענטש, ווייסט נאָך נישט, וואָס הייסט — באַליידיקן אַ פרוי... איר האָט אויסגערעדט צו איר איין וואָרט, נישט ווי מע דאַרף, — און איר האָט שוין אַלדינג צעשטערט, כ'האָב מורא, אַז — אַף שטענדיק; ווײַל אונזערס אַ שוועסטער, די פרוי, פאַרגעסט קיינמאָל גאָרנישט... אייביק בלײַבט זי, די אָבידע, שטעקן אין האַרצן...

— ...טאָ — פונוואַנען, זאָגט, בין איך זיכער, אַז מיט אײַך וואָלט אַנדערש געגאַנגען? אַז איר וואָלט מיר קיינמאָל נישט געווען פאַרשאַפט קיין ווייט?... וואָס זענט איר — אַ מלאך?!. אָ, מיר האָבן שוין געזען, אַז נישט... איר קאָנט שיין שפּילן, אמת, אַף אונזערס אַ שוועסטערס נשמה. איר ווייסט, וואו אָנצורירן, ווען מע דאַרף... ווי איז אָבער — ווען די סטרונע איז, דורך עמיצנס אַ שרעקלעכן קלאַפּ, צעריסן געוואָרן?! איר פאַרשטייט, פּליגלמאַן מײַן פרײַנט? — איצט, שטייט פאַר אײַך די פרוי און ווײנט.

זי בעט זיך בײַ אײַך — איר זאָלט איר צורו לאָזן. זי דעקט פאַר אײַך אויף איר גאַנץ האַרץ. זי זאָגט אײַך אַליין, אַז — זי האָט אײַך נישט די ווערט... זי דערקלערט פאַר אײַך, אַז — ווײַל זי האָט זיך דערוועגט, און אַריבערגעשריטן די גרעניץ פון דעם, וואָס איז דערלויבט, — קאָן

זי שוין אצינד נישט אנדערש לעבן, ווי נאָר דורך פּראַט. עס ציט איר צום זינקען אין אָפּגרונט; און אַזוי מוז עס שוין זיין... עס איז פאַטאַליזם, מיין פריינט. עס איז דער גורל. עס איז די אומפאַרמיידלעכקייט אַליין...

— ...אָ, ווייסט: — ווען עס פרוי איך זאָל נישט זיין, — *דעם מאַן* וועל איך מוזן פאַראַטן. עס הויערט שוין איבער מיין קאָפּ די קללה; זי גייט מיר נאָך אומעטום; זי פאַרפאָלגט מיך; אָ, זי לאָזט מיך נישט אָפּ...

— ...איצט ווייסט איר שוין, פון מיין ווידוי, אַז — איך וואָלט קיינמאָל אייער פרוי נישט געוואָרן... אייך וואָלט איך נישט געקאָנט פאַראַטן, און — איך וויל נישט ליידן מער, *זיין געצווימט און פרום*, ווייל — איך האָב מיך שוין גענוג אָנגעליטן... איך זוך נישט קיין געטריישאַפט. איך גלויב נישט אין קיין ליבע... זאָגט — האָב איך דען פאַרדינט, אַז מע זאָל מיך ליב־האָבן? — דאָך, האָבן מיך אַזויפיל באַגערט!... אפשר — מיין קערפּער, נישט מער? מיין יונג לוסטיק לייב?!.

— ...ערשט, זעט איר שוין, מיין פריינט, אַז איך בין גערעכט?!.

— ...נאָר, איך האָב אייך נאָך נישט אַלץ דערציילט. און איר זענט מיר אַזוי ליב... מיין זיג איבער אייך איז מיר אָנגעקומען אַזוי שווער, — אַז איך ווייס נישט, צי ס'וואָלט מיר געסטייעט גענוג כוח צו אַ צווייטער מלחמה... געוויס — נישט... אָבער, ווי האָט געזאָגט אַמאָל דער דיכטער: — יעדער זיג איז אַ מפּלה... איצט, ווייס איך אַליין נישט: אויב איך האָב *געזיגט*, — אָדער אפשר גאָר דורכגעפאַלן?!.

— ...טאָ דערפאַר — אָ, הערט מיך אויס, מענטש... עס שטייט פאַר אייך אַצינד אַ פרוי, *מוטער־נאַקעט*, און זי רעדט! — און דערפאַר, אַז איך זע אייך מיך געניסן, — פאַרגין איך אייך נישט דאָס גליק... איך וואָלט וועלן — איר זאָלט אומקומען. דער סוד זאָל בלייבן מיט מיר אַליין...

— ...זעט, איך דאַרף אייך נישט מער — ווייבאַלד אַז איר, דער גרויסער הייליקער אינטעליגענט פליגלמאַן, — האָט געקאָנט טרייבן אַ שוואַכע עלנטע פרוי צו שאַנד... שרעקט אייך נישט, קינד; קיינער הערט נישט... — אַצינד, ברויך איך די שאַנד אַליין. זאָל זי קומען... אייך וויל איך נישט קענען. עס מאָגן זיך ווייזן אַנדערע. זאָל זיין דער אייגענער מאַן. אַבי דאָס לייב זאָל ברענען אין זינד; זאָל ווערן געשענדעט... אָט דאָס איז ערשט באַ מיר דער עיקר — מיין איינציקער וואונטש...

— ...אַלזאָ; זאָגט, הער פליגלמאַן, אויס דעם אמת: — זענט איר צעפרידן מיט אייער ווערק?!.

דאכט זיך, אזוי קלאָר גערעדט און אים אויפגעדעקט איר נשמה, — אז מער קאָן מען שוין נישט.

אַ אַנדערער, אַף זיין אָרט, — וואָלט זיך, ענדלעך, געווען פארקלערט; גענומען דעם קאָפּ אין די הענט אריין... דאן וואָלט ער, מיטאמאָל, געווען דערזעען דעם גאנצן שוידער פון איר לאַגע, פון יענער עלנטער פרוי, און ער וואָלט שוין נישט גערוט... אפשר, דאָך, איז נאָך פאראן פאר איר אַ רעטונג...

אַ אנדערער — נישט פליגלמאן. ער, אזוי ווי תמיד, — איז אלץ גע־בליבן בלינד, טויב און שטום צו אַלעם ארום — אַ חוץ, נאטירלעך, צו זיינע אייגענע אינערלעכקייטן.

איצט, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעהערט פון זיין חברטע איר שרעק־לעכן ווידוי, — האָט ער, גאנץ־פּלוצים, גענומען ציטערן, אז — דאָס קאָן נאָך, חלילה, אים אַליין דערפירן צו פארצווייפלונג; און נאכהער — אפילו טרייבן צו זעלבסטמאָרד...

„...פארוואָס דען נישט — ער, פליגלמאן, האָט שוין געהערט פון אזוינע זאכן...”

גאָר־איבערגעשראָקן איז ער געבליבן אין איין טאָג, ווען ער האָט אַ שפּיי־געטאָן מיט בלוט און געמיינט, אז עס איז פונעם הארצן... איצט — איז ער געווען זיכער — קומט, אַ ודאי, זיין סוף...

נאָר, ער האָט זיך נישט פארלאָרן, דער העלדישער מאן. ער האָט גענומען צוגרייטן זיין לעצטע געזעגענונגס־דרשה, וואָס ער האָט — טאַקע דאָרט, בא זיך אין צימער — זי באשטימט פירצובערענגען, מיט אַ שטערב־לעך־געדעמפטן קול, אזוי ווי עס פאסט פאר זיין לאַגע — קעגנאיבער דעם בילד פון דער געליבטער...

און אזוי האָט זי זיך געטאָן־טאָן לייענען, יענע דענקווירדיקע דרשה פונעם ש ט א ר ב נ ד ן פליגלמאן...

„— אָ, אָ, אָ... היינט, האָט מיין אָרעם הארץ געטאָן ארויסגעבן פון זיך אַ גריילעך שטיקל בלוט — אלץ צוליב דיר, מיין ליבע, מיין זיסע און מיין טייערע — אָ, ווי איז צו מיר!...

„דו ביזט, אזויווי די זון, וואָס שפּיגלט זיך אין בלוט און אין חלפים, פונקט ווי אין טייכן און אין ימים. אומעטום, זעסטו נאָר די שיינקייט; נישט דעם מענטשנס ליידן...

„אָ, צי ווייסטו פון דעם גרויסן פייער, וואָס טוט ברענען אין מיר, באטאָג און באנאכט, צו דיר? אויב יאָ, — טאָ פארוואָס ענטפערסטו נישט? וואָס שווייגסטו? און וויבאלד דו שווייגסט, — טאָ זאָג אליין: — וואָס פאר אַ זין האָט מיין לעבן?...

„אמאָל — ווערסטו געווירט, אַף איין ווייל — אזויווי דער אייביקער

שנייִ אַף די הויכע בערג, אום זומער, אַז די זון טוט אַ באַק־צו. דאַן, ווערט וואויל צו מיר!... נאָר, גלייך טוסטו צוריקקערן צום געפריר פון תמיד; און, ווידער ווערט שוין וויי צו מיר!...

„לעצטנס — נישט איך עס; נישט איך שלאָף. איך וואַך, גאַנצע נעכט. איך ליג על משכבי בלילות, אַף מיין עלנט געלעגער, און טראַכט פון דיר, טייערע מיינע; און אַ קליין ביסעלע — פון זיך אויך... אָ, זאָג: — ווער ביזט ד ו, און ווער בין א י ך ? — פאַרוואָס האָבן מיר זיך געזוכט, זיך־באַגעגנט, זיך־צוזאַמענגבאַהעפט, —און איצט גייען מיר זיך פונאַנדער? וואו ליגט די סיבה פון אונזער פרעמדקייט, און נישט קענען זיך פאַרשטיין? אָ, פאַרוואָס האָב איך מיך געוואָרפן אין דיין פייער און נישט געבליבן פאַרברענט? און נישט דו ביזט געוואָרן באַרירט פון מיינעם? וואָס בין איך — קיין מענטש נישט?! און ווער ביזט ד ו , טייערע מיינע, וואָס אַלע מיינע רייד לאָזן דיך קאַלט און פרעמד?!

„צייטנווייז, — קומסטו מיר פאָר, ווי אין דער לעגענדע, די פאַרכישופטע פרינצעסן. זי שלאָפט אין איר פּאַלאַץ; און זי וואַרט אַף דעם פרינץ, ער זאָל קומען און, מיט זיין קוש, איר אויפוועקן צום לעבן.... אָבער, עס בלייבט דאָך נישט צום פאַרשטיין — פאַרוואָס דו דערוואַכסט נישט פון מיינע פלאַמיקע קושן, און פון די האַרציקע רייד — ווען מיין גאַנץ בלוט, אָ, אַלע מיינע געפילן טוען נאָר שרייען צו דיר?!

„ווער־זשע ביזטו פאָרט?!. אָ, זאָג מיר — ווען האָסטו ד יי ן לעבן געלעבט — דו, וואָס ביזט נאָך אַזוי יונג?!.

„דאָס לעצטע מאָל, ווען מיר זענען געגאַנגען שפּאַצירן אינעם בולוואַר; האָב איך צוגעקוקט, ווי דיין פנים האָט זיך געשפּרענקלט אינעם גאָלד פון זון־פאַרגיין אין האַרבסט... אָט, נאָך אַ רגע — אוי, וויי איז נישט צו מיר! — און פון אַ גרויס ליכט ווערט אַ גרויס פינצטערניש. פון אַ גרויסער פרייד — אַ טיפער שרעקלעכער טרויער...

„אָ, דעם אמת וויל איך דערגיין — ווי שווידערלעך ער זאָל נישט זיין!...

„און ווידער — אַ לעצטעס מאָל... אין מיינע אָרעמס האָב איך דיך געהאַלטן; אין דיינע אויגן האָב איך דיר פאַרקוקט; מיט מיין מויל האָב איך באַ דיר געפרעגט: „— אָ, זאָג מיר באַטש, טייערע — צי האָסטו מיך ליב? דו פאַרשטייסט — ל י ב ? ! פילסטו צו מיר עפּעס?!...” דיינע אויגן זענען געווען זייער וואָרעם; און געקוקט האָסטו אַף מיר, מיט שטילער שעמעוודיקייט אינעם בליק; אָבער, דו האָסט גאָרנישט געענטפערט... גיי־זשע, וויים — וואָס דו טראַכטסט פון מיר?...

„אָ, זאָג: וויאַזוי זאָל איך דיר געבן צו פילן — ווי טיף דו ביזט פאַרוואָרצלט אין מיין געמיט! ווי שיכור איך בין, וואָס איך פיל דיך כסדר אין מיין האַרץ! ווי נאָענט דו ווערסט מיר, מיט יעדער מינוט... וויאַזוי דו

שוועבסט איבער אַלע מיינע טראַכטונגען און געפילן מיט דיין שטיל, ליבטיק פּנים, מיט דיינע בענקנדע בליקן... אָ, ווי טיף איך בין פאַרבונדן מיט דיר, מיין טייערע — ווי און וואויל איז צו מיר!...

„נאָר, אָט נעם איך צוקוקן, וויאַזוי דו פאַרגעסט זיך; און דו פאַנגסט מיך אָן צו פּייניקן, עפּעס ווי מיט אַ באַזונדערער לוסט... און עס ווערט שוין בלויז — ווי צו מיר און ווינד! מ י ך פּייניקן — פאַרוואָס?! בין איך ווינציק געפּייניקט? מיין לעבן איז דאָך שוין צעטראָטן אַף אַלע אייביקע אייביקייטן — אָן דיר, מיין ליבע! מיין האַרץ וועט דאָך שוין קיינמאָל און צו קיינעם מער — דו הערסט? — נישט שלאָגן! איך, מיט מיין גאַנצן אוצר פון לעבן און געפילן, — וועל דאָך שוין אייביק ליגן־בלייבן צו דיינע פיס!

„טאָ — פּייניק־זשע מיך טאַקע, אויב דו האָסט פון דעם פאַרגעניגן. ווייל, ליבערשט איז פון דיר צו ווערן געפּייניקט, — אָ, דריי מאָל ווי איז צו מיר! — איידער פון אַ צווייטער צו ווערן געליבט! אָ, די ליידן, וואָס דו פאַרשאַפסט מיר, — זענען זיסער, ווי יענע זיסטע פאַרגעניגנס פון אַ אַנדערער! ווייל נאָך פּיינלעכער וואָלט געווען, — ווען דו, חלילה, וואָלסט אינגאַנצן נישט געווען, מיין ליבע; און איך, דיין שקלאַף, וואָלט נישט געווען געהאַט דאָס גרויזאַמע גליק — זאָגאַר פון דיר געפּייניקט צו ווערן...

„אַלזאָ, איך רעזומיר: אויב מיין בייז מזל קלויבט זיך ערשט אָנצויאָגן אַף מיר צרות און פּלאָגן, — איז גלייכער און געווינטשענער און באַקוועמער, אַז איך זאָל זיי באַקומען אויס די הענט פון מיין ליבע...

„און דערפאַר, רוף איך אויס דריי מאָל פייערלעך: — אָ, אָ, אָ... זאָלן זיין געבענטשט דיינע הענט, טייערע, וואָס ברענגען מיר אַזויפיל פּיין און ווי... וואָס זאָל איך, דיין אָרעמער דינער, טאָן? — איך קאָן נאָר בענטשן — פאַר אַלץ. דיר נאָר בענטשן, בענטשן און טאַקע ווידעראַמאָל — נאָר בענטשן!...”

זיך־אָפּגעפּאַרטיקט מיטן גרייזלעכן קוואַטשט, — האָט זיך פּליגלמאַן דערשפּירט, מיטיינמאָל, גרינגער אַפן האַרצן און אין אַלע אברים; אַלנפאַלס — נישט אַזוי ווי איינער, וואָס גרייט זיך צום שטאַרבן... עס האָט זיך אים אַפילו פאַרוואָלט אַ שמייכל־טאָן, פון נחת — וואָס עס איז אים געלונגען אָפּצוטאָקן אַזאַ מייסטער־שטיק... נאָר, ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר די אייגענע פיר ווענט פונעם צימער און, דערעיקרשט, פאַר איר בילד אינדערמיט — מיט זיין לייכט געמיט! ער האָט זיך געחידושט אַף זיך אַליין:

„...ווי קומט עס צו אים — אין אַזאַ פייערלעכער שעה פון זיין לעבן; ווען דאָס האַרץ זיינס גייט אָפּ מיט בלוט; און ער אַליין האָט שוין, מיט איין פוס, אַריבערגעשפּאַנט צום קבר, — זאָל ער זיך גאָר אוועקשטעלן און

לאכן, פּלוצלונג?! — סיידן, מירן אָננעמען, אז — ער איז פון זינען גע־רירט! אז זיינע צרות האָבן אים אראָפּגעטריבן פון די רעלצן... אָ, איצט איז די געפּאַר פּאַר אים אַ טאָפּעלע: — טויט, געפּאָרט מיט וואנזין!..."

און פליגלמאַן דער טראַגישער האָט שוין, גאָט צו דאַנקען, נישט גע־לאַכט מער.

4

מע וואָלט געקאָנט מיינען — נאָך דעם אויבן־פּאַסירטן, — אַז פּליגל־מאַן וועט זיך שוין מער נישט דערוועגן קומען צו זיין פריינטן; און בפרט, אַז די געפּאַר פון זעלבסטמאָרד איז שוין אויך געווען פאַר אים אַריבער — נאָך זיין געלונגענער דרשה פאַרן בילד אירן, בא זיך אין צימער...

נאָר דער, וואָס דענקט אַזוי, — קאָן אים נאָך אַלץ נישט, אונזער האַרציקן אינטעליגענט פּליגלמאַן; און ער שטויסט זיך נישט אָן, וואָס מע קאָן נאָך פון אים דערוואַרטן... מע דאַרף פאַרשטיין, אַז פּליגלמאַן דער העלד — אַ ל ס ה י מ ל ־ מ ע נ ט ש , — איז זיך נישט מחויב־געווען צו רעכענען דערמיט, צי מע האָט אים יאָ אָנגערירט, צי נישט; ווייל — ער האָט זיך גערדאַרפט באַטראַכטן, אַלס העכער פון דעם אַלעמען!...

...ער, האָט תמיד געהאַט פאַר זיין בליק די העכערע מיסיע, וואָס ער האָט זיך אָנגעצייכנט אַדורכצופירן; און ער האָט זיך נישט געלאָזן פון קיינעם צעשטרייען; אָראָפּדרענגען פונעם גלייכן וועג...

מע טאָר נישט פאַרגעסן, אַז ער, אונזער העלד, איז נאָך, פאַר אַלעמען, געווען אַ אידעאַליסט... וועלכער האָט אינזינען געהאַט תמיד צו ראַטן יע־נעמס זעל פון שלעכטס — באַדאַי אַפן חשבון פון אייגענע ליידן און אַבנע־גירונג... און ווען מע האָט געמוזט אַראָפּנידערן אין פייער־תהום פון זינד, צוליב דעם, — איז — נישט געשראָקן זיך און געגאַנגען. ווייל, אַזוי באַ־פעלט דער אידעאַל; און דו, פּראָסטער סאָלדאַט, מוזסט פאָלגן...

ווען, מיט דער צייט, פאַרשטייט זיך, האָט זיך, ה י נ ט ע ר ד ע ם א ל ע מ ע ן , גענומען אונטערגנבענען דער ריינער ערדישער לוסט־פאַרגעניגן און אָנגעהויבן אַריינציען אונזער הייליקן יונג אַלץ טיפער אין דער נעץ, — האָט ער שוין גענומען צושמייכלען נחתדיק; אין געהיים, זיך באַלעקט פון דער גרייזלעכער פרייד; נאָר, זיך אַלץ געמאַכט נישט־וויסנדיק וועגן דעם אמתן שפּיל, וואָס גייט דאָ פאָר. פאַרקערט גאָר. ער

האָט ערשט גענומען היפּאָקריטעווען און פאַרטיידיקט דאָס פאַרייניקן ס'נוצלעכע מיטן אָנגענעמען...

...וואָס טוט מען נישט אַלץ, ווען מע ברויך צו שלאָגן דעם טייוול? נו, און אַז דאָס לעבן איינשטעלן, — איז וואָס? איז עס נישט כדאַי?!.

ער איז ערשט פאַרגעקומען — פיליכט, אומבאוואוסט פאַר זיך — אַקוראַט ווי יענע הייליקע יונגפרוי אינעם קאָנוועגט, אין וועלכער עס האָט זיך איינגעליבט דער יונגער שיינער מאָנאַך; און אפשר זי אין אים — אויכעט. אָבער, מע וועט דאָך נישט גיין רעדן פון אַזעלכע זינדיקע זאַכן... געגערעדט האָבן ביידע צווישן זיך דווקא יאָ אַסאַך וועגן באַקעמפן דעם טייוול... איינמאָל, האָט דער שיינער מאָנאַך איר אָנפאַרטרויעט אַפן אויער אַ סוד, אַז — ער וואָלט איר געקאָנט ווייזן דאָס געשטאַלט פונעם שרעקלעכן טייוול, וויאַזוי ער זעט אויס... „מע דאַרף זיך נאָר נישט שרעקן פאַר אים..״ — האָט ער איר געלערנט. און ער האָט איר אָנגעזאָגט ארויסצוקומען, אינמיטן נאַכט, אין אַ פאַרבאָרגן קעמערל פונעם קאָנוועגט, — וועט ער אים איר ווייזן... מיט אַ געפערלעכן האָריק־קלאָפּ, געהיטן פאַר אַ פרעמד אויג, — איז זי געקומען אַהין, יענע הייליקע יונגפרוי, אינמיטן נאַכט, צוגיין. און דאָרט, האָט ער שוין אַף איר געוואַרט, איר יונגער שיינער חבר, דער מאָנאַך. ער האָט איר אַרומגענומען און איר פעסט צוגעטוליעט צו זיך, זיין געליבטער; באַדעקט איר פּנים מיט ווילד־פלאַמיקע קושן; און זי האָט נישט קיין כוח געהאַט זיך צו ווערן... ביז, ער האָט דערשפּירט דעם אויפקום פון זיין מענלעכער קראַפט; און ער האָט איר געוויזן דעם טייוול, אין זיין גאַנצער מאַכט... איצט, האָט ער איר געלערנט, וויאַזוי דעם טייוול צו שלאָגן; אָבער, ער האָט זיך גענויטיקט אין איר הילף... זי, די הייליקע יונגפרוי, האָט זיך, אין תחילת, נישט דערוועגט אים צו אנטזאָגן אין זיין וואונטש — ווייבאַלד עס איז געגאַנגען אין אַזאַ הייליקן ציל... נאָר שפּעטער, האָט זי אַליין דערשפּירט דעם טיפן אומדערזעטלעכן געגוס; און זי האָט אים שוין נישט צורו־געלאָזן מער; אָנגעבאָטן, מיט יובל, איר לייב, יאָ, פאַר דער הייליקער עבודה פון שלאָגן דעם טייוול...

עטוואָס ענלעכעס צו דעם האָט פּאַסירט מיט אונזער יונגפרוילעכן פליגלמאַן... אומבאַמערקט פאַר זיך אפשר, — האָט ער זיך גענומען טיילן אין צווייען. אינדערצייט, וואָס איין פליגלמאַן, ד ע ר ע ר ש ט ע ר, איז נאָך אַלץ געווען פונפאַרנט און געערדט וועגן הימל־גליק און געטלעכער פרייד, וועגן קינדערשער ליבע און... געזאַלצענע הערינגלעך, וועלכע מען קאָן גאָר אין מויל אריין נישט נעמען, און עס איז אַן אַטענטאַט אַף דער מאָראַל, אַז מע רירט זיך גאָר צו צו זיי, — איז שוין הינטער אים געשטאַנען גרייט אַ אַנדער פליגלמאַן, ד ע ר צ ו וו י י ט ע ר; דער, וועמען אַ יונגע בליענדע פרוי האָט איינמאָל צוגעלאָזט צו זיך, ער זאָל איר פאַרזוכן... איצט, איז ער געווען אַזוי נאָענט צו איר, ווי קיינמאָל. ער

האָט געגאַשט, זיך באַלעקט, און באַגערט נאָך... אַ, ער האָט צוגעזען, מיט לוסט־שרעק, וויאַזוי זי, זיין פריינטן, האָט זיך נאָך נישט רעכט צעבליט אַפילו. זי הויבט ערשט אָן אויפקומען, ווי אַ רויז; זי פאַרשיכורט אים זיין קאָפּ מיט די דופּטיקע ריחות, וואָס זי גיט אָפּ פון איר לייב, און ער, אַזויווי אַ וואַנזיניקער, אָטעמט זיי אַריין אין זיין קערפּער...

אין זיין שיכרות, האָט ער זיך נישט געגעבן קיין רעכענונג, וויאַזוי ער אַליין נעמט זיך ערשט צעוואַקסן לעבן איר, ווי אַ ווילדער שטעכיקער דאָרן, וואָס צאַפּט פון איר דאָס בלוט. נאָר אַפילו, ווען ער וואָלט זיך געכאַפּט דאַרויף, — וואָלט אים, מסתמא, שוין נישט געסטייעט קיין כוח צו אויפהערן זיין דאָס, וואָס ער האָט ערשט געהאַלטן אין ווערן, וואַקסן און גיין אַהין — פונוואַנען מע קומט נישט צוריק... ער איז שיר נישט פאַרקומען, ווי יענער הייליקער העלד פון „טאַים", וועלכער האָט, ש פּ ע ט ע ר , געפּרואווט דרייען זיין גאַנצע ראָד פון לעבן אַף צוריק...

ער, פליגלמאַן דער צווייטער, אין זיין בהלה, — האָט אויפגעהערט ליידן לעבן זיך זיין באַגלייטער, יענעם ערשטן פליגלמאַן, וועלכער האָט נאָך אַלץ געדולט אַ קאָפּ מיט נעכטיקע טעג — אַזש עס האָט זיך גע־גלוסט ברעכן הערנדיק. און ווען ער האָט אים נישט געקענט שטום־מאַכן אינגאַנצן, — האָט ער אים אָבער באַהערשט אַף אַזויפיל, אַז — ער זאָל רעדן נאָר דאַן, ווען מע דאַרף; עס זאָל דינען צום ציל... ערשט, זענען זיי ביידע געוואָרן פאַרברידערט; זיך געגעבן די הענט; באַנייס אויפגעגאָסן אין איין גלענצנדן יונגנמאַן, דעם נעטן אינטעליגענט פליגלמאַן, וועלכער איז שוין נישט אָפּגעטראָטן פון איר מער; גערעדט, געדראָעט, געשריגן און געוויינט; געחלומט אַפן קול פון הייליקייט און פון לוסט, וואו־ווען עס האָט זיך געפּאַסט; אַ פאַרשיכורטער פון ליבע־עקסטאַז, — זיך געטוליעט אין איר לייב; געוואָרן אַוועקגעטריבן, זיך נישט באַליידיקט און געקראָכן ווייטער מאָנען דאָס זעלבע.

ער האָט איר נישט אויסגעהערט; נישט איר געוויין; נישט אירע פאַר־נונפטיקע רייד. ווי אַ יאַגד־הונט, — האָט ער כסדר געשנאַפּט און נאָכגע־שמעקט נאָר איינס — איר זיס לייב, וועלכעס ער באַגערט; און ווייטער — איז אים מער גאָרנישט אָנגעגאַנגען; האָט פאַר אים גאָרנישט עקזיסטירט...

ער, דער נייער פליגלמאַן, מיט זיין פרישער פילאָזאָפיע וועגן לעבנס־פרייד, — האָט דאָ גוט צוגעזען, וויאַזוי — זי שעצט אים נישט מער. זי האָט אים, פּראָסט־פּשוט, אויפגעהערט אכטן, אַלס מענטש...

...נו, האָט עס אים נישט געאַרט! ער האָט איר אויסגעהערט, ווי זי זאָגט עס אים גלייך אין די אויגן, אַז... זי נעמט צוזען, ווי ער פאַרלירט זיין ווערדע בא זיך אַליין. טאַ, וויאַזוי קאָן ער פאַרלאַנגען — מע זאָל לייגן אַף אים אכט?

— ...ער, וועט זיך שוין געוויס דאָ תמיד אומדרייען אַזוי — אַ הונ־

געריקער א דורשטיקער מאָפּס — באַ אירע פיס; אויסוואַרטן די רגע, ווען מע וואַרפט אים עפּעס צו; עס אויפפרעסן, זיך־באַלעקן; בלייבן הונגעריק ווי געווען; גלייך בעטן נאָך... אָ, יאָ; מיט אים מאָג מען זיכער בלייבן. ער וועט ווייט נישט אַוועק. פּגרן וועט ער, ווי אַ הונט, באַ אירע פיס...

— ...אָבער זי, די אומגליקלעכע — האָט זי שווער אָפּגעזיפצט און ווייטער געדעכט — האָט נישט אַף דעם אויסגעקוקט. דאַרויף האָט זי גע־האַט איר מאַן... אָ, זי האָט נאָך געהאָפט אַף אַ שיין לעבן, אַף גרויסע גליקלעכע טעג... ערשט, וואו זענען אירע האָפענונגען אַוועק? גאָט! וואָס האָט זיך דאָ פון אַלעם אויסגעלאָזט?!.

האָט ער איר אויסגעהערט, דער נייער פליגלמאַן; איר אין אַלעם אָפּ־געשוויגן; און — ווייטער געוואַרט; נישט אָפּגעטאָן פון איר קיין אויג; נישט אויפגעהערט צו קוקן אַף איר און איר באַגערן אָדם־נאַקעט — ווי מע באַגערט אַ צויג... אָ, ער האָט שוין געוואוסט, דער פיל־געפּרוואווטער ליבהאָבער, וויאַזוי — רייד ווערן איבעריק און שטערן, — ווען צוויי יונ־גע מענטשן, מאַן און פרוי, זענען צוזאַמען; זיי ווילן זיך אָנשיכורן מיטן יוגנט־רייץ, וואָס שלאָגט אַזוי שטאַרק פון זייער ביידנס האַרץ...

ער האָט, דאַרום, דורכגעלאָזן אירע שטראָף־רייד, ווען זי האָט זיך פּלוצים צערעדט פון אַ ציל... זי האָט אים געוואָרנט, אַז — אַלעס, וואָס זי האָט צוגעלאָזט ביז איצט, — איז געווען צוליב איר ציל פון מאָרגן; פון וועלן איינאָרדענען איר לעבן פונדאָסניי. אַנדערש, — וואָלט זי קיינמאָל גאָרנישט געווען דערלויבט; און זי וועט עס נישט דערלויבן אַף ווייטער אויך — ער הערט?!

...ניין. ער האָט נישט געהאַלטן דערפון. ליבע ווייסט נישט פון קיין צילן, פון קיין מאָרגנס, פון קיין טעג. ליבע — זי אַליין איז דער ציל; אַלעס פאַר זיך. עס בלייבט גאָרנישט פאַרן מאָרגן. נישטאָ קיין צייט צו באַקלערן עפּעס. זי איז דער האַר, וואָס באַפעלט; און עס בלייבט נאָר — איר אויסצופאָלגן בלינד...

ער האָט געקוקט צו איר אַליץ־פרעכער, נאַקעטער — אין זיין בליק; און איר באַגערט...

...דאָס פלעגט איר באַליידיקן, ביז צום בלוט. זי האָט אים געהאַסט, — איר דערנידעריקער, איר לעסטיקער; און עס האָט איר גענומען באַנייס עקלען פון אים; איר שרעקן — זיין שווערער בליק, וואָס האָט אַליץ גע־קוקט אַף איר; איר פעסט געהאַלטן אין אַ צוים; אָ, איר נישט אָפּגעלאָזן מער...

נאָר — שטאַרקער, אַ פּנים, פון איר עקל צו אים און פון דער שרעק, — איז געווען אין איר דער באַגער — צו לאָזן געשענדעט ווערן דאָס אייגענע ליב, וועלכעס געהערט שוין מער נישט צו איר, אַז, וויבאַלד... זי האָט זיך איינמאָל דערלויבט אַריבערצושפּאַנען דעם תחום...

„...זי איז אַ געפֿאַלענע! — דאָס ברויך זי קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן. עס האָבן תמיד פֿאַרן אויג. צוויי מענער האָבן איר באַהערשט; געבראָכן דעם ווילן און איר ווערט; און — זי געהער צו זיי ביידן. זאָלן זיי טאָן איבער איר זייער באַגער!... ווילאַנג דען, אַ שטייגער, קאָן עס נאָך אָנהאַלטן אַזוי אינגאַנצן? עס גייט צום אומפֿאַרמיידלעכן... טאָ — זאָל עס גיין! — וואָס בלייבט איר דען צו טאָן?... זי, די פֿרוי, מוז זיין געהאָרכזאַם צום „ער", איר אויבערהאַר; טאָן זיין ווילן. אפשר, וועט ער איר אַביסל לענגער ליבן — דערפֿאַר... ווי ער זאָגט, — מוז שוין זיין גוט. פֿאַרפֿאַלן. מסתמא ווייס ער, וואָס ער רעדט... זי אַליין, ווערט שוין גרייט אַף אַלץ..."

פֿליגלמאַן, אַף איר קוקנדיק, — האָט איצט הנאה געהאַט פֿון איר אויסזעען אַליין... זי איז פֿאַרגעקומען הכנעהדיק און צוגעשטילט, ווי אַ קינד...

„...אַזוי, האָט ער איר ליב, דער זיסער בונטאַרן — ווען זי גיט זיך אַליין אונטער; זי בלייבט ווילנלאָז; זי רעזיגנירט... ערשט איצט, אין איר געהאָרכזאַמקייט, — מוז איר זיין גוט צו געניסן אינגאַנצן; ווען זי גיט זיך אָפּ — אָן רעזערוואַציעס, אָן צילן — דער ליבע, דעם געטלעכן גענום..."

אַ פֿאַרשיכורטער פֿון גליק, — האָט ער איר גענומען קושן, מיט גוואַלדיקער ליידנשאַפֿט, און בייסן אירע ליפּן, איר האַלז...

נאָר, זי האָט אים אָפּגעהאַלטן, אַ ווײַלע. זי האָט געמאַכט טונקל אין צימער; אַליין זיך גענומען אויסטאָן; אים באַפֿוילן דאָס אייגענע... און איר אינטימיטעט, — האָט זי זיך געבעטן באַ אים „...ער זאָל זיך נישט אָנזעטיקן גלייך; אָ, ער זאָל איר נישט איבערלאָזן אַליין... זי איז אַ געפֿרויערנע פֿרוי... איר מוז מען לאַנג צערטלען, איר ליב־האָבן, דערוואַרעמען איר זעל..." דערפֿאַר, האָט זי אַליין, די עלנטע, די גליקלעכע, אים ערשט געצערטלט און געליבט, אָ, מיט די לעצטע כוחות פֿון איר פֿאַרשמאַכט געמיט. זי האָט צו אים געשעפּטשעט די זיסטע און די פֿלאַמיקסטע רייד. זי האָט זיך באַ אים געבעטן, אַז „...זי וויל נאָך האָבן פֿון אים אַ קינד... זי וויל, ער זאָל איר ברענגען אַ גילדערן פֿינגערל..." און זי האָט אים באַשוואָרן באַ אַלעם הייליקסטן — באַ דער ליבע אַליין פֿון זייערע יונגע קערפּערס, באַ אירער און זיינער, וואָס זענען אַצינד צוזאַמענבאַהעפֿט, — אַז ער זאָל איר נישט פֿאַרלאָזן קיינמאָל...

דערנאָך; איז מען געזעסן צוזאַמען, ווי צוויי פֿאַרליבטע קינדער, אַף דער קאַנאַפּע; זי — אין זיין שויס, אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אָן זיינעם; און געשוויגן, אַ לאַנגע צייט. ער האָט איר געגלעט צאַרט איבערן פּנים; געקושט אירע הענט, די אויגן... נאָר זעענדיק, ווי זי איז טרויעריק, — האָט

ער געקומען זוכן אין געדאנק, איר עפעס צו זאָגן א טרייסט־וואָרט... ער האָט איר פארזיכערט, אז... פון אצינד און ווייטער, — וועט ער זעען צו ברענגען פאר איר בלויז פרייד. ער וועט טאָן אַלץ: זיך־פוצן, זיין יונג און אינטערעסאנט, — אבי איר צו געפעלן...

...— נו, איצט איז זי צופרידן?...

נאָר זי, קענטיק, האָט אים ערשט נישט געהערט. געקומען רעדן אַליין אירע רייד...

— איר ווייסט? ווען איך בלייב מיט אייך — אזוי אָ, ווי איצט... אזוי נעם איך שפירן — ווי קייטן פאלן בא מיר אראָפ פון די הענט... כאָטש, צוריקגערעדט: זענט איר אַליין דאָך אויך — קייטן... ליבע?... איך ווייס נישט. זי איז, דאכט־זיך־מיר, סיי־ווי נישטאָ...

און צוזעענדיק, אז זי נעמט אים פארשאפן שמערצן, מיט אירע רייד, — האָט זי צוגעגעבן:

— ...נו, איך פיל צו אייך א סימפאטיע... מיין גאָט! — (און זי האָט זיך אָנגעכאפט פארן קאָפּ;) — עפּעס א טייוול, א פינצטערע קראפט זיצט אין מיר און שטערט מיך...

— ...איר ווייסט? — (און זי איז געוואָרן אַלץ טרויעריקער און טרויעריקער אפן פנים;) — איך בין א שטארקער דעמב, וואָס קאָן זיך נישט בויגן. מיך קאָן מען נאָר ברעכן...

— ...איר, זאָגט: פארוואָס האָט איר מיך נישט צוגענומען פון איב באַלד, ווען איר האָט מיך ליב־געקראָגן?... איצט, — וואָס זאָרגט איר זיך פאר מיר? מיין לעבן איז שוין, סיי־ווי, פארפאלן...

— ...איר, זאָגט: צי זעט איר נישט, ווי א העכערע מאכט, א קללה פארפאָלגט מיך?!. אָ, איך בין אזוי מיד!... גאָט געטרייער! ווי איך דארף א קליין ביסעלע רו...

און זי האָט זיך שטיל, ווי א קראנק קינד, צעוויינט אפ איר לעבן; וויאזוי עס האָט געקאָנט אוועקגיין, און וואָס עס איז דערפון געוואָרן...

נאָר, גיך האָט זי זיך געכאפט, אז — עס איז שפעט פארנאכט; מע קאָן נאָך אָנקומען...

און זי האָט זיך צורעכט־געמאכט. געבעטן בא פליגלמאנען, ער זאָל איצט אוועקגיין... זי האָט אים פארשפראָכן — אפ מאָרגן, זאָל ער קומען, — וועט מען פארברענגען צוזאמען...

— ...ער ווייסט דאָך: זי האָט קיינמאָל נישט חרטה אפ איר וואָרט...

*

א הייטערער, א לוסטיקער, — איז ער געקומען צולויפן, אפ מאָרגן, מאָנען דאָס פארשפראָכענע. נאָר ער האָט איר געטראָפן אזוי פינצטער אין צורה, — אזש ער האָט איר נישט דערקאָנט.

אויך זי האָט געקוקט אַף אים, ווי אַף אַ ווילד־פרעמדן. אַ צייט לאַנג, איז מען געזעסן און געשוויגן... ער איז געוואָרן מוראַדיק אויפגערעגט. נאָר... ער האָט זיך נישט דערוועגט איר אָנצורירן; ווייל ער האָט געשפּירט, אַז... עס האָט נאָך נישט געשלאָגן די צייט... ער האָט זיך, דאַרומער, איינגעהאַלטן, מיט אַלע כוחות, און געוואַרט.

זי האָט, די ערשטע, געבראָכן די שטילקייט. זי האָט זיך גענומען קלאָגן, אַז... עפּעס אַ שרעקלעכער אומעט דריקט איר...

...אָ, ער האָט אויפגעפרעסן איר נשמה, איר לעבנסלוסט...

אַ צעטומלטער, אַ באַרוישטער, — האָט פליגלמאַן נישט געהערט, וואָס זי רעדט; נאָר איר געשלונגען מיטן בליק... עפּעס איז ער זיך אַליין פאָרגעקומען, ווי פאַרזונקען מיטן קאָפּ צווישן בערג... זי, האָט היינט אויסגעקוקט אַזוי עראָטיש־מילד; אַן אָפּגעשוואַכטע אַזאַ, אַ צערטלעכע... אַז ווען מע קען איר נאָר בייקומען; איר אַרומנעמען און דערלאַנגען דעם ערשטן קוש...

...נאָר, עס איז נאָך געווען צו־פרי; און געפערלעך... זי, ד י ש וו אַ כ ע , — וואָלט אים, אַ ודאי, געווען אָפּגעשטויסן... (אָ, ער קאָן איר שוין גוט, דער ווידערשפעניקערן!...) געווען געוואָרט זיך; אים דערקלערט, ווי איר שטייגער, באַלד צום אָנהויב, אַז — זי האָט אים נישט ליב... ניין. ער מוז היינט האָבן געדולד צו איר; איר נעמען פאָרזיכטיקער...

און ער האָט פּלוצים באַקומען אַ קאָמבינירטע אַטאַקע אַף מענטשלעכקייט, געפּאָרט מיט לוסט צוזאַמען, — אַז ער האָט גענומען דעקלאַמירן:

— אָ! אין דעם וויסטן לאַנד האָט איר פאַרלאָרן אייער לעבן... דאָך, צאַפּלט אין אייך ערגעץ טיף אַ מענטשלעכער אָטעם; אָ, ער לעבט, ער עקזיסטירט... אָט לויכט איר היינט אינגאַנצן, ווי איינגעטונקט אין שיין...

און ער האָט זיך דערוועגט; איר אָנגענומען פאַר די הענט; זיי איידל געגלעט... נאָר, מיטאַמאָל האָט ער געענדערט דעם טאָן און פאָרגעזעצט ווייטער:

— ...אָ, איר זענט אַ סם אַ געשמאַקער, אַ זיסער, וואָס גיט צו פאַרזוכן אַלע תענוגים; וואָס צינדט דעם דורשט צו גענוס; וואָס ברענט אויס אין אונז אַלץ — דעם מאַרך מיטן האַרצן...

און ער האָט איר אַרומגענומען; געקושט לאַנג אין די ליפּן, אין איר האַלז... ער האָט זיך ערשט געקליבן צו צעפירן די הענט; געמיינט, ער האָט איר שוין פעסט...

נאָר פּלוצים, האָט זי דערשפּירט, ווי... עס ציטערן די שטובּיקע חפצים אַרום; אָ, פּונקט ווי זיי וואָלטן פּראָטעסטירט... זי האָט, פאַריינמאָל, באַקומען מורא. זי האָט זיך צעוויינט... און פּונקט דאַן, ווען ער איז שוין געווען זיכער, אַז זי איז זיינע, — האָט זי זיך ראַפּטעם אַרויסגעריסן בא אים פון די הענט; אים ווילד אָפּגעשטויסן פון זיך. זי איז געוואָרן

בלייך, ווי קאַלך, אַז זי האָט גענומען וואַרפן אין אים אירע רייד, אַקוראַט ווי צעגליטע שטיקער בליי...

— ווי וואַגט ער גאָר קומען צו איר מיט זיינע געמיינע פאָרשלאָגן? וואָס איז זי — אַ זונה, צו וועמען מע קומט קילן די נערוון? ווי שעמט ער זיך נישט?! — הער נאָר דעם געדאַנק פון אַ מענטשן! — ווייל ער האָט מיך ליב, — מוז איך אים באַפרידיקן! — אָ, איר זענט אַלע בעס־טיעס!

און זי האָט אויסגעשפיגן אין זיין זייט; זיך אוועקגעקערט.

פליגלמאַן דער ביטראַק האָט נאָך עפּעס געפּרואווט אַ באַלעבעטישע טאָן וועגן איר שווערער גייסטיקער לאַגע; וועגן דעם קריזיס, וואָס זי מאַכט דורך; וועגן איר פאַרפרוירענער נשמה און איר פאַרגליווערטער זעל; און אַז נאָר אין זיינע קינדערשע אומשולדיקע אָרעמס קאָן זי אויפלעבן, ווי אַן ערשט־געבוירענע בלום...

נאָר, זי האָט אים אָנגעקוקט, מיט שפּאָט אינעם בליק:

— זאָגט: איר מיינט עס ערנסט, סעניאָר פליגלמאַן? אָ, מיין נאָבע־לער רעטער און מיין פריינט!

און ווידער האָט איינגעטראָטן אַ שווערע שטילקייט. זי האָט דער־זען, ווי ער איז געבליבן זיצן — אַ חרובער, אַ פאַרוויסטער אין צורה; אַז עס צאַפּט זיך פון אים דאָס בלוט. זי האָט נישט געוואוסט: צי איז דאָס אמת, אָדער ער מאַכט זיך אַזוי... נאָר, שוין האָט זי געפילט אין איר האַרץ יענץ טייפלשע רחמנות זיך וועקן צו אים...

...אָ, ווען זי קאָן, —וואָלט זי אַרויסגעריסן דאָס רחמנות, מיטן האַרצן צוזאַמען...

זי איז צוגעגאַן צו אים נעענטער; אים געפּרואווט אַריינקוקן אין די אויגן...

— הערט מיך אויס, מיין פריינט... איך וועל אייך זאָגן דעם גאַנצן אמת. כ'האָב אַסאַך געקלערט דאַריבער... איך בין אויסערגעוויינלעך־שלעכט... איך וואָלט געדאַרפט זיין צו אייך פאַלש. ווילט איר עס?... איך האָב, שוין נישט איינמאָל, גענאַרט; געווען פאַלש. אָבער, צו אייך קאָן איך אַנדערש נישט זיין... איך בעט אייך — איר זאָלט אַוועקוואַרפן אייער מרה־שחורה. איך האָב נישט קיין כוח צו איר... איך קאָן נישט פאַרטראָגן, ווען מע באַפעלט מיר... אָ, ווערט פריימוטיק. איר קאָנט דערווייל נישט אַנדערש... איר, לאָזט צורו אייערע אויסגעחלומטע טעאָריעס פון ליבע און טרייהייט. דאָס לעבן גייט אַנדערש; איר זעט דאָך אַליין... און איך פאַר־שפּרעך אייך, אַז — איר ווערט פיל־מער דערגרייכן... פאַרוואָס — אַז איר נעמט רעדן, ווי אַ מענטש, — ווערט איר אינטערעסאַנט און סימפּאַטיש; און איך וועל באַרייט אייך נאָכצוגעבן אין אַלץ?... ווילט איר, איך זאָל אייך אויסזאָגן דעם אמת? איר באַשטייט דורכוים אַף דעם? — נו, וועל

איך זאָגן... איך האָב אייך קיינמאָל נישט געליבט... זאָגט: איצט זענט
איר צופרידן?... איך האָב בלויז געפילט צו אייך אַ סימפּאַטיע. אַזוי לאַנג,
ביז איר האָט זיך נישט גענומען אַליין פאַרמיאוסן אין מיינע אויגן... איך
האָב גאָר קיינמאָל נישט געטראַכט אייך צולאָזן אַזוי נאָענט צו זיך; ביז
איר האָט מיך נישט אַריינגעצויגן... אָבער, עס טוט מיר נישט באַנג. מיר
טוט, קיינמאָל אין לעבן, אַף גאָרנישט באַנג. אַז מע וויל לערנען עפּעס, —
צאָלט מען. אָ, איך ווייס דאָס שוין גוט... אָבער, איצט בעט איך פון אייך:
— פאַרלאַנגט באַ מיר גאָרנישט. עס וועט קומען אַליין; איר וועט שוין
זען... נ אָ ר — אָן פאָדערונגען, יונגערמאַן; אָן צושטיין! ווייל, איך וועל
עס נישט אויסהאַלטן און אייך פאַרטרייבן... נאָר — אָנשטענדיק און
סטאַטעטשנע, ווי באַ מענטשן גייט צו; וועל איך אייך באַניים נעמען אַכטן;
און אַלעס וועט בלייבן, ווי געווען... וואָס אַרט אייך? איך זאָג עס אייך צו.
איר קאָנט מיך, דאַכט זיך, פאַר אַ וואָרט־האַלטערן, נישט־אמת?... אָבער
— ליבע?! — אָ, לאָזט געמאַך מיט איר, אום גאָטס ווילן! וואו זעט איר
זי?!. איר זענט אַ דיכטער, אַ פאַנטאַזיאָר, — טאָ, ווער איז אייך שול־
דיק?... דאָס לעבן גייט אַנדערש, מיין פריינט. עס איז נאַקעטער ברוטאַלער
קאַמף. און וואָס נאַקעטער מע טוט זיך אויס, מע אַנטבלויזט זיך, — אַלץ
ווילדער, הפקרדיקער, צעיושעטער ווערט ער, דער קאַמף, אַרום אונזערע
געשענדעטע לייבער — איר, פאַרשטייט עס נאָך אַלץ נישט? איר זעט עס
נישט איין אַליין?... כאַ־כאַ־כאַ... אַך, דו, מיין ליבער אינגל... איך בין
פאַרדאָרבן, צעפרעסן ביז צו די האָר־וואָרצלען... איך, ווער געשלאָגן און
געטראָטן ביז צו דער ערד... (מיט אַ נערוועזן זשעסט) עך, לאָזט געמאַך,
בעט מען אייך, מיט דער ליבע!... מיט אייך וויל איך זיין מ ע נ ט ש.
רעדן, לעבן; אָטעמען פריי, אַזוויי איר. מענטש, באַגלייך מיט מענטש —
איר הערט? צו דערשפּירן מיין אייגענעם אָטעם, מיין ווערט, מיין א י ך
אַף דער וועלט!... יענץ, וועט קומען אַליין, ווען ס׳וועט זיין... איך האָב עס
גענוג מיט אים, דאָס חזירשע וואַלגערן זיך און זיך־לאָזן פון יענעם באַ־
בראַקען... אָ, גיט מיר צייט קומען צו זיך, איך בעט אייך; זיך־אויסרוען,
זיך־פאַרגעסן. העלפט מיר ראַטעווען־זיך, כל־זמן עס ווערט נישט שפּעט —
וויבאַלד איר זענט מיין פריינט... אָ, איך בין אויסגעליידיקט, אויסגע־
ברענט, פאַרקוילט. לאָזט מיר באַניים אָנקוועלן מיט זאַפט... איך פאַרזיכער
אייך, פליגלמאַן מיין טייערער: איך וועל אַליין קומען צוגיין צו אייך; אָ,
איך וועל אייך נישט צורו־לאָזן... אפשר, אין אַ יאָר אַרום; אפשר, מאָרגן...
און איך וועל אייך אַזוי ליבן, מיין פריינט, — ווי איך האָב נאָך קיינמאָל
קיינעם נישט געליבט!... מירן זיך באָדן, קינד, אין גליק און אין פרייד.
מירן לאַכן, מירן זיך שפּילן; און פאַרברענט ווערן צוזאַמען פאַרן גליק...
נאָר — נישט איצט, מיין ליבער. אָ, נאָר — נישט איצט... ווייל, איך בין
אַזוי מיד!... אַזוי שרעקלעך טויט־פאַרמאַטערט אומגליקלעך איך בין... אַזוי

עלנט בין איך, דערשלאָגן, צעבראָכן, וויסט און פאַרפייניקט... אָ, מיין גאָט! איך בענק אזוי נאָך א קליין ביסעלע רו...

אזוי האָט זי געזאָגט איר ווידוי, די קראַנקע פרוי, אין יענער עלנ־טער שעה, פאַר איר פריינט; געהאָפט ביז לעצט, א פנים, אָ, ביזן לעצטן צאַנק פון איר זעל — אז די טויט־געפאַר האָט שוין געפּאָכעט איבער איר און מיט די פליגל איר באַרירט, — אז עס וועט נאָך קומען די הילף פון איר פריינט. אז ער וועט איר אויסשטרעקן א האַנט, ווי א מענטש צו א מענטשן...

...אָ, ער וועט איר אַרומנעמען און באַשיצן פאַר דער גאַס...

נאָר, אז זי האָט א קוק־געטאָן צו אים א צ י נ ד ; וויאַזוי ער זעט אויס — ווילד, צעררייצט... ,— האָט זי דערשפירט — ווי עס רייסט זיך איר אָפּ, דאָרט אין האַרצן, די לעצטע האָפענונג אַף אים. און פינצטער ווערט פאַר איר די גאַנצע וועלט...

ער, פליגלמאַן — פאַר דער צייט, וואָס זי האָט גערעדט, — איז זיך געזעסן און גערעכנט ז יי נ ס . ער האָט אפילו נישט אויסגעהערט רעכט, וואָס זי וויל... עס האָבן אים, איינפאַך, נישט אינטערעסירט אירע רייד... .

„...עליי, פריער — ווען זי האָט געלאַכט אויס אים, אז ע ר האָט זיך געפלעגט צערעדן; נישט געוואוסט, ווען ער הערט אויף... טאָ פאַרוואָס, מיינט זי, דאַרף ער אַנדערש זיין?...”

דאָס איינציקע, וואָס איז אים אָנגעגאַנגען אַצינד, — איז געווען צו וויסן — איר כוח פון ווידערשטעלן זיך זיין באַגער... „...ער האָט צוגעזען פון פריער, וויאַזוי — אַלעמאָל, נאָך אירע לאַנגע קלאָגערייען, איז זי גע־וואָרן אָפּגעשוואַכט און אַזויווי אָן א ווילן; און געלאָזן אויספירן איבער זיך דעם וואונטש פונעם האַר... ערשט נעכטן איז געווען אזוי דער פאַל... מסתמא, וועט איצט צוגיין דאָס זעלבע...”

און א זיכערער אין זיין כוח איבער איר, — האָט ער איר אָנגענומען פאַר א האַנט און איר צוגעצויגן צו זיך...

נאָר זי האָט אַרויסגעריסן איר האַנט פון זיינער און אים אַוועקגע־שטופּט פון־ זיך... אָבער, ער איז נישט אָפּגעטראָטן. ער איז געגאַן אַף איר פון אַלע זייטן. וואו זי האָט נישט געשטעלט א פוס איבער די צוויי ענגע צימערן פונעם דעפּאַרטאַמענט, כדי אים אויסצומיידן, — דאָרט האָט ער איר אָנגעיאָגט; פאַרשפּאַרט דעם וועג; זיך אַרויפגעוואָרפן אַף איר, מיט זיין גאַנצער צעווילדעוועטער היץ; איר פאַרוואָרפן די הענט אַף אַרונטער; איר גיכער געביסן, ווי געקושט; איר געדריקט צו זיך; אַלע טיילן פון איר לייב באַהעפט מיט זיינעם; איר נישט געלאָזן אָפּדעכן... געהאָפט, א ודאי, איר צעטומלען; אָנצינדן אין איר דאָס פייער פון לוסט; אז זי זאָל אַליין

שיכור־ווערן; זיך־אַנקלעבן אָן אים; נעמען ציטערן, פון ליידנשאַפט און אַנגסט; אַליין צאַפּלענדיק באַגערן די ליבע, אַזוי ווי ער...

ער האָט געוואוסט — פון אַלע זיינע איבערלעבונגען מיט איר, ביז אַצינד — אַז דאָ טאָר מען נישט אָפּשטיין קיין ווייַלע פון דער עקשנות, — ביז מע דערזעט נישט, אַז עס קומט איבער איר די ערשטע צעמישונג; ווי זי דערלאַנגט זיך אַ וואַקל... אָ, דאַן איז די שלאַכט אַ געוואונענע... שפּעטער, דאַנקט זי אים אַליין דערפאַר; און זי באַדעקט, מיט הייסע קושן, זיינע הענט, וואָס האָבן איר באַצוואונגען...

נאָר דאָס מאָל, האָט ער צוגעזען, מיט שרעק, מיט וואַנזיניקן צאָרן, ווי — זי גיט זיך נישט אונטער, דער טייוול! זי בייסט אים און רייסט אים זיינע הענט; זי וויינט און לאַכט פאַראַמאָל; אָבער זי שטויסט אים אַלץ אַוועק פון זיך... ער האָט נישט געוואוסט, וואָס צו קלערן; פונוואַנען עס האָט זיך דערנומען פּלוצים צו איר אַזאַ כוח אים אָפּצושטויסן?!. אויסער זיך, פאַר הראַביע, האָט ער אויסגערופן:

— איר זענט אַ ווילדע חיה, נישט קיין מענטש! אַ טייוול זענט איר, וועמען מע דאַרף פאַרניכטן! איך שווער — זיך באַפרייען פון אייך! מאָרגן, אין דער שעה, זאָלט איר מיך דערוואַרטן, טייערע...

זי האָט אים איבערגעשלאָגן, מיט לוסט אין איר שטימע:

— וועט איר טרעפן די טיר, אַ פאַרשלאָסענע. איך, פון דער זייט, וועל שטיין און לאַכן פון אייך...

און זי האָט זיך גענומען בעטן בא אים, ער זאָל נישט קומען... זי וועט אים געבן אַ קוש דערפאַר... עס קאָן נאָך ווערן בא זיי אַלעס צוריק גוט...

נאָר ער האָט איר נישט אויסגעהערט מער און איז אַוועק.

אָפּ מאָרגן, צו דער באַשטימטער שעה, איז פליגלמאַן געווען בא דער שטוב. נאָר, ער האָט זיך נישט דערוועגט צוקומען האַרט ביז דער טיר — טאָמער טרעפט ער זי אָפּן... ער האָט זיך דערשראָקן פּלוצים פאַרן אָפּגרונט — אַזוי האָט ער אַליין געקלערט — מורא־באַקומען אהין אַריינקוקן...

...ווען ער גייט צו גלייך, — וואָלט ער געקאָנט אַריינגיין; ווייל יענע טיר איז געווען, צו דער רגע, אָפן; די פרוי איז געשטאַנען הינטער איר און אים אויסגעקוקט, אַז... ער זאָל קומען און איר נעמען, איר העלד, דער שטאַרקער, וועלכער הויבט איר אָן ווידער געפעלן — וויבאַלד אַז ער קאָן. פאַרפאַלן. זי גיט זיך אים אונטער. זי האָט פאַרשפּילט; און זי אָנערקענט עס אַליין...

...אַזוי אָבער...

איז פליגלמאַן אומגעגאַן אין גאַס נאָך א שעה... אַט אַ פּנים, ביז וואַנען ער איז נישט געוואָרן אינגאַנצן זיכער...

דערנאָך, ווען ער איז צוגעקומען, — האָט ער געטראָפן די טיר פאַר־שלאָסן. ער האָט אָנגעקלונגען; און זי, אַ פרעמדע, אַ שטאָלצע — האָט אים געעפנט.

זיין ערשטע פראַגע איז געווען:

— פאַרוואָס האָט זי די טיר פאַרשלאָסן?

דאַרויף האָט ער געקראָגן אַ ענטפער:

— ווייל איך האָב פיינט, ווען מען באַפעלט מיר — איר פאַרשטייט? איך לאָז מיך אוים פון אייערע באַפעלן! איך דאַרף אַ חבר, וואָס זאָל מיך הערן, נישט —באַפעלן. נישט אַזוי וועט איר אויספירן... אַז איר זעט — עס גייט ניט, ווי איר ווילט, — דאַן פּרואווט מען אַף אַ אַנדער שטייגער...

ער האָט געקוקט אַף איר, אַ ווײַלע. פּלוצים, איז ער צוגעפאַלן צו אירע קני; אַרויפגעקוקט צו איר — אַ, ווי אין די ערשטע אומשולדיקע טעג פון זייער גליקלעכער פריינטשאַפט — מיט אַזויפיל ליבע און מורא אינעם בליק, און היים געשעפּטשעט:

— אָ, טייערע מיינע... איך וועל אַלץ טאָן, ווי דו ווילסט... נאָר, זאָג מיר דאָס איינע וואָרט: — האָסטו מיך ליב?...

און ער האָט געלייגט זיין קאָפּ אין איר שויס; געקושט איר די הענט, וועלכע האָבן אים גענומען גלעטן אַצינד, לאַשטשען און צערטלען, אין דער שטיל...

זי האָט גערעדט צו אים:

— אַמאָל, האָב איך אייך געליבט מער, ווי איצט... אַ, א י ך ל י ב, אַף מיין שטייגער. איך פּאָלג נישט דאָס האַרץ... איך האָב אייך ליב מער פון מיין מאַן... אַט אַצינדערט, האָב איך אייך ליב. אָבער, ווען איר ווערט ווילד — נישט...

און זי האָט מיטאַמאָל געענדערט דעם טאָן...

— ...איך קאָן אפשר נישט ליבן. דערפאַר ווייס איך פון דאַנקבאַר זיין... וואָס ווילט איר? איך קאָן רחמנות־האָבן אַף אייך, צוליב אייערע געוויינען. נאָר — ליבן?!. איך קאָן אייך ראָטן, פליגלמאַן — איר זאָלט אייך אַריינוואַרפן אין לעבן מיט פרויען... אפשר, וועט איר זיך פאַרגעסן..

און זי האָט אים איידל אָפּגעטיילט פון זיך.

דאַן האָט זי באַמערקט פּלוצים זיין שרעקלעכע פאַרצווייפלונג, און זי האָט אים גענומען מאַטערן:

— וואָס איז אים?...

נאָר, זי האָט צוגעזען: אַף אַלע אירע רייד, — שווייגט ער אַצינד, ווי אָן לשון... זי האָט מיטאַמאָל דערשפּירט אין זיך די מורא — טאָמער פאַרלאָזט ער איר, מיט אַן אמת... עס קאָן זיין פאַרפאַלן...

...און, זי האָט גענומען גיין צום געלעגער... ער — נאָך איר... אַ ווײַלע נאָך, האָט זי זיך געקווײַנקלט... איר געמוזט פֿאַרדריסן, אַ פּנים, איר שוואַכקייט מיט זיך אַליין...

פּלוצים, האָט זי זיך דעצידירט און אַנידערגעלייגט. זי האָט, דאָס מאָל, נישט פֿאַרמאַכט די אויגן; געקוקט אויף אים מאָדנע רואיק און קאַלט; מיט פֿאַרפּרעסטע ליפּן...

ער, האָט נישט אויסגעהאַלטן מער איר שרעקלעכן בליק. ער איז גע־קומען פֿון די כּוחות; צוזאַמענגעבראָכן אין פֿאַרצווייפֿלט געוויין. ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט אָפּהאַלטן.

און זי, אַ פֿאַרלאָרענע, — איז געשטאַנען אַצינד איבער זײַן קאָפּ, אים באַניים געגלעט, און זיך בײַ אים געבעטן:

— הערט אויף, ווײַל איך קאָן עס נישט פֿאַרטראָגן. איך שווער אײַך, אַז איך האָב געזאָגט אַ ליגן. איך האָב אײַך נישט פֿיינט... איר מוזט לײַדן. טראַכט ווינציקער פֿון מיר... עפּעס ציט איר מיך נישט אַזוי שטאַרק... וואָס קאָן איך טאָן — אײַך לייקענען? דאָס ווילט איר?!.

און זי האָט פֿאַרענדיקט, מיט אַ זיפֿץ — מערער צו זיך איצט, ווי צו אים...

— ...אומעטום, זענען געליבטע געוואָוינט צו לײַדן... יאָ. איך, מוז אויך קרענקען און שווײַגן...

5

אזוי זענען זיי געשליידערט געוואָרן, די צוויי מענטשן — אזוויווי צעבראָכענע שיפן צוויי, — איבער דעם צעשטורעמטן ים פון זייער ליבע און האַס... עפּעס איז דאָך געגאַנגען אַ פרילינג אַף דער וועלט, מיט אַ זומער. פאַר זייערע אויגן, האָבן בלומען אויפגעבליט און פאַרוועלקט. עס איז אַוועק דער זומער; געקומען איז דער האַרבסט. געגאַנגען איז זיך דאָס לעבן זיין וועג; גערוישט, געלאָפן, געשפּאַנט... נאָר זיי ביידע — האָבן גאָר־נישט געזען, גאָרנישט געהערט פון אַרום. עס האָט עקזיסטירט פאַר זיי בלויז זייער אייגענע וועלט פון ליבן־זיך און האַסן־זיך באַנאַנד...

נאָכן לעצטן אָפּשניט, וואָס פליגלמאַן האָט געקראָגן פון זיין געליב־טער, — איז ער געוואָרן געזעצטער אַביסל, און זיין פרעכהייט קעגן איר; נאָר — נישט געשטילטער אַף אַ האָר... אַ, ער האָט איר נאָך אַלץ באַגערט אַזוי צאַפּלדיק־אומדערזעטלעך, ווי פריער; און ווייל זי איז געוואָרן פאַר אים, ערשט, נישט־צוטריטלעך־אומבאַרירט, — האָט ער גענומען שפּירן, ווי זיין באַגער נאָך איר גראָבט אין אים איינדערטיף; אַז עס זעגט אים אונטער דאָס געזונט; עס וואַרפט אים ממש פון די פיס...

נאָר, ער האָט זיך געצווימט — אַף נישט צו קומען אין אויסברוך און ווידער אַלץ קאַליע־מאַכן פאַראַמאָל... „פאַרפאַלן! — האָט ער געקלערט — זיין מזל איז אַזאַ — וואָס גראָד זי, די דאָזיקע אויסטערלישע פרוי, איז אָנגעקומען צו אים, אַלס זיין געליבטע... איז אים געקומען אַף זיין לעבנס־וועג און פאַרפירט מיט אים אַ קאַמף...“ ער האָט זיך דערמאָנט, וויאַזוי „...אין זיינע האָבנצוטוענישן מיט איר — האָט זיך, שוין נישט איינמאָל, געשטעלט אַזאַ קריזיס־צייט, ווען עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער הימל איז באַ דר׳ערד; עס איז שוין נאָך אַלעמען!... נאָר ער — האָט נישט פאַרלאָרן דאָס געדולד און געוואַרט... און שפּעטער, איז אונטערגעקומען דער צופאַל; אים צוגעשפּילט און ווידער אַלעס גוט־געמאַכט... פאַרוואָס זאָל איצטער אויך נישט זיין דאָס אייגענע?...“

— גערולד, פליגלמאַן... נאָר איין קליין ביסעלע גערולד...
און ער האָט זיך דערוואַרט.

אין איין טאָג; עס איז געגאַנגען דער מאָנאַט כוניאָ — שאַרפּע־ הארבסט אין אַרגענטינע, — איז ער געקומען צוגיין צו זיין פריינטן און איר געטראָפן, אַ שיינענדער, אַ גליקלעכער...

זי האָט געלאַכט און אָנגעקוואָלן, אַזוי־ווי אַ מיידעלע אַ קליינס; גע־ שטיפט און געשפּילט זיך מיטן קינד; און אַז זי האָט אים דערזען, פליגל־ מאַנען, — האָט זי אים דערציילט, מיט ניישט־איינגעהאַלטענער אומשול־ דיקער פרייד, אַז — זי האָט באַקומען, גאַנץ־אומגעריכט, אַ בריוו פון איר אַ יוגנט־פריינט אינדערהיים...

— ...אַ שיינער יונג, ווי גאָלד... מיט אַן אַלעבאַסטער־פּנים, ווי בא אַ פּרינץ...

זי האָט זיך צעטרוימט פלוצים דערפון, ווי... דאָרטן מוז שוין זיין אַ ציינד וואָרעם; דער פרילינג, אין זיין סאַמע בלי...

און זי האָט שווער אָפּגעזיפצט; אַראָפּגעלאָזן די הענט...

— ...עך... ווען זי, אַ מידע, אַ קראַנקע, — וואָלט איצט געקאָנט צו־ ריקקערן אַהיים; זיך־דערהאָלן פון דעם וויסטן קאָשמאַר, וועלכער לעסטיקט איר דאָ — באַטאָג, באַנאַכט...

— ...אָ, גאָט!... — האָט זי אויסגערופן, אין איר פּיין; ווי זי וואָלט דערשפּירט שאַרף דעם גאַנצן שווידערלעכן עקל צו אַלץ אַרום; געריסן זיך די האָר פון קאָפּ — וועמען גיב איך דאָ אָפּ מיין לעבן?!.

נאָר באַלד ווידער האָט זי זיך פאַרגעסן; גענומען שפּילן מיט דער פּריש־צאַפּלדיקער אילוזיע, וואָס זי האָט געזען אַציינד אויפגיין אין איר צאַנקנד געמיט... זי האָט זיך פאַרגעשטעלט און גערעדט...

...אָ, זי איז דאָך נאָך אַזוי יונג!... זי וועט אים אָנשרייבן אַהיים, אַז זי פאָרט... זי, וועט ווידער דערוואַכן דאָרט צו אַ לעבן אַ נייס...

...אָ... — האָט זי זיך פלוצים דערמאָנט און אָפּגעהאַקט — ווי זי פלעגט אים פייניקן, דעם זיסן אינגל!... אַזש ער האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט אַריין — איבער איר... דערפאַר, וועט זי שוין איצט זיין צו אים גוט... אָ, זי וועט אים באַלוינען פאַר אַלעס; פאַר דער גאַנצער צייט... און ער, וועט איר באַנייס ליב־באַקומען... זי, דאַרף אים נאָר זאָגן איין וואָרט, — און ער וועט איר ווידער באַגערן... איר איינרוימען זיסע רייד אין אויער, ווי אַמאָל...

אַזוי האָט זי גענומען בליען, די עלנטע, מיטן לעצט־זאַפט פון אַ פּרי־ שער יוגנט. זי האָט געצאַפּלט, אַקוראַט ווי אַן אויסגעריסענער פאַרשליי־ דערטער בוים, ווען ער דערשפּירט פלוצים, דאָרט בא די וואָרצלען, דעם

היימישן ווארעמען באָדן... זי איז געשטאַנען, גאַנצע טעג — אַ פּאַרוויטל־מע, אַ צעוואַרעמטע—פאַרן שאַפע־שפּיגל, זיך באַטראַכט־, אין איר גאַנצער גרויס; זיך־געפּאָרשט, אויב זי קאָן נאָך געפעלן, און — געדעדט־געטרוימט אַפּן קול...

באַנאַכט, האָט איר די אילוזיע נישט פאַרלאָזן. פאַרקערט; זי האָט זיך נאָך פאַרשטאַרקט אין איר. זי, די אויפגעראַשטע פרוי, האָט געלאַכט און געוויינט פונעם שלאָף נאָכאַנאַנד... אינדערפרי, איז זי אויפגעקומען — באַנייט אַ גליקלעכע, אַ צעשטראַלטע, ווי אַ קינד...

אונזער פליגלמאַן האָט דאָס אַלעם צוגעזען; זיך פאַרטראַכט דאַריבער; און פּאַוואָלינקע זיך־אָריענטירט, וואָס ער דאַרף דאָ טאָן...

ער האָט גענומען צושטיין צו איר; און — אַליין, אַלס אייביקער טרױמער פון דער היים, — איר געהאָלפן איר באַנייטע בענקשאַפט אין זיך צו צעבלאָזן אין אַ העלישן פלאַם... ער האָט מיטאַמאָל גענומען שילדערן פאַר איר, מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין פאַנטאַזיע, דעם שפּעט־פרילינג און דעם זומער אינעם שטעטל; די פאַרשמעקטע לופט אין די סעדער און גערטנער אַרום; אומעטום, וואו עס בליט דער בעז, דער זשאַסמין; און אפילו די פּאַסטאַוועלן הינטערן שטעטל, וואו עס וואַקסן די בלינדעטשקעס אַזויפיל, ווי די טעפּיכער אַלציינס...

— . . . ג ע ד ע נ ק ס ט ? ! . — איז ער געשטאַנען פאַר איר, ווי אַ כישופמאַכער; איר געצויבערט מיט זיין שוואַרצן פלאַמיקן בליק; געטייטלט מיטן פינגער און פאַר איר געצייכנט די וויזיע פון זיין שטעטל און פון אירם — פון דער אייביקער היים... ער האָט איר געבראַכט צו די טייכלעך, וואו אַזויפיל מיידלעך באָדן זיך, איצט אום זומער; פילן אָן די לופט מיט געלעכטער און פרייד; און זענען נישט חושד צומאָל, אַז אָן דאָרט, פון צווישן דעם געדיכטן טשערעט, — שטעקן אָפּער אַזויפיל אינגלשע קעפּ; און גליאיקע אויגן זענען אַנגעשטעלט אַף זיי; שלינגען זייער לייב מיט אומדערזעטלעכער לוסט... ער האָט איר גענומען פון דאָרט און אוועקגעפירט באַגיים הינטערן שטעטל, העט ווייט אין די בערגלעך און אין די גרינע טאָלן, באַוואַקסן מיט הויך־געדיכט גראָז און מיט יונגע ליפּע־בוימער, וואָס פאַרשמעקן די לופט מיט זייער זאַפט... דאָרט האָט ער איר געלאָזן, פליגלמאַן, אַליין מיט איר געליבטן, אין אַ פאַרנאַכט, ווען די זון פאַרגייט; אין אַ באַגינען, ווען דאָס לעבן דערוואַכט; אין אַ ליכטיקער לבנה־נאַכט, ווען דאָס האַרץ קוועלט אָן מיט גליק; און אין אַ טונקעלער וואָרעמער נאַכט אָן שטערן, ווען דאָס בלוט רוישט און רייצט, און עס לעכצט דאָס צעקאָכטע לייב זיך־איינגעווען איינס־אין־דאָס־אַנדערע, און ליבן־זיך, האַלזן און קושן אָן אַ ברעג...

ער אַליין, פליגלמאַן, האָט זיך ערשט אַזוי צעוואָרעמט; ער איז אַריין

אין אזא עקסטאז, — אז ער האָט געגומען רעדן, ווי א באַנומענער, דירעקט צו איר האַרץ — אָ, ווייל ער האָט גוט צוגעזען, וויאַזוי ער האָט ריכטיק געטראָפן אין פּינטל אַריין... ער האָט דעקלאַמירט און געזונגען...

— ...אָ, אָט דאָס יונגע אידעלע האַרץ קאָן נאָך יאָ ליב־האָבן, ווערן אָנגעקוואָלן מיט זאַפט... איצט, ליבט עס א י ם מיטן גאַנצן יוגנט־פלאַם... איר קלערט פון אים, — און עס ציטערן בא אייך די הענט... איר צאַפּלט אויף אין די אינטימסטע טיילן פון אייער לייב... זע, ווי גליקלעך איר שיינט, — אַז איר זעט זיך, איצט, אום זומער, הינטערן שטעטל, מיט אים איינער אליין... איר זיצט געאָרעמט, פּונקט ווי אַמאָל... אָ, גאָרנישט האָט זיך געענדערט בא אייך ביידן... ניין, גאָרנישט האָט פאַרלאָפן...

...און ער האָט איר אָנגענומען, פּליגלמאַן, זיין געליבטער, איר איינ־געפּלאָכטן אין זיינע אָרעמס...

...זי האָט געפלאַמט אינגאַנצן און געברענט מיט א העליש פייער... אָ, זי האָט גוט געוואוסט, וואָס מיט איר פּאַסירט אַצינד. נאָר, זי איז גע־ווען צו־שוואַך, צו־גליקלעך און צו־עלנט — זיך צו ווערן... זי האָט גע־האַלטן פעסט פאַרשלאָסן אירע אויגן, און זי האָט זיי מורא־געהאַט עפע־נען — טאָמער צעשטערט זי, ווי א פאַרברעכערן, אָ, די לעצטע אילוזיע פון איר גליק; טאָ, בא וואָס וועט זי דאַמאָלס איבערבלייבן?!. זי האָט זיך דאַרומער, געלאָזן קושן פון אים; אליין אים געשטרעקט אירע ליפּן און אים צוריקגעקושט... אָ, זי איז אים איצט געווען אויסערגעוויינלעך־דאַנק־באַר דערפאַר, וואָס ער האָט איר געהאָלפן צוואַרעמען דעם שוין־געהאַט־פאַרלאָשענעם גלויבן אין איר בלוט... ניין: דערפאַר, וואָס ע ר א ל יי ן, פּליגלמאַן, האָט זיך געגעבן איצט, אַזוי ווי יענער, איר יוגנט־פריינט; זיך אליין גענומען פאַרוואַנדלען אין אים; אריבערגיין אין אים; נישט ווערן — אליין; און אויפקומען גאָר, ווי יענער...

...אָ, גאָט! וויאַזוי איז דאָס?!.

מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט זי ערשט געשעפּטשעט צו אים — אַז זי האָט זיך געקלאַמערט אָן זיין ברוסט...

— ...דו הערסט מיך, מיין פריינט? — איך רעד דאָך צו דיר!... ס'איז נישט אמת, וואָס איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב דיך נישט ליב. אָ, גלויב נישט אין דעם מער... איך קאָן דיר נישט זאָגן — פאַרוואָס... ווייל, איך שעם זיך...

און זי האָט זיך צעוויינט, פון גליק; געבליבן הענגען אין זיינע אָרעמס, אַן אָפּגעשוואַכטע און צוגעשטילט, ווי א קינד...

אַזוי האָט ער איר צוגעטראָגן צום געלעגער און איר פאַרזיכטיק אַנידערגעלייגט; געוואָלט איר באַפרייען פון זיין לאַסט. נאָר, זי האָט אים נישט אָפּגעלאָזט...

און, אין דער טונקלקייט פון ארום, האָט ער גענומען די געטלעכע גאָב, וואָס זי, זיין ליבע, האָט אים געשאָנקען...

*

איצט, האָט זיך אים גענומען דוכטן, פליגלמאַנען, וויאַזוי — מיטן אויפדעקן, גאַנץ־אומגעריכט, איר סוד פונדערהיים, וועלכן זי האָט, אַזוי אייפעריק, געהאַט פון אים אויסבאַהאַלטן ביז אַצינד, — האָט ער אַריינ־געדרונגען אין די פאַרבאָרגנסטע צעלן פון זיין געליבטערס נשמה, וואו ער האָט אויפגעלייזט און צעשטערט דאָס לעצטע פיינטלעכע צו אים; אַליין זיך באַזעצט דאָרט, ווי אַ טריומפאַטאָר. דערומער ווערט, פון אַצינד און ווייטער, נעמען פליסן בא אים גליק אָן־אַ ברעג...

און ער האָט זיך נישט טועה־געווען.

איינמאָל אינדערפרי. איז ער געקומען צו זיין פריינטן און איר נאָך געטראָפן אין בעט.

זי האָט זיך נישט געוואָלט אָנטאָן און געקוקט אַף אים אַזוי מאָדנע. מיטאַמאָל, האָט זי געפרעגט:

— זאָל זי אים דערציילן איר פרייד?...

ער האָט זיך גענומען בא איר בעטן. האָט זי אים איבערגעשלאָגן:

— נאָר — נישט בעטן; ווי עפעס אַ נדבה...

אָבער, זי האָט זיך נאָך אַליין געשעמט. ער האָט זיך צוגעזעצט צו איר אַפן געלעגער; איר אַריינגעצויגן אין זיינע אָרעמס; איר גענומען צערט־לען אָן־אַ סוף...

...ווי אין חלום, האָט זי אים דערציילט, אַז... באַנאַכט, אין שלאָף — האָט זי זיך אים אָפּגעגעבן, מיטן גאַנצן האַרצן, מיט אַזויפיל צוטרוי און ליבע, — אַזויווי זי וואָלט געווען אַ ניי־געבוירענע... איר גענוס איז געווען אויסערגעוויינלעך...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן; אַ קוק־געטאָן אים אין די אויגן אַריין, מיט אַ פאַרשעמטן בליק...

ער האָט דערשפּירט, ווי זי האָט זיך אַ טוליע־געטאָן אין אים; און ער האָט דאָס אויפגענומען, ווי אַ וואונטש, אַ באַפעל פון דער ליבע...

ער איז צוגעפאַלן צו איר אויפגעגאָן צעוואַרעמט לייב; עס געקושט, מיט אויסערגעוויינלעכן עקסטאַז, ווי אַ פּריסטער — אַ געטין; עס גע־בריט, איינגאַנצן באַדעקט מיט זיין ווילד־פלאַמיקער לאַסקע...

און זי האָט צוגעטאָן די אויגן; פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, ווי אַ פייגעלע; און זיך אים אָפּגעגעבן מיט איר גאַנצער צאַפּלדיקער זעל; צוזונגעשטופּערט בלינד אַף זיין גלוט; זיך גאַרנישט געקאָנט איינשטילן...

*

ערשט, זענען געקומען פאַר ביידן טעג פון גוואַלדיקן ליידנשאַפטלעכן באַגער; פון פּלעצלעך־אויפגעראַשטער פרייד, — אַזוי ווי אַ באַלוינונג, פאַר דער גאַנצער צייט פון זייער פּיין.

זיי האָבן זיך געצערטלט קעגנזייטיק; אומדערזעטלעך געליבט און געדורשט צואַנאַנדער; זיך פאַרקוקט אין די אויגן און אָנגעקוואָלן פון איטלעכס אומשולדיק וואָרט...

זי, אין זיינע אָרעמס ליגנדיק, אַ פאַרטרוימטע, — האָט גערעדט, ווי צו זיך אַליין:

...— ווי קומט עס, וואָס זי איז געוואָרן אַזוי גוט?!. אינדערהיים — האָבן זיך אינגלעך געיאָגט נאָך איר; עס פלעגט זיי אויסגיין דאָס חיות נאָך אַ קוש... אָבער, אַזוי נאָענט ווי מיט אים?!.

און זי האָט אָפּגעזיפצט, מיט אַ טרויעריקן שמייכל...

...— עך, ווען איך וויל נישט, — פאַרמאָג איך נאָך גענוג כוח אָפּצושטויסן...

זי האָט זיך אומגעדרייט צו אים מיטן פּנים; זיך נאָכמער איינגעטורליעט אין זיין גוף — ווי נישט־וועלנדיק בלייבן אָפּגעטיילט פון אים מיט קיין גליד; אים געקושט אין זיינע הייסע טרוקענע ליפּן און כּריפּלע געשעפּטשעט:

—...ליב מיך; וועל איך גליקלעך זיין... פאַרגעס זיך, דו — אוממענטש, וואָס דו ביזט! — פּונקט אַזויווי איך; די אויגן מאַך צו, — ווען סטו ווייסן פון דער ליבע... געניס מיין לייב, וויפל דו קענסט; האָסט זיך גענוג אָנגעליטן דערפאַר... אָ, לאַשטשע עס, דאָס לייב מיינס; צערטל עס; קוש עס מיט דיינע שמעקעדיקע ליפּן און גלעט עס... עס איז אַזוי איידל... עס שמעקט דיר, האַ? עס איז זיס... און עס באַגערט אַזוי, דאָס אָרעמע לייב, נאָך דער לאַסקע... לאָז עס נישט אָפּ; אָ, דרינג אַריין אין דעם אַלץ טיפער... זע, עס גיט זיך דיר אַליין אַנטקעגן; עס באַגערט דיך; עס צאַפּלט צו דיר... מיינע ליפּן, מיינע בריסטן, דער וואַרעמער בויך, מיינע פּיסשענקלען, און מיין טיפע פאַרבאָרגענע ליבע... אַלעס, אַלעס וויל דיך; טאַנצט דיר אַנטקעגן, מיט פרייד, מיט אַנגסט, שרייט צו דיר: — אָ, געניס אונז, מאַן; מיר זענען דיינע...

און זי האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ פּלוצים; אַנטשלאָפן געוואָרן אין זיינע אָרעמס, ווי אַ קינד...

...אַזוי, אין שלאָף, האָט זי זיך אים אָפּגעגעבן; אין ווייטן פאַרטרוימטן עקסטאַז; ווי אַן עפּילעפּטיקערן אַלציינס, וואָס ווייסט נישט, מיטן זינען, וואו זי געפינט זיך... בלויז דאָס לייב אַליין צאַפּלט אין לעצטער ספּאַזמאַטישער קאָנוואולסיע...

און ער, דער אָרעמער, דער באַגליקטער, — האָט איר איצט גענאָסן, פאַר דער גאַנצער צייט; אַ טאָפּל־צעפרידענער דערפון, וואָס ער האָט, ענד־

לעך, באַוויזן צו באַהערשן אַזאַ ווילד זים חיהלע, ווי זי...

ער האָט גענצלעך פאַרוואָרפן זיין אַרבעט — אַצינד, ווען עס איז שוין געווען פולער סעזאָן — כדי ער זאָל קענען זיינע זעונגען מיט איר אָנהאַלטן אומגעשטערט. און זי, זיך־דערווויסנדיק דערפון, — האָט אים נאָכמער געליבט און באַלוינט דערפאַר...

אַזוי זענען געגאַנגען מאָנאַטן.

ביז, איינמאָל באַטאָג, ער איז געקומען צוגיין, ווי זיין שטייגער; און ער האָט איר ווידעראַמאָל נישט דערקאָנט; אַזוי ווילד־צעריצט האָט זי אויסגעזען.

ער האָט זיך געפּרואווט צו איר צוזעצן פונדערנאָענט, איר אָננעמען פאַר אַ האַנט. נאָר, זי האָט אים אָפּגעשטויסן. זי איז פּלוצים אויפגעשפּרונגען פון איר אָרט, אויסגעשריגן:

— אַוועקט פון מיינע אויגן, אויסוואורף! צוואָוואָס האָט איר מיך געטריבן — ווערן אַ אויסגעלאַסענע?!.

און זי האָט זיך שרעקלעך צעוויינט.

6

אַצינד, איז אַלעס געווען אוים.

פליגלמאַן אַליין, האָט עס נאָך נישט רעכט באַגריפן אינגאַנצן. ער, די אָנגעפרעסענע אינטעליגענטישע קורווע, וואָס האָט נישט געקוקט ווייטער פון דער אייגענער נאָז, — האָט נאָך אַלץ געפרוואווט מאַכן פאַרטלעך אַלערליי, כדי... איר צוריק אַריינגאַרן, דאָס זיסע טייבעלע, אין זיין נעץ... אָ, ער האָט נאָך אַלץ געגלויבט אין דער מאַכט פונעם וואָרט, וואָס איז מסוגל איבערצוגרייזשען בערג; און ער האָט זיך גענומען וואַרפן אין אַלע זייטן: ווי — ווען ער האָט עס געהאַלטן פאַר נויטיק. אָט, האָט ער זיך צעגאָסן, ווי אַ קלאָג־מוטער, וועגן — זיינע בלוטיקע ליידן פאַר איר; וועגן זיין שטאַרקער פייערדיקער ליבע; וועגן זיין עלנט האַרץ, און פון זיין טיפער אַכטונג פאַר איר איידעלער זעל... און גאַנץ־דראַפּטעם — האָט ער געביטן דעם טאָן; גענומען דעקלאַמירן פּאַטעטיש, ווי אַ וויזיאָנער, פון זיין קינדערשער ליבע צו איר, אָ, ווי אַמאָל, אין די ערשטע טעג פון זייער קאָנטשאַפט... ער האָט איר אָנגערופן מיט די צערטלעכסטע נעמען, ווי מע לאַשטשעט אַ קינד; איר גערופן צו זיך אַפן שוים, ווי מע נעמט אַ קינד... איר פאַרשפּראָכן, צו גיין נאָך איר — אין פייער און אין וואַסער. איר געשוואוירן באַ דער ליבע אַליין, אַז — ער וועט איר קיינמאָל נישט פאַרלאָזן; אַז ער וועט איר באַגלייטן אומעטום, וואו נאָר זי וועט זיך טאָן קערן און ווענדן, — ביז וואַנען זי וועט באַנייס נעמען גלויבן אין זיין וואָרט; און אַלעס וועט ווידער צוריק גוט־ווערן, ווי געווען...

נאָר, זי איז געווען שרעקלעך מיד; און אַלע זיינע רייד האָבן איר מוראַדיק־געפייניקט; זיך־געגראָבן אין איר לייב און איר געמאַטערט; ממש, איר געדריקט צו דער ערד... זי האָט זיך געבעטן באַ אים — אַזויווי גאָט איז אים ליב! — ער זאָל אויפהערן; ווייל — זי וועט אַנטלויפן פונדאַנען — אין דער וועלט!... —

גאַנץ־אומגעריכט, האָט זי זיך גענומען פאַרגיין אין מאָדנע שטילע דערינערונגען פון אַמאָל; פון אירע קינדער־יאָרן אינדערהיים...

...גאָט, ווי זי האָט געליבט די שטילקייט און רו!... איינמאָל, אום־זומער — איז זי אוועקגעפאָרן, אַף אַ קליין שטיקל צייט, אין ערגעץ צו גאַסט... שפּעטער, אַז זי האָט צוריקגעקערט, — האָט אַלעס אַרום דער שטוב: דער גאָרטן, און די בוימער, געגלאַנצט אין שטילער פייערלעכער רו...

...אָ, זי געדענקט עס נאָך, ווי היינט... — האָט זי בלייך געשמייכלט צו זיך און ווייטער דערמאָנט — שוין צו עלף יאָר, האָט זיך אין איר איינגעליבט אַ אינגל פון שטעטל; און ער האָט איר געשיצט פאַר די אַי־בעריקע, וועלכע האָבן איר נישט צורו־געלאָזט... אָבער שפּעטער מיט יאָרן; אַז זי האָט זיך מיט דעם אינגל באַניים געטראָפן, — איז ער איר שוין נישט אָנגעגאַנגען...

זי האָט מיטאַמאָל באַמערקט, אַז פליגלמאַן הערט איר נישט, — און זי האָט אָפּגעהאַקט; גענומען באַ אים פאָרשן — וואָס אים איז... זי האָט צוגעזען, ווי ער וויל אוועקגיין — און ווידער וועט זי בלייבן אַליין... ער האָט אַ זאָג־געטאָן, מיט טרויער אין קול:

— אָ, וואָס איז געוואָרן פון אונזער ליבע?!. אַ פויגל איז פאַרביי־געפלויגן און נישטאָ...

זי, האָט זיך קיינמאָל אַזוי נישט געשראָקן, ווי אַצינד, פאַר בלייבן אויג־אַף־אויג מיט זיך... אָ, ווייל זי האָט געשפּירט, אַז — דאָס וועט שוין זיין דער סוף. זי — ווי איינע, וואָס טרינקט זיך און כאַפּט זיך אָן אָן אַ שטרוי, — האָט זיך נאָך געוואָלט ראַטעווען! אָ, זי האָט זיך געוואָרפן אַהער און אַהין, ווי אַ געפאַנגענע אין אַ שטייג, וועלכע ברענט אונטער איר; אָבער זי, אין איר פאַנישער שרעק, זוכט נאָך אַלץ די הילף...

...— ניין. זי וועט אים נישט לאָזן אוועקגיין אַצינד. זאָל ער איר זאָגן, וואָס ער וויל?... זאָל ער זיך נישט שרעקן פאַרדערפאַר, וואָס זי זעט אויס קראַנק און מיד. אָ, צו אים האָט זי נאָך כוח גענוג, אויסצושטיין זיין באַ־נער...

ערשט, ווען ער האָט באַניים גענומען פייניקן איר ליב, האָט זי אים אפשר נישט צוריקגעענטפערט אַזוי ווי פריער, ווען זי האָט נאָך פאַר־מאָגט אין זיך אַ טראָפּן לוסט. אָבער, זי האָט זיך אויך נישט געוועהרט קעגן זיין באַגער. אַ צוגעשטילטע, אַ געהאָרכזאַמע, האָט זי צוגעקוקט, אַזוי־ווי פון דער זייט, זיינע אויסערגעווייגלעך־ליידנשאַפטלעכע אויסברוכן פון פאַרצווייפלונג איבער איר; און זי האָט געקלערט...

„...ליבער פאָטער אין הימל! ווי עס גייט דאָ אַלץ צום גרונט... געווען אַזאַ זיסער שיינער חלום, אַזאַ ליכטיקער און זוניקער... אַצינד, וואָס איז געוואָרן?!."

זי האָט געקוקט צו אים און געקלערט...

„...ווי איז מען דאָס אַזאַ שטיין?! אין ווען מען האָט זי דאָ געגלויבט, אין די ערשטע טעג פון איר עלנט?... געגאַנגען און פּאַרטרויעט איר יונג לעבן צו אים... ער האָט זיך געצייגט אַזוי איידל, אַזוי פיין!... אַצינד, זע, צו וואָס ער האָט איר דערפירט!... נאַר — צי פילט ער עס נישט אַליין? אַ, גאָט! שוין־זשע איז ער אַזוי בלינד, — וואָס ער שטויסט זיך גאָרנישט אָן?!."

פון איר צודרינגלעכן בליק — איז ער פלוצטהאַלבן געבליבן פאַר־שעמט, אונזער העלד, און אַפּהענטיק. ער האָט זיך אַזויווי אויסגעניכטערט פון זיין טשאַד; אַ קוק געטאָן אַף איר, ווי צום ערשטן מאָל, זינט אַ לאַנגער צייט; און ער האָט באַמערקט, מיט שטוינען — ווי חרוב און וויסט זי זעט אויס!...

— ...אַ, וואָס איז איר? זי איז קראַנק?!.

ער האָט איר אָפּגעלאָזן; ווי זיך אָוועקגערוקט פון איר; אַלץ נישט אויפגעהערט צו שטוינען איבער איר שרעקלעכן אויסזעען...

און מיטאַמאָל, אַזויווי קעגן זיין ווילן, האָט זיך עס בא אים אַרויס־געכאַפּט:

— ...זאָגט... אפשר, זאָל זי אַריבער צו אים אַצינד — זי מיטן קינד?!.

ער איז אַליין געבליבן דערשראָקן שטיין — פאַר דעם פּלעצלעכן אויסברוך...

— ...וואָס האָט ער דאָ געזאָגט?!

נאַר, צוריק כאַפּן קען מען נישט... ער האָט געקוקט צו איר — פאַר־לאָרן, צעטומלט... אין זיין האַרץ האָט נאָך געטליעט אַ פלעמל פון האָפע־נונג...

...אַ, ניין... דאַכט זיך — זי האָט אים נישט דערהערט...

און עס איז געווען, ווי זיין האַרץ האָט אים געזאָגט... זי, וועלכע האָט דאָס אַלצדינג צוגעזען, — האָט זיך געמאַכט נישט־וויסנדיק... ווייל — זי האָט אים צו־גוט געקאָנט, איר פריינט, און פאַרשטאַנען, אַז נישט אים דאַרף מען פאַנגען באַם וואָרט...

זי האָט — בלויז פאַר זיך, אין דער טיף, ביטער געוויינט אַף איר מזל; און זיך בא אים געבעטן, ער זאָל איר ערשט צורו־לאָזן, איר נישט רופן צו זיך; ווייל — זי האָט נישט קיין כוח דערצו...

— ...זי איז דערפאַר גרייט צו בלייבן זיין געליבטע... אַ, מ ע ק אָ ן אַ ז ו י אַ ו י ך . . . אַבי ער זאָל נישט אַוועקגיין פון איר... ער זאָל זיין מיט איר — וואָס־אָפּטער... רעדן צו איר; איר צערטלען... אפשר, וועט דאָס איר גרינגער־מאַכן, אין איר לייד. און עס וועט אַוועק פון איר די פיין...

פלינגלמאַן, דאָס־אויסהערנדיק, — האָט דערשפּירט, ווי עס האָט

זיך בא אים אראָפּגעקייקלט א שטיין פונעם הארצן... ער האָט לייכטער אָפּגעזיפצט; אָבער — דאָס האָט אויך געקאָנט הייסן, אז — ער פילט איר מיט, אין איר לייד... דערפאַר, האָט ער איר פאַרשפּראָכן — ווי מע פאַרשפּרעכט א טייער הארציק קינד, צו גיין אנטקעגן איר ווילן אין אַלץ; ווייל —

— ...וואָס טוט מען נישט, ווען מע האָט ליב?...

אזוי איז טאַקע צוגעגאַנגען, אין די נעכסטע עטלעכע טעג.

ער, האָט איר געטאָן די גרויסע טובה; איז געקומען צוגיין; גלייך געמאָנט, און באַקומען זיינס. נאָכהער — איז ער נאָך געבליבן, א ווײַלע; זיך־אָפּגערוט און געבראַכט אין אָרדענונג — נאָך זיינע באַמיונגען פאַר אירעטוועגן... ער האָט איר נאָך געצערטלט אביסל; ביז ער איז אוועק...

אַף מאָרגן, איז ער ווידער געקומען...

ער, איז געווען אזוי זיכער אין דער גרייכלעכער וויכטיקייט פון זיין דערהויבענער פונקציע פאַר איר לעבן און געזונט, — אַז אפילו, ווען ער האָט צוגעזען, ווי זי ווערט שרעקלעך פאַרענדערט; זי פאַלט אין צורה, פון טאָג צו טאָג, — איז עס אים נישט אָנגעגאַנגען; ווייל ער האָט עס צו־געשריבן די איינגעשאַפטן פון איר ראַסע, דעם ווייבערשן מין — צו וועלכן אונזערס א מענטש, דער מאַנסביל, דאַרף זיך נישט מישן...

נאָר, ליתר־בטחון, — כדי צו בלייבן אינגאַנצן זיכער אין זיין גאָבע־לער טאַט מיט איר... ,—

האָט ער זיך איינמאָל אָנגענומען מיט מוט און איר פאַרגעשלאָגן

— ...אויב זי וואָלט נישט באַגערט אצינד צו שליסן מיט אים א בונד פון ריינער קינדערשער פריינטשאַפט — אזויווי ער האָט געוואָלט אמאָל?...

ער האָט געגלויבט, אַז — זי וועט זיך אויסלאַכן, ערשט; אזויווי תמיד, ווען ער האָט גערעדט דערפון.

אָבער, ווי דערשטוינט איז ער געבליבן, פּלוצים, אז — זי האָט זיין פאַרשלאָג אָנגענומען...

אויסער זיך, פאַר פאַרדרוס, — האָט ער איר געפרעגט:

— איז אייך גאָרנישט שווער אויפצוגיבן אונזער ליבע?!

נאָר, זי האָט געקוקט אַף אים רואיק און געענטפערט:

— איך ליב אייך דען?!.

דאָס האָט אים אינגאַנצן אויפגעטרייסלט, פון הראַביע; און ער האָט זיך געפּרואווט צו איר דערנעענטערן...

דאָן, איז זי צוריקגעגאָן א טראָט און אויסגעשריגן:

— פּאַשאָל וואָן, פאַרשיווער הונט! איך וועל אייך פּאַטשן, אויב איר גייט נישט אוועק שוין פון מיין שטוב. אייער פוס זאָל דאָ מער נישט זיין! נאָך היינט באַדערנאַכט — דערצייל איך אים אַלץ, מיין מאַן, — און ער

וועט אייך דורכטרייבן, ווי מע טרייבט אדורך א קרעציקן; וועל איך וויסן, אז איך ווער פטור פון אייך, פארפלוכטער מענטש! ווייל איך פארשעלט דעם טאג, וואס איך האב אייך דערקאנט!...

נאר ער, דער פארפלוכטער טייוול, איז נישט צוריקגעטראטן. ער איז געגאנגען ווייטער אף איר. ער איז צוגעקומען גאר־נאענט, מיט דער האנט צו דערלאנגען. ער איז געבליבן שטיין הארט פאר איר — צו קריגן דעם פארשפראכענעם פאטש... ער האט איצט געשוויגן; בלויז געקוקט אף איר און געווארט...

...און זי האט נישט געקאנט אויסהאלטן זיין בליק מער. הענט און פיס האבן איר פלוצים גענומען ווארפן, פאר שרעק. עפעס, ווי זי וואלט אים נישט דערקאנט מער, פליגלמאנען! נ א ר ווי א בייזער גייסט איז ער איר פארגעקומען ערשט; איז ער געשטאנען פאר איר; געמאנט חשבון פאר זיין לעבן, און פאר אירס... וואס האט זי געטאן מיט זיך?... וואס האט זי געמאכט פון אים?!. א, גאט אין הימל! וואס זאל זי טאן אצינד? וואוהין אנטלויפן, זוכן שוץ — א, גאט, וואוהין?!.

זי האט אראפגעבויגן דעם קאפ פלוצים — אונטער דער שווידערלעכער לאסט, וואס האט זיך איצט אף איר געלייגט פון אלץ ארום: פון דער שטוב; פון אייגענעם מאן; פון איר געליבטן; א, פון איר גאנץ עלנט פארפייניקט לעבן... אלץ האט איר אנגעיאגט; זיך־געווארפן אף איר; איר אומגעוואלגערט אף דער ערד — ווי אינמיטן גאס אלציינס, פאר פרעמדן אומפארשעמטן בליק, איבער וועגן און געמארקן — זיך איזדיעקעוועט איבער איר און געשענדעט איר לייב... טא, וואוהין־זשע נאך ווייטער קאן זי גיין, אז — וויבאלד פאר איר איז שוין קיין רעטונג נישטא אין ערגעץ?! זי איז אליין געגאן אזוי לאנג, ביז וואנען זי איז דערגאנגען...

און פלוצים האט דורכגעבליצט אין דער פינצטער פון איר מארך א געדאנק...

„...— איז טאמער וואלט גאר געווען א פלאן איצט איינגאנצן צו פארבלייבן אינדערהיים — וויבאלד אז גיין איז שוין, סיי־ווי, נישטא וואוהין?!.”

„...— יא — האט זי נאך אליין געפרואווט צערטלען דעם פרישן געדאנק; געצאפלט ארום אים, ווי אף א לעצטער רעטונג — פארבלייבן אינדערהיים; און זעען אלעם גוט־מאכן, ווי געווען?! זיך אליין אראפבויגן, ביז צו דער ערד; איינגנורען זיך פארן שטורעם, וואס צעטרייסלט די ווענט, דעם דאך... אפשר, פארט, וועט ער אריבער? — אפשר, גאט־הארציקער אין הימל?!.”

נאר, אט א פנים, זי, די אומגליקלעכע, די הייליקע, — איז שוין נישט געווען מער האר איבער זיך. און איר אייגן לייב האט איצט פארשריגן איר פארצווייפלט זעעליש געשריי און געשפאט אוים איר קאפ. אליין, פאר

זיך, האָט דאָס בלוט געדווישט און געמאָנט זיין פּאַרציע גיפט... איר געשטויסן, זי זאָל ווייטער נידערן, זיך־פאַרשיכורן, — ווען וויבאַלד זי קען שוין נישט גיין מער פאָרויס... נישט אַף צוריק... וויבאַלד די הימלען איבער איר קאָפּ זענען בלייערן־פאַרכמאַרעט; זענען בלינד און טויב צו איר פאַרצווייפלטן רוף נאָך הילף, — אָ, דאַן זענען נאָך אָפּגרונטן געבליבן, וואָס האַלטן ברייט צעעפנט די אָרעמס פאַר דיר, אָ, הייליקע שוועסטער פון דער היינטיקער פאַרדאָרבענער וועלט, מיט איר הינטישער ליבע און איר פאַרשאָלטענער פליגלמאַן־אינטעליגענץ... אָ, שפּיי אַף איר, געפלאָגטע שוועסטער פון דער וועלט; און נידער אַהינצו, מיט אַ פלוך אַף די ליפּן פאַר אַלע, וואָס האָבן זיך אין דיין בלוט געבאָדן; קיינמאָל נישט דערהערט דעם געשריי פון דיין זעל; וואָס האָבן דיך געשענדעט און פאַרטריבן...

זי האָט פּלוצים אויפגעהויבן דעם קאָפּ פאַר איר באַצווינגער און אויסגערופן, אַ צאַרניקע:

— ...פאַרוואָס קושט איר מיך נישט? וואָס שטייט איר, ווי אַ ליימענער גולם, און טאַמט?! שטאַרקער קושט מען אַ פרוי, אַז מע האָט איר ליב! מע אומאַרעמט איר, מע דריקט איר צו זיך... אָ... (און זי האָט זיך אַגידערגעלייגט אַפן בעט; פיבערנדיק־שנעל געמאַכט לויז)... אַהער־קום, הייסט מען דיר!... זאָג: „—זונה, גיב זיך מיר איבער! —" נו, רעד שוין אַמאָל, דו הייליקער הונט — ווײ איז צו דיר!... אַצינד — שענדע מיך, אויסוואורף דו איינער! — פּאָלג, אַז מע הייסט דיר!... אַזוי!... אָ, איצט, איז מיר גוט... גוט... נו, ערשט — איז שוין וואויל צו דיר, האַ?... דו שיינסט — עס איז גליקלעך דאָס קינד?... נו, און איך — וואָס בין? — אויך גליקלעך, אויך גליקלעך, האַ?! — נו, פּאַשאָל וואָן — וואָס שטייסטו נאָך?! — (נישט מיט איר קול:) אַף וואָס וואַרטסטו נאָך, אויסוואורף? (און זי האָט אים גענומען שלאָגן, וואו זי האָט נאָר געטראָפן; אים געשלאָגן און געשריגן:) — ווייטער מיך שענדן? נאָך אַמאָל, און נאָך אַמאָל, און נאָך אַסאַך, אַסאַך מאָל, האַ?! אָבער אַז איך האָב נישט קיין כוח צו דיר מער?! וואָס ווילט איר אַלע פון מיין לעבן האָבן?! — אָ, זאָגט, מענטשלעכע קינדער — וואָס האָט איר פון מיר געוואָלט?!. דו, גוטער גאָט אין הימל, — פרעג דו באַ זיי — וואָס האָבן זיי פון מיין לעבן געוואָלט?!

און זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ שוידערלעכן יאָמער; אַ איינגעוואָלגערטע, געפאַלן צו דער ערד; און אָפּגעגאַן אין איר בלוטיקער פּיין...

...אויפגעהויבן האָט זי זיך — אַ נייע, אַ באַרואיקטע, אַ געשטילטע. זי איז אַריין אין צווייטן צימער, גענומען איר קינד אַף די הענט און צוריקגעקערט.

...דאָ, פונפאַרנט, איז געשטאַנען פליגלמאַן, און אינגאַנצן געציטערט. זי האָט אַ קוק־געטאָן צו אים. זייערע בליקן האָבן זיך, אַף איין רגע, גע־

טראָפּן... זי האָט אויפֿגעשווידערט, פֿון גרויל און עקל. זי האָט אים אַרי־בערגעשפּאַנט, אַקוראַט ווי מע שפּאַנט אַריבער אַ שרץ, אַ מיאוסע זאַך. זי האָט פֿאַרלאָזן דאָס הויז פֿון איר שאַנד, איר פֿאַרגאַנגענהייט, איר היים; און זי איז אַוועק.

...עס איז געווען אַ וואַרעמער אָנהויב־פֿרילינג־פֿאַרנאַכט. זי, די גע־וועזענע חוה עטינגער און אַצינד — די נאָמענלאָזע פֿרוי, — האָט זיך געלאָזן גיין גלייך מיט די גאַסן פֿון שטאָט...

...זי האָט געשפּירט — אַזויווי בערג קייקלען זיך בײַ איר אַראָפּ פֿון די פּלייצעס... אָ, איצט געהערט זי שוין נישט מער צו דעם, וואָס איז גע־וועזן... זי איז פֿריי, און זי באַלאַנגט צו דער וועלט... זי גייט זוכן די שוויז פֿון גוטע האַרציקע מענטשן, פּראָסטע און אַזוינע נאָמענלאָזע, ווי זי... זי גייט בעטן רחמנות בײַ זיי; און אַ קליין ביסעלע ליבע; מער באַדאַרף זי נישט...

...אַזוי איז זי געגאַנגען, געקוקט פֿאַר זיך און מילד געשמייכלט...

...און ווער עס האָט איר באַגעגנט, יענער מוטער מיטן קינד אַף די הענט, — איז מען געבליבן שטיין און געשטוינט, ווי אַף אַ היי־ליקער אַנטפּלעקונג אַלציינס; איר לאַנג נאָכגעקוקט, ווי זי איז כּסדר געגאַן אין פֿאָרויס...

סוף צווייטע טייל.

עפּילאָג

ווידער זינגט דאָס שטעטל

פונעם קלאפּ אָן טיר, וואָס חוה עטינגער האָט דערלאַנגט, בעת זי איז אַוועק, — האָט אונזער האַרציקער פליגלמאַן פּלוצים דערוואַכט. דאָס האָט אים געעפנט די אויגן, אַז ער זאָל מיטיינמאָל דערזעען, וואו ער האַלט אין דער וועלט.

אָבער, עס איז שוין געווען נ אָ ך א ל ע מ ע ן. נישט געבליבן מער, וואָס צו טאָן. און ס'אַנדערע — איז נישט ער געווען דער מענטש פון עפּעס טאָן. ער האָט געקאָנט וויינען. נו, האָט ער זיך אָנגעוויינט אַביסל; אָפּגעפּראַוועט אייניקע לעבערלעך־דראַמאַטישע סצענעס און געבליבן שטיל.

אָבער טיף אין אים — האָט מען געקאָנט צוזעען — איז געבליבן שטעקן די פאַרצווייפלונג, פאַר זיין טאַט. זי האָט אים דאָרט געגריזשעט גאָכאַנאַנד; נישט געלאָזן אָפּדעכן — אַ רגע.

ער איז שנעל געגאַנגען אין ניוועץ; נישט געטויגט מער צו גאָרנישט. ער האָט נישט געוואוסט פון קיין אַרבעט. געלעבט אין אַ עולם־ התוהו. ער האָט אויפגעהערט צו באַנעמען — ווען עס הויבט זיך אָן אַ סעזאָן אין זיין פאַך; און ווען עס ענדיקט זיך... כל־זמן ער האָט נאָך געהאַט געלט — פון נעם אָפּגעשפּאָרטן, פאַרן פעריאָד, וואָס ער איז געווען באַם סעניאָר פראַנץ, — האָט ער געלעבט פונעם גרייטן. אַזוי זענען אַריבער אַ פּאָר יאָר. נאָכ־ העד, אַז דאָס האָט זיך אויסגעלאָזט, — איז ער געבליבן, ווי אַפּן וואַסער.

ביז, עס האָט גענומען אומגיין דעם שם צווישן די בני־עיר, אַז — זייער לאַנדסמאַן פליגלמאַן שטאַרבט פון הונגער.

איז מען געקומען צוגיין; אים גענומען מונטערן — ער זאָל עפּעס טאָן פאַר זיין לעבן...

— ער איז דאָך אַן אַרבעטער?!

נאָר ער, האָט אויפגעהויבן זיין צעשויבערטן קאָפּ, ווי פון אַ תהום; געקוקט אַף יעדן, מיט תחנונים; צעפּירט מיט די הענט...

— ...וואָס וויל מען פון אים? וואָס קאָן ער טאָן, אַז עס איז שוין אַלדינג פאַרפאַלן?!

און ער האָט באַניים פאַרזונקען אין דומעניש...

געזען, אַז מע קען מיט אים גאָרנישט מאַכן; אָבער, ער איז זיי פאָרט געווען אַ שאָד, זייער אייגענער מענטש, — האָבן די בני־עיר זיך צוזאַמענגערעדט; און אָנגעשריבן אַהיים, צו וועמען מע האָט באַדאַרפט, קיין מילאַשצי, אַז... „יענע דאָרט זאָלן אים אַראָפּטרעבעווען צוריק פון דער וועלט — אַלס חזן פון דער גרויסער געמויערטער שיל... זיי אַליין דאָ, די בני־עיר, וועלן שאַפן די נויטיקע הוצאות אַף דער נסיעה...״ געטראַכט האָט מען, בשעת מעשה, אַז... „ווי אַ זאַך פּאַסירט מיט אים, — זאָל ער כאָטש זיין בײַ די טאַטע־מאַמע...״

אַזוי איז געשען.

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן, האָט פליגלמאַן דערהאַלטן דעם בריוו, אַז — „גאַנץ מילאַשצי קוקט אים אויס. אַז דאָרט איז אַלץ גרייט אים אויפצונעמען...״ האָט מען געמאָגט זען, וויאַזוי אַ בלאַסער שמייכל האָט אויפגעהעלט אַף זיין פאַרומערט פנים; וויאַזוי ער האָט אויפגעלעבט...

ביז וואַנען מע האָט אים אויסגעריכט אין וועג אַריין; אים פאַראָפּגעזעגנט און אַהיימגעשיקט.

פון דאַמאָלט אָן, איז אונזער פליגלמאַן פאַרפאַלן געוואָרן; און מע איז שוין נישט דערגאַנגען מער קיינמאָל, וואו עס איז אַהינגעקומען זיין געביין... ער איז אָפּגעפאָרן פון אַרגענטינע — דאָס האָט געשטימט ריכטיק. נאָר, ער איז אַהיים נישט דערפאָרן.

אַ צייט דערנאָך — זענען געלאָפן בריוו פון מילאַשצי קיין אַרגענטינע, און אַף צוריק. זיי, פונעם שטעטל, האָבן געפאָדערט פליגלמאַנען. נאָר דאָ, פון לאַנד, האָט מען נישט געוואוסט, וואָס זיי אָפּצוענטפערן. אַזוי לאַנג, ביז וואַנען עס האָט אויפגעהערט די איבערשרייבעכץ.

אַצינד, האָבן זיך גענומען שפּרייטן השערות אַלערליי אַרום פליגלמאַנס קאָפּ. די קלאַנגען אָן־אַ טאַטן האָבן די ימים געקרייצט; געגרייכט ביז צו דער היים, געקומען אַהערצו און דערציילט:

איינמאָל — אַז פליגלמאַנס שיף איז ערגעץ אונטערגעגאַנגען, צוזאַמען מיט אַלע פּאַסאַזשירן; ער אויך בתוכם...

אָבער, נאָך איז דער קלאַנג נישט פאַרגאַנגען — און שוין האָט אַנגעיאָגט אַ צווייטער, אַ דריטער.

איינער האָט זיך געהאַלטן לענגער פון אַלע אַנדערע. מיר וועלן אים דאָרום ברענגען געגנוי, ווי פאָלגט...

...די שיף, מיט וועלכער פליגלמאַן איז געפאָרן אַהיים, איז געווען אַ לאַסט־דאַמפּער. אַף מער, אַ פּנים, האָט שוין נישט געסטייעט זיינע בני־עיר — אים אויסצושטעלן אַ שענערע שיפס־קאַרטע צו דער רייזע...

...עס איז גראָד אויסגעפאַלן צו יענער צייט, ווען אין שפּאַניען האָט געקעמפט דאָס פאָלק קעגן די פראַנקיסטן.

...אויף דער שיף, אין געהיים, זענען געפאָרן קעמפער פון אַרגענטינע, צוהילף יענעם פרייען פאָלק. נאָר בײַ די שפּאַנישע ברעגן איז די שיף, אינאיינעם מיט אַלע אירע לייט, אַריינגעפאַלן צו די פראַנקישע רוצחים אין די הענט אַריין.

...יענע, די רשעים, האָבן אין פליגלמאַנען גלייך דערזען אַ אידן; און דאָס אינקוויזיציע־בלוט האָט זיך אין זיי צעקאָכט. זיי האָבן אים גענומען פאַרשן — ווער ער איז; פונוואַנען ער קומט; און וואוהין ער פאָרט...

...ער, האָט עס גאָרנישט געלייקנט אַליין. אַלעס אויסדערציילט, אויף זייער לשון, ווי ווייט ער האָט עס געקאָנט.

...נאָר, זיי האָבן אים נישט געגלויבט. זיי האָבן אים פאַרשלעפּט ערגעץ, אין פינצטערע קעלערן — אָ, מעגלעך, אין די זעלבע, וואו מע האָט אַמאָל זיינע זיידעס פאַרמאַטערט צום טויט, פאַר זייער אמונה — און דאָרט האָבן זיי אים געפּייניקט; פון אים לעבעדיקע שטיקער געריסן... די דיקע מיטלאַלטערלעכע קעלערן־ווענט האָבן איינגעשלונגען אין זיך זיין עלנטן קרעכץ און אים נישט אויסגעגעבן דעם דרויסן...

...אָבער, ער אַליין, אונזער פליגלמאַן, האָט מקבל געווען אויף זיך דעם דין; און געשטיקט אין זיך דאָס געשריי פונעם צעריסענעם געבראָטענעם לייב, אויף ווי ווייט עס האָבן אים נאָר געקלעקט די כוחות... אָ, ער האָט שוין איינגעזען, אַז — דאָס זענען זיי נישט שולדיק, זיינע רוצחים... זיי זענען בלויז אַ ווערקצייג אין די הענט פון דעם, וועלכער שלאָגט אים, פליגלמאַנען, פאַר זיינע זינד... אַ סימן, אָ, אַז עס וועט אים נאָך ווען פאַרגעבן ווערן...

...אין זיין פּיין — האָט ער גערופן צו גאָט און געשריגן אָן אַ קול, אָן לשון, אַז... נישט ער איז דאָס געווען...

„...אָ, פאָטער, דו זעסט דאָך מיין זעל...״ דאָס זענען געווען זיינע אברים פון גוף, זיינע הענט, מיט די פיס, מיט דער צונג, וועלכע האָבן אים פאַרשלעפּט אין דעם וויסטן קאַשמאַר, אין דעם פרעמדן לאַנד, ווייט פון דער היים, און דאָרט האָבן זיי זיך צעהוליעט — אַליין, אומגעפרעגט בײַ אים... זיי האָבן אים האַלושעט און דערדריקט; און געגאַן אין שלעכטן וועג; און געטאָן פּייניקן אומשולדיקע... נאָר — ער גופא, מיט זיין גייסט, מיט זיין האַרץ און נשמה, — איז גאָר קיינמאָל נישט געווען דערביי... איז גאָר קיינמאָל פון דער היים נישט אוועק...

...אַזוי האָט ער גערופן, אין זיין פאַרצווייפלונג, פליגלמאַן; בעת יענע האָבן אים געממיתט.

...זיי האָבן אים דאָרט געהאַלטן — אַ צייט. און דערנאָך, איינמאָל אין אַ טאָג, — האָבן זיי גענומען און איבערגעענטפערט זיין גוף, וואָס האָט

נאָך קוים געדערכעט, צו דער קהילה פון יענער אַלטער שטאָט אין שפּאַניען.

...און דאָס האָט געדאַרפט אויספאַלן גראָדע אום ראש־השנה, צי יום־כיפור.

...מע האָט געזען, אַז ער וועט זיך שוין נישט מאַטערן לאַנג; אפשר — געציילטע שאָען; און מע האָט גענומען און געשטעלט זיין בעטל אין שיל, וואו די גאַנצע קהילה איז איצט געווען פאַרזאַמלט צו דער תפילה...

...פליגלמאַן האָט גענומען קריקקערן צו זיך. ער האָט ערשט מער נישט געשפּירט קיין ווייטיק. זיך געפילט, ווי אַ פעדער די גרינג... אַלעס, וואָס איז געווען: זיינע עטלעכע יאָר לעבן אין דעם פרעמדן ווייטן לאַנד; זיין טואונג דאָרט; מיט די מענטשן,, מיט דער פירונג, — האָט זיך איצט אָפּ־געטאָן פון אים, ווי אַ שרעקלעכער חלום; אָ, ווי אַ גרויזאַמער וויסטער קאָשמאַר, נאָך וועלכן עס קומט די דערוואַכונג; און אים געלאָזן אַליין מילד און לויטער, ווי אַ קינד...

...ער האָט גענומען אויפקומען, ווי פון שלאָף, און זיך אַרומזעען, וואו ער איז דאָ אין דער וועלט... פאַר זיין לויטערן בליק, פאַר זיין געמיט איז געגאַן ערשט די אייביקע קינדער־וויזיע זיינע פון דער גרויסער גע־מויערטער שיל אין דער היים... דאָרט, וואו ער איז אייביק געווען; אייביק פאַרבליבן; אָ, זיך גאָר קיינמאָל פון אָרט נישט גערירט... עס האָט זיך דערהויבן דאָס הייליקע געזאַנג פון דער עבודה — ראש־השנה; יום־כיפור... עס איז געוואָרן שטאַרקער; עס איז צוגעטראָטן אַליץ נעענטער; אים אונ־טערגעהויבן, געוויגט מיט אים און אים אוועקגעשטעלט פונקט אינמיטן בעלעמער פון דער שיל... אָ, אַף יענעם אָרט, וואו ער, דער זיסער באַריטאָן, אַהרעלעס משורר, פלעגט שטיין און זינגען; צעגיין מאַכן אידישע הערצער אין טרערן...

...ערשט. איז ער געקומען אַף יענעמס אָרט. אָ, ער מוז באַלד אָנ־הייבן. גאַנץ קהל שטייט דאָך און וואַרט...

...און ער האָט זיך געשטאַרקט. גענומען דעם ריכטיקן טאָן — אַז ער האָט אויסגעשריגן, מיט אַ פּירכטערלעך קול:

— ...ובכן ולך תעלה קדושה,
כי אתה אלוהינו ה מ ל ך . . .
ונתנה תוקף קדושת־היום,
כי הוא נורא ואיום...

...די מעכטיקע שטראָמען פון זיין געזאַנג האָבן געשלאָגן פון אים ביז אַרויף. דאָרט, האָבן זיי זיך איבערגעוועבט; ווי פון עמיצנס אַ שרעקלעכן באַפעל — צוריקגענידערט; זיך־פאַרוואָרפן אַרום זיין האַלז, ווי אַ שטריק

א דיקער, אַן איבערגעפּלאָכטענער; אים אונטערגעהויבן; געלאָזן הענגען — אַ טויט־בלייכן, ווי אַן אָפּגעבלוטן קרבן — אין דער לופטן...

...אַזוי איז ער אויסגעגאַנגען, פּליגלמאַן...

סוף.

געענדיקט שרייבן, אין ב. איירעס, 2־טן ענעראַ, 1931 י. פאַרענדיקט, 30 אָקטובער, 1942 י.